STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10481

OYF A FULER VOKH

Moses Judah Shelubsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה יודל שעליובסקי

אויף אַ פולער וואָך

7574

ביבליאטעק אשכנזישע קהילה "נדחי ישראל" מעקסיקא
ספרית הקהילה האשכנזית במכסיקו

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

באַנד 81

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לײטער:
אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

משה יודל שעליובסקי

איך א פוילישער ייד

דערציילונגען

☆

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס-איירעס, 1951

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
M. Y. Shelubsky, Nueva York

MOSHE YUDL SHELUBSKY

OIF A FULLER VOCH

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Buenos Aires, 1951

אינהאַלט

לזכרון — 7

אן אורח צום סדר — 9

ר׳ חיים און זיין אײדעם ישראל — 31

אַ מעשה מיט פינף קצבים, וואָס זענען געפאָרן האַנדלען אויף אַ יאַריד — 76

מחילה — 115

די נסיונות פון ר׳ זונדל פּאַסעסאָר — 145

אין שרעק — 221

דער יחוס פון אָרעמע לייט — 253

„יעווריעסקאָיע טשודאָ" — דער יידישער נס — 353

לזכרון פון מיין ווייב
חיה מרים בת יוסף הכהן

כ"ח שבט, תשי"א — 4טן פעברואַר 1951

אַן אורח צום סדר

אַז מיין באָבע, ע"ה, האָט געענדיקט דערציילן די מעשה, האָט זי אַ קוק געטון אויף אונדז, קינדער, מיט אירע גוטע מילדע אויגן און געזאָגט ווייך און שטיל: „איך האָב נישט דערציילט די מעשה גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר כדי איר זאָלט זיך אָפּלערנען פון די מעשים טובים, פון די גוטע פרומע יידן; זעט, קינדערלעך, אַ גוטער ייד איז נאָר אַ שליח. ער גייט אויף די וועגן, וווהין מען שיקט אים צו גיין. דער צדיק וועט נית גיין אויף קיין קרומע וועגן. דערום זאָגן מיר יעדן אינדערפרי: „מיר וועלן טון, וואָס אַלע גוטע פרומע לייט הייסן אונדז, צום גוטן, טון".

אַמאָל, אַמאָל מיט יאָרן צוריק האָט אין סלאָנים געוווינט הינטערן שטאָט, אין אַ קליין שטיבעלע, אַ ייד מיט זיין ווייב; דעם יידן האָט מען גערופן חיים־לייב, און זיין ווייב האָט געהייסן פייגע־לאה. חיים־לייב איז אַרומגעגאַנגען איבער די דערפער, פאַרריכט ביי אַ גוי אַן אויוון, אַריינגעשטעלט אַ ציגל אין אַ קוימען; און זיין ווייב, פייגע־לאה, איז געזעסן אויפן שול־הויף און פאַרקויפט אַ קוכן די ישיבה־בחורים, אויסגעוואַשן אַ העמד פאַר אַ לערנער — אַ פרוש, אָדער פאַרצירעוועט אַ זאָק ביי אַן אָרעמען חדר־ייִנגל, אַ יתום.

חיים־לייב איז געווען אַ ייד אַ פשוטער, אַ פּראָסטער — נישט קיין למדן; קליינערהייט האָט אים נישט געצויגן צום לערנען, און אַז זיין טאַטע האָט געזען ווי די קינדער לאַכן אָפּ אין חדר פון זיין זונס גראָבן קאָפּ, האָט ער נישט געוואָלט אָנטון זיין ייִנגל קיין בזיונות און האָט אים צוגענומען פון לערנען און אָנגעהויבן אַרומגיין מיט אים איבער די דערפער.

חיים־לייב איז אָבער אויסגעוואַקסן אַ פרומער ערלעכער ייד, אָפּגעהיט אַלע מצוות, געדאַוונט מיט פרייד און חדווה און געזאָגט תהילים מיט אַזוי פיל האַרץ, אַז די ווערטער זענען געקומען צו אים אין חלום און האָבן איינגערעדט מיט אים: „חיים־לייב, בעט זיך נישט אַזוי פיל, ווייל דער אויבערשטער קען נישט צוזען דעם צער; דיינע רייד זענען ביי אים מערער אָנגעלייגט ווי די תורה פון די גרויסע למדנים".

נאָר חיים־לייב האָט נישט געוווסט ווי שטאַרק אַנגענומען עס זענען זיינע רייד ביי דעם רבונו־של־עולם, האָט ער זיך אין בית־המדרש נישט דערנענטערט צו די יידן פון מזרח־וואַנט, וואָס לערנען תורה, נייערט געשטאַנען ביים טיר, געדאַוונט שטיל, פאַרבאָרגן אין זיך: די יידן פון סלאָנים — די שיינע באַלעבאַטים, די גרויסע לערנער — זאָלן נישט הערן, טאָמער מאַכט ער, חס ושלום, אַ גרייז אין דאַוונען, און די שוס־טער, די שניידער — וואָס טראָגן די נאַז פאַררימן — זאָלן נישט לאַכן וואָס ער חזרט איבער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אַ וואָרט, זאָגט איבער אַ פסוק און ציילט יעדן אות.

אַז חיים־לייב איז אָבער אַרויס פאַרטאָג אין וועג נאָך זיין חיונה און דערזען ווי איבער אים הענגט אַ קלאָרער אויסגעצויגענער הימל און פאַר אים ליגן די פעלדער און די בערג, וואָס דער אויבערשטער האָט אויסגעשפּרייט איבער דער וועלט, האָט דאָס דאַוונען אָנגעהויבן אַליין אַרויסשאַלן פון אים מיט אַ ניגון און געזאַנג און זיך אָוועקגעצויגן צו דער לויטערקייט פון די הימלען, אויפגעוועקט די שטילקייט פון די בערג, דערנענטערט די וווייטקייטן פון די וועגן און אָנגעפילט די וועלט מיט אַ לויב צו דעם, וואָס לעבט אייביק.

חיים־לייב איז געגאַנגען איבערן לאַנגן וועג, דאָס זעקל אויף דער פּלייצע, די קעלניע צוגעבונדן צום שטריק, וואָס האָט אַרומגענומען זיין גאַרטל, זיך געפרייט מיטן ניגון פון זיין געזאַנג און האָט זיך נישט אַרומגעזען ווי אַזוי ער איז געקומען אין דאָרף; און איידער ער האָט אַ טראַכט געטון אין וועלכן פענצטער ער זאָל אָנקלאַפּן, האָט אים אַ גויע אָפּגעשטעלט אויפן וועג:

„גוט וואָס גאָט האָט דיך צוגעשיקט; נעכטן האָט דער ווינט אייב־געבראָכן מיין קוימען און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל אים פאַרריכטן; מיין מאַן האָט מען צוגענומען אין סאָלדאַטן און איך בין איינע אַליין אין שטוב מיט צוויי קליינע קינדערלעך...“

חיים־לייב האָט זיך אָבער נישט געאײַלט מיט דער אַרבעט, זיך נישט געיאָגט נאָך די פאַרדינסטן; ער האָט נאָר געוואָלט פאַרדינען אויף זיין אָרעמער חיונה און אויף אַ הון פאַר דעם ווייב אויף שבת. ער האָט גע־ווסט, אַז אין דעם דאָרף פאַרעטשע האָדעווען די גויעס די בעסטע הינער פון דעם גאַנצן געגנט, האָט ער אויסגערעכנט אַזוי זיינע גאַנגען, אַז

ער זאָל אַהין אָנציען דאָנערשטיק פאַרפרי: ער האָט אויסגעקליבן די שענסטע הון פון פאַרטעשע, נישט געדונגען זיך, געפּרעגט בלויז דעם מקח און אים האָט אַרומגענומען אַ פרייד, וואָס ער קען אַוועקגעבן זיין פּראַצע פון דער וואָך פאַר דער הון אויף שבת.

פינף טעג אַ וואָך, פון זונטיק ביז דאָנערשטיק, איז חיים־לייב אַרומגעגאַנגען איבער די דערפער און געזוכט זיין חיונה; פרייטיק, דעם זעקסטן טאָג, איז ער געבליבן אינדערהיים און צוגעגרייט זיך צום שבת; ער האָט מקנא געווען די שיינע באַלעבאַטים, די גרויסע למדנים פון סלאָנים, וואָס פרייען זיך אַליין מיטן שבת און היטן אָפּ אַז אַנדערע זאָלן אויך האָבן דעם גרויסן עונג פון שבת: זיי גיבן אַכטונג אַז מען זאָל די קראָמען פאַרמאַכן אין צייט; מיט זייער געלט האַלטן זיי אויס די באָד, יידן זאָלן קענען גיין אין מרחץ; און זיי באַצאָלן פאַר די בליץ־לאָמפּן און די ליכט, וואָס באַשיינען די שול און די בתי־מדרשים לכבוד שבת.

וואָס קען אָבער טון חיים־לייב? ביי אים ווערט מען נישט פרעגן קיין דעה ווי צו פירן די שטאָט און ער קען נישט געבן קיין צדקה צו אויסהאַלטן די שטאָט; אים ווילט זיך אָבער האָבן אַ חלק אין דעם שבת, וואָס פאַרשפּרייט זיך מיט זיין לויטערקייט איבער סלאָנים, האָט ער גע־נומען אויף זיך די עובדא, צו ברענגען פרייטיק זאַמד אין די אָרעמע שטיבער פון שטאָט, מען זאָל מיט זיין קלאָרן זאַמד אויסשיטן די פּאָד־לאָגע פון שטוב לכבוד שבת.

חיים־לייב האָט אויסגעקליבן דעם שענסטן באַרג פון געגנט, דעם הויכן באַרג וואָס שטייט אויפן וועג קיין אַלבערטינע, אויסגעגראָבן דאָרטן אַ טיפן גרוב, אויסגעלייגט אַ ברייטן אַריינגאַנג אין גרוב, און אינעווייניק אַרומגעגראָבן דאָס זאַמד און געמאַכט אַ באַנק; פרייטיק האָט ער זיך געפּעדערט פאַרטאָג, אָפּגעדאַווענט מיטן ערשטן מנין; און איידער ער האָט נאָך עפּעס אין מויל געמומען, איז ער אַוועק צום באַרג נאָך זאַמד; אַז ער איז אַריין אינעווייניק אין באַרג, האָט ער זיך אַוועקגע־זעצט אויפן אָנלען, וואָס ער האָט אויסגעגראָבן, באַטראַכט די ווענט, וואָס ער האָט איינגעשניטן אין באַרג, אָפּגערוט אַ ווײַלע און אָנגעהויבן זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים; זיין קול איז שטיל און פאַרבאָרגן, גלעט ווייך דאָס זאַמד און פילט אָן דעם גרוב מיט אַזאַ שטילן ציטער, אַז חיים־לייבן ווילט זיך גאָרנישט אַוועקגיין פון דער טונקעלער הייל.

עס איז אָבער ערב שבת; חיים־לייב דאַרף באַשיינען מיט דעם זאַמד, קיין עין־הרע נישט, אַזוי פיל יידישע הייזער, און ער ווייס, אַז מיט אַ מצווה לכבוד שבת דאַרף מען זיך איילן, שיט ער אָן די זעקלעך זאַמד, לייגט זיי אַוועק אויפן וועגעלע מיט די צוויי רעדער און לאָזט זיך אַוועק איבער די הינטערשטע גאַסן פון סלאָנים. ער גייט אַריין מיט אַ שטילן „גוט־מאָרגן" אין אַ יידישער שטוב, לאָזט איבער אַ מעסטל זאַמד און אַזוי שטיל און גאָטספאָרכטיק ווי ער טרעט איבער די שוועל, אַזוי גייט ער אַוועק. טאָמער גיט אים עמיצער אַ מטבע, וויל אים באַצאָלן פאַר זיין טרחה, איז חיים־לייב יענעם נישט מבייש, נעמט צו דאָס געלט, לייגט אַריין אין קעשענע און ווינטשט אָן אַלדאָס־גוטס; ער קוקט אָבער נישט אויף דער מטבע, ציילט נישט דאָס געלט, און אַזוי נישט ציילנדיק, גיט ער אַוועק די מטבעות דעם שמש אויף צדקה; און כדי מען זאָל נישט מיינען, אַז ער האָט אַ חלק אין דער מצווה, פאַרגעסט ער נישט זאָגן, אַז דאָס האָבן די ווייבער אָפּגעשפּאָרט פון זייער אָרעם ביסן ברויט און געבעטן אים אָפּגעבן פאַר אָרעמע לייט.

און שפּעטער, אַז חיים־לייב קומט אין בית־המדרש צו קבלת שבת, שטעלט זיך אַוועק אויף זיין אָרט נעבן טיר און זעט ווי די ליכט ברע־נען אין די מנורות, די פייערן שיינען אין די בליך־לאָמפּן און ווייט, ווייט פון אים, קוועלן פון די ווענט רייד פון תורה — לייכט אויף אין זיינע אויגן דאָס זאַמד, וואָס בולירט אויף די פּאָדלאָגעס אין די יידישע שטיבער לכבוד שבת.

די פרייד פון שבת קען אָבער נישט דערטרינקען חיים־לייבס צער, פאַרוואָס ער קען נישט קריגן קיין אורח צום טיש.

סלאָנים איז אַ שטאָט — אַן עיר ואם בישראל; די יידישע גאַסן זענען אויסגעשפּרייט פוןביידע ברעגן שטשאַרע; די יידישע שטיבער שטייען אויסגעשטעלט פון אָנהויב זשירעווער גאַס ביז סוף זאַמאָסטשע; דער שול־הויף איז אַרומגערינגלט מיט בתי־מדרשים און שולן; אין סלאָ־נים פעלן נישט קיין שיינע באַלעבאַטים, גרויסע לערנער און רייכע גבי־רים; אין סלאָנים וועט מען נישט לאָזן פאַלן קיין אָרעמאַן; און אַן אורח וועט נישט דאַרפן וואַרטן ביים טיר ביז מען וועט אים פאַרבעטן צום טיש; אַז אין סלאָנים קומט אַן אורח, צי עס פאַרבלאָנדזשעט אַ פּוס־גייער, באַזאָרגט אים דער שמש מיט אַן אָרט ביים טיש, ביי אַ שיינעם

באַלעבאָס, אַ פּיינעם גביר אָדער אַ גרויסן סוחר, איידער מען שטעלט זיך דאַוונען מעריב; אין סלאָנים ווערט מען נישט שיקן קיין גאַסט אויף שבת הינטער דער שטאָט צו אַן אָרעמאַן אין אַ קליין שטיבעלע.

חיים־לייב ווייסט עס, ער פאַרלירט אָבער נישט דעם בטחון; ער שטייט ביים טיר נאָך מעריב; וואַרט, וואַרט אפשר וועט אַ פרעמדער ייד איבערבלייבן און ער וועט אים פאַרבעטן צו זיך אויף שבת. נאָר די באַלעבאַטים גייען אַוועק מיט זייערע אורחים און חיים־לייב גייט אַליין אַהיים אַ שטילער, פאַרטיפט אין זיינע ניגונים, וואָס חזרן זיך איבער פאַרבאָרגן אין אים.

אין שטוב וואַרט אויף אים זיין ווייב, פייגע־לאה; זי זיצט אין דעם שבתדיקן קאַפּטל, וואָס איז אַרומגענייט מיט פרענז אויף די אַרבל, דעם טשעפּעק אָנגעטון אויפן שפּיץ פון שייטל, זי זאָגט אַ תחינה און לויבט דעם רבש״ע פאַר די דריי מצוות, וואָס זענען געבאָטן געוואָרן די ווייבער, כדי עס זאָלן חס ושלום נישט פאַרשניטן ווערן די יאָרן פון זייערע קינ־דער און כדי די אויגן פון די זין און טעכטער זאָלן לייכטן אין דער הייליקער תורה.

ביי פייגע־לאהן זענען אָבער די אויגן פאַרוואָלקנט, ווייל זי קען נישט פאַרגעסן אויף אירע קינדער, וואָס זענען קליינערהייט פאַרשניטן געוואָרן פון דער וועלט; דריי זין און צוויי טעכטער זענען ביי איר גע־שטאָרבן, איידער זי האָט זיי געקענט שיקן צו אַ רבין אין חדר אַריין. פייגע־לאה היט אָפּ פרום די דריי מצוות, וואָס זענען געגעבן געוואָרן דער פרוי און זי ווייסט, אַז שבת טאָר מען נישט טרויערן, אָבער די טרערן קוועלן ביי איר פון די אויגן, ווייל גרויס איז איר שטראָף און טיף, טיפער ווי די פרייד פון שבת, איז דער מאַמעס ווייטיק.

אַ גאַנצע וואָך שטייט אויף פייגע־לאה פאַרטאָג, גיסט אָפּ נעגל־וואַסער, זאָגט אָפּ מודה־אני און איידער זי נעמט אַ ביסן אין מויל, וואַשט זי אויס אַ העמד פאַר אַן אָרעמען ישיבה־בחור, לייגט אַוועק אַ לאַטע אויף אַ לאָך, פאַרצירעוועט אַ סקאַרפּעטקע און ברענגט אָפּ די ריינע וועש צו דעם ישיבה־בחור, לייגט עס אַוועק אויף זיין געלעגער און גנבעט זיך אַרויס באַהאַלטענערהייט, קיינער זאָל נישט זען ווי אַזוי זי היט אָפּ די קינדער, וואָס זענען ווייט פון דער מאַמעס אויג. דערנאָך גייט זי אַוועק צו די בעקער, קלייבט אויס די אויסגעבאַקענע בייגל, די קיילעכ־

דיקע קוכנס מיט די פאַרברוינטע ציבעלעס, באַצאָלט מיטן געלט, וואָס זי האָט איינגעלייזט נעכטן און זעט, אַז ביי איר זאָל נישט בלייבן קיין גראָשן, ווייל זי וויל נישט פאַרדינען פון דעם אָנבייסן, וואָס זי גרייט צו פאַר די ישיבה־בחורים.

זי זעצט זיך אַוועק מיטן קאָשעק געבעקס אויפן שול־הויף און הערט זיך איין ווי דאָס לערנען טראָגט זיך דורך די אָפענע פענצטער פון בית־המדרש. איין קול שטייגט אריבער דעם אַנדערן, פלעכט זיך איין אין דעם ווייכן ניגון, ציט זיך אויס איבערן שול־הויף און צעשטראַלט זיך אין דער ליכטיקייט פון דער זון. פייגע־לאהן דוכט זיך, אַז דאָס הייבט זיך אויף איר געבעט, העכער איבער די שטיבער, ווייטער פון דעם טומל, דערלאַנגט ביז די טויערן פון הימל און שפרייט זיך אויס איבער אירע קינדערלעך.

און אַז זי קומט ביינאַכט אַהיים, קלינגט איר נאָך אין די אויערן דער ניגון פון לערנען און איר דוכט זיך, אַז זי האָט אַ גאַנצן טאָג אָפּגע־היט אירע קינדער, זיי זאָלן זיין פרומע גאָטפאָרכטיקע יידן.

פרייטיק גייט נישט פייגע־לאה אויפן שול־הויף — זי מאַכט שבת; זי שייערט, וואַשט, קאָכט און גרייט צו עסן פאַר נאָך אַ מענטשן; זי שטעלט אַוועק אַן איבעריקן טעלער אויפן טיש, לייגט אַוועק נאָך אַ לעפל, אפשר וועט חיים־לייב ברענגען אַן אורח פון שול.

נאָר חיים־לייב קומט אַליין, אָן אַ גאַסט, ער גייט אָבער אַריין אין שטוב מיט זיין ברייטן גוט־שבת און הייבט אָן זאָגן מיט פרייד שלום־עליכם; די ווערטער קייקלען זיך אַפריער, באַגעגענען זיך און מיידן זיך אויס; קומען זיך צוזאַמען און גייען זיך פונאַנדער, גלייך ווי די מלאכים, וואָס באַגלייטן פרייטיק־צו־נאַכט מאַן און ווייב אין יעדן יידישן הויז, וואָלטן די רייד געטראָגן אויף זייערע פליגלען.

און אַז פייגע־לאה דערלאַנגט די יויך צום טיש, דוכט זיך איר, אַז נאָך עמיצער איז געקומען מיט חיים־לייבן און זי דאַרף זען נישט פאַר־טיילן דעם גאַסט; און חיים־לייב טרייסט זיך אַליין, וויל אָנטון מער פרייד דעם ווייב, פאַרגעסט ער נישט דערמאָנען פייגע־לאהן, אַז פסח צום סדר זענען זיי קיינמאָל נישט געבליבן אָן אַן אורח.

אַז חיים־לייב נעמט אַריין די מצה אין שטוב, האָט ער שוין צוגע־

גרייט אַ גאַסט צום סדר; אַמאָל שיקט אים צו דער שמש אַ פרעמדן יידן, אַ פוסגייער, און אַמאָל שטעלט זיך אָפּ נעבן זיין שטוב אַ בויד מיט אָרעמע לייט און בעטן זיך, אַז מען זאָל זיי לאָזן אָפּהאַלטן פּסח, ווייל אין די שליכאָטעס קענען זיי ווייט נישט אָנשפּאַרן.

אָבער איינמאָל האָט געטראָפן, אַז חיים־לייב האָט שוין אַריינגע־גומען די מצה אין הויז, פייגע־לאה האָט אויסגעכשרט, אויסגעשייערט די שטוב, און קיין אורח צום סדר האָבן זיי נאָך אַלץ נישט געהאַט.

דאָס איז געווען אין אַ יאָר, ווען דערווינטער האָט זיך צוגעאיילט און איז צעגאַנגען פאַר דער צייט אויף די פעלדער; די זון האָט געוואַ־רעמט פון אַלע זייטן, אַ ווינט האָט אויסגעטריקנט דעם שניי וואָכן פאַר פּורים, און די ערד האָט אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן אירע שפּראָצונגען.

אין יענעם יאָר האָבן די בוידן, די פוסגייער, די אָרעמע לייט זיך גענומען ציען ווייטער איבער די וועגן, וואָס די וואַרעמע זון האָט אויס־געטריקנט, און געגאַנגען קיין רייסן, צו די פעטע פעלדער, צו די רייכע סעדער; דאָרטן, ווו די ווייַנטרויבן קריכן אויף זייערע הענגעלעך און־טערן פענצטער און די גרויסע קאָווענעס ליגן אויסגעלייגט אויף דער ערד ווי זאַטע קעלבער; זיי האָבן זיך געצויגן אין די געגנטן ווו מען קען ביי־נאַכט געפינען אַ געלעגער אונטער אַ בוים און בייטאָג קען מען אָפּרוען נעבן אַ באַרג; דאָרטן, ווו מען דאַרף נישט זאָרגן מיט וואָס צודעקן ביינאַכט אַ קינד און מען דאַרף נישט דאגהן מיט וואָס זאָט מאַכן דעם הונגער.

לאַנג פאַר פּסח האָבן זיך די בוידן אַוועקגעצויגן פון די סלאָנימער געגנטן, ווו די פעלדער מאַטערן זיך ביז זיי גיבן אַרויס זייער זריעה, און אויפן קוימען קאָכט זיך, אויפן דרייפוס, אַ שיטערער קרופּניק.

אויף די וועגן פון סלאָנים האָט מען יענעם ערב פּסח נישט געזען קיין בוידן מיט אָרעמע לייט; עס זענען בלויז געפאָרן פון שטאָט די דיליזשאַנסן, וואָס פירן די סחורה — טיי און צוקער, ראָזשענקעס מיט מאַנדלען, ניס און שיפּטאַלן — אויף פּסח אַהיים; עס האָבן זיך נישט באַוויזן קיין פוסגייער און קיינער האָט נישט אָנגעקלאַפּט ביי חיים־לייבן אין טיר, פרעגן צי מען קען ביי אים אָפּהאַלטן פּסח.

עס איז אַוועק אַ וואָך; עס האָט זיך אָנגערוקט נאָך אַ טאָג; פייגע־לאה האָט שוין אויסקאַלכט די שטוב, אַריינגענומען די מצה, אַוועקגע־שטעלט אין היגטערשטן חדר; זי כשרט שוין די בענק, לייגט אויס מיט

ראַגאָזשעס די טישן און פּאַרציט זיי מיט ריינעם לייוונט; זי האָט שוין אויפגעהאנגען די ווייסע פאַרהאַנגען אויף די פענצטער, די וועלט זאָל גישט זען, ווי חיים־לייב ריכט אָפּ דעם סדר; זי טראָגט שוין אַראָפּ די פּסחדיקע כלים פון בוידעם, גאָר קיין אורח צום סדר זעט מען אַלץ גישט...

און אָט איז שוין ערב פּסח, נאָך ביעור חמץ; דער טאָג שטייט אַ ווארעמער, אַ טרוקענער; ביי חיים־לייבן בלאַנקט די שטוב אַ ריינע, אַן אויסגעכשרטע; זיין שטערן קנייטשט זיך אָבער מיט אַן אומעט; „פון וואַנען וועט אין אַזאַ טאָג קומען אַן אורח?" און פייגע־לאה, זיין ווייב, שווייגט, זאָגט גאָרניט, שטעלט איבער די טעפּ, רוקט איבער די בענק, נאָר מיט איר שטילן בליק טריקנט זי אויס דעם לעצטן טראָפּן פון חיים־לייבס בטחון: „ווער וועט דאָס וואַרטן מיט אַן אָרט אויף פּסח ביזן לעצטן טאָג?"

חיים־לייב ווייסט אָבער, אַז ער האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט גע־זעצט צום סדר אָן אַן אורח, גלויבט ער נישט אַז אין דעם יאָר, ווען גאָט האָט זיך דערבאַרעמט אויף דער וועלט און אַנגעטרונקען די ערד מיט איר זאַפט זי זאָל קענען פריער אַרויסגעבן אירע שפּראָצונגען; ער האָט צע־שאָטן די שטראַלן פון דער זון איבער די טאָלן און פעלדער כדי די זריעה זאָל אויפגיין גרינגער — אָט אין אַזאַ יאָר וועט דער אויבערשטער נישט איבערלאָזן אים אָן אַן אורח צום סדר.

טרייסט חיים־לייב דאָס ווייב, באַרואיקט זיך אַליין: „אַ טאַטע קען שטראָפן זיין קינד; ער וועט אים אָבער נישט פאַרשעמען; דער רבוש"ע וועט זיי נישט איבערלאָזן אָן אַן אורח צום סדר..."

ער פאַרטרייבט פון זיך די זאָרג, כדי ער זאָל נישט פאַראומערן די פרייד פון יום־טוב, נעמט דעם לאַנגן שטעקן, וואָס ער האַלט אַ גאַנץ יאָר אויפן בוידעם צוזאַמען מיט די פּסחדיקע כלים און גייט אַרויס מיט אים אין פעלד.

חיים־לייב היט אָפּ דעם מנהג, וואָס ציט זיך אין דער משפחה פון דעם זיידנס זיידע, אַז ערב־פּסח, נאָך ביעור־חמץ זאָל ער אַרויסגיין מיטן שטעקן אין פעלד, שפּרינגען איבער די לוזשעס וואַסער, טרעטן איבער דער נאַסקייט פון די פעלדער, כדי ער זאָל זיך אַליין זען, גלייך ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים; אַזוי האָט זיך געפירט חיים־לייבס טאַטע

און זיין טאַטנס טאַטע; און אַזוי איז איבערגעגאַנגען דער מנהג צוזאַמען מיטן שטעקן פון די קינדער צו די קינדס־קינדער, כדי מען זאָל אין יעדן דור געדענקען, אַז הקדוש־ברוך־הוא האָט נישט בלויז די עלטערן אַרויס־געצויגן פון מצרים, נאָר אויך זיי, די קינדער, אויסגעלייזט צוזאַמען מיט די עלטערן פון קנעכטשאַפט.

און אין דעם יאָר, ווען די וואַרעמע זון האָט אַוועקגעצויגן די בוידן און פוסגייער אויף דער פעטער ערד פון רייסן און איבערגעלאָזן חיים־לייבן אָן אַן אורח, האָט ער אויך נישט פאַרגעסן אויפן מנהג וואָס זיין טאַטע און דער טאַטנס טאַטע האָבן אָפּגעהיט; ער האָט גענומען דעם לאַנגן שטעקן, זיך אָנגעקליידט מיט זיין בטחון, צוגעגאַנגען צו פייגע־לאהן זיך אַוועקגעשטעלט נאָענט לעבן איר, אַ קוק געטון אויף איר פּנים און זיך דערפרייט מיט זיין אייגענער פרייד, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף איר געזיכט; אים איז געוואָרן גרינגער צו ריידן און איינריידן דעם ווייב:

— זע ווי די שטוב שיינט לכבוד יום־טוב, טאָ ווי דאַרפן מיר זיך פרייען מיט די גרויסע מצוות וואָס דער רבוש״ע האָט אונדז געגעבן אויף פסח... — פייגע־לאה לייגט אוועק דעם מעסער, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט, ווישט אָפּ די הענט, טוט אַ קוק אויף חיים־לייבן און זעט ווי דער יום־טוב רוט אויף אים, זאָגט זי צו דעם מאַן: „גיי געזונטערהייט און גאָט וועט געבן, אַז ביז וואַנען דו וועסט קומען צוריק, וועט שוין וואַרטן אין שטוב אַן אורח...״

חיים־לייב חזרט איבער שטיל דעם ווייבס רייד גלייך ווי ער וואָלט אַ תפילה געזאָגט, לאָזט נישט אַרויס דעם לאַנגן שטעקן פון האַנט און גייט אַרויס אין פעלד.

אין דרויסן שטייט אַ וואַרעמער זומערדיקער טאָג; אויף די פעלדער גייט אויף ווייט און ברייט די זריעה; די ביימער שפּילן זיך מיט די פאַרבן פון זייער בליעכץ אין די שטראַלן פון דער זון, און די זון בלענדט מיט איר לויטערקייט די בלויקייט פון די הימלען. חיים־לייב גייט מיט גרינגע טריט איבערן לאַנגן וועג, האַלט פעסט דעם שטעקן אין האַנט און פילט נישט קיין מידקייט; ער טראַכט, אַז מען זעט נישט קיין פלעק נאַסקייט אויפן פעלד, ער זאָל קענען מקיים זיין די מצווה, ווי זיין טאַטע און זיידע האָבן אָפּגעהיט דעם מנהג ערב פסח; דער וועג איז אָבער לאַנג

אויסגעלייגט, ציט חיים־לייבן ווייטער אין דער ווייטקייט אַריין, גלייך ווי אַ ווייכער וואַסער וואָלט אים געגלעט און געטראָגן אויף זיך; און דער ווינט לעקט אָפּ די זאָרג פון זיינע רעיונות, און ברענגט אים אַנטקעגן זיין אייגענעם ניגון — דעם געזאַנג פון פרייד און בטחון, וואָס חיים־לייב זינגט.

חיים־לייב דערמאָנט זיך, אַז ער דאַרף זיך אָפּשטעלן, אַרומקוקן זיך ווי ווייט איז ער אָפּגעגאַנגען און אומקערן זיך אַהיים — העלפן פייגע־לאהן מאַכן יום־טוב; צוגרייטן חרוסת צום סדר, אָנשטויסן מצה אין סטופּע, ברענגען וואַסער פון ברונעם און זען אפשר איז שוין אַן אורח געקומען; דער טאָג שטייט אָבער נאָך הויך און גאַנץ; פון די בערג בלאָזט אַ קילער ווינטל און גלעט ווייך אונטערן באָרד און די לוסט פון גיין, וואָס ליגט אין זיין הויכן שטעקן, ציט אים ווייטער, ווייטער אין דער ווייט־קייט אַריין; נאָך אַ טראָט, נאָך אַ שפּאַן...

חיים־לייב לאָזט זיך אָבער נישט פאַרפירן פון דער תשוקה; ער שפּאַרט זיך איין, שטעלט זיך אָפּ, קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, ציט אויס זיין בליק אין דער טיפעניש וואָס וויגט זיך צווישן הימל און ערד, און וויל זיך אומקערן אַהיים. ערשט ער זעט ווי אַ קליין ווייס ציגעלע לויפט; לויפט און יאָגט זיך: די פעדערשטע פיס אויסגעצויגן ביז די אויערן און די הינטערשטע פיס האָלט זי העכער פון עק, גלייך ווי זי וואָלט געשוועבט אין דער לופטן. נאָך איר יאָגט זיך אַ בייזער שוואַר־צער הונט און אַט פאַרצוקט ער די קליינע באַשעפעניש מיט זיינע שאַר־פע ציין.

טראַכט שוין נישט חיים־לייב פון זיין ווייב, פייגע־לאה, וואָס גרייט צו דעם יום־טוב אין שטוב; ער טוט אַ שפּרונג מיט זיין לאַנגן שטעקן און ראַטעוועט אַרויס דאָס ציגעלע פון דעם שוואַרצן הונט, וואָס איז ביי־זער פון אַ וואָלף. און איידער חיים־לייב קען באַקלערן, וואָס ער זאָל טון מיט דער קליינער ציגעלע, וואָס רייסט זיך נישט פון זיינע הענט, נאָר פאַרקערט, טוליעט זיך ווייך מיט איר קעפּעלע צו זיין האַרץ און קוקט מיט אירע שטומע אויגן אויף זיין שיטערן בערדל; ווי אַזוי קען ער אי־בערלאָזן די באַשעפעניש אין מיטן פעלד אָן אַ פּאַסטוך און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ; — באַווייזט זיך אַן אַלטער גוי פון וועג, מיט צוויי טאַר־בעס אויפן פּלייצע מיט אַ שטעקן אין האַנט און פרעגט:

— אפשר האָסטו געזען אַ קליין ציגעלע אַרומבלאָנדזשען?

—אָט־אָ איז דאָס ציגעלע, וואָס איך האָב אַרויסגעראַטעוועט פון בייזן הונט. — ענטפערט חיים־לייב מיט פרייד, גיט אָפּ די באַשעפעניש צום פּאַסטוך און וויל גיין אַהיים.

בייגט זיך איין דער גוי נידעריקער פון זיין שטעקן, באַדאַנקט דעם יידן, וואָס ער האָט אָפּגעראַטעוועט זיין ציגעלע, הייבט אויף דעם קאָפּ, טוט ווייך אַ קוק אויף דעם יידן:

— „דו ביסט פאַרמאַטערט; שטיי אַ ווײַלע, רו אָפּ, וואָס אײַלסטו זיך? דער טאָג איז נאָך הויך”... — און גייט אַליין אַוועק אין פעלד זוכן זיין סטאַדע.

חיים־לייב נעמט שטייפער זיין שטעקן אין האַנט, שפּאַרט זיך אָן אויף אים, הייבט אויף דעם קאָפּ צום הימל; די זון שטייט נאָך הויך, די לופט ציטערט אין די שטראַלן, די פעלדער ליגן אויסגעצויגן ווייט און ברייט, דער וועג איז גלאַט, און ער ווייסט, אַז ער איז מיט דעם זעלבן וועג געקומען אַהער, נאָר אים דוכט זיך אַז ער איז ערגעץ ווייט אין דער פרעמד... און ער דאַרף באַטראַכטן ווי ער זאָל קומען אַהיים צום סדר. ערשט ער זעט ווי אַ סטויג היי צינדט זיך אָן; דאָס פייער קריכט פון דער ערד, ציט זיך שמאָל און לאַנג פון דעם גראָז און ער, חיים־לייב, קען מיט איין טראָט אויסלעשן די פונקען וואָס פאַלן אויפן סטויג היי.

טראַכט נישט חיים־לייב קיין סך, נאָר ער טוט אַ שפּרונג מיט איין טראָט צום סטויג היי און לעשט אויס דאָס פייער, וואָס וויל פאַרלענדן דעם גויס פּראַצע — דעם קאָרם, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר די פערד און בהמות.

ער קוקט שוין אָבער מער נישט אויפן הימל, מעסט נישט ווי ווייט דער טאָג האָט זיך אַוועקגערוקט, נאָר אײַלט זיך גיין אַהיים, העלפן דעם ווייב צוגרייטן דעם טיש פאַר דעם אורח.

ערשט עס גייט אים אַנטקעגן אַ גויעלע — ער פירט אַן עקסעלע אויף אַ שטריקל.

— פון וואַנען איז אַ ייד? — פרעגט דאָס גויעלע.

— פון סלאָנים...

— אַי האָסטו נאָך אַ ווייטן מהלך צו גיין...

— גאָט וועט העלפן און איך וועל קומען אין צייט... — זאָרגט נישט חיים־לייב און פרעגט: — און ווהין פירסטו דאָס עקסעלע?

— איך האָב אים געבראַכט אין סלאָנים צו די יידן אויף יום־טוב צו דער שחיטה, און דער שוחט וויל נישט שעכטן; איך האָב זיך געאײַלט אַ טאָג מיט אַ נאַכט און פאַרשפעטיקט, געקומען היינט אינדערפרי, צו שפעט... — זיפצט דאָס גויעלע.

טרייסט אים דער ייד:

— דו וועסט ברענגען אַהיים דאָס עקסעלע, אָנפיטערן אים, וועט עס דיר העלפן צעאַקערן דאָס פעלד.

— די באַשעפעניש איז אָבער דורשטיק און וויל אַ טרינק, און איך בין אַזוי אויסגעמאַטערט פון מיין גאַנג; איך בין געגאַנגען אַ טאָג מיט אַ נאַכט און קען נישט זוכן קיין וואַסער פאַרן עקסעלע...

און איידער דאָס גויעלע ענדיקט רעדן, מאַכט ער צו די אויגן פון מידקייט, לאָזט איין דאָס שטריקל פון עקסעלע, פאַלט אַוועק אויף דער ערד און שלאָפט איין.

און דאָס עקסעלע רירט זיך נישט פון אָרט, קוקט אויף חיים־לייבן מיט זיינע שטומע פאַרוואָלקנטע אויגן און שטעלט אַרויס זיין לאַנגע טרוקענע צונג.

טראַכט שוין נישט חיים־לייב, ווען וועט ער קומען אַהיים צום סדר; ער זוכט שוין נישט קיין קירצערן וועג קיין סלאָנים; נאָר ער שפּאַרט זיך אָן אויף זיין שטעקן, קוקט אין אַלע זייטן, ווו קען ער געפינען וואַסער צו אָנטרינקען דאָס עקסעלע. ערשט ער זעט, אַז אין דעם שאָטן, וואָס האָט זיך פאַרצויגן אונטערן באַרג, ציטערט מיט זיין גלאַנץ אַ לעבע־דיקער קוואַל וואַסער; דער לאַנגער שנור קוועלט פון באַרג און באַהאַלט זיך פון דער זון אין דעם גראָז, אונטער די שטיינער.

וויל חיים־לייב זאָגן דעם גויעלע אַז אָט־אָ ציט זיך אַ וואַסער, נאָר דאָס גויעלע ליגט אויף דער ערד, שלאָפט מיט אַ שווערן שלאָף און חיים־לייב וועקט אים, וועקט אים, און קען אים נישט אויפוועקן; און דאָס עקסעלע שטייט נעבן חיים־לייבן, רירט זיך נישט פון אָרט און האַלט אויסגעצויגן זיין לאַנגן קאָפּ אויף דער הייסער זון; נעמט חיים־לייב דאָס עקסעלע פאַרן שטריקל און פירט עס צום קוואַל אָנטרינקען.

דאָס עקסעלע איז צוגעפאַלן צום קוואַל און לעקט מיטן צונג דאָס

וואַסער; עס דוכט זיך אָבער אַז דאָס וואַסער טריקנט זיך אויס, די ערד וויל נישט אַרויסלאָזן דעם שטראָם; בייגט זיך איין חיים־לייב צוזאַמען מיטן עקסעלע, שאַרט אָפּ מיטן שטעקן די שטיינער און דער קוואַל ווערט שטאַרקער, דאָס וואַסער ברייטער, ציט זיך אויס ווייטער און לענגער.

אַרום און אַרום איז שטיל און ווייך: אַזוי שטיל און רואיק, אַז חיים־לייב זאָרגט נישט וועגן דעם ווייטן מהלך, וואָס ליגט ביז זיין שטיבעלע אין סלאָנים. ער פרייט זיך מיט די מעשים טובים וואָס דער אויבערשטער האָט אים צוגעשיקט אויפן וועג: „געראַטעוועט דאָס ציגעלע פון בייזן הונט, אויסגעלאָשן דאָס פייער פון סטויג היי, אָנגעטרונקען דאָס עקסעלע מיט וואַסער און דאָס וואַסער טריקנט זיך נישט אויס, גייערט טרינקט אָן די פעלדער“... און אָנגעגורט מיט זיין בטחון, מיטן שטעקן אין האַנט גייט חיים־לייב אַהיים: ער ציילט נישט די רגעס וואָס ברעקלען זיך אָפּ פון טאָג, ער קוקט נישט אויף דער זון, וואָס בייגט זיך שוין אונטערן הימל, נאָר אים דוכט זיך, אַז ער זעט די אורחים, וואָס ציען זיך צוזאַמען מיט אים, צו אים אין שטוב אַריין, צום סדר.

ערשט דער ווינט ברענגט אים אַ קלאַנג אין אויער אַריין; דער קלאַנג חזרט זיך איבער, ווערט העכער, קלאָרער...

— יאָ, אַ קול פון אַ מענטשן, — טוט חיים־לייב אַ ציטער.

דער ווינט הייבט אָן בלאָזן שטאַרקער, די ביימער פון וואַלד שו־האיען זיך נידעריקער; דאָס קול ווערט דערטרונקען און גייט אויף מיט אַ געוויין; ווערט פאַרלוירן און יאָגט אים אָן.

שטעלט זיך אָפּ חיים־לייב אויפן מיטן וועג, שפּאַרט זיך אָן אויף זיין שטעקן, בייגט צו זיין אויער צום ווינט און הערט קלאָר:

— טאַטע, ווו ביסטו?!

אַ יינגעלע וויינט אין וואַלד — רופט דעם טאַטן.

לאָזט זיך חיים־לייב פירן פון קול, וואָס טראָגט זיך פון די ביימער; ער יאָגט זיך נישט אַהיים, ער טראַכט נישט פון דעם סדר, וואָס איז צוגעגרייט אין שטוב, ער זאָרגט נישט וועגן דעם ווייב, וואָס וואַרט אויף אים ביי דער טיר, נאָר ער איילט זיך צום יינגעלע, וואָס זוכט זיין טאַטן אין וואַלד. ער הייבט אויף די פּאָלעס פון זיין לאַנגן קאַפּטן, שפּאַרט זיך אָן אויף זיין שטעקן, טוט איינמאָל אַ שפּרונג, און נאָך אַ מאָל אַ שפּרונג און אָט איז ער שוין נעבן יינגעלע אין וואַלד.

דאָס ייִנגעלע האַלט זיך־אָן אָן אַ צווייַגעלע און וויינט:

— איך בין געגאַנגען מיטן טאַטן דאַוונען אונטערן בוים, האָט מיך דער טאַטע איבערגעלאָזט אין מיטן וואַלד און איז אַליין אַוועקגע־גאַנגען...

חיים־לייב ווישט אָפּ די טרערן ביים ייִנגעלע פון פּנים און וויל אים איינשטילן:

— וויין נישט, מיין קינד, ווו וווינט דיין טאַטע, וועל איך דיך ברענ־גען אַהיים.

— איך ווייס נישט, אָט דאָ אין וואַלד — שטעלט אויס דאָס ייִנגע־לע דאָס קליינע פינגערל און נעמט אָן חיים־לייבן פאַרן קאַפּטן.

נאָר חיים־לייב דאַרף נישט וואַרטן, ביז דאָס ייִנגעלע וועט אים ווייזן דעם וועג צו זיין טאַטן אין שטוב אַריין, ווייל איבערן וואַלד טראָגט זיך אַ געזאַנג און וויגט זיך פון די צווייַגן. גייט ער נאָך דעם געזאַנג און דער ניגון פירט צום טאַטנס נידעריקער, אויסגעשפּרייטער שטוב, וואָס שטייט ביים ברעג פון וואַלד. דער דאַך איז צוגעדעקט מיט גרין גראָז, דער רעגן זאָל נישט דורכרינען דורך די שינדלען; און די ווענט זענען פאַרשטעלט מיט די געדיכטע צווייַגן פון וואַלד, דער ווינט זאָל נישט אַריינבלאָזן אין שטוב אַריין.

שטייט חיים־לייב נעבן דער שטוב און זעט נישט, ווי עס עפנט זיך די טיר. ער איילט זיך אָבער נישט אַריינגיין אינעווייניק, ווייל ער וויל נישט איבעררייסן דעם ניגון, וואָס טראָגט זיך פון הויז.

דאָס ייִנגעלע האָט זיך אָבער דערפרייט, ער האָט דערקענט זיין היים. לאָזט ער נישט וואַרטן דעם גוטן יידן מיטן לאַנגן שטעקן אין דרויסן, ווייזט ער אים די טיר, וואָס עפנט זיך נידעריקער פון דאַך און העכער פון דער ערד, און פירט אים אַריין אין שטוב.

חיים־לייב טרעט איבער די שוועל; ערשט אַ שרעק, אַ פּחד באַ־פאַלט אים: ביים טיש זיצט דער ייד מיט זיין ווייב און זין. דער טיש איז צוגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך, און דער ייד מיט זיין גאַנצן הויז־געזינד עסן זעמעלעך מיט בלינצעס און פאַרטרינקען מיט ציקאָריע און זינגען אַ געזאַנג מיטן זיסן ניגון פון שירה.

חיים־לייב וויל אַרויסלויפן פון שטוב, נאָר זיין שטעקן האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין די פיס, אַז ער איז שיער נישט געפאַלן; און איידער

חיים־לייב האָט זיך אויסגעגלייכט, איז שוין דער ייד געשטאַנען נעבן אים און זיך געבעטן מיט הכנעה:

— קומט, זעצט זיך צום טיש...

פאַרשטייט שוין חיים־לייב וואָהין ער איז פאַר זיינע שווערע זינד פאַרפירט געוואָרן, זיין פחד און מורא ווערט נאָך גרעסער און ער הייבט אָן שרייען:

— חמץ! יידן, היינט איז דאָך ערב פסח!...

ער זוכט די ציצית, ווייל נישט אַנדערש, ווי נישט־גוטע האָבן זיך די גאַנצע צייט געררייצט מיט אים אויפן וועג...

דער ייד ווייסט אָבער נישט ווי אַזוי איז היינט ערב פסח, אַז ביי אים איז שוין שבועות. בעט ער זיך:

— פאַרוואָס אַנטלויפט איר פון אַ יידיש הויז? פאַרוואָס זענט איר מבייש מיינע קינדער?

נאָר חיים־לייב ווייסט פון די הייליקע מעשיות, פון די רייד פון גוטע יידן, ווי אַזוי „זיי" קענען זיך פאַרשטעלן. הערט ער זיך נישט צו צו דעם יידנס געבעט, קוקט נישט אויף זיין טיש מיט די זעמעלעך און ציקאָריע, און ער רייסט זיך צו אַנטלויפן פון שטוב; אָבער דער ניגון, וואָס דער טאַטע מיט די זין האָבן פריער געזונגען ביים טיש, קלינגט אים אין זיינע אויערן, גלייך ווי דער געזאַנג וואָלט זיך נאָך געצויגן פון סטעליע, אַרויסגעקוועלט פון די ווענט און געטראָגן אַ טיף געבעט צום רבונו־של־עולם. ווערט ביי חיים־לייבן דאָס האַרץ ווייכער און ער הייבט אָן ריידן מיט גוטן:

— היינט איז ערב פסח; טאָר מען נישט עסן קיין חמץ און מען טאָר נישט זיין אין אַ שטוב, וווּ אַלץ איז חמצדיק...

— איך ווייס, אַז ערב פסח טאָר מען נישט עסן קיין חמץ — זאָגט דער ייד, נאָר ער שפּאַרט זיך איין: — היינט איז דער ערשטער טאָג שבועות...

דעם יידנס ווייב איז אָבער נישט רואיק; זי ציטערט פאַר די מאכלים, וואָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט אַ גאַנץ ווינטער פון דער בהמהס מילך; האָט געזשאַלעוועט אַן איבעריקן ביסן פאַר די קינדער, כדי ביי איר אויפן טיש זאָל גאָרנישט פעלן אין דעם פרייילעכן יום־טוב, וואָס זע־טיקט אָן די פעלדער מיט זיין שפע, און זי האָט מיט די אייגענע הענט גע־

מאַכט אַז איר מאַן מיט די קינדער זאָלן עסן חמץ אין אַזאַ הייליקן טאָג; קען זי נישט איינהאַלטן איר פּחד, פאַרבאַרגן דעם שרעק און הייבט אָן וויינען: „דערבאַרעמט זיך אויף מיינע קינדער!"

חיים־לייב קוקט אויף טאַטע־מאַמע מיט די קינדער און זעט ווי די מורא האָט זיך פאַרצויגן איבער זיי, גלייך ווי אַ וואָלקן וואָלט זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף דער שטוב, טראַכט ער, אַז נישט אומזיסט האָט דער וועג געפירט אים אַהער, און ער הייבט זיי אָן טרייסטן:

— גרויס איז די שטראָף פאַר עסן חמץ ערב פּסח — איך וויל עס גאָר פאַר מיין מויל נישט אַרויסברענגען; אַז מען איז אָבער גוטע ערלעכע יידן, איז זיך דער אויבערשטער מרחם...

אַמפּערט זיך שוין נישט דער ייד מיטן אורח, נאָר קלאָגט אויף זיין ביטער לעבן; זיין שטוב שטייט ווייט פון וועג, אָפּגעזונדערט פון די גויים, די קינדער זאָלן זיך נישט אָפּלערנען זייערע שלעכטע מידות; און קיין ייד פאַרבלאָנדזשעט קיינמאָל נישט צו אים; ביינאַכט פאַרוויגט אים דער וואַלד און פאַרטאָג וועקן אים אויף די הענער; דער ווינט זאָגט אים אָן ווען עס וועט זיין אַ רעגן, די זון מיט דער נאַכט העלפן אים פירן די רעכענונגען פון די טעג, ער זאָל אָפּהיטן שבת, און די שטערן מיט דער לבנה, די פרעסט מיט די שנייען לאָזן אים וויסן ווען עס זענען די יום־טובים.

און ער מאַכט, דאַנקען גאָט, קיין טעות נישט אין חשבון.

זומער, אַז מען נעמט אַראָפּ פון די פעלדער, און די פייגעלעך הייבן זיך אויף העכער פון די ביימער, און פליען אַוועק אין די וואַרעמע לענ־דער, קוקט ער זיך איין אויף דער ערד ווי שפּעט עס ליגט דער טוי אויפן גראָז און רעכנט אויס ווען עס דאַרף זיין ראש השנה. ער נעמט אַרויס פון אונטערן בעלעק דאָס דינע ספרל, וואָס זיין טאַטע האָט גע־רופן „דער באַוויינער", שטייט אויף פריער, איידער די הענער הייבן אָן קרייען, זעצט זיך אַוועק אויף דער ערד, אָט אַזוי ווי זיין טאַטע און זיין זיידע פלעגן זיך טון אַוועקזעצן אויף אַ שייטל האָלץ און הייבט אָן זאָגן; ער קוקט אויף די ווערטער וואָס ליגן שווער און פרעמד אויף די בלעטער, און וויינט, אָט אַזוי ווי זיין טאַטע און זיידע האָבן געטון פאַרגיסן זייערע טרערן אויף דעם „באַוויינער", ווען זיי האָבן געבעטן צו גאָט.

ראש השנה און יום כיפור, ווען אַ פיש אין וואַסער ציטערט, און אַ פויגל אין נעסט שרעקט זיך — אין די פאַרכטיקע טעג איז ער אין שטאָט צוזאַמען מיט די יידן אין שול.

נאָך יום־כיפור, אַז ער קומט פון שטאָט אַהיים און זעט ווי די בלעטער פאַלן אַראָפּ פון די ביימער, געלע, טרוקענע; האַלט ער אָפּ סוכות; ער טראָגט אַרויס דעם טיש מיט די בענק אין וואַלד; דאָס ווייב קאָכט די טעפּ מיט געקעכץ אין דרויסן אויף אַ שייטער האָלץ און ער מיט די זין עסן די מאָלצייטן אונטער די צווייגן פון בוים.

און אַז די פרעסט הערן אויף בייסן די נאָז, דער ווינט באַהאַלט זיך הינטער דער פלייצע, קריכט נישט אין פאַטילניצע און דער שניי לאָזט אָפּ פון די בערג; די ריטשקעס וואַסער רינען איבער די פעלדער, דער בושעל קומט צופליען און הייבט אָן בויען זיין נעסט אויפן בוים איבערן דאַך פון שטוב, ווייסט דער ייד פון וואַלד, אַז מען דאַרף זיך גרייטן צו פסח; ער ראַמט אַרויס דאָס ברויט מיט דעם מעל פון שטוב און נעמט אַריין דעם יום־טוב אין הויז.

שבת און יום־טוב היט ער אָפּ אונטער זיין אייגענעם דאַך: ער גייט דאַוונען אין וואַלד אונטער דעם הויכן בוים, וואָס האָט ברייט און געדיכט אויסגעצויגן זיינע צווייגן און צוגעדעקט מיטן שאָטן דעם וואַלד. אין דער שטילקייט, וואָס האַלט פאַרבאָרגן די סודות פון וואַלד שטעלט זיך אַוועק דער ייד אונטערן בוים, קוקט זיך איין ווי דער דינער שיין פון הימל ציטערט אין די צווייגן און אים ווילט זיך דערגיין, וואָס טוט זיך העכער פון די שפּיץ־ביימער און נידעריקער פון דעם קול, וואָס טוט איינזינקען אין דער ערד אונטערן מאָך.

אָבער ווי אַזוי קען ער דאָס וויסן, אַז ער האָט אַליין נישט געלערנט און האָט זיך נישט פון וועמען צו אָפּלערנען, ווייל ער באַהאַלט זיך אויס פון אַ יידן, מען זאָל נישט אָפּשפּאָטן פון זיין גראָבקייט און נישט פאַרשעמען זיינע קינדער. אים איז אַפילו שווער צו דאַוונען, לאָזט ער אַרויס אַ טיפן געשריי, ווי די חיות ברומען אין וואַלד, און הייבט זיך אָן בעטן ביים רבונו־של־עולם, ווי די צווייגן בייגן זיך אונטערן ווינט, ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף זיין אָרים און שווער לעבן, ער זאָל נישט צונעמען ביי אים דאָס טרוקן שטיקל ברויט און זיינע קינדער זאָלן נישט פאַרגעסן, אַז זיי זענען יידן.

— איך דאַוון אונטערן בוים, היט אָפּ שבת אין שטוב און פאַר־געס נישט אויף קיין יום־טוב, — בעט זיך איצטער דער ייד ביי חיים־לייבן, ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיינע קינדער און אויסלייזן זיי פון, די גרויסע זינד, ווייל היינטיקס יאָר איז ער פאַרפירט געוואָרן פון דער' זון.

די זון, וואָס וואַרעמט אים אין פעלד און לייכט אין שטוב, האָט אים אָפּגענאַרט מיט אירע שטראַלן — זיי האָבן פאַרבלענדעט זיינע אויגן און ער האָט נישט געזען, אַז דער שווערער ווינטער שטייט נאָך אויף דער וועלט.

דער בושל איז געקומען צופליען פאַר דער צייט, אָנגעהויבן בויען זיין נעסט אויפן הויכן בוים איבער זיין שטוב און אָנגעזאָגט דעם יידן, אַז עס איז שוין ערב פסח.

אַי און וויי! דער בושל, וואָס באַשיצט מיט זיינע פליגלען דעם דאַך פון פייער, און היט אויס אַז די קליינע מענטשעלעך מיט די קאָפּ־שענעס זאָלן נישט קריכן צו אים אויפן בוידעם — האָט געבראַכט, אַז ער' זאָל פסח צונויפמישן מיט דער וואָך...

וויי־און־ווינד! דער הויכער פויגל, מיט די לאַנגע פיס, וואָס קלאַפּט אויס מיט זיין האַרטן שנאָבל די נעסט איבער זיין שטוב און היט אָפּ, אַז זיין בהמהלע זאָל זיך קעלבן אין צייט און באַשיצט זיינע קינדער אַז זיי זאָלן פון קיין חולאת נישט וויסן, — האָט זיך געטון איילן. געלייגט די אייער פאַר דער צייט און געבראַכט די גרעסטע שטראָף אויף זיינע קינדער, זיי זאָלן פאַרגעסן ווען עס איז פסח און ווען עס איז שבועות.

אַז־אָך־און־וויי צו די קאַרטאָפל, וואָס ער האָט פאַרזעצט הינטערן פענצטער' אויף זיין אָרעם פעלד — זיי האָבן מיט גאווה אַרויסגעשפּאַרט זייערע בלעטער פון דער פינצטערער ערד און אַריינגענאַרט דעם שבו־עות פאַר דער צייט צו אים אין שטוב אַריין.

— וויי און ווינד, — טרויערט דער ייד, — ערב פסח האָב איך אויסגעלייגט די זעמעלעך מיט די בלינצעס פון שבועות אויף דעם טיש, און ער פרעגט מיט שרעק, — און וואָס וועט זיין די שטראָף פאַר מיינע קינדער? — פאַר אים אַליין אַרט אים נישט, ער קען אַלץ אַריבערטראָגן. אָבער די קינדער!

קען חיים־לייב נישט איבערטראָגן דעם טיפן צער פון דעם יידן מיט

זיין הויזגעזינד, און ער קען שוין מער נישט שווייגן; עס עפנט זיך אויף זיין ווייך האַרץ און ער הייבט אָן טרייסטן מיט זיינע רייד:

— די זון שטייט נאָך הויך; עס איז נאָך אַפילו קיין האַלבער טאָג נישטאָ און די זינד איז נישט אַזוי גרויס, ווען מען עסט חמץ ערב פסח אײנדערפרי: אַז איר וועט זיין גוטע פרומע יידן, אָפּהיטן די אַכט טעג פּסח, וועט דער אויבערשטער האָבן רחמים מיט אייך און זיך דערבאַרעמען אויף אייערע קינדער...

ווי קען מען אָבער אָפּהיטן די אַכט טעג פּסח, אַז מען טאָר קיין רגע נישט זיין אין אַ שטוב, פול מיט חמץ?

ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן דער ייד פון וואַלד, עס טרויערט זיין ווייב און עס ציטערן זייערע קינדער; בלויז חיים־לייב איז רואיק און געלאַסן, ווייל ער פאַרשטייט שוין פאַרוואָס דער וועג האָט אים געפירט אַהער. עס קייקלט זיך אַראָפּ אַ שמייכל פון זיין פּנים און לייגט זיך אויס אַ פולער אויף זיין שיטערער געלער באָרד.

— איך וועל אייך נעמען צו מיר אַהיים, וועט איר זיין מיינע אורחים אויף פּסח...

ווי אַזוי קען מען אָבער אָנשפּאַרן צו חיים־לייבן צום סדר, אַז פון דאַנען קיין סלאָנים איז זיבן מייל מיט אַן עק און אַ הויכער באַרג שטייט אויפן מיטן וועג; און ווי שנעל מען זאָל נישט גיין צופוס און ווי גיך מען זאָל נישט פאָרן מיט פערד, דאַרף נעמען אַ טאָג מיט אַ נאַכט ביז מען וועט אָנקומען קיין סלאָנים.

גייט אויס דער שמייכל ביי חיים־לייבן אויף דער קורצער שיטערער באָרד; ער וואונדערט זיך: „איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז איך בין אַזאַ מהלך אָפּגעגאַנגען!" און די זאָרג קאַרבט זיך איין אין די קנייטשן פון זיין שטערן: „ווי אַזוי וועט ער קומען מיט די אורחים אַהיים צום סדר?" עס גנבעט זיך אַראָפּ די זון פון די ווענט, עס גליטשען זיך אַראָפּ די שטראַלן פון די שויבן און דער טאָג קריכט אין קריכט אין וואַלד אַריין... פאַר די אויגן ליגן נאָר אויסגעצויגן ווייט און לאַנג די זיבן מייל מיטן עק, מיטן הויכן באַרג, וואָס שטייט אויפן מיטן וועג...

ערשט עס גייט אַריין אין שטוב אַ גוי און בעט אַן עמער: ער וויל אָנשעפּן וואַסער אין ברונעם פאַרן פערד.

— אָט־אָ איז דער עמער און אָט־אָ איז דער ברונעם — ענטפערט דער ייד צעשראָקן.

נעמט דער גוי דעם עמער אין האַנט, שטייט אַ ווײַלע ביי דער טיר און פרעגט:

— און וואָס זענט איר אַזוי פאַרזאָרגט?

— ווי זאָלן מיר נישט זאָרגן, אַז מיר דאַרפן קומען קיין סלאָנים פאַר זון־אונטערגאַנג און די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעבויגן איבערן וואַלד, און ביז סלאָנים איז זיבן מייל מיט אַן עק און אַ הויכער באַרג שטייט אויפן מיטן וועג?

שטעלט אַוועק דער גוי דעם עמער, בינדט אַרום שטייפער די שטריק אַרום זיין דיך, טוט אַ קראַץ זיין פּאַטיליצע און זאָגט געלאַסן:

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו זאָרגן? די זון שטייט נאָך הויך און גאָט זיצט נאָך העכער. איך ווייס פון אַ וועג, וואָס איז קירצער ווי זיבן מייל מיטן עק און מיין פערד האָט אַזעלכע שאַרפע קאָפּיטעס, אַז עס גלייכט אויס דעם הויכן באַרג מיטן גלאַטן וועג; איך וועל נאָר אָנטרינקען דאָס פערד און איך וועל אייך ברענגען קיין סלאָנים איידער די זון פאַרגייט...

פאַרציט זיך אַ פרייד אין שטוב, די זאָרג רינט אָבער נישט אויס פון די ווענט, ווייל מען דאגהט:

— ווער וועט אַריינגעמען די בהמה אין שטאַל?

— ווער וועט די הון אַריינטרייבן אין קאַטוך?

בינדט אַרום דער גוי שטייפער די שטריק אַרום זיינע לענדן און שטילט איין יעדן מיט זיין גוט וואָרט:

— איך וועל ברענגען די בהמה אין שטאַל און אָנשיטן קערנער פאַר דער הון... זעצט זיך אַריין אין מיין וועגעלע; איך וועל אויסציען די דראָבינקעס, אויפהייבן דעם פּאַלוקעשעק, וועט זיין אָרט פאַר אַלעמען און מיר וועלן קומען אין צייט קיין סלאָנים, איידער די זון באַהאַלט זיך פון דער ערד...

און דאָס פערד וואַרט נישט ביז דער גוי וועט נעמען די בייטש אין האַנט, עס שטעלט אָן זיינע אויערן, בלאָזט מיט די נאָזלעכער, טרייבט מיטן עק די פליגן פון זיך און לאָזט זיך אַוועק קיין סלאָנים מיטן וועג, וואָס איז קירצער ווי זיבן מייל מיט אַן עק.

און אַז פייגע־לאה, חיים־לייבס ווייב, איז אַרויסגעגאַנגען מיטן עמער אָנשעפּן וואַסער פון ברונעם, האָט זי דערזען ווי פון ווייטן פאָרט אַ פור מיט יידן. האָט זי אַרויסגעלאָזט דעם עמער פון האַנט, זיך אַוועק־געשטעלט אין מיטן וועג און געטראַכט, אַז זי וועט פאַרהאַלטן די יידן ביז חיים־לייב וועט קומען צוגיין פון זיין גאַנג.

ערשט אַ פרייד, אַ שמחה לויכט אויף ביי איר אויפן פּנים; זי זעט — אויפן וואָגן זיצט חיים־לייב מיט יידן און קינדער, אַ פולע שטוב מיט מענטשן קיין עין־הרע נישט — אורחים צום סדר.

און דער סדר איז געווען ביי חיים־לייבן אַזאַ פריילעכער, אַז די פרייד האָט אַרויסגעזונגען איבער דער גאַנצער שטאָט; דער טיש איז גע־שטאַנען אויסגעשטעלט לאַנג און גערא̈ם אין שטוב; די ווענט האָבן זיך אויסגעשפּרייט ווייטער און ברייטער און אַראָפּגעשיינט מיטן ווייסן קאַלך פון דער סטעליע, גלייך ווי זיי וואָלטן געלויכטן מיט די שטראַלן פון דער זון. דער ווייסער סערוועט האָט זיך אויסגעצויגן איבערן טיש לענ־גער, ווי פייגע־לאה האָט אים אויסגעוועלגערט מיט די הענט; און דער וויין האָט אַרויסגעקוואָלן פון די כּוסות און געשפּילט זיך אין דעם ליכ־טיקן שיין פון די ליכט, וואָס איז געפאַלן אויף אליהו הנביאס כּוס.

פייגע־לאה האָט נישט געציילט די טעלער, וואָס זי האָט צוגעגרייט אויף יום־טוב, נישט גערעכנט די לעפל־גאָפּל וואָס זי האָט אויסגעכשרט; זי האָט זיי געטראָגן מיט דער פולער האַנט צום טיש, און אַז זי האָט פאַר אַלעמען אויסגעשטעלט דאָס געפעס, האָט זי געזען, אַז אין גראַטקע איז נאָך געבליבן אַן איבעריקער טעלער מיט אַ לעפל.

חיים־לייב איז געזעסן אויבן־אָן אויפן הסב־בעט און געזאָגט די הגדה, און די אורחים האָבן אויך נישט געשוויגן — זיי האָבן זיך נישט געשעמט צו זאָגן, אַזוי ווי זיי האָבן נישט מורא צו רעדן, ווען זיי קומען דאַוונען אין וואַלד אונטערן הויכן בוים, און מיט זייער געזאַנג האָבן זיי פאַרקלונגען די ווערטער וואָס זיי קענען נישט אַרויסזאָגן.

און אַז מען איז געקומען צום „חד גדיא“ האָט חיים־לייב נישט גע־פילט, ווי ער אַליין האָט אויך אויפגעהערט זאָגן און פון אים האָט אַרויס־געשאַלט דאָס געזאַנג וואָס ער טראָגט פאַרטאָג, ווען ער גייט אויפן וועג נאָך זיין חיונה; זיין געזאַנג האָט זיך צונויפגעמישט מיטן ניגון פון די אורחים און זיך אויסגעצויגן איבער דער שטוב מיטן געבעט פון דעם

ציגעלע, וואָס ער האָט אָפּגעראַטעוועט פון דערווילדער קאַץ; און מיט ווייכקייט פון וואַסער וואָס טרינקט אָן דאָס עקסעלע און מיט אַ לויב צום האַר, וואָס דערבאַרעמט זיך אויף זיין פאָלק ישראל — די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב — און לאָזט זיי נישט פאַרטיליקט ווערן פון דעם פּנים פון דער ערד.

ר׳ חיים און זיין אײדעם ישראל

„...דער שבת קודש גייט אַוועק; די וואָך זאָל קומען צו אונדז צו מזל און צו ברכה און צו אַלדאָס גוטס״, זיפֿן זיך ווייך די ווערטער פֿון „גאָט און אברהם״ אין שבתדיקן פֿאַרנאַכט, וואָס וועבט זיך שטיל איבער חיימס שטוב.

חנה, חיימס ווייב, זיצט אויף דער קאַנאַפּע נעבן טיש, ציט אויס לאַנגזאַם איר געבעט און גיט אַכטונג, אַז די טעכטער אירע זאָלן נאָכזאָגן וואָרט אין וואָרט דעם „המבדיל״.

דער שבת זעצט זיך אָפּ אויפֿן ווייסן טישטוך און גייט איין אין דער טונקלקייט פֿון שטוב און אַ נייע וואָך קומט אַנטקעגן מיט דער זאָרג פֿון פּרנסה און חיונה.

אין קראָם האָט מען שוין אָנגעצונדן פֿייער און דאָס ליכט פֿון די בליצלאָמפּן שיינט אַריין דורך דער אָפֿענער טיר אין שטוב, ציט זיך אויס לאַנג אונטערן טיש און גייט איין אין דעם אייגענעם שאָטן.

חנה איילט זיך נישט אַרייַנגיין אין קראָם צו די קונים. די קינדער זענען שוין, דאַנקען גאָט, אונטערגעוואַקסן; אָן עלטערע גיט אַכטונג אויף אַ ייִנגערער און זיי קענען אויך אָפּהיטן די לייזונג. זי זיצט אויף דער קאַנאַפּע אין טונקעלן שאָטן פֿון פֿענצטער און צינדט נישט אָן קיין פֿייער אין שטוב. זי וויל פֿאַרהאַלטן דעם שבת ביז איר מאַן וועט אַרייַנגיין פֿון מעריב און מאַכן הבדלה. זי זאָגט נאָך אַ תחינה צו דעם האַר פֿון דער וועלט, וואָס קוקט מיט ליבע אויף אַלע זיינע באַשעפֿענישן, ער זאָל פֿאַרגעמען דעם רייַנעם געבעט פֿון זיין דינסט, וואָס בעט ביי אים אויף אַ פּולער וואָך.

און בעטן דאַרף חנה ביי דעם רבונו־של־עולם אַ סך, ווייל זי ווייסט, אַז דאָ, אין זשירעווע, וווינען אַ הייפּעלע יידן — קוים אַ מנין — צווישן אַזוי פֿיל גויים, אַרומגערינגלט מיט די קלויסטערס, און אַז עס הייבן אָן קלינגען די גלאָקן, פֿאַלט אָן אַזאַ מורא, אַז עס גייט נישט איין דער רווח פֿון דער לייזונג אין קראָם.

חיימס שטוב שטייט ברייט און צעשפּרייט מיט די קאַמערן און חדרים ביי דעם אַרייַנפֿאָר פֿון דעם קליינעם ישוב זשירעווע, דאָס שטע־

טעלע, וואָס ליגט אויפן וועג פון בוטען קיין סלאָנים. אינמיטן פון ישוב, אויף דער לאַנגער גאַס, שפּאַרן אַרויס די גרויסע קלויסטערס, ווי הויכע פעסטונגען; נעבן די קלויסטערס טוליען זיך קליינע הייזער, וואָס וואַקסן אַרויס פון זייערע גערטנער און סעדער און ווילן זיך איבערנעמען מיט זייערע רויטע קוימענס.

חיימס שטוב שיינט אַרויס איבערן גאַנצן ישוב מיט דער ברייטער באַלעבאַטישקייט, מיט דער רייכער קראָם סחורה און די גרויסע געשעפטן, וואָס ער פירט איבער דער וועלט. די שניט־סחורה שרייבט חיים אויס פון לאָדזש, צוקער מיט זאַלץ פירט ער מיטן „אָבאָז" פון פינסק און נאָך די טייערע פישן, געווירצן און זאַפּראַן, פאַר די פּריצים אויף די חגאות, פאָרט חנה קיין מינסק.

צו חיימען אין קראָם קומען די פּויערים פון דאָרף קויפן זאַלץ און מעל פאַר דער שטוב, און אַן אַרשין באַרכע פאַר דעם ווייב אויף אַ קלייד און אַ פּאַטשיילע אויפן קאָפּ פאַר דער כלה. ביי חיימען אין קראָם שטעלט זיך אָפּ אַ פּריץ פון הויף, אַ מאָנאַך פון קלויסטער, אַ לערער פון סעמינאַר, איינקויפן אַ „פּאַקופּקע" און אויסרעדן אַ וואָרט מיט חנהן, פאַרברענגען מיט חיימען, אָדער אַ שפּאַס טון מיט זיינס אַ קינד.

חנה שלאָגט זיך נישט אָן מיט אירע רייד. זי שטייט רואיק, געלאַסן נעבן די פּאָליצעס סחורה, רעדט איינציקע, געציילטע ווערטער, באַחנט זיי מיט אַ ווייכן שמייכל, און קוקט זיך איין אויפן פּריץ, גלייך ווי זי וואָלט אים פאַר עפּעס באַדאַנקט און מיט איידלקייט אַרויסבאַגלייט פון קראָם.

און אַז דער פּריץ איילט זיך נישט אַוועקגיין — ער לייגט אַוועק דאָס קליינע פּעקעלע טיטון אויפן טיש, און ציט ווייטער דעם שמועס, רוקט חנה צו אַ שטול, בעט אים זיך אַוועקזעצן, און דערציילט פון אירע געשעפטן, וואָס זי פירט אין די גרויסע שטעט.

— אַז איך בין געווען אין מינסק, האָב איך דאָרטן געהערט, אַז מען וועט באַלד דורכציען אַ באַן אין טיף ראַסיי און מען וועט זיך נישט דאַרפן שלעפּן מיט די „אָבאָזן"...

— עס וועט זיי גאָרנישט העלפן, — קאָן פאַן מיקולסקי נישט הערן די נייעס און ער זאָגט שאַרף: — ווי ווייט זיי וועלן זיך נישט אויס־

שפּרייטן, וועט זיי אַלץ זיין ענג, דער מאָסקאַל וועט פּוילן נישט איינ־נעמען.

טראַכט חנה, אַז אפשר האָט זי נישט געדאַרפט רעדן וועגן דער גרויסקייט פון רוסלאַנד; זי זיפצט אויף דעם פּוילישן מיאַטיעזש, דער־מאַנט זיך ווי מען האָט די גראַפן געפירט געשמידט אין קייטן, און פּרווט טרייסטן דעם פּריץ:

— און אונדז, יידן, איז בעסער? מען האָט אונדז אויך פאַרטריבן פון אונדזער לאַנד. עס שטייט אָבער געשריבן אין די הייליקע ספרים. אַז גאָט וועט נעמען רעכענונג ביי זיי, און עס וועט קומען דער טאָג, ווען ער וועט אויפריכטן די געפאַלענע...

שטייט נישט אָן פּאַן מיקולסקי, וואָס אַ יידישע פרוי, די קרעמער־קע, באַדויערט אים, און ער וויל זאָגן חנהן, אַז זיין טאַטע איז געווען אַ קריגער — מיט איין ביקס האָט ער פאַרטריבן הונדערט מאָסקאַלן, און ער האָט נישט אַראָפּגענומען דאָס היטל פאַרן אוראַדניק...

נאָר חנה שטייט נעבן די פּאַליצעס אַ שטאָלצע, אַ רואיקע, פּרווט זיך נישט פאַרענטפערן פאַרן „פּאַן" און עס דוכט זיך, אַז מיט איר דינעם שמייכל שניידט זי דורך זיין גאווה.

זאָגט גאָרנישט פּאַן מיקולסקי, ער גלייכט בלויז אויס זיין קיילעכ־דיק היטעלע אויפן קאָפּ, רוקט עס אַראָפּ אָן אַ זייט און מאַכט דעם אָנ־שטעל, אַז ער איילט זיך:

— דאָס פערד רייסט זיך פון פלויט, וויל נישט איינשטיין...

חנה פאַרהאַלט אים נישט, רוקט צו נענטער צום „פּאַן" דאָס פּע־קעלע, גיט אַ קוק צי עס איז גוט פאַרבונדן און לייגט עס אַוועק צוריק אויפן טיש.

פּאַן מיקולסקי וויל אָבער נישט אַוועקגיין קיין ברוגזער — ער וועט נאָכאַמאָל נישט קאָנען אַריינגיין אין קראָם, גיט ער אַ טראַכט און קערט זיך אום צוריק:

— איך האָב זיך פאַררעדט און פאַרגעסן זאָגן, אַז איר זאָלט אויס־שרייבן פאַר מיר גילזן נומער 12.

— איך פאַרגעס אויך — ענטפערט שטיל חנה מיט אַ שמייכל.

— צופיל געשעפטן אויפן קאָפּ... — רעדט פּאַן מיקולסקי ווייכער

און זוכט פֿאַרענדיקן דעם שמועס אַזוי, אַז ער זאָל קיין זאַך נישט נאָכ־געבן חנהן און פֿון זיין „האָנאָר" זאָל גאָרנישט פֿאַרמינערט ווערן.

— פֿאַני כאַימאָוואַ, דו האָסט שוין געדאַרפֿט לאָזן דיין עלטערע טאָכטער פֿירן די געשעפֿטן, זי איז אַ פֿולע דערוואַקסענע פֿאַניענקע.

חנה האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי באַשע איז אויסגעוואַקסן נעבן איר; זי שטייט נעבן די פּאָליצעס און לייגט אויף די סחורה. איז חנה אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אַ קוק געטון אויף באַשען און געפּרוווט אי־בערפֿירן דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש. זי האָט גערעדט וועגן דעם נייעם קלויסטער, וואָס מען בויט אויפֿן באַרג, וועגן די גויים, וואָס קו־מען אַהער פֿון מיילן ווייט בעטן גאָט.

פּאַן מיקולסקי נעמט אָבער נישט אַראָפּ די אויגן פֿון באַשען, קוקט זיך איין, ווי די באַקן פֿון איר קלאָרן פּנים רויטלען זיך, און רעדט מיט אַ שמייכל צו חנהן.

— און די גאָטפֿאָרכטיקע מאָנאַכן וואָלטן געביסן די ציינער פֿון הונגער ווען אָט די פֿרומע גוײמלעך וואָלטן נישט געבראַכט קיין מתנות פֿאַרן אַרכיערעי, צוזאַמען מיט די תּפֿילות צו גאָט...

חנה קען נישט פֿאַרטראָגן דעם פּאַנס בליקן, וואָס שטעכן זיך אַרויס פֿון זיינע פֿאַרריסענע וואָנצעס און פֿאַלן אויף באַשעס פּנים. זי וויל, אַז ער זאָל אַרויסגיין פֿון קראָם, נאָר זי וואַגט נישט געבן אים דאָס צו פֿאַרשטיין.

נעמט זי זיין חשבון, פּרוווט נאָך אַמאָל איבעררעכענען דעם רע־כענונג און פֿרעגט שטיל צי דער פּאַן האָט נישט פֿאַרגעסן נאָך עפּעס צו באַשטעלן.

חיים מישט זיך נישט אַריין אין שמועס; ער שטייט אין שטוב, קוקט זיך איין דורך דער גלעזערנער טיר אין קראָם אַריין, רויכערט זיין ליול־קע און לאָזט לאַנגזאַם אַרויס דעם רויך. ער נעמט נישט אַראָפּ זיין בליק פֿון באַשען, ווי זי שטייט די גאַנצע צייט אין קראָם און פּאַן מיקולסקי גייט נישט אַוועק: „אַ דערוואַקסן מיידל, — עס גייט שוין איר, מיט מזל, דאָס זעכצנטע יאָר, און מער ווי אַ גוי, אַ פּריץ, זעט מען דאָ נישט פֿאַר די אויגן".

וואָרט חיים ביז מיקולסקי גייט אַוועק, און קומט אַריין אין קראָם, געזעגנט צו צו חנהן, טוט אַ קוק אויפֿן ווייב, באַטראַכט ווי די פֿולע פֿאָ־

ליצעס בייגן זיך אונטער דער סחורה און זאָגט שטיל: „דאָס מיידל איז שוין אַוועקגעגאַנגען...״

חנה קוקט זיך אַרום און זעט, אַז באַשע איז שוין אַריין אין שטוב. הערט זי זיך איין ווי חיים רעדט איבער, וואָס ער האָט פריער געזאָגט:

— קיין עין־הרע נישט, אַ דערוואַקסן מיידל.

ציט זי דעם שמועס ווייטער:

— צייט זען אַ שידוך...

— דאַנקען גאָט, דערלעבט — שפּאַרט זיך אָן חיים אויפן טיש און טראַכט: „אַ חתן פאַר באַשען, אַ מלמד פאַר די ייִנגלעך״.

— און אַ שידוך דאַרף מען זוכן פון דער פרעמד — מאַכט חנה קלאָר פאַר דעם מאַן, און זי אַליין לאָזט עס אויך נישט אַרויס פון זינען. ביינאַכט אויפן געלעגער טראַכט זי וועגן באַשען און פאַרגעסט נישט, אַז ברכה איז בלויז מיט צוויי יאָר ייִנגער און זי דערמאָנט עס חיימען אין אָוונט, ווען זי זיצט מיט אים ביים טיש, ביי אַ גלאָז טיי.

אויפן טיש שטייט דער גרויסער סאַמאָוואַר. דורך די אָפענע פענצטער בלאָזט אַריין די קילע זומערדיקע לופט; חנה גיסט אָן פאַר חיימען נאָך אַ גלאָז טיי, רוקט צו נענטער צו אים דעם צוקער, טוט אַ קוק אין קראָם און זאָגט:

— זעסט, ווי עס קומט דער אָוונט, זענען שוין דאָ די לערער, קויפן איין פּעקל פּאַפּיראָסן און שטייען אָפּ מיט דעם מיידל דריי שעה...

— און איך זע דאָס נישט, — לאָזט חיים רואיק און אויסגעצויגן אַרויס דעם רויך פון מויל און טאַפּט זיין קורצע באָרד.

חנהן פאַרדריסט, וואָס חיים ענטפערט אַזוי געלאַסן, זאָגט זי שאַרפער:

— דו מעגסט אַ טאָג אַוועקפאָרן קיין סלאָנים און נישט קויפן קיין סחורה.

— און מיך אַרט דאָס נישט, — האַלט זיך איין חיים, ער זאָל נישט ענטפערן צו האַרב דעם ווייב; ביי זיך אַליין טראַכט ער אָבער שאַרף:

— שוין אַריבערגעשפּאַנט פערציק, געננוג געזוכט פּרנסה, עס איז צייט צו אָנהייבן טראַכטן פון אַ תכלית פאַר די קינדער.

* *
*

און חיים האָט נישט געוואַרט ביז חנה וועט אים נאָכאַמאָל דער־זאָגן, נאָר ער איז אויפגעשטאַנען דיגסטיק אינדערפרי, אָפּגעדאַוונט מיט כוונה, אָפּגעזאָגט מיט האַרץ אַ קאַפּיטל תהלים, דאָס מזל פון דעם דריטן טאָג פון וואָך זאָל אים ביישטיין, גענומען עפּעס אין מויל אַריין, אָנגעטון דעם יום־טובדיקן קאַפּטן, אויסגעצויגן די פּאות, אויסגעקאַמט די באָרד און איז אַוועקגעפאָרן אין שטאָט.

דעם גאַנצן וועג האָט חיים געטראַכט ווי אַזוי ער וועט רעדן צום ראש ישיבה; ער וועט אים דערציילן, אַז פּרנסה איז, דאַנקען גאָט, פאַ־ראַן לרוב. דאָס שטיקל ברויט גייט אָבער נישט איין; מען וווינט צווישן גויים. ער אַליין האָט קיין סך נישט געלערנט, — אַמאָל האָט ער נישט געטראַכט פון דעם, זיך געיאָגט נאָך דער חיונה, אָבער איצטער, אַז די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, מען דאַרף זוכן אַ חתן פאַר דער טאָכ־טער, זעט ער אַז פּרנסה איז פאַראַן, נאָר עס פעלט תורה. בעט ער דעם רבין, ער זאָל געפינען אַ בחור פאַר זיין עלטערער טאָכטער באַשע. ער וויל נעמען אַן איידעם, וואָס זאָל קאָנען לערנען.

און אַז חיים איז געזעסן אויפן וואָגן און זיך איינגעקוקט ווי דער וועג יאָגט זיך גרינג אַוועק ביי דעם פערד פון אונטער די פיס, אַרום און אַרום ציען זיך ווייך און שטיל די פעלדער, קריכן אַריין אין וואַלד; האָט ער מיט אַ זיסן ווייטיק פאַרטראַגן די חרפּה, וואָס ער קאָן נישט לערנען און גרינג אַרויסגעלייגט זיינע רייד, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַרן ראש־ישיבה.

אַז חיים איז אָבער געקומען קיין סלאָנים, אַרויף אויפן שול־הויף, האָט דערהערט ווי מען לערנט אין די בתי־מדרשים, האָט זיך אים אויס־געדוכט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן ווייט, ווייט אין דער פרעמד — אַלע קוקן אויף אים און וואונדערן זיך נאָך וואָס איז ער געקומען אַהער, און אים איז געוועזן שווער אַריינגיין צום ראש־ישיבה. ער האָט קוים איבער־געטראָטן די שוועל, זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר און מער ווי דעם „גוט מאָרגן, רבי", נישט געקענט אויסריידן.

ר' יהודה דער ראש־ישיבה איז געזעסן ביי זיך אין חדר און גע־לערנט און ער האָט נישט באַמערקט ווי חיים איז אַריין צו אים. אַז ער האָט דערהערט דעם „גוט־מאָרגן", האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון גמרא, צוגעטראָגן די האַנט צו דער גרויסער באָרד און שטרענג אַ קוק

געטון אויפן פרעמדן יידן. אַז ער האָט אָבער דערזען דעם ציטער, וואָס קאָרבט זיך ביי דעם יידן אויפן פּנים, האָט ער אים ווייך צוגערופן צו זיך, געגעבן שלום און געבעטן זיך זעצן:

— פון וואַנען איז אַ ייד?

— פון זשירעווע.

— פון זשירעווע? דאָס איז דאָך נישט ווייט פון דאַנען, אויפן וועג קיין בוטען. — און דער ראש־ישיבה האָט אַ זיפץ געטון: — יידן דאַרפן דאָרטן נעבעך זיצן אין אַזאַ טומאה, נעבן אַזוי פיל קלויסטערס...

— יאָ, רבי, — ענטפערט חיים מיט אַ געציילט וואָרט.

— איז פרנסה כאָטש פאַראַן?

— פרנסה איז, דאַנקען גאָט, פאַראַן; תורה פעלט אָבער, — שיילן זיך אויס ביי חיימען פרייער די ווערטער.

— אַ ייד טראָגט אויף זיך די תורה אומעטום ווו ער זאָל נישט זיין; באָרד און פאות, טלית און תפילין, מען מאַכט אַ ברכה... און... — הייבט אויף דער ראש־ישיבה זיין האַנט צום שטערן און טוט אָן טיפער די יאַרמולקע, — און ווער קען עס דערגיין דעם סוף...

חיים ווישט אָפּ דעם שווייס פון שטערן און אים איז נישט שווער צו דערציילן נאָך וואָס ער איז געקומען צום רבין.

ער הייבט אָן אַזוי צו זאָגן:

— רבי, איך בין געקומען צו אייך, איר זאָלט אויסקלויבן אַן איי־דעם פאַר מיין עלטערער טאָכטער באַשע. איך וועל אים אויסקליידן, אַריינגעמען אין שטוב און געבן קעסט, ער זאָל קאָנען זיצן און לערנען...

— אָבער, — זאָגט שטיל ר׳ יהודה, פאַרמאַכט די גמרא און גלעט ווייך די באָרד...

— פאַר אברהם־יאַנקל דעם רבס אַן אייניקל — רעדט אַרויס חיים מיט ציטער און ערפורכט דעם טאַטנס נאָמען.

— ר׳ אברהם־יאַנקל זצ״ל איז געווען אייער טאַטע?

— יאָ, מיין טאַטע, — רעדט אויס חיים נאָך שטילער און שעמט זיך, וואָס ער האָט בלויז איבערגענומען פון דעם טאַטן דעם יחוס, און נישט זיין תורה.

באַרואיקט אים דער ראש־ישיבה:

— איך זע, אַז די מידות, וואָס דער טאַטע עליו השלום האָט איינ־

געפלאַנצט אין אייך, זענען נישט אַוועק לאיבוד. אָט־אָ זענט איר געקו־מען זוכן אַן איידעם אַ לערנער...

חיים ווייסט נישט ווי צו באַדאַנקען דעם ראש־ישיבה פאַר די טרייסט־רייד, קוקט ער אויף די ווייסע הענט, וואָס ר׳ יהודה האָט אויס־געצויגן אויפן טיש, באַטראַכט די ספרים, וואָס זענען אויסגעשטעלט אַרום די ווענט, און שווייגט.

דער ראש־ישיבה האָט דערקענט אין חיימס בליק די גרויסע בענ־קעניש, וואָס ער טראָגט אין זיך צו אַ ספר; האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן רעדן, אַזוי צו זאָגן:

— תורה, וואָס וואָלטן מיר יידן, חס ושלום, געטון אָן דער תורה. אָבער אַ קאַפּיטל תהלים, אַ פּרק משניות — איז אויך תורה. הלוואי וואָלט דער רבש״ע צוגעשיקט זיין פאָלק ישראל וואָס מען קען ביי אים אויסבעטן מיט אַ קאַפּיטל תהלים. — און ער האָט אַרויסבאַגלייט חיימען.

— פאָרט געזונטערהייט אַהיים; איר וועט, אם ירצה השם, הערן.

***

אַז חיים איז געקומען אַהיים, האָט ער זיך נישט געאיילט אויסטון זיין יום־טובדיקן קאַפּטן, און אַזוי יום־טובדיק מיט פרייד האָט ער שטי־לערהייט איבערדערציילט פאַר חנהן, ווי דער ראש־ישיבה האָט מיט אים גערעדט, ווי ער איז געזעסן ביים טיש נעבן ר׳ יהודה, אָט אַזוי, ווי ער רעדט איצטער מיט איר, און דער ראש־ישיבה האָט אים אַרויסבאַגלייט ווי אַן אייגן קינד. אַז עס האָבן זיך אויסגענומען דעם ראש־ישיבהס רייד, וואָס ער האָט געבראַכט אַהיים, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן מיט בענ־קעניש, ווי אַזוי מען זיצט אין בית־המדרש און מען לערנט, און אַ זיפץ געטון:

— אַז דו פאָרסט נאָך סחורה, זעסטו דאָס גאָרנישט!

און שפּעטער, ביינאַכט, ווען אין שטוב איז געוואָרן שטיל, האָט זיך חיים נישט געאיילט לייגן שלאָפן. ער האָט אַרויסגענומען דעם עין־יעקב פון אַלמער, זיך אַוועקגעזעצט אין זיין יום־טובדיקן אָנטון ביים טיש און אַריינגעקוקט אין ספר. די ווערטער זענען אָבער געלעגן איבער די ברייטע צעשוואומענע שורות, ווייטע, פרעמדע; און אַז עס האָט אויפגעלויכטן אַ טייטש, איז דאָס וואָרט דערטרונקען געוואָרן אין די געדיכטע שורות,

וואָס ער האָט דעם פּירוש המלות נישט פאַרשטאַנען, און אַ פינצטערניש האָט אים פאַרצויגן די אויגן. ער האָט לאַנגזאַם אָפּגערוקט פון זיך דעם ספר, און אַ קוק געטון אויפן לאָמפּ. דאָס פייער שיינט ליכטיק איבער דער שטוב, נאָר אים איז טונקל אין די אויגן.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער טראָגט נאָך אַלץ די יום־טובדיקע קליידער, איז ער אין כעס געוואָרן אויף זיך: פאַר וועמען נעמט ער זיך איבער?! און ער האָט אויסגעטון פון זיך דעם קאַפטן.

חיים האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביים טיש. ווידער געעפנט דאָס ספר, די ווערטער האָבן אָבער איצטער געקוקט אויף אים פרעמדער און ווייטער ווי פריער, און אַ טיפער ווייטיק האָט אים אַרומגענומען, גלייך ווי ער וואָלט געזען אַז עפּעס נאָענטעס, אייגנס אָנטרינט פון אים; האָט ער שוין מער נישט געקענט פאַרבאָרגן זיין ווייטיק און אַרויסגעלאָזט אַ געוויין;

— רבונו־של־עולם, פאַרוואָס בין איך אַזוי פאַרשעמט געוואָרן?

זיין געבעט האָט זיך אויסגעצויגן אין דעם טיפן אומעט פון שטוב, ווי דער ווידערקול פון חצות, וואָס זיין טאַטע, עליו השלום, האָט אָפּגע־ריכט אַמאָל אויפן נידעריקן בענקעלע ביי זיך אין ענגן חדר; האָט חיים אָנגעטון דעם וואָכעדיקן קאַפטן, איבערגעקערט די שטול, גענומען דעם תהלים, און זיך אַוועקגעזעצט נידעריק צו דער ערד און אָנגעהויבן זאָגן מיט האַרץ און מיט געבעט אַז דער אויבערשטער זאָל אים ענטפערן אויף די לויטערע רייד, וואָס ער, חיים, זיין קנעכט, האָט היינט געהערט ביי דעם ראש־ישיבה.

אין שטוב זענען שוין אַלע געשלאָפן, חוץ באַשען, וואָס איז גע־לעגן, אַ וואַכע, אויף איר געלעגער ביי זיך אין קאַמער און זיך איינגע־הערט, ווי דער טאַטע זיצט אַליין ביים טיש. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער טאַטע האָט נישט אומזיסט אָנגעטון די יום־טובדיקע קליידער און איז אַוועקגעפאָרן קיין סקאַנים. ער איז געפאָרן זען אַ חתן. און זי האָט זיך צוגעהערט מיט אַ שאַרפער אָנשטרענגונג מיט כעס צו יעדן ריר און קער, וואָס דער טאַטע מאַכט אין שטוב, און געזוכט נאָך עפּעס דערגיין, זיך מערער דערוויסן, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס אָפּנעמען, וואָס מען האָט ביי איר אַוועקגערויבט.

אַז זי האָט אָבער דערהערט דעם טאַטנס שטילן געוויין, איז איר

דער טאַטע געוואָרן ליב און נאָענט און זי האָט געוואָלט צולויפן צו אים און זאָגן: „טאַטע, וויין נישט, איך ווייס אַלץ”, נאָר זי איז נישט אַראָפּ פון בעט; זי האָט געציטערט אַ קוק טון ווי דער טאַטע וויינט, און זי האָט זיך אַליין פונאַנדערגעווײנט; זי האָט איינגענורעט איר קאָפּ אין קישן און זיך איינגעהערט ווי דער טאַטע זאָגט מיט אַן אומעטיקן ניגון תהלים; און פון אירע וואַרעמע טרערן, און פון דעם טאַטנס קול איז איר געוואָרן גרינגער, און זי איז איינגעשלאָפן מיט אַ ווייכן שלאָף, גלייך ווי אַ שטילער געבעט וואָלט זי איינגעוויגט.

***

חיים האָט אָנגעהויבן פאָרן אָפטער קיין סלאָנים מיטן אויסרייד, אַז עס פעלט אין קראָם; נאָר קיין סחורה האָט ער נישט געבראַכט; ער האָט זיך געזאַמט אין שטאָט, זיך נישט געאיילט פאָרן אַהיים, גערעדט יום־טובדיק מיט מענטשן, אָנגעקוקט פון ווייטן די בחורים — די לערנער, זיך פונאַנדערגעפרעגט; און אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער לאַנג גערעדט מיט חנהן און שטיל דערציילט איר: דער ראש־ישיבה קען זיך נישט אָפּלויבן פון אים, אַ לערנער; ער האָט שוין געקאָנט האָבן סמיכה, נאָר וויל נישט; נעבעך אַ יתום, אָן אַ מאַמען, — האָט חיים אַ זיפץ געטון און אַנטשוויגן געוואָרן.

חנה האָט אַ ציטער געטון: „אָן אַ מאַמען”, און שטיל פאַרבאָרגן אין זיך האָט זי גענומען אויף זיך דעם חוב, ווי מען בעט אויס אַ געבעט, אַז זי וועט זיין די מאַמע, זי וועט אים אָפּהיטן, ווי איר אייגענע טאָכטער, באַשע; זי האָט נאָך עפּעס געפרעגט ביי חיימען און באַהאַלטן וואָס ער האָט איר געענטפערט, אַ פרעמד אויג זאָל ח״ו קיין עין־הרע נישט געבן.

דער סוד איז אָבער אַרויסגעקראָכן פון די רייד, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן גערעדט צווישן זיך, פון די ווערטער, וואָס באַשע האָט באַהאַלטענערהייט געהערט, און עס איז פלוצלינג קלאָר געוואָרן אין שטוב: „זיי קומען מאָרגן אָנקוקן”.

די מאַמע איז אַריינגעגאַנגען אינדערפרי צו באַשען אין קאַמער, זיך אַוועקגעזעצט ביי איר אויפן בעט, אָנגעבויגן דעם קאָפּ צום קישן און שטיל געפרעגט:

— דו שלאָפסט נאָך?

באַשע האָט זיך אויסגעצויגן אויפן געלעגער, געעפנט די אויגן, אַ קוק געטון אויף דער מאַמען, פאַרמאַכט זיי צוריק און זיך צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע ביזן האַלדז.

— עס איז דיר קאַלט, מײן טאָכטער? עס איז דאָך זומער אויף דער װעלט... — האָט די מאַמע װײך אויסגערעדט די װערטער. — שטײ אויף, מײן קינד, װאַש זיך אַרום, טו אָן דײן נײ קלײד, אַט אַזוי װי מען דאַרף זיך באַװײזן פאַר פרעמדע מענטשן. — זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, גלײך װי זי װאָלט געװאָלט אַ קוש טון באַשען, און שטיל און װײך געזאָגט:

— זײ קומען הײנט, זאָל זײן אין אַ גוטער מזלדיקער שעה.

באַשע האָט געהערט, װי די מאַמע רעדט צו איר, און איר האָט זיך געדוכט, אַז זי זעט, װי עס באַװײזן זיך טרערן בײ דער מאַמען אויפן פּנים, האָט זי איבערגעחזרט: „איך װעל אָנטון דאָס נײע קלײד", נאָר די װערטער האָבן איר געקלונגען װי אַ װײטע געשיכטע, װאָס איז לאַנג, לאַנג מיט יאָרן צוריק פאַרלאָפן מיט עמיצן אַנדערש און נישט מיט איר; איז זי געבליבן ליגן אין בעט, אַ פאַרטראַכטע, פאַרצויגן מיט אַן אומעט, און זיך געמאַטערט צוריק אײנשלאָפן.

איבערן הויז איז דער טאָג געװאַקסן אַ װאַכער, אַ טומלדיקער; האָט באַשע נישט געקענט אײנליגן אין בעט. איז זי אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן זיך אויסצירן אין די נײע קלײדער.

אַז זי האָט אָבער אַ קוק געטון אין שפּיגל און דערזען װי זי שטײט אין דעם נײעם שװאַרצן קלײד מיט דער בלויער קאָפּטע, װאָס שפּאַרט אַרויס מיט די הויכע בופעס, װי אַ פרעמדער מלבוש, און די קינדער טרעטן נישט אָפּ פון איר, האָבן זיך געשטעלט טרערן בײ איר אין די אויגן און זי איז אַרײן צו זיך אין קאַמער, זיך אַװעקגעלײגט צוריק אין בעט און אײנגענורעט דעם קאָפּ אין קישן.

**

אין אָװנט זענען אָנגעקומען די מחותּנים. מען האָט זײ אויפגענומען װי גרױסע, אָנגעלײגטע געסט, אויף װעמען מען האָט שוין לאַנג אויסגעקוקט. די מחותּנים זענען אָבער געזעסן בײם טיש װײטע, פרעמדע, און

אַזוי ווייט און פרעמד זענען געקראָכן די רייד, וואָס האָבן געוואָלט פאַר־בינדן אַ וואָרט מיט אַ וואָרט. חיים איז געשטאַנען אינמיטן שטוב און אים האָט זיך געדוכט, אַז זיין ביי היטל שטייט אָפּ ביי אים פון קאָפּ, האָט ער אַ פּאָר מאָל איבערגעטאַפּט דעם דאַשעק, און געפּרוווט עפּעס זאָגן. נאָר די ווערטער זענען אויסגעגאַנגען אין דער שטילקייט, וואָס האָט זיך געקנאָטן איבער דער שטוב.

חנה האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן אין איר פרייד; אירע ווערטער האָבן אויסגעשפּראָצט פון איר גרויס נחת. זי האָט דערמאָנט חיימען, אַז ער דאַרף זיך אָוועקזעצן ביים טיש און זי האָט נישט פאַרגעסן אויף די מחותנים: „אַזאַ לאַנגן וועג געפאָרן, דאַרף מען עפּעס נעמען אין מויל", און זי האָט אָנגעהויבן גרייטן צום טיש פון אַלדאָס גוטס; זי האָט דער־לאַנגט די טייגעכצן, די טאָרטן, וואָס זי האָט אַליין אויסגעבאַקן, און גע־פרייט זיך וואָס עס האָט זיך, דאַנקען גאָט, איינגעגעבן; זי האָט גע־בראַכט פון קראָם פולע טעלער מיט ניס און מאַנדלען, פלוימען און שיפּ־טאַלן און איבערגעחזרט, אַז זי האָט דאָס גענומען פון דער אייגענער קראָם און בעת־מעשה, באַהאַלטענערהייט, אַ קוק געטון אויפן בחור; איר האָט זיך אָבער די גאַנצע צייט געדוכט, אַז זי האָט אים נישט געזען און זיין פּנים איז צעשוווּמען געוואָרן פאַר אירע אויגן.

חיים האָט געטראַכט, אַז חנה נעמט זיך צופיל איבער מיט איר רחבות, האָט ער אַ זיפץ געטון:

„נאָר מען ווינט צווישן גויים. אמת, פריצים, לערער, פּראָפעסאָרן, אָבער..." און דער דינער טרויער, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביי חיימען אויפן פּנים האָט אויפגעלייזט די פרעמדקייט, וואָס איז געלעגן שווער אויפן טיש און מען האָט גאָרנישט באַמערקט ווי די געסט זענען געוואָרן באַרעדעוודיקער, ווי אייגענע נאָענטע מענטשן, און עס האָט זיך געשפּו־נען אַ וואָרט צו אַ וואָרט און מען האָט גאָרנישט געוווּסט ווער האָט דאָס געזאָגט:

— אַז מען האָט אַ יידיש האַרץ, איז מען אומעטום אַ ייד... ווער האָט זיך דאָס געריכט, אַז דאָ, אין זשירעווע, זאָל ווערן אַ יידישער ישוב, כן ירבו...

— אַזויפיל מאָל געפאָרן קיין סלאָנים און גאָרנישט געוווּסט. אַז

דאָ שטייט אייער קראַם, — זשאַלעוועט עפּעס יצחק, דער מחותן פון בוטען.

— אָבער די טומאה, — רעדט אויס שטיל חיים, — אַז זיי גייען אַרויס מיט די אַניצעס פון קלויסטער, ווערט די גרויסע קראַם ענג.

חיים וויל ווייטער ציען דעם שמועס און רעדן מיט ישראלן, דעם חתן, וועגן תורה. ער האָט זיך אָבער איצטער געכאַפּט, אַז ער האָט גאָר־נישט געוווסט, ווי ווייט ער איז פון לערנען. יעדעס וואָרט וואָס ער וויל זאָגן, לייגט זיך אַוועק שווער אויפן צונג, עס פאַלט אַרויס אַן אות און ער האָט מורא, אַז ער וועט אַרויסזאָגן דעם פּסוק מיט אַ גרייז.

איז חיים אַנטשוויגן געוואָרן; ער איז געזעסן ביים טיש און געביסן דעם ציבעק פון זיין ליולקע, לאַנגזאַם אַרויסגעלאָזט דעם רויך און אויס־געקוקט עמיצער אַנדערש זאָל עפּעס זאָגן.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט נעבן זיך אַזוי נאָענט, ווי מען וואָלט אים אַ גלעט געטון די באָרד: „ר׳ חיים!"

זיין אייגענער נאָמען האָט זיך אויסגעצויגן פאַר אים ווייט און פרעמד און ער האָט אַ ציטער געטון. ער איז דער מחותן; ער טאָר נישט זיצן און שווייגן — ער זאָל נישט פאַרשעמען זיין טאָכטער און נישט אָנטון קיין חרפּות פרעמדע מענטשן — ער דאַרף רעדן מיטן חתן...

האָט ער זיך צוגערוקט צו ישראלן און אַ זיפץ געטון:

— שווער, שווער דער יאָך; מען ווערט אַפילו מיד פון לערנען תורה...

און ר׳ חיים האָט געוואַרט, אַז ישראל זאָל ווייטער ציען דעם שמועס.

ישראל ווייסט אַליין, אַז ער דאַרף עפּעס ענטפערן אויף די רייד, נאָר אים איז שווער עפּעס צו זאָגן.

ער וויל זיך אָפּרוקן אַן אַ זייט פון די ליכטיקע פייערן, פון דעם כיבוד, וואָס נעמט זיך איבער אויפן טיש, און זאָלן זיי, די מחותנים, רעדן צווישן זיך.

ער זעט אָבער ווי זיין טאַטע קוקט אויף אים און בעט עפּעס מיט זיין מידער דערשלאָגנקייט, די שטיף־מאַמע דרייט איבער דעם טשעפּעק אויפן קאָפּ, רוקט אים צו עפּעס פון דעם כיבוד און דערמאָנט:

— ישראל, דו האָסט נאָך גאָרנישט פאַרזוכט...

און ישראלן דוכט זיך אַז זי, די שטיף־מאַמע, וואָס איז אויסגעמאַ־טערט פון טראָגן איר שווערן אָנגעגאָסענעם גוף, דערמאַנט אים: „ווען איך בין אָנגעקומען צו דיין טאַטן, ביזטו געווען אַן עופּהלע, געטראָגן דיך אויף די הענט, געהאָדעוועט דו זאָלסט קאָנען לערנען תורה״, און זי וויל זיך איצטער פרייען מיט איר נחת.

האָט ער פּלוצלינג אָנגעהויבן רעדן צו ענפערן ר׳ חיימען.

— עס איז פאַראַן אַ לערנען, וואָס מען לערנט פאַר יענעם, און פאַראַן, וואָס מען לערנט פאַר זיך. אַז מען לערנט פאַר יענעם, איז דער יאָך שווער און מען ווערט פאַרמאַטערט; אַז מען לערנט אָבער פאַר זיך...

— זענען ישראלס רייד אויסגעגאַנגען אין אַ שטילן ניגון, און ער האָט אַ קוק געטון אויף ר׳ חיימען גלייך ווי ער וואָלט דערמאַנט, מען זאָל אים פאַרהערן, אָט אַזוי ווי עס פירט זיך דער מנהג העולם.

ר׳ חיים האָט אָבער נישט פאַרהערט ישראלן; ער האָט נישט גע־וואָלט מיטן אָנשטעל פון פאַלשע רייד פאַרדעקן זיין נישט קענען לער־נען, נאָר ער האָט געעפנט זיין האַרץ פאַר די מחותנים, און דערציילט ביים טיש ווי ער האָט דאָ אין זשירעוווע אויסגעבויט די ערשטע יידישע שטוב, ווי אַזוי ער האָט מיט זיין אייגענער מי און פראַצע פאַרדינט זיין חיונה. — און איצטער, — האָט ר׳ חיים זיך נישט געשעמט צו זאָגן, — איצטער דאַרף מען זען אַז די שטוב זאָל נישט פאַרפרעמדט ווערן פון גאָטס תורה...

חנהן איז אָבער נישט איינגעגאַנגען די פרייד, וואָס די רייד האָבן געשפּרייט ביים טיש, ווייל זי האָט געוווסט אַז באַשע וויל נישט אַרויס־גיין פון קאַמער, האָט זי נישט געקענט אָפּמאַכן ביי זיך, זאָל זי זאָגן חיימען וועגן דעם, אָדער אַליין אַריינגיין אין קאַמער און פּרווון נאָכאַ־מאָל רעדן מיט דעם מיידל.

באַשע איז געזעסן ביי זיך אין חדר און אַיינגעטענהט מיט זיך אַליין, און זיך איינגעשפּאַרט פאַר דער מאַמען:

— איך וועל נישט אַרויסגיין...

די מאַמע איז געשטאַנען נעבן איר און איינגערעדט איר:

— פרעמדע מענטשן.

האָט באַשע געענטפערט מיט כעס:

— זאָלן זיי אַוועקפאָרן...

האָט זיך חנה דערשראָקן: „אַן עין־הרע געגעבן; דאָס מיידל איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אין דעם שוואַרצן קלייד, האָבן פרעמדע אויגן זי אויפגעגעסן...״ און זי האָט אָנגעהויבן וועקן רחמנות ביי דער טאָכטער:

— ער איז, פאַר נישט קיין יידן געדאַכט, אַ יתום, און אַ יתום טאָר מען נישט פאַרשעמען...

הערט זיך איין באַשע צו עמיצן אַנדערס אומגליק און גיט זיך אונ־טער דער מאַמעס ווייכע הענט, וואָס גלעטן איר פּנים. זי לאָזט זיך צע־קאַמען די האָר, אויסגלייכן דאָס קלייד און גייט אַרויס צוזאַמען מיט דער מאַמען פון קאַמער.

אַז זי איז אַריין אין שטוב, זענען אירע אויגן פאַרבלענדעט געוואָרן פון דעם ליכט פון די בליצלאָמפּן און זי האָט זיך אַ וויג געטון פון די פיס. האָט די מאַמע אָנגענומען זי פאַר דער האַנט און צוגעפירט צו דער שטול וואָס איז געשטאַנען ביים טיש.

באַשען האָט זיך אָבער געדוכט אַז זי זיצט אינמיטן שטוב און אַלע קוקן זיך איין אויף איר און זי האָט נישט ווו צו באַהאַלטן זיך פון די פרעמדע בליקן, האָט זי פאַרמאַכט די אויגן און אויף איר פּנים האָט זיך פאַרצויגן אַזוי טיף אַ בלאַסקייט, אַז עס האָט אָפּגעשלאָגן ווי אַ לויטער־קייט אויף דעם קלייד.

ביים טיש איז פּלוצלינג שטיל געוואָרן און די שטילקייט האָט פאַר־צויגן אַ דינעם ציטער איבערן שטוב.

חנה האָט געפּרוווט עפּעס זאָגן, נאָר אירע ווערטער זענען אויסגעג־גאַנגען ווייטער פון טיש און זי האָט זיי אַליין נישט געהערט; זי האָט געזען, אַז חיים וויל איר מיט עפּעס העלפן; ער זאָגט אַ וואָרט, נאָר איר האָט זיך געדוכט, אַז ער רעדט נישט צו דער זאַך.

ישראל האָט זיך דערזען אַזוי אָפן און קלאָר ווי מען וואָלט אים אַרומגעשטעלט מיט גרויסע ליכטיקע שפּיגלען, און ער, צוזאַמען מיט די איבעריקע מענטשן קוקן אויף זיין אָפּגעטראָגענעם קאַפּטן און האָבן רחמנות אויף זיין אָרעמקייט, האָט ער זיך געוואָלט אָפּרוקן אָן אַ זייט, נאָר ער האָט זיך נישט געקענט רירן פון אָרט.

אים איז אָבער געוואָרן גרינגער, וואָס זיין היטל האָט זיך אַראָפּ־געררוקט אויפן שטערן און פאַרשטעלט זיין פּנים. און פון אונטער דעם ברייליעק, ווי דורך אַ שמאָלן שיין פון ליכט, האָט ער זיך איינגעקוקט

אויף באַשען און געזען ווי אירע שוואַרצע האָר זענען ווייך פאַרקאַמט אויפן קאָפּ, און דאָס פּנים איז אַ לאַנגער, אַ בלאַסער.

חנה האָט איבערגעשטעלט די מאכלים אויפן טיש, אַריין אין קיך, דערזען די טאַץ מיט קעלישקעס, נישט געטראַכט נאָך וואָס זי איז גע־גאַנגען אַהין, גענומען די טאַץ און צוגעטראָגן צום טיש און אָנגעהויבן פאַרענטפערן זיך:

— מען האָט נאָך גאָרנישט פאַרזוכט...

רב חיים האָט געקוקט אויף ישראלן, אויף באַשען און געטראַכט: „אַ זווג מן השמים, צו וואָס דאַרף מען נאָך רעדן?" און ער האָט גע־וואָלט זאָגן הויך אויפן קול:

— ער וועט אויסקליידן ישראלן, שרייבן תנאים און צוגרייטן אַ גאַרדעראָב פאַר באַשען.

**
*

און ישראל, דער זון פון יצחק פון בוטען, האָט חתונה געהאַט מיט באַשען, די טאָכטער פון ר' חיים פון זשירעוויע.

די חתונה האָט מען געפּראַוועט ביי רב חיימען אין שטוב; און נאָך די שבע ברכות, אַז די מחותנים זענען זיך שוין צעפאָרן, האָט נאָך רב חיים אַליין נישט אויסגעטון די יום־טובדיקע קליידער, וואָס ער האָט געטראָגן צו דער חתונה, און זיך נישט געמישט אין קראָם. ער האָט גע־וואַרעמט אין זיך די פרייד: שוין אויסגעגעבן באַשען, — ער איז יש־ראלס שווער, און זיך צוגעווינט, ווען מען האָט אים גערופן „רב חיים", אַזוי ווי עס איז אים געווען נאָענט און טייער, בשעת ישראל האָט אים געזאָגט „שווער"...

נאָר אַז רב חיים איז צוריק אַריינגעצויגן געוואָרן אין קראָם, אָנ־געהויבן אויסשטעלן די רשימות פון סחורה, האָט ער געזען, אַז עס דאַרף אַזוי נישט זיין — עס טאָר זיך אַזוי נישט פירן, ווי עס פירט זיך ביי אים אין שטוב. ער האָט עס געוואָלט זאָגן חנהן, נאָר איידער ער האָט אַרויסגעבראַכט אַ וואָרט פאַר עמיצן אַנדערש, האָט ער זיך אויסגע־טענהט מיט זיך אַליין:

— חיים, וואָס ווילסטו? עס פעלט דיר פּרנסה? האָסט נישט גע־טראָפן מיטן איידעם?

דערשרעקט זיך רב חיים, — אפשר זינדיקט ער טאַקע און מאָנט

צו פיל! זאָגט ער גאָר נישט און גייט אַרום רואיק און געלאַסן איבערן שטוב; ער קאָן אָבער נישט פאַרלייקענען דעם חשבון, און עגבערט זיך אַליין:

„געבומען אַן איידעם אַ לערנער, אַזוי ווי זיין האַרץ האָט געגלוסט, ווי זיין טאַטע ע"ה וואָלט אויסגעקליבן; האָט ער געמיינט, אַז ישראל וועט זיצן און לערנען, צום סוף שטייט דער אַלמער ספרים אַ פאַרמאַכ־טער; דער ש"ס, וואָס ער האָט געקויפט פאַר ישראלן, ליגט אַ נייער; עס גייען אַוועק טעג און ישראל נעמט נישט קיין גמרא אין האַנט; און טאָמער עפנט ער אַ ספר, קוקט ער מיט שטומע ליפּן, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרבאָרגן נאָך טיפער זיין פאַרבאָרגעניש".

וויל זיך רב חיים דורכרעדן מיט ישראלן; ער וועט ביי אים נישט מאָנען; פאַרקערט, פאַרענטפערן זיך; בלויז זאָגן אים: „עס דאַרף אַזוי נישט זיין!"

נאָר רב חיימען דוכט זיך, אַז פאַר דער חתונה איז אים געווען גרינגער צו רעדן מיט ישראלן ווי איצטער, ווען ער איז שוין געוואָרן זיין איידעם. רעדט ער נישט קיין סך ווען ער שטייט אין קראָם, דער־מאָנט נישט זיין איידעם פאַר פרעמדע מענטשן, מען זאָל נישט מיינען, אַז ער נעמט זיך איבער מיט אים, און היט זיך פאַר אַן איבעריקן וואָרט, ווען ער זיצט מיט ישראלןביים טיש.

נאָר איין מאָל אין אַ זומערדיקן טאָג, ווען אין קראָם איז געווען שטיל די לייזונג, און רב חיים איז געזעסן אויפן גאַנעק און געדרעמלט, האָט ער פלוצלינג דערהערט ווי ישראל לערנט אין קאָמער מיט אַ ווייכן אויסגעצויגענעם ניגון.

רב חיים האָט אַ ציטער געטון, זיך אויפגעהויבן פון אָרט און איז צוגעגאַנגען צו דער קאָמער און שטיל געעפנט די טיר. נאָר ער איז נישט אַריין אין חדר, און איז געבליבן שטיין פון ווייטן, ער זאָל נישט אי־בערשלאָגן זיין לערנען.

אַז ישראל האָט דערזען ווי דער שווער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און פאַרבעטן אים צום טיש; ער האָט צוגע־רוקט אַ שטול, רב חיים זאָל זיך אַוועקזעצן און נאָך אַמאָל איבערגע־חזרט שטיל און אויסגעצויגן:

— שווער, זעצט זיך.

רב חיים האָט זיך אַוועקגעזעצט און געזאָגט שטיל, ווי ער וואָלט פאַר עפּעס באַדאַנקט:

— דו לערנסט, מיין זון? לערן, ישראל, עס ווערט פריילעכער אין שטוב ווען דו לערנסט.

ישראלן איז געווען שווער צו פאַרנעמען דעם גרויסן כבוד, וואָס מען טראָגט אים צו אין שטוב, האָט ער געענטפערט שטיל:

— כ׳קוק אַריין אין ספר, וואָס אַנדערש זאָל איך טון? פאַרן לער־נען קומט אָבער נישט קיין דאַנק; פאַרקערט, איך בלייב גאָר אַ בעל־חוב...

רב חיים האָט אַ זיפץ געטון:

— עס איז אָבער שווער אויסצוקומען, אַז מען קען נישט לערנען...

ישראל קוקט זיך איין אויפן שווער, אויף די גרויע האָר, וואָס שניידן זיך אַרויס פון זיין באָרד; ער זעט דעם יאָך, וואָס רב חיים טראָגט אויף זיך, און ער וויל אים מיט עפּעס טרייסטן און באַרואיקן, זאָגט ער ווייך:

— מען קאָן מיט אַ סך וועגן צוקומען צו גאָטס תורה, אַפילו ווען מען קען נישט לערנען; אַ מענטש באַשיינט זיין פּרנסה, ווען ער עפנט דעם קוואַל פון זיין חיונה פאַר אַן אַנדער מענטשן, גיט צדקה...

רב חיים קען נישט פאַרנעמען ישראלס טרייסט־רייד, זאָגט ער שאַרף:

— איך וויל אָבער, אַז מיין אברהם־יאַנקל זאָל נישט אויסוואַקסן אַזוי, איך וויל, ער זאָל קענען לערנען...

— ער האָט אַ גוטן קאָפּ, — ענטפערט ישראל.

און רב חיים וויל איצטער נישט באַהאַלטן, וואָס ער טראַכט די גאַנצע צייט, און פרעגט ביי ישראלן:

— אפשר וועסטו מיט אים לערנען אַ שעה אין טאָג? איך וועל דעם מלמד נישט אַוועקשיקן, איך וויל אָבער דו זאָלסט מיט אים לער־נען...

ישראל גיט גרינג נאָך:

— ביי טאָג, אַז דער מלמד גייט אַוועק לערנען מיט מרדכיס קינדער, וועל איך אים אַריינרופן אַהער אין קאַמער.

נאָר רב חיים האָט נישט געוואַרט ביז ישראל וועט רופן זיין אברהם

יאַנקל; ער האָט אים אַליין אַריינגעשיקט צו ישראלן אין קאַמער.

און אברהם יאַנקלען איז געפעלן וואָס ער, קוים אַ בר־מצוה, זיצט מיטן שוואָגער אין דעם באַזונדערן חדר ביים טיש, ווי צוויי דערוואַק־סענע מענטשן און רעדן אין לערנען. ער האָט זיך איבערגענומען מיט די שאַרפקייטן, וואָס דער רבי האָט פאַר אים מחדש געווען, איבערגע־הזרט די קשיות, וואָס דער מלמד האָט צוגעגרייט פאַר ישראלן, און גע־קוקט אומרואיק אויפן שוואָגער, ער זאָל אים נישט אָפּפרעגן נאָך שאַר־פער.

נאָר ישראל פרעגט נישט קיין שאַרפע קשיות — מאַכט נישט האַר־בעו׳ דעם ענין; ער זיצט ביים טיש געלאַסן, פאַרדרייט זיין פאַפּיראָס טיטון און קוקט אויפן ייִנגל און טראַכט: „נאָך אַ יונג קינד און איז אַריינגעטון מיט אַזאַ התמדה אין לערנען".

ער לאָזט דורך אַ שווערע פלוגתא, און שפּאַרט זיך גראָדע איין דאָרטן, ווו אברהם יאַנקל איז גערעכט, און דאָס ייִנגל זאָל אים, דעם עלטערן שוואָגער, קענען באַווייזן, אַז ער איז אומגערעכט; ער פאַרציט דאָס לערנען אין אַ שמועס, דערציילט וועגן זייטיקע זאַכן, דאָס ייִנגל זאָל זיך אָפּלערנען גוטע מידות און בעת מעשה פאַרגעסט ער, אַז ער רעדט מיט אברהם יאַנקלען, ווי מיט אַ דערוואָקסענעם מענטשן, מיט זיין גלייכן.

— איך זע, אַז דו מיט דיין יונגן מוח גראָבסט טיף. וויל איך דיר זאָגן, אַז דאָ, אין שטוב, אין דער רחבות, האָט זיך אָפּגעטון ביי מיר דאָס פאַרגעניגן פון לערנען.

ער בייגט זיך אָן איבערן טיש, רוקט אָפּ די גמרא און רעדט שטיל:

— דו פאַרשטייסט, אברהם יאַנקל, דו ביסט שוין, דאַנקען גאָט, אַוועק ווייט אין לערנען. ווייס אָבער, אַז לערנען מיינט נישט נאָך אַ תוספות, אויסטראַכטן אַ נייעם פילפול; לערנען... — פאַרטראַכט זיך ישראל און ווייס נישט ווי צו געבן פאַרשטיין דעם ייִנגל אַזאַ האַרבן ענין, — לערנען מיינט האָבן הנאה פון לערנען, אָט אַזוי ווי אַ קינד פרייט זיך מיט אַ שפּילצייג... אויב דו ווילסט לערנען און איך זע, אַז דו האָסט התמדה, דאַרפסטו נישט בלייבן זיצן אין דער היים; דאָ אין שטוב איז עסן, דאַנקען גאָט, פאַראַן לרוב; עס פעלט נישט קיין בגד! אָבער ווייט אַוועקגיין קען מען נישט; דו דאַרפסט אַוועקפאָרן! — יש־

ראל פילט נישט ווי זיין קול ווערט שאַרפער: — דו ווערסט באַלד בר־מצווה, איך בין שוין צו אַכט יאָר געווען אין דער פרעמד און געגעסן טעג...

אברהם יאַנקל קוקט מיט זיינע אָפענע אויגן אויף ישראלן; אים רוכט זיך אַז ער פאַרשטייט, וואָס ער רעדט צו אים, נאָר די ווערטער זענען אים פרעמד און ווייט. און ער האָט פלוצלינג דערזען, אַז דער שוואָגער איז אַ סך עלטער פון אים און ער ווייס נישט ווי אַזוי צו ענט־פערן אים אויף די רייד. האָט ער געוואָלט אַוועקגיין פון טיש, נאָר ער האָט זיך געשעמט אויפהייבן פון אָרט, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געקוקט אין דער גמרא.

ישראל האָט דערזען דאָס צעטראָגענע פּנים פון דעם ייִנגל און ער האָט געוואָלט פאַרמילדערן זיינע ווערטער, האָט ער אַרויפגעלייגט ווייך די האַנט ביי אברהם יאַנקלען אויפן אַקסל און געזאָגט שטיל:

— דו דאַרפסט נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך. דו לערנסט ביי אַ גוטן מלמד און עס איז נישטאָ וואָס צו שעמען זיך מיט דער לייזונג פון קראָם; פרנסה — איז רחבות, און דחקות מאַכט שפל דעם מענטשן.

ער האָט איצטער נישט באַהאַלטן פון זיך, אַז ווען ער אַליין קען זיך אַוועקשטעלן אין קראָם, אָט אַזוי, ווי דער שווער שטייט לעבן די פּאָ־ליצעס, וואָלט ער אפשר זיך נישט געדאַרפט פאַרענטפערן פאַר זיך און אים וואָלט זיך נישט געדוכט, אַז ער איז שטענדיק בעל־חוב דעם שווער.

אברהם־יאַנקל האָט דערזען ווי די גמרא ליגט אויפן ברעג טיש, האָט ער אויסגעצויגן די האַנט צו דער גמרא. ישראל האָט אים געהאָלפן פאַרמאַכן דעם ספר, אַוועקגעלייגט די גמרא אויפן מיטן טיש און גע־וואָלט זאָגן, אַז ער וועט שוין היינט מער נישט לערנען, נאָר פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון קראָם:

„נישטאָ קיין צוקער אין קעסטל!“

דאָס קול האָט זיך אָפּגעהאַקט פרעמד אין דער שטילקייט פון חדר און זיך ווידער איבערגעחזרט מיטן טומל פון קראָם:

„נישטאָ קיין צוקער!“

ישראלן האָט זיך געדוכט, אַז דער געשריי האָט עפּעס איבערגע־ריסן, וואָס האָט די גאַנצע צייט געפּענטעט דאָ אין קאַמער יעדן ריר זיינעם, און ער האָט אויסגערעדט:

„אין קראָם איז נישטאָ קיין צוקער״.

און אברהם יאַנקל האָט געענטפערט פריי, ווי ער וואָלט עפּעס אָנגעזאָגט: „אין שפּייכלער שטייען פולע זעק מיט צוקער!״

— אפשר ווילסטו אַרויסגיין ברענגען? — האָט ישראל אַ שמייכל געטון, און איידער דאָס יינגל האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש, האָט ישראל זיך אָנגערופן:

— וואַרט, איך וועל אויך גיין מיט דיר, וועל איך דיר העלפן טראָגן...

***

אַז ר׳ חיים האָט דערזען, ווי ישראל טראָגט דאָס היטל צוקער אין קראָם, איז ער צעטראָגן געוואָרן און נישט געקענט איינהאַלטן דעם כעס:

— וואָלט מען פאַרלוירן אַ פונט צוקער לייזונג!

ער האָט אָבער באַהאַלטן זיין פאַרדראָס און שטיל געזאָגט: — דו דאַרפסט נישט טון... — און געוואָלט צונעמען דעם צוקער ביי ישראלן.

— שווער, שווער... — האָט ישראל איבערגעחזרט, ווי ער וואָלט אים פון עפּעס פאַרהיט, און האָט נישט אָפּגעגעבן דעם צוקער. ער האָט רויִק, געלאַסן באַקוקט די קראָם און אַוועקגעלייגט דעם צוקער אויפן אָרט אין קעסטל.

ר׳ חיים האָט אָבער נישט געקענט שווייגן און נאָך אַמאָל איבערגעחזרט:

— פאַר דיר פּאַסט דאָס נישט; דו דאַרפסט דאָס נישט טון...

ישראל האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט די גוטע ווייכע רייד בעט אים דער שווער אַרויסגיין פון קראָם. ער האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט, זיך אַוועקגעשטעלט לעבן די פּאָליצעס, און געוואָלט זאָגן שאַרף, אַז אַזאַ אונטערטעניקייט איז נישט קיין כבוד התורה, נאָר אַן אומכבוד פאַר זיי ביידן, נאָר ער האָט גאָרנישט געזאָגט, און איז נישט אַרויס פון קראָם.

ער האָט זיך איינגעקוקט ווי די לייזונג גייט אָן אין קראָם — מען בעט און מען דערלאַנגט; מען פרעגט און מען ענטפערט, נאָר ער, ישראל, שטייט אַ גלייכער, אַן אויסגעצויגענער און קען זיך נישט רירן פון אָרט. האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער איז אַריין אין קראָם און ער האָט געוואָלט אַוועקגיין, נאָר אים האָט זיך געדוכט, אַז גלייך ווי ער וועט

אַוועקשטעלן אַ טראַט, וועט זיך עפּעס אַ טרייסל טון אין קראַם און עס וועט ווערן אַזאַ טומל, אַז אַלע וועלן זיך איינקוקן אויף אים.

איז ער געשטאַנען אויף איין אָרט, געזוכט עפּעס צו זאָגן, נאָר די ווערטער זענען אים געווען פרעמד אַט אַזוי ווי די מענטשן זענען אים פּלוצלינג געוואָרן ווייט און פרעמד. ער האָט געפּרוווט עפּעס טון מיט די הענט, זיי זאָלן נישט הענגען שווער און איבעריק; ער האָט געוואָלט עפּעס אַראָפּנעמען פון פּאָליצע, נאָר ער האָט נישט געוואַגט צורירן זיך צו די סחורה. האָט ער אַוועקגעשטעלט לאַנגזאַם און געפּענטעט אַ טראַט און געוואָלט אַרויסגיין. ערשט אַ גוי איז אים אַנגעקומען אַנטקעגן אין פּנים. דער גוי האָט זיך אָפּגערוקט פון ר׳ חיימען וואָס איז געווען פאַרנומען מיט די פּריצים, איז צוגעגאַנגען צו ישראלן אין ווינקל און געבעטן אַ פּעקל טיטון. דער טיטון ליגט פאַר ישראלס אויגן אויפן פּאָ־ליצע, האָט ער אויפגעהויבן די האַנט, און דערלאַנגט דעם גוי די מאַ־כאָרקע. דער גוי ווייס וויפיל עס קאָסט, פרעגט ער גאָר נישט און גיט ישראלן דאָס געלט. ישראל האָט געהאַלטן אַ ווײַלע די מטבע אויף דער אָפענער האַנט, ווי ער וואָלט געפונען אַ פרעמדע זאַך; דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דעם שווער און דערלאַנגט אים דאָס געלט:

— נאַט אייך דעם זעקסער.

רב חיים האָט אַ שמייכל געטון: — לייג אַריין אין טיש־קעסטל,

— און ווייך אַ קוק געטון אויף אים, ווי ער וואָלט אים געלערנט עפּעס צו טון אין קראָם.

נאָר שפּעטער, אַז די קונים זענען זיך צעגאַנגען און רב חיים האָט דערזען ווי ישראל שטייט לעבן לאַנגן טיש מיט די אַנגעוואָרפענע שניט־סחורה און לייגט אויף די סחורה, איז ער צוגעגאַנגען צו ישראלן, אָנ־געשפּאַרט די האַנט אויף די באַרכע און שטיל געזאָגט:

— דאָס קען עמיצער אַנדערש טון, היינט די שניט־סחורה, מאָרגן אַ קעסטל זייף, — אַט אַזוי ווערט מען אַריינגעשלעפּט... — און ער האָט אַ זיפץ געטון: — זיך בעסער און לערן...

— איך זאָל אָנטון אַ קוקאַרדע מיט עפּאָליעטן, ווי די פּריצים, להבדיל... — האָט זיך ביי ישראלן שאַרף אַרויסגעשניטן דער ענטפער.

ר׳ חיים איז צעטומלט געוואָרן, ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן און האָט זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן:

— ניין, ניין, נישט דאָס מיין איך, — דו דאַרפסט דאָך, ישראל...

ישראל האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיינע רייד, וואָס ער האָט אַזוי האַרב געזאָגט, און ער האָט געוואָלט עפּעס פאַרריכטן:

— פאַרקערט, איר זענט גערעכט, שווער, עס דאַרף אַזוי נישט זיין.

ער האָט געזוכט נאָך אַ ווייך וואָרט פאַר ר׳ חיימען, נאָר נישט געפונען וואָס צו זאָגן. איז ער געשטאַנען אַ ווײַלע אָנגעבויגן איבערן טיש און איז אַוועק צו זיך אין קאַמער.

נאָר די רייד, וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגן דעם שווער, האָבן אים נישט געלאָזט רוען. ער האָט געטראַכט, אַז זיין לערנען רינט דאָ אויס אין דעם רחבות, ווי פון אַ זיפּ. ער איז ווייט פון לערנען און פרעמד פון זיין אייגענעם ווייב. אָבער ווי קען ער עס זאָגן דעם שווער, אַז באַשע, זיין ווייב, זאָל געזונט זיין, באַנעמט עס נישט... אַז זי גייט צו צו אים צום טיש און זעט, ווי ער זיצט איבער דער גמרא, לייכטן אויף זיינע אויגן פון פרייד, זי ווייס אָבער נישט, אַז דאָס איז נישט פון זיין לערנען, נאָר פון דעם שמייכל, וואָס רוט ביי איר אויף די ליפּן, פון איר אָטעם, וואָס ער פילט לעבן זיך, ווען זי שטייט לעבן אים ביים טיש.

באַשע ציטערט אָבער, זי זאָל נישט איבעררייסן זיין לערנען, און ער קען נישט אויסריידן די ווערטער, וואָס ליגן פולע, צייטיקע ביי אים אויף די ליפּן:

— באַשע, שטיי אַ ווײַלע...

זי גנבעט זיך אַוועק פון טיש אַ שולדיקע, אַ שעמעוודיקע, און ער בלייבט זיצן ביי זיך אין קאַמער און אַמפּערט זיך מיט זיך אַליין און טענהט זיך אויס מיטן שווער:

ער וויל האָבן אַן איידעם וואָס זיצט און לערנט. דער איידעם וויל אָבער נישט, אַז מען זאָל אים טראָגן אַנטקעגן די קרוין פון כבוד.

**
*

אַזוי איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג; ישראל האָט געפּרוווט לערנען, געעפנט אַ ספר, דער שווער זאָל וויסן פון דעם, מען זאָל אין שטוב הערן זיין קול, די ווערטער זענען אָבער געבליבן ליגן פוסטע און זיין ניגון האָט איינגעטריקנט אין דעם אייגענעם קול; ביז איין מאָל, אין אַ

זומערדיקן פּאַרנאַכט, האָט ער פּלוצלינג פאַרמאַכט דעם ספר און אַרויס האַסטיק פון קאַמער.

אין שטוב האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים די לייזונג, וואָס האָט געאָטעמט פון קראָם, די אַרבעט, וואָס מען האָט געטון אין גאָרטן, און ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר דעם גלאַנץ פון זיין בייעם קאַפּטן, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף דער זון פון דעם זומערדיקן פּאַרנאַכט.

ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו טון: איבערטון דעם קאַפּטן, אָדער צעקנייטשן דעם גלאַנץ, און אָפּטון פון זיך די גאווה, וואָס שפּאַרט אַרויס פון זיין יום־טובדיקייט:

ערשט ער זעט, אין קיך שטייט דער עמער, אַ ליידיקער עמער, אָן וואַסער; גיט ער אַ נעם פעסט אין האַנט דעם עמער און גייט אַוועק צום ברונעם נאָך וואַסער.

באַשע איז געשטאַנען לעבן הויז אין גאָרטן און אַכטונג געגעבן ווי די גויעס יעטן אַרום די בייטן; אַז זי האָט דערזען, ווי ישראל גייט מיטן עמער צום ברונעם, האָט זי אַ ציטער געטון און אַרויסגעלאָזט אַ געשריי:

— וואָס איז געשען?!

זי איז צוגעלאָפן צו ישראלן און געוואָלט צונעמען ביי אים דעם עמער; ישראל האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגעלאָזן דעם עמער פון האַנט, זיך אָנגעבויגן צו באַשען און מיט גוטן געזאָגט:

— וואָס לויפסטו, באַשע?

באַשע האָט זיך צעטומלט פון ישראלס רואיקייט, זי האָט נישט געקענט באַהאַלטן איר פאַרווונדערונג:

— דו גייסט נאָך וואַסער? עס איז נישטאָ ווער עס זאָל אָן דיר ברענגען וואַסער? — און זי האָט אויסגעצויגן די האַנט צום עמער.

— און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל טרינקען אָן מיר וואַסער? — האָט ישראל אַ שמייכל געטון און אָנגענומען דעם עמער פון דער אַנדערער זייט — ווועלן מיר טראָגן צוזאַמען...

— עס איז נישטאָ וואָס צו טראָגן, — האָט באַשע געלאַכט, — מענטשן וועלן לאַכן פון אונדז. — און זי האָט געלאָזן ישראלן אַליין טראָגן דעם ליידיקן עמער.

אַז זי איז אָבער געקומען צום ברונעם האָט זי אַ כאַפּ געטון די

קליוטשקע און געװאָלט אָנשעפּן דאָס װאַסער.

די קליוטשקע האָט זיך אַרױסגעגליטשט פון אירע הענט און זיך אַ װיג געטון צו ישראלן. ישראל האָט אָנגענומען פעסט די קליוטשקע און געזאָגט, װי ער װאָלט זיך איבערגענומען מיט עפּעס:

— איך װעל שױן נישט אַרױסלאָזן...

— נו, װעל איך זען װי דו װעסט אָננעמען װאַסער, — האָט זיך באַשע אָנגעשפּאַרט אױפן ברונעם, און זיך אײנגעקוקט װי די שװאַרצע פינצטערניש פון װאַסער באַהאַלט זיך אין דעם סוד פון אָפּגרונט.

— דו האָסט אײנגעלאָזן דעם עמער! — האָט באַשע פּלוצלינג אַ ציטער געטון, און אַ כאַפּ געטון די קליוטשקע. ישראל האָט אַ קוק געטון אויף באַשען און זיך פאַרװונדערט װי אַזױ זי האָט דאָס דערזען. ער האָט גאָרנישט געזאָגט און געלאָזן זײן װײב אָנשעפּן װאַסער.

באַשע האָט שנעל און פלינק באַװעגט מיט דער קליוטשקע, אָנגעכאַפּט דעם עמער' און האָט אים אַרױסגעצױגן אַ פולן מיט װאַסער.

ישראל האָט אַראָפּגענומען דעם עמער פון דער קליוטשקע און אַװעקגעשטעלט אים אויף דער ערד.

דער פאַרנאַכט האָט זיך פאַרצױגן מיט זײן קילקײט אױפן קאָלװעראָט פון ברונעם און אַראָפּגעשײנט מיט זײן לױטערער קלאָרקײט אויף באַשעס פּנים.

באַשע איז געשטאַנען אַ זיכערע לעבן עמער װאַסער און געקוקט אויף ישראלן; איר האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט זיך נאָך קײנמאָל נישט פאַרמאָסטן אַזױ אָפן מיט ישראלן, װי איצטער, און אױסגעפירט; האָט זי געװאָלט אַרױסברענגען אַ װאָרט פון איר פאַרבאָרגעניש, זאָגן עפּעס, װאָס זאָל איבעררײסן די פרעמדקײט, װאָס ציטערט שטענדיק װען זי װיל זאָגן צו ישראל: „מײן מאַן“, און זי האָט פּלוצלינג אױסגערעדט:

— מען װעט נאָך דאַרפן ברענגען װאַסער, די בוריקעס באַגיסן, די װערים זאָלן נישט באַפאַלן די בלעטער.

— עס שטײט טאַקע אַ טרוקענער זומער — האָט זיך ישראל אײנגעקוקט אויף באַשען װי זי שטײט מיטן פרישן פּנים אין די שטראַלן פון דער זון, װאָס פאַלן אויף אירע פונאַנדערגעלאָזענע האָר.

„מען האָט זי נישט אָפּגעשױרן“, דערמאָנט ער זיך, און ערגעץ װײט, װײט, איז בײ אים פאַרבאַהאַלטן דער פאַרדראָס, װאָס דאָ אין

זשירעווע צווישן די פריצים און לער'ער קען מען זי נישט לאָזן גיין אין אַ שייטל, נאָר איצטער אַרט דאָס אים נישט.

— ער וואָלט זי געדאַרפט דערמאָנען, אַז זי דאַרף טראָגן אַ טיכל אויפן קאָפּ, — פאַלט ישראלן איין. ער קען אָבער אין דער רואיקייט פון פאַרנאַכט צו קיינעם קיין טענות נישט האָבן.

די לאַנגע גאַס פון זשירעוו'ע ליגט אַ שטילע, די קליינע הייזער טו־ליען זיך אונטער די פונאַנדערגעלאָזענע ביימער, און באַצירן זיך מיט די גרויסע קוסטעס בלומען; אין דרויסן זעט מען נישט קיין מענטשן; עס איז נאָך צו פרי צו אָנטראָגן וואַסער אויף ביינאַכט און ישראל מיט באַשען שטייען אַליין לעבן ברונעם, ווי זיי וואָלטן זיך ערשט באַגעגנט, און די רואיקייט באַשיצט זיי פון אַ פרעמדן אויג.

באַשע נעמט אָן דעם עמער:

— די דינסט וועט נאָך דאַרפן אָנטראָגן וואַסער צו באַגיסן דעם גאָרטן. און ישראל טראַכט: ווען אברהם האָט געשיקט זיין קנעכט צו נעמען אַ ווייב פאַר זיין זון יצחק, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים קוואַל וואַסער; און אַז יעקב איז אַנטלאָפן פון עשון און געקומען צו דעם לאַנד פון די בני־קדם, האָט ער באַגעגנט רחלען ביים ברונעם און אַראָפּגע־קייקלט דעם שטיין מעל פי הבאר... ער האָט אָנגעשעפּט וואַסער פון ברונעם פאַר זיין ווייב באַשע... און אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָ ביים ברונעם האָט ער אויך אָפּגעטון די פרעמדקייט וואָס האָט געהויערט צווישן זיי ביידן, צווישן מאַן און ווייב. — האָט ער נישט געלאָזן באַ־שען טראָגן דאָס וואַסער, ער האָט גענומען דעם עמער אין האַנט, גע־בראַכט אין שטוב און אַוועקגעשטעלט אין קיך אויפן קלעצל.

באַשע האָט געזשאַלעוועט דאָס וואַסער, וואָס ישראל האָט גע־בראַכט פון ברונעם; האָט זי אַראָפּגענומען דעם עמער פון קלעצל און אַוועקגעשטעלט אויף אַ בענקל; און איר האָט פאַרדראָסן, וואָס ישראל גייט אַרויס פון קיך, האָט זי זיך אָנגערופן:

— אפשר ווּעסטו נעמען אַ גלאָז וואַסער? איך וועל דיר געבן מיט איינגעמאַכץ — מען האָט נאָר וואָס אויסגעפּרעגלט די טרעסקאָווקעס...

— דו ווּעסט אויך טרינקען, — האָט זיך ישראל אומגעקערט.

באַשע האָט שנעל און פלינק אַראָפּגענומען פון פּאָליצע דעם סלאָי

איינגעמאַכץ און צוגעטראָגן ישראלן אַ גלאָז וואַסער מיט די איינגעמאַכץ.

ישראל האָט גענומען לאַנגזאַם דאָס גלאָז אין האַנט, אַריינגעגאַנגען אין שטוב, זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און אַ קוק געטון אויף באַשען:

— און דו?

—איך האָב פאַר זיך אויך צוגעגרייט אַ גלאָז, — האָט זיך באַשע אויסגעפיינט, און ישראל האָט גאָר נישט באַמערקט, ווי די גלאָז וואַסער מיט איינגעמאַכץ איז אויסגעוואַקסן ביי איר אויפן האַנט.

ער זיצט ביים טיש, טרינקט רואיק, ציט לאַנגזאַם יעדן טרונק און היט דעם טעם, וואָס זעצט זיך אָפּ ביי אים אויפן גומען. און באַשע זעט, אַז זי זאָל זיך נישט איילן, באַצווינגט זיך, אַז זי זאָל נישט אויסטרינקען דאָס וואַסער פריער פאַר ישראלן און רעדט אים איין שטיל:

— אפשר וועסטו היינט נישט גיין אין קאַמער לערנען? דו וועסט בעסער אַרויסגיין אין דרויסן, אַזאַ קילער פאַרנאַכט. אונטער די ביימער האָט שוין דער גוי געמאַכט די נייע באַנק.

ישראל קוקט אויף באַשען, טרינקט די לעצטע טראָפּנס וואַסער פון גלאָז, טרינקט און דערטרינקט נישט. ער פאַרנעמט די שטילקייט פון שטוב און זעט, ווי די שטראַלן פון פאַרנאַכט פאַרציען זיך אויף די ווענט און גייען איין אין זייער דורכזיכטיקייט.

באַשען דוכט זיך, אַז ישראל גיט איר נאָך, ווערט זי זיכערער:

— און איך וועל אַריינגיין אין קראָם איבערבייטן דער מאַמען, ביז דער טאַטע וועט קומען פון „נאַסטאַיאַטעל״.

נאָר זי הייבט זיך נישט אויף פון טיש, ישראל לאָזט נישט אַרויס פון האַנט די גלאָז, און אים דוכט זיך, אַז דאָס לערנען אין קאַמער איז איצטער אַזוי ווייט פון אים, ווי די ספרים זענען פרעמד באַשען, און עס איז זיי ביידן גוט, וואָס די חדרים פון הויז זענען גרויס און צעשפּרייט און דאָס הויזגעזינד האָט זיך ערגעץ אַוועקגערוקט אין דעם זומערדיקן פאַרנאַכט.

ערשט דער שווער גייט אַריין אין שטוב. ער האָט אַ קוק געטון אויף ישראלן מיט באַשען און איז געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער. ער האָט

אַ ווײַלע געשוויגן און גאָרנישט געוואָלט זאָגן, נאָר בײַ אים האָט זיך פּלוצלינג אַרויסגעריסן:

— דו האָסט איבערגעלאָזן די מאַמע אַליין אין קראָם?

אים האָט זיך געדוכט, אַז זײַן קול האָט צו שאַרף אָפּגעקלונגען, האָט ער געוואָלט עפּעס פאַרריכטן, נאָר ער האָט גאָרנישט געקענט טון; זײַנע הענט זענען געהאַנגען איבעריקע, פרעמדע; אַליין איז ער געשטאַנען אָפּהענטיק, געפּרווּווט זיך באַרואיקן: „חיים וואָס חידושט דו זיך?"

באַשען איז געוואָרן שווער צו זיצן בײַם טיש, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט, זיך אָנגעבויגן איבערן טיש, אָנגעהויבן צונעמען די ליידיקע גלעזער און פאַרענטפערט זיך:

— איך וועל באַלד אַרײַנגיין אין קראָם איבערבײַטן דער מאַמען...

זי האָט געוואָלט אויסמײַדן דעם טאַטנס בליק, זי איז אָבער נישט געגאַנגען אין קראָם דורך דער אַנדער טיר, נאָר דורכגעשאַרט זיך נעבן אים מיט געפּענטעטע טריט, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און שטיל, ווי אַ געבעט, אויסגערעדט:

— טאַטע...

איר קול האָט זיך אויסגעוועפּט איידער דער טאַטע האָט אים דערהערט און ער האָט אַ שאַרפן קוק געטון אויף באַשען: „זי שלעפּט אים אין קראָם"...

ישראל איז געבליבן זיצן בײַם טיש און נישט געוואָלט, אַז דער שווער זאָל אים עפּעס זאָגן און ער האָט געציטערט עפּעס צו ענטפערן דעם שווער, ווײַל אים האָט זיך געדוכט, אַז די ווערטער, וואָס ליגן בײַ אים איצטער צוגעגרייט, זענען אַזעלכע שאַרפע, אַז זיי וועלן זיך צעמאָלן איידער ער וועט זיי אַרויסזאָגן. האָט ער זיך אויפגעהויבן און געוואָלט אַרײַנגיין צו זיך אין קאַמער, נאָר די טריט האָבן אים אַוועקגעצויגן אין קראָם.

ר' חיים האָט געזען ווי ישראל האָט זיך פאַרנומען אין קראָם, נאָר ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע, זיך אײַנגעקוקט מיט בלינדע אויגן דורך דער גלעזערנער טיר אין קראָם און אויסגעזיפצט: „ביידע וועלטן קאָן מען נישט אַרײַנכאַפּן"...

ישראל איז געשטאַנען מיט באַשען אין קראָם ביז דער שפּעטער שעה

פון דעם זומערדיקן אָוונט; ער האָט נישט געלאָזט באַשען קריכן אויף די פּאָליצעס, און אַליין דערלאַנגט די סחורה, וואָס אַ קונה האָט געבעטן; און דערנאָך אַז זיי האָבן ביידע צוזאַמען פאַרמאַכט די קראָם, פאַרשפּאַרט די זאַוואַלעס אויף דער טיר, זענען זיי נישט אָפּגעטראָטן אין שטוב צו טאַטע־מאַמע, נאָר גלייך אַריין צו זיך אין קאַמער.

באַשע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איר בעט און זיך ווייך נאָכגע־געבן איר מידקייט. זי האָט געוואָלט, אַז ישראל זאָל איר העלפן אויס־טון די שיך, נאָר זי האָט זיך געשעמט זאָגן אים דאָס, האָט זי זיך אָנגע־בויגן און אַליין געגומען אָפּבינדן די שנירעוקעס; איר האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז די בענדלעך האָבן זיך פאַרקניפּט, האָט זי שטיל אויס־גערעדט:

— אפשר וועסטו אָפּבינדן דאָס קניפּל?...

זי האָט אַ ציטער געטון, ווי זי וואָלט דערהערט אַ פרעמד קול, און געוואָלט כאַפּן די ווערטער צוריק. נאָר ישראל האָט זיך איינגעבויגן און גענומען אָפּבינדן די בענדלעך. באַשע האָט דערפילט אויף אירע פיס די וואַרעמע פרייד, וואָס האָט זיך איבערגעגאָסן פון זיינע פינגער, איר מידקייט איז געוואָרן ווייכער און זיך צעגאָסן איבערן גוף, ווי דער זיסער רייץ פון אַ בלום, וואָס עפנט אויף פאַרטאָג דעם ריח פון זיין בליעכץ. האָט זי מיט אירע שפּיץ־פינגער אָפּגערוקט זיין היטל פון שטערן און ווייך אויסגעצויגן די האַנט איבער זיין קאָפּ. זי האָט געגלעט זיינע שוואַרצע האָר און זיך געשעמט צענעמען די הענט, אָט אַזוי, ווי זי האָט זיך געשעמט אויסרעדן אַ וואָרט און אויפהייבן די אויגן און אַ קוק טון אויף ישראלן... נאָר ביי זיך טיף אין האַרצן, אין איר פאַרבאָרגעניש, האָט זי געשעפּטשעט:

— די מאַמע זאָגט, — און וואַרעמע טרערן האָבן אָנגעהויבן קוועלן אויף אירע באַקן.

ישראל האָט גובר געווען זיין באַגער, זיך אויפגעשטעלט, אָפּגע־ווישט אירע טרערן, אַ גלעט געטון איר שטערן, אויסגעגלייכט דעם צו־קאָפּנס פון באַשעס בעט, און שטיל געזאָגט:

— דאָס בעט איז אויסגעבעט, — און שווער, ווי מיט טריט וואָס טרעטן אין פעטן ליים, איז ער אָפּגעגאַנגען פון זיין ווייב.

ער האָט געוואַשן די הענט און אָנגעהויבן לייענען קריאת־שמע און

אויסגעצויגן איבערן רואיקן שלאָף פון שטוב אַ געבעט פון לויב און פרייד צו דעם האַר פון דער וועלט.

און באַשע האָט שוין מער נישט באַהאַלטן פון ישראלן איר סוד, וואָס זי האָט געטראָגן ביי זיך אונטערן האַרצן, און ישראל האָט מיט ציטער אָפּגעהיט יעדן ריר און קער אירן און אַכטונג געגעבן, זי זאָל צו־לאַנג אין קראָם נישט שטיין. ער איז אַליין געשטאַנען נעבן די פּאָליצעס, נישט געשעמט זיך רעדן מיט אַ פּריץ, געענטפערט אַ גוי און אָנגעשלאָגן זיך, אַ דער שווער זאָל אים נעמען אין שטאָט אַריין נאָך סחורה.

ר׳ חיים האָט זיך געפרייט מיטן אייניקל, וואָס באַשע טראָגט אין די הויכע חדשים, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זיך שוין צו־געוווינט צו דעם, וואָס זיין איידעם, דער גרויסער למדן, דער טיפער לערנער, שפּאַנט זיך איין, צוזאַמען מיט אים, אין יאָך פון דער פּרנסה. נאָר, אַז ישראל האָט אים דערמאָנט פאָרן אין שטאָט נאָך סחורה, האָט אים אַ ציפּ געטון זיין פּאַרדרוס, גלייך ווי עמיצער וואָלט זיך געררייצט מיט אים. ער האָט קוים באַהאַלטן זיין כעס, און שטיל געזאָגט:

— דו ווילסט דאָך נישט, אַז איך זאָל דיך נעמען אין שטאָט און באַווייזן פאַר דער וועלט ווי איך האָב גענומען אַ לערנער און אויסגע־ביטן אויף אַ קרעמער...

ישראל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, דערפילט דעם שווערס רייד ווי אַן אייגענעם שאַרפן ווייטיק און פאַרענטפערט זיך:

— איך האָב טאַקע געדאַרפט אָפּרייסן אַ שעה אין טאָג און נעמען אַ ספר אין האַנט...

נאָר ר׳ חיים האָט זיך מער נישט געאַמפּערט מיט ישראלן; אויפ־געהערט מאָנען ביי זיך אַליין, און געטראַכט, אַז דער יאָך פון פּרנסה ליגט שוין אויף זיי ביידן, — אויף אים מיטן איידעם. די שטוב איז גרויס, די געשעפטן זענען צעוואָרפן; ישראל איז אַ טאַטע פון אַ זון און, אַז ער, חיים, פאָרט אַוועק אויף אַ נסיעה, איז ער אויך אַ טאַטע צו זיינע קינדער.

ער האָט זיך דערמאַנט, אַז דעם טיש מיט קעסט דאַרף ער האָבן פאַר נאָך אַן איידעם. ברכה איז שוין, דאַנקען גאָט, אַ דערוואַקסן מיידל. באַשע אין אירע יאָרן איז שוין געווען אַ כלה און פאַר ברכהן מאַכט זיך דערווייל קיין שידוך נישט... די שפע איז קראָם איז גאָרנישט אַזוי גרויס,

ווי אים האָט זיך אויסגעדאַכט. די פּריצים שפּאַנען איין זייערע פערד „נאַשפּיץ״ און פאָרן אין שטאָט אַריין איינקויפן; און פון שטאָט קומט מען אַהער אין זשירעווע באָטן אויף די פּאָדריאַדן אין קלויסטער.

און ער האָט אָנגעהויבן זאָרגן וועגן חיונה פאַר זיין איידעם מיט ז׳ער טאָכטער און אַ שידוך פאַר ברכהן.

ער האָט איבערגערעדט מיט חנהן, אַז מ׳זאָל דינגען אין קלויסטער דעם סאָד, וואָס שטייט אַ פאַרלאָזענער אין דעם אַנדערן עק פון זשירעווע.

— עס איז נאָענט נעבן שטוב.

איז דאָס געפעלן חנהן.

— זומער וועט ישראל אַכטונג געבן אויפן סאָד, — זאָגט חנה.

און ר׳ חיים גיט צו: — און ווינטער וועט ער זיצן און לערנען...

***

און איינמאָל, אַז ר׳ חיים האָט דערזען, ווי דער אַרכיערעי שטייט אינמיטן הויף פון קלויסטער און קוקט זיך איין ווי די טויבן קלויבן קערנער פון דער ערד, האָט ער זיך אָנגעגורט מיט מוט, אויסגעגלייכט דאָס היטל אויפן קאָפּ און איז צוגעגאַנגען צו דעם גייסטלעכן. נאָר אַז ער האָט דערזען, ווי דער אַרכיערעי שטייט אַ הויכער, אַ שטאָלצער מיט זיין לאַנגן שטעקן און זיין באַזילבערט היטל שיינט אַרויס אין די אָסיען־דיקע שטראַלן פון דער זון, האָט זיך ביי ר׳ חיימען אָפּגעטון דער מוט און ער איז אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. ער האָט קוים אַראָפּגענומען דאָס היטל, זיך איינגעבויגן און פאַרנויגט:

— „אָטיעץ״, איך בין געקומען צו דיר בעטן דו זאָלסט פאַרדינגען דעם סאָד, וואָס שטייט הינטער די קלויסטערס אין דעם אַנדערן עק פון ישוב. איך וויל אים דינגען פאַר מיינע קינדער. — און ער האָט אים דערציילט, אַז חנה, זיין ווייב, וויל נישט אַוועקשיקן די קינדער ווייט פון דער היים זוכן פּרנסה.

— און קינדער זענען דאָך ביי אייך יידן זייער טייער, — האָט דער אַרכיערעי אַ שמייכל געטון, — קיין פאָלק היט נישט אָפּ אַזוי די קינדער, ווי איר יידן. — ער האָט אָנגענומען שטייפער זיין הויכן שטעקן מיט דער זילבערנער גאָלקע, זיך אויסגעגלייכט און געקוקט ר׳ חיימען אין פּנים אַריין.

ר׳ חיימען האָט זיך געדאַכט, אַז דער אַרכיערעי איז איצטער אויס־

געוואקסן אין זיין לאַנגער זיידענער ריאַסע מיט די ברייטע אַרבל, הע־כער פון זיין וווקס; האָט ער זיך איינגעקוקט ווי דאָס זילבער פון זיין שפּיציק היטל שיינט אַראָפּ אויף זיין גרויער באָרד און ער האָט נישט געקענט דערגיין צי דער אַרכיערעי זאָגט אים עפּעס צו אָדער ער רייצט זיך מיט אים, מיט זיין אומה און מיט זיין פאָלק. האָט ער, דער ייד פון זשירעווע, דער קרעמער פון זאַלץ און הערינג, דער סוחר פון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען, זיך דערמאנט אויף זיין עלטער־עלטער זיידן אברהם אבינו — ווי אַזוי ער האָט גערעדט מיט די בני חת, ווען ער האָט אָפּגעקויפט ביים זיי די מערת המכפלה — אַ קבר פאַר דער מוטער שרה. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אָפּגעטראָטן אַ טראָט און געוואָלט זאָגן: „איך בין טאָקע אַ פרעמדער ביי אייך, איך בין אָבער אַן אייגענער ביי אונדזער גאָט, דעם האַר פון הימל". גערעדט האָט ער אָבער אַנדערש; ער האָט געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

— אונדז יידן זענען טייער אונדזערע קינדער, ווייל אונדזערע קינ־דער היטן אָפּ דעם געבאָט פון דער תורה, זיי גיבן אָפּ כבוד זייערע טאַ־טע־מאַמע, און צו אונדזערע קינדער האָט גאָט צוגעזאָגט דאָס הייליק לאַנד פון אונדזערע אבות...

— טאָ וואָס ווילסטו דאָ פון מיר? — האָט דער אַרכיערעי גע־פרעגט שאַרף און נישט געקענט פאַרבאַרגן פון ר' חיימען זיין כעס.

ר' חיימען האָט זיך געדאַכט, אַז דער אַרכיערעי קערט זיך אום צו אים מיט דער פלייצע און וויל אַוועקגיין, האָט ער פאַרגעסן, אַז ער איז געקומען צום אַרכיערעי מיט אַ גרויסער בקשה, און זיך אָנגעהויבן אויס־טענהן מיטן גייסטלעכן:

— וויפל הייזער זענען דאָ געווען אין זשירעווע, ווען איך האָב זיך דאָ באַזעצט און געעפנט די קראָם? איצטער איז, דאַנקען גאָט, דאָ פאַראַן אַ גאַנצער ישוב, האָב איך עמיצן אָפּגענאַרט? גיב איך נישט קיין ריכ־טיקע וואָג? באַצאָל איך נישט פאַר די לייוונט, פאַר די תבואה, וואָס מען פאַרקויפט מיר אין קלויסטער מיטן גנאָד פון פאָטער? טאָ פאַרוואָס וויל מיך דער פאָטער נישט אויסהערן?

האָט זיך דער אַרכיערעי אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן און אַ שמייכל געטון:

— עס איז אמת. איר יידן זענט אַ פאָלק פון דער ביבליע. — ער

האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע מאַנאַכן, וואָס שיכורן, און נישט פאַרגונען ר׳ חיימען, וואָס ער רעדט ווי אין אַלטן טעסטאַמענט, איז ער געוואָרן נאָכגעביקער: — טאָ זאָג מיר, ערלעכער מענטש, וואָס זאָל איך טון פאַר דיר?

איז ר׳ חיים געוואָרן רואיקער און אָנגעהויבן רעדן געלאַסן, אַזוי צו זאָגן: — דער סאָד שטייט און פוסטעוועט. די עפּל מיט די באַרן ווערן פאַרדאַרט און צעפוילט אויף דיביימער, ווייל עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי אַראָפּנעמען אין צייט. וויל איך, אַז דער „פּאַטער" זאָל הייסן פאַרדינגען מיר דעם סאָד פאַר מיינע קינדער. איך וועל לאָזן דעם עקאָ־נאָם מאַכן אַ קאָנטראַקט און וועל אָפּהיטן יעדן אות, וואָס מען וועט איינשרייבן אין קאָנטראַקט. איך וויל נאָר, אַז מיינע קינדער זאָלן נישט אָפּגעריסן ווערן פון מיין שטוב. — און ער האָט אַ זיפץ געטון. — מיר זענען שוין אַזוי אויך געגוג צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט...

דער אַרכיערעי האָט אָנגענומען שטייפער דעם שטעקן, אַ קוק גע־טון אויף חיימען, ווי ער וואָלט עפּעס אויסגעפאָרשט פון זיינע אויגן, און געזאָגט שטיל:

— „פּאָסמאָטרים", מיר וועלן זען, — זיך פאַרטראַכט אַ רגע. — „דאָסווידאַניע", — און איז אַוועקגעגאַנגען.

ר׳ חיים האָט געטראַכט, אַז ער האָט געדאַרפט נאָכאַמאָל באַדאַנ־קען דעם אַרכיערעי. נאָר דער גייסטלעכער איז שוין געשטאַנען מיט דער פּלייצע צו אים און ר׳ חיים האָט זיך איינגעקוקט מיט בטחון און ציטער, ווי זיין הויך געשטאַלט האָט זיך דערווייטערט פון אים.

אַז ר׳ חיים איז געקומען אַהיים, האָט ער פאַרגעסן אויף זיין ציטער און פאַרדראָס, וואָס דער אַרכיערעי האָט ביי אים געוועקט און גערייצט. און דערציילט חנהן:

— ער האָט צוגעזאָגט.

נאָר חנה האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף איר מאַן; זי האָט געוווסט, אַז אים זאָגט מען נישט אָפּ, ער קען אָבער נישט צושטיין, אַז פון די זיסע צוזאָגן זאָלן ווערן גוטע מעשים. האָט זי אַליין זיך אַריינגעמישט מיט אירן אַ געבעט, אַ קלוגן איינפאַל, אַ שאַרף וואָרט, אָט אַזוי ווי אַ פרוי דאַרף נעבעך רעדן, עס זאָל זיין חיונה פאַר איר מאַן מיט די קינ־דער, און געזען, אַז מען זאָל פאַרדינגען דעם סאָד פאַר די קינדער.

אַזוי האָט זיך געצויגן אַ גאַנץ ווינטער ביז מען האָט געלאָזט וויסן פון קלויסטער, אַז מען פאַרדינגט דעם סאָד מיט דער שטוב און די שפּייכ־לערס אויף דריי יאָר.

די נייעס איז אָנגעקומען פאַר פּסח און פאַרצויגן אַ פריילעכקייט איבערן הויז. נאָר ר׳ חיימען האָט זיך געדאַכט, אַז די גוטע בשורה פאַר־שטערט אים דעם יום־טוב, די פרייד רינט אויס אונטער זיינע פינגער. ער שיקט אַוועק די קינדער פון שטוב, טאַקע נישט ווייט, נעבן זיך, אָבער דאָס הויז ווערט שיטערער, און אים איז געוועזן שווער צו רעדן מיט ישראלן וועגן קאָנטראַקט, וועגן סאָד און ער האָט נישט געוואָלט דער־מאנען באַשען, אַז זי וועט דאַרפן זיין אַ באַלעבאָסטע פאַר זיך...

נאָר אַליין האָט ער נישט פאַרגעסן, אַז עס רוקט זיך אַוועק אַ וואָך, נאָך אַ וואָך און די קינדער וועלן דאַרפן באַלד איבערנעמען דעם סאָד. ער האָט אָבער אָפּגעלייגט פון טאָג אויף טאָג זייער אַרויסקלייבן זיך פון דער היים; איינמאָל איז ער געקומען צוגיין און געזאָגט, אַז דער ווילגאָטש פון ווינטער האָט זיך נאָך נישט אויסגעטריקנט אין שטוב; אַן אַנדער מאָל האָט ער דערציילט, אַז מען דאַרף נאָכאַמאָל איבערקאַלכן די ווענט. און אַז אַלע רייד האָבן זיך אויסגעגומען, פלעגט ער אַ קוק טון אויף די קינדער און זאָגן גוט און ווייך:

— וואָס איז דאָס איילעניש? איר וועט זיך איבערקלייבן ביסלעכ־ווייז. היינט אַ טיש, מאָרגן אַ בעט; דערווייל וועלן די קינדער זיין דאָ אין שטוב.

דער פרילינג האָט זיך אָבער געשפּרייט ווייט און ברייט איבער די פעלדער; די קוסטעס בעז האָבן אָנגעהויבן רייצן מיט זייער ריח די שטראַלן פון דער זון; זייער בליעכץ האָט זיך געצירט אַרום די ווענט פון די הייזער, נעבן די פלויטן פון די גערטנער: טונקל בלוי און קלאָר ווייס; העל רויט און געדיכט ברוין. אין סאָד האָבן זיך שוין די קאַרשן־ביימער פונאַנדערגעבליט; די שניי־ווייסע בליעכץ האָט זיך געדיכט אויסגעוועבט איבער די צווייגן און די רויטע שיין פון די שפּינען־הערעלעך, וואָס האָט זיך געשפּיצט אין זייערע בעכערס, האָט דורכגעשניטן די ווייסקייט פון די צווייגן.

אויף די באַרן און עפּל־ביימער האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסבייסן פון די קנאָספּן, גרינע שפּיציקע בלעטלעך; און די וויינפּערלעך, די אַגרעס

האָבן געפינקלט מיט זייערע העלע פאַרבן אין די גרינע בלעטער פון די קוסטעס.

ישראל איז געגאַנגען יעדן טאָג אין סאָד, אַרומגעקוקט דעם פּלויט, צי עס פעלט נישט קיין ברעטל, אַרויסגעריסן דאָס ווילדע גראָז אונטער אַ בוים, אָפּגעשניטן אַ פאַרדאַרט צווייגעלע, פאַרשמירט מיט וואַפּנע אַ לאָך אין דער קאָרע פון שטאָם און איז געקומען צוריק אין שטוב אין צייט אויף וואַרמעס און צו וועטשערע.

ער איז אַרומגעגאַנגען אַ שטילער, אַ שווייגנדיקער, זיך אויסגעהיט צו רעדן וועגן סאָד, ווייל ער האָט געטראַכט, אַז זיין נחת פאַרשטערט די פרייד פון דעם שווער און שוויגער; ער קלויבט זיך, דאַנקען גאָט, אַריבער אין אייגענע פיר ווינקעלעך און זיי זעען, ווי די שטוב ווערט ליידיק.

דער פרילינג איז אָבער געוואַקסן טיף אין זומער אַריין; די טעג האָבן זיך אַוועקגעשטעלט לענגער און דורכזיכטיקער און אויסגעלייגט אויף דער האַנט קלאָר און האַרט די אַרבעט, וואָס דאַרף אָפּגעטון ווערן אין סאָד; האָט ישראל נישט געוואַרט ביז מען וועט אַריבערפירן זיין גאַנץ באַלעבאַטישקייט, נאָר ער האָט איינמאָל פאַרנאַכט גענומען אויף ד'ער האַנט דאָס עלטערע יינגל, באַשע האָט צוגעדריקט צום האַרצן דאָס קלענערע קינד, און זיי זענען שטילערהייט אַוועקגעגאַנגען צו זיך אַהיים.

אַז באַשע איז אָבער אַריין צו זיך אין דער דירה און דערזען ווי די אויסגעקאַלכטע ווענט קוקן מיט אַזאַ פרעמדער ווייסקייט, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט טרערן ביי איר אין די אויגן. זי האָט געציטערט אַז אָט־אָט לאָזט זי אַרויס דאָס קינד פון האַנט, האָט זי אָנגעהויבן רופן:

— ישראל, ישראל...

ישראל איז צוגעגאַנגען צום ווייב, באַרואיקט זי, איינגעשטילט די קינדער און געהאָלפן זיי איינלייגן שלאָפן.

אין שטוב איז געוואָרן טונקעלער און שטילער, און די שטילקייט האָט זיך ווייך געוועבט אין דער טונקלקייט. דער פאַרנאַכט האָט געציטערט אויפן ווייסן קאַלך פון די ווענט, און די ווייסקייט פון די ווענט האָט זיך גערייצט מיט די שאָטנס פון פאַרנאַכט און אויסגעגאַנגען אין בין־השמשות.

מען האָט נישט אָנגעצונדן קיין פייער. די נאַכט האָט זיך אַראָפּגע־

לאָזט איבער דער שטוב, איינגענומען די רייד, וואָס ישראל האָט גע־זאָגט, און איינגעזאַפּט די ווערטער, וואָס באַשע האָט געענטפערט.

באַשע איז געשטאַנען איבערן קינד — דאָס קלענערע מיידעלע, וואָס איז געלעגן אין וויגעלע. ישראל איז געזעסן אויפן בעט נעבן יינגל און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער פינצטערניש זעט ער, ווי דאָס יינגל שלאָפט מיט אַ ווייכער מידקייט אויפן פּנים. האָט ער געוואָלט צוגיין צו באַשען און זאָגן איר, זי זאָל אַ קוק טון אויפן יינגל, נאָר אים איז געווען שווער זיך אויפהייבן פון אָרט, איז ער געזעסן אַ פּולער, אַן אָנ־געלאָדענער אויפן בעט און בלויז געפרעגט:

— האָסט אָנגעזויגן דאָס קינד?

— שלאָפט שוין, — האָט באַשע נאָך שטילער געענטפערט.

ישראל איז צוגעגאַנגען צו באַשען און ווייך אָוועקגעלייגט די האַנט אויפן וויגעלע:

— דאַנקען גאָט, אייגענע פיר ווינקעלעך...

— דאַנקען גאָט... — האָט באַשע איבערגעחזרט, זיך אויסגעגלייכט, אָפּגעקערט זיך אָן אַ זייט, פאַרשפּיליעט דאָס קאָפּטל און אַ ציטערדיקע אַרויסגעגאַנגען פון קאַמער.

פלוצלינג האָט אַ שיין געטון דאָס פייער פון דער אַנדערער קאַמער און עס האָט זיך דערהערט באַשעס קול:

— די קינדער שלאָפן שוין — מען מעג אָנצינדן דעם לאָמפּ...

פאַר ישראלס אויגן האָט זיך אויפגעעפנט די שטוב מיט די צוויי חדרים, אַן אייגענע, אַן אָפּגעזונדערטע, און ער האָט אַ קוק געטון מיט אַזאַ וואַרעמקייט אויף זיין באַלעבאַטישקייט, גלייך ווי ער וואָלט אָנגע־טאַפּט מיט דער האַנט אַ נאָענטע טייערע זאַך.

ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ טראָט, איבערגעביטן נאָך אַ טראָט, גע־וואָלט עפּעס זאָגן באַשען. האָט ער זיך אָפּגערופן צו איר:

— איך האָב נאָך קיין מעריב נישט געדאַוונט.

און אַז באַשע האָט דערהערט ווי ישראל דאַוונט מעריב, האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער לייגט אויס דאָ אין שטוב ווי אַ געבעט זייערע פיר יאָר פון דער חתונה, וואָס זיי האָבן געבראַכט אַהער אין די פיר ווינקע־לעך אונטערן אייגענעם דאַך, און איר האָט זיך געוואָלט אויך עפּעס צו־זאָגן, די בקשה זאָל אָנגענומען ווערן. האָט זי געטראַכט, אַז זי וועט

מאָרגן אויסראַמען די קיך און זי וועט דאָרטן באַקן און קאָכן; אויף דער טיר פון קאַמער וועט זי אויפהענגען אַ פאָרהאַנג. ישראל זאָל קענען זיצן אין שטוב און לערנען...

**
*

די שטוב וואָס ר׳ חיים האָט געדונגען פאַר זיינע קינדער, איז גע־שטאַנען אויפן הויף, נישט ווייט פון סאָד, אַרומגערינגלט מיט קוסטעס בלומען, אין דעם שאָטן פון הויכע פונאַנדערגעלאָזענע קאַשטאַן־ביימער, און פון שטוב אין סאָד האָט זיך געצויגן אַן אויסגעטראָטענע סטעזשקע.

בייטאָג איז ישראל אין סאָד און אין אָוונט זיצט ער אין שטוב; אין הויז איז שטיל און רואיק, די קינדער שלאָפן שוין; די פענצטער זענען אָפן, און דאָס ליכט פון לאָמפּ פאַלט אויף די פּיוואָניעס, וואָס וואַקסן נעבן שטוב, און די שיין פון די בלומען באַשטראַלט דאָס פייער פון לאָמפּ. אויפן טיש שטייט דער אויפגעקאָכטער סאַמאָוואַר; ישראל טרינקט אַ גלאָז טיי און קוקט אַריין אין אַ ספר. באַשע זיצט אויף אַ באַנק נעבן פאָרהאַנג פון קאַמער, שטריקט אַ זאָק און קוקט זיך איין ווי ישראל לערנט. אַז ער לאָזט אַרויס אַ ניגון דאַכט זיך איר, אַז ער טראָגט אַרויס איר פרייד וואָס זי וואַרעמט אין זיך, און זי וויל צוגיין צום טיש, זיך אַוועקזעצן נעבן אים און אָנגיסן אַ גלאָז טיי פאַר זיי ביידן, נאָר זי ציטערט איבערן קול פון זיין געזאַנג, זי זאָל נישט איבעררייסן זיין לער־נען. רירט זי זיך נישט פון אָרט, און נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון ישראלס קאָפּ, וואָס איז איבערגעבויגן איבער דער גמרא.

באַשע האָט נישט באַמערקט, ווי זי האָט אַראָפּגעלאָזן אַן „אייגל״. דער פאָדעם האָט זיך אַראָפּגערוקט פון דעם פרענטל און דער קנויל האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער פאָדלאָגע. זי פּרוווט ווייטער שטריקן דעם זאָק, נאָר דעם פאָדעם פלאָנטערט זיך אונטער די פינגער, בייגט זי זיך איין און וויל צוציען דעם קנויל, נאָר דער פאָדעם ציט זיך אַוועק ווייטער, ווייט, ווייטער, ביז ישראלס שטול. הייבט זי זיך אויף, גייט צו צום טיש, שטיל און ווייך, ווי דער זוים פון איר קלייד וואָלט בלויז גע־שוועבט איבער דער פאָדלאָגע, און פרעגט:

— דער סאַמאָוואַר איז נאָך וואַרעם? אפשר צוווארפן קוילן?

ישראל הייבט אויף זיין קאָפּ און קוקט אויף באַשען מיט אַ בליק, וואָס כויכט זיך אין אַ טויאיקן נעפּל.

— איך ווייס נישט...

ע' רוקט זיך אָפּ, לאָזט אָרט פאַר באַשען, זי זאָל זיך אַוועקזעצן. נאָר זי שטייט אַן איינגעוואַקסענע אין אירע טריט און רירט זיך נישט פון אָרט.

טוט ישראל אַ טאַפּ דעם סאַמאָוואַר און חידושט זיך:

— זיך גאָרנישט אַרומגעזען, ווי דער סאַמאָוואַר איז קאַלט געוואָרן. מסתמא איז שוין שפּעט... — און ער האָט רחמנות אויף באַשען, וואָס זי שלאָפט נאָך נישט: „מאַטערט זיך נעבעך אָן אַ גאַנצן טאָג מיט די קינדער".

רופט ער זיך אָן: — דו דאַרפסט זיך שוין לייגן שלאָפן...

באַשע ענטפערט נישט ישראלן. זי קוקט זיך איין אויף די ליידיקע גלעזער וואָס שטייען אויפן טיש און פאַרנעמט ווי די נאַכט זעצט זיך אָפּ אויף דער אָפענער גמרא.

זי זשאַלעוועט וואָס דער אָוונט איז שוין אַוועק און דער מידער שלאָף וויגט איין אירע אויגן.

ישראל שלאָפט אָבער נישט קיין סך; ער שפּאַרט זיך צו אויף אַ ווײַלע און שטייט אויף מיט זונען־אויפגאַנג. ער גנבעט זיך אַראָפּ שטילערהייט פון בעט, גיסט אָפּ נעגל־וואַסער, טוט אַ קוק ווי באַשע שלאָפט מיט די קינדער, וויל ער עפּעס פאַרריכטן אין זייער בעט, נאָר ציטערט זיך צורירן, ער זאָל זיי נישט אויפוועקן, און גייט אַרויס פון שטוב.

ער נעמט דאָס זעגעלע אויפן אַקסל, דעם עמער מיט דער צונויפגעמישטער וואַפּנע אין האַנט און גייט אַוועק אין סאָד.

אין דרויסן איז שטיל. דער פאַרטאָג האָט זיך נאָר־וואָס אויסגעשעפּט פון דער גרויער טונקלקייט, וואַרעמט זיך אויף דער זון און זאַפּט איין דעם טוי פון דעם גראָז. דער סאָד האָט שוין אָפּגעבליט. די עפּלביימער שטייען נידעריק; די צווייגן זענען געדיכט אויסגעצויגן און דעקן צו זייערע אייגענע שאָטנס. די באַרן־ביימער שפּאַרן אַרויס זייערע שפּיצן פון די צווייגן, רייסן זיך אינדערהויך, העכער פון זייער שטאַם און שלאָגן אָפּ מיט זייערע בלעטער די לויטערקייט פון דער זון.

ישראל גייט פּאַמעלעך אַרום צווישן די ביימער, בייגט איין דעם

קאָפּ, קריכט אונטער די צווייגן, טאַפּט די ערד אונטערן שטאַם, נעמט אַראָפּ אַ ווערימל פון אַ בלאַט, שניידט אָפּ אַ פאַרדאַרטן צווייגעלע פון בוים און פאַרשמירט מיטן קאַלך אַ לאָך אין דער קאָרע. די פרישע ראָסע עסט זיך איין אין זיינע שטיוול, לייגט אויס איר פייכטקייט אויף די פּאָלעס פון זיין קאַפּטן און פאַרציט אַ פרישקייט אויף זיין פּנים.

ער שטעלט זיך אָפּ, גלייכט אויס דעם רוקן, קוקט זיך איין ווי די עפּל מיט די באַרן וואַקסן ערשט אָפּ פון די צווייגן, און טראַכט: „די מעשים פון בורא עולם; פון דעם מאָך, וואָס קריכט קוים אַרויס פון די צווייגן, וואַקסן אַרויס אַזעלכע שיינע פּירות״.

עס האָט אַ בלאָז געטון אַ ווינט, די צווייגן האָבן זיך אַ וויג געטון, זיך פונאַנדערגענומען און דער בלויער הימל האָט זיך דורכגעשניטן אין די בלעטער.

אין דער הויך, פון די שפּיצן קאַרשן־ביימער, פון די דורכגעפלאָכ־טענע קאַשטאַנען צווייגן טראָגט זיך דאָס געזאַנג פון די פייגל; זייער צוויטשען ציט זיך אויס ווייט און דערווייטערט; גייט איין אונטער די ביימער און גייט אויף אין דעם זשומען פון די פליגעלעך, פון די בינען, וואָס דרייען אין קנוילן זייער אומרו אין די צעשפּרייטע צווייגן.

ישראל דערמאָנט זיך אין לערנען און ציט אויס אַ גמרא ניגון, אַזוי ווי ער האָט געלערנט אַמאָל, ווען ער איז געשטאַנען אין בית־המדרש אַ גאַנצע נאַכט איבערן סטענדער. ער האָט פאַרגעסן, אַז ער האָט דעם עמער מיט וואַפּנע איבערגעלאָזן אויפן סטעזשקע לעבן פאַרקן; ער פילט נישט אַז ביי אים אויפן אַקסל הענגט דאָס זעגעלע, און ער קוקט זיך איין ווי גיי און פריש דער פרימאָרגן פאַרציט זיין דורכזיכטיקייט איבערן סאַד.

באַשע ווייס, אַז ישראל האָט ליב צו זיין אַליין פאַרטאָג אין סאַד. אַזוי ווי ער האָט הנאה פון לערנען ביינאַכט אין שטוב, זשאַלעוועט זי צונעמען אים פון דאָרטן. זי האָט אָבער מורא, עס זאָל אים ניט איבער־חל׳שן דאָס האָרץ, — אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און גאָרניט גענומען אין מויל — גרייט זי צו פאַר אים דעם אָנבייסן און וואַרט ביז ער וועט אַליין אַרויסגיין פון סאַד.

נאָר אַז דער טאָג פאַרציט זיך אַ וואַרעמער אויפן פענצטער־שטיפט, די קינדער הויבן אָן פרעגן „טאַטע, טאַטע״, נעמט זי דאָס קינד אויפן

האַנט, דאָס ייִנגל פאַרן האַנט, גייט צו מיט זיי צום פאַרקאַן פון סאַד, שטעלט זיך אַוועק ביים טויער און הייבט אָן רופן:

— ישראל, דו האָסט נאָך נישט געדאַוונט.

איר קול קייקלט זיך פון די ביימער, חזרט זיך איבער אין די בלעטער, קלינגט מיטן קלאַנג פון געשריי פון די קינדער, נאָר ישראלן דוכט זיך, אַז ס'טראָגט זיך פון אַ ווייטער ווייטקייט, ענטפערט ער באַשעןו און פאַרענטפערט זיך פאַר איר פאַרוואָס ער האָט זיך פאַרגעסן אויפן דאַווענען:

— איך קום, איך קום, איך קום צוגיין!...

***

דער זומער שפרייט זיך אויס ווייט און ברייט איבער די פעלדער; די טעג וואַקסן פון די פולע זאַנגען, און שטייען לאַנגע קלאָרע אונטערן דורכזיכטיקן הימל. די בהמות קריכן אַרום זאַטע איבער דער פעטער פאַשע און דער סאַד בויגט זיך אונטער זיין גערעטעניש.

די רינגליאַדן, די גרויסע פלוימען, וואָס וואַקסן אין לאַנגע שורות לעבן הויכן פלויט, אויף די שפּיציקע פאַרריסענע ביימער — גיסן זיך אָן מיט זייער זאַפט; און דער טוי פון זייער הויט — גרין און צייטיק געל, רויט און סאַמעט־שוואַרץ, — שטראַלט אַרויס פון דער זון איבערן סאַד.

די עפּל שיינען אַרויס פון די ביימער מיט זייערע האַלב רויטע און צייטיק ווייסע קאָלירן; און די באַרן, די פּירות, וואָס צאַמען איין זייער זאַפט אונטער דער גראָבער הויט, הענגען שווער אַראָפּ פון די צווייגן און טאַיען זיך איין אין די גרינע בלעטער.

די וועגנערקעס, — די פלוימען מיט די טעמפּע שפּיצן און אויפגעהויבענע רוקנס — איילן זיך נישט אָנציען אויף זיך זייער צייטיקייט, און וויגן זיך אויף די בויגיקע צווייגן, וואָס עלטערן קיינמאָל נישט זייער דינעם שטאָם.

לעבן די וועגנערקעס שטייען די נידעריקע טשערנאָסליווקע־ביימער מיט די צווייגן, וואָס הייבן זיך אויף אין דער הויך ווי אַ בוקעט, און שליסן איין קיילעכדיק דעם שפּיץ פון שטאָם אין אַ בעכער. די „טשערנאָסליווקעס" — די קליינע קיילעכדיקע פלוימען, ציען האַרט און שטייף

אַרויף אויף זיך זייער דינע הויט און באַהאַלטן זיך פאַרשעמט אונטער דעם בלויען טוי אין די גרינע בלעטער.

פון אומעטום אין סאָד שמעקט דער ריח פון צייטיקייט, די פרייד פון גערעטעניש און ישראל גייט אַרום מיט דער טשעפּאַלקע צווישן דיביימער און נעמט אַראָפּ די צייטיקע עפּל פון די שפּיץ ביימער — זיי זאָלן ניט אַראָפּפאַלן; ער שפּאַרט אונטער מיט אַ פּאָדפּאָרע די אָנגעלאָדענע צווייגן, זיי זאָלן זיך נישט איינברעכן.

פאַרנאַכט לייגט ער זיך צו שלאָפן אין ביידל, וואָס ער האָט אָוועקגעשטעלט אונטער דעם קאַשטאַן בוים; ער שלאָפט אָבער נישט לאַנג. ישראל כאַפּט אַ דרעמל בייטאָג, ער זאָל זיין וואַך ביינאַכט. כאַפּט ער זיך אויף נאָך האַלבער נאַכט, גייט דורך דעם סאָד, קוקט זיך איין ווי זיינע טריט עפענען אויף פאַר אים די פינצטערניש; אָט־אָ דערזעט ער אַ צווייג, די עפּל קריכן אַרויס פון די בלעטער, און אָט־אָ טאַפּט ער אָן אַ בוים, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט און אָפּגעזונדערט אין דער סאַמעטענער טונקלקייט. ער קומט צוריק צו דעם ביידל, זעצט זיך אַוועק אויף די שטרוי און פאַרנעמט ווי די נאַכט טוליעט זיך ווייך און געדיכט צום סאָד.

די פינצטערניש ציטערט אין איר שטילקייט און זאַפּט איין די סודות וואָס טויכן אויף און זינקען איין אין יעדער רגע, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעזעצט אויפן אָפּגרונט פון אַ טיפן וואַסער.

ערגעץ פאַלט אַראָפּ אַן עפּל, עס רייסט זיך אָפּ אַ באַר און שלאָגט אָפּ טיף אין דער פינצטערניש. דער קלאַנג ציט זיך אויס אַ פאַרלוירענער און גייט אויס ווייט ווייט ווי אַ ווידערקול.

ישראלן דוכט זיך אויס, אַז ער האָט פון ערגעץ פאַרנומען אַ וואָרט און וויל ענטפערן, זיך אָפּרופן, טוט ער אַ געשריי:

— הו! הו!

זיין קול קייקלט זיך אַראָפּ פון די צווייגן און קומט צוריק צוזאַמען מיט דעם ענטפער פון וועכטער:

— איך בין וואַך, — דער באַלעבאָס קאָן זיך לייגן שלאָפן!

ישראל ווייס, אַז ער האָט נישט גערופן דעם וועכטער, נאָר אים איז געוואָרן פריילעכער, אַז ער האָט דערהערט, ווי מען האָט אים געענטפערט אויף זיין קול. אַז דער וועכטער איז אָבער צוגעגאַנגען צו אים, האָט ער אים געזאָגט שטיל:

— איך האָב דיך נישט גערופן... דו קענסט נאָך שלאָפן...

נאָר דער גוי איז נישט אַוועקגעגאַנגען, ער איז געשטאַנען לעבן באַלעבאָס נאָענט און איבערגעגעבן און איינגערעדט אים:

— איך האָב זיך שוין אויסגעשלאָפן, וויפיל דאַרף שלאָפן אַן אַל־טער מאַן? צוגעמאַכט די אויגן און זיי עפענען זיך באַלד אויף וואַכע. — און ער האָט אַ זיפץ געטון: — איך ווייס נישט פאַרוואָס מענטשן קריכן גנבענען עפל; איך וועל נישט אויפהייבן קיין פרעמדע זאַך, ווען עס וועט אַפילו ליגן פאַר מיינע פיס.

די ווערטער קלינגען ישראלן איבעריקע, ווייטע. ער וויל דערגיין, וואָס גייט איצטער אין דער טיפער שטילקייט פון דער נאַכט אַן דעם גוי, חוץ דער גנבה פון עפל, טוט ער אים אַ קוק גלייך אין פנים אריין און זאָגט:

— ווייסטו אַז עס איז פאַראַן אַ גאָט אויפן הימל, וואָס מאַכט וואַקסן די עפל אויפן בוים.

— יאָ, יאָ, — נעמט דער גוי אַראָפּ די היטל, טוט אַ קוק אויפן הימל. דער הימל איז אַן אויסגעבויגענער, אַן אויסגעצויגענער און די שטערן טרינקען אים אַן מיט פרייד פון זייער ליכט. צלמט זיך איבער דער וועכטער: — מענטשן ווילן דאָס אָבער נישט וויסן, אַנדערש וואָלטן קיין גנבים נישט געווען אויף דער וועלט, מען וואָלט נישט געקראָכן אין סאַד; מען וואָלט נישט געשיקט די בהמות אין פרעמדן שאָדן...

ער פאַררויכערט די ליולקע און וויל רעדן מיטן יידן וועגן גאָט, און ער זיפצט: — דו ווייסט, כאַזיאַאין, עס איז פאַראַן איין גאָט פאַר אַלעמען.

— עס איז אַזוי, — ענטפערט ישראל פויל, און אים איז אַ רחמנות אויפן גוי. ער וויל אים נישט אַוועקשיקן פון זיך און אים איז שווער צו זיצן לעבן דעם וועכטער, פאַרמאַכט ער די אויגן, און פרוווט איינ־דרימלען.

***

עס האָבן אָנגעהויבן קרייען די הענער, דער קו־קו־ריקו טראָגט זיך דורך די צווייגן פון דיביימער, רייסט די שטילקייט פון דער נאַכט און זייט די פרייד פון פאַרטאָג, וואָס פאַרנעמט זיך אויף דער וועלט.

— עס הויבט אָן טאָגן, — ציט אויס דער וועכטער זיין קול, ווי אַ פריילעכן אָנזאָג, בייגט איין דעם קאָפּ און גיט זיך אונטער זיין מידקייט.

ישראל האָט זיך אויפגעשטעלט, אָפּגעטראָטן פוןביידל, אַרויס אין מיטן פון סאָד, זיך אַוועקגעשטעלט ווייטער פון די ביימער, לעבן די בלומען, וואָס טויען זיך אין דער נאַכט, נידעריק צו דער ערד, און האָט זיך איינגעקוקט אויפן הימל, ווי דער מאָרגן־שטערן האָט אויפגעעפנט זיין שיין ברייט און ליכטיק איבער די שטערן.

ישראלס בליק גרייכט ווייט און טיף, אַזוי הויך ווי די מלאכים זינגען שירה צום כביכול און אים דוכט זיך, אַז ער פאַרנעמט דעם לויב פון זייער געזאַנג, וואָס גיסט אָן מיט פרייד די ליכטיקייט פון די שטערן אויפן הימל...

די הימלען זאָגן אַ לויב צו הקדוש־ברוך־הוא, זיי דערציילן פון גאָטס כבוד און פון די ווערק פון זיינע הענט, וואָס ער האָט אויסגעשפּרייט איבער דער וועלט.

די ערד לאָזט הערן דעם לויב, וואָס טראָגט זיך פון אַלע אירע עקן צו די הימלען און עס טוט איבערחזרן, אַז אַזוי איז די גלוסטונג פון צדיק, עס זאָל קלינגען אַ לויב און געזאַנג צו גאָט.

און איין טאָג רעדט צו דעם אַנדערן טאָג פון די וווּנדער, וואָס גאָט שאַפט מיט אים; ער פאַרגייט ביינאַכט און גייט אויף אינדערפרי.

און די זון לויבט דעם אויבערשטן פאַר דער ליכט פון זיינע שטראַלן, וואָס ציען זיך צו איר, זי זאָל קאָנען לייכטן אויף דער וועלט.

און איין קול פלעכט זיך אין דעם אַנדערן; גייט אויף און שטאַרקט זיך אין זיבן געזאַנגען, אַנטקעגן די זיבן טעג פון וואָך, וואָס שאַלן מיט פרייד:

„הייבט אויף די טויערן פון דער וועלט
און זאָל אַריינקומען דער מלך הכבוד!“...

און איין קול באַגעגנט זיך מיטן אַנדערן און לאָזט הערן איבער דער וועלט:

„שטייט אויף, צדיקים, לערנען תורה,
שטייט אויף לויבן דעם אַלמעכטיקן גאָט!“

וואָשט ישראל די הענט אין דעם טוי פון די גראָז, גייט צו צו זייןביידל, נעמט אַרויס אַ גמרא פון דעם שראַנק ספרים, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן אין סאָד, און זעצט זיך אַוועק לערנען מיט אַ טיפן געזאַנג, און מיט גרויס ליבּ צו דעם רבונו של עולם, דעם האַר פון דער וועלט.

***

ר׳ חיים ווייסט, אַז דער סאָד מיט דער שטוב, וואָס ער האָט געדונגען פאַר זיינע קינדער, שטייט ניט ווייט פון זיין קראָם, אין דעם אַנדערן עק גאַס, אין דעם זעלבן ישוב, וווּ ער וווינט. אַז ער קומט אַהין, טראָגט אים ישראל דעם כבוד אַנטקעגן, באַשע ציטערט איבּער יעדן ריר זיינעם און פון די אייניקלעך שעפּט ער, קיין עין הרע ניט, נחת פולע הויפנס; אים איז אָבער שווער אַהין צו גיין, ער שטעלט אַוועק אַ טראָט און קערט זיך אום צוריק; ער גייט צו אין אָוונט צו דער שטוב, קוקט זיך איין פון ווייטן ווי ישראל זיצט און לערנט און גייט נישט אַריין אין הויז.

ער קומט אַהיים און האָט טענות צו זיך אַליין: „דו האָסט דאָך געבעטן ביי גאָט, ישראל זאָל קענען זיצן און לערנען, טאָ וואָס זינדיקסטו?"

ער ווייס נישט וואָס צו ענטפערן זיך, און האָט נישט וואָס צו זאָגן עמיצן אַנדערש, — ער פילט אָבער, אַז פון ישראלס שטוב בלאָזט מיט אַ קאַלטער פרעמדקייט, און אים איז שווער די שוועל צו איבּערטרעטן...

„ער האָט פון דעם סאָד געמאַכט אַ קליינעם בית־מדרשל און טראַכט גאָרניט, אַז די עפּל וואָס וואַקסן אויף די ביימער דאַרף מען אויך פאַרקויפן". ר׳ חיים ווערט אין כעס: „ער וועט אַהין ניט גיין, באַשע מעג ברענגען די קינדער צו אים אין שטוב אַריין..."

די טעג שטייען אָבער ביי ר׳ חיימען אין שטוב ליידיקע, זומער איז די לייזונג אין קראָם שטיל; ער זיצט אויפן גאַנעק לעבן קראָם, קוקט זיך איין ווי דער גאָרטן ליגט אַ צעגראָבּענער, עס קוקן בלויז אַרויס פון אַ ווינקל די האַרטע קעפּלעך פון די קרויט, און דאָרטן שטייט דער סאָד, קיין עין־הרע ניט, אַ פולער, אַן אָנגעלאָדענער, ברעכט זיך אונטער דער גערעטעניש און שפּרייט די ריחות אין דער לופטן.

קען ר׳ חיים ניט פירן קיין ברוגז מיט די קינדער; ער הייבּט זיך

אויף פון באַנק און גייט אַוועק צו ישראלן. ער וועט נישט רעדן מיט אים וועגן סאָד, וועט נישט פרעגן וועגן „אָפּאַד״, נאָר מיישב זיין זיך וועגן אַ שידוך פאַרן ברכהן.

ר׳ חיים טרעט נישט אָפּ אין שטוב, נאָר גייט גלייך אַריין אין סאָד און שטעלט זיך אַוועק אויפן בערגל אונטערן קאַשטאַן בוים, לעבןביידל. ער קוקט זיך איין אויף די ספרים, וואָס ישראל האָט אַרויסגענומען פון שטוב, און הייבט אָן רופן:

— ישראל, ישראל!

ישראל גייט צו אַ מידער אַ געהאָרכזאַמער צום שווער און וויל אים אָנזאָגן גוטס, דערציילט ער:

— דער ווינט האָט זיך איינגעשטילט, עס האָט אויפגעהערט פאַלן...

און רב חיים רעדט איבער:

— עס האָט, דאַנקען גאָט, גענומען היינטיקס יאָר...

ער לייגט אַרויף די האַנט ביי ישראל אויפן אַקסל: — איך בין געקומען רעדן מיט דיר וועגן ברכהן; וואָס זאָגסטו אויף גבריאלן?

ישראל לאָזט אַרויס די שטשעפּעלקע פון האַנט און פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע:

— דער שווער האָט דאָך אים געזען, — אויב עס איז באַשערט...

— איך וויל אָבער, אַז דו זאָלסט פאַרהערן גבריאלן, — רעדט ר׳ חיים שטיל און זיינע רייד זאַפּן זיך איין אין דעם טויאיקן פאַרנאַכט, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ איבער דעם סאָד.

אַ מעשה מיט פינף קצבים וואָס זענען געפאָרן האַנדלען אויף אַ יאַריד

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין באָבען, וואָס האָט האָלט געהאַט צו דערציילן מעשיות פון אַמאָליקע יאָרן, פון יענע צייטן, ווען פורים האָבן געבליט קאָרשן־ביימער און שבועות איז מען געפאָרן אין אַ שליטן...

א

אַמאָל, אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, ווען דאָס קליינע שטעטעלע בוטען איז נאָך געלעגן צעשפּרייט אויפן טרוקענעם קלאָרן זאַמד, לעבן די מירע־מינער בערג, האָבן דאָרט פינף קצבים צונויפגעלייגט פינף הונדערט רובל — פינף נייע קאַטערינעס, גלאַנציקע אַסיגנאַציעס — און זענען אַוועקגעפאָרן אויף אַ יאַריד האַנדלען בשותפות.

אויפן וועג האָבן זיך די קצבים אָפּגעשטעלט אין אַ קרעטשמע אונטערלענען דאָס האַרץ; דער יאַריד האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן איבערמאָרגן, האָבן זיי געהאַט גענוג צייט און זיי האָבן זיך נישט געאיילט.

זיי האָבן אַריינגעפירט דעם וואָגן אין סטאָדאָלע, אויסגעשפאַנט די פערד און אַריינגעשטעלט זיי ביים קרעטשמער אין שטאַל, און אַליין האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש עפּעס צובייסן. ביים עסן האָבן די פינף קצבים גענומען אַביסל בראָנפן; און אַזוי ווי צייט איז געווען גענוג, האָבן זיי זיך נישט געאיילט און גענומען נאָך אַ טרונק בראַנפן, בפרט, אַז ביים קרעטשמער זענען געשטאַנען פולע פעסער מיט שפירט און געצאַפּט האָט ער דעם בראַנפן אין גרויסע קופּערנע קווערט און דערלאַנגט צום טיש ווי ער וואָלט פון קעלער געצויגן דעם אָפענעם שפּונט אין מויל אַריין צו די אורחים.

זענען די קצבים אַזוי לאַנג געזעסן ביים טיש און געשפּונען אַ לחיים צו אַ לחיים ביז זיי האָבן גאָר פאַרגעסן אויף די נייע פינף הונדערטער, וואָס זענען געווען פאַרנייט ביי צאַליען אין בוזעם־קעשענע און זיי האָבן אַפילו נישט געדענקט ווי אַזוי זיי זענען אַוועקגעאַנגען שלאָפן.

נאר אויף מארגן אינדערפרי, אז די קצבים זענען אויפגעשטאנען, האט זיך צוזאמען מיט זיי אויפגעכאפט די שרעק אז די פינף הונדערט רובל זענען נישטא.

מען האט נישט געוווסט וועך עס האט זיך דער ערשטער דערמאנט אויפן געלט, נאר דער פחד האט אלעמען גלייך באפאלן מיט איין געשריי:

— ווו איז דאס געלט?!

און דאס געלט איז נישטא.

די פינף הונדערט רובל, די פינף נייע אסיגנאציעס, האט מען נישט געפונען.

די קצבים האט שוין נישט גענומען קיין שלאף; דער קרעטשמער האט זיך נישט געקענט איינבעטן ביי זיי אז זיי זאלן נעמען א ביסן אין מויל; נייערט זיי האבן זיך געטוליעט אין דער פינצטערער נאכט, זיך באהאלטן פון דעם שרעק, וואס איז געלעגן פארטריקנט איבער דער קרעטשמע, און געטרייסט איינע די אנדערע מיט דער האפענונג, אז ווען עס וועט אנקומען טאג, עס וועט ווערן ליכטיק, וועלן זיי אפשר אין א מזלדיקער גוטער שעה דערזען די פינף הונדערט רובל.

עס איז געקומען נאך א טאג; עס איז ווידער ליכטיק געווארן און די קצבים האבן נאך אמאל געזוכט דאס געלט; זיי האבן איבערגעטאפט די קעשענעס, איבערגעקליבן די זעמדעלעך, איבערגעלייגט די שטיינדע־לעך, איבערגעציילט די שטרוי פון וואגן, ארומגעקוקט די ווענט פון קרעטשמע, נאר דאס געלט האבן זיי נישט געפונען. האבן זיי ארויסגע־לאזן א גרויס געוויין:

„פינף הונדערט רובל; געלט פון עלנטע אלמנות, נדן פון ארעמע יידישע טעכטער, די פראצע פון אייגענע ווייב און קינדער; ווו איז דאס געלט?...“ און אלע פיר קצבים זענען געשטאנען דערביי און געזען ווי זיי האבן אפגעגעבן צאליען דאס געלט, ער זאל עס האלטן; און אלעמענס אויגן האבן געהיט ווי ער האט דאס געלט באהאלטן אין בוזעם און פאר־בייט די קעשענע, נאר די פינף הונדערט רובל זענען פארט נישטא ביי צאליען.

זיפצן די קצבים ווי אזוי וועלן זיי פארן אהיים און קיינער קען זיי נישט טרייסטן; זיי טראכטן איבער און רעכענען איבער נאך אמאל, ווי אזוי יעדערער פון זיי האט געבראכט צו הונדערט רובל און אפגעגעבן

צאַליען, ער זאָל באַהאַלטן ביי זיך, און עס פאַלט פלוצלינג אַריין אַ שלעכטער רעיון; נאָר מען דערשרעקט זיך פאַר די בייזע מחשבות און מען פאַרטרייבט דעם חשד.

די קצבים קענען אָבער נישט רוען: „ווו איז פאַרט דאָס געלט?!" פרעגט מען איבער העכער, מיט מער אימפעט. „דאָס געלט איז דאָך גע־ווען איינגעניית ביי צאַליען אין קעשענע!"

און מען ווייסט נישט, צי די בייזקייט וואַקסט פון חשד אָדער קריכט פון פחד; שטעלט אויס צאַליע זיינע דערשראָקענע אויגן און וויל אויך פרעגן: „ווו איז דאָס געלט?!" נאָר ער כאַפּט זיך אַז דאָס מאָנט מען ביי אים, און וואָס צו ענטפערן ווייסט ער נישט, לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ און קערט זיך אָפּ אָן אַ זייט.

היטן די פיר קצבים צאַליען, ווו ער קערט זיך און ווענדט זיך, זיי זוכן אַ שפור אין דער טיפער פאַרבאָרגעניש און פרעגן איבער נאָך אַמאָל, זאָגן האַרבער:

— צאַליע! ווו איז דאָס געלט? די פינף הונדערט רובל!

צאַליע ציטערט ווי אַ קלאַפּ אונטערן האַמער, בעט זיך ווי אַ קינד:

— איר זענט אַלע געשטאַנען דערביי און געזען ווי איך האָב פאַר־נייט דאָס געלט אין קעשענע. איך בין צוזאַמען מיט אייך געפאָרן און איר ווייסט דאָך אַז איך בין די גאַנצע צייט נישט אָפּגעטראָטן פון אייך.

די קצבים ווייסן נישט וואָס צו ענטפערן צאַליען; זיי זיפצן און טרויערן אַלע צוזאַמען אויף זייער גרויסער אבידה; זיי שפּאַנען איין פערד און וואָגן און פאָרן צוריק אַהיים.

ב

און אַפריער פון די קצבים ציט זיך איבער גאַנץ בוטען דער גרויסער אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפן אין וועג — די פינף הונדערט רובל זע־נען פאַרלוירן געגאַנגען ביים קרעטשמער אין שטוב. מען דערציילט אַליין און מען הערט זיך איין וואָס אַנדערע זאָגן און פון די רייד און איבעררייד און פון דעם אומער און טרויער וואַקסט אויס אין בוטען דער חשד אַז דאָס איז נישט קיין גלאַטע מעשה. דאָס געלט איז געלעגן ביי צאַליען אין קעשענע, אַלע קצבים האָבן געזען ווי ער האָט פאַרנייט די

פינף הונדערט רובל אין קאַפּטען און איינער פון דעם אַנדערן איז אויף איין טראַט נישט אָפּגעטראָטן, לייגט זיך אויפן שכל אַז מען דאַרף די אבידה זוכן ביי יודל דעם קרעטשמער, ווייל ער איז דער איינציקער וואָס איז געווען ניכטער און זיי אַלע זענען געווען אַזוי שיכור, אַז זיי געדענקען אַפילו נישט, צי זיי האָבן געלייענט קריאת־שמע און ווייסן נישט ווי אַזוי זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן.

האָבן זיך פאַרזאַמלט די קלוגע יידן פון בוטען און אויסגעקליבן דריי שליחים — אַזעלכע מענטשן, וואָס קענען אַ וועלט און ווייסן ווי אַזוי צו רעדן מיט אַ מענטשן — זיי זאָלן פאָרן צו יודל דעם קרעטשמער.

זענען די דריי שליחים, די קלוגע יידן פון בוטען, אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, איידער די הענער קרייען, אָפּגעדאַוונט מיטן ערשטן מנין, צוזאַמען מיט די פוסגייער, וואָס לאָזן זיך אַוועק באַגינען איבער די דערפער, און אַרויסגעגנבעט זיך פון דער היים, ווען אין בוטען שלאָפט מען נאָך, קיינער זאָל זיי נישט זען.

די דריי שליחים זענען נישט צוגעפאָרן צו יודלס קרעטשמע, נאָר זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ זייטיקן וועג, אונטער אַ פאַרצווייגטן בוים, און איינציקווייז זיך אַריינגעשאַרט אין דער גרויסער צעשפּרייטער קרעטשמע; זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט באַזונדער, ווי פרעמדע אורחים, אָדער אָרעמעלייט, וואָס קענען נישט איינע די אַנדערע.

האָט זיך יודל דער קרעטשמער דערפריית מיט די דריי יידן, וואָס זענען געקומען צו אים אין שטוב אַריין פון דער וועלט — אפשר וועלן זיי ברענגען אַ טרייסט אין דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אונטערן דאַך פון זיין קרעטשמע. ער האָט אָנגעזאָגט דער וייב זי זאָל צוגרייטן אַ מאָלצייט, געהייסן די אורחים זיך וואַשן און פאַרגעטן זיי צום טיש. דער ווייטיק האָט אים אָבער גענאָגט; ער האָט נישט געקענט פאַרבאָרגן דעם פּחד, וואָס די פינף קצבים האָבן איבערגעלאָזן ביי אים אין שטוב, און ער האָט דערציילט די פרעמדע יידן וועגן די פינף הונדערט רובל וואָס זענען פאַרלוירן געוואָרן ביי אים אין קרעטשמע. יודל דער קרעטשמער האָט זיך פאַרענטפערט: אַז, ווען די פינף קצבים זענען פאַרפאָרן צו אים אין סטאַדאָלע, האָט ער גאָרנישט געוווּסט, אַז זיי פאָרן אויף אַ יאַריד. זיי זענען געזעסן ביים טיש, געגעסן און געטרונקען, און, אַז עס איז געקומען צום אָפּרעכענען זיך, האָבן זיי זיך פאַרשטעלט פאַר

אָרעמע געזעלן, וואָס דאַרפן וואַרטן ביז זייער באַלעבאָס וועט אָנפאָרן מיט זיין קאָטש פערד און וועט פאַר זיי באַצאָלן. ער האָט גאָרנישט געטראַכט, אַז זיי פירן מיט זיך אַזאַ פאַרמעגן, נאָר פאַרקערט, ער האָט אַ גאַנצע נאַכט אין זינען געהאַט אַז ער דאַרף היטן זייער וואָגן, טאָמער וועלן זיי אַוועקפאָרן און נישט באַצאָלן פאַרן האָב און גוטס וואָס זיי האָבן געגעסן און געטרונקען פון זיין טיש.

— האָט איר געהיט זייער וואָגן? — רופט זיך אָן איינער פון די דריי בוטענער שליחים און ער רעדט, ווי אַ תּם, ווי איינער, וואָס ווייסט נישט, וואָס ער זאָגט.

מישט זיך אַריין דער אַנדערער:

— זענט איר צוגעגאַנגען נאָענט צום וואָגן, אָדער געשטאַנען פון וויטן?

און דער דריטער שליח וויל נישט אַרויסלאָזן יודל דעם קרעטשמערס בליק פון זיינע אויגן, העלפט ער זיי ביידן אַרויס:

— זענט איר צוגעגאַנגען צו דעם געלעגער פון די קצבים, זען צי זיי שלאָפן?

שווייגט יודל דער קרעטשמער, ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן און טראַכט: „צו אים אין סטאָדאָלע פאַרפאָרן פורן פון דער גאַנצער וועלט. ביי אים שטייען איין יידן, וואָס ציען זיך איבער אַלע טראַקטן און שליאַכן. ביי אים נעכטיקט איבער אַ סוחר און אַ דעליזשאַנס, אַ פּאָטשטאָווער קוריער און אַ בעל־עגלה קלאַפּט אָן אין זיין פענצטער, וועט ער זיי אַלעמען היטן? אַ ייד אַ יידן זאָל נישט געטרויען, טאָ ווי אַזוי וועט די וועלט אַ קיום האָבן?"

טוט ער אַ זיפץ און פאַרענטפערט זיך פאַר די שליחים:

— איך האָב זיי טאַקע נישט געדאַרפט היטן, נאָר די אורחים זענען מיר עפּעס נישט געפעלן געוואָרן. אַז זיי האָבן אויסגעטרונקען די ערשטע קוואָרט בראַנפן, האָבן זיך ביי זיי פונאַנדערגעשפּילט די באַקן, לַהבדיל, ווי די רציחה צינדט זיך אָן ביי די שיכורע גויים. האָב איך געטראַכט, אַז מען דאַרף זאָגן דער ווייב, מען זאָל אַכטונג געבן אויף די פרעמדע לייט.

— האָט דאָס ווייב זיי אויך געהיט? און ווי אַזוי האָט איר אַליין אַכטונג געגעבן אויף זיי?

ווערן פלוצלינג די אלע דריי פרעמדע יידן, ווי איין מענטש, אויס־געגאסן פון איין פורעם און רעדן שוין הארבער, שארפער...

פארשעמט זיך יודל דער קרעטשמער, פארוואס ער האט חושד גע־ווען די קצבים: „ווי אזוי זענען אים איינגעפאלן אזעלכע מחשבות וועגן יידן, וואס פארלאזן זיך אויפן אויבערשטן און לאזן זיך אוועק איבער דער וועלט האנדלען״? און ער ווייסט נישט, וואס צו ענטפערן. ער דער־שרעקט זיך פאר די דריי יידן, וואס זיצן ביי זיין טיש און קוקן אזוי פרעמד אויף אים. ער לאזט אראפ די אויגן און שווייגט.

און די דריי יידן, די שליחים, טראכטן שוין נישט קיין סך. זיי בייטן זיך נאר איבער מיט א ווונק פון די אויגן און זיי ווערט אלץ קלאר, ווי די חכמה, וואס שפילט זיך ביי דעם חכם אויף דער בארד אונטער די ליפן. זיי ווילן זיך בלויז מיישב זיין, צי זיי זאלן גלייך אויפן ארט מאנען דאס געלט, אדער ברענגען די פריילעכע בשורה אין בוטען און הייסן שיקן א בית דין שמש צו יודל דעם קרעטשמער.

און יודל דער קרעטשמער ווייסט נישט וואס צו טון און וואס צו רעדן. ער טוליעט זיך צו די קינדער, און די קינדער ווארעמען זיך לעבן טאטן, און זיי אלע צוזאמען, דער טאטע מיט דער מאמען און די קינדער, קוקן אויף די פרעמדע, ווילד־פרעמדע יידן, די אורחים, ווי זיי וואלטן זיך פון עמיצן געוואלט ראטעווען.

און די יידן — די שליחים — שווייגן אויך: זיי נעמען אבער נישט אראפ די אויגן פון יודלס געזינד, און זיי דוכט זיך, אז אט־אט זעען זיי, ווי עס אנטפלעקט זיך די טיפע פארבארגעניש פון דעם קרעטשמערס פארלוירנקייט... נאר איין שליח, דער חכם — דער זיכערער, דער רואי־קערער, וואס ציילט שוין די גלאנציקע אסיגנאציעס, וויל זיך נישט איינ־גאנצן פארלאזן אויף זיין השערה און ער וויל שטארקער באפעסטיקן זיין דעה, אויסשמידן זיינע ראיות, רופט ער זיך אן צו יודלס עלטערן יינגל, ווי ער וואלט אים כלומרשט געוואלט פארהערן:

— וואס טוט אזא יינגעלע ווי דו? לערנסטו תורה, אדער העלפסט דעם טאטן היטן, איך מיין אכטונג געבן, אויף די אורחים? — און ער ציט אזוי אויס זיינע רייד, ווי ער וואלט מיט זיין זיסן קול איינגעוועבט דעם יינגל אין דער נעץ פון זיינע ראיות.

דאס יינגל דערשרעקט זיך פאר די פרעמדע יידן און וויל אנטלויפן,

נאָר דער טאַטע לאָזט אים נישט אָפּ פון זיך און שעמט זיך פאַרוואָס ער איז נישט מדריך זיינע קינדער אין תורה און מעשים טובים. זיפצט ער:

— קיין מלמד קען זיך דאָ נישט איינהאַלטן, היטן די קינדער קוים אָפּ שבת און יום־טוב. אַ גאַנצע וואָך הערן זיי נישט קיין יידיש וואָרט און לויפן אַרום מיט די שקצים אין דרויסן, הויערן מיט די פערד און בהמות אויפן פעלד.

יודל האָט מורא, זיין יינגל זאָל נישט מבייש זיין דעם טאַטן מיט זיינע רייד, קוקט ער זיך איין אויפן עלטערן זון ווי ער וואָלט אים עפּעס פאַרזאָגט, און פאַרענטפערט זיך אויך פאַר די פרעמדע יידן מיט די שפּיציקע בערד און פאַרוואָקסענע ברעמען, ווי ער וואָלט זיך געבעטן:

— „וואָס קען טון אַ ייד? מען איז אַליין אויפן ישוב, אָפּגעפרעמדט פון לערנען, ווייט פון יידן".

קענען שוין די פרעמדע יידן מער נישט באַהאַלטן זייערע רעיונות. זיי קענען נישט צוזען דעם רחמנות פון יודל דעם קרעטשמער, וואָס איז נעבעך נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון און איז פאַרפירט געוואָרן פון דער שליטה, וואָס די לוסט נאָך געלט האָט אויף דעם מענטשן, און זיי זענען זיך מודה, אַז זיי זענען די דריי שליחים, וועמען מען האָט געשיקט פון בוטען אַהער איינמאָנען די פינף הונדערט רובל, וואָס מען האָט צוגענו־מען ביי די קצבים. דער נאַרישערער פון זיי הויבט אָן שאָקלען מיטן קיי־לעכדיקן פנים, ציט אויס די לאַנגע באָרד, קוקט זיך איין אויף דעם קרעטשמער און אַנטפּלעקט זיין גוט האַרץ:

— יודל, מיר זעען אויף דיר אַז דו ביסט אַן ערלעכער ייד, דער חשד איז אָבער גרויס. די פינף קצבים זענען פאַרפאָרן אַהער מיטן געלט און דאָ, ביי דיר אין שטוב, אונטער דיין דאַך, אין דעם שאָטן פון דיינע פיר ווענט, זענען די פינף הונדערט רובל פאַרלוירן געוואָרן. דאָס געלט איז נישט זייערס — הייבט ער אָן זינגען מיט אַן אומעטיקן ניגון, מיט אַ צעבראָכן קול — דאָס איז דאָס בלוט פון אָרעמע אלמנות, עלנטע יתו־מים, נדן פון יידישע טעכטער. יודל, באַדאַכט זיך! — שרייט ער אויס און קען מער נישט ריידן.

העלפט אים אַרויס דער צווייטער שליח, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ תם, ער רעדט רואיקער:

— אַ ייד טאָר אויף זיך נישט לאָזן פאַלן קיין חשד...

און דער דריטער שליח, דער חכם מיט דער שיטערער שפּיציקער באָרד שטראָפט שוין יודל דעם קרעטשמער מיט האַרבע רייד:

— גרויס איז דער עונש אויף יענער וועלט, אָבער נאָך גרעסער איז די חרפּה אויף דער וועלט. דער השד קען ח״ו פאַרפלעקן דיין הויז ביז די קינדס קינדער און קיינער וועט זיך נישט וועלן מיט דיר משדך זיין. אַ יידישער פּוס וועט נישט איבערטרעטן דעם שוועל פון דיין טיר און אַ יידיש אויג וועט דיך אויסמיידן ווי דו וועסט זיך נישט קערן און ווענדן.

אַזוי שטייען די שליחים און רעדן צו יודל דעם קרעטשמער, און יודל דער קרעטשמער שטייט און שווייגט. ער קוקט זיך איין אויף די דריי פרעמדע יידן — די שליחים, און אים דוכט זיך, אַז ער וועט זיך קיינמאָל נישט קענען אויסקויפן פון זיינע זינד. ער ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. שרייט ער אויס:

— יידן, וואָס זאָל איך טון?!

און דאָס ווייב טרעט נישט אָפּ פון איר מאַן. זי טוליעט זיך אין איר געטריישאַפט צו די קינדער און קלאָגט אויף איר האַרטן שווערן לעבן:

— מען זיצט פאַרפרעמדט צווישן גויים, דערווייטערט פון אַ יידיש הויז. מען ווייסט נישט, ווי דער טאָג גייט אַוועק און מען זעט נישט, ווען די נאַכט קומט אָן, טאָ ווי אַזוי קען מען זיך אויסהיטן פון זינד און ווי אַזוי קען מען אויסמיידן אַ שלעכט וואָרט?

ווערט ווייכער דאָס האַרץ ביי דעם דריטן שליח — דעם חכם — ער ציט זיך אויס אין זיין גאַנצער לענג, שטעלט אָן זיין שאַרפע נאָז, בויגט איין זיין האַרטע שפּיציקע באָרד און גיט אָן עצה יודל דעם קרעטשמער:

— איר דאַרפט גיין מיט די קצבים צו מענטשן. זאָלן מענטשן זאָגן...

נאָר יודל דער קרעטשמער באַנעמט נאָך אַלץ נישט נאָך וואָס ער דאַרף גיין צו מענטשן. ער פאַרשטייט נישט וואָס וועלן אים העלפן די מענטשן אין זיין שווער לעבן. ער הערט זיך אָבער איין צו דעם גוטן יידנס עצה, ווי ער פאַרנעמט די גוטע פרומע רייד פון די גאָטספאָרכטי־קע יידן, וואָס טרעטן איבער זיין שוועל. ער פאָלגט אים און גייט צו מענטשן.

ער שפּאַנט איין פערד און וואָגן, לייגט אָן אַ פולן פאָלוקעשעק מיט פרישע היי, זעצט אַוועק די דריי שליחים פון בוטען אויבנאָן, טוט אָן

דעם יום־טובדיקן קאַפּטען און פאָרט מיט זיי צו מענטשן מיט אַזאַ ציטער און ערפורכט, ווי ער קלייבט זיך אויף ימים נוראים אין שטאָט אַריין.

ג

פאָרן די דריי שליחים מיט יודל דעם קרעטשמער אין איין וואָגן. זיי פירן אים אין אַ כמורנעם אָסיענדיקן טאָג צו מענטשן. די דריי יידן — די שליחים פון בוטען — זיצן אויבנאָן אין ווייכן היי, און יודל דער קרעטשמער האָט זיך אָנגעשפאַרט אויף די קאָזלעס, אָפּגעלאָזן די לייצעס, אַריינגעשטעקט די בייטש אין פאָלוקעשעק און קוקט זיך איין ווי די טריט פון פערד אַנטרינען אונטער דעם וואָגן. דער וועג קריכט און לייגט זיך אויס אַ שווערער איבער די צעווייקטע פעלדער, און דער טאָג הענגט אַ ווייכער, אַ נאַסער און בייגט זיך איבער די נידעריקע וואָלקנס.

נורעט זיך יודל אין זיין אייגענעם לייב, קוקט זיך איין, ווי דער ווינטער גראָבט זיך איין אין די פעלדער, און טראַכט אַז דעם פערד איז שווער צו שלעפּן די רעדער אין אַזאַ וועג, ער קען אָבער נישט אַראָפּגיין פון וואָגן, גלייך ווי די דריי יידן — די שליחים — וואָלטן אים מיט זייערע בליקן צוגעשמידט צו דעם אָרט, וווּ ער זיצט.

וויל ער זיך אָפּקערן צו זיי, אַ קוק טון זיי אין פּנים אַריין און פרעגן ביי אַלע דריי שליחים: „וואָס ווילט איר פון מיר?!"

נאָר די יידן — די דריי שליחים — זיצן מיט פאַרחתמעטע פּנימער און רירן זיך נישט פון אָרט, ווי איינגעפרוירענע.

קען יודל צו זיי נישט רעדן און ער ציט אויס זיין געבעט צום פערד, צו דער שטומער באַשעפעניש, וואָס דינט אים אַזוי געטריי אין וועג און אין פעלד, און לאָזט אים נישט איבער אין געפאַר. ער וויל מען זאָל רחמנות האָבן אויף זיין ווייב מיט די קינדער, וואָס ער האָט נעבעך איבערגעלאָזן אַליין אין דער היים.

די יידן — די דריי שליחים — קענען אויך נישט איינזיצן רואיק. באַהאַלטענערהייט, פאַרבאַרגן טיף אין זיך, טראַכטן זיי: „אפשר איז דאָס אַן אומזיסטער חשד. פאַרוואָס זאָלן זיי אָנטון אַזוי פיל שפיכות דמים אַ יידן? האָבן זיי עדות?..."

און אָט וויל דער דריטער שליח, דער חכם — דער הויכער ייד מיט דער לאַנגער שאַרפער נאָז, זיך אָנרופן:

— לאָמיר זיך צוריק אומקערן אין קרעטשמע און איבערלאָזן דעם יידן אין דער היים...

ווי אַזוי קען ער אָבער דאָס זאָגן? מיט אים זענען דאָך פאַראַן נאָך צוויי יידן און זיי אַלעמען גלייך איז קשה געוואָרן, ווי אַזוי יודל האָט גערעדט, ווי אַזוי ער האָט אויסגעהיט, זיין ייִנגל זאָל גאָרנישט דערציילן. „דער חשד איז אַ גרויסער, טאָ ווי אַזוי מעג ער נעמען אויף זיך די אַחריות, הייסן צוויי אַנדערע יידן בייטן זייער דעה און לאָזן יידישע טעכטער אָן נדן און אָרעמע אלמנות אָן אַ שטיקל ברויט"...

און דער צווייטער שליח — דער אַנדערער ייד — וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ תם, טראַכט: „אַז ער וואָלט בעסער געגאַנגען צופוס, געבלאָנדזשעט אין וואַלד אין אַ גרויסן פראָסט און הונגעריקע וועלף מיט בייזע חיות זאָלן אויף אים אָנפאַלן, איידער ער זאָל דאָ זיצן אויפן וואָגן און העלפן שאַרפן דעם פסק איבער אַ יידן". האָפט ער: „אפשר וועט דער פערד אַראָפגיין פון שליאַך, מען וועט פאַרלירן דעם וועג, ווי מען ווערט פאַרבלאָנדזשעט פון אַ קלאָרן שניי אָדער מען ווערט פאַרפאַלן אין אַ פינצטערער נאַכט, און מען וועט אָנשפאַרן ערגעץ ווייט, ווייט, אין אַ פרעמדן ישוב, אויף שבת"...

און דער ערשטער שליח — דער נידעריקער ייד, מיטן קיילעכדיקן פּנים, לאַנגער באָרד און גוט האַרץ — טראַכט, אַז ווען עס געשעט אַ נס און ער געפינט איצטער פינף הונדערט רובל, וואָלט ער קיין פּרוטה נישט איבערגעלאָזן ביי זיך, נאָר ער וואָלט דאָס געלט באַהאַלטן ביי צאַליע דעם קצב אין קעשענע און געזאָגט צו אים: טו נאָך אַמאָל אַ קוק אין קאַפּטן, אפשר ליגן דאָרט די אַסיגנאַציעס!... אַבי נישט מבייש זיין קיין יידן...

אָט אַזוי פאָרן די דריי יידן — די שליחים פון בוטען — פאַרטיפט אין זייערע מחשבות, און באַהאַלטן זייערע רעיונות הינטער יודל דעם קרעטשמערס פּלייצע, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט פאַר אים.

און יודל דער קרעטשמער קען נישט צוזען ווי דאָס פערד בייגט זיך אין שפּאַן אונטער זיין שווערער לאַסט, קריכט ער אַראָפּ פון וואָגן, גייט לעבן פערד, גלייכט אויס זיין גריווע אויפן האַלדז, נעמט אָן די האָ-

לאָבליעס, פאַרריכט די סברוע, גלעט אים אונטערן בויך און ער פילט. ווי דאָס פערד, מיט וועמען ער פאָרט שוין יאָרן און יאָרן אין רעגן און שניי, איז אים קיינמאָל נישט געווען אַזוי נאָענט און איבערגעגעבן ווי איצ־טער. פאַרשעמט זיך יודל פאַר דער בייטש, וואָס ער האַלט אין האַנט, שטעקט זי אַריין אין פאָלוקעשעק, גייט אַרויס אַפריער, נעמט אָן דעם פערד פאַרן צוים און זיי גייען ביידע צוזאַמען — צוויי שטומע באַשע־פעניש, אויף וועמען עס ליגט פאַרגליווערט דער גזר, וואָס די פרעמדע עדות האָבן געבראַכט מיט זייערע רייד.

ד

און אין בוטען וואַרט מען אויף די דריי שליחים, וואָס מען האָט אוועקגעשיקט צו יודל דעם קרעטשמער. זיי זאַמען זיך דאָרטן אַ טאָג מיט אַ נאַכט און זענען נישטאָ. און אָט גייט אַוועק נאָך אַ טאָג, עס רוקט זיך אָן נאָך אַ נאַכט און די שליחים האָבן זיך נאָך אַלץ נישט אומגע־קערט צוריק אַהיים.

קוקט מען זיך איין אין בוטען אויפן גרויען טאָג, מען היט די וועגן וואָס פירן אין שטאָט אַריין און איינער וויל פאַרכאַפּן די בשורה פון דעם אַנדערן, ער זאָל דער ערשטער קענען אָנזאָגן, אַז אָטאָ זענען די שליחים געקומען צוריק.

שטעלט זיך אַוועק איין ייד לעבן דער גרויסער שול און קוקט זיך איין אויפן פוסטן מאַרק, טרעט אָפּ אַן אַנדער ייד אַ פּאָר טריט ווייטער און היט די לאַנגע גאַס, רוקט זיך אַוועק נאָך אַ ייד נאָך ווייטער און פאַררייסט די אויגן צום הימל. גנבעט זיך אָפּ דער קליינער מאָטעלע מיט זיין ציגענער בערדל, האַלט איין זיין קוויטשיק קול, נורעט זיך איין אין זיין לאַנגן פלאַשטש און פאַררוקט זיך הינטער דעם הויכן אַריינפאָר־הויז — אפשר וועט ער, דער ערשטער, דערזען די שליחים. און די אַטוואַזשנע־רע מענטשן, די גבורים, די געזעלן — די שלעגער, די גרויסע אויפטוער — האָבן זיך אַרויסגעלאָזן הינטערן שטאָט זוכן די שליחים, טאָמער זענען זיי ערגעץ פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן און פאַרצוקט געוואָרן פון בייזע וועלף, אָדער זיי זענען באַפאַלן געוואָרן פון גזלנים, וואָס האָבן צוגע־נומען ביי זיי די פינף הונדערט רובל — די נייע קנאַקעדיקע אַסיגנאַציעס.

אַזוי האָט זיך איין ייד אָפּגעגנבעט פון דעם אַנדערן, אויסבאַהאַלטן זיך פון צווייטן און אויסגעקוקט די שליחים, ביז גאַנץ בוטען האָט זיך אויסגעלײדיקט און אַרויס וואַרטן אויף די שליחים. און אַז יודל דער קרעטשמער איז אָנגעקומען, צוזאַמען מיט די שליחים, קיין בוטען, האָט זיי באַגעגנט אַ גאַנצע עדה יידן מיט געשריי און טומל און אַרויפגעפירט זיי אויפן שול־הויף.

שטייט יודל דער קרעטשמער לעבן זיין פאַרמאַטערטן פערד, איינגעגנורעט אין זיין גרויסן פעלץ און קען ניט צוזען, ווי זיין שטומע באַשעפעניש בייגט זיך אונטער דעם שווערן שפּאַן, בעט ער זיך, אַז מען זאָל אים לאָזן אויסשפּאַנען דעם פערד און אָנטרינקען אים. נאָר זיינע רייד ווערן פאַרצוקט פון דעם גרויסן טומל, וואָס שפּאַרט זיך אויף אים, און קיינער הערט נישט וואָס ער זאָגט. יידן שרייען, קינדער טומלען, ווייבער וויינען, די עלנטע אלמנות שילטן זיך, כלה־מיידלעך טוליען זיך פאַרשעמטע איינע צו די אַנדערע. ביי די בעלי־עגלות ברענט די רציחה און די קצבים רייסן זיך שלאָגן.

אַ וועלט איז אָבער נישט הפקר: און אין בוטען זענען אויך פאַראַן גוטהאַרציקע יידן; ווייכע מענטשן, יידן רחמנים בני רחמנים, פיינע באַלעבאַטים, וואָס קענען נישט צוזען ווי אַ שטאָט טרינקט זיך אין רציחה. האָבן זיי זיך איינגעשטעלט פאַר יודל דעם קרעטשמער און נישט געלאָזן אים איבערענטפערן צו דער רוגזא, וואָס זיצט אין די פאַרמאַכטע פויסטן. זיי האָבן זיך אַריינגעמישט און האָבן אַרויסגענומען יודל דעם קרעטשמער פון די שלעכטע הענט.

וואָס קענען אָבער טון די גאָטספאַרכטיקע יידן מיט אים? ווייל ווי גוט און ווויל אַ ייד זאָל נישט זיין, וועט ער דאָך מיט זיינע הענט נישט וועלן פאַרדעקן קיין חשד, ער אַליין זאָל ח״ו נישט גורם זיין, אַז גנבה און גזלה זאָל פאַרהוילן ווערן פון דער וועלט. פירט מען יודל דעם קרעטשמער צום רב.

גייט יודל דער קרעטשמער, איינגעבויגן נידעריקער פון זיינע אַקסלען, און לאָזט נישט אַרויס די בייטש פון האַנט. פון ביידע זייטן באַוואַכן און באַשיצן אים די באַלעבאַטים פון שטאָט. פון הינטן טרעטן אָבער נישט אָפּ די פינף קצבים און לעבן זיי שאַרן זיך די דריי שליחים

און זיפצן אויף דעם גרויסן אומגליק, וואָס איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויף דער שטאָט, און נאָך זיי ציט זיך דער גאַנצער מאַרק מיט יידן.

און די נאַכט לאָזט זיך אַראָפּ נידעריקער פון דעכער און די מהומה שטייגט העכער פון די קוימענס. די גאַנצע שטאָט פירט יודל דעם קרעטש־מער צום רב.

ה

דער רב פון בוטען זיצט ביי זיך אין חדר און וויל אַריינקוקן אין אַ ספר, נאָר זיינע הענט הייבן זיך נישט אויף צו דעם גרויסן שראַנק מיט ספרים. די ווענט טונקען זיך אין בין־השמשות און בייגן זיך אויס איבערן חדר. דער טאָג גייט אויס און וועבט זיך איין אין דער נאַכט. דער רב הייבט זיך נישט אויף פון זיין הויכן אויסגעבעטן שטול און פאַרנעמט ווי אַ וועלט שלינגט איין אַ וועלט. ער טראַכט נישט וועגן אָנציגדן קיין פייער און זאָפּט איין זיין אומעט. ער וויל זיך אויף עפּעס דערמאָנען און אים דוכט זיך, אַז ער האָט פאַרגעסן ווו ער האָט געהאַלטן אין לער־נען. ביים דאַוונען מנחה האָבן אים געמאַטערט שווערע רעיונות און אין מיטן שמונה עשרה האָט ער זיך פלוצלינג פאַרטראַכט; די ווערטער האָבן זיך געצויגן פוסטע,ליידיקע, און אויסגעבלאָזענע הענגען זיי איצטער איבער אים.

זיצט דער רב פון בוטען אָנגעלענט אויף זיין גרויסן שטול, באַלאָדן מיט שווערע רעיונות און זיפצט אויף דער גרויסער אבידה, וואָס די קצבים האָבן נעבעך געהאַט. מסתמא איז די זינד גרויס, ווייל די יידן פון בוטען זענען נאָך געשטראָפט געוואָרן מיט אַזאַ פאַרבלענדעניש, אַז זיי האָבן אַליין נישט געזען ווי זיי האָבן גורם געווען אַז די דריי שליחים זאָלן פאָרן צום קרעטשמער און מאַטערן און פייניקן אַן אָרעמען יידן מיט אַן אומזיסטן חשד.

נאָר פלוצלינג האָט אָנגעהויבן ציטערן אַ יאָמער. אַ געשריי האָט אויפגעפראַלט זיין טיר און אַן עדה יידן האָט אָנגעפילט די שטוב. אין איין רגע זענען די פינף קצבים שוין געשטאַנען לעבן רב, געשריגן, געמאָנט און אָנגעוויזן אויף די דריי שליחים:

— אָטאָ זענען זיי!

האָט זיך דער רב פאַרשעמט פאַר דער רוגזא, וואָס האָט געשפּריצט ביי די קצבים פון די אויגן. ער האָט זיך דערשראָקן אַ ייד זאָל ח״ו קיין שלעכטס נישט טון אַ יידן און ער איז צוגעקומען נענטער צו די קצבים, איינגעמען זייער כעס. זענען די קצבים אַנטשוויגן געוואָרן, אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט, די עדה יידן האָט זיך אָפּגערוקט פון הינטן און דער רב איז געבליבן שטיין איינער אַליין אינמיטן שטוב, לעבן טיש.

צאַליע דער קצב האָט אָבער נישט געקענט שווייגן און ווידער אָנ־געהויבן שרייען:

— רבי, רבי!...

זיינע אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן און ער האָט מער נישט געקענט רעדן.

האָט דער צווייטער קצב איינגעשלונגען צאַליעס ווערטער און האָט אַזוי געטענהט:

— רבי, איר ווייסט דאָך פון דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט אונדז געטראָפן פון דער גרויסער אבידה וואָס מיר האָבן געהאַט!

העלפט אים דער דריטער קצב:

— די פינף הונדערט רובל, וואָס איז פאַרלוירן געוואָרן...

און די ווייבער כליפּען אין הינטערשטן חדר:

— געלט פון אָרעמע אלמנות, פון עלנטע יתומים, גדן פון יידישע טעכטער...

און די עדה יידן ווייזן ראיות, ברענגען עדות און זיפצן אויף דעם גרויסן אומגליק וואָס איז באַפאַלן אַ שטאָט מיט יידן.

נאָר יודל דער קרעטשמער שווייגט און וואַקלט זיך פון די פיס אונ־טער די האָרבע ווערטער און ביטערע רייד וואָס טראָגן זיך איבער דער שטוב, און פאַלן אויף זיין קאָפּ. ער טוליעט זיך צו די דריי שליחים, צו די יידן וואָס ער האָט געזען ביי זיך אין שטוב, וואָס זענען געפאָרן מיט אים אין איין וואָגן, און אים דוכט זיך, אַז זיי שטייען איצטער לעבן אים און באַשיצן אים פון דער גרויסער געפאַר, וואָס פלייצט זיך איבער אים, ווי דער וואַסער וואָס דערטרינקט די טיפע ברעגן פון אַ טייך, ער וויל עפּעס זאָגן צו שליחים, אָט אַזוי ווי מען וויל רעדן צו אַ שכן, וואָס מען באַ־געגנט אין אַ פרעמדער שטאָט, נאָר די שליחים קערן זיך אָפּ פון אים. שטייט ער מיט דער בייטש אין האַנט און שווייגט.

פלוצלינג האָט דער רב אָנגעהויבן רעדן. און איידער ער האָט דער־הערט זיינע אייגענע רייד, האָט דער רב דערזען ווי ער שטייט אַליין לעבן טיש. אַרום אים איז ליידיק און געראַם, נאָר לעבן די ווענט, הינטער דער טיר, שפּאַרן זיך מענטשן קאָפּ אויף קאָפּ. האָט אים באַגאָסן אַן אַנגסט פון דעם יאָך וואָס ער טראָגט אויף זיך, פון דער אחריות, וואָס די אויס־דערוויילטקייט האָט אַרויפגעלייגט אויף זיינע אַקסלען, און ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, אויסגעשפּרייט די הענט איבערן טיש, אָנגענומען די ברעגן און שווער אויסגעזיפצט:

— קינדערלעך...

געוואָלט האָט ער עס זאָגן שטיל און ווייך, אָט אַזוי ווי מען וויל עמיצן טרייסטן אין אַן אומגליק, נאָר דאָס קול האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין רשות און אַליין אַוועקגעטראָגן זיך איבער דער שטוב, ווי אַן אויסגעשריי:

— יידן! קינדער פון אברהם, פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אייך די רציחה פון עשו?!

אין שטוב איז פּלוצלינג שטיל געוואָרן מיט דער שטילקייט פון אַ פאַרגליווערטן געבעט, נאָר דעם רב האָט זיך געדוכט אַז דאָס קול פון זיי־נע רייד איז נישט אָנטשוויגן געוואָרן. האָט ער אַ טיפן זיפץ געטון אויף דער גרויסער אבידה פון די פינף הונדערט רובל. עס איז אָבער נאָך אַ גרעסערע אַבידה, וואָס איין ייד איז חושד דעם אַנדערן און אַ שטאָט טרינקט זיך אין כעס און רוגזא, האָט ער פאַר קיינעם קיין טרייסט נישט געפונען, נייערט שטראָף־רייד האָט זיין מויל אָנגעהויבן אַרויס־ברענגען:

— עס איז געקומען אַ ייד צו אייך, אַן אָרעמער ייד, וואָס זיצט נעבעך איינער אַליין אין דער פרעמד, אויפן דאָרף. האָט אים עמיצער אין שטוב אַריינגענומען? האָט ווער פון אייך געגעבן אים אַביסל וואַ־סער, געפרעגט ביי אים צי ער איז הונגעריק?!

דער רב האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין קול און געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, ווייכער מאַכן די האַרבע ווערטער וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין אַזאַ גרויסן אומגליק, נאָר זיינע רייד זיינען דערטרונקען געוואָרן אין דעם שווערן געוויין וואָס יודל דער קרעטשמער האָט פּלוצלינג אַרויסגעלאָזן איבערן הויז:

— רבי, וואָס מאָנען זיי ביי מיר?

יודל דער קרעטשמער קוקט אויפן רב, ער זעט אָבער זיין שטוב, ווי ער האָט איבערגעלאָזן דאָס ווייב אַליין מיט די קינדער, בעט ער זיך:

— די קרעטשמע שטייט אין מיטן פעלד, ביינאַכט לויערט די שרעק הינטער דער טיר פון די גויים וואָס קלאַפּן אָן אין פענצטער, און בייטאָג עסט אויף דער אומעט מיט דער עלנטקייט...

איז דער רב צוגעגאַנגען צו יודל דעם קרעטשמער, אַרויפגעלייגט די האַנט ביי אים אויפן אַקסל, אָפּגעווישט מיט דער רויטער פאַטשיילע זיין שווייס, פאַרריכט די היטל ביי אים אויפן קאָפּ און אָנגעהויבן איינ־שטילן אים, ווי מען רעדט איין אַ קינד, ווי מען טרייסט אַ חולה. יודל דער קרעטשמער האָט איינגעזאַפּט דעם רבס רייד און די ווערטער האָבן אַרויסגעשפּראָצט פון זיינע פינגער, אַרויסגעלויכטן פון זיינע אויגן און יודלען האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט איצטער, דעם ערשטן מאָל אַ קוק געטון דעם רב אין פנים אַריין, האָט ער זיך פאַרשעמט און אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. אים האָט אָבער דורכגענומען אַ וואַרעמקייט און זיינע רייד האָבן אַליין אָנגעהויבן טריפן:

— רבי, איך צאַפּ דעם בראַנפן און דערלאַנג צום טיש. די קינדער היטן די בהמות אין פעלד. דאָס ווייב קאָכט די טעפּ אין אויוון, גרייט צו דעם עסן בלויז פאַר די גויים און מיר זענען ביידע אפילו נישט ווערט ביים אויבערשטן אַז מען זאָל מאַכן אַ ברכה אויף אונדזער האָב און גוטס. און ער האָט זיך ווידער פונאַנדערגעוויינט.

— איך האָב נאָך קיין מעריב נישט געדאַוונט...

זיין ווייכער געוויין און אומעטיקער קול האָט זיך פאַרצויגן איבער דער שטוב, ווי דער פרישער טוי גייט אויף פאַרטאָג, ווי די שפע שפּרייט זיך איבער דער זריעה פון די פעלדער. האָט דער רב פאַרגעסן אויף דער עדה יידן, וואָס האָט זיך געטוליעט צו די ווענט ביי אים אין שטוב און ער האָט גערעדט צו יודל דעם קרעטשמער מיט גוטע רייד:

— דאַוון אָפּ, מיין זון, מעריב, וועסט עפּעס נעמען אין מויל און פאַרטאָג וועל איך דיך אַליין, מיטן אויבערשטנס הילף, אַרויסבאַגלייטן אַהיים...

ז

נאָר יודל דער קרעטשמער קען נישט איינרוען. אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט זיך צוזאַמען מיט אים אויך אומגעקערט דער חשד פון אַן עדה יידן און ער האָט מורא געהאַט צו דערציילן דער ווייב וואָס עס איז מיט אים פאַרלאָפן אין שטאָט, טאָמער וועט זי אים אויך נישט טרויען ווי די דריי שליחים און זי וועט מיינען, אַז ער נאַרט זי אָפּ.

האָט ער זיך אַריינגעגנבעט אין שטוב, געבליבן שטיין ביי דער טיר, ווי אַ פרעמדער אורח, און זיך געוואָלט אַוועקשאַרן אין אַ ווינקל, קיינער זאָל אים ניט זען, נאָר די ווענט האָבן זיך איבערגעבויגן איבער אים, ווי די בייזע קללות, ווי דער ביטערער געשריי, וואָס איז געהאַנגען אין בוטען אויפן מאַרק. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר די קינדער, זיי זאָלן ח״ו נישט ווערן קראַנק, און ער האָט אָנגעהויבן רופן דאָס ווייב. פייגע לאה איז אַרויסגעלאָפן באַגעגענען דעם מאַן. די קינדער האָבן זיך אַרומגערינגלט אַרום אים, און יודל קוקט זיך איין אויף זיין געזינד, באַטראַכט זיי און ציילט זיי: „דאָ שטייט דאָס עלטערע ייִנגל. לעבן אים איז יאָסעלע און אַטאָ זענען ביידע מיידלעך״.

פייגע לאה העלפט אים אויסטון דעם יום־טובדיקן קאַפּטאַן און יודל ציט אַליין אַרויף אויף זיך זיין קורצן פעלצל, טוט אָן דאָס ווינטערדיקע היטל און שטאַרקט זיך אַרומגיין איבער דער שטוב, ווי ער וואָלט גע־וואָלט עפּעס בייקומען.

נאָר די שטוב דערווייטערט זיך פון אים אַ פרעמדע, דער דאַך ציט זיך אויס אַ דורכגעלעכערטער, דאָס פערד שטייט אין שטאַל אַ נאַסער, ווי די קליינע מענטשעלעך אין די ברייטע קאַפּושאָנעס וואָלטן אים ביי־נאַכט פאַרמאַטערט. שרעקט זיך יודל, אַז אַ בייזע שעה איז פאַרבאָרגן אונטער זיינע טריט, נאָר ער גיט זיך נישט אונטער. ער פּרוווט ענטפערן די גויים, נעמט דעם קופערנעם עמער און גייט אָנצאַפּן בראַנפן. נאָר, אַז ער האָט אַ קוק געטון אויף די גרויסע פעסער, איז אים באַפאַלן אַ מורא אויפצועפענען דעם שפּונט.

שטייט ער לעבן דעם בראַנפן, הערט זיך איין, ווי די גויים קריגן זיך אין שטוב און ער שרייט זיי איבער:

— ער וועט זיך נישט איינרייסן מיט אַ וועלט!

און ער ענטפֿערט זיך אַליין:

— ניין! ניין! מען טאָר נישט!

איז דאָס ווייב אַרויסגעלאָפֿן צו אים, געוואָלט איינגעמען זיין געשריי, אַרויסנעמען די ליידיקע קוואָרט פֿון זיינע הענט, נאָר יודלס פֿינגער האָבן זיך נישט געקענט אָפּבויגן פֿון דער כלי און ער האָט זיך געבעטן ביי דער ווייב מיט פֿרעמדע ווערטער, מיט די רייד, וואָס די שליחים האָבן צו אים גערעדט:

— די וועלט און יענע וועלט פֿאַרשפּילט. די קינדער און קינדס קינדער וועלן זיך נישט אויסקויפֿן. דער פֿלעק וועט קיינמאָל נישט אָפּגע־וואַשן ווערן...

האָט פֿייגע לאה פֿאַרגעסן אויף דער רעשטע וואָס זי האָט איבער־געלאָזט אויפֿן טיש, זיך איינגעקוקט אויפֿן מאַן, און נישט געוווּסט וואָס צו רעדן מיט אים, האָט זי זיך אָנגעהויבן בעטן אַז דער אויבערשטער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף אירע קינדער און אָפּטון דאָס בייז און דאָס שלעכטס פֿון איר שטוב.

יודל איז געשטאַנען אַ פֿאַרלוירענער, ווי ער וואָלט פֿונאַנדערגע־פֿאַלן אבֿרימווייז, נאָר ער האָט געזען אַז ערגעץ וויים, ווייט הענגט דעם רבס האַנט, אָט אַזוי, ווי ער האָט זי אַרויפֿגעלייגט ביי אים אויף די אַקסלען ווען ער איז געווען ביי דעם רבֿ אין שטוב און די האַנט לאָזט אים נישט צעשיטן זיך איבער די פֿעלדער. קומט יודלען אַרויף אַ וואָרט אויפֿן זינען און ער האָט עס נישט מורא צו זאָגן פֿייגע לאהן זיין ווייב:

— איך וועל פֿאָרן צום רבֿ. מיר זענען שוין פֿאַרלוירענע, מיר וועלן שוין קיינמאָל נישט אויסגעלייזט ווערן. זאָל ער כאָטש ראַטעווען די קינדער...

און יודל האָט פֿאַרשלאָסן טיר און טויער פֿון זיין הויז, אַריינגע־זעצט דאָס ווייב מיט די קינדער אין וואָגן און איז אַוועקגעפֿאָרן מיט זיין גאַנצער הויז־געזינד אין בוטען, מען זאָל אָפּטון דעם חשד פֿון זיין שטוב, מען זאָל אַראָפּנעמען די קללה פֿון זיינע קינדער.

ז

און אין בוטען קען אויך די שטאָט נישט איינרוען. די קצבים רעדן שוין נישט צווישן זיך מיט גוטן, ווי ערלעכע שותּפֿים, נאָר שטייען צו

איינער צו דעם אַנדערן, ווי גזלנים. איינער מאָנט ביי דעם צווייטן דאָס געלט און אַלע צוזאַמען לאָזן זיי נישט אָפּ צאַליע דעם קצב:

— ער האָט אַריינגעלייגט די פינף הונדערט רובל צו זיך אין קעשענע, טאָ ווו איז דאָס געלט?

מען שעכט נישט קיין רינדער, און יידן קענען נישט קריגן קיין פלייש אויף שבת. די יאַטקעס שטייען ליידיקע פאַרלאָזענע. די הינט דרייען זיך אַרום פאַרבלאָנדזשעטע, די קלעצלעך שטייען גלאַטע, ריינע, אָפּגעוואַשענע. די העק ליגן שאַרפע, גלאַנציקע. די לאַנגע מעסערס שטעקן אין וואַנט מיט די פאַרריסענע קלינגעלעך, רייצן די רציחה ביי די קצבים און וועקן די שנאה אין שטאָט. און די אָרעמע אלמנות און עלנטע יתומים פאַרציען געדיכטער דעם טרויער איבערן שול־הויף, איבערן מאַרק. די מחלוקה קריכט טיפער פון שטוב צו שטוב, טיילט שאַרפער אָפּ משפחה פון משפחה, און אין בוטען שטאַרקן זיך צוויי באַזונדערע צדדים: איין צד האַלט, אַז די קצבים זענען געווען שיכור, איז דאָס געלט געבליבן ביי יודל דעם קרעטשמער, דאַרף מען אים ברענגען צוריק אין שטאָט, נעמען צום רב און געבן אַ שבועה. און דער אַנדערער צד — די שענערע יידן, די אָנגעזעענע באַלעבאַטים טענהן: „אַז אַ ייד דאַרף מעסטן און וועגן זיינע טריט, היטן זיינע רייד, און עס איז אַ בזיון אַזוי זיך אָנצושיכורן אַז מען זאָל אַפילו נישט געדענקען, ווו מען האָט אַוועקגעלייגט דעם טלית און תפילין"... אָט דער צד זיפצט, „אַז מען טאָר נישט וואַרפן קיין אומזיסטן חשד אויף אַ יידן"... און זיי ווילן, „אַז די שטאָט, די קהילה קדושה זאָל צוזאַמען מיט אַלע פינף קצבים גלייך ליידן דעם שאָדן, כדי עס זאָל ח"ו נישט פאַרלוירן ווערן דער פאַרמעגן פון אָרעמע אַלמנות, דאָס געלט פון עלנטע יתומים, דער נדן פון יידישע טעכטער".

דער ערשטער צד וויל זיך אָבער נישט אונטערגעבן און שרייט: „און דאָס געלט זאָל בלייבן ביי יודל דעם קרעטשמער?!..."

און די בעלי־מלאכות, אָרעמע געזעלן, בעלי־עגלות און שמייסער, די, וואָס האַלטן מיטן ערשטן צד, ווילן זיך אַוועקלאָזן צו יודל דעם קרעטשמער, מיט זייערע אַטאַסעס און בייטשן, מיט זייערע האַמערס און שערן, און צונעמען ביי אים דאָס געלט.

נאָר אין מיטן דער גרויסער מחלוקה איז אָנגעקומען יודל דער קרעטשמער אין שטאָט אַריין. ער שרעקט זיך נישט פאַר די פינף קצבים,

וואָס זענען אים באַפאַלן; ער האָט נישט מורא פאַר די בעלי־עגלות און שמייסער, וואָס שטייען איבער אים מיט די לאַנגע בייטשן, נאָר ער שרייט, אַז מען זאָל אים נעמען צום רב, כדי עס זאָל אָראָפּגענומען ווערן דער חשד פון זיין הויז, עס זאָל אָפּגעטון ווערן דאָס בייז און שלעכטס פון זיין שטוב און די ביטערע קללות זאָלן נישט הענגען איבער זיינע קינדער.

און ר׳ אברהם יעקב, דער רב פון בוטען, זעט צו מיט זיינע אויגן, ווי די בושה און חרפה ווערט אָפּגעטון ביי די יידן פון בוטען און די שטאָט טרינקט זיך אין שנאה און רוגזא, גלייך ווי זי וואָלט ח״ו אָנגע־פילט געוואָרן מיט עבודה זרה. נאָר ווי׳ און ווינד איז צו אים, אַז די טרייסט־ווערטער זענען פאַרטריקנט געוואָרן אויף זיין גומען און די שטראָף־רייד זענען פאַרשטומט געוואָרן ביי אים אין האַלדז, ווייל ביי־נאַכט, ווען ער שטייט אויף צו חצות, פאַרנעמט ער דאָס געוויין פון די אָרעמע אלמנות, און זעט ווי עס ווערט אויסגעלאָשן די האָפענונג ביי די עלנטע יתומים, און פאַרטאָג, ווען ער הייבט זיך אויף פון זיין נידעריקן בענקעלע, וואַקסט אויס פאַר אים יודל דער קרעטשמער, ווי ער גייט אַרויס מיטן פערד אויפן וויהאָן און ציט אויס זיין געבעט צום אויבערשטן איבערן טוי פון פעלד.

גייט דער רב דאַוונען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, איינגעבויגע־נעם רוקן, און מיידט אויס דעם כבוד וואָס ליגט צוגעגרייט פאַר אים. ער שטייט ביים דאַוונען אַ פאַרטראַכטער, פאַרזונקען אין זיינע רעיונות, און אַז ער קומט אַהיים, פאַרשליסט ער זיך ביי זיך אין חדר.

ער פרוווט עפענען אַ ספר, נאָר די ווערטער אַנטלויפן פון אים, די בלעטער ציען זיך אויס ליידיקע, בלאַסע, אָט אַזוי פוסט און אויסגעמאַ־טערט ווי זיין מוח איז.

טראַכט ער: „עס איז אַ לעסטערונג מיט אַזאַ געמיט אַריינצוקוקן אין אַ ספר״. ער פאַרמאַכט די גמרא, רוקט זיך אָפּ פון טיש, קערט אָפּ די אויגן פון שראַנק ספרים און וויל זיך בלויז דערמאָנען וואָס ער האָט נעכטן געלערנט. די טעג און די נעכט צעפאַלן זיך אָבער ליידיקע און ער קען זיך נישט אָפּשטעלן אויף קיין איין מאמר, וואָס ער האָט אין זינען גע־האַט. קנייטשט ער דעם שטערן מיט זיינע לאַנגע, בלאַסע פינגער און אים דוכט זיך אַז די אותיות צאַפּלען זיך איינציקע, צעפליקטע אין זיינע

הענט. פאַר זיינע אויגן שטייט בלויז קלאָר דער גרויסער אומגליק, וואָס איז באַפאַלן די שטאָט.

טוט זיך ר׳ אברהם יעקב אַ ריס פון אָרט: „אַ שטאָט גייט אויס פון צער און ער באַהאַלט זיך אין זיינע דלת אמות״, און ער וויל אַרויסגיין פון הויז, אַרויפגיין אויפן מאַרק, ברענגען זיי אַ טרייסט, און טראָגן צו־זאַמען מיט זיי דעם עונש. נאָר פּלוצלינג קומען אים אַנטקעגן די פינף קצבים צוזאַמען מיט יודל דעם קרעטשמער. זיי זענען אַריין אין שטוב ווי צוויי באַזונדערע צדדים: די קצבים האָבן זיך אָוועקגעשטעלט פון איין זייט טיש און יודל דער קרעטשמער האָט זיך אָפּגערוקט פון וויטן און געטוליעט זיך צו דער וואַנט. ער שטייט, אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן און שווייגט. נאָר די קצבים טענהן:

— דער רבי ווייסט, אַז די פינף הונדערט רובל זענען פרעמדע געלט. מיר זענען געפאָרן אויף אַ יאַריד, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביי יודל דעם קרעטשמער איבערנעכטיקן און אַז מיר זענען אויפגעשטאַנען אין דער פרי, זעען מיר, אַז דאָס געלט איז נישטאָ.

די קצבים זענען אַנטשוויגן געוואָרן. איבער דער שטוב האָט זיך פאַרצויגן אַ שטילקייט און דער רב האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם חוב, וואָס דער אומגליק פון שטאָט האָט אַרויפגעלייגט אויף אים, נאָר ער האָט זיך באַוועלטיקט און אָנגעהויבן רעדן צו יודל דעם קרעטשמער:

— קום אַהער, מיין זון, אפשר קענסטו אונדז עפּעס דערציילן?

האָט זיך יודל דער קרעטשמער דערנענטערט צום טיש און אָנגע־הויבן רעדן געלאַסן, אַזוי צו זאָגן:

— רבי, זינט איך בין אַוועקגעפאָרן פון דאַנען, קען איך קיין רו נישט געפינען. טוט אָפּ דעם חשד פון מיר, היט אויס מיין שטוב פון אומגליק און ראַטעוועט מיינע קינדער, זיי זאָלן נישט געשטראָפט ווערן ביז די קינדס־קינדער... און ער האָט זיך פונאַנדערגעוויינט.

האָט דער רב נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן יודלען דעם קרעטש־מער און אַרויסגעלאָזן אַ טיפן זיפץ:

— קינדערלעך, וואָס זאָל מען טון?... וואָס קען איך טון?...

נאָר די קצבים ווילן נישט אָפּטרעטן — זיי מאָנען, אַז דער רב זאָל אַרויסגעבן אַ פסק. און יודל דער קרעטשמער שטייט און בעט זיך מיט זיין כשרער תמימות, אַז מען זאָל באַשיצן זיין שטוב פון דער שרעק און

דער מורא, וואָס לויערט אויף זיינע פענצטער. שליסט אָפּ דער רב זיין בליק פון יודלס פּנים, ער זאָל נישט נוטה זיין אויף זיין צד און ער רעדט אויס, ווי מען קען זיך נישט איינהאַלטן מיט אַ שווער וואָרט אין אַ ביי־זער שעה:

— דיני ממונות זאָלן פּסקענען באַלעבאַטים, יידן, סוחרים...

נאָר גלייך ווי דער רב האָט אויסגערעדט די ווערטער, איז אים באַ־פאַלן אַ שווערע חרטה וואָס ער שיקט די יידן אַוועק פון זיין שטוב און ער האָט זיך פאַרשעמט, וואָס ער קערט זיך אָפּ מיטן רוקן צו דער האַנט, וואָס האָט זיך אויסגעשטרעקט צו אים נאָך הילף. איז ער אַריין צו זיך אין חדר, זיך אָנגעשפּאַרט אויפן שראַנק ספרים און זיך אַליין אַרויסגע־רופן אויף אַ דין־תורה. דער צד שכנגד האָט געמאָנט ביי דעם רבֿ פון בוטען:

„דו, אברהם־יעקב, בן שרה־לאה, זיצסט שוין אַכט און צוואַנציק יאָר עלֿ כסא הרבנות אין בוטען, ביסט זייער מנהיג, פאַרנעמסט דעם כבוד וואָס מען טראָגט דיר אַנטקעגן, פּסקנסט שאלות, ציילסט זייערע מצוות, וועגסט די עבירות און דו האָסט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעקערט פון זייערע טריט און נישט אָפּגעווענדט זיך פון דער אונטערטעניקייט וואָס האָט זיך געטראָגן פון זייער בליק. אָבער איצטער אַז אַן עדה יידן איז געשטרויכלט געוואָרן אין אַ גרויס אומגליק, יידישע קינדער ווייקן זיך אין ביטערער פּיין און ווערן פאַרצערט פון זייער צער, האָסטו, דער רב פון בוטען, זיך באַהאַלטן אין דיין חדר, געמאַכט טויב דיינע אויערן צו זייער געשריי און פאַרשלאָסן דיין האַרץ פאַר זייער ווייטיק״.

ר׳אברהם־יעקב האָט אויסגעהערט די טענה און האָט זיך נישט פאַר־ענטפערט. ער האָט זיך נישט מתווכח געווען, נאָר ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, איינגעבויגן דעם רוקן אונטערן שווערן גזר און זיך געגרייט אָננעמען דעם פּסק, וואָס ער אַליין האָט אַרויסגעטראָגן אויף זיך.

ח

יודל דער קרעטשמער איז אָבער נישט אַוועקגעפאָרן אַהיים. דאָס ווייב מיט די קינדער זיצן אין וואָגן אויפן מאַרק. דאָס פערד שטייט אויסגעשפּאַנט און קייט דאָס היי פון פאַלוקעשעק און זיי וואַרטן אויף

יודלען, נאָר יודל דער קרעטשמער גייט אַרום מיט די קצבים איבער דער שטאָט און זוכן באַלעבאָטים וואָס זאָלן אַרויסגעבן דעם פּסק.

עס איז אָבער שווער צו געפינען אַ יידן, וואָס זאָל וועלן נעמען אויף זיך דאָס אחריות אַרויסצוגעבן אַ פּסק צווישן יודל דעם קרעטשמער און די פינף קצבים, ווייל די שווערע מחלוקות פון דער שטאָט האָבן פאַרסמט דעם קלאָרן פאַרשטאַנד פון די מענטשן און קיינער ווייסט נישט צי ער וועט ביי דעם דין־תורה נישט נכשל ווערן מיט דער דעה וואָס ער האָט שוין געפאַסט ביי זיך, ער זאָל ח״ו נישט נוטה זיין דעם צד, מיט וועמען ער האָט געהאַלטן פון פריער.

גיבן זיך שוין אונטער די קצבים אונטער דעם גרויסן אומגליק, זיי זענען מפקיר זייער לעבן און ווילן פאַרקויפן זייער האָב און גוטס, פאַר־זעצן דעם ווייבס חתונה־מתנות, כדי זיי זאָלן נישט פאַרנעמען קיין געלט פון אָרעמע אלמנות און עלנטע יתומים. און יודל דער קרעטשמער שפּאַנט שוין פערד און וואָגן און וויל פאָרן אַהיים, אָט אַזוי דערשראָקן און פאַר־לוירן ווי ער איז געקומען אין שטאָט אַריין. נאָר פלוצלינג האָט מען גע־לאָזט וויסן, אַז דער רב רופט די פינף קצבים מיט יודל דעם קרעטשמער צו זיך אויף אַ דין־תורה און ער אַליין, צוזאַמען מיט די חשובע באַלעבאַ־טים פון שטאָט, וועט זיין דער בית־דין.

ט

טענהן ווידער די פינף קצבים די זעלבע טענה: אַז ווען זיי זענען פאַרפאָרן אין קרעטשמע, האָבן זיי געהאַט דאָס געלט און אַז זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי, האָבן זיי די פינף הונדערט רובל נישט געפונען.

און יודל דער קרעטשמער בעט זיך, אַז מען זאָל פון אים אַראָפּנעמען דעם חשד, די שרעק און די מורא זאָלן אָפּגעטון ווערן פון זיין שטוב, עס זאָל נישט בלייבן קיין פלעק אויף זיינע קינדער און קינדס־קינדער און די חרפּה זאָל נישט הענגען אויפן אושאַק פון זיין טיר...

טראַכט דער בית־דין אַ גאַנצן טאָג און קען נישט שלאָפן ביינאַכט, נאָר קיין פּסק קענען זיי נישט אַרויסטראָגן, ווייל קיין עדות זענען נישטאָ און די דריי שליחים קענען קיין עדות נישט זיין, ווייל זיי זענען דערביי נישט געווען. און ביידע צדדים טענהן גלייך, אַז זיי האָבן נישט דאָס געלט.

שפּאַרן זיך איין די קצבים און מאָנען אַז מען זאָל יודל דעם קרעטשמער מחייב זיין אַ שבועה. זאָל ער שווערן אַז ער האָט נישט צוגענומען דאָס געלט.

די באַלעבאַטים לאָזן אַראָפּ די קעפּ און שווייגן. דער רב זיצט אַ גלייכער, קוקט מיט אָפענע אויגן אויף ביידע צדדים, נעמט נישט אַראָפּ דעם בליק פון די באַלעבאַטים און וויל זיך נישט באַשיצן פון דער גרויסער סכנה וואָס לויערט איבער אים.

ער האָט נאָך נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט ביי די קצבים אפשר וועלן זיי נישט באַשטיין, אַז מען זאָל מחייב זיין אַ יידן מיט אַ שבועה און עס האָט זיך געדאַכט אַז ער האָט עס אַרויסגערעדט רואיק און געלאַסן, ווי ער וואָלט בלויז עפּעס איבערגערעכנט. נאָר די ווערטער האָבן זיך אָפּגעזעצט אַזוי שווער, ווי זייער קול וואָלט פאַרשטיינערט געוואָרן. די קצבים ווילן אָבער נישט נאָכגעבן. זיי האָבן פּלוצלינג דערזען, ווי עס טליעט אַ פונק האָפענונג אין זייער גרויסן אומגליק, בייגן זיי זיך נישט אונטער דעם רבס רייד און שטייען צו צום בית־דין, אַז מען זאָל יודל דעם קרעטשמער מחייב זיין מיט אַ שבועה.

יודל דער קרעטשמער באַנעמט נישט, וואָס די קצבים מאָנען פון אים. קוקט ער מיט זיינע אָפענע אויגן אויפן רב און ווייסט נישט, צי ער ווערט אויסגעלייזט פון דעם בייז און שלעכטס, וואָס איז באַפאַלן זיין שטוב, אָדער זיין אומגליק ווערט נאָך גרעסער. ער ציטערט אין זיין גרויס שרעק און טוליעט זיך אונטערן בליק פון דעם רבס אויגן, וואָס פאַרציט זיך אויף זיין פּנים. דעם רבס פּנים ווערט מילדער, רואיקער, גלייך ווי ער וואָלט געזען, ווי די ביטערע קללות פון דער שבועה גייען אויף ווי טויאיקע ברכות פון יודל דעם קרעטשמערס געזינד.

האָט ער זיך אויפגעשטעלט, זיך אָנגעשפּאַרט מיט זיין רעכטער האַנט אויפן טיש, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און אַזוי שטיל אַנטשוויגן געוואָרן, אַז די באַלעבאַטים איז באַפאַלן אַ ציטער און זיי האָבן זיך גאַנץ־פאַרכטיק אָפּגערוקט פון טיש.

י

און ווי אַ ווינט פון די בערג, ווי די מורא פון דעם פינצטערן וואַלד, האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבער בוטען, אַז יודל דער קרעטשמער נעמט

אויף זיך אַ שבועה. זענען געוואָרן שטיל די קצבים. זיי האָבן זיך איינ־צ׳יקווייז אָפּגעזונדערט, זיך אָוועקגערוקט צו זיך אין די שטיבער און זיך געשעמט צו באַווייזן פאַר מענטשן. די אָרעמע אלמנות און עלנטע יתו־מים האָבן אויפגעהערט קלאָגן און וויינען אויף זייער פאַרלוירן געלט און געציטערט זייער שטראָף זאָל נישט ווערן נאָך גרעסער. און אַ שטיל־קייט, ווי אַ שווערער וואָלקן פון הימל, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די דעכער און קוימנס פון די בוטענער הייזער.

בלויז יודל דער קרעטשמער איז געשטאַנען אַ רואיקער אויפן מאַרק נעבן זיין וואָגן מיטן פערד און די קינדער. זיינע אויגן האָבן זיך פּלוצ־לינג געעפנט ברייט און ווייט און ער האָט געקוקט ווי די יידישע שטי־בער שטייען נאָענט איינע נעבן די אַנדערע. ער האָט געטראַכט ווי גוט ס׳איז, אַז אַ ייד קען זען אַ יידן נעבן זיך און דאַרף נישט קוקן שטענ־דיק איוואַנען אין פּנים אַריין.

און די יידן פון בוטען האָבן אויך נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון יודל דעם קרעטשמער. זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר זיין גורל און געציטערט פאַר דעם פּסק, וואָס איז פאַרחתמעט געוואָרן נעבן דער שוועל פון זייערע טירן. האָט אַרומגענומען אַ רחמנות צו יודל דעם קרעטשמער מיט זיין הויז־געזינד. די שענסטע באַלעבאַטים פון שטאָט האָבן אים פאַר־בעטן צו זיך אין שטוב. און די ווייבער האָבן געציטערט איבער פייגע־לאה, יודלס ווייב, ווי מען היט אָפּ אַ קימפּעטאָרין. און אַז יודל דער קרעטשמער איז אַריינגעגאַנגען אין דער פרי דאַווענען אין שול, האָט אים דער שמש גלייך אָנגעוויזן אַן אָרט, געשטאַנען אַ ווײַלע נעבן אים, גע־קוקט, ווי מען פאַרשט אויס אַ חולה און שטיל געזאָגט:

— ר׳ יודל...

ער האָט אים אויך געוואָלט זאָגן צו וואָס ער, יודל דער קרעטשמער, דאַרף זיך היינט צוגרייטן, וואָס פאַר אַ שווערער וועג עס שטייט פאַר אים, נאָר זיינע אויגן זענען פאַרוואָלקנט געוואָרן מיט טרערן. האָט ער בלויז אויסגערעדט:

— דאַוונט מיט כוונה... זאָגט אָפּ אַ קאַפּיטל תהלים. בעט גאָט...

די שול איז פול מיט געבעט, דאָס דאַווענען פאַרגייט זיך, ווי אַן ערב יום־כּיפּורדיקע מנחה. אַ קול וועבט זיך און פלעכט זיך אין אַ קול און זאָגט אָן מיט טרויער און אומעט, אַז אָט־אָט, באַלד, וועלן די זעלבע

װענט פאַרנעמען ווי מען וועט שילטן, און פאַרשילטן, אַ יידן, וואָס קען ח״ו געשטרויכלט ווערן און פאַרבאַרגן דעם אמת.

יודל הערט אָבער מיט פרייד דעם ניגון פון דאַוונען. ער רעדט צו דער עדה יידן, ער טענהט זיך אויס מיטן רבונו של עולם. און אים דוכט זיך, אַז ער ווערט אויסגעלייזט פון אַלע זיינע אומגליקן און פון אים ווערט אָפּגעטון דער פינצטערער חשד.

י״א

בוטען איז אָבער נישט באַשערט געווען צו בלייבן רואיק. פון בוטען האָט זיך נישט אָפּגעטון דער פּחד. נאָך דעם, ווי דער רב האָט מחייב גע־ווען יודל דעם קרעטשמער מיט אַ שבועה, האָט זיך איבער דער שטאָט פאַרצויגן אַן אימה פון די קללות און חרמות, וואָס זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פאַר אַן עדה יידן, אויף די קינדער פון די הייליקע אבות, די אייניקלעך פון אברהם, יצחק און יעקב. און די פרייד איז אויסגעטריקנט געוואָרן פון די הייזער. דער טרויער איז געלעגן פאַרגליווערט אויפן פנים פון יעדן מענטשן.

דער רב האָט זיך פאַרשפאַרט ביי זיך אין חדר און ער איז דריי טעג און דריי נעכט נישט אַרויס פון שטוב. און דער פּחד האָט אַרומגערינגלט די שטאָט, ווי אַ גאַרטל נעמט אַרום די לענדן. קיינער קומט נישט אַריין אין בוטען און קיינער פאָרט נישט אַרויס פון דאָרטן. אורחים מיידן אויס אירע וועגן און אירע סוחרים שעמען זיך צו באַווייזן אויף דער וועלט מיט זייער סחורה. די בוידן שטייען ליידיקע ביי די בעלי־עגלות אויף די הייף. די פערד קייען די סעטשקע פון די טאָרבעס — עסן אויף דעם לעצטן גראָשן — און די דעליזשאַנסן דרייען זיך אַרום אויפן מאַרק, אין זייערע לאַנגע שטיוול מיט די בייטשן אין די הענט און זוכן, פאַרזאָרגטע, אַ פאַרשוין. קיינער פאָרט אָבער נישט קיין סלאָנים נאָך די נעגעלעך און זאַפראַן; נאָך זעק מיט צוקער און פעסלעך הערינג, ווייל ווער פון בוטען וועט זיך דאָס איצטער באַווייזן אויפן שול־הויף אין סלאָנים און קענען גלייך אין פנים אָפּגעבן שלום־עליכם אַ סלאָנימער באַלעבאָס; די דעלי־זשאַנסן פאָרן נישט קיין דעמאַנאָווע באַגעגענען די באַן, אָפּוואַרטן אַ וואַלד־סוחר, אַ תבואה־הענדלער, ווייל זיי וויסן, אַז קיינער פון דער וועלט וועט איצטער נישט קומען קיין בוטען.

און די בעקער האָבן מורא צו פאָרן אויף די יאַרידן און אויסהענגען איבערן וואָגן די בוטענער פאַרברוינטע בייגל, ווייל זיי ווייסן, אַז קיין קרעמער וועט נישט לאָזן אַ בוטענער יידן אַוועקשטעלן זיין געשטעל מיט סחורה נעבן זיך.

זיצן נעבעך די בוטענער בעקער פאַרטרויערטע אויפן מאַרק, וואַרטן אויף אַ גוי וואָס וועט קומען פון דאָרף און זיי האָבן נישט פאַר וועמען צו איבערנעמען זיך מיט זייערע בייגל; און די קרענצלעך בייגל הענגען אויף די שטעקלעך איבער די קאָשיקעס; הענגען און הענגען ביז זיי ווערן אַלט־געבאַקן...

די גאַנצע שטאָט קוקט זיך נישט איין, ווי עס גייט אויף דער טאָג און זעט נישט, ווי עס פאַלט צו די נאַכט, נאָר די מענטשן זעען ווי דער רב האָט געציטערט אין ווייסן קיטל, איינגעהילט אין טלית און געוויגט זיך נעבן די צוויי שוואַרצע ליכט, זיין ביטער געוויין טראָגט זיך נאָך איצ־טער איבער דער שטאָט, ווי אַ שווערע מחלה וואָס באַפאַלט קליינע קינ־דער.

זענען אַוועקגעגאַנגען די שענסטע באַלעבאַטים פון שטאָט צום רב בעטן ביי אים מחילה פאַרוואָס זיי האָבן גורם געווען, אַז אין די גרענעצן פון זייערע נחלות, אין טויער פון שטאָט, אין די ווענט פון בוטען, זאָל ער אַרויסברענגען אַזעלכע הארבע רייד אויף די קינדער פון די הייליקע אבות, די אייניקלעך פון אברהם, יצחק און יעקב.

נאָר דער רב האָט קיינעם נישט אויפגענומען און קיינעם נישט צוגע־לאָזן צו זיך. ער איז געזעסן פאַרשפאַרט ביי זיך אין חדר און געאומערט פאַרוואָס זענען זיינע אברים אַזוי פאַרשטיינערט געוואָרן, אַז די חושים זענען טויב צו די יסורים וואָס אים קומט פאַר זיינע גרויסע זינד. ער האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון דעם גרויסן שראַנק ספרים, איינגעצאַמט זיין בליק אין דעם ליידיקן ווינקל פון די ווענט. געזעסן און געשוויגן בכדי ער זאָל זיך נישט פאַרגעסן אין לערנען אויף זיין צער.

ער האָט נישט גערעדט צו די באַלעבאַטים פון שטאָט, ער האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן פון זיין אייגן ווייב און קינדער. ער האָט זיך אַליין נישט פאַרענטפערט. ער האָט נאָר געהערט די רייד, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט פון זיין מויל: „יידישע קינדער זאָלן אויסגעמעקט ווערן

פון דער וועלט און יענער וועלט און זיי זאָלן נישט האָבן קיין תקומה אי״ףביידע וועלטן"...

אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג. ר׳ אברהם־יעקב דער רב איז נישט אַרויס פון שטוב. ער האָט געדאַוונט ביי זיך אין חדר און געגומען אַ ביסן אין מויל נאָר דעמאָלט, ווען ער האָט נישט געקענט צו־זען דעם צער פון זיין ווייב, וואָס האָט מיט ציטער געבעטן זיך ביי אים, ער זאָל עפּעס עסן.

ר׳ אברהם־יעקב האָט געפילט, ווי ער נידערט אַראָפּ נידעריקער און נידעריקער פון מדרגה צו מדרגה, וויבאַלד אויף זיין גורל איז געפאַלן ער זאָל מחייב זיין מיט אַ שבועה יודל דעם קרעטשמער, אָט דעם יידן, וואָס האָט זיך איבערגעענטפערט צו אים אין די הענט מיט ערפוכט, ווי אַ טראָפּן רעגן ציטערט אויפן בלאָט פון בוים.

דעם רבס רעיונות האָבן זיך געקייקלט פוסטע, ליידיקע איבער די טעג און די נעכט; די טעג זענען געשטאַנען בלייענע, פאַראומערטע; און די נעכט האָבן געלויערט דערשראָקענע, פאַרשטיינערטע.

די באַלעבאַטים פון בוטען האָבן אָבער נישט אָפּגעטראָטן פון רב; זיי זענען געקומען אין זיין שטוב איינציקווייז און צוזאַמען; זיי זענען געשטאַנען ביי דער טיר, זיך אַרומגעדרייט אויפן הויף און ציטעריק אַ קוק געטון אין זיין חדר. זיי האָבן געוואָלט בעטן מחילה, דערציילן, ווי די פרייד האָט זיך אָפּגעטון פון שטאָט און דער טרויער ליגט אויסגעבעט אויף די פענצטער, נאָר זיי האָבן גאָרנישט געקענט רעדן, האָבן זיי בלויז איבערגעחזרט:

— רבי... רבי...

און די פינף קצבים, וואָס זענען געפּייניקט געוואָרן פון דער שולד מער ווי עמיצער אַנדערש, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון די יידן אין בוי־נען און נישט באַוויזן זיך פאַרן רב. אַז די באַלעבאַטים האָבן אָבער גע־זען, אַז זיי קענען גאָרנישט אויספירן, זענען זיי צוגעשטאַנען צו די קצבים, זיי זאָלן גיין צום רב. האָבן די קצבים אָנגעטון זייערע אַלטע אָפּ־געטראָגענע קליידער, אַראָפּגערוקט די היטלען טיף איבער די אויגן און אַוועקגעגאַנגען ביינאַכט צום רב. זיי האָבן זיך צוגעגנבעט צו דער שטוב, זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד ביי דער שוועל פון דער טיר און אַרויס־

געלאָזן אַזאַ געוויין, אַז זיי האָבן דערטרונקען אין דעם יאָמער די קללות פון דער שבועה, וואָס דער רב האָט געגעבן יודל דעם קרעטשמער.

האָט שוין דער רב מער נישט געקענט אויסהאַלטן, ער האָט לענגער נישט געקענט איינזיצן ביי זיך אין חדר. האָט ער אָנגעטון זיין לאַנגן וואַכעדיקן פלאַסטש, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, זיך אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק און זיך אַרויסגעגנבעט דורך דער הינטערטיר אין דרויסן.

די שטערן האָבן פאַר זיינע אויגן פלוצלינג אויפגעעפנט די נאַכט. דער הימל האָט זיך אויסגעצויגן אַ ווייטער, אויסגעשפרייט אַ ברייטע ווייטע וועלט און אַרויסגעפירט דעם רב מיט שנעלע טריט פון בוטען.

י״ב

דער רב גייט מיטן לאַנגן וועג באַרג־אַראָפּ. די טריט שפּאַרן אים אַפריער. ער אָטעמט איין די קאַלטע לופט, וואָס זילבערט זיך אַרום די ברעגן פון דער נאַכט. ער קען זיך אָבער נישט פאַרגינען די פרייד, וואָס די ליכטיקע שטערן פון הימל שפרייטן אויס פאַר זיינע טריט, שטעלט ער זיך אָפּ אין מיטן וועג און ווייסט נישט וואָס זאָל ער טון; זאָל ער גיין ווייטער, אָדער זיך אומקערן צוריק אין דעם חדר פון זיין שטוב.

ערשט עס יאָגט אים אָן אַ פויעריש פורל. דער גוי שטעלט זיך אָפּ:

— וווהין גייט אַ ייד? מסתמא זיך אַרויסגעלאָזן אויפן מאַרק?...

ענטפערט אים ר׳ אברהם־יעקב, דער רב פון בוטען, אונטערטעניק:

— יאָ, זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג. אפשר וועט דער אויבערשטער עפּעס צושיקן...

— טאָ זעץ זיך אויפן וואָגן, וועל איך דיך אונטערפירן.

רוקט אַראָפּ ר׳ אברהם־יעקב נידעריקער דאָס היטל, בינדט שטייפער אַרום דעם שטריק און בעט זיך ביים גוי:

— ניין, איך וועל בעסער גיין צופוס...

דער גוי טרעט אָבער נישט אָפּ פון דעם יידן:

— איך פאָר סיי־ווי אין ליידיקן, וועל איך דיך אונטערפירן...

רעדט אים איין דער ייד:

— איך בין אַלע מיינע יאָרן אַ פוסגייער, איז מיר גרינגער צו גיין, ווי צו פאָרן.

נאָר דער גוי רירט זיך נישט פון אָרט. ער שטייט צו צום יידן ער זאָל זיך אָוועקזעצן ביי אים אויפן וואָגן און ר׳ אברהם־יעקב האָט מורא ער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן מיט דער גוטסקייט, וואָס האָט אים פּלוצלינג באַגעגנט אין מיטן וועג. ראַנגלט זיך דער גוי מיטן יידן אינ־מיטן דער נאַכט. דער גוי וויל נישט אָוועקפאָרן און דער ייד וויל זיך נישט אָוועקזעצן ביי אים אויפן וואָגן. זעט דער גוי, אַז ער קען גאָרנישט אויספירן מיטן יידן, איז ער זיך מודה פאַר אים, אַז זיין ווייב גייט שוין דריי טעג צו קינד און קען נישט געבוירן, איז ער אַרויסגעפאָרן זוכן אַ זנאַכאַר, אפשר וועט ער העלפן זיין ווייב, ווייל זיין ווייב איז אים טייערער פון אַלץ, וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט. וויל ער אונטערפירן אַן עלנטן וואַנדערער, אפשר וועט זיך גאָט מרחם זיין מיט דער זעלבער גוטסקייט אויף זיין ווייב, און מאַכן גרינגער איר האָבן.

שטעלן זיך טרערן ביי דעם יידן אין די אויגן פון דעם גויס טריי־קייט צו זיין ווייב. ער האָט מורא צו פאַרהאַלטן די פור, די רפואה זאָל ח״ו נישט פאַרשפּעטיקן. שפּאַרט ער זיך אָן אויף די דראַבינקעס פון וואָגן און דער גוי מיטן יידן פאָרן אָוועק צוזאַמען. נאָר ווי דאָס פערד האָט זיך גערירט פון אָרט, האָט זיך דער ייד דערמאַנט, אַז ער האָט נישט גענומען מיט זיך דעם טלית און תפילין, האָט ער זיך דערשראָקן פאַר־וואָס ער האָט פאַרגעסן דעם טלית און תפילין און האָט געוואָלט אַראָפּ־שפּרינגען פון וואָגן. דער ייד איז אָבער מיט יעדער רגע טייערער גע־וואָרן דעם גוי; זינט ער פאָרט אַרום איבער די וועגן, איז נאָך קיינמאָל זיין פערד אַזוי גרינג נישט געגאַנגען אונטערן באַרג, ווי איצטער, ווען דער ייד האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף זיין וואָגן.

בעט זיך דער גוי ביי דער יידן, ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיין ווייב, וואָס מאַטערט זיך איצטער אין אירע געבורטס־ווייען, און נישט פאַרלאָזן אים אין אַזאַ שווערער שעה; ער זאָגט אים צו, אַז ער וועט אים ווייט נישט פאַרפירן; גלייך, ווי ער וועט צוקומען צו אַ יידישער קרעטשמע וועט ער אים דאָרטן אַראָפּלאָזן.

גיט דער ייד נאָך דעם גוי; ער זיצט אויפן וואָגן און זיי פאָרן וויי־טער ביידע צוזאַמען. דער גוי דאַגהט, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים דאָס ווייב אין אירע געבורטס־ווייען און היט, ער זאָל נישט פאַרגעסן אַראָפּלאָזן דעם יידן אין אַ קרעטשמע. און דער ייד איז צע־

כּראָגן, וואָס ער האָט פאַרגעסן דעם טלית און תפילין, ער קען זיך אָבער נישט אומקערן צוריק קיין בוטען צו זיין כסא הרבנות. אומערט ער אויף די פינף קצבים, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין יאָמער ביי דער שוועל פון זיין טיר.

עס האָבן אָנגעהויבן קרייען די העגער, דאָס פערד האָט אָנגעהויבן בלאָזן מיט די נאָזלעכער, דרייען מיטן עק — ער האָט דערשמעקט דעם ריח פון שטאַל. איז דעם גוי געוואָרן פריילעכער, וואָס ער איז נישט ווייט פון אַ ישוב און וועט געפינען פאַר דעם יידן אַ קרעטשמע.

דער גוי קוקט זיך איין ווי די לבנה וואַרפט איר שיין ביי דעם יידן אויפן לאַנגן פּלאַסטש און דעם יידנס פּנים באָדט זיך אין דעם ליכט, וואָס טרינקט זיך אין וואָגן, וויל ער זיך נישט צעשיידן מיט דעם יידן.

נעמט ער אַראָפּ דאָס היטל, בייגט זיך איין און בעט דעם יידן, ער זאָל אים בענטשן. פאַרענטפערט זיך דער ייד פאַרוואָס ער האָט פאַר־האַלטן די רפואה מיט דעם, וואָס ער האָט זיך געאַמפּערט מיטן גוי, איי־דער ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן וואָגן. שווערט זיך דער פויער. אַז ער האָט נישט פאַרשפּעטיקט, ווייל קיינמאָל איז זיין פערד נישט געפאָרן אַזוי גרינג און שנעל ווי איצטער, ווען דער ייד איז געזעסן אויף זיין וואָגן. ווינטשט אים דער ייד, אַז ווען ער וועט קומען אַהיים זאָל שוין דאָרטן וואַרטן אויף אים די פריילעכע בשורה.

פאָרט צו דער גוי צו דער קרעטשמע מיט גרויס פרייד און פון גרויס שמחה הייבט ער אָן אַזוי שטאַרק צו קלאַפּן אין טיר, אַז די פענצטער האָבן זיך אָנגעהויבן טרייסלען. דער קרעטשמער איז אָבער נישט געווען צופרידן מיטן פרעמדן אורח, וואָס דער גוי האָט אים איבערגעלאָזט. אַז דער קרעטשמער האָט דערהערט, ווי מען קלאַפּט אין אַלע לאָדן, האָט ער געטראַכט, אַז פּולע בוידן מיט סוחרים האָבן זיך אָפּגעשטעלט און ער האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן פאַר דער גרויסער לייזונג, וואָס גאָט האָט אים צוגעשיקט אין מיטן נאַכט. ער האָט אָנגעצונדן פייער אין אַלע חדרים, געהייסן דעם ווייב אויפשטיין פון בעט, און איז אַרויס באַגעגענען די אורחים.

ערשט ער זעט: נעבן טיש שטייט בלויז איין ייד איינגענורעט אין אַ גרויסן לאַנגן פּלאַסטש; ווערט דער קרעטשמער אין כעס:

— אַ העזה אַזוי קלאַפּן אינמיטן נאַכט... נישט געקענט זיך דער־

וואַרטן ביז עס וועט טאָג ווערן און דערנאָך קומען צום אָנבייסן...

און דעם קרעטשמערס ווייב שטייט שוין נישט אויף פון בעט, זי זשאַלעוועט וואָס מען האָט אָנגעצונדן אַלע לאָמפּן און שרייט איבער דער שטוב:

— אַזאַ אָנשיקעניש...

דער פרעמדער ייד שטייט אינמיטן שטוב, אַן איינגעהויקערטער, לאָזט פאַלן אויף זיך דאָס געשריי פון דעם קרעטשמערס ווייב, זאָגט שטיל אַ וואָרט און וויל אַרויסגיין אין דרויסן אָפּוואַרטן ביז עס וועט ליכטיק ווערן, דערנאָך וועט ער אַריינגיין אין קרעטשמע, ער זאָל קענען אָפּדאַווענען אין קרעטשמערס טלית און תפילין.

ווי פאַרשלאָפן און אויסגעמאַטערט אַ קרעטשמער זאָל אָבער נישט זיין, וועט ער אינמיטן נאַכט נישט אַרויסטרייבן קיין יידן פון שטוב. דערהויפּט דעמאָלט, ווען ער זעט, ווי דער פרעמדער ייד שטייט אינמיטן שטוב, בעט זיך נישט, מאָנט נישט, נאָר שווייגט און וויל אַליין אַוועקגיין. ווערט ווייכער דאָס האַרץ ביים קרעטשמער. ער בעט דעם פרעמדן אורח זיך זעצן און פרעגט ביי אים: „פון וואַנען איז אַ ייד?" ער וויל צוגרייטן פאַר אים אַ ווייכן געלעגער, זאָל ער אויסרוען די ביינער פון וויטן וועג. גייט דער פרעמדער נישט אַוועק פון קרעטשמע, ער בעט זיך אָבער, אַז דער קרעטשמער זאָל זיך נישט מטריח זיין, ער זאָל אויסלעשן דאָס פייער און זיך לייגן שלאָפן. ער וועט איבערוואַרטן די נאַכט דאָ אויף דער באַנק און אַז די גויים וועלן אָנהייבן פאָרן אויפן מאַרק, וועלן זיי אים אפשר אונטערפירן אין שטאָט אַריין.

טראַכט דער קרעטשמער: „ער האָט נאָך אַזאַ יידן נישט געזען, אַן אורח זאָל זיך נישט וועלן אַוועקלייגן אָפּרוען."

וויל ער נאָך עפּעס זאָגן. נאָר ביים קרעטשמער קלעפּן זיך די אויגן און דער מידער קאָפּ בייגט זיך צום בעט פון זיין שווערער מי און פראַצע, געדענקט ער נישט צי ער האָט נאָך עפּעס געפרעגט ביי דעם אורח און ער איז צוריק איינגעשלאָפן אויף זיין וואַרעמען געלעגער.

י"ג

אין בוטען איז מען אָבער וואַך און דער סוד שוועבט פון אויער צו אויער, אַז דער רב איז אינמיטן נאַכט אַוועקגעגאַנגען פון דער היים און

גאָט ווייסט, ווי ווייט ער האָט שוין אַוועקגעצויגן. און געשען איז דאָס איצטער, באַלד נאָכדעם, ווי מען האָט אַ יידן מחייב געווען צו אַ שבועה.

זענען די באַלעבאַטים צעטומלט. די רביצן ווײַנט, די ווייבער ציטערן און קיינער ווייסט נישט וואָס צו טון. נאָר די בעלי־עגלות און די שמייסער, וואָס זענען געניט אין אַלע וועגן, וואָס האָבן אויסגעמאָסטן יעדן שפּאַן פון די טראַקטן און וואָס האָבן נישט מורא פאַר דער פינצטערער נאַכט און ציטערן נישט פאַר דעם טיפן וואַלד — זיי האָבן זיך נישט געלאָזט איינגעמען פון דעם פּחד, וואָס איז באַפאַלן די שטאָט. זיי האָבן זיך אָנגעפּעלצט אין די שווערע פּעלצן, אָנגערוקט די הויכע היטלען, גענומען די בייטשן אין די הענט און אַוועק שפּאַנען זייערע פערד — די בולאַנער — און ווילן אַרויספאָרן זיך נאָכיאָגן נאָכן רב. האָבן זיך די אָנגעזעענע באַלעבאַטים באַדאַכט, ווי קען אַ שטאָט אַרויסשיקן בעלי־עגלות מיט שמייסער ברענגען דעם רב אַהיים. האָבן זיי געלאָזט הענגען די שרעק ביי דעם מאַרק אויפן שפּיץ נאָז, זיך אַרייַנגעזעצט אין די גרויסע בוידן און זיך אַוועקגעלאָזט מיט די בעלי־עגלות איבער די שליאַכן און טראַקטן זוכן דעם רב, ביז זיי האָבן אים געפונען ביים קרעטשמער אין שטוב, אָט אַזוי, ווי ער איז געזעסן אויף דער האַרטער באַנק און געדרעמלט אין גרויסן פּלאַסטש.

אַז די באַלעבאַטים האָבן דערזען ווי דער רב זיצט איינער אַליין אין דער גרויסער קרעטשמע, האָט זיך זייער טרויער אויפגעלויכטן אין אַ גרויסער פרייד, און זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט נאָענט נעבן דעם רב.

די פרייד איז אָבער ביי די באַלעבאַטים באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן אין אַ גרויסן צער, ווייל דער רב האָט זיך נישט געלאָזט דערקענען צו זיי. ער איז געזעסן אין ווינקל און געשוויגן, און אויסגעזען האָט ער מיד און פאַרעלטערט, גלייך ווי ער וואָלט שוין יאָרן־לאַנג פאַרוואָגלט געוואָרן פון דער היים.

דער קרעטשמער האָט שוין פאַרשטאַנען, ווער עס איז פאַרפאָרן צו אים אין שטוב. האָבן ביי אים געציטערט די הענט פון שרעק און ער מורא געהאַט צוגיין צו די יידן.

דעם קרעטשמערס ווייב האָט נישט געקענט אײַנליגן אין בעט. די קינדער זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון זייערע געלעגערס. זיי זענען אַרומגעלאָפן איבער די חדרים, נישט געוווסט וואָס צו טון. האָבן זיי פון אור־

מעטום געבראַכט די לאָמפּן אין דער גרויסער שטוב און עס איז פּלוצלינג אַזוי ליכטיק געוואָרן אין קרעטשמע, גלייך ווי די ביינאַכטיקע פינצטער־ניש וואָלט איינגעזונקען אונטער די ווענט.

און אַז די באַלעבאַטים האָבן געזען, אַז זיי קענען נישט מאַכן דער רב זאָל צו זיי רעדן, זענען זייערע ווערטער פאַרטריקנט געוואָרן אויפן גומען און זיי האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַ שטומען געוויין.

נאָר זונדל דער מעלער, וואָס איז שטענדיק געווען צעטראָגן און איז אַרומגעלאָפן אַ גאַנצן טאָג איבער דער שטאָט מיט דריבנע טריט, נאָר שפּעט ביינאַכט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט נאָך היינט נישט גע־נומען קיין ספר אין האַנט און האָט זיך אַוועקגעזעצט לערנען, ביז וואַנען דאָס ווייב פלעגט אויפשטיין און דערמאָנען אים: — זע, זונדל, אין דרויסן איז שוין העלער טאָג, און ביי דיר ברענט נאָך דער בליץ־לאָמפּ... ער, זונדל דער מעלער, האָט זיך גראדע איצטער נישט פאַרלוירן. ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אָן אַ זייט, ווען די באַלעבאַטים האָבן גע־פּרווט רעדן מיט ר׳ אברהם־יעקבן. אַז ער האָט אָבער דערזען, ווי זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן, און די שטילקייט האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף אַלעמען שווערער, ווי דער פּחד, איז ער נאָך שטילער פון דעם פּחד צו־געגאַנגען צו דער באַנק, רואיק אַ קוק געטון אויפן רב, ווייך אַוועקגעלייגט זיין האַנט אויפן מיש און נאָך ווייכער און נאָך שטילער געזאָגט:

— רבי, די רביצן האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט פאַרגעסן דעם טלית און תפילין...

דער רב האָט זיך פּלוצלינג אויסגעגלייכט, זיך אויפגעהויבן, אַוועק־געשטעלט זיך אַ גלייכער, אַ האַרטער און זיך דערשראָקן, אַז ער איז שוין צו ווייט אַוועקגעגאַנגען אין זיין צעטראָגנקייט און עצבות.

האָט ער ברייט געעפנט די אויגן, אָפּגעשפּיליעט דעם פלאַסטש, אַראָפּגעבויגן דעם קאָלנער, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אויסטון דעם בגד. האָבן די באַלעבאַטים אַ כאַפּ געטון פאַר די אַרבל און געוואָלט העלפן אים. דער רב האָט אָבער נישט אויסגעטון דעם פלאַסטש; ער האָט זיך איינגעקוקט ווי די באַלעבאַטים האָבן אים אַרומגערינגלט, זיי שטייען לעבן אים מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און קוקן זיך איין אַזוי נאָענט, ווי זיי זענען אָנגעלענט אויף די שטענדערס אין בית־המדרש, האָט ער פאַר־נומען זייער צער, אַזוי שווער, ווי ער טראָגט זיין פּיין.

האָט ער געזוכט אַ טרייסט־וואָרט פאַר זיי, נאָר זיינע ווערטער זענען פונאַנדערגעפאַלן, ווי אויסגעטריקנטע ביינער, און דער רב האָט אָנגעהויבן רעדן צו זיי, אַזוי צו זאָגן:

— אַפילו אין אייער שרעק פאַרגעסט איר נישט אָן מיין כבוד. איר טראָגט אים מיר אַנטקעגן און שפּרייט אים אויס פאַר מיינע טריט. מיינע זינד זענען אָבער אַזוי גרויס, ווייל אויף מיין גורל איז געפאַלן איך זאָל מחייב זיין אַ יידן מיט אַ שבועה, דערפאַר טאָר איך נישט פאַרנעמען דעם כסא הרבנות, און איך קען נישט זיין קיין רב ווייל מיר איז שווער צו טראָגן אַף זיך די התחייבות פון אַ מנהיג. עס איז נישט גענוג צו נעמען די אחריות פון פירן אַ שטאָט אין מצוות און מעשים טובים, נאָר מען דאַרף אויך האָבן כוח צו טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון אַ מנהיג; דער מענטש ווייס נישט ווי אַזוי ער זאָל זיין אייגענעם וועג געפינען, טאָ ווי אַזוי קען ער אַנדערע פירן?

און ר׳ אברהם־יעקב האָט וייטער געוואָלט רעדן פון די אַכט און צוואַנציק יאָר, וואָס ער איז רב אין בוטען, נאָר דער קרעטשמער האָט זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן און אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין:

— פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט אים אַזוי געשטראָפט, אַז ער זאָל מבייש זיין דעם רב פון בוטען און נישט וויסן, אַז ביי אים אין שטוב זיצט אַזאַ גרויסער צדיק.

האָט ער זיך געבעטן:

— רבי, איך וויל תשובה טון. גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען אויף מיינע קינדער און רחמנות האָבן אויף אונדזער לעבן, וואָס איז פאַרגראָבט געוואָרן צווישן די גויים. זומער אין פעלד מיט די פערד און בהמות, און ווינטער אין קרעטשמע מיט די פּעסער בראַנפן און שיכורים. רבי! — האָט ער זיך געוויגט פון די פיס, ווי די פּאָדלאָגע וואָלט זיך געבויגן אונטער זיינע טריט.

דעם קרעטשמערס ווייב האָט געוואָלט אַ קוק טון אויפן צדיק, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט צו איר אין שטוב. זי האָט אָבער איצטער אַזוי קלאָר געהערט, ווי זי האָט ביינאַכט געשריגן אויף אים, אַז פון שרעק האָט זי נישט געקענט שטעלן קיין טראָט. האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל פון קרעטשמע; איר האָט זיך געדאַכט, אַז די שאָטנס פון די

מענטשן, וואָס ציִען זיך פון טיש דעקן זי צו און קיינער זעט זי נישט; האָט זי זיך נישט גערירט פון אָרט.

דער רב האָט זיך איינגעהערט, ווי דער קרעטשמער האָט גערעדט און פאַרנומען די רייד, ווי זיי וואָלטן געקומען פון יודל דעם קרעטשמערס מויל. האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, צוגעגאַנגען נענטער צום קרעטשמער און געטרייסט אים:

— וויין נישט, מיין זון. דער אויבערשטער וועט דיך מיט דיין הויזגעזינד אָפּהיטן, דיינע קינדער זאָלן זיין גוטע יידן. און אַז מען זיצט אַפילו אויפן ישוב, טאָר אַ ייד נישט זיין ביי זיך אַראָפּגעפאַלן. דו האָסט פאַרדינט אַ מצווה, וואָס דו האָסט ביינאַכט אַריינגעלאָזן צו זיך אין שטוב אַ יידן, און די מצווה וועט נאָך זיין גרעסער, ווייל באַלד, אַז עס וועט ווערן ליכטיק, וועסטו דאַוונען מיט אַ מנין יידן ביי דיר אין שטוב, און די יידן וועלן מאַכן אַ המוציא אויף דעם ברויט, וואָס דיין ווייב באַקט.

אַז דעם קרעטשמערס ווייב האָט דערהערט דעם צדיקס רייד, האָט זי מער נישט געקענט איינשטיין אין ווינקל און פון גרויס פרייד האָט זי זיך פונאַנדערגעוויינט. זי איז צוגעגאַנגען צום מאַן, זיך אַוועקגעשטעלט נעבן אים, געווישט די טרערן און געכליפּעט:

— דער רב זאָל אירע קינדער בענטשן, ווייל גרויס איז איר זינד. זי האָט ביינאַכט געשריגן אויפן צדיק.

האָט ר׳ אברהם־יעקב מילד און ווייך אַ קוק געטון אויף איר מיטן מאַן:

— וויין נישט, טאָכטער...

ער האָט צוגערופן די קינדער, אַרויפגעלייגט די הענט ביי די צוויי ייִנגלעך אויף די קעפּ און געבעטן:

— זייט גוטע יידן, קינדערלעך...

י״ד

אין בוטען האָט אָבער די פרייד לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דער רב איז געקומען אַהיים צו פאָרן מיט די חשובע באַלעבאַטים. ער האָט אָבער נישט פאַרנומען דעם כבוד, וואָס מען האָט צוגעגרייט פאַר אים, ווייל ער האָט געלאָזט וויסן דער שטאָט, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון רבנות.

עס האָט נישט געהאָלפן דאָס געבעט פון די חשובע באַלעבאַטים, די קלוגע רייד פון די סוחרים, די שאלות, וואָס די גאַטספּאַרכטיקע ווייבער האָבן געבראַכט — ר׳ אברהם־יעקב איז געשטאַנען אויף זיין דעה, האָט געטראָגן שטיל זיין פּיין, אָט אַזוי ווי דער טיפער צער איז שטום, און מער נישט געוואָלט זיין רב אין בוטען.

ער האָט אויפגעהערט גיין דאַוונען אין גרויסן בית המדרש, ווו זיין אָרט איז געשטאַנען און געוואַרט אויף אים, נאָר געדאַוונט מיטן ערשטן מנין אין דער שניידערשער שול צוזאַמען מיט די בעלי־מלאכות, מיט די דאָרף־גייער, און אומגעקערט זיך צו זיך אַהיים אַזוי שטיל, ווי יענע האָבן זיך געאיילט צו זייער חיונה.

אַז עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ וואָך נאָך אַ וואָך און דער רב האָט נישט געענטפערט, האָט מען אין בוטען אויפגענומען אַ נייעם רב און אַריינגעשריבן אין דער כתב הרבנות, אַז זעקס גילדן פון זיינע שכירות זאָלן געהערן צום אַלטן רב.

און מיטן זעלבן כבוד, ווי מען האָט אויפגענומען דעם נייעם רב, האָט מען אַוועקגעשיקט די חשובע באַלעבאַטים צו ר׳ אברהם־יעקבן אי־בערגעבן אים זיין כתב.

ר׳ אברהם־יעקב האָט נישט געוווּסט, מיט וואָס פאַר אַ שליחות די באַלעבאַטים זענען געקומען צו אים. האָט ער זיי פאַרבעטן צום טיש און געשמועסט שטיל, געלאַסן, ווי אין די פריערדיקע יאָרן. ער האָט זיך אָבער אויסגעהיט נישט צו פאַרטיפן זיך אין דברי תורה. מען האָט גע־רעדט, אַז די פרעסט זענען גרויס און אַז מען גייט פאַרטאָג דאַוונען, שמייסט דער ווינט אין פּנים אַריין, ווי מיט ריטער. און ר׳ אברהם־יעקב האָט געזיפצט:

— די בעלי־מלאכות, די פוס־גייער, דאַרפן נעבעך אין אַזאַ ביטער־רער קעלט אַוועקלאָזן זיך איבער די דערפער. דאַנקען גאָט, וואָס יידן זיצן אויפן ישוב, האָבן זיי ווו אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ...

די באַלעבאַטים האָבן געטרונקען פון אַברהם־יעקבס רייד און גאָר פאַרגעסן פון דעם כתב, וואָס זיי האָבן אים געבראַכט. אַזוי זענען זיי גע־זעסן און גערעדט ביז די צייט פון מנחה האָט זיך אָנגעהויבן אַוועקרוקן. האָבן זיי זיך דערמאָנט נאָך וואָס זיי זענען געקומען און איין באַלעבאָס האָט אָנגעהויבן:

— מיר האָבן געבראַכט אַ כּתב...

נאָר ר׳ אברהם־יעקב האָט נישט געלאָזט אויסרעדן די רייד און האָט אָנגעהויבן טרייסטן די באַלעבאַטים, אַז די שטאָט דאַרף נישט זאָרגן פאַר זיין אויסקומעניש. דער אויבערשטער וועט אים נישט פאַרלאָזן, וועט אים צושיקן אויף זיין חיונה.

ר׳ אברהם־יעקב האָט איינגעקויפט פאַר עטלעכע גילדן סחורה: נאָדל, פאָדעם, קעמעלעך, און אָנגעהויבן אַרומגיין איבער די דערפער, אָט אַזוי, ווי עס האָבן געצויגן זייער חיונה די קאַראַבעלניקעס, די פוסגייער, וואָס האָבן געדאַוונט צוזאַמען מיט אים אין דער שניידערשער שול.

ער פלעגט אָפּדאַוונען מיטן ערשטן מנין, זיך וואַשן, מאַכן אַ המוציא איבער אַ כּזית ברויט, אָנטון דעם לאַנגן פּלאַסטש, זיך אַרומבינדן מיט אַ שטריק, נעמען דעם פּאַק סחורה אויף דער פּלייצע און אַרויסגנבענען זיך פון שטאָט, ווען דער שלאָף איז נאָך געווען פאַרשלאָסן הינטער די לאָדן פון די פענצטער.

ר׳ אברהם־יעקב איז אַרומגעגאַנגען איבער די דערפער מיט די זעלבע וועגן, וואָס אַלע פוסגייער און פּאַקן־טרעגער ציען זיך איבער דער וועלט און היטן אָפּ זייער יידישקייט אין דאָרף צווישן די גויים; זיי שפּאַרן אָן אין אַ קרעטשמע אָפּדאַוונען, כּדי זיי זאָלן נישט לאָזן הערן גאָטס וואָרט ביים גוי אין שטוב, אונטער דער איקאָנע.

ער גייט נישט אַרום אַ גאַנצע וואָך איבער די דערפער; ער קומט אַהיים מיטוואָך ביינאַכט, גנבעט זיך אַריין אין שטאָט, קיינער זאָל אים נישט זען, אָט אַזוי, ווי ער גייט אַרויס זונטיק פאַרטאָג אויף דער וועלט; ער לאָזט איבער דעם ליידיקן פּאַק אין פאָרהויז און גייט אַריין אין שטוב. דאָס ווייב טראָגט אים אַנטקעגן דעם ווייכן גוט־יאָר, וואָס פאַרדעקט איר טרויער און באַהאַלט דעם צער. אויפן טיש וואַרט דער צוגעגרייטער סאַמאָוואַר. דאָס ווייב גיסט אָן די גלאָז טיי, רוקט צו נענטער צו אים דעם צוקער און ר׳ אברהם־יעקב רעדט שטיל, פרעגט צי זי האָט שוין צוגעגרייט אויף שבת, דערציילט פון די יידן, וואָס זיצן אויפן ישוב, ווי זיי ציען זיך נאָך גאָטס וואָרט, גלייך, ווי ער וואָלט עמיצן געטרייסט און באַרואיקט. דערנאָך גייט ער אַריין צו זיך אין חדר. ער זיצט דאָנערשטיק אַ גאַנצן טאָג אין שטוב, קוקט אַריין אין אַ ספר, ער באַהאַלט אָבער דאָס לערנען אין זיך, מענטשן זאָלן נישט זען, לייט זאָלן נישט הערן.

פאַרנאַכט גייט ער דאַווענען מנחה אין דעם שניידערשן בית המדרש, זאָגט אַ קאַפּיטל תהילים, צוזאַמען מיט אַלע יידן, לערנט אַ טייטש מיט אַ שניידער־געזעל, פאַרענטפערט אַ קשיא וואָס אַ בעל־עגלה פרעגט און זאָגט שטילערהייט, פאַרבייגייענדיק, ווי מען זאָל זיך אויפפירן אין בית המדרש. און די בעלי־עגלות, די דעליזשאַנסן אַנטפּלעקן פאַר אים די וואַ־רעמקייט פון זייערע הערצער; פון נאָענטקייט וועגן הייבן זיי אָן רופן אים אברהם־יאַנקל און מיט ערפורכט גיבן זיי צו דעם רבס; זיי לערנען אברהם־יאַנקל דעם רבס ווי אַזוי ער זאָל אַרומגיין איבער די דערפער, ווי ער זאָל איינקויפן און פאַרקויפן די סחורה, און באַווייזן אים, אַז עס איז בעסער צו פאָרן אויף יאַרידן, איידער אַרומגיין מיטן פּאַק אויף דער פּלייצע איבער די דערפער. זיי רעדן אים צו צו קויפן אַ פערד און וואָגן און זאָגן אים צו אויסלערנען איינשפּאַנען אַ פערד.

ר׳ אברהם־יעקב הערט אויס די גוטע רייד, לאָזט אַראָפּ נידעריקער זיינע אַקסלען, בייגט איין דעם קאָפּ, טראָגט צו די האַנט צו זיין קורצער שיטערער באָרד, גלייך ווי ער וואָלט עפּעס פאַרבאָרגן, אָדער פאַר עפּעס באַדאַנקט; ער נעמט אָבער נישט אָן די קלוגע עצות און פאָרט נישט מיט די ווייטע טראַקטן אויף די יאַרידן, נייערט ער גייט מיט זיין פּאַק סחורה אויף דער פּלייצע איבער די וועגן פאַרביי די קרעטשמעס, איבער די דערפער.

ער שטעלט זיך אָפּ ביי אַ יידן און דערפרייט אים מיט זיין גוט־מאָרגן און זאַפּט איין דעם אומעט פון „גייט געזונטערהייט״, וואָס באַ־גלייט אים אַרויס פון דער יידישער שטוב.

ער גייט אַרויס מיט זיין פּאַק סחורה זונטיק פאַרטאָג קיינער זאָל אים נישט זען און קומט צוריק מיטוואָך ביינאַכט קיינער זאָל אים נישט באַמערקן.

מחילה

מײַן באָבע ע"ה פֿלעגט זאָגן, אַז בײַ אירע קלײנע קינדער האָט זי זיך געלערנט זאָגן אמת, װײַל װאָרהאַפֿטיק זענען די רײד פֿון קינדער, װאָס אונטערשײדן נישט אמת פֿון ליגן.

א

„...און דו זאָלסט נישט שטאַרקן דײַן האַרץ, נײַערט דו זאָלסט דעם עני געבן גוטע רײד, אויב דו האָסט קײן געלט נישט אים צו געבן; אָבער װען דו האָסט געלט, זאָלסטו נישט צושליסן דײַן האַנט פֿון צו געבן אים געלט; והגר און דער גר, און דער יתום און די אלמנה, װאָס זײ זענען אין דײַנע שטעט, זאָלסטו זײ אַזױ פֿיל געבן צו עסן, זײ זאָלן זאַט זײַן, דאַרום גאָט זאָל דיך בענטשן אין אַלץ, װאָס דו װעסט טון מיט דײַנע הענט"...

איז שרה געזעסן שבת נאָכן עסן בײַ דעם שטיפֿט פֿון דעם אָפֿענעם פֿענצטער און געלײענט אין טײַטש־חומש די סדרה פֿון דער װאָך.

די זון האָט זיך שױן אַראָפּגעצױגן פֿון די שױבן, זי האָט איבער־געלאָזט אױף די װענט דעם שאָטן פֿון דעם טיפֿן האַלבן טאָג. פֿון דרױסן האָט געבלאָזן אַ קיל װינטל און געגלעט שרהס פּנים. די צװײַגן פֿון די בײמער האָבן זיך געטון װײך װיגן און אױסגעשפּרײט אַרום דער שטוב די רו פֿון שבת.

שרה האָט אַרײַנגעטון דעם קאָפּ אין צאינה וראינה און נישט גע־זען װי אַ שײגעץ איז צוגעגאַנגען צו דער שטוב, נאָר זי האָט פּלוצלינג דערהערט אַ קול:

— פֿאַרקױף מיר אַ פּאָר בולקעס!

שרה האָט נישט אױפֿגעהױבן די אױגן פֿון טײַטש־חומש און קורץ געענטפֿערט:

— הײַנט איז שבת...

דער שײגעץ איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן פֿון פֿענצטער און האָט שטיל אױסגעצױגן זײַנע רײד:

— ביי דיר איבערן פענצטער איז צוגעקלעפּט אַ שילד „לאַווקאַ״, דו פּאַרקויפסט אַלערליי עסנוואַרג, טאָ ווו?...

שרה האָט נישט געלאָזט דעם שייגעץ ענדיקן די רייד און שאַרף גע־זאָגט:

— דאָס איז אַ גאַנצע וואָך, אָבער נישט היינט; היינט איז ביי מיר שבת!

— איך בין אָבער דאָ אַ פרעמדער, נישט קיין היגער, איך קום פון אַ וויטן וועג, טאָ ווו זאָל אַ הונגעריקער זוכן עפּעס אָפּצועסן, אויב נישט ביי דיר?

און דער שייגעץ האָט אַזוי אויסגעלאָזן די רייד, אַז שרה האָט נישט געוווסט צי ער האָט טענות צו איר, אָדער ער בעט זיך ווי אַ גר, ווי אַ פרעמדער.

האָט זי אָפּגערוקט דעם טייטש־חומש און באַקוקט דעם שייגעץ: „ער זעט גאָרנישט אויס ווי קיין דאָרף־גוי! גייט אָנגעטון אין שוואַרצן, אַן איידעלער פּנים און טראָגט אַ גרויסע האַרמאָניקע אויף די אַקסלען״, האָט זי שטיל געזאָגט:

— איך וועל דיר גאָרנישט נישט פאַרקויפן, איך וועל דיר אָבער געבן אַ בולקע אָפּעסן.

— פאַרקויף מיר נישט — האָט דער שייגעץ אַ שמייכל געטון — נאָר לאָז מיך נישט אויסגיין פון הונגער...

שרהן איז געפעלן געוואָרן ווי דער שייגעץ רעדט צו איר, האָט זי נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויף אים און געוואָלט פרעגן ביי אים פון וואַנען ער איז, נאָר זי האָט זיך שבת נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין קיין שמועס מיט אַ גוי, איז זי אַריין אין קיך און אַרויסגעטראָגן שטילערהייט אַ בול־קע דער מאַן זאָל עס נישט דערהערן.

דער שייגעץ האָט זיך פאַרנייגט ווי אַ גרויס־שטאָטישער מענטש, באַדאַנקט און געוואָלט אַרויסנעמען געלט פון טייסטער.

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז ביי אונדז איז היינט שבת — איז שרה אין כעס געוואָרן — און איך וועל קיין געלט נישט נעמען.

— אַז דו ווילסט איצטער קיין געלט נישט נעמען, וועל איך דיר אַמאָל באַצאָלן, אפשר וועל איך נאָכאַמאָל דורכגיין דיין שטוב... — האָט

דער שייגעץ איינגעבויגן דעם קאָפּ און באַקוקט די בולקע, וואָס איז געלעגן אויפן שטיפט פון פענצטער.

— ניין, ניין, — האָט זיך שרה איינגעשפאַרט, — איך וויל נישט אַז דו זאָלסט מיר ווען עס איז באַצאָלן; איך האָב דיר נישט פאַרקויפט די בולקע, נאָר געגעבן אָפּעסן, ווייל דו ביסט הונגעריק; ביי אונדז אין דער תורה שטייט געשריבן אַז מען טאָר קיינעם נישט לאָזן זיין הונגעריק, נישט דעם אייגענעם און נישט דעם פרעמדן.

— אויב דו ווייסט שוין, וואָס עס שטייט געשריבן אין די הייליקע שריפטן, — האָט דער שייגעץ ווידער אַ שמייכל געטון און גערעדט צו שרהן ווי ער וואָלט די רייד אַרויסגענומען פון איר טייטש־חומש. — וועסטו דאָך מיך, דעם פרעמדן, נישט לאָזן זיין דורשטיק. גיב מיר אַ פלעשל קוואַס צו טרינקען.

שרה האָט זיך נישט געקענט אַנטקעגנשטעלן זיינע רייד און גאָר נישט געענטפערט. זי איז אַראָפּ אין סקליעפּ, אַרויסגענומען אַ קאַלטע פלאַש קוואַס, אויסגעוואַשן אַ גלאָז און צוגעטראָגן עס צו דעם שייגעץ.

אברהם, שרהס מאַן, איז געזעסן ביי זיך אין חדר און געזאָגט פרק. פון דרויסן האָט אַריינגעשיינט די זון און די שטראַלן האָבן זיך אויסגעצויגן איבערן ספר לויטערע, דורכזיכטיקע, אָט אַזוי קלאָר ווי אברהם האָט אויסגעלייגט אויפן טיש די רייד פון פרק: „...והעובר עברה אחת", האָט אברהם אויסגערעדט דעם פשט: „און דער מענטש קויפט זיך איין אַ קריגער, וואָס דערמאָנט אים תמיד די עברה". ער איז אַנטשוויגן געוואָרן אַ ווייל און זיך פאַרטראַכט אויף די רייד פון רבי אליעזר בן יעקב. ער האָט געזוכט נאָך אַ פירוש ער זאָל קענען בעסער פאַרשטיין די גוטע מידות, וואָס די אבות האָבן איבערגעענטפערט צו זייערע קינדער און ער זאָל קענען די דאָזיקע רייד איינפלאַנצן ביי זיינע קינדער.

נאָר פלוצלינג האָט ער דערהערט ווי מען רעדט אין שטוב גויאיש: „ניין, אים דוכט זיך נישט, אַ גוי פרעגט און שרה ענטפערט"; ער האָט פאַרשטאַנען אַז שרה וועט קיין זאַך נישט פאַרקויפן אום שבת; ער האָט אָבער אַ ציטער געטון: „קאָן זיך נישט איינהאַלטן און גיט מסתמא אויף באָרג"; און ער האָט מער ניט געקענט איינזיצן ביים טיש ביי זיך אין חדר.

האָט ער פאַרמאַכט דעם ספר און איז אַרויס אין שטוב. אים האָבן אַ שניט געטון אין די אויגן די טראָפּנס וואַסער, וואָס זענען אַראָפּגערו־

נען פון גלאָז, וואָס שרה האָט נאַרוואָס אויסגעוואַשן, האָט ער שאַרף אַ קוק געטון אויף זיין ווייב: „אַז די שטוב ווייקט זיך אַ גאַנצע וואָך אין דעם גוי, קען מען זיך שבת אויך נישט אויסהיטן פון אים". ער האָט איר אָבער גאָרנישט נישט געזאָגט, בלויז אַ זיפץ געטון: „עבירה אחת און עס ציט ווייטער".

שרה איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב מיט דער פלאַש קוואָס און דער אויסגעוואַשענער גלאָז אין האַנט און נישט געוווסט וואָס צו טון מיט דעם. האָט זי זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן פאַר דעם מאַן:

— ער איז אַ פרעמדער, נישט פון דאַנען, אַזוי ווי אַ גר, ער בעט זיך אַז ער איז הונגעריק, גיב איך אים אָפּעסן...

אברהמען האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט נישט וואָס דאָס ווייב רעדט צו אים, ער האָט אָבער דערפילט ווי דער כעס שטאַרקט זיך אין אים, האָט ער זיך געוואָלט אויסהיטן פון אַן עבירה און גאָרנישט געענט־פערט שרהן.

ער איז צוריק אַריין צו זיך אין חדר און אָנגעהויבן ווייטער זאָגן פרק.

דער שייגעץ האָט צוגענומען ביי שרהן די פלאַש קוואָס מיט דער גלאָז, נאָכאַמאָל באַדאַנקט איר פאַר איר גוטסקייט, זיך אַוועקגעזעצט אויפן הויף אונטערן פונאַנדערגעצווייגטן בוים און געגעסן די בולקע מיטן קוואָס.

אברהם און שרהס קינדער, צוזאַמען מיט די קינדער פון די שכנים האָבן זיך צונויפגעקליבן אונטערן בוים, אַרומגערינגלט דעם שייגעץ און זיך איינגעקוקט ווי ער עסט; זיי האָבן ציטעריק צוגעטראָגן די הענט צו דער האַרמאָניקע, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך, זיי האָבן געטאַפּט די קנעפּ, געגלעט די פאַרבן, וואָס האָבן אַראָפּגעשיינט פון די טאָוולען און געפרעגט, און איבערגעפרעגט:

— וואָס איז דאָס?

— עס שפּילט?

דער שייגעץ האָט געשמייכלט:

— יאָ, עס שפּילט. אַז איך וועל אָפּעסן וועל איך שפּילן פאַר אייך, קינדער, און איר וועט טאַנצן. גוט?

ער האָט מילד אַ קוק געטון אויף שרהס מיידעלע און אַ גלעט געטון

זי פֿאַר די צעפּ. פֿייגעלע האָט זיך פֿאַרשעמט און געוואָלט אַוועקגיין, האָט ער זי אָנגענומען פֿאַר דער האַנט און אַ שמייכל געטון:

— שטיי דאָ. דו טראָגסט אַ שיין קליידל, איך וועל באַלד שפּילן.

און אַז אברהם האָט אויסגעצויגן הויך אויפֿן קול: „רבי עקיבא אומר, שחוק וקלות ראש מרגילין את האדם לערוה — דאָס געלעכטער און פֿאַר־שייטקייט מאַכן געוווינען דעם מענטשן צו געשייטקייט...", האָט ער דער־הערט ווי עס שפּילט די האַרמאָניקע אויפֿן הויף. ער האָט זיך אָבער נישט אויפֿגעהויבן פֿון טיש; ער האָט נישט געוואָלט אַריינגיין אין שטוב, זיין כּעס זאָל זיך ווידער נישט אויפֿוועקן. און ער האָט נאָכאַמאָל איבערגע־חזרט: „מסורת סיג לתורה — מאַך אַ צוים צו דער תּורה".

ער האָט זיך צוגעהערט צו זיין אייגענעם קול, ווי עמיצער וואָלט אים עפּעס אָנגעזאָגט, און געקוקט אויף די ווענט פֿון זיין חדר, אויף די ספרים, וואָס זענען געשטאַנען אין שראַנק און אים האָט זיך געדאַכט אַז אָט־אָ־דאָ האָט ער אַוועקגעשטעלט די צוים.

דאָס קול־זמר פֿון דער האַרמאָניקע האָט זיך אָבער געשטאַרקט, זיך געצויגן פֿון דרויסן און זיך אָפּגעשלאָגן אויף די ווענט פֿון שטוב ווי שאָטנס. אברהם האָט זיך איינגעשפּאַרט און נישט אויפֿגעהערט זאָגן פּרק. די ווערטער האָבן זיך אָבער געפּלאָנטערט ביי אים אין מויל, ווי ער וואָלט איבערגעחזרט פֿרעמדע רייד. האָט ער זיך אויפֿגעהויבן פֿון טיש, פֿאַרגעסן פֿאַרמאַכן דאָס ספר און איז אַרויס אין שטוב.

אַז שרה האָט דערזען דעם פֿאַרדראָס ביי איר מאַן אויפֿן פּנים, האָט זי זיך אָנגעהויבן בעטן ביי אים:

— איך האָב נישט געוווּסט אַז ער וועט שפּילן, איך האָב געמיינט אַז ער וועט אָפּעסן און אַוועקגיין...

אברהם האָט אויסגעזיפּצט פֿון באָרד, ווי ער וואָלט צו זיך אַליין גע־רעדט: — אַז די תּורה זאָגט: „מאַך אַ צוים", ווייסט זי וואָס זי לערנט אונדז... — און האָט אַ קוק געטון אין דרויסן.

דער שייגעץ איז געזעסן אונטערן בוים, געשפּילט אויף דער האַר־מאָניקע, אָט אַזוי ווי די בעטלער פֿאַרגייען זיך אין געבעט נעבן קלויס־טער, און די קינדער האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום אים אין אַ ראָד און געטופּעט מיט די פֿיסלעך.

אברהם האָט זיך אויסגעהיט צו רעדן בייזע רייד. ער האָט בלויז אָנ־

געשפּיצט זיין בליק אויף דעם ווייב, ווי ער וואָלט איר צוגעטראָגן צום פּנים איר חטא, און איז אַוועק דאַוונען מנחה.

ער האָט געוווּסט, אַז ביי ר׳ חיימען וועט נישט זיין קיין מנין. ער האָט אָבער נישט געוואָלט זיין אין דער היים און זיך איינקוקן אויף דער עבודה זרה, וואָס זיין ווייב האָט אַרויפגעלאָזן צו אים אויפן הויף.

שרה האָט נישט געפרעגט ביי דעם מאַן צי ער וועט קומען עסן שלוש סעודות, ווייל זי האָט געזען, אַז ער איז אַזוי צעטראָגן, אַז ער האָט אַפילו פאַרגעסן הייסן די קינדער אַוועקגיין פון דער האַרמאָניקע. „אים וואָלטן זיי געפאָלגט״, האָט זי געטראַכט, „זי וועט אָבער דאַרפן שרייען אויף זיי״, און זי האָט זיך נישט געוואָלט קריגן מיט די קינדער פאַר אַ גוי אין די אויגן. איז זי געזעסן ביים פענצטער, אַרויסבאַגלייט מיט אירע בליקן דעם מאַן, וואָס איז אַרויס פון הויף, און געוואָלט דערמאַנען אים צי ער האָט אָנגעטון די שפּאַקולן.

„ווי נישט וועט ער אַפילו נישט קענען אַ קוק טון אין אַ ספר״ — האָט זי אַ זיפץ געטון. און זי איז אַריין אין חדר זען צי די שפּאַקולן ליגן נישט אויפן טיש.

די שפּאַקולן זענען נישט געווען אויפן טיש, נאָר דאָס ספר איז גע־לעגן אָן אָפנס און פליגן זענען אַרומגעקראָכן איבער די בלעטער. האָט זי פאַרמאַכט דאָס ספר און צוריק אַוועקגעזעצט זיך ביים פענצטער ענדיקן לייענען די סדרה.

זי האָט אָנגעהויבן זאָגן:

„...דרום גאָט זאָל דיך בענטשן אין אַלץ, וואָס דו וועסט טון מיט דיינע הענט״. נאָר טרערן האָבן זיך געשטעלט ביי איר אין די אויגן: „וואָס האָט זי געטון מיט אירע אייגענע הענט?״ זי האָט אַ קוק געטון אויף דעם אומעט וואָס האָט זיך פאַרצויגן איבער דער שטוב און גע־זיפצט: „מיט די אייגענע הענט האָט זי פאַרשטערט דעם שבת. ער איז געווען אַזוי צעטראָגן, אַז ער האָט איבערגעלאָזן אַן אָפענעם ספר, פליגן זאָלן אַרומקריכן איבער די הייליקע ווערטער, און וועט נישט קו־מען עסן שלוש־סעודות״.

אין דרויסן האָט נאָך הויך געשיינט די זון, דער שייגעץ מיט דער האַרמאָניקע איז שוין אַוועקגעגאַנגען און אויף דעם פונאַנדערגעצווייגטן בוים האָט זיך אָפּגעזעצט די לויטערקייט, וואָס האָט זיך געשפּיגלט אין

די בלעטער, שרהן איז אָבער געווען טרויעריק און אומעטיק אין שטוב.
איז זי אָפּגעטראָטן פון פענצטער, זיך צוגעשפּאַרט אין בעט, פאַר־מאַכט די אויגן און געוואַרט עס זאָל וואָס שנעלער אָנקומען די וואָך, כדי זי זאָל מיט אירע פינצטערע רעיונות מער נישט פאַראומערן דעם שבת, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו האַלטן אים הייליק אין פרייד און אין שמחה.

ב

און אַז עס איז געקומען די וואָך מיט אירע דאגות און זאָרג פון פרנסה, האָט זיך אָפּגעטון דער כעס פון אברהמען, און שרה האָט פאַר־געסן דעם שייגעץ, וואָס האָט איר פאַרשטערט דעם שבת.
אברהמס שטוב איז געשטאַנען אין זשירעווע הינטער די הויכע קלויסטערס, אויף דעם שליאַך, וואָס האָט געפירט פון די דערפער קיין סלאָנים, און ער האָט געצויגן זיין חיונה פון די גויים, וואָס זענען גע־פאָרן אין שטאָט אַריין אויפן מאַרק.
אברהם האָט געטון אויפשטיין פאַרטאָג, איידער עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויפן פרימאָרגן, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען גרוי און טונקל, און האָט אָפּגעהיט די גויים, וואָס האָבן געפירט אויפן מאַרק אַביסל תבואה, אַ קאַלב אָדער אַ הון צו פאַרקויפן.
ער האָט אָנגעכאַפּט דעם פערד פאַרן צוים, אָפּגעשטעלט די פור און געפרעגט דעם גוי: „וואָס פירסטו צו פאַרקויפן?״ און זיך געבעטן ביי אים: „פאַרקויף מיר״...
אין סלאָנים גלאַנצט אָבער די סחורה אין די קראַמען אויף די פּאַ־ליצעס, אויף די פלעקלעך איבער די טישן — אַט אַזוי ווי עס פינקלען די שנירלעך פּאַטשערקעס ביי זייערע ווייבער אויפן האַלדז; און אויפן מאַרק קלינגען די קאַסעס אונטער די הענט, אַט אַזוי ווי זיי הילכן אָפּ אונטער דעם שאַרף־שטיין אין דעם טויאיגן גראָז. אין שטאָט דרייען זיך אַרום די יידעלעך אין זייערע קורצע פּעלצלעך, צווישן די רעדער, קוקן זיך איין אויף די פאַרריסענע אָגלאָבלעס, טאַפּן די קעלבער, קייען די קערנער, קלאַפּן פריילעך איבערן פּלייצע און פּאַטשן צו איבערן האַנט דעם מקח מיט אַזאַ רחבות, גלייך ווי זיי וואָלטן אויסגעצאָלט מערער געלט, ווי זיי אַליין האָבן פריער געבאָטן.

און דאָ אין זשירעווע איז די גאַס פאַרצויגן מיט דעם אומעט פון די הייזער, וואָס שלאָגט אָפּ פון די פאַרמאַכטע לאָדנס. דער פאַרטאָג איז פאַרנעפּלט מיט דער שרעק פון דער שטילקייט, וואָס די הויכע קלויס־טערס שפּרייטן אויס אַרום זיך; און אין דער שטילקייט, און אין דעם אומעט גייט איין אברהם נידעריקער אין דעם לאַנגן פּלאַסטש וואָס ער טראָגט אויף זיך, און דעם פּויער גלויבט זיך נישט אַז דער ייד קען אַרויסנעמען אַ גילדן און באַצאָלן פאַר דאָס ביסל תבואה, וואָס מען האָט אָפּגעשפּאָרט פון „נאַסיעניע״.

ענטפערט נישט דער גוי אברהמען, טוט אַ צי מיט דער בייטש און וויל אָוועקפאָרן. מישט זיך אַריין שרה, זי כאַפּט אָן די לייצעס, שטעלט אָפּ דאָס פערד און שטייט צו שטאַרקער צו דעם פּויער:

— דו פאָרסט דאָך נישט אין ליידיקן; צו וואָס זאָלסטו מאַטערן דיין פערד, די אָרעמע באַשעפעניש, מיט איבעריקער משא, אַז איך וועל דיר צאָלן דעם זעלבן מקח ווי אין סלאָנים.

און זי טענהט זיך אויס מיט אים:

— פאַרוואָס זאָלסטו אָוועקגעבן דיין פּראַצע צו אַ פרעמדן מענטשן? נישט דו ווייסט ווער עס גיט דיר דאָס געלט און נישט דו קענסט דעם, וואָס נעמט צו דיין האָב און גוטס.

זי קייטלט אַ וואָרט צו אַ וואָרט און שלעפּט דעם זאַק תבואה פון וואָגן.

ציטערט דער גוי די קאָרן זאָל זיך נישט אויסשיטן, נעמט ער דעם זאַק אויפן פּלייצע און טראָגט אים אַליין אין שטוב.

נאָר פלוצלינג שטעלט ער זיך אָפּ, ווי ער וואָלט חרטה געהאַט אויפן עסק און פרעגט האַרב: אָבער וויפל צאָלסטו?!

שרה פאַרלירט זיך אָבער נישט, זי פאַרריכט די גרויסע פאַטשיילע אויפן קאָפּ, פירט איבער די האַנט איבערן פּנים: „וויפל צאָלט מען דיר אויפן מאַרק?״ און ענטפערט אַליין געלאַסן: — „איך וועל דיר געבן די זעלבע געלט, נאָך מיט אַ גלעזל בראָנפן „באַריש״ צו באַנעצן די האַלדז אויפן ניכטערן האַרצן״.

אברהם הערט זיך איין ווי שרה רעדט צו דעם גוי און שווייגט. ער קען נישט פאַרשטיין פון וואַנען נעמען זיך צו איר די רייד; אים דוכט זיך אַז זי לייגט אויס אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, ווי זי וואָלט אויסגעפלאָכטן אַ

נעץ אַרום דעם פֿויער, ער זאָל זיך נישט קענען רירן פֿון אָרט. אַז ער טוט אָבער אַ קוק אויפֿן גוי ווי ער שטייט מיט זיינע הויכע פּלייצעס, און די גבורה שפּראָצט אַרויס פֿון זיין פֿאַרוואַקסענעם פּנים, באַפֿאַלט אים אַ פּחד: „פֿאַרוואָס זי האָט צוגעזאָגט דעם זעלבן מקח וואָס אין סלאָנים" און ער פֿאַרשטיקט זיין קרעכץ: „שטעלט שוין ווידער איין דאָס לעבן, קריכט אין סכנה"...

רוקט ער אַראָפּ נידעריקער דאָס היטל, בייגט איין דעם רוקן, שטעלט זיך אַוועק ווי אַ שומר לעבן שׂרהן, ער זאָל זי אויסהיטן פֿון בייז.

שׂרה וועגט די תּבֿואה און דער פֿויער טאַפּט די גירעס, קוקט אַרום די וואָג און וווּנדערט זיך:

— עס איז געווען אַזוי שווער צו טראָגן און עס וועגט בלויז דריי פּוד מיט צען פֿונט.

רוקט שׂרה אַראָפּ נידעריקער די פֿאַטשיילע אויפֿן קאָפּ, פֿאַרציט דעם ציטער פֿון איר פּנים מיט אַ בלאַסן שמייכל און טוט אַ קוק דעם גוי גלייך אין די אויגן אַריין:

— מיין טייערינקער, דו ביסט עלטער געוואָרן, איז שווערער צו טראָגן — און זי טוט אַ זיפֿץ:

— עס זענען שוין נישטאָ אַמאָליקע כּוחות; און דו מיינסט אַז מיר איז גרינג אויפֿצושטיין פֿאַרטאָג און שטיין אין דרויסן?

זי שטעלט אַרויס איר זאָרג:

— דו ביסט געפֿאָרן אַ גאַנצע נאַכט, ביסט נישט אויסגעשלאָפֿן, קום אַריין אין שטוב, וועל איך דיר אָנגיסן אַ גלאָז בראָנפֿן.

אבֿרהם הערט זיך איין ווי שׂרה לייגט אויס איר גוטסקייט פֿאַרן גוי, און ער איז נישט אין כּעס אויף זיין ווייב; ער האָט נאָר טענות צו זיך אַליין פֿאַרוואָס ער איז נישט אַוועק קנעלן: ער וואָלט געלערנט מיט יידישע קינדער, זיי זאָלן נישט פֿאַרגרעבט ווערן אויפֿן דאָרף און זיינע אייגענע קינדער וואָלטן זיך נישט געוויקט אין דער טומאה, וואָס די גויים טראָגן אָן אין שטוב.

ער קען עס אָבער נישט אויספֿירן ביי זיין ווייב.

שׂרה וועט נישט לאָזן אַוועקגיין איר מאַן פֿון דער היים, ער זאָל עסן פֿון אַ פֿרעמדן טעלער און אַ פֿרעמדע האַנט זאָל צוגרייטן פֿאַר אים אַ

העמד אויף שבת, און דאָ, ביי איר אין שטוב, זאָל די וואָך זיין פאַרוואָגלט און דער שבת פאַרשטערט.

טראָגט זי אויף זיך דעם יאָך פון חיונה און זעט, אַז אין שטוב זאָל נישט פעלן קיין שטיקל ברויט, עס זאָל זיין שכר לימוד פאַר די ייִנגלעך און אַ פאָר שיך פאַר אַ מיידל אויף די פיס.

פאַרטאָג רעדט זי איין די פויערים, ווען זיי פאָרן אויפן מאַרק, זיי זאָלן איר פאַרקויפן די תבואה, און אין אָוונט, אַז זיי פאָרן פון שטאָט אַהיים, באַגעגנט זי זיי מיט גוטע רייד זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן לעבן איר הויז אויסטרינקען אַ קוואַרט בראַנפן און אויפעסן אַ הערינג.

שרה ווייס, אַז אברהם, זאָל געזונט זיין, איז נישט אַזוי ווי כאַצקל פּאַהאָרער, און איר שטוב קען זיך נישט פאַרגלייכן מיט זיין גרויסער סטאָדאָלע. כאַצקל האָט זיך אויפגעהאָדעוועט מיט די גויים אין דאָרף, זיין קרעטשמע שטייט אַ ברייטע, אַ געראַמע מיט אַ לאַנגן טיש, און גרויסע שטאַלן. די פויערים קענען דאָרטן זיצן ווי לאַנג זיי ווילן און קיינער וועט זיי נישט זאָגן, אַז זיי זאָלן נישט שרייען, פאַרקערט, כאַצקל מישט זיך אַליין אַריין אין זייערע רייד, זאָגט „אין דער מאַמען אַריין“ אַזוי אָפּן ווי אַ פויער, און נעמט צוזאַמען מיט זיי אַ טרונק בראַנפן.

איר אברהם איז אָבער אָנגעקומען אַהער פון דער פרעמד; דער טאַטע ע״ה האָט אים אַרויסגענומען פון דער ישיבה, און זיך געצאַצקעט מיט אים פאַר די זין און די איבעריקע איידעמס און זיך איבערגענומען מיט זיין תורה פאַר לייטן. די שוואָגערס און די ברידער האָבן געוווסט, אַז דאָס דערמאָנט זיי דער טאַטע, אַז זיי האָבן נישט געוואָלט לערנען און ער הייסט זיי אַראָפּנעמען אַ משל פון דעם ייִנגסטן איידעם און זיך אָפּלערנען פון זיינע מידות — זענען זיי מקנא געווען אברהמען און נישט געוואָלט פירן צוזאַמען מיט אים די וואַלד־מסחרים און נישט געקענט ווינען אין איין שטוב.

האָט דער טאַטע ע״ה אויסגעבויט אַ שטוב פאַר אברהם מיט שרהן הינטער זשירעווע אויף דעם שליאַך, וואָס פירט פון די דערפער קיין סלאָנים. עס איז אים אָבער נישט אָנגעשטאַנען אַוועקצושטעלן אַ ברייטע קרעטשמע מיט סטאָדאָלעס און הייסן זיין איידעם צאַפּן בראַנפן פון שפּונט, נאָר ער האָט אויסגעבויט אַ בנין, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ייִדן אַ באַלעבאָס — אַ לערנער. ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ שטוב מיט אַ הויכן גאַ־

נעק, אָפּגעטיילט אין באַזונדערע חדרים, אַרומגעפּאַרבט די הויכע פּענצ־טער מיט בלויער פאַרב און די שטאַל אָפּגערוקט ווייטער פון הויז, טי־פער אין הויף אַריין. אברהם זאָל זיך אַריינקלייבן אַהין מיט די קינדער און טראַכטן פון אַן איידעלערן געשעפט. דערווייל האָט דער שווער גע־פירט דעם חשבון פון נדן, פון די קעסט וואָס אברהם האָט געדאַרפט ביי אים עסן און ער האָט שטענדיק אויסגערעכנט אַז עס קומט דעם איי־דעם נאָך אַ הונדערטער, און נאָך אַ הונדערטער.

אַז דער שווער איז אָבער געשטאָרבן און אברהם האָט אויפגעגעסן דעם נדן, וואָס דער טאַטע האָט נישט געקענט אָפּסילוקן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן, האָט געפּטרט דעם חלק ירושה, וואָס די שוואָגערס האָבן אים איינגעטיילט, און נישט געקענט געפינען קיין איידעלערן געשעפט — האָט שרה איינגעפירט אין דער באַלעבאַטישער הויז אַ קרעטשמע, אַט אַזוי ווי די אַנדערע יידן האָבן געצויגן זייער חיונה אויפן ישוב.

זי האָט צוגעצויגן די פּויערים צו זיך אין שטוב אַריין מיט אירע גוטע רייד און געלאָזט זיי זיך אויסזעצן אומעטום ווו זיי האָבן געוואָלט; זי האָט פאַרטראָגן זייערע גראָבע רייד און נישט אויסגערעדט זיי, אַז זיי האָבן איר אַ קיצל געטון אונטערן פאַכווע. זי האָט זיך בלויז אָפּגערוקט אַן אַ זייט, פאַרבונדן די פאַטשיילקע אויפן קאָפּ ווי זי וואָלט צוגעדעקט די חרפה פון פּנים און נאָך אַמאָל געפרעגט:

— וויפל הערינג זאָל איך צעשניידן?

— דו זאָלסט אָבער נישט אַרויסגנבענען דעם קאָרק! האָבן די גויים געשריגן און באַוויזן מיט זייערע שווערע קולאַקעס די רציחה.

האָט שרה זיי איינגענומען מיט אירע מעשיות וואָס זי האָט אויס־געלייגט פון זייערע זיידעס און טאַטעס. זי האָט זיי דערציילט וואָס פאַר אַן ערלעכע לייט עס זענען געווען זייערע עלטערן און אור־עלטערן. זיי זענען געגאַנגען יעדן זונטיק אין קלויסטער, מורא געהאַט פאַר גאָט און נישט אָנגערירט יענעמס, ווען מען האָט אפילו גאָלד אַוועקגעלייגט פאַר זייערע אויגן.

בעת מעשה האָט זי געפרעגט:

— נאָך אַ קוואָרט בראַנפן, וויפל הערינג? איר דאַרפט אָבער באַ־צאָלן אַפריער... און איר פּנים איז געוואָרן רויט און אויפגעהייטערט

פון דער לייזונג, וואָס זי האָט אויפגעקליבן פולע הויפנס און אַרייַנגע־לייגט אין דער גרויסער קעשענע פון איר ברייטן פאַרטוך.

אברהם האָט אָבער נישט געקענט איבערטראָגן די גראָבע פּראָסטע רייד, וואָס די גויים רעדן ביי אים אין הויז און ער האָט זיך געשעמט פאַר זיין ווייב און קינדער, וואָס זיי הערן צוזאַמען מיט אים די ניבול פּה. אַז ער האָט אַ קוק געטון ווי ביי דער ווייב שלאָגט זיך אָפּ די לייזונג אויפן פּנים — האָט זיך ביי אים אָנגעצונדן דער כעס: „פאַר אַ יידישער טאָכטער פּאַסט דאָס נישט, און זיין ווייב טאָר עס אוודאי נישט טון" און ער האָט בייז געזאָגט שרהן:

— „דו לאָזט מיך נישט גיין קנעלן, כדי דו זאָלסט קענען קאָרמענען דעם פויער!"

ווי דער שאַרף פון אַ חלף האָבן זיך דורכגעשניטן פאַר שרהס אויגן אברהמס רייד, ביי איר האָט זיך פלוצלינג אָפּגעטון די שפע פון דער לייזונג, זי האָט איינגעצויגן נידעריק דעם קאָפּ אין די אויסגעמאַטערטע אַקסלען, אָפּגעטראָטן פון טיש און געטראַכט. אַז זי קען ענטפערן איר מאַן, פאַרוואָס זי לאָזט אים נישט אַוועקגיין קנעלן, זי האָט עס אָבער נישט געזאָגט איצטער, ווען דאָס געשריי פון די גויים הענגט איבער דער שטוב און דער רויך פון זייער מאַכאָרקע קריכט אין די אויגן.

נאָר אין די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט, אַז די גויים גייען אַוועק אַהיים, די שיכּרות וועפּט זיך אויס פון שטוב, מען פאַרשליסט די טירן און מען לאָזט קיינעם נישט אַריין אין הויז; אין דרויסן יאָגט דער ווינט דעם פראָסט, און אין שטוב וואַרעמט דער אָנגעהייצטער אויוון די שטיל־קייט; אברהם זיצט ביי זיך אין חדר איבער אַ ספר און לערנט און זיין ניגון גייט אויף מיט אַ ליכטיקייט פון אַלע ווינקעלעך אין שטוב, — אָט דעמאָלט קען שרה דערציילן אברהמען פאַרוואָס זי לאָזט אים נישט אַוועקגיין פון הויז קנעלן איבער דער וועלט.

זי טשוכעט זיך אַרויס פון איר מידקייט, פאַרטרייבט פון זיך דעם שלאָף, זעצט זיך אַוועק אויפן באַנק און זעט ווי איר שטוב טראָגט זיך אַוועק צוזאַמען מיט אירע קינדער וווייט, ווייט פון איר ביטערער און שווערער פּרנסה. עס טוט זיך אָפּ פון איר דער שרעק פון „אַראָפּנעמען די וואָג"; פון איר פּנים וואַשט זיך אָפּ די חרפּה פון די גראָבע רייד וואָס די פויערים ברענגען צו איר אין הויז אַריין, און זי פאַרנעמט ווי איר מאַן

בעט ביי דעם רבונו של עולם, אַז אין זכות פון זיין לערנען זאָל זייער לעבן ליכטיק לייכטן אויף דער וועלט און אירע זינד זאָלן פאַרגעבן ווערן אויף יענער וועלט.

און אַז אברהם הייבט זיך אויף פון לערנען, גייט שרה צו אים צו ציטעריק, אָט אַזוי ווי זי שטעלט זיך פרייטיק צו־נאַכט בענטשן ליכט, און פרעגט שטיל:

— זאָג, אברהם, קען איך אַליין בלייבן אין שטוב? זי לאָזט אַראָפּ די אויגן און שעמט זיך זאָגן: „און אַנדערע אויערן זאָלן הערן ווי דו לערנסט תורה"...

אברהם קוקט זיך איין אויף דער שפּעטער שעה פון דער נאַכט; אין שטוב איז שטיל, די קינדער שלאָפן, שרה האָט זיך אויסגעטון פון איר שווערן יאָך און איר פּנים האָט זיך אויסגעשיילט אַ לויטערער, אַ כשרער, אָט אַזוי ווי זי האָט אויסגעזען נאָך דער חתונה, ווען זי האָט אים אָפּגע־היט ביי דעם שווער אין שטוב, זיין עסן זאָל זיין אין צייט און זיין לער־נען זאָל נישט געשטערט ווערן.

פאַרגעסט ער אויף די גויים וואָס פאַרמיאוסן דעם נאָמען פון זיין ווייב און שרייען „דאָ סאָרקי" — צו סאָרקען, און טראַכט: „ווי קען מען טאַקע איבערלאָזן אַ ווייב אַליין מיט די קינדער אין שטוב". ער רוקט אַרויף די שפּאַקולן אויפן שטערן, טוט נאָך אַמאָל אַ קוק אויף דעם ווייב, ווי ער וואָלט זי ערשט דערזען און זאָגט שטיל: „דו ביסט גערעכט שרה"... און מיט זיינע ווייכע בליקן וויל ער געבן צו פאַרשטיין זיין ווייב, אַז אים וועט זיין שווערער ווי איר צו וואַלגערן זיך איבער דער וועלט און אַוועק־לייגן דעם קאָפּ אויף אַ פרעמדן געלעגער...

ג

עס איז אָבער אַרויס אַ נייע גזירה — מען האָט צוגענומען ביי יידן דעם בראַנפן און איינגעפירט מאָנאָפּאָלן. אַ ייד האָט נישט געטאָרט פאַר־קויפן קיין בראַנפן און ביי אַ יידן אין קרעטשמע האָט אַ גוי נישט גע־טאָרט אויסטרינקען דעם בראַנפן, וואָס ער האָט געקויפט אין מאָנאָפּאָל.

האָט זיך אברהם דערמאָנט, אַז איצטער, אין זיינע מיטעלע יאָרן איז נאָך נישט צו שפּעט צו זוכן אַ קנעלונג און ער האָט שוין נישט אַריינ־

געטענהט מיט זיין ווייב אַז ער וועט ווערן אַ מלמד. נאָר נאָך פּסח האָט ער אָנגעטון דעם יום־טובדיקן קאַפּטן, גענומען אין האַנט דעם שטעקן מיטן טלית און תפילין, באַקוקט די קינדער און געזאָגט שטיל צו שרהן:

— איך גיי קיין סלאָנים זוכן אַ קנעלונג".

ביי שרהן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן און זי האָט קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדן.

האָט זיך אברהם אַוועקגעזעצט מיטן טלית און תפילין אונטערן האַנט לעבן טיש און זיך געבעטן: „טאַ לאָמיר עפּענען אַ קראָם, אָט אַזוי ווי אַנדערע יידן פירן זיך".

שרה האָט אָבער נישט פאַרגעסן ווי אַזוי אברהם האָט געפּטרט דעם טאַטנס פּאַרמעגן אויף די איידעלע געשעפטן און אַז ער איז געפאָרן קיין סלאָנים נאָך סחורה פאַרן קראָם, האָבן די סוחרים געלערנט אים ווי אַזוי ער זאָל אויסשטעלן זיינע רשימות, האָט זי אים נאָכגעגעבן, נאָר זי האָט זיך אָפּגעבעטן ביי אים:

— אויף ווינטער וועלן מיר עפּענען אַ קראָם, דערווייל לערן מיט דיינע אייגענע קינדער; צו וואָס דאַרפסטו קגעלן מיט פרעמדע?" און זי האָט אַ שמייכל געטון: — איך וועל דיר צאָלן דעם שכר לימוד"...

דערווייל האָט שרה אָנגעהויבן ברענגען בגנבה די פלעשלעך בראַנפן פון מאָנאָפּאָל און פאַרקויפן באַהאַלטענערהייט די גויים.

אברהם האָט אָבער נישט געקענט רוען; אַז ער האָט אַ קוק געטון אויף די רויטע טריוואַקס וואָס האָט פאַרזיגלט די קעפּלעך פון די פלעש־לעך, האָט ער דערזען ווי די סכנה לויערט פון אַלע זייטן איבער דער שטוב און ער האָט זיך אָנגעהויבן בעטן ביי דעם ווייב: „איך וויל בעסער איבער די הייזער אַרומגיין, איידער האַלטן עס ביי זיך אין שטוב".

שרה האָט אָבער אויסגערעכנט, אַז אויב זי גיט דעם פויער די פלאַש בראַנפן ווען דער מאָנאָפּאָל איז פאַרמאַכט, ברענגט ער איר אַ פעלכל צו פאַרקויפן, נעמט אַליין אַראָפּ דעם זאַק תבואה פון וואָגן און שרייט נישט, אַז ער וועט פירן קיין סלאָנים אויפן מאַרק.

האָט זי נישט געזען די געפאַר, וואָס איז געקראָכן פון די וועגן און שטעגן און זיך געקייקלט איבער אַלע טראַקטן און שליאַכן אונטער די רע־דער פון די אקציזניקעס; זי האָט באַהאַלטן די פלעשער בראַנפן אין די

זעק תבואה, אַריינגערוקט זיי אין קוימען פון אויוון און זיך אָנגעשפּאַרט אויפן בטחון, אַז דער אויבערשטער וועט זי אויסהיטן פון אַלע סכנות, כדי אירע קינדער זאָלן ח"ו נישט בלייבן אָן אַ שטיקל ברויט.

און שרה האָט מיט דעם אויבערשטנס הילף און מיט איר שטילן צי־טער אויסגעהיט די שטוב אַ יאָר און נאָך אַ יאָר פון אַקציזניקעס: און עס האָט זיך געדוכט, אַז אברהם האָט זיך שוין אויך צוגעוווינט צו דער סכנה.

נאָר איין מאָל איז אָנגעפאָרן דער אַקציזניק פאַרנאַכט, ווען שרה מיט אברהמען זענען נישט געווען אין דער היים. פייגע, די עלטערע טאָכ־טער, האָט נאָר וואָס געבראַכט אַ קאָשעק בראָנפן פון מאָנאָפּאָל; זי האָט נאָך געזען די אַסיגנאַציעס מיט דעם זילבער־געלט וואָס זי האָט אויס־געציילט פאַר די בראָנפן, און דאָ איז דער אַקציזניק אָנגעפאַלן אויף דעם פאַרמעגן און רייסט די בראָנפן פון אירע הענט. האָט זיך פייגע געאַמ־פּערט מיט דעם אַקציזניק, אָפּגעשטופּט אים פון זיך און נישט געלאָזט אים צונעמען דעם בראָנפן.

אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען געקומען אַהיים, איז דעם אַק־ציזניקס היטל געלעגן אויף דער ערד אַ צעטראָטענע, פייגע איז געשטאַ־נען אַ בלאַסע, אַ דערשראָקענע, און דער אַקציזניק האָט שוין געשריבן אַ שווערן פּראָטאָקאָל פאַר פאַרקויפן בראָנפן און פאַר אַנטקעגנשטעלן זיך דער פּאָליציי.

דער משפט — אַ קרימינעלער פּראָצעס — איז פאַרפירט געוואָרן קעגן פייגען, און נישט קעגן אברהמען מיט שרהן, ווייל דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען נישט געווען אין שטוב, ווען זייער טאָכטער פייגע האָט אַראָפּגעריסן דאָס היטל ביי דעם אַקציזניק פון קאָפּ און נישט געוואָלט אָפּגעבן אים דעם בראָנפן.

פייגע איז געווען אַ דערוואַקסן מיידל, זי איז שוין געשטאַנען אין שידוכים, שרה האָט שוין גערעדט מיט אַ שדכן און אברהם האָט שוין אָנ־געקוקט אַ בחור, אָבער ווי און ווינד צו דער מאַמען, וואָס האָט אַליין בידים איבערגעענטפערט איר קינד אין גוישע הענט און זי קען מער נישט רעדן מיט קיין שדכן, נייערט זי דאַרף זיך בעטן ביי לייטן, מען זאָל איר העלפן אַרויסראַטעווען איר טאָכטער פון געפענגעניש.

שרה האָט געוווּסט, אַז זי האָט זיך נישט געפירט נאָכן שטייגער

פון אָ גאָטספאָרכטיק ווייב, און נישט געפאָלגט דעם מאַן — דעריי־בער האָט זי געבראַכט דעם אומגליק אויפן שטוב. זי האָט געוואָרט אבר־רהם זאָל איר דערמאַנען אין בייזן, אָדער זאָגן מיט גוטן פאַרוואָס זי האָט אים נישט געלאָזט ווערן קיין מלמד און זי האָט געזיפצט: „עס איז דאָך גרינגער לאָזן דעם מאַן גיין קנעלן, איידער ח״ו די שעה זאָל נישט זיין, אַוועקשיקן דאָס קינד אין אסטראָג...״

נאָר אברהם האָט נישט דערמאָנט מיט בייזן און נישט געזאָגט אין גוטן שרהן פאַרוואָס זי האָט אים נישט געלאָזט אָננעמען קיין קנעלונג; נייערט ער האָט אַליין אויפגעהערט לערנען, נישט גענומען קיין ספר אין האַנט און איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב און געזיפצט:

— „אויב עס איז באַשערט געווען, האָלט עס מיר טרעפן״...

שרה האָט געזען ווי דאָס שטיקל פרייד, וואָס האָט געלויכטן פון דעם מאַנס לערנען האָט זיך אָפּגעטון פון איר שטוב, און אברהם שווייגט — האָט זיך איר געדוכט, אַז מיט זיינע שטומע בליקן פאַרשטיינערט ער דעם צער, כדי דער ווייטיק זאָל זיך קיינמאָל נישט אָפּטון פון איר.

האָט זי זיך געבעטן ביי אים: „אברהם, איך וויס, אַז איך בין ווערט דעם עונש, וואָס איז אָבער דאָס מיידל שולדיק? אַז דו וואָלסט גענומען אָ ספר אין האַנט, וואָלט זיך אפשר דער אויבערשטער צוגעהערט צו דיין געבעט און פאַרגעסן אויף מיינע זינד״.

נאָר אברהם האָט קוים אָפּגעדאַוונט, אָפּילו קיין קאַפּיטל תהילים נישט אָפּגעזאָגט און געענטפערט דער ווייב בלויז מיט אָ האַלבן וואָרט, מיט אָ טיפן קרעכץ. ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב, אויפגעהויבן די שפּאָקולן אויפן שטערן און אַראָפּגעלאָזן אויפן נאָז, זיך איינגעקוקט אויף די ערטער, וווּ שרה האָט געטון באַהאַלטן דעם בראַנפן, ווי ער וואָלט אָנגעוויזן אויף אירע חטאים. ביינאַכט אַז פייגע איז איינגעשלאָפן, איז ער צוגעגאַנגען שטילערהייט צו איר בעט, זיך איינגעקוקט ווי זי שלאָפט, און איז איינגעגאַנגען אין זיין צער: „זי וועט נעבעך פינצטערן איז גע־פענגעניש, און איך וועל אַרומגיין מיט מיינע פיס איבערן שטוב״...

שרה האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן; זי האָט נישט גערוט ביי־טאָג און נישט געשלאָפן ביינאַכט. זי האָט פאַרגעסן אויף די אַלטע רעכע־נונגען וואָס זי האָט געהאַט מיט די ברידער און שוועסטער און צוגענו־מען די שטיצע, וואָס זיי האָבן איר געבראַכט. און מיט דעם געלט פון

אירע ברידער און שוועסטער, מיט אירע גוטע רייד און מיט די קלוגע עצות פון גרויסע אַדוואָקאַטן האָט זי אָפּגעצויגן דעם משפּט פון יאָר צו יאָר, פון אַ נידעריקן געריכט אין אַ העכערן, ביז די „דיעלא" איז אָנגעקומען אין דער „גובערנסקער פּאלאַטע" אין האָראָדנע.

און אַז מען האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום משפּט אין פּאַלאַטע, האָט די מאַמע נישט געשיקט אַהין איר טאָכטער פייגע, נייערט זי איז אַליין אַוועקגעפאָרן קיין האָראָדנע.

ד

האָראָדנע איז אַ גרויסע שטאָט, מיט פרעמדע גאַסן און הויכע מויערן: עס ליגט ווייט און דערווייטערט פון זשירעווע און מען דאַרף אַהין פאָרן מיט באַנען און פורן. „אין האָראָדנע זענען אָבער פאַראַן יידן, כן ירבו", האָט שרה געטראַכט, „זיי וועלן נישט לאָזן איבערגעבן אַ יידישע טאָכטער אין גוייִשע הענט". האָבן די יידן פון האָראָדנע געזיפצט: „מען דאַרף רחמים", געגעבן גוטע עצות און געשיקט צו גרויסע אַדוואָקאַטן. די גרויסע אַדוואָקאַטן מיט די קלוגע קעפּ האָבן אויך געגעבן גוטע עצות און ווידער איבערגעחזרט: „קרימינאַל — עס ליגט ביי דעם סליעדאָוואטעל אין די הענט".

אין שטאָט האָבן אָבער אַלע געוווּסט אַז ביי דעם „סליעדאוואטעל" טוט נישט ציטער קיין ברעם, ווען ער דאַרף אַוועקשיקן אַ מענטשן אויף אייביקער קאַטאָרגע, און עס איז שווערער צוצוקומען צו אים ווי איבערשפרייזן די וואַסערן פון ניעמאַן.

אַ מאַמע ווייס אָבער, אַז עס איז גרינגער צו דערטרינקען זיך אין די וואַסערן פון ניעמאַן, איידער זען ווי מען זעצט אַריין די אייגענע טאָכטער אין תפיסה.

איז שרה אַוועקגעגאַנגען צו דער „גובערנסקער פּאַלאַטע" זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דעם הויכן בנין און געוואַרט ביז זי וועט דערהיטן דעם סליעדאָוואַטעל; אפשר וועט זיך גאָט מרחם זיין אויף איר, אָט אַזוי ווי ער האָט צוגעשיקט די ישועה מרדכי הצדיק, וואָס האָט אָנגעטון אַ זאַק איבערן קאָפּ, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דעם טויער פון מלך.

אין דעם שלאָס פון דער „פּאַלאַטע" איז אָבער נישט געזעסן די צדקנית אסתר, וואָס האָט פאַרגאָסן אירע טרערן אויף די קינדער פון

ישראל, נייערט פאַר די אויגן האָבן זיך אויפגעהויבן הויכע אייזערנע טירן, וואָס האָבן פאַרשלאָסן די שערי רחמים, און אַרום דעם בנין זענען געשטאַנען בייזע היטער, וואָס האָבן אַראָפּגעטריבן שרהן פון די הויכע שטיינערנע טרעפּ און געענטפערט שאַרף:

— ניין, ניין!

— מען טאָר נישט!

שרה איז אַוועקגעגאַנגען און איז געקומען צוריק און זיך ווידער גע־בעטן:

— „איך וויל זען דעם סליעדאָוואַטעל״.

די היטער האָבן זיך אָבער נישט צוגעהערט צו אירע געבעטן און עס האָבן נישט געהאָלפן די מטבעות, וואָס זי האָט גערוקט אין די הענט.

די שומרים האָבן מיט רציחה געשפּאַרט איר אין פּנים אַריין דעם זעלבן ענטפער:

— ניין, ניין!

— מען טאָר נישט!

— מען וועט דיך אין געפענגעניש אַריינזעצן!

האָט שרה ביטער אַ קוק געטון אויף די היטער און געוואָלט עפּעס זאָגן זיי, נאָר זי האָט נישט געפונען קיין וואָרט. האָט זי זיך אָנגעהויבן אַפּרוקן פון די שטיינערנע טרעפּ.

ערשט אַ באַקאַנט פּנים האָט איר אַ שווינדל געטון פאַר די אויגן: זי טוט אַ קוק — אַ פּריץ גייט אַראָפּ פון די טרעפּ מיט פּאַפּירן אונטערן האַנט. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט דעם מענטשן ערגעץ געזען. ווי אַ בליץ האָט איר אַ שיין געטון אין די אויגן: „דאָס איז דער שייגעץ, וואָס האָט געבעטן ביי איר שבת אַ בולקע״.

שרה האָט זיך אַ שפּאַר געטון צו דעם פּריץ, נאָר די שומרים האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום איר, נישט געלאָזט צוגיין צו דעם שררה און מיט שטאָלץ אויסגערופן:

— סליעדאָוואַטעל.

שרה האָט זיך אַרויסגעריסן פון די שומרים, זיך אַוועקגעשטעלט לעבן סליעדאָוואַטעל, אַראָפּגערוקט די פּאַטשיילע פון קאָפּ און אָנגעהויבן רעדן דערשראָקן:

— גרויסער האַר, הער סליעדאָוואַטעל; איך בין דאָ אַ פרעמדע אין

דער גרויסער שטאָט, אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך וועל אייך זאָגן, אַז איך האָב אייך ערגעץ געזען; אפשר דערקענט איר מיך?

דער סליעדאָוואַטעל האָט זיך אָפּגעשטעלט, נאָך אַמאָל אַ קוק געטון אויף שרהן, זיך נישט געאײלט אַוועקגיין, ער האָט אָבער געשוויגן און גאָרנישט געזאָגט.

האָט שרה קוים אויסגערעדט:

— אפשר געדענקט איר?

און דער סליעדאָוואַטעל האָט זיך געלאָזט דערקענען צו שרהן, ער האָט געהייסן די שומרים אָפּטרעטן פון אים, קיינער זאָל נישט הערן, ווי ער וועט רעדן מיט דער פרוי און ער האָט געפרעגט ביי שרהן:

— דו ביסט פון זשירעוו?

— יאָ, פון זשירעוו — איז שרהן געוואָרן גרינגער צו רעדן — און דער האַר האָט זיך אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, אָפּגעשטעלט לעבן מיין שטוב.

— יאָ, איך געדענק. האָט זיך ביי דעם סליעדאָוואַטעל אויפן פּנים באַוויזן אַן אָפּגעשניטענער שמייכל.

— און איצטער בין איך דאָ אַ פרעמדע, אין אַ ווייטער שטאָט, און בין געקומען צום האַר בעטן אַ בקשה.

— וועגן דער דיעלאָ פון פייגע שאפּיראָ? — האָט דער סליעדאָוואַטעל געהאָלפן אויסלייגן שרהן די רייד.

האָט זיך שרה געשטאַרקט און אַ שמייכל געטון:

— יאָ, דאָס איז דאָס זעלבע מיידעלע פייגעלע, וואָס האָט געטאַנצט, ווען דער פריץ האָט מיט יאָרן צוריק געשפּילט אויף דער האַרמאָניקע ביי מיר אויפן הויף.

— איך בין דער סליעדאָוואַטעל און טאָר מיט דיר נישט רעדן וועגן דער דיעלאָ, איז דאָס פּנים ביי דעם פריץ פּלוצלינג געוואָרן שטרענג, אָט אַזוי האַרט ווי די גילדערנע קנעפּ וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אויף זיין מונדיר.

— „איך בין אָבער די מאַמע", — האָט שרה נישט געקענט איינהאַלטן אירע טרערן.

דער סליעדאָוואַטעל איז געוואָרן אומרואיק, געוואָלט אַוועקגיין, נאָר ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעבויגן דעם קאָפּ צו שרהן:

— קום צו מיר אַהיים דאָנערשטיק האַלב צען אַזייגער, אינדערפרי,

איידער דער משפט הייבט זיך אָן, און אויב איך וועל זען, אַז דו דער־ציילסט מיר דעם אמת, וועל איך רעדן מיט דעם ריכטער; אָבער געדענק, האָט ער איבערגעחזרט נאָך אַמאָל: „דעם ריינעם אמת!"

שרה האָט גערעדט מיטן סליעדאָוואַטעל דינסטיק בייטאָג, נאָר ווי לאַנג עס האָבן זיך געצויגן די צוויי טעג פון דינסטיק בייטאָג ביז דאָנערשטיק אינדערפרי האָט שרה נישט געוווּסט, ווייל זי האָט נישט געזען, ווי עס גייט אויף די זון און ווען עס פאַרגייט דער טאָג. די רגעס האָבן זיך געקנאָטן שווערע אַנגעלאָדענע, די מינוטן זענען געקראָכן לאַנגע אויסגעצויגענע און פאַר איר זענען בלויז געשטאַנען די בלישטשענדיקע עפּאָלעטן פון דעם סליעדאָוואַטעל, האַרטע, בייזע, וואָס האָבן זיך גערייצט מיט אירע טרערן.

איז זי אַרומגעגאַנגען איבער דעם האַרטן ברוק פון די האָראָדנער גאַסן, ביי איר זענען פון זינען נישט אַרויס דעם סליעדאָוואַטעלס רייד: „דערציילן דעם אמת, דעם ריינעם אמת, ווי נישט וועט זיין ערגער"... און זי האָט נישט געוווּסט, וואָס זאָל זי זאָגן דעם גרויסן שררה, ביי וועמען אויפן פּנים זי האָט נישט געזען קיין סימן פון דעם אַמאָליקן גוטן שייגעץ.

האָראָדנע איז אַן עיר ואם בישראל, דאָרטן פעלן, דאַנקען גאָט, נישט קיין גוטע פרומע לייט, אַזוי ווי עס זענען פאַראַן ערלעכע און גאָטספאַרכטיקע יידן אין סלאָנים, און זיי וועלן נישט לאָזן פאַלן קיין יידן אין גאָס; זיי זיצן אָבער אין בית המדרש און לערנען, גייען מיט טלית און תפילין אין שול אַריין דאַווענען און עס איז נישט דער שטייגער, אַז אַן אשה זאָל אַריינקומען אין מקום קדוש און זיך אַוועקזעצן צוזאַמען מיט די מאַנסבילן ביים טיש און אויסגיסן דאָרטן איר ביטער האַרץ פאַרן רבונו של עולם.

איז שרה געשטאַנען דאָנערשטיק אינדערפרי, אין דעם טאָג פון איר גרויסן יום־הדין אין דרויסן און זיך איינגעקוקט, ווי פון אַלע גאַסן ציען זיך יידן, מיט טלית און תפילין אין די שולן צו דעם ערשטן מנין. זי האָט זיך איינגעהערט ווי מען זיצט אין די בתי־מדרשים און מען לערנט; זי האָט אָבער געזען, אַז זי איז אָפּגעשיידט פון זיי, אַ ווייטע, אַ פרעמדע און זי האָט זיך נישט אויף וועמען צו אָנלענען מיט אירע תפילות און בקשות. איז זי נישט אַריין אין בית המדרש זאָגן אירע תחינות און דאַווי־

נען מיט די יידן, וואָס טוען אָן טלית און תפילין, נייערט זי איז אַוועק־געגאַנגען אויפֿן בית־הקברות אויסגיסן איר ביטערן צער פֿאַר די הייליקע צדיקים וואָס ליגן דאָרטן, זיי זאָלן זיך מיען פֿאַר איר, אַז דער זכות פֿון איר מאַנס לערנען זאָל איר ביישטיין היינט, ווען זי וועט דאַרפֿן רעדן צום סליעדאָוואַטעל, אַז ער זאָל איר געטרויען, וואָס זי וועט אים זאָגן.

זי האָט געוווסט אַז אויפֿן הייליקן אָרט קען קומען די אשה מיט איר פּיין, אַזוי ווי דער מאַן ברענגט אַהין זיינע תפילות — האָט זי זיך אויסגעצויגן לעבן דעם אוהל, וואָס איז געשטאַנען אויף ר׳ נחומקע האָראָדנער׳ס קבר און זיך איינגעקוקט אויף די קוויטלעך מיט די בקשות וואָס זענען געווען אָנגעהויפֿנט פֿאַר דעם צדיק; זי האָט געעפֿנט אירע לעפֿצן און אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ: „ווו אַנדערש קען קומען אַן אָרימע אשה מיט אירע בקשות, אויב נישט אויפֿן בית־החיים, אַז אין דעם בית־המדרש, ווו יידן זיצן און לערנען, קען זי נישט אַריינגיין, דאַרום בעט זי דעם גרויסן צדיק, ער זאָל איר אַריינגעבן אַ רעיון, וואָס צו רעדן צום סליעדאָוואַטעל.

זי האָט דערמאָנט דעם גרויסן צדיק אַז ער האָט אַכטונג געגעבן אויף אלמנות, האָט אָפּגעהיט יתומים און געהאָלפֿן דעם אָרימאַן; ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די שענקען צווישן שיכורים, געקומען צו קאָרטן־שפּילער, ווו זיי שפּילן קאָרטן, קלייבן נדבות, כדי די קליינע קינדער זאָל נישט פֿעלן קיין ביסל מילך.

און זי האָט זיך אויסגעטענהט מיט ר׳ נחומקע האראדנער: „האָב איך געזאָגט ליגן, כדי איך זאָל ווערן גרויס ביי לייטן אין די אויגן? „האָב איך געשווירן פֿאַלש, בעוויל איך האָב געוואָלט פֿאָרן אין רייכע קאַרעטן, זיך פּוצן אין בריליאַנטן? איך האָב דאָך נאָר געוואָלט זיין אַ דינסט ביי מיין מאַן, כדי ער זאָל קענען זיצן און לערנען תורה און זיך נישט דאַרפֿן וואַלגערן אין דער פֿרעמד, איך האָב געוואָלט עס זאָל זיין שכר לימוד פֿאַר די קינדער און עס זאָל נישט פֿעלן אויף שבת״.

און זי האָט אָנגעהויבן זאָגן איר אייגענע תחינה:

„רבונו של עולם, פֿאַר דיר זענען דאָך נישט פֿאַרהוילט די געדאַנקען פֿון דעם מענטשן, דו ווייסט דאָך וואָס עס טוט זיך ביי דער מאַמען אין אינגעווייד, ווען דאָס קינד וואַקסט ביי איר אונטערן האַרצן; דו שפּייזט דאָס עופעלע, ווען דאָס ליגט ביי דער מוטער אין בויך און גיסט

דער געווינעריין כוח איבערצוטראָגן די געבורטס־ווייען, ווען דאָס קינד דאַרף געבוירן ווערן: ווילסטו, אַז איך זאָל זאָגן דעם סליעדאָוואָטעל דעם אמת און איבערגעבן מיין קינד אין גויאישע הענט? גיב מיר אַריין אַ רעיון, איך זאָל וויסן וואָס צו רעדן צו דעם סליעדאָוואָטעל, ער זאָל גלויבן אין דער וואָרהאַפטיקייט פון מיינע ווערטער. העלף מיר פאָטער אין הימל, דערבאַרעם זיך אויף מיין קינד". איז שרה פאַרגאַנגען אין אַ טיפן געוויין און איינגעגאַנגען אין דער שוואַכקייט פון איר תענית, וואָס זי האָט גע־פאַסט פון דינסטיק אָן, ווי אין אַ דרעמל.

און אין חלום האָט זי דערפילט ווי דער ווינט גלעט איר פנים ווייך און מילד און ברענגט שטיל די רייד:

„שטיי אויף מיין טאָכטער; שרעק זיך נישט מיין קינד; מיכאַל־קאָ האָט ביי דיר איבערגעלאָזט דעם בראָנפן; דער סליעדאָוואָטעל וואַרט אויף דיר"...

„מיכאַלקאָ האָט איבערגעלאָזן דעם בראָנפן", זענען לויטער אויפגעגאַנגען ביי שרהן די רייד און זיך געשטאַרקט ווי אַ פריילעכער אָנזאָג. די ווערטער, וואָס האָבן פריער געטליעט אין איר ווייט און טיף, און געציטערט אויף אַ האָר פון דער לעצטער האָפענונג, האָבן אָנגעהויבן שיינען פאַר די אויגן מיט דער ליכטיקייט פון אמת. די רייד האָבן זיך געפלאָכטן און געבונדן מיט אַ זיפץ און אַ קרעכץ, מיט אַ משל און אַ גלייכוווערטל, גלייך ווי זי וואָלט דערציילט אַ מעשה פון אַמאָליקע צייטן.

ה

אַז שרה איז אָבער אַריין צו דעם סליעדאָוואָטעל אין דעם רייכן פאַ־לאַץ מיט די שווערע מעבל, וואָס האָבן מיט פאַררייסענער גאווה געקוקט פרעמד פון אַלע זייטן, און דערזען ווי דער גרויסער שררה שטייט אַ האַר־טער, אַן אויסגעצויגענער, אין זיין קורצער טוזשורקע מיט די בלישטשענ־דיקע עפּאָלעטן אויף די אַקסלען — זענען אירע טרערן פאַרגליווערט גע־וואָרן ביי איר אין האַלדז און זי האָט קיין וואָרט נישט געקענט אויס־רעדן.

דער סליעדאָוואָטעל האָט זי אַריינגעפירט צו זיך אין קאַבינעט, אָנ־געוויזן אויף אַ הויכן פאָטעל, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט און געבעטן זי זיך אַוועקזעצן:

— ווייַן נישט מומע, רו אָפּ אַ ווײַלע, אפשר זאָל איך הייסן דער דינסט ברענגען אַ גלאָז טיי?

שרה האָט פאַרגעסן באַדאַנקען דעם סליעדאָוואָטעל פאַר זיין גוטס־קייט, ווייל אירע רייד האָבן פּלוצלינג אָנגעהויבן פליסן אַליין פון זיך, אָן איר וויסן און אָן שרעק, און זי האָט אַרויסגעזיפצט:

— פאַרוואָס זאָל איך נישט וויינען? איך בין דאָך אַ מאַמע; דער פריץ איז אויך עלטער געוואָרן, אַ סך עלטער געוואָרן זינט איר זענט גע־ווען ביי מיר אין שטוב, איר זענט שוין דאַנקען גאָט מסתמאָ אויך אַ טאַ־טע; ווייסט איר דאָך וואָס עס הייסט אויפברענגען אַ קינד; און אין אַרי־מען אופן איז טויזנט מאָל שווערער אויסהאָדעווען אַ קינד. איך האָב דאַנ־קען גאָט אויפגעבראַכט זעקס, זאָלן זיי געזונט זיין; דער פריץ געדענקט, ווי ער איז געזעסן ביי מיר אויפן הויף אונטערן קאַשטאַנען־בוים געשפּילט אויף דער האַרמאָניקע און קינדערלעך זענען געשטאַנען אַרום אייך און געטאַנצט. איז אָט דאָס מיידל מיט די לאַנגע צעפּ, וואָס האָט נאָר גע־וואָלט אַריינרוקן איר קליין פּינגערל אין די פאַלדן פון דער האַרמאָניקע, שוין געוואָרן אַ גרויסע מיידל, אַ גאַנצע באַרישנע. זי איז שוין, דאַנקען גאָט, אַ כלה: אַ טייערער חתן, קלוג און הויך, גלייך ווי אַ טאָפּאָל, וואַרט ער זאָל קענען מיט איר חתונה האָבן. ווילן זיי איצטער ביי מיר צונעמען מיין קינד — גייען אויס ביי שרהן די רייד, זי ווערט אַנטשוויגן און איר איז שווער צו האַלטן אָפּן די אויגן. זי עפנט אויף און פאַרמאַכט די אויגן־דעקלעך, נאָר איר דוכט זיך אַז זי זעט גאָרנישט, ציט זי זיך איין נידע־ריקער און נידעריקער לעבן דעם ווענטל פון דעם הויכן פאָטעל.

אין קאַבינעט איז געוואָרן שטיל און די שטילקייט האָט זיך גע־ווייקט, אַ געדיכטע, אין שרהס שווייגן.

דער סליעדאָוואָטעל איז געזעסן אויפן ווייכן שטול, לעבן זיין לאַנגן טיש, און זיך איינגעקוקט אויף שרהן, ווי זי זיצט אָן איינגעבויגענע אויף דעם פּאָטעל אין דעם טונקעלן שיין פון ווינקל און ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס זיצט ער אין ליכט פון פענצטער, יעדער תנועה פון זיין פּנים זאָל זיין קלאָר פאַר שרהן, און איר געזיכט איז פאַרהוילן פון אים אין דעם שאָטן פון די גאַרדינען. ער האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט דער יידישער פרוי, נאָר אים זענען נישט אַרויס פון זינען די מעשיות, וואָס זיין באבע האָט אים אַמאָל דערציילט וועגן „פאַנשטשינע“, ווי אַזוי

די גראַפֿן האָבן געפּייניקט דעם זיידן מיט בייטשן און ריטער, און זי, די באבע, איז נעבעך געבליבן אַ יונגע אַלמנה מיט קליינע קינדער, אין אָרימ־קייט און דחקות. האָט ער באַהאַלטענערהייט אַ שמייכל געטון: „זי האָט זיך איינגענורעט אין שאָטן און רעדט מיך איין מיט די רייד, אָט אַזוי ווי די באבע האָט אונדז איינגעוויגט מיט אירע סקאזקעס“.

דער סליעדאָוואַטעל האָט זיך אָבער נישט געלאָזט פּאַרוויגן פֿון שרהס מעשיות, ער האָט זיך פּלוצלינג אויפֿגעהויבן פֿון דעם שטול, זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער גרויס, זיך אָנגעשטרענגט און געזאָגט האַרט און קלאָר:

— אָבער דערצייל מיר וועגן דער דיעלא — און אָנגעוויזן מיט דעם פינגער: נאָר דעם אמת, דעם ריינעם אמת“.

— וועל איך זאָגן אַ ליגן? — האָט שרה אויפֿגעהויבן פריי און אָפֿן דעם קאָפּ, זיך אויסגעגלייכט אויפֿן שטול און האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון שאָטן, — איך האָב אין די יונגע יאָרן אויפֿגענומען דעם פּריץ ביי מיר אין שטוב און געגעבן אים אָפּעסן אום שבת, ווייל אַזוי שטייט געשריבן אין אונדזער תורה; איך האָב מיין גאַנץ לעבן אָפּגעהיט די געבאָטן פֿון די הייליקע שריפֿטן, וועל איך איצטער, אויף די עלטערע יאָרן, קומען צו דעם פּריץ, וואָס האָט געטון גענאָד מיט מיר אין דער פֿרעמד, און האָט מיך אַריינגעלאָזט צו זיך אין שטוב, וועל איך זאָגן אַ ליגן, שווערן פֿאַלש; גלויבט איר דאָס? — האָט שרה ברייט געעפֿנט אירע אויגן און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

דער סליעדאָוואַטעל האָט אַוועקגעשטעלט אַ טראָט, צוגענענט צו שרהן, אָנגעבויגן צו איר דעם קאָפּ און אַ ציטער געטון פֿון דער מאַכט־לאָזיקייט, וואָס האָט זיך געטוייעט ביי איר אויפֿן פּנים; ער האָט געוואָלט זאָגן איר: „רו אָפּ אַ ווײַלע, כאַפּ אָפּ דעם אָטעם“ נאָר ער האָט זיך צו־ריק אַוועקגעזעצט ביים טיש און געפֿרעגט האַרט און טרוקן:

— נו דערצייל, וואָס איז געווען ווייטער?

שרהן האָט אָבער געקלונגען דאָס קול ווייט און פֿרעמד, ווי אימי־צער אַנדערש וואָלט גערעדט, נאָר דאָ ביים טיש האָט זי געזען פֿאַר זיך דאָס איידעלע פּנים פֿון דעם שייגעץ, וואָס איז אַמאָל געשטאַנען ביי איר לעבן פֿענצטער מיט דער האַרמאָניקע אויפֿן פּלייצע, האָט זי ווייטער גע־רעדט:

— איך האָב שוין דעם פּריץ געזאָגט, אַז איך האָב דאַנקען גאָט אַ קלוגע טאָכטער, דאָס איז מיין עלטערע טאָכטער, אָבער אַ קינד; באַנאַ־רישט זיך עס אַמאָל; און דאָס איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, זי איז נאָך געווען גאָר אַ יונגע מיידל. אָט דעמאָלט האָט בײַ אונדז אין זשירע־ווע געוווינט אַ פּויער מיכאַלקאָ מיט זיין ווייב. זיי האָבן קיין קינדער נישט געהאַט. ער האָט אָבער זייער האָלד געהאַט זיין ווייב. ער האָט אָן איר נישט געקענט לעבן און אין אַ יאָר אַרום, אַז זיין ווייב איז גע־שטאָרבן, איז ער אויך אַוועק פון דער וועלט.

זיי האָבן געלעבט ווי הייליקע, געגאַנגען צוזאַמען אין קלויסטער, געפאָרן אינאיינעם צום גלח; זי האָט אָבער נעבעך געקרענקט; אויפגע־שטאַנען פון בעט און זיך צוריק אַריינגעלייגט, ביז איינמאָל איז געקומען דער פעלדשער, אַ שאָקל געטון מיט דעם קאָפּ: „זי שטאַרבט, רוף דעם גלח"; און דאָ איז פּרייטיק: עס קען דאָך זיין אַז מען זאָל דאַרפן מאַכן די פּאַכאָראָנעס זונטיק, און זונטיק קען מען קיין בראָנפן נישט קריגן אין מאָנאָפּאָל. און איר ווייסט דאָך אַז בײַ די פּויערים אין דאָרף איז איינגע־פירט אַז צו די פּאַכאָראָנעס דאַרף מען האָבן אַ טרונק בראָנפן פאַר די מענטשן, וואָס קומען באַגלייטן דעם מת אויף די מאָהילקעס. האָט מי־כאַלקאָ געוואָלט צוגרייטן בראָנפן אויף זונטיק, ער האָט אָבער נישט גע־בראַכט צו זיך אַהיים דעם בראָנפן, נאָר איבערגעלאָזט עס בײַ מיר אין שטוב; ער האָט מסתמא נישט געוואָלט אַז דאָס ווייב זאָל עס זען; און אָט אַזוי ווי מיכאַלקאָ האָט אַוועקגעשטעלט זיין בראָנפן בײַ מיר אין הויז, איז אָנגעפאָרן דער אַקציזניק. וואָלט איך געווען אין שטוב, אָדער מיין מאַן, וואָלט געווען אין דער היים, וואָלטן מיר געזאָגט צו דעם אַקציז־ניק: „נאַ נעם דעם בראָנפן, דאָס איז נישט אונדזערע". האָט מיך אָבער דער אומגליק אַוועקגעפירט פון דער היים און מיין מאַן איז געווען אין שול — געדאַוונט; מיין טאָכטער איז אַליין געווען אין שטוב; אָבער וואָס ווייס אַ קינד? שרייט זי צו דעם אַקציזניק: „דאָס איז נישט מיינע, פּרעמ־דע, מיכאַלקאָס — ער האָט עס צוגעגרייט פאַר זיין ווייב, איך וועל נישט אָפּגעבן זיין בראָנפן!". אַז איך האָב דערהערט די געשרייען בין איך אַריינגעלאָפן אין שטוב, עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט, דער אַקציז־ניק האָט אַ ריס געטון די בראָנפן און פון אימפּעט איז ער געפאַלן און זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד.

שרה האָט דערזען ווי דער סליעדאָוואַטעל קוקט אַריין אין די פּאַ־פּירן, האָט זי נישט געוווסט צי ער הערט זיך איין וואָס זי רעדט, און אי־ר׳ע ווערטער זענען אויסגעגאַנגען אין איר מידקייט. זי האָט זיך אָבער דערשראָקן פאַר דער אייגענער שטילקייט, גלייך ווי זי וואָלט מיטן שווייגן געהאָלפן אויסשמידן דעם האַרבן פּסק דין, וואָס דער סליעדאָוואַטעל האָט אַרויסגעלייענט פון איר דיעלא. האָט זי זיך אָנגעהויבן בעטן, ווי זי וואָלט געזאָגט אַ תפילה:

— האָב רחמנות אויף אַ מאַמען, נעם נישט צו פון מיר מיין טאָכ־טער, דעריבער וועט דיר גאָט העלפן, אַז דו וועסט נישט האָבן קיין צער פון דיינע אייגענע קינדער.

זי האָט זיך איינגענורעט אין דעם גרויסן פאָטעל און זיך פונאַנדער־געוויינט.

איז דער סליעדאָוואַטעל צוגעגאַנגען צו שרהן, אַוועקגעלייגט די האַנט ביי איר אויפן פּלייצע און געגעבן איר אַ גלאָז וואַסער:

— טרינק, וועט דיר ווערן גרינגער...

— ניין, איך וועל נישט טרינקען — האָט שרה געעפנט די אויגן — איך פאַסט, און בעט גאָט, ער זאָל מאַכן ווייך דאָס האַרץ ביי דעם פּריץ, כדי ער זאָל זיך צוהערן צו מיין געבעט.

— טאָ וויין נישט, מומינקע — האָט דער סליעדאָוואַטעל באַרו־איקט שרהן — אָבער הער וואָס איך זאָג דיר, דו זאָלסט זיך נישט באַ־ווייזן אין פּאַלאַטע, ווייל טאָמער וועט מען פאַרמשפּטן דיין טאָכטער, וועט מען דיך גלייך אַריינזעצן אין געפענגעניש, דערנאָך וועט מען אַרעס־טירן דיין מיידל.

ו

שרה האָט אָבער נישט געפאָלגט דעם סליעדאָוואַטעל; זי איז אַוועק אין פּאַלאַטע, זיך אויסגעמישט מיט דעם עולם, אָט אַזוי ווי מען קומט צו אַ לויה, און זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל אויף אַ הינטערשטער באַנק לעבן אַן אַלטער יידענע.

די יידענע איז געזעסן גאָטספאַרכטיק און פרום, געהאַלטן די הענט פאַרלייגט אויפן האַרצן, אָט אַזוי ווי די ווייבער, וואָס גייען אַרום איבער

די הייזער קלייבן נדבות פאַר אָרימע קימפעטאָרינס. האָט זיך שרה נענ־טער צוגערוקט צו דער פרוי און שטיל געפרעגט:

— וועמען האָט איר דאָ?

— יאַנקעלעס קינדער — האָט די פרוי אַ זיפץ געטון — בין איך געקומען אַהער בעטן ביי גאָט, זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין גויאישע הענט.

— זאָל זיי נאָר דער רבונו של עולם אויסהיטן, האָט שרה איינגע־האַלטן אירע טרערן און זיך געטוליעט צו דער יידענע, ווי צו אַן אייגענעם נאָענטן מענטשן, וואָס איז געקומען באַשיצן זי אין איר עלנדקייט.

זי איז געזעסן אין פּאַלאַטע, ווען מען האָט אויסגערופן „פייגע שאַ־פּירא" און האָט זיך נישט אָנגערופן; נאָר אַז זי איז געקומען אַהיים און דערציילט מיט שמחה, אַז מען האָט באַשטראָפט אברהמען בלויז מיט 150 רובל און באַפרייט פייגען, האָט זיך די פרייד פאַרגליווערט ביי איר אויפן פּנים פון פּחד, ווען זי האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי זי איז געזעסן אין פּאַלאַטע און איבער איר קאָפּ האָט זיך געקייקלט דער אויסרוף: „פיי־גע שאַפּיראַ!" אַז שרה איז געקומען אַהיים זענען די מעשיות, וואָס זי האָט דערציילט דעם סליעדאָוואַטעל אויסגערונען געוואָרן פון איר זכרון, אין די אויערן האָט איר אָבער נישט אויפגעהערט קלינגען דעם שריי־בערס קול: „פייגע שאַפּיראַ!", און זי האָט פאַר זיך אַליין איבערגעחזרט: „מען רופט מיך און איך ענטפער נישט" ווי זי וואָלט זיך געחידושט אויף עפּעס.

פון איר האָבן זיך אָפּגעטון די רייד מיט וועלכע זי האָט איינגענו־מען די שיכורע גויים, זי האָט נישט געקענט פאַרהאַלטן מער קיין פור מיט תבואה און זי האָט נישט אַריינגענומען קיין טראָפּן בראָנפן אין שטוב.

אברהם איז שוין געווען צו אַלט צו ווערן אַ מלמד און ער האָט אויפ־געהערט דערמאָנען אַז ער וועט גיין קנעלן, האָט שרה גענומען אַ קאָ־שעק אויפן האַנט און זיך אַוועקגעלאָזט איבער די דערפער. זי האָט גע־האַנדלט מיט די גויעס, — זי האָט געבראַכט פאַר זיי אַ נאָדל פאָדים, אַ קנעפל, אַ שטיקל קאַנדל־צוקער און אָפּגעקויפט ביי זיי אַ הון, אַ שטיקל לייוונט, אַן איי און פאַרקויפט עס אין זשירעוווע, אָדער אַוועקגעפירט קיין סלאָנים.

אברהם איז געזעסן אין דער היים און געלערנט, און אויף אַ רגע נישט אַרויסגעלאָזט פון זינען, אַז ער גיט אַוועק זיין ווייב אַ גלייכן חלק פון זיין עולם הבא, אַט גלייך ווי זי אַליין וואָלט געזעסן ביים טיש און געלערנט.

און שרה האָט געבעטן ביי דעם אויבערשטן, אַז אברהם זאָל מאריך ימים זיין, ער זאָל קענען זיצן און לערנען און גאָט זאָל איר געבן כוח אַרומצוגיין איבער די דערפער, כדי זי זאָל קענען מפרנס זיין די שטוב.
דער אויבערשטער האָט זיך צוגעהערט צו שרהס געבעט. ער האָט איר געגעבן כוח צו אַרומגיין איבער די דערפער, נאָר דאָס ליכט פון אברהמס לערנען האָט זיך אָפּגעטון ביי איר פון שטוב, און שרה איז געבליבן אַן אַלמנה.

אַז עס זענען אַריבער שלושים, עס האָבן זיך אַוועקגערוקט די חדשים פון אבלות, האָט אברהם אָנגעהויבן קומען צו שרהן צו חלום.

נאַכט אין נאַכט, גלייך ווי זי האָט איינגעדרעמלט, האָט ער זיך באַוויזן פאַר אירע אויגן. ער איז שטילערהייט אַריין אין שטוב, זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט ביים טיש און געעפנט אַ גמרא. דערנאָך האָט ער איבערגעלאָזן דעם אָפענעם ספר אויפן טיש און איז צוגעגאַנגען צו איר בעט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן איר צוקאָפּנס און זיך איינגעקוקט אויף איר און געשוויגן.

שרה האָט אויסגעצויגן די האַנט, און האָט זיך געבעטן ביי אים: „אברהם זאָג עפּעס", ווי זי האָט אָבער אויסגערעדט אַ וואָרט, האָט ער איינגעבויגן דעם רוקן, גענומען דעם שטעקן אין האַנט אָט אַזוי ווי ער האָט זיך אַמאָל געטון קלייבן גיין קנעלן, און האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב.

האָט שרה געבעטן דעם סופר איבערקוקן די מזוזות ביי איר אויף די טירן, זי האָט געפּאָלגט די עצה פון אַן עלטערן יידן און אַוועקגעלייגט אברהמס תפילין לעבן די ספרים, וואָס ער האָט געלערנט און זיך אָפּגעהיט צו לייענען קריאת שמע וואָרט אין וואָרט פאַרן שלאָף. אַז זי האָט אָבער צוגעמאַכט די אויגן, האָט זי ווידער דערזען ווי אברהם גייט אַריין אין שטוב און שטעלט זיך אַוועק מיטן איינגעבויגענעם רוקן לעבן איר בעט און שווייגט.

אַז עס איז אַזוי אַוועק אַ וואָך נאָך אַ וואָך און אברהם האָט נישט אויפגעהערט קומען נאַכט אין נאַכט צו שרהן אין חלום, האָט זי שוין פֿאַרשטאַנען אַז אירע זינד זענען אַזוי גרויס, אַז איר מאַן האָט נישט קיין רו אַף יענער וועלט. איז זי אַוועקגעגאַנגען קיין בוטען צו ר׳ פּיניע דעם גלעזער פרעגן ביי אים ווי אַזוי זאָל זי תשובה טון, איר מאַן זאָל נישט דאַרפן אָפּקומען אויף יענער וועלט פאַר אירע זינד, וואָס זי האָט געזינ־דיקט.

ר׳ פּיניע דער גלעזער האָט געקראָגן סמיכה ביי דעם קאַסאָווער רב, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג בחורל. די קהילה הקדושה פון בוטען האָט געוואָלט אָפּגעבן כבוד זייער בן־עיר, וואָס האָט געשמט איבער דער וועלט מיט זיין חריפות און בקיאות און געבעטן אים, ער זאָל ווערן רב פון שטאָט.

נאָר ר׳ פּיניע האָט נישט געוואָלט אָננעמען קיין כסא הרבנות און ער איז געוואָרן אַ גלעזער — ער האָט אַריינגעשטעלט שויבן אין די פענצטער, עס זאָל זיין ליכטיק אין די יידישע שטיבער. אין בוטען האָט מען אָבער נישט פאַרמינערט דעם כבוד פון דער תורה, דעריבער האָט מען איינגעשריבן אין כתב מיטן רב, וואָס מען האָט אויפגענומען, אַז פון דער הכנסה וואָס די רביצין נעמט אַריין פון הייוון און ליכט, זאָל אויס־געצאָלט ווערן צען גילדן אַ וואָך ר׳ פּיניע דעם גלעזער. און די ווייבער פון בוטען האָבן נישט געוואַרט ביז עס וועט זיך צעברעכן אַ שויב ביי זיי אין די פענצטער, נאָר גלייך ווי זיי האָבן דערזען אַ סטשערב אויפן גלאָז האָבן זיי אַרויסגענומען די שויב פון פענצטער, אַראָפּגענומען דעם פענצ־טער־טויערל פון די זאַוויאַסעס און אַוועקגעטראָגן אים צו ר׳ פּיניע דעם גלעזער; ער זאָל אַריינשטעלן אַן אַנדער שויב.

די ווייבער פון בוטען האָבן אָבער אים נישט גערופן ר׳ פּיניע דער גלעזער, נייערט ר׳ פּיניע דעם רבס און דערציילט אים פון זייער פּיין און צער. צו דעם רב פון שטאָט זענען זיי געגאַנגען מיט זייערע שאלות און צו ר׳ פּיניע דעם רבס זענען זיי געקומען מיט זייערע טרערן, ער זאָל זיי טרייסטן מיט גוטע רייד און געבן אַן עצה מיט זיינע קלוגע ווערטער.

און צו ר׳ פּיניע דעם רבס איז אויך געקומען שרה, ער זאָל איר ווייזן דעם וועג ווי אַזוי זי זאָל תשובה טון, אַז איר תשובה זאָל אָנגענומען ווערן.

ר׳ פיניע דעם רבס איז געזעסן אויף אַ בענקל ביי זיין לאַנגן דעמ־בענעם טיש, געצויגן די האָר פון זיין קורץ שיטער בערדל און אַריינגע־קוקט אין אַ ספר. אַז ער האָט דערזען ווי שרה איז אַריין אין שטוב, האָט ער פאַרמאַכט דאָס ספר און זיך אויפגעשטעלט.

אַז שרה האָט אַ קוק געטון אויף זיין הויכן וווקס, האָט זיך איר גע־דוכט אַז זיין פּנים איז אַ בייזער און זי האָט געציטערט צוגיין צו אים. האָט זיך ר׳ פיניע דעם רבס אָנגעבויגן, אַרויסגערוקט אַ בענקל פון טיש און געבעטן די אשה זיך אַוועקזעצן.

די ווערטער האָבן פאַרצויגן אַ גוטסקייט אויף זיין פּנים און שרה האָט פּלוצלינג דערזען פאַר זיך אַן אַנדער יידן, אַ נידעריקערן, אַן על־טערן מענטשן, און זי האָט אים אָנגעהויבן דערציילן פון איר אומגליק.

ר׳ פיניע דעם רבס האָט געגלעט דאָס שיטערע בערדל און זיך שטי־לערהייט אַריינגעמישט:

— און וואָס טו איך; איך שטעל אַריין שויבן, עס זאָל זיין אַ שטיקל ברויט אין שטוב. גראָב אַרום אין דער פרי מיין גערטנדל, עס זאָל נישט פעלן קיין קאַרטאָפל, אַ מערן, און דערנאָך נעם איך אַ ספר אין האַנט. און ער האָט געטרייסט שרהן: „און דו האָסט ח״ו אויך נישט פאַרגעסן אויף דעם בורא עולם; דו האָסט געזאָגט אַ תחינה, געלייענט דעם טייטש־חומש; זיי נישט פאַראומערט טאָכטער, דיין מאַן קומט צו דיר צו חלום, בעטן ביי דיר מחילה; די טויטע זענען אָבער אָפּגעשיידט פון די לעבע־דיקע, דעריבער דאַרפסטו אים לאָזן וויסן אַז דו ביסט אים מוחל; גיי אויפן בית־עולם, גיי צו צו זיין קבר און זאָג אים אַן פרום און ערלעך מיט אַ ריינעם האַרצן, אַז דו ביסט אים מוחל במחילה גמורה, און דיין מאַן וועט געפינען זיין רו אויף יענער וועלט״.

די נסיונות פון ר׳ זונדל פּאָסעסאָר

מיין באָבע ע״ה האָט דערציילט, אַז איר זיידע — אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן — האָט געהאַט אַזאַ שאַרף אויג, אַז ער האָט דערזען די גאווה, וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין דער שטילער ענוות, און ער האָט דערקענט די יידן, וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר אָרעמעלייט, פאַר בעטלער, און לאָזן זיך אַוועק איבער דער וועלט אָפּריכטן גלות, ווייל ער פלעגט זאָגן, אַז די ענוים שיינען אַרויס פון זייערע צעריסענע מלבושים ליכטיקער ווי די גירלאַנדעס פון די חתונה־קליידער ביי די רייכע כלות.

אַמאָל, אַמאָל מיט יאָרן צוריק, ווען די יידישע קרעטשמעס זענען געשטאַנען צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע טראַקטן און שליאַכן, און די ברייטע טויערן פון די סטאָדאָלעס זענען געווען אָפן — אַ דעליזשאַנס זאָלן האָבן ווו אויסצושפּאַנען זייגע פערד, און אַ ייד, אינדערוועגנס, זאָל ניִשט דאַרפן זאָרגן ווו צוצושפּאַרן ביינאַכט דעם קאָפּ און ווו אָפּדאַווענען אין דער פרי.

אַמאָל, אַמאָל, מיט ווינטערן און זומערן צוריק, ווען ביי די פּריצים און גראַפן זענען אין די הייף געזעסן יידן־פּאָסעסאָרס און געהיט, אַז די תבואה זאָל מען אַראָפּנעמען פון פעלד אין צייט, און די פערד זאָלן ניִשט פאַלן אונטער דער שווערער לאַסט פון דער אַרבעט, דעם וואַלד זאָל מען אויסהאַקן ווען דער ווינטער שטייט נאָך אויף דער וועלט, און די פּליטן זאָלן צושווימען צו די ברעגן פון דאַנציג איידער דער פראָסט פאַרשליסט די טייכן.

אָט אין יענע יאָרן האָט ר׳ זונדל דער פּאָסעסאָר געהאַלטן ביי גראַף פּאָסלאַווסקי דעם הויף אין שימכאַנאָוויטש.

ר׳ זונדל איז נאָך געווען אַ יונגער מאַן, אין די יאָרן פון כוח; הויך אין וווקס, מיט ברייטע פּלייצעס, שוואַרצע אויגן און אַ הויכן שטערן, וואָס האָט פון אונטערן היטל פאַרצויגן אַ הדרת פּנים אויף זיין אויסזען; זיין לאַנגע שוואַרצע באָרד האָט זיך ברייט אויסגעלייגט אויפן האַרצן און די פּאות האָבן ווייך אַראָפּגעגלאַנצט פון די באַקן.

זיין שטוב איז געשטאַנען, ווי אַ שלאָס, אינמיטן הויף, אין שאָטן

פון די צעלאָזענע קאשטאַנען און סאָסנע ביימער, און אונטערן דאַך פון זיינע ווענט האָט גערוט תורה, חכמה און עשירות.

און גאָט האָט געבענטשט ר׳ זונדל דעם פּאָסעסאָר מיט אַלדאָס גוטס; עס האָט אים מצליח געווען אין אַלץ וואָס ער האָט געטון: ער האָט געפונען חן ביי גראַף פּאסלאווסקי אין די אויגן; די קאָנטראַקטן וואָס ר׳ זונדל האָט צוגעגרייט, האָט דער גראַף אונטערגעשריבן, און די בקשות וואָס ער האָט געבראַכט פון אַנדערע יידן, האָט דער פריץ נישט אָפּ־געזאָגט.

די הייף וואָס ר׳ זונדל האָט געהאַלטן אין אַרענדע האָבן זיך גע־באָדן אין שפע; די פעלדער האָבן שווער געטראָגן זייער גערעטעניש און די שאָף און רינדער האָבן זיך שטיל געפיטערט אויף דער פּאַשע.

ר׳ זונדלס לעבן האָט געקוועלט קלאָר און לויטער, אָן דאגות און זאָרג, אין כבוד און עשירות, ווי דאָס וואַסער פון טייך פליסט, ווי די זאַנ־גען פון פעלד צייטיקן זיך אונטער דער זון; און דער שטן האָט נישט גע־האָט קיין שליטה אויף זיין שטוב.

דער מלאך רע — וואָס פאַרשטעלט זיך אין פאַרשידענע געשטאַלטן און טוט זיך אָן אין בייזע ווינטן, און וואַנדערט אַרום איבער דער ערד, און גייט אַרום איבער דער וועלט כדי ער זאָל אָפּקערן דעם צאַם וואָס אַ גאָטספאָרכטיקער ייד נעמט אַרום אַרום זיין הויז און קינדער — האָט אָבער נישט געקענט רוען וואָס דער ייד פון דעם הויף שימכאַנאָוויטש איז רעכטפאַרטיק, גאָטספאָרכטיק און איז אָפּגעקערט פון זינד; דער שטן האָט נישט געקענט קוקן, וואָס דער מאַן פון הויף שימכאַנאָוויטש איז גרעסער פון די אַלע יידן, וואָס ווינען אין זיין געגנט אויפן ישוב, און ער ווערט נישט פאַרפירט פון דעם געלט און עשירות וואָס דער אויבערשטער האָט אים געבענטשט; — האָט ער, דער שטן, דער מלאך רע, זיך פאַר־שטעלט פאַר דעם שטילן אומעט פון דעם זון־אונטערגאַנג און זיך אַריינ־געגנבעט אין האַרצן פון גראַף פּאסלאָווסקיס טאָכטער, און אָנגערעדט איר, זי זאָל איינרעדן ר׳ זונדל דעם פּאָסעסאָר, ער זאָל לעסטערן דאָס פּנים פון גאָט און אָפּקערן זיך פון זיינע רעכטפאַרטיקע וועגן.

דער גראַף פּאסלאָווסקי האָט געהאַט איין־און־איינציקע טאָכטער וואָס איז געווען שיין ווי די זיבן זונען: אירע האָר האָבן געלויכטן אויפן קאָפּ ווי שטראַלן און איר האַלדז איז געווען ווייס ווי די בליעכץ וואָס

לייגט זיך אויס נעבן איר פענצטער אויף די עפּל־ביימער פון סאָד; און איר שכל איז געווען אַזוי קלאָר, אַז איר חכמה האָט געבלענדט ר׳ זונדלס אויגן, ווען זי האָט גערעדט צו אים.

און ווען ר׳ זונדל איז געקומען צו גראַף פּאסלאַווסקי מכוח זיינע געשעפטן, האָט ער זיך נישט געאיילט פאָרן אַהיים, ער איז געבליבן אי־בערנעכטיקן נאָך אַ נאַכט, ווייל אים האָט זיך שטענדיק געדאַכט אַז ער דאַרף נאָך אַן עסק פאַרענדיקן, און ער האָט אַליין נישט געוווסט, אַז די געשעפטן לייגן זיך פונאַנדער קלאָר און ברייט נאָר דעמאָלט, ווען דעם גראַפס טאָכטער זיצט צוזאַמען מיט אים ביים טיש, צום מאָלצייט. ר׳ זונדל האָט, חס ושלום, נישט פאַרזוכט קיין טרפות פון דעם גראַפס טיש, ער האָט זיך אָבער איינגעקוקט ווי דער טאָכטערס גילדערנע האָר לייכטן העלער פון דער שיין אין די בליץ־לאָמפּן, און זיך איינגעהערט צו אירע רייד, וואָס קלינגען זיסער ווי דאָס געזאַנג פון פרימאָרגן.

און אין אַ רגע ווען ר׳ זונדל האָט פאַרגעסן פון זיינע שווערע קאָנ־טראַקטן, בייערט געטראַכט פון דעם גראַפס טאָכטער, האָט זיך דער שטן פאַרשטעלט פאַרן ציטער פון איר אָטעם און אָנגעטון אַ שרעק אויף ר׳ זונדלען אַז עס קען נאָך אָפּגעטון ווערן דאָס גנאָד פון גראַף און ער וועט ח״ו צונעמען ביי אים די געשעפטן; און אין דער פינצטערער רגע האָט דער שטן אַריינגעגעבן אים אַ רעיון, אַז ער זאָל ברענגען אַ מתנה פאַר דער טאָכטער, וועט דער גראַף זען זיין לויב און דאַנק פאַר אַלץ וואָס ער טוט מיט אים, און ער, ר׳ זונדל, וועט געפינען מערער חן ביי גראַף פּאָס־לאַווסקי אין די אויגן.

און ר׳ זונדל האָט אָפּגעהיט אינדערפרי די געזעצטע צייט, ווען דער גראַף קוקט איבער ביי זיך אין יאַגד־הויז די ביקסן, מיט וועלכע ער גייט אויף „פּאָלעוואַניע״, און איז אַריין צו דער טאָכטער אין צימער צו פרעגן ביי איר וואָס פאַר אַ מתנה עס וועט איר וווילגעפעלן.

ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער טיר פון דעם גרויסן זאַל און ציטעריק געקוקט אויף די בילדער וואָס זענען אויסגעהאנגען אויף די ווענט. פאַר זיינע אויגן האָבן געשווינדלט בילדער פון גאָטס מוטער, וואָס האָבן אַנטבלויזט די נאַקעטקייט פון איר קערפּער; געמעלן פון גאָטס זון, וואָס האָבן פאַרצויגן מיט דעם טרויער פון זיינע ליידן די שטילקייט פון פרימאָרגן; עס האָבן זיך גערייצט מיט אים פּאָטאָגראַפיעס פון ריטער,

וואָס האָבן מיט גאווה אַרויסגעשפּאַרט זייער גבורה פון די אויגן; און ר׳ זונדל האָט קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדן.

דעם גראַפס טאָכטער האָט נישט געוואַרט ביז ר׳ זונדל וועט זיך דערנעענטערן צו איר, נאָר זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם ווייכן דיוואַן, אויף וועלכן זי איז געלעגן אויסגעצויגן אין איר דורכזיכטיק פּרימאָרגן־קלייד, האָט אָנגעטון אויף די אַקסלען דעם לאַנגן זיידענעם טוך, איז צו־געגאַנגען צו ר׳ זונדלען און אַ שמייכל געטון:

— איך בין צופרידן, וואָס איר זענט נאָך נישט אַוועקגעפאָרן.

— און איך בין צופרידן אייך צו זען, — האָט ר׳ זונדל שטיל אויס־געאָטעמט ווי מען אַנטפּלעקט אַ סוד, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געוואָלט טיפער אַרײַנקוקן דעם גראַפס טאָכטער אין פּנים אַרײַן, נאָר זיין באָרד האָט זיך אויסגעצויגן אַפריער פון אים און אָנגערירט דעם זיידענעם טוך, וואָס האָט זיך אַראָפּגערוקט פון אירע אַקסלען. ער האָט דערזען ווי איר ווייסער האַלדז אַנטבלויזט זיך טיף, טיפער אין קלייד אַרײַן און ער האָט אָפּגעטראָטן אַ טראָט.

דעם גראַפס טאָכטער האָט נישט געזען ווי דער זיידענער טוך גליטשט זיך אַראָפּ פון אירע אַקסלען און ציט זיך אויס נעבן אירע פיס לענגער פון איר קלייד, ווייל זי האָט זיך איינגעקוקט אויף ר׳ זונדלען, אויף זיין הויכן שטערן, אויף זיינע שוואַרצע אויגן, און זי האָט שטיל אויסגערעדט:

— אַ באָרד ביי יידן איז שענער ווי די פּאַרריסענע וואָנצעס ביי די גראַפן. — און אין דער רגע, ווען ר׳ זונדלס פאַרבאָרגענישן האָבן מיט אַ נעפּל פאַרצויגן זיינע אויגן, האָט דער שטן מקטרג אָפּגעטון פון אים זיין זכרון, און געמאַכט אים פאַרגעסן אַז אַ ייד טראָגט אויך פּאות פאַר אַ שמירה. און ר׳ זונדל האָט אויפגעהויבן זיין האַנט און אויסגעצויגן צו דעם גראַפס טאָכטערס נאַקעטע אַקסלען.

אין דרויסן האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ שאָס, דער גראַף האָט אויסגעשאָסן פון אַ ביקס; ר׳ זונדל האָט אַ ציטער געטון; זיינע הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט שווערע, פאַרשעמטע, און ער האָט אַרויסגע־שפּרייזט אַ צעטומלטער פון זאַל.

דער באַגער צו ברענגען אַ געשאַנק דעם גראַפס טאָכטער האָט אָבער נישט געלאָזט רוען ר׳ זונדלען נאָכדעם ווי ער איז אַוועקגעפאָרן פון פּאַ־

לאַץ. ער האָט געטראַכט פון דעם גראַפּס טאָכטער ווען ער איז געווען אויף זיינע ווייטע נסיעות, און ער האָט געזוכט פאַר איר די מתנה דער־מאָלט, ווען ער איז געפאָרן אויף די יאַרידן.

עס האָבן זיך אָבער געצויגן פּאַמעלעך די וואָכן, עס זענען געקראָכן שווער און געדיכט די חדשים און ר׳ זונדלען איז נישט געקומען אַנטקעגן קיין געשאַנק, וואָס זאָל וויל־געפעלן ווערן דעם גראַפּס טאָכטער.

נאָר איינמאָל, אין אַן אָסיענדיקן טאָג, ווען דער יום־טוב פון די סוכות־טעג האָט נאָך גערוט אויף די בגדים וואָס ר׳ זונדל האָט געטראָגן אויף זיך, האָט ער דערזען אויף אַ יאַריד ווי אַ בעטלער שפּילט אויף זיין באַנדורע האַרט ביים קלויסטער; און לעבן בעטלער ליגן אויסגעשפּרייט אויפן לייוונט דריי גאָלדשטיקן, וואָס ער האָט געפונען ערגעץ אויף די וועגן. די דריי גאָלדשטיק האָבן אויסגעזען ווי אַלטע פּאַרצייטיקע גרויסע מטבעות און זיי האָבן אַ בליץ געטון ר׳ זונדלען אין די אויגן מיט זייער גאָלדענער שיין. ער האָט פאַרגעסן אַז אַ ייד טאָר זיך נישט דערנענ־טערן מיט זיינע טריט צו די טויערן פון דער טומאה; ער האָט אַראָפּגע־נומען דאָס היטל פון קאָפּ און זיך אָוועקגעאיילט צו די שטיינער ביים אַריינגאַנג אין קלויסטער. אים האָט נישט געאַרט, וואָס פאַר זיינע אויגן בלישטשען די אָנגעצונדענע ליכט פון די הענג־לייכטער און באַלייכטן די געטשן אויף די ווענט און אויף די געשטעלן פון קלויסטער, און ער האָט זיך נישט געשראָקן, וואָס זיינע נאָזלעכער שמעקן דעם ווייררויך, וואָס די מאָנאַכן רויכערן פאַר זייער גאָט; זיינע ליפּן האָבן נישט איבערגעחזרט: „שקץ תשקצנו", נייערט ער האָט געפרעגט ביי דעם בעטלער, צי ער וועט אים פאַרקויפן די גאָלדשטיק, ווייל זיין שאַרפער בליק האָט דערקענט אויף די אַלטע מטבעות דעם האַמער פון געניטן גאָלדשמיד, וואָס האָט אויס־געהאַמערט דאָס גאָלד, און דערזען די האַנט פון גרויסן מייסטער, וואָס האָט אויסגעקריצט די געמאָלן אויפן גראַוויר. האָט ער זיך נישט געדונ־גען וועגן מקח נאָר אַרויסגענומען אַ הויפן אַסיגנאַציעס, אָוועקגעלייגט דאָס געלט לעבן בעטלער, צוגענומען די דריי גאָלדשטיק און באַהאַלטן זיי אין בוזעם־קעשענע איבערן טלית־קטן.

ר׳זונדל האָט שוין מער נישט געקענט האַנדלען אויפן יאַריד. ער האָט געטראַכט אַז ער דאַרף גלייך פאָרן צום גראַף אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט אויפן וואַלד, און ער איז אָוועקגעפאָרן אַהיים.

אין דער היים האָט זיך דאָס ווייב געחידושט, פאַרוואָס איר מאַן האָט איבערגעלאָזט דעם יאַריד און איז געקומען אַזוי שנעל אַהיים; זי האָט גע־זאָרגט, אפשר האָט מען אים אָפּגענאַרט מיט אַ קניה, צי עס איז ח״ו עפּעס אַנדערש נישט געשען. האָט זי באַהאַלטענערהייט געפאָרשט ביי זונדלען:

— האָט מען שוין ביי פאַן מיקולסקי אין הויף אַראָפּגענומען די אָקסן פון בראַהע? ווו האָסטו געהאַלטן דאָס געלט? — און זי האָט ציטערנדיק אַ זיפץ געטון, — ביסטו ח״ו נישט קראַנק געוואָרן אויפן וועג?

ר' זונדל האָט איינגערעדט זיין ווייב, אַז צוליב די מסחרים אויף דעם יאַריד קען ער נישט איינשטעלן זיין גאַנצן פאַרמעגן, און דערציילט איר מיט גוטן, ווייך און שטיל, ווי מען פאַרטרויט אַ סוד, אַז גראַף פּאָס־לאַווסקי האָט אַרויסגעשיקט אַ רייטער אויפן יאַריד און אָנגעזאָגט זונד־לען, אַז ער מוז גלייך קומען צו אים אין הויף אונטערשרייבן דעם קאָנ־טראַקט אויפן וואַלד, ווייל דער פּריץ איילט זיך אַוועקפאָרן מיט זיין טאָכ־טער קיין פאַריז צו אַ גרויסן יום־טוב.

און די נסיעה האָט געזאָגט ר' זונדלען און די דריי גאָלדשטיק האָבן אים נישט געלאָזט רוען; ער איז אַריין אין זיין באַזונדער חדר, ווו ער האַלט באַהאַלטן זיינע טייערע ווערט־פּאַפּירן און פירט די גרויסע חשבו־נות, און פאַרשלאָסן די טיר הינטער זיך. ער האָט אַרויסגענומען פון קע־שענע די דריי גאָלדשטיק און זיך איינגעקוקט ווי זיי שיינען אים אין די אויגן מיט זייער גאָלדענעם ליכט.

ער האָט נישט געזאָרגט וועגן די עסקים וואָס שטייען נאָך אין הויף און נישט געטראַכט וועגן די באַפעלן וואָס ער דאַרף איבערלאָזן פאַר זיי־נע מענטשן, נאָר ער האָט אַריינגערופן דעם קוטשער און געהייסן אים איינשפּאַנען די פיר שוואַרצע פערד נאָשפּיץ אין דעם גרויסן פאַיעטאָן און זיך צוגרייטן צו דער ווייטער רייזע, צום גראַף פּאָסלאַווסקי אין הויף אַריין.

ר' זונדל האָט אָבער אויך נישט פאַרגעסן פאַרבעטן צו זיך אין חדר דעם מלמד, וואָס האָט געלערנט מיט זיינע צוויי יינגלעך, אָט אַזוי ווי ער האָט זיך אַלע מאָל געפירט, ווען ער איז אַרויסגעפאָרן אויף אַ ווייטער נסיעה, און ער האָט געזאָגט צו אים אַזוי צו זאָגן:

— רבי, די געשעפטן טרוי איך אָן מיינע מענטשן; די שטוב אָבער

מיט די קינדער ענטפער איך איבער אין אייערע הענט; איר דאַרפט מיט זיי לערנען תורה און מדריך זיין זיי, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן גאָטס וועגן. איך פאָר אַוועק צו גראַף פּאָסלאַווסקי מיט אַ גרויסן, גאָר גרויסן געשעפט; דער גראַף איז בייז און האָנאָראָווע; הלוואי זאָל דער אויבערשטער מצליח זיין מיין נסיעה.

ר׳ זונדל האָט עס געזאָגט שטיל, גלייך ווי ער וואָלט עפּעס געבעטן, נאָר דעם רבין האָט זיך געדוכט, אַז זיין באַלעבאָס האָט קיינמאָל נישט גערעדט צו אים אַזוי שאַרף מיט באַפעל ווי איצטער. האָט ער איינגעבויגן דעם קאָפּ, זיך אָנגעשפּאַרט אויפן טיש, און נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן.

ר׳ זונדל האָט זיך אָפּגעקערט פון דעם מלמד, זיך פאַרטיפט אין זיינע פּאַפּירן, און נישט געהערט צי דער רבי האָט אים עפּעס געענטפערט. דער מלמד האָט שטיל איבערגעחזרט: „פאָרט געזונטערהייט״. זיך אַרויסגערוקט פאַמעלעך פון קאַמער און איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין חדר לערנען מיט די יינגלעך.

ר׳ זונדל האָט אָנגעטון די נייע בגדים, אויסגעפּוצט אויפן קאָפּ זיין היטל, און אים האָט זיך פאַרוואָלט אַ קוק טון אין שפּיגל, זען ווי זעט ער אויס אין דעם נייעם מלבוש: און אַז ער האָט דערזען אין שפּיגל ווי די פרייד שיינט אַרויס פון זיין פנים, האָט זיך אים פאַרגלוסט נאָך אַמאָל אַ קוק טון אויף די דריי גאָלדשטיק, וואָס ער פירט אַ מתנה צום גראַפס טאָכטער.

ערשט אַ שרעק, אַ פחד באַפאַלט אים: אין קעשענע ליגן בלויז צוויי גאָלדשטיק; ער זוכט אויפן טיש, ער טאַפּט אין בגד — דאָס דריטע גאָלדשטיק איז נישטאָ! אָט־אָ זענען געווען אַלע דריי גאָלדשטיק און געלויכטן מיט דער שיין פון דעם גינגאָלד, און אָט־אָ ליגן בלויז צוויי, און זייער ליכט פאַרציט זיך מיטן וואָלקן פון זיינע אויגן:

— ווי אַזוי קען ער ברענגען בלויז צוויי שטיק אַ מתנה? דער גראַף וועט טראַכטן אַז זיין האַרץ קאַרגט דעם געשאַנק וואָס די הענט טראָגן צו.

זוכט ר׳ זונדל נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל דאָס דריטע גאָלדשטיק, נאָר דאָס גאָלדשטיק איז נישטאָ, ווי אין וואַסער אַריין...

און אין די אָפּגעשלאָסענע פיר ווענט פון זיין פאַרמאַכטן חדר קריכט

אַרום דער שטן, אויסגעצויגן און ווייך, שפּרייט מיט זיינע פאַלשע טריט. צער און טרויער און גנבעט אַריין דעם חשד אין ר׳ זונדלס רעיונות, אַז מיט אים אין חדר איז בלויז געווען דער מלמד. ווען דער רבי איז געזעסן אָט דאָ ביי דעם טיש, האָט ער געהאַט אַלע דריי גאָלדשטיק, און איצטער פעלט אים דאָס דריטע שטיק, דאָס שענסטע פון די דריי גאָלדשטיק. מסתמא האָט דער רבי נישט געקענט ביישטיין דעם יצר הרע וואָס פאַרפירט דעם מענטשן אויף קרומע פינצטערע וועגן, און ער האָט צוגענומען דאָס דריטע גאָלדשטיק, דאָס שענסטע שטיק פון דער מתנה.

און די פאַרבאָרגענע לוסט וואָס האָט פאַרפירט ר׳ זונדלען ביז דעם טויער פון דער טומאה אין קלויסטער נאָך די גאָלדשטיק, האָט אים איצטער אויך אַריינגענאַרט צום מלמד אין חדר.

דער רבי איז געזעסן ביים טיש און געלערנט מיט ר׳ זונדלס צוויי יינגלעך די סדרה לך־לך, און ער האָט גאָרנישט געזען ווי דער באַלעבאָס איז אַריין צו אים אין קאַמער.

ר׳ זונדל האָט אויסגעשמידט הארט זיין האַרץ און געזאָגט שאַרף ווי מען טראָגט אַרויס אַ שווערן פּסק דין:

— רבי, איך רוף אייך גלייך אַריינגיין צוזאַמען מיט מיר, צו מיר אין חדר אַריין!

ביי זיך אין חדר האָט ר׳ זונדל שוין נישט געקענט פאַרבאָרגן זיין צער: ער האָט נישט געשריגן, נישט געמאָנט, נאָר זיך געבעטן:

— די דריי גאָלדשטיק איז נישט פאַר מיר, נישט פאַר מיין ווייב, נאָר פאַרן גראַף. דו זעסט מיין פאַרמעגן; די הייף, די ברויזן, די וועלדער; אָט די גאַנצע עשירות מיטן כבוד האַלט זיך אויף דער גנאָד פון דעם גראַף; דאַרף איך ברענגען די מתנה פאַר זיין טאָכטער, כדי איך זאָל געפינען חן אין זיינע אויגן.

דער רבי האָט זיך נישט געקענט פאַרענטפערן פאַר ר׳ זונדלען, ווייל זיין צער איז געווען שווער און גרויס; ער האָט זיך געשעמט קוקן אים אין פּנים אַריין. האָט ער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און זיך פונאַנדערגעוויינט.

האָט ר׳ זונדל אַ ציטער געטון: ר׳ יהודה דער ראש ישיבה האָט אויסגעקליבן דעם בעסטן בחור און געשיקט צו אים לערנען מיט זיינע קינדער תורה; ער האָט אַ קוק געטון ווי ביי דעם יונגן בחורל פאַרציען

זיך אומעטיק און ווייך די שפּראָצן פון דער באָרד אויף די בלאַסע באַקן. האָט ער אַרויפגעלייגט די האַנט דעם רבין אויפן אַקסל און אַ טיפן קרעכץ געטון:

— איך וועל דיך נישט מבייש זיין פאַר דער וועלט; גיי זעץ זיך לערנען מיט די קינדער... — און אַליין האָט ער געטראַכט, אַז ער מוז די נסיעה נישט אָפּלייגן.

און ר׳ זונדל איז אַרויס פון קאָמער אין שטוב זיך זעגענען מיט ד׳עם ווייב איידער ער פאָרט אַוועק אויף זיין ווייטער רייזע.

אַז פייגע, זיין ווייב, האָט אַ קוק געטון אויף איר מאַן און דערזען דעם פחד וואָס ציטערט אין זיינע אויגן, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז ער איז געקומען פאַר דער צייט פון יאַריד און זי האָט זיך אָנגעהויבן בעטן ביי אים: — זאָג מיר, זונדל, וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? איז ח״ו עפּעס געשען?

ר׳ זונדל האָט געטאָפּט אומרואיק זיין באָרד און קוים אויסגערעדט:

— אַז מען פאָרט אָפּשליסן אַזאַ גרויסן געשעפט, טראָגן די רעיר־נות. גאָט ווייס פאַרוואָס דער גראַף יאָגט זיך אַזוי מיט דעם קאָנטראַקט... — און ער האָט זיך געוואָלט אָפּקערן פון זיין ווייב.

פייגע איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן פון איר מאַן, זי האָט אויסגע־צויגן איר האַנט און געוואָלט אויסגלייכן זיין היטל, אָפּווישן דעם שווייס פון זיין שטערן, נאָר איר האָט זיך געדוכט, אַז איצטער וועט זי נישט דערלאַנגען צו זיין קאָפּ. פייגע איז געווען אַ נידעריקע, אַ קליינע מיט אַ קיילעכדיקן פּנים און אויסגעקיילעכדיקטן גוף. אַלע מאָל ווען פייגע איז געשטאַנען לעבן איר מאַן און געקוקט אויף אים מיט אירע שוואַרצע גוטע אויגן האָט זי געזען, אַז זי גלייכט זיך אויס מיט אים, און אירע אַקסלען דערלאַנגען צו זיין באָרד; איצטער, אָבער, האָט ער זיך אויסגעצויגן אַזוי הויך און גלייך, אַז פייגע האָט געציטערט זי זאָל נישט איינגיין אונטער דעם מאַנס אָרעם, האָט זי נישט אויסגעצויגן איר האַנט צו זיין קאָפּ, נייערט זיך איינגעבויגן נידעריקער, אַרומגעטאָפּט זיין בגד און געגלעט זיין לאַנגן קאַפּטאַן.

— זע ווי די בגדים זענען ביי דיר צעקנייטשט — האָט זי געפּרוווט איר מאַן באַרואיקן און אויפוועקן אין אים דעם בטחון, און זי האָט גע־רוקט בלינד אירע פינגער אין זיינע קעשענעס.

— און אָט־אָ איז ביי דיר אַ לעכעלע אין קעשענע... האָט זי אויפגע־הויבן דעם קאָפּ און אַ שמייכל געטון.

— אַ לאָך אין קעשענע, — האָט ר׳ זונדל אַ ציטער געטון.

— יאָ, אַ לאָך, — האָט פייגע געלאָסן געענטפערט — און אָט ליגט דאָרטן עפּעס, אַ האַרטע זאַך, אַ שטיינדל. פאַר ר׳ זונדלען האָט פּלוצלינג אַ שניט געטון אין די אויגן דאָס פייערדיקע ליכט פון דעם דריטן גאָלד־שטיק וואָס זיין ווייב האָט אַרויסגענומען פון דעם ווינקל אין זיין פּאָלע.

ר׳ זונדל האָט זיך געשטאַרקט צו פאַרבאַהאַלטן דעם סוד פון זיין ווייב, האָט ער שטיל געזאָגט, רואיק אויסגעצויגן מיט אַ שמייכל, גלייך ווי ער וואָלט געשפּאַסט:

— און איך האָב גאָר פאַרגעסן...

פייגע האָט געקוקט אויף דער שיינקייט פון דעם גאָלדשטיק, ווי דאָס ליכט פון דעם גינגאָלד ציטערט אין דער אייגענער שיין און קוועלט איבער די אויסגעקריצטע געמעלן, און געטראַכט: „געקויפט אַ מתנה פאַר דעם ווייב, ער זאָל עס איבערשמעלצן אין אוירינגלעך, אָדער איינפאַסן אין איר בראַסליעט״. און זי האָט שוין איצטער פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איר מאַן איז נעבעך צעטראָגן: ער האָט מורא געהאַט, אַז ער האָט פאַר־לוירן איר מתנה. האָט זי אים געטרייסט און באַרואיקט:

— יאָ, יאָ, איך ווייס, דו האָסט פאַרגעסן... און זי האָט געשמייכלט:

— אַ מתנה פאַר דער ווייב היטן אָפּ די מלאכים.

— יאָ, יאָ די גוטע מלאכים — האָט ר׳ זונדל געפּרוווט ווייטער ציען דעם ווייבס רייד אַזוי פרום ווי זי האָט גערעדט. דער פּחד האָט אָבער געשטאָכן פון זיינע אויגן, די רייד זענען געשטאַנען ביי אים אין האַלדז האַרטע, שטיינערנע און אַ וואָרט מיט אַ וואָרט האָט זיך נישט געקענט באַהעפטן. ער האָט געקוקט מיט אָפענע אויגן אויף דער שטוב, נאָר אים האָט זיך געדוכט אַז ער זעט גאָרנישט. ער האָט נישט געקענט פאַרגעסן, אַז ווען ער האָט געקויפט די דריי גאָלדשטיק האָט ער נישט געטראַכט פון זיין ווייב, און ער האָט פאַרבאָרגן פון איר די מתנה: דערפאַר איז ער גע־שטרויכלט געוואָרן און אַ יידיש קינד חושד געווען אין גנבה; ער האָט מבייש געווען דעם רבין וואָס לערנט מיט זיינע קינדער תורה.

האָט ער נישט געקענט איינשטיין אין דער סאַליע, לעבן ווייב. ער האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט, אַריין האַסטיק אין חדר צום רבין, זיך

אַוועקגעשטעלט לעבן טיש און שווער אויסגערעדט:

— רבי, זייט מיר מוחל, איך בעט ביי אייך מחילה...

דער יונגער מלמד האָט נישט געקענט צוזען, ווי ר׳ זונדל דער פּאַ־סעסאַר, דער גרויסער גביר, דער הויכער ייד מיט די ברייטע פּלייצעס שטייט לעבן אים איינגעבויגן, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן און גייט איין אין אייגענעם גוף, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ נידעריק — נידעריקער אויפן טיש. ער האָט אָבער נישט געקענט אָפּענטפערן אים אויף זיין געבעט פון מחילה, וואָרים די חרפה וואָס עס איז אים אָנגעטון געוואָרן, אָט דאָ אין שטוב, האָט פאַרשלאָסן זיין האַרץ און פאַרשטיינערט זיין רחמנות. האָט ער זיך נישט אָפּגעקערט צו ר׳ זונדלען און ווייטער אַרויסגעזונגען זיין אייגענעם ווייטיק פון דער סדרה לך־לך וואָס ער האָט געלערנט מיט די קינדער:

— לך־לך מארצך וממולדתך ומבית אביך... און גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען: גיי אַרויס פון דיין טובה וועגן פון דיין לאַנד און פון דיין געבורט אָרט, פון דיין פאָטערס הויז, פון דיין הויזגעזינד.

— אוי, אוי, — האָט דער רבי אַ קרעכץ געטון, — קינדערלעך, אַז מען דאַרף נעבעך אַוועקגיין פון דער היים און אָנקומען אין דער פרעמד׳, ווערן פון דעם מענטשן געמינערט דריי זאַכן; גאָט ווייסט אַז ווען אַ מענטש איז אונטערוועגנס, ווערט געמינערט דער שם טוב; וואָ־רים איטלעכער מענטש, ווען ער איז אויף זיין אָרט, קען מען אים און מען האַלט אים ערלעך; ווען מען איז אָבער אין וועג, אין אַ ווייטער מדינה, אין אַ פאַרוואָרפן אָרט, אויפן ישוב, מען עסט ביי אַ פרעמדן טיש, קען דעם מענטשן קיינער נישט, און מען האַלט אים נישט אַזוי ערלעך, ווי מען באַדאַרף האַלטן אַ יידן, מען קען אים נאָך ח״ו פאַרשעמען און חושד זיין אין גנבה אָדער אין אַנדערע שלעכטע זאַכן, דאַרום האָט גאָט געזאָגט צו אברהמען: ואברכה מברכיך, ומקללך אאר — דיינע שעלטערס, דער וואָס וועט דיך שעלטן, וועל איך פאַרשעלטן; די וואָס ווען דיך מבייש זיין, וועל איך פאַרשעמען.

טריפט דער ביטערער ווייטיק ביי דעם רבין פון די לעפצן און גיסט זיך איבער אין אַ טיפן ניגון, ווי אין אַ טרייסט: ונברכו בך כל משפחת האדמה — איטלעכער מענטש, אַז ער וועט בענטשן זיין זון, וועט ער זאָגן: דו זאָלסט זיין ווי אברהם.

דעם רבים ברכה קלינגט אָבער אין ר׳ זונדלס אויערן ווי אַ האַרבע

שטראָף, ווי אַ פינצטערע קללה — זיינע זין וועלן זיך נישט קענען בענ־טשן מיט זייער טאָטן, וואָרים דער יצר הרע האָט אים, דעם טאָטן, אָנגע־רעדט, ער זאָל ברענגען אַ מתנה פאַר אַ פרעמדער אישה, ווייל ער טוט גלוסטן צו איר, און ער זאָל אָפּנאַרן זיין אייגן ווייב.

ער האָט געטראַכט, אַז טאָמער וועט פייגע איצטער אַ קוק טון אויף אים, וועט זי דערקענען די פאַלשקייט, וואָס ער וויל פאַרבאָרגן פון זיין פּנים, און ער האָט מורא געהאַט אַריינגיין אין שטוב צו דעם ווייב. ער איז אַרויס מיט שווערע אַנגעלאָדענע טריט, דורך דער הינטערשטער טיר, אין דרויסן.

אין גאַס איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן דער רייכער פאַיעטאָן מיט די שוואַרצע פערד איינגעשפּאַנט נאַשפּיץ, דער קוטשער איז געזעסן אויף זיין הויכער קעלניע, שטייף אויסגעצויגן, און געוואַרט אויפן באַפעל פון דעם פּאַן.

ר׳ זונדלס גרויסע געשעפטן, וואָס זענען פריער געלעגן אין נעפּל, האָבן פלוצלינג אָנגעהויבן ציטערן פאַר זיינע אויגן מיט זיין עשירות, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן גרויסן הויף.

און דער שטן האָט איצטער נישט געפאַכעט מיט זיינע שוואַרצע פליגלען, דער סמאל האָט נישט געשראָקן ר׳ זונדלען מיט די שפּיזן פון זיינע אויגן, נייערט זיך צוגערוקט צו אים נאָענט און זיך געטוליעט וואָ־רים, ווי די תאווה פירט דעם מענטשן צו זינד, און איינגערעדט אים: דו טאָרסט נישט אַריינברענגען דעם גראַף אין גרימצאָרן, ווייל פון די גרוי־סע געשעפטן וואָס דו נעמסט אָן ביי אים, ציען אָרימע יידן זייער חיונה... אַז דו וועסט אַוועקפאָרן פון דער היים, וועסטו נישט זיין נאָענט לעבן דיין ווייב און דיינע רעיונות וועלן בלייבן פאַרבאָרגן פון איר; טאָמער וועט זי זיך דערוויסן פון דיינע מחשבות רעות, וועט איר צער זיין ביטע־רער ווי דיינער, ווייל די פרוי קען נישט צודעקן די חרפּה וואָס דער מאַן טוט איר אָן, און זי קען נאָך ח״ו אויסגיין אין איר טרויעריקייט.

דער זכות אָבער פון צדקה, וואָס ר׳ זונדל האָט געגעבן בסתר, און די גמילות חסדים, וואָס ער האָט געטון מיט די יידן פון ישוב, איז אים בייגעשטאַנען, און דער גוטער מלאך, דער יצר טוב, איז אויך נישט אָפּ־געטראָטן פון אים. ער האָט נישט געלאָזט דעם שטן פאַרשליסן מיט זיי־נע גוטע רייד ר׳ זונדלס צער — דעם קוואַל וואָס רייניקט די כוונות פון

דעם מענטשן — און בייז געמאָנט: דו פאָרסט נישט צום גראַף צוליב דיינע געשעפטן, נייערט דער באַגער צו דעם גראַפס טאָכטער ציט דיך אַהין... און געשטראָפט אים שאַרף: אויב דו וועסט מיט דיין פאַלשקייט באַהאַלטן די מחשבות פון דיין ווייב, וועלן די רייד פון חשד וואָס דו האָסט געדעדט צום כשרן מלמד, אַנטפּלעקן דיינע זינדיקע רעיונות פאַר דער וועלט!...

ציט דער שטן ר׳ זונדלען צום פּאַיעטאָן און דער יצר טוב קערט אים אום צוריק: ר׳ זונדל הייבט אויף אַ פוס און בלייבט שטיין אין מיטן טראָט. ער קוקט אויף זיין גרויסער צעשפּרייטער שטוב און אים איז ענג אַריינגיין אינעווייניק. שטייט ער אָנגעשפּאַרט אויף דער וואַנט פון זיין הויז און ווייס נישט ווהין זיך צו קערן און ווענדן. זיין גאַנצער פאַר־מעגן איז פּלוצלינג אָפּגעשניטן געוואָרן פון אים, עס האָבן זיך בלויז אויסגעקאָרבט די טריט וואָס ער האָט געהיט אונטער זיינע פיס און זיין בליק האָט נאָר געקוקט אויפן קליינעם שטיבעלע מיט דעם אַראָפּגעלאָזע־נעם דאַך, ווו דוד דער מילנער האַלט זיינע געצייג און טוט איבער די מלבושים — אַט דאָרטן דאַרף ער זיך פאַרשליסן, — האָט ר׳ זונדל גע־טראַכט, קיין מענטשלעך אויג זאָל אים נישט זען, כדי ער זאָל קענען קלאָגן אויף די זינד וואָס ער האָט געזינדיקט.

ר׳ זונדל האָט זיך נישט אַריינגעזעצט אין דעם פּאַיעטאָן פאָרן צו גראַף פּאַסלאַווסקי אין פּאַלאַץ, נאָר ער איז אַוועקגעגאַנגען אין דעם קליי־נעם שטיבעלע, וואָס איז געשטאַנען אַן איינגעבויגנס אין ווינקל פון הויף לעבן דעם שטאַל פון די בהמות.

אַז ער איז אַריין אין דוד מילנערס שטיבעלע, האָט אים דער גרויער אומעט פון די ווענט אַרומגענומען ווי די טרייסט פון אַ וואַרעמער האַנט.

דער גלאַנץ פון די אויסגעפּוצטע נייע מלבושים וואָס ר׳ זונדל האָט געטראָגן אויף זיך האָט זיך אָבער געררייצט מיט דער כמורנעקייט פון די פאַרצויגענע פענצטער און נישט געלאָזן אים איינרוען. אַט דאָ אין קע־שענע, איבערן טלית־קטן, האָט ער באַהאַלטן די דריי גאָלדשטיק. און די עוונות זענען געקראָכן איבער זיין לייב ווי ווערעם. די לאַנגע גילדערנע האָר פון גראַף פּאַסלאַווסקיס טאָכטער האָבן אויפגעציטערט פאַר זיינע אויגן, אַט אַזוי ווי ער האָט זיך איינגעקוקט אויף זיי, ווען זי איז גע־שטאַנען לעבן אים אין דעם גרויסן זאַל, אין דעם שאָטן פון די הייליקע

בילדער, און די וואַרעמקייט פון אירע הענט האָט געקוועלט אין זיינע פינגער.

האָט שוין ר׳ זונדל פאַרשטאַנען אַז די סכנה איז גרויס, די געפאַר לויערט נאָענט לעבן אים און ער ווייס נישט צו ווען ער זאָל זיך קערן נאָך זיין הילף.

און ר׳ זונדל, דער גרויסער גביר, דער קלוגער חכם, ביי ווען אַ וועלט קומט פרעגן אַן עצה, אויף ווען די יידן פון ישוב פאַרלאָזן זיך מיט זייערע טענות, — האָט איצטער נישט געקענט ענטפערן זיך אַליין אין זיין גרויסן צער.

האָט ער געטראַכט, אַז ער אַליין דאַרף אַראָפּלאָזן פון זיך זיין שטאָלץ, איינבויגן דעם רוקן נידעריקער ווי דער אָרימער קרעטשמער ביי ווען דער פּריץ נעמט צו די אַרענדע, און אָנקומען צו עמיצן נאָך אַן עצה. ער מוז פאָרן צו דעם רב קיין סלאָנים, ווייל זיין אומגליק איז גרעסער ווי אַ דין תורה פון דיני ממונות, אפשר וועט זיך דער צדיק דערבאַרעמען אויף אים און ווייזן דעם וועג, ווי אַזוי ער קען רייניקן זיין האַרץ פון די זינד.

ב

אין סלאָנים איז דער מרא דאתרא געווען ר׳ אייזעלע חריף, דער גאון מיט וועמען די וועלט האָט געקלונגען. און אַז ר׳ זונדל איז געקומען צו פאָרן אין זיין רייכער קאָטש, די פערד איינגעשפּאַנט נאָשפּיץ, קיין סלאָנים, און זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם רב אָפּגעבן אים שלום, האָט ער נישט געוווסט צי דער גרויסער יום־טוב וואָס זיינע אויגן זעען, שפּרייט זיך אויס פון זיינע מלבושים, פון זיין זיכערן געשטעל און גרויסע געשעפטן, אָדער די פרייד שטראַלט אַרויס פון ר׳ אייזעלעס חריפות, פון זיינער אַ תנועה אין לערנען, פון אַ קלוגן משל, מיט וועלכן דער גאון איז מבטל די אָנגעבלאָזענע למדנים, און לאַכט אָפּ פון די פּראָסטע גראָבע יונגען.

ר׳ זונדל איז געזעסן ביי דעם רב אין שטוב צוזאַמען מיט די חשובע באַלעבאַטים פון שטאָט און געהיט מיט יראת הכבוד יעדן וואָרט וואָס ר׳ אייזעלע האָט אַרויסגעבראַכט פון זיין מויל. אָבער צומאָל האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט אַ חלק אין די וועלטן וואָס דער גאון צעשטערט און בויט אויף מיט זיין חריפות אָט דאָ אין חדר, פאַר זיינע אויגן.

נאָר איצטער, אַז ר׳ זונדל איז געזעסן אין דוד מילנערס שטיבעלע, זיך איינגעקוקט אויף די אָפּגעלאָזענע ווענט, האָט ער זיך דערמאָנט אויף די מעשיות וואָס מען דערציילט אויף דער וועלט וועגן ר׳ אייזעלע חריף. ער האָט נישט געקענט פאַרגעסן אויף דעם אַלטן בעל קריאה, וואָס האָט נישט געפונען קיין טרייסט ביי דעם גרויסן צדיק. יענער איז געקומען טענהן: „רבי, איצטער, אויף די עלטערע יאָרן, אַז מיין קול איז שוואַך און הייזעריק, וויל קהל ביי מיר צונעמען די חזקה און אָפּגעבן צו אַ יינגערן". און דער רב האָט געענטפערט מיטן קאַלטן דין: צו חזקה מוז מען האָבן אַ קול, אויב נישט איז די חזקה קיין חזקה נישט.

ר׳ זונדל האָט דאָ, ביי דוד דעם מילנער אין שטיבעלע, דערהערט דאָס געוויין פון דעם בעל־עגלה, וואָס קלאָגט פאַרן רבונו של־עולם, פאַר־וואָס ר׳ אייזעלע חריף האָט געמאַכט פון אים אַ משל אויפן גלות, און ער האָט געזען ווי דער אָרימער בעל־עגלה בעט זיך ביי דעם מרא דאתרא: „רבי, וואָס בין איך שולדיק, אַז איך קען נישט צוזען ווי דאָס פערד מאַ־טערט זיך מיטן משא אונטערן באַרג, און איך האָב געבעטן אייך צוזאַמען מיט די פאַרשוינען אַרויסקריכן פון בויד; פאַרוואָס זאָלט איר אָפּשפּאָטן פון מיר?"

נאָר ר׳ אייזעלע חריף, דער מרא דאתרא פון סלאָנים, שפּאַנט אַרום איבער זיין חדר, זיין בליק איז אָנגעשטרענגט ווייט, ווייט פון זיך, ער ציט אויס מיט זיינע צוויי פינגער די קורצע שפּיציקע באָרד, און עס דוכט זיך אַז די רייד וואָס די אָרימע עלנטע מענטשן רעדן צו אים, מיידן אויס זיין נידעריקן וווקס, און בלייבן ליגן ערגעץ ווייט, ווייט פון זיינע טריט.

טאָ ווי אַזוי וועט דער רב קענען פאַרנעמען דעם צער פון ר׳ זונדלס גרויסן אומגליק?

ר׳ זונדל ווייס אַז טיף, טיפער ווי דער ים איז ר׳ אייזעלעס חריפות, אַזוי טיף, אַז עס נעמט אָן אַן אימה, אַ פּחד; זיינע רייד זענען אָבער שאַרף און קלאָר, ווי די פונקען וואָס דער פראָסט פיילט אָפּ פון שניי און גייען אויס אין דער אייגענער ווייסער קעלט איידער דער אָטעם פון זיין האַרץ וואַרעמט זיי אָן. טאָ ווי אַזוי וועט דער גאון האָבן רחמנות אויף אים און זיין געפאַלנקייט?

„דו ביסט דאָך אָרימער פון די אָרימסטע וואָס ציען זיך מיט זייער געבעט צו דעם אָזשערניצער בחור, און ביסט קלענער פון די קלענסטע

פון וועמען ר׳ אייזעלע לאַכט אָפּ מיט זיינע משלים און שאַרפע וויצן״, האָט ר׳ זונדל אָפּגעקערט דעם בליק פון זיין רייכן אַנטוועכץ, אין וועלכן ער האָט זיך אויסגעפּוצט פאַרן צום גראַף פּאסלאַווסקי און זיך איינגע־קוקט אויף דוד דעם מילנערס אַלטע קליידער, וואָס זענען געהאנגען אויף דער וואַנט איבער דער טיר. און דער יצר טוב האָט אים אַריינגעגעבן אַ רעיון: „פאַרגעס זיך אויף דיין עשירות, טו אָפּ פון זיך דיין גאווה, קלייד זיך אָן אין דוד דעם מילנערס אַלטע קליידער און טו אָן אויף זיך זיין אונטערטעניקייט. וועסטו אויסזען ווי די אומגליקלעכע יידן, די פאַר־גרעבטע ישובניקעס, אָרימע לייט און בעטלער וואָס קומען פון אַלע עקן וועלט צו דעם אָזשערניצער בחור אין קרעטשמע: אפשר וועט דער גאָטס־פאָרכטיקער ייד, וואָס זיצט מיט זיינע געליימטע פיס לעבן דעם דאָרף נעכאָמע, געפינען אַ טרייסט פאַר דיר״.

האָט ר׳ זונדל אַראָפּגענומען דוד דעם מילנערס אַלטע קליידער, אויס־געטון זיינע נייע מלבושים, אָנגעטון אויף זיך די אַלטע קליידער און צוגע־דעקט זיי מיט זיין נייעם קאַפטן.

ער איז אַרויס מיט שווערע טריט אין דרויסן, זיך אַריינגעזעצט אין גרויסן פאַיעטאָן און געזאָגט שטיל צום קוטשער: „פאָר״...

דער טאָג האָט זיך אויסגעלייטערט, דער וועג איז געלעגן אַ לאַנגער, אַן אויסגעצויגענער; דער פאַיעטאָן האָט זיך גרינג געטראָגן, די פערד זענען געלאָפן שנעל, געבלאָזן אין ווינט מיט זייערע נאָזלעכער און איינ־געשלונגען מיט די אויסגעשמידטע טריט דעם ווייטן מהלך.

ר׳ זונדל איז געזעסן אויף זיין ברייטן זיץ און אים האָט זיך גע־דוכט אַז ער דרעמלט, אַ מידער, גלייך ווי ער וואָלט זיך אָפּגערוט נאָך אַ שווערער מחלה.

און אין דער שטילקייט פון טאָג, אין דער מילדקייט פון דער לופט וואָס האָט זיך געטויכט אין דער זון, האָט דער שטן געקראָגן אַ שליטה אויף ר׳ זונדלען, און זיינע געשעפטן האָבן אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון די פאַרבאָרגענישן און איינציקווייז, פּאַמעלעך, ווי פון אַ נעפּל, ווייך זיך אויסגעלייגט אויפן לאַנגן וועג וואָס האָט געפירט צו גראַף פּאסלאַווסקי; ער האָט געזען ווי די גרויסע דעמבעס ליגן אונטערגעהאַקט אין וואַלד, אויסגעבעט אין די ווייכע צווייגן; דאָס וואַסער אין די טייכן איז הויך, און דאָס געהילץ שווימט אין לאַנגע פּליטן. גראַף פּאַסלאַווסקי — ער

אַליין — באַגעגנט אים אין זיין גרויסן שלאָס און וווּנדערט זיך פאַרוואָס ער איז ביז איצטער נישט געקומען; און דאָרטן ווייט אין זאַל זיצט לעבן פענצטער זיין טאָכטער און אירע גילדענע האָר שטראַלן אַרויס איבערן גאַנצן פּאַלאַץ...

און אין זיין שווערער מידקייט האָט ר׳ זונדל אָנגעהויבן רוקן די האַנט אין קעשענע, און געזוכט די מתנה וואָס ער האָט געקויפט פאַר דעם גראַפס טאָכטער.

אַז עס איז אָבער צוגעפאַלן די נאַכט און מען איז אַריינגעפאָרן אין וואַלד; עס האָט זיך פאַרצויגן די פינצטערניש איבערן קאָפּ און די ביי־מער האָבן אָנגעהויבן שוהאַיען מיט די צווייגן, האָט זיך ר׳ זונדל אויפ־געכאַפּט פון זיין דרעמל. דעם גראַפס פּאַלאַץ האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אים אויף אַן אָפּגעהאַקטן באַרג, איבערן אָפּגרונט, און אָט־אָט דער־פירן אים זיינע פערד ביזן סוף, ביזן לעצטן שפּאַן פון ברעג און ער וועט זיך נישט קענען ראַטעווען פון דער גרויסער סכנה.

האָט ער אויסגעטון פון זיך זיין נייעם מלבוש, געבליבן אין דוד דעם מילנערס קליידער, און איז אַרויסגעשפּרונגען פון פאַיעטאָן.

דער קוטשער האָט אין דער פינצטער נישט געזען ווי דער פּאַן האָט אים איבערגעלאָזט אַליין אין פאַיעטאָן און ער האָט אַוועקגעיאָגט די פערד אין דער נאַכט ער זאָל וואָס גיכער אַרויספאָרן פון דעם פּחד פון וואַלד.

דער שטן מקטרג האָט אָבער נישט געקענט רוען וואָס ר׳ זונדל גייט אויף דעם רעכטפאַרטיקן וועג צו דעם אָזשערניצער בחור אין דאָרף נע־כאַמע, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין וועג, אויסגעשפּרייט אַ פּחד אין דער הויך איבער די צווייגן, פאַרשפּאַרט דעם דורכגאַנג צווישן דיביימער און פאַרשאַרט די סטעזשקעס אונטער די קוסטעס.

און די סודות האָבן אָנגעהויבן קריכן פון די פאַרבאָרגענישן פון דער ערד, זיך קנוילן אונטער ר׳ זונדלס טריט און אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אים, אַז אין דער פינצטערניש פון וואַלד וועלן זיינע רעיונות צע־טומלט ווערן, ער וועט פאַרלירן דעם וועג, פאַרבלאָנדזשען און ער קען נאָך ח״ו פאַרצוקט ווערן פון די חיות רעות.

האָט זיך ר׳ זונדל אָנגעהויבן אומקערן צו דעם וועג. ער האָט גע־

טראַכט, אַז זיין קוטשער האָט זיך אוודאי געכאַפּט אַז דער פאַן איז נישטאָ אין קאָטש, שטייט ער און וואַרט אויף אים.

דער יצר טוב האָט אָבער געשטאַרקט ר׳ זונדלען און געצויגן אים טיפער אין וואַלד אַריין.

ער האָט בלינד געפירט זיינע טריט און געהאַלטן קלאָר זיין רעיון: „דער וועג צו דעם אָזשערניצער בחור, צו דעם גרויסן צדיק, וואָס דער־באַרעמט זיך אויף אַלע געפאַלענע, ליגט לינקס, צו דער לינקער האַנט, אויף דער האַנט וואָס מען לייגט תפילין", און ר׳ זונדל האָט געטאַפּט די לינקע האַנט ער זאָל נישט פאַרלירן דעם חשבון פון רעכטס און לינקס.

האָט דער מלאך רע — די סיטרא אחרא — פונאַנדערגעלאָזן די שוואַרצע פליגלען און אַרויסגערופן די שדים פון די היילן, אַראָפּגעריסן די טייוואָלים פון די ווינטן און אָנגעיאָגט אַ שרעק, אַ פחד, אַן אימה אויפן וואַלד, אַז קיין איין בוים האָט נישט גערוט און קיין קול איז נישט געווען שטיל. עס האָבן געברומט די לייבן מיט זייער גבורה און עס האָבן געשריגן די וועלף נאָך זייער רויב; די פייגל האָבן געפּאַטשט מיט זייערע פליגלען און די נישט־גוטע האָבן געטראָגן אַ ווילדן געלעכטער.

ר׳ זונדלס פיס זענען געזונקען אין דעם פחד פון זיינע טריט און זיין רוקן האָט זיך געבויגן אונטערן גרימצאָרן פון וואַלד; ער האָט שוין מער נישט געקענט איבערחזרן די רייד: „דער וועג צו דעם דאָרף נעכאַ־מע ליגט לינקס, צו דער לינקער האַנט, וואָס מען לייגט תפילין", וואָס האָבן אים געטרייסט דעם גאַנצן וועג, און ער האָט זיך געוואָלט אויסציען אויף דער ערד אונטער די שוואַרצע פליגל פון שטן.

נאָר די גרויסע מצווה פון לייגן תפילין אויף דער לינקער האַנט, וואָס ער האָט נישט פאַרגעסן אפילו דעמאָלט, ווען ער איז געווען ביי דעם גראָף פּאסלאַווסקי אין רייכן פּאַלאַץ, איז אים איצטער אין דער לעצטער רגע פון דער גרויסער סכנה בייגעשטאַנען, און ער האָט זיך דערמאָנט אַז דער וועג צו דעם דאָרף נעכאַמע ליגט לינקס; ער האָט אויסגעצויגן די רעכטע האַנט צו דער לינקער און אָנגעטאַפּט דעם טלית און תפילין וואָס ער האָט געהאַלטן אונטערן לינקן אָרעם.

איז דער וואַלד אַנטשוויגן געוואָרן און פון ווייטן האָט זיך דער־הערט דער ניגון פון תהילים, וואָס מען האָט געזאָגט ביי דעם אָזשערני־צער בחור אין קרעטשמע.

ג

דער אָזשערניצער בחור איז געזעסן לעבן דעם דאָרף נעכאַמע — וואָס פירט פון אָזשערניצע קיין סלאָנים — אין דער זעלבער קרעטשמע, וואָס זיינע טאַטע־מאַמע ע״ה האָבן געהאַלטן פון קדמונים אָן די אַרענדע ביי דעם פּריץ. זיינע אבות — די זיידעס און באָבעס — האָבן אונטער דעם זעלבן דאַך אויסגעהאָדעוועט זייערע קינדער אין יידישקייט אויס־געגעבן די טעכטער, און חתונה געמאַכט די זין נאָך זייער שטאַנד און יכולת. זיי זענען געזעסן אין קרעטשמע ביי דעם אַריינפאָר פון דאָרף און געזאָרגט אַז דעם גוי זאָל נישט פעלן קיין קוואָרט בראַנפן אויף אַ חתונה און אַ לוויה, און ער זאָל האָבן זאַלץ אין קרופּניק און אויל אין קאַפּוסטע.

און די גויים זענען געקומען צו דעם יידן אין קרעטשמע, זיך אויס־געזעצט ביי דעם לאַנגן טיש און געגעסן די פּיסנאָיע וואָס דער קרעטש־מער האָט אָנגעקילט אויפן ליעדאָוניע, און געטרונקען דעם בראַנפן וואָס דער ייד האָט געעלטערט אין די גרויסע פעסער אין קעלער.

די גויים זענען געגאַנגען זונטיק אין קלויסטער און געפאָרן פאַר „קייסאַך״ (פסח) זיך מתוודה זיין צום גלח; און דער ייד, להבדיל, האָט געדאַוונט יעדן טאָג ביי זיך אין קרעטשמע און איז געפאָרן אויף ימים נוראים אין שטאָט אַריין. אַז זיי האָבן זיך אָבער פונאַנדערגערעדט וועגן דער זינדיקער וועלט, האָבן זיי געטרייסט איינע די אַנדערע, אַז אַלע מענטשן דינען צו דעם זעלבן גאָט און מיט די שטילע רייד פון די אַלטע לייט איינגעשטילט דעם שרעק פון די עברות, וואָס לויערט איבער יעדן מענטשן — איבער דעם יידן און דעם גוי.

און אַז דער קרעטשמער איז געקומען קיין סלאָנים אויפן מאַרק איינקויפן היטעלעך פאַר די ייִנגלעך אויף יום־טוב, באַשטעלן ווייַן אויף פסח, האָט ער זיך געטוליעט צו דעם גוי פון דאָרף, וואָס האָט געבראַכט אויפן מאַרק דעם חזיר צו פאַרקויפן, די אַלטע קליאַטשע אויסבייטן אויף אַ יונגן אָגער, ווייל דער גוי פון דאָרף און להבדיל דער ייד פון ישוב, האָבן אין דער פרעמד גלייך מורא געהאַט פאַר די יידן פון שטאָט וואָס גייען אַרום מיט פאַרריסענע נעזער, ווינקען זיך איבער פלינק און גנביש מיט די אויגן, לאַכן אָפּ פון די פּראָסטע מענטשן און שאַצן נישט אָפּ זייער שווערע פּראַצע.

און אַז זיי האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון שטאָט, געפאָרן אַהיים, האָט דער גוי געטאַפּט די קאָסע, צי זי איז נישט פון בלעך און דער ייד האָט געהאָלפן דעם גוי אויסרעכענען דעם חשבון צי מען האָט אים נישט אָפּגענאַרט אין רעשעטע. און דער גוי האָט נישט מקנא געווען דעם יידן וואָס ער עסט חלה און שבת, ווייל אַזוי ווערט געשריבן אין די הייליקע שריפטן און דער ייד האָט פאַרגונען דעם גוי די פּרוכט, וואָס ער ציט אַרויס פון דער ערד, ווייל אַזוי האָט גאָט איינגעטיילט די וועלט.

נאָר איינמאָל האָבן די גויים געזען, ווי דער ייד לייזט אין אַ מאַרק טאָג אַ סך געלט — זילבער מינץ און קופּערנע מטבעות — און לייגט דאָס געלט אין טיש־קעסטל; האָט זיך אויפגעוועקט אין זיי עשוס רציחה, און זיי זענען אָנגעפאַלן אין מיטן נאַכט מיט העק און ווילעס אויף דער קרעטשמע און אויסגעהרגעט דאָס גאַנצע געזינד פון אַכט קינדער מיט דעם טאַטן און דער מאַמען, צוגענומען דאָס געלט און צוגערויבט די זילבערנע בעכערס מיט די מעשענע לייכטער, וואָס זענען געווען פאַר־שלאָסן אין אייזערנעם קופערט, און פאַרגראָבן די חפצים ביי זיך אין די שייערס.

פון דער גאַנצער הויזגעזינד איז געבליבן לעבן בלויז איין קינד, אַ ייִנגעלע, ברוכל, וואָס איז נאָך געווען אַן עופעלע, און איז געלעגן אין בעט אונטער דער קאָלדרע, איינגעוויקלט אין די וויקעלעך.

דאָס קינד איז אָפּגעלעגן דריי טעג, ביז מען האָט אויסגעפונען אַז גאָט האָט אים מציל געווען פון די הענט פון די רוצחים.

פאַר דער צייט, וואָס דאָס קינד איז אָבער געלעגן איינגעוויקלט אין די וויקעלעך, זענען ביי אים אָפּגעליימט געוואָרן די פיס און ברוך איז געבליבן אַ קאַליקע אויף זיין גאַנצן לעבן.

די קרובים האָבן נישט פאַרלאָזן דעם קיילעכדיקן יתום, און געצי־טערט איבער דעם מזל, וואָס האָט אים מציל געווען פון די הענט פון די רוצחים. זיי האָבן צו אים געבראַכט די גרעסטע דאָקטוירים, געפירט אים צו זנאַכאַרס און, להבדיל, געטראָגן אויף די הענט צום רבי אין חדר אַריין, ער זאָל נישט בלייבן קיין קאַליקע אויף דעם גאַנצן לעבן און ער זאָל נישט זיין אָפּגעפרעמדט פון גאָטס תורה.

נאָר די גרויסע דאָקטוירים און פאַרשייטע זנאַכאַרעס האָבן נישט געהאָלפן, און דער קיילעכדיקער יתום איז געבליבן געליימט אויף די פיס;

און די גוטע מלמדים האָבן קוים געקענט אויסלערנען ברוכלען דאַוונען און אָפּלערנען אַ פּרשה חומש, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין תשוקה צום לערנען.

אַז ברוך איז אויסגעוואקסן, געוואָרן אַ בר־מצווה בחור, און מען האָט אים אויסגעלערנט לייגן תפילין, האָט ער מער נישט געוואָלט זיין ביי זיי־נע קרובים. ער האָט נישט געלאָזט מען זאָל אים טראָגן אויף די הענט אין חדר אַריין לערנען, נאָר ער האָט באַגערט אַז מען זאָל אים ברענגען צוריק אין דער קרעטשמע, אין דער שטוב, וווּ זיינע טאַטע־מאַמע מיט די זיידעס און באָבעס זענען געזעסן.

די קרעטשמע איז געשטאַנען אַ ברייטע, אַ צעשפּרייטע, אָן אָפּגע־לאָזענע. פון אַלטקייט האָט זיך דער דאַך אַראָפּגעבויגן, די פענצטער האָבן זיך אַראָפּגעזעצט פון די פענצטער־שטיפּטן און אַראָפּגעזונקען צו דער ערד; די טירן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן פון די זאַוויאַסעס און זיך נישט גע־קענט פאַרמאַכן.

ברוך האָט אָבער נישט געלאָזט פאַרריכטן די קרעטשמע און האָט געהיט אַז די שטוב זאָל בלייבן שטיין אָט אַזוי ווי דער טאַטע מיט דער מאַמען ע"ה האָבן איבערגעלאָזט דעם בנין. ער איז געזעסן אין דער גרוי־סער שטוב פון קרעטשמע אויף אַ ליימענעם אָנלען, די געליימטע פיס אויסגעצויגן אויף דער ערד און געזאָגט תהילים מיט געזאַנג, מיט גע־בעט, מיט אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם ניגון.

און דער ניגון האָט זיך איבערגעגאָסן פון איין וואָרט אין דעם אַנ־דערן, און זיך איבערגעאַנדערשט אַזוי ווי דער טייטש פון די ווערטער איז געוווען אַנדערש. זיין קול האָט אַרויסגעשאַלט מיטן לויב פון דוד המלכס למנצח; מיט די ניגונים פון די לוויים וואָס האָבן געזונגען אין בית־המקדש, און געציטערט מיטן געבעט פון די כלי־זמר, וואָס שפּילן אויף די אַכט דינע סטרונעס. דער ניגון האָט געגלעט מיט דער ווייכקייט פון די שפּראָצונגען וואָס וואַקסן ביים פרישן קוואַל וואַסער, און געשראָקן מיטן פּחד פון דעם קריגער וואָס איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט שונאים.

און דאָס געזאַנג האָט זיך געצויגן איבער די וועגן און טראַקטן, אויפגעגאַנגען פון די פעלדער און אויסגעוועבט די מעשיות וועגן דעם אָשערגיצער בחור, וואָס זענען איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל.

די בעל־עגלות האָבן ביינאַכט דערציילט זייערע פאַרשוינען אין די

בוידן וועגן דעם נס וואָס איז געשען מיטן צדיק, ווען ער איז געווען אַ קליין קינד.

און די קאַראַבעלניקעס, די פּוסגייער, וואָס גייען אַרום איבער די דערפער און שטעלן זיך אָפּ אין די קרעטשמעס האָבן געטראָגן איבער דער וועלט די ווונדער, וואָס זיי האָבן געזען ביי דעם גוטן יידן. זיי האָבן דער־ציילט, אַז מען רופט אים „דער אָזשערניצער בחור״, בעווייל ער האָט זיך געהאָדעוועט ביי זיינע קרובים אין אָזשערניצע; זיי האָבן זיך אָבער איבערגענומען אַז ער איז געבוירן געוואָרן אויפן דאָרף דאָרטן, ווו זיי ציען זייער חיות, און ער וויל נישט לעבן אין עשירות און רחבות ביי די קרו־בים, נייערט ער זיצט איינער אַליין מיט די געליימטע פיס, אויפן ישוב אין דער אַלטער קרעטשמע פון נעכאמע, אָט דאָרטן, ווו ס׳רוען זייערע נעכט און פאַרגייען זייערע טעג.

און פון אומעטום, פון דעם גאַנצן געגנט, פון די קרעטשמעס און די דערפער האָט מען זיך געצויגן צו דעם בחור אין קרעטשמע, ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף די פאַרשטויסענע, טרייסטן די אומגליקלעכע און היילן די קראַנקע.

די טירן פון דער קרעטשמע זענען שטענדיק געשטאַנען אָפן פאַר אַ יידן און, להבדיל, פאַר אַ גוי; און דער בחור איז געזעסן ביי זיך אין חדר אויפן נידעריקן אָנלען און פאַרנומען דעם ביטערן צער און ווייטיק, וואָס די מענטשן האָבן געבראַכט צו אים.

מען האָט נישט געזען ווי הויך איז געוואַקסן דער אָזשערניצער בחור, ווייל ער האָט זיך נעבעך נישט געקענט שטעלן אויף זיינע פיס. זיינע אַקסלען האָבן אָבער אַרויסגעקוקט ברייטע, געזונטע; די הענט זע־נען געווען לאַנגע, שווערע; דער קאָפּ — אַ גרויסער, אַ קיילעכדיקער, באַ־וואַקסן געדיכט מיט האָר, און אויף די האָר איז נישט אַרויפגעקומען קיין שער־מעסער; זיין פנים איז געווען אַ לאַנגער מיט אַ שווערער ברייטער נאָז און גראָבע ליפּן; די אויגן גרויסע, קיילעכדיקע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשפּאַרט פון אונטער די ברעמען; נאָר קיין באָרד איז ביי אים נישט געוואַקסן, אויף די באַקן זענען בלויז געלעגן ווייך־צעוואָרפן איינ־ציקע האָר, גלייך ווי זיי וואָלטן נאָך געטראָגן אויף זיך דעם טוי פון זייער שפּראָצונג.

דער אָזשערניצער בחור האָט נישט געקוקט אויף די מענטשן, וואָס

זענען געקומען צו אים; ער האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און פאַרמאַכט די אויגן. נאָר אין דעם קול, וואָס ער האָט געהערט, האָט ער געזען דאָס פּנים פון דעם מענטשן מיט אַלע זיינע תנועות, און דערקענט צי די בקשה קומט פון טיפן האַרצן, מיט אַן ערלעכער כוונה, אָדער מען וויל עמיצן אָפּנאַרן, צי שלעכטס טון.

אַז עס איז געקומען אַ ייד צום אָזשערניצער בחור מיט אַ ריין האַרץ, און געבעטן ביי גאָט פאַר זיך און זיין ווייב מיט די קינדער, זענען די געזיכט־ציגן ביי דעם בחור אויפן פּנים געוואָרן דינער, זיך איינגעצויגן, און זיין בליק האָט אַראָפּגעשיינט מיט גוטסקייט און מילדקייט אויף די רייד, וואָס ער האָט געהערט. און דער אָזשערניצער בחור האָט געטרייסט דעם יידן: „די גויים וועלן דיר באַצאָלן פאַרן בראַנפן איידער זיי וועלן אויסטרינקען; און אַז זיי וועלן זיך אָנשיכורן, וועט זייער גוף ווערן אַזוי שווער, אַז זיי וועלן נישט קענען אויפהייבן קיין האַנט אויף דיין ווייב מיט די קינדער".

„און ביי דעם אַקציזניק, וואָס נעמט אַראָפּ דאָס גלעקל פון פערד, דו זאָלסט נישט הערן ווי ער פאָרט צו צו דיין קרעטשמע, ביי דעם רשע וועט די ראָד אַראָפּפאַלן איידער ער פאָרט אַריין אין דאָרף און דו וועסט זיך דערוויסן ווען ער קומט צופאָרן".

און דעם יידן דעם פאַקטאָר, וואָס האָט נעבעך נישט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן די ראַטעס דעם פּריץ, האָט ער געטרייסט אַז די בהמות וועלן זיך קעלבן אין צייט, זיי וועלן געבן גענוג מילך, און „דו וועסט האָבן מיט וואָס צו צאָלן דיינע צינזן".

נאָר איין מאָל איז געקומען צו דעם אָזשערניצער בחור אַ יידענע אַן עקרה, וואָס האָט שוין צען יאָר קיין קינדער נישט געהאַט, און געוויינט:

— רבי, איך בין געווען ביים סלאָנימער רב, האָט ער געזאָגט: „מען מוז זיך גטן — דין איז דין", איך בין אָבער צוגעבונדן צום מאַן, און ווי וועט דער מאַן אויסקומען אָן מיר?...

דער צדיק איז געזעסן די אויגן פאַרמאַכט, און געהערט איר קול. ער האָט אָבער נישט געזען איר פּנים, זענען זיינע געזיכט־ציגן געוואָרן גרעבער און שווערער; ער האָט ברייט אויפגעעפנט זיינע אויגן און שאַרף אַ קוק געטון אויף דער יידענע.

איז דער יידענע באַפאַלן אַזאַ מורא, אַז זי האָט זיך פונאַנדערגע־וויינט מיט ביטערע טרערן:

— רבי, איך האָב געזינדיקט... — און זי האָט דערציילט דעם רבין, אַז גלייך נאָך דער חתונה, ווען זיי האָבן גענומען דעם פּאַקט, פלעגט דער עקאָנאָם קומען צו איר אין שטוב אַריין דעמאָלט, ווען דער מאַן איז אַוועק־געפאָרן אין שטאָט מיט דער מילך, און טאָמער האָט זי געוואָלט אים אַרויסטרייבן, האָט ער געסטראַשעט, אַז ער וועט פאַרמסרן דעם פּריץ אויפן מאַן און מען וועט צונעמען ביי זיי דאָס שטיקל ברויט. — טאָ וואָס האָב איך געקענט טון?... — און די יידענע האָט נישט געקענט איינ־האַלטן איר געוויין.

האָט דער בחור פאַרמאַכט די אויגן, געטרייסט די יידישע טאָכטער און גערעדט צו איר ווייכע רייד:

— פאַר אַהיים, קוק זיך נישט איין אויף די גויים, הער זיך נישט איין צו די פּראָסטע רייד וואָס זיי רעדן, באַהאַלט נישט דיין אונטער־טעניקייט פון דיין מאַן כדי ער זאָל זען דיין געטרייקייט, וועט זיך דער אויבערשטער אויף אייך ביידן מרחם זיין.

און די יידן אויפן ישוב זענען געזעסן רואיק אין זייערע קרעטשמעס און דערפער און נישט מורא געהאַט פאַר די עקאָנאָמס פון די הויפן און נישט געציטערט פאַר דער יוכע וואָס שפּילט זיך פונאַנדער ביי די גויים אין די קליינע אייגעלעך, ווען זיי שיכורן זיך אָן.

זיי האָבן געוווּסט אַז אין דער קרעטשמע, אויפן אָזשערניצער טראַקט, לעבן דאָרף נעכאַמע, זיצט דער אָזשערניצער בחור — דער גאָטספאַרכטי־קער ייד, מיט זיינע געליימטע פיס, ער זאָגט תהילים און בעט דעם רבו־נו של עולם ער זאָל אויסהיטן די יידן פון די הענט פון די רוצחים.

און אַז אַ גוי האָט אויפגעהויבן אַ האַנט אויף אַ יידן, אָדער אַן עקאָ־נאָם פון הויף האָט געוואָלט טון שלעכטס דעם פאַקטאָר, האָט זיך דער ייד נישט געשראָקן נאָר אַרויסגעשריגן זיין ווייטיק:

„איך וועל גיין צום ראָבין ער זאָל שעלטן!"

און די גויים פון די דערפער האָבן געוווּסט, אַז וועמען דער ראָבין בענטשט, איז געבענטשט און וועמען ער שילט, ווערט ער פאַר־שאָלטן. האָבן זיי זיך געשראָקן פאַר די יידן און געציטערט אָנטון זיי נגי־שות.

פאַרקערט, אַז ביי אַ גויע האָט זיך נישט געהאַדעוועט קיין קינ־דער, אָדער דעם מאַנס ברידער האָבן ביי אַן אלמנה געוואָלט אַוועקרויבן איר חלק ערד, וואָס איז געבליבן פון מאַן, „ניעבאָשטשיק״, האָט זי אויפ־געקליבן די פרישע אייער וואָס די הינער האָבן געלייגט, אַריינגעלייגט זיי אין אַ קאָשעקל, צוגעדעקט מיט אַ ריינעם האַנטיכל, און איז אַוועקגע־גאַנגען צום ראַבין אירע שוואָגערס זאָלן זיך דערשרעקן און זיי זאָלן נישט צונעמען ביי אירע קינדער דעם שפּאַן ערד.

דער אָזשערניצער בחור האָט אויסגעהערט דאָס געבעט פון דער גויע און אַוועקגעשיקט זי מיט אַ גוט וואָרט אַהיים, זי זאָל נישט מורא האָבן גיין צום „מיראָוואָי סודיאַ״ — גאָט וועט פירן געדעכט איר משפט.

דער צדיק האָט אָבער נישט צוגענומען די מתנות, וואָס די גויעס מיט די גויים האָבן געבראַכט צום ראַבין און ער האָט זיי געלערנט, אַז זיי זאָלן די געשאַנקען אַוועקגעבן אָרימע לייט.

האָבן די גויים מיט די גויעס איבערגעלאָזט זייערע מתנות: די אייער, מיטן לייוונט און קערנער, אין דרויסן לעבן דער קרעטשמע פון אָזשערני־צער בחור, און די יידן, להבדיל, האָבן געבראַכט דעם לחם פאַר די עניים צו דעם שוועל פון זיין טיר פאַר די אָרימע לייט און בעטלער, וואָס ציען זיך איבערן וועג פון דאָרף צו דאָרף.

און די אָרימע לייט פון דער וועלט, וואָס פאָרן מיט זייערע משפחות אין בוידן, און די בעטלער וואָס גייען אַרום צופוס מיט זייערע טאָרבעס אויפן פּלייצע, זענען פון אומעטום געקומען צו דער קרעטשמע פון אָזשער־ניצער בחור.

זיי האָבן זיך איינגעהערט ווי דער צדיק זינגט דאָס געזאַנג פון תהי־לים, און פאַרנומען אין דעם ניגון דעם טייטש פון די הייליקע רייד: זיי האָבן געזונגען צוזאַמען מיט אים זיין געזאַנג, און געגעסן דאָס ברויט וואָס איז געווען צוגעגרייט פאַר זיי ביי דער טיר פון קרעטשמע.

די אָרימע לייט האָבן געבראַכט צו דעם צדיק אין דאָרף נעכאַמע די מעשיות, וואָס זיי האָבן געהערט אויף זייערע ווייטע וועגן און שטעגן פון וואָגלען און נויט און אויסגעמישט זייערע רייד מיט די ניסים און וווּנדער וואָס זיי האָבן אַליין געזען מיט די אויגן אונטערן דאַך פון די פיר ווענט אין קרעטשמע.

און די גוטע פרומע רייד האָבן זיך קיינמאָל נישט אָפּגעטון פון דער

קרעטשמע וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם דאָרף נעכאַמע. איז איין ניגון אויסגעגאַנגען, האָט זיך פאַרצויגן אַן אַנדער געזאַנג; און אַז עס האָט זיך געענדיקט איין מעשה, האָט זיך אַן אַנדערע אָנגעהויבן דערציילן:

„איידער איך בין געקומען אַהער, האָט מיין ווייב מורא געהאַט אַ קוק טון אויף אַ מענטשן, און דאָ לעבן דעם הייליקן צדיק זיצט זי און עסט גלייך מיט אַלעמען"...

און אַז אַ קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אָנגעהויבן וויי־נען, האָט די מאַמע עס איינגעוויגט מיטן ניגון פון דעם צדיקס תהילים, און איינגעשטילט מיט אַ מעשה פון דעם אָזשערניצער בחור: „ער, דער גרויסער צדיק, איז אויך אַמאָל געווען אַ קליין קינד, האָט ער נישט גע־וויינט, דערפאַר האָט א מלאך געטראָגן אים עסן אַלע גוטע זאַכן צו די ליפּן".

און אין דער נאַכט ווען דער שטן — דער מלאך רע — האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געראַנגלט מיט ר' זונדלען אין וואַלד און נישט געקענט אים בייקומען ביז פאַרטאָג, האָט ער אים אָפּגעלאָזן ווען דער מאָרגנ־שטערן איז אויפגעגאַנגען און ר' זונדל האָט דערהערט דאָס געזאַנג פון תהילים זאָגן, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער קרעטשמע אין נעכאַמע.

האָט ער זיך אַוועקגעצויגן נאָך דעם ניגון, ביז ער איז אָנגעקומען צו דעם אָזשערניצער בחור אין קרעטשמע. אַז ער איז אַריין אין שטוב, איז אים באַפאַלן אַזאַ מידקייט, אַז ער האָט נישט געקענט איינשטיין אויף די פיס; ר' זונדל האָט זיך אָבער געשטאַרקט, פאַרטריבן דעם שלאָף פון זיך, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און זיך געשטעלט דאַווענען.

און גלייך ווי ער האָט אָנגעטון אויף זיך דעם טלית און תפילין, האָט ער אויפגעוואכט פון זיין מידקייט און ער האָט אָנגעהויבן דאַוונען מיט טיפער כוונה און אַ לויב צום רבונו של עולם, פאַרוואָס ער האָט אים אַרויסגעפירט פון דער טיפער פינצטערניש אין וואַלד און אַרויסגעראַטע־וועט פון דער גרויסער סכנה.

אַז דער אָזשערניצער בחור האָט דערהערט ווי דער אורח דאַוונט, האָט ער אויפגעהערט זאָגן תהילים און זיך איינגעקוקט ווי די ווערטער קוועלן ביי דעם פרעמדן אורח פון די ליפּן מיט דעם פּחד פון וואַלד און גייען אויס אין דעם טיפן געבעט פון האַרצן.

און דער אָזשערניצער בחור האָט נישט געוואַרט ביז דער ייִד וועט אַרײַנגיין צו אים, נאָר גלײַך ווי דער אורח האָט אָפּגעדאַוונט, האָט ער אים אַרײַנגערופן צו זיך אין חדר.

ביי דעם אָזשערניצער בחור איז געווען דאָס פּנים ווייך און מילד און ער האָט מיט גוטסקייט אָנגעהויבן רעדן:

— גוט וואָס איר האָט איבערגעוועלטיקט די פאַרמאַטערטקייט פון שווערן וועג. זיך נישט געלייגט שלאָפן און פריער זיך אַוועקגעשטעלט אָפּגעבן אַ לויב צו דעם בורא עולם...

— רבי, — האָט ר׳ זונדל אויסגערעדט ווי אין אַ געוויין, — דער אויבערשטער קערט זיך אָבער אָפּ פון מיין געבעט... איך בין געקומען צו אייך, ווייל מיינע זינד זענען גרויס און שווער...

דער צדיק האָט צוגענויגט דעם קאָפּ נענטער צו ר׳ זונדלען און גע־זיפצט:

— די קינדער פון ישראל זענען ווי קינדער: שפּילן זיך מיטן שטן, לאָזן זיך אַרײַנגנאַרן פון מקטרג אין נעץ אַריין און זינדיקן.

האָט שוין ר׳ זונדל נישט מורא געהאַט צו דערציילן זיינע עוונות און ווייטער גערעדט:

— די זינד לאָזן מיך נישט רוען בייטאָג און טרעטן פון מיר נישט אָפּ ביינאַכט. זיי טרייבן מיך פון מיין אייגענער שטוב און שרעקן מיך צו קוקן אויף מיין ווייב. וואָס זאָל איך טון?

דער צדיק האָט פאַרמאַכט די אויגן, איינגעצויגן זיין קאָפּ אין די ברייטע אַקסלען און געשוויגן. ער האָט נישט געקענט אויסריידן דאָס וואָרט, דעם שווערן עונש, וואָס איז געלעגן צוגעגרייט ביי אים אויף די ליפּן. האָט ער געזוכט אַ זכות אויף ר׳ זונדל דעם פּאַסעסאַר:

— גוט וואָס דו האָסט אויסגעטון פון זיך די רייכע מלבושים, אַראָפּ־גענומען די גאווה, ווייל די גאווה פאַנצערט אַרום די עבירות וואָס דער מענטש טראָגט אויף זיך, און היט זיי אָפּ זיי זאָלן זיך מערן און פרוכ־פּערן אין דעם אָרימען מענטשן.

— רבי, אָבער אַפילו אין די אַלטע מלבושים, אין דוד דעם מילנערס קליידער, טרעט נישט אָפּ פון מיר די קליפּה; און אַז איך האָב געדאַוונט, האָב איך ניט געקענט פאַרגעסן דעם ניגון פון לך־לך וואָס דער מלמד האָט

געקלאָגט פאַר דער חרפה וואָס איך האָב אים אָנגעטון ביי מיר אין שטוב.

דער אָזשערניצער בחור, דער איש תמים, דער ייד מיט דעם גוטן האַרץ, האָט אָבער נישט געקענט שטראָפן ר' זונדלען, נייערט געטרויערט אויף זיין גורל און געבראַכט פאַר אים אַ משל פון דער הייליקער תורה, פון דער סדרה לך־לך:

— און גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען, גיי אַוועק פון דיין משפחה, שייד זיך אָפּ פון די רשעים, בעוויל דער רבונו של עולם ווייס אַז נאָר מיט דעם שינוי מקום, אַז מען גייט אַוועק פון דעם אָרט וווּ מען האָט גע־זינדיקט, קען אויסגעבערענט ווערן די זינד וואָס מען האָט געזינדיקט; פאַרלאָז דיינע גרויסע עסקים, גיי אַוועק פון דיין עשירות, וועסטו זיין אָפּגעשיידט פון דער קליפה.

און דער צדיק האָט געזען, אַז גרויס זענען די עוונות ביי דעם יידן און טיף גראָבט ביי אים די פינצטערע תאווה, איז זיין קול געוואָרן שאַר־פער:

„דו זאָלסט זיין נע־ונד, ווייל דיין זינד איז דרייפאַך גרויס, וועט זיך דער אויבערשטער מרחם זיין אויף דיר און אָננעמען דיין תשובה".

ר' זונדל האָט זיך אויפגעשטעלט, נאָר זיין רוקן האָט זיך איינגע־בויגן נידעריקער פון דעם צדיקס אָנלען, און ער האָט זיך נישט געאַמ־פערט, נישט פאַרענטפערט נייערט זיך אונטערגעגעבן דעם שווערן פסק, און זיך געבעטן:

— רבי, ווי לאַנג וועל איך דאַרפן זיין נע־ונד איבער דער וועלט?

דער אָזשערניצער בחור האָט ברייט געעפנט זיינע אויגן:

— ביז דו וועסט מיטן עונש אָפּקומען פאַר דיינע זינד און מיט דיי־נע גוטע מעשים וועסטו פאַרדינען ביי דעם בורא עולם אַז איר געשטאַלט זאָל אָפּגעטון ווערן פון דיינע אויגן, דעמאָלט וועט דיין האַרץ זיין מיט די רייד וואָס דו וועסט רעדן.

דער צדיק האָט אָבער נישט געקענט אַרויסלאָזן ר' זונדל דעם פּאָסע־סאָר אויף דער גרויסער וועלט אָן אַ טרייסט־וואָרט, האָט ער אים גוט און פרום געלערנט:

— זאָרג נישט וועגן דיינע עסקים, דער אויבערשטער וועט אַכטונג געבן אויף דיין הויז־געזינד מיט דיינע געשעפטן...

ד

און ר׳ זונדל איז אַוועקגעגאַנגען איבער דער וועלט אָפּקומען פּאַר זיינע עוונות, אַט אַזוי ווי יידן לאָזן זיך אַוועק אַפּריכטן גלות.

ער האָט געשפּאַנט אין דוד דעם מילנערס קורצער בורקע מיט אַ הויכן שטעקן אין האַנט פון פּאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט, ער זאָל נישט האָבן קיין רו בייטאָג און די פּאַרמאַטערטקייט זאָל פון אים פּאַרטרייבן די זינדיקע רעיונות ביינאַכט.

ער האָט נישט געטראַכט פון זיין ווייב און קינדער, נישט געזאָרגט פון זיין גרויסן פּאַרמעגן, אַט אַזוי ווי דער צדיק, דער אָזשערניצער בחור, האָט אים פּאַרזאָגט; ער האָט אָבער נישט געקענט פּאַרגעסן פון גראַף פּאַסלאַווסקיס טאָכטער, ווייל די גלוסטונג פון שטן איז געווען שטאַרקער ווי די רייד פון צדיקס מויל.

דער שטן מקטרג איז נישט אָפּגעטראָטן פון זונדלען, דער מלאך רע איז אים נאָכגעגאַנגען נאָך זיינע טריט און אַרויסגעפּירט אַנטקעגן אים אויף די וועגן רייכע סוחרים און געבראַכט אין די קרעטשמעס גרויסע וואַלד־הענדלער, זונדל זאָל זיי מקנא זיין בייטאָג ווי זיי פירן זייערע גרויסע חשבונות און לייגן אויס די רייכע געשעפטן, און ביינאַכט זאָל ער טראַכטן פון זיינע אייגענע גרויסע עסקים, וואָס וואַרטן ביי דעם גראַף פּאַסלאַווסקי אין הויף, און זען ווי זיין טאָכטער מיט די גאָלדענע האָר זיצט אין פּאַלאַץ און רעדט איין דעם גראַף ער זאָל קיינעם נישט איבערענטפערן זונדלס קאָנטראַקטן.

האָט זיך זונדל אָפּגעקערט פון די לאַנגע טראַקטן און ברייטע וועגן און איז אַוועקגעגאַנגען איבער די זייטיקע שטעגן. ער האָט אויסגעמיטן שטעט און שטעטלעך, וווּ אַ יידישע האַנט האָט אויסגעשטרעקט איר הילף פּאַר אַן אָרעמאַן, און זיך נישט אָפּגעשטעלט אין קיין קרעטשמע, וווּ אַ יידיש אויג דערזעט דעם צער ביי דעם פּאַרמאַטערטן וואַנדערער; נאָר ער האָט געצויגן איבער די דערפער און וועלדער וווּ דער האַרטער בליק פון גוי טראָגט נישט קיין רחמנות און די קאַלטע ביקס פון „ליעסניק" האַלט אויסגעצויגן די שרעק.

זונדל איז אַרומגעגאַנגען איבער דער וועלט און קיינער האָט אים קיין שלעכטס נישט געטון, און ער האָט פּאַר קיינעם קיין גוטס נישט

געבראַכט. זיינע עבירות האָבן זיך נישט געמערט און די זינד איז נישט געמינערט געוואָרן. און זונדלען האָט זיך געדוכט, אַז זיין תשובה וועט קיינמאָל נישט אָנגענומען ווערן, ער וועט אַלע מאָל טראָגן אויף זיך די שווערע זינד, און וועט דאַרפן דעם גאַנצן לעבן זיין נע־ונד איבער פרעמדע וועגן.

נאָר איין מאָל איז אַרויסגעפאַלן ביי טאָג אַ גרויסער רעגן. די וואָלקנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון הימל אַזוי נידעריק, אַז מען האָט נישט געקענט זען צי עס איז נאַכט אָדער טאָג. זונדל האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט און איז געגאַנגען ווייטער אין רעגן. דער וועג איז אָבער געוואָרן שווערער, דער רעגן גרעסער; זונדל שטעלט אַ טראָט און קען נישט אַרויסנעמען די פוס, און דאָ זעט ער אויפן וועג אַ קרעטשמע. האָט ער שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן זיין פאַרמאַטערטקייט און איז אַריין אין קרעטשמע און זיך אַוועקגעזעצט אויפן באַנק לעבן טיר.

די גרויסע שטוב פון קרעטשמע איז געווען פול מיט יידן־סוחרים, בעל־עגלות, און דאָרפישע גויים וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט זיך אָנוואַרעמען מיט אַ טרונק בראַנפן און איבערוואַרטן דעם רעגן. אין ווינקל איבערן טיש האָט געברענט דער לאָמפּ. זיין ליכט איז אָבער פאַרנעפּלט געוואָרן אין דעם רויך פון מאַכאָרקע וואָס די גויים האָבן גערויכערט און מען האָט נישט געקענט דערקענען די פנימער פון די מענטשן.

די באַלעבאָסטע האָט אָבער אין דער כמורנעקייט פון שטוב אין איר גרויס האַוועניש און טומל פון לייזונג, נישט פאַרזען דעם פרעמדן יידן, דעם אָרימאַן, וואָס איז געזעסן אַן אויסגענעצטער אויפן באַנק לעבן טיר; איז זי צוגעגאַנגען צו אים און שנעל אָפּגערעדט:

— וואָס זיצט איר לעבן טיר, גייט צו צום אויוון, וואַרעמט זיך אָן, טריקנט זיך אויס, און אָט־אָ שטייט דער עמער וואַסער — וואַשט זיך עסן. — און זי האָט זיך אַוועקגעאיילט ענטפערן די גויים און אַכטונג געבן מען זאָל נישט גנבענען פון איר האָב און גוטס.

זונדלען האָט אָבער דער הונגער געמאַטערט מערער ווי די קעלט, איז ער נישט געגאַנגען צום אויוון זיך אָנוואַרימען, נאָר אַרויס אין פאַרהויז זיך וואַשן צום עסן. פון דער צווייטער זייט אין פאָרהויז איז געווען אָפן די טיר פון דער קאָמער וווּ די קרעטשמערקע האָט אָפּגעהיט איר מנוחה.

זונדל האָט דערזען ווי אין קאַמער אויפן וואַנט הענגט אַ ווייסער האַנטוך, איז ער אַריין אין חדר מיט זיינע נאַסע שטיוול, גענומען דעם ריינעם האַנטוך, געווישט די הענט, אָפּגעווישט דאָס פּנים און געזאָגט מיט געציילטע ווערטער, אויסגעצויגן, שאו ידיכם.

אַז די קרעטשמערקע האָט דערזען ווי דער אָרימאַן איז אַריין אין איר קאַמער, וואָס זי האַלט ריין און אָפּגעשיידט פון פרעמדע מענטשן, און אָנגעטראָגן מיט זיינע נאַסע שטיוול בלאָטע אויפן פּאָדלאָגע וואָס זי האָט אויסגעוואשן לכבוד שבת, האָט זי נישט געקענט איינהאַלטן איר פאַרדראָס און אָנגעהויבן שרייען:

— דו האָסט געזען אַ חוצפּה, אַ העזה! ווהין מען קריכט מיט דער בלאָטע! — זי האָט אַרויסגעריסן ביי דעם פרעמדן יידן פון די הענט דעם האַנטוך און זיך נאָך מערער געכעסט:

— איר האָט נישט געקענט אָפּווישן די הענט מיטן ברעג, נאָר איר דאַרפט איינריכטן דעם גאַנצן האַנטוך!

זונדל האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט אָפּגעזאָגט „שאו ידיכם”, איז צוגעגאַנגען צום טיש, אָפּגעשניטן אַ כזית ברויט, געמאַכט אַ המוציא און האָט זיך אַרויסגערוקט שטילערהייד פון שטוב.

אין איר כעס האָט אָבער די קרעטשמערקע נישט פאַרגעסן, ווי דער אָרימאַן איז געשטאַנען לעבן איר אַן איינגעבויגענער, אַן אויסגענעצטער, האָט זי אָנגעגאָסן אַ שיסל בוריקעס און צוגעטראָגן פאַר אים צום טיש.

דער ייד איז אָבער שוין נישט געווען אין שטוב. האָט איר אַרומ־גענומען אַ רחמנות: „נעבעך אַוועק אַ הונגעריקער”, און זי איז אַרויסגע־לאָפן אין דרויסן און אָנגעהויבן רופן:

— ר׳ ייד! ר׳ ייד!

זונדל האָט זיך אָבער נישט אָפּגעקערט. ער איז געגאַנגען אין רעגן און געוואַרעמט אין זיך דעם ביטערן טעם פון דער קרעטשמערקעס כעס און געשריי, אַט אַזוי ווי מען גלעט דעם אייגענעם וויטיק פון אַ ווונד.

ער האָט געטראַכט, אַז אָט אַזוי ווי דער שטן פאַרשטעלט זיך פאַר אַ מענטשן און ברענגט צו זינד, אַזוי שיקט מסתמא צו דער אויבערשטער דורך אַ מענטשן די שטראָף וואָס מען דאַרף אָפּקומען פאַר די זינד. און ער האָט זיך אָפּגעקערט פון די זייטיקע וועגן, וווּ מען טרעפט נישט קיין יידן, נאָר געגאַנגען איבער די ברייטע טראַקטן, זיך אָפּגעשטעלט אין די

שטעטלעך און געזוכט די שטראָף, וואָס ער דאַרף אָפּקומען פאַר זיינע עוונות.

זונדל האָט נישט געבעטן קיין נדבות ער זאָל קענען שטילן זיין הונגער. נאָר ער האָט זיך פאַרדונגען אויף אַ טאָג אַרבעט ביי אַ גוי, גע־האָלפן אויפן מאַרק אַ בעל־עגלה אַראָפּנעמען די מעל פון וואָגן און ער האָט געגעסן בלויז דעמאָלט, ווען ער האָט פאַרדינט אויפן שטיקל ברויט.

און טאָמער איז אַוועק אַ טאָג, צוויי טעג און ער האָט נישט פאַר־דינט אויף זיין אָרימער אויסקומעניש, האָט ער זיך געריצט מיט זיין הונגער: ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן מאַרק, זיך איינגעקוקט אויף די פרישע בייגל, דעם שמעקעדיקן ברויט, וואָס איז געלעגן ביי די ווייבער אין די קאָשיקעס, זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ געשטעל, געטאַפּט די פרישע געבעקס, געפרעגט וויפיל עס קאָסט, און אַז די יידענע האָט געענטפערט: „דריי פאַר אַ צווייער", האָט זונדל אָנגעהויבן זוכן דאָס געלט אין קעשע־נע, אויסגעשטעלט תמעוואַטע די אויגן: „איר האָט רעשטע פון אַן אימ־פעריאַל?"

די יידענע, וואָס האָט נאָך קיין גראָשן לייזונג נישט געזען דעם גאַנצן פרימאָרגן, איז געוואָרן אין כעס: „איר הערט אַן אַנשיקעניש, גייט אַרום ווי אַ שלעפער און טראָגט זיך אַרום מיט אימפעריאַלן!"

זונדל האָט גאָרנישט געענטפערט און איז אַוועקגעגאַנגען פון דער יידענע אַ הויכער, אַן אויסגעצויגענער מיט פאַרריסענער גאווה איבערן מאַרק, כדי די געפאַלנקייט פון זיין אָרימער הלבשה זאָל זיך מערער אָנ־זען.

אָבער איינמאָל, אין אַ הייסן זומערדיקן טאָג, ווען דער דורשט האָט געטריקנט דעם גומען, און דער שאַרפער הונגער האָט געגעסן זיין לייב, האָט זיך זונדל אַזוי לאַנג געריצט מיט די פרישע געבעקס אויפן מאַרק, ביז דער ריח פון דעם אויסגעבאַקענעם ברויט האָט אים אַריינגענאַרט צו אַ יידן אין קראָם בעטן אַ נדבה, ער זאָל האָבן וואָס אָפּצועסן.

דער קרעמער האָט געעפנט ברייט דאָס טישקעסטל, אַרויסגענומען אַ נייעם פירער, דערלאַנגט דעם יידן אַ נדבה און מיט רחמנות אַ קוק גע־טון אויף דעם מאָדנעם אָרימאַן — דעם הויכן יידן מיט דער לאַנגער באָרד, וואָס גייט מיט אַ לאַנגן שטעקן אין אַ קורצער קורטקע אָנגעטון, ווי אַ גוי, און געפרעגט גוט און פרום: „פון וואַנען איז אַ ייד?"

דער אָרימאַן האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, געשטאַנען אַ ווײַלע און גאָרנישט געענטפערט; ער האָט אָבער געזען ווי דעם קרעמערס ייִנגל האָט זיך צוגעגנבעט צום טישקעסטל, אַרויסגענומען אַ מטבע און באַהאַלטן עס אין קעשענע פון ארבע כנפות.

זונדל האָט אָנגעווונטשן דעם קרעמער אַלדאָס גוטס און איז אַוועקגעגאַנגען.

נאָר שפּעטער, אַז דער קרעמער איז צוגעגאַנגען פאַרמאַכן דאָס טישקעסטל, האָט ער דערזען אַז עס פעלט דער אימפּעריאַל, וואָס דער עקאָנאָם פון הויף האָט אים אײַנדערפרי באַצאָלט פאַר די קאָסעס; ער האָט קלאָר געדענקט ווי ער האָט געהאַלטן דעם פינף רובלדיקן אימפּעריאַל אין האַנט, און איצטער איז ער נישטאָ.

האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות און געגעבן דעם אָרימאַן דעם אימפּעריאַל אַ נדבה, אנשטאָט אַ פּירער, און ער איז אַרויס אויפן מאַרק זוכן דעם הויכן יידן אין דער קורצער קורטקע מיטן לאַנגן שטעקן.

און די ווײַבער — די מאַרק־זיצערקעס — האָבן דעם קרעמער געגעבן געדעכט:

— יאָ, דער הויכער ייד איז אַרומגעגאַנגען איבערן מאַרק, אויסגעקליבן די שענסטע בייגל, די בעסטע בולקעס און געבעטן צעבייטן אַן אימפּעריאַל.

— ווו איז אָבער דער ייד — דער בעטלער?!

— דער ייד איז שוין נישטאָ!

— מיט אַזאַ גנבה וועט ער נישט שטיין אויף איין אָרט!

כאַפּט דער קרעמער אַ בעל־עגלה פון מאַרק און לויפט נאָכיאָגן דעם אָרימאַן.

דער בעל־עגלה זיצט אין וואָגן, טרײַבט דאָס פערד און טענהט:

— איך וועל אים דערקענען, ער איז נישט אָפּגעטראָטן פון מײַן בויד. געזוכט וואָס צוגנבענען!

און דער קרעמער מיטן בעל־עגלה האָבן אָנגעיאָגט דעם אָרימאַן הינטער דער שטאָט.

דער בעל־עגלה האָט אָנגעכאַפּט דעם הויכן יידן פאַרן קאַרק, זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אים מיטן בײַטש און אָנגעהויבן שרייען:

— גיב אָפּ דעם אימפּעריאַל, וואָס דו האָסט געוואָלט צעבייטן ביי דעם קאָשעק מיט בייגל!

דער אָרימאַן איז געשטאַנען אַ הויכער, אַ גלייכער און געקוקט מיט אַ האַרטן פאַרשטיינערטן בליק אויפן בעל־עגלה; דער בעל־עגלה איז געווען אַ נידעריקער, האָט קוים דערלאַנגט ביי זונדלען ביז די אַקסלען, און אים האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט וועט זיך דער בעטלער כאַפּן שלאָגן צו אים, האָט ער אויפגעהויבן זיין האַנט, געמאַכט אַ שטייפן פויסט און געוואָלט דערלאַנגען אַ זעץ דעם גנב אין פּנים אַריין, ער זאָל זיך מודה זיין. גאָר זיין האַנט האָט זיך איינגעפּלאָנטערט אין דער לאַנגער קודלעוואַטער באָרד, וואָס האָט זיך ברייט אויסגעשפּרייט ביי דעם אָרימאַן אויפן האַרצן, האָט דער בעל־עגלה אָפּגעלאָזן דעם קולאַק, אַראָפּגעלאָזן די האַנט און געמאָנט:

— דו בעטלסט נדבות, כדי דו זאָלסט קענען אַרויסנאַרן אימ־פּעריאַלן!

און דער ייד דער קרעמער איז געשטאַנען לעבן זייביידן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, זיך איינגעקוקט ווי די באָרד, וואָס היט אָפּ דעם צלם אלהים ביי דעם מענטשן, האָט אויסגעהיט דעם יידן פון אַ קלאַפּ, און ער האָט נישט געוווסט מיט וועלכן צד ער זאָל האַלטן, האָט ער זיך געבעטן ביי דעם אָרימאַן:

— אפשר האָב איך געמאַכט אַ טעות און געגעבן אייך דעם אימ־פּעריאַל, אנשטאָט אַ נדבה?

ציטערט דער בעל־עגלה, אַז אָט וועט דער קרעמער נאָכגעבן און אָפּלאָזן דעם בעטלער, שטאַרקט ער זיין כעס, שעמט זיך נישט פאַר זיין רציחה און שרייט:

— מען דאַרף אים אויסטון נאַקעט, וועט מען געפינען דעם אימ־פּעריאַל! — און ער שפּאָט אָפּ, — מאַכט זיך פאַר אַ תם, מען זאָל נישט דערקענען די גנבה!

דער קרעמער האָט זיך אָבער שוין מייאש געווען פון זיין געלט, ער וויל נישט מאַטערן מערער דעם יידן וואָס איז געשטראָפט פון גאָט, און דאַרף אַרומגיין איבער די הייזער, און ער בעט זיך ביי דעם בעל עגלה זיי זאָלן זיך אומקערן צוריק אַהיים.

דער בעל־עגלה האָט אָבער נישט געוואָלט אָפּלאָזן דעם בעטלער, ער

ווײַל אים ברענגען צוריק אויפֿן מאַרק, זאָלן די ווײַבער דערקענען ווי ער האָט געוואָלט בײַטן דעם אימפּעריאַל. האָט ער אַרײַנגעשלעפּט דעם אָרי־מאַן אין בויד און פֿאָרט מיט אים צוזאַמען מיטן קרעמער צוריק אין שטאָט אַרײַן.

און דער בעל־עגלה מאָנט דאָס געלט, ער גייט אַרום מיטן בײַטש אין האַנט, פֿירט דעם בעטלער איבערן מאַרק, און די ווײַבער שאָקלען מיטן קאָפּ:

„יאָ, אָט דאָס איז ער, אַזאַ יאָר אויף אים...״

און די חדר־ייִנגלעך קוקן אויף דעם הויכן ייִדן מיט דער לאַנגער באָרד, וואָס זעט אויס אין דער קורצער קורטקע מיטן גרויסן שטעקן אַזוי ווי דער בלינדער יוליק, וועלכער פֿירט זיך אַרום מיט דעם הונט; זיי לויפֿן אים נאָך און שרײַען:

„גנבֿ, גנבֿ, גנבֿעט אימפּעריאַלן!״

דער אָרימאַן האָט אָבער דעם אימפּעריאַל נישט אָפּגעגעבן, האָט מען אויפֿן מאַרק אָפּגעמאַכט, אַז מען זאָל דעם בעטלער אַרויספֿירן פֿון שטאָט מיט חרפּות און בזיונות און באַשווערן אים מיט קללות אַז ער זאָל מער קיינמאָל נישט איבערטרעטן דעם עירובֿ פֿון שטאָט; און דער בעל־עגלה האָט אים נאָכגעשריגן און מתרה געווען, אַז די דילעזשאַנסן וואָס פֿאָרן אַרום איבער דער וועלט, וועלן אומעטום לאָזן וויסן אַז דער הויכער ייִד מיט דער קודלעוואַטער באָרד, וואָס פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אַן אָרימאַן, איז אַ גנבֿ, און מען טאָר אים נישט אַרײַנלאָזן אין קיין ייִדי־שער שטוב.

ה

זונדל איז אַרויס פֿון שטאָט. אין די אויערן האָט אים געקלונגען דער געשריי פֿון די חדר־ייִנגלעך מיטן טומל פֿון מאַרק, און מיט זײַן מיפּן צער האָט ער געטראָגן אויף זיך די חרפּות און בזיונות, וואָס מען האָט אים אָנגעטון אויפֿן שול־הויף פֿאַר אַן עדה ייִדן אין די אויגן. ער האָט געטראַכט אַז באַלד ווערט דרײַ יאָר ווי ער וואָגלט אַרום איבער דער וועלט; דער גלאַנץ פֿון גאָלד, וואָס האָט אים געבראַכט צו די שווערע עוונות, האָט אים אָנגעטון די פֿינצטערע בושה, קען זײַן דער עונש גרע־סער? דאַרף ער מער אָפּקומען פֿאַר זײַנע זינד?

און ער האָט זיך אָנגעהויבן ציען מיטן וועג אַהיים, צו דעם הויף שימכאַנאָוויטש. און אָט איז ער שוין אַרויף אויף דעם באַרג; אָט־דאָ האָט דער קוטשער געדאַרפט איינהאַלטן די פערד זיי זאָלן נישט צעטראָגן דעם פאַיעטאָן. ער האָט אַוועקגעשטעלט נאָך אַ טראָט און דערזען די פליגל פון ווינטמיל אין הויף. אָט וועלן זיינע פיס אָנרירן די ערד פון זיין הויף...

ערשט אויפן הימל רוקן זיך אָן שווערע געדיכטע וואָלקנס, אַ פינצ־טערניש קריכט אַרויס פון דער ערד און דעקט צו די זון. עס הייבט זיך אָן טראָגן אַ שטורעם, אַ ווינט און לאָזט נישט שטעלן זונדלען קיין טראָט. זונדל הייבט אויף אַ פוס און דער ווינט שפאַרט אים צוריק און לאָזט אים נישט אַרויפגיין אויפן שפּיץ באַרג.

בייגט זיך איין זונדל, ציט זיך אויס אויף דער ערד, ער וויל אונ־טערקריכן אונטערן ווינט און אַרויפפּויזען אויפן באַרג; דער שטורעם רייסט אָבער די שטיינער פון דער ערד, טראָגט בייז די וואָלקנס איבערן קאָפּ מיט אַ געשריי, מיט אַ ברומען, אָט אַזוי ווי די נאַכט האָט געצאָרנט ווען זונדל איז געגאַנגען צו דעם צדיק, צו דעם אָזשערניצער בחור.

זוכט זונדל אין זיין שרעק דעם בליק פון דעם אָזשערניצער בחור, וויל זיך אויסטענהן מיט אים, פרעגן ביי דעם צדיק איז זיין עונש צו קליין?

דער שטן אָבער וואָס האָט די גאַנצע צייט געוואַרעמט די תאווה אין זונדלס לייב, און נישט געלאָזט אים פאַרגעסן אין זיין עלנט און אומעט אויף גראַף פּאסלאוסקיס טאָכטער, האָט איצטער פאַרשטעלט דאָס פּנים פון דעם אָזשערניצער בחור, און אין דעם שטורעם און ווינט אָנגעשיקט אויף זונדלען די קרעטשמערקע מיט דעם יידן דעם קרעמער.

די קרעטשמערקע האָט געוויינט: „פאַרוואָס האָסטו נישט געגעסן מיין עסן וואָס איך האָב אַוועקגעשטעלט פאַר דיר אויפן טיש און מיט דעם פאַרשעמט מיין הויז; לייט זאָלן מיך שטראָפן אַז איך האָב אין רעגן אַרויסגעטריבן אַן אָרימאַן פון מיין שטוב?"

און דער ייד דער קרעמער טענהט: „דו האָסט דאָך געזען ווי מיין יינגל האָט אַרויסגענומען דעם אימפּעריאַל פון טישקעסטל; דאָס קינד האָט עס נעבעך נישט געוווּסט, ער האָט געמיינט אַז ער נעמט אַ קאָפּי־קע, טאָ פאַרוואָס האָסטו געשוויגן און געבראַכט דערצו אַז איך זאָל אָנ־טון אַ יידן חרפּות און בזיונות?"

און דער שטן מקטרג העלפט דעם קרעמער שטראָפן זונדלען מיט דער שאַרפקייט פון ווינט, מיטן כח פון שטורעם:

„דו ווילסט זיך אויסקויפן פון דײַנע אייגענע זינד, מאַכסטו אַז אַנדערע זאָלן זינדיקן צוליב דיר. דערפאַר קען דײַן תשובה נישט אָנגענומען ווערן ביי גאָט און דײַן זינד וואָס איז גרויס איז נאָך גרעסער געוואָרן".

און פאַר זונדלס אויגן האָט זיך פּלוצלינג אַנטפּלעקט דאָס געשטאַלט פון דעם גראַפס טאָכטער. אירע גאָלדענע האָר האָבן אָנגעהויבן ציטערן ווי דער בליץ פון אַ דונער, אַט אַזוי ווי זיי האָבן אים געשראָקן אַלע מאָל אין חלום פון זײַן שווערן שלאָף.

האָט זיך זונדל פאַרשעמט פאַר דעם גרויסן צדיק, דעם אַזשערניצער בחור׳, ער האָט נישט געזוכט ביי אים קיין טרייסט, נייערט ער האָט אָפּגעקערט פון אים דאָס פּנים פאַר חרפּה און זיך אויפגעהערט ראַנגלען מיטן שטורעם. ער האָט אײַנגעבויגן דעם רוקן אונטער דעם בייזן ווינט, אַט אַזוי שווער ווי ער האָט געטראָגן זײַנע זינד, אַראָפּגענידערט פון באַרג, און איז צוריק אַוועקגעגאַנגען איבער דער וועלט.

ו

דער ווינט האָט זיך אײַנגעשטילט, דער הימל האָט זיך אויסגעלײַטערט און זונדל האָט זיך אַוועקגעצויגן פון זײַן היים און עשירות און איז אַוועקגעגאַנגען מיטן לאַנגן שטעקן איבער דער וועלט. ער האָט שוין מער נישט געזוכט קיין שלעכטס, קיין רשעות ביי די מענטשן, נייערט געטראָגן גוטסקייט און הכנעה פאַר דער וועלט.

ער איז אָנגעקומען אין דעם קליינעם שטעטעלע באַטאָכען און איז אַרײַן אין שניידערשן בית־המדרש, און זיך אַוועקגעזעצט אויפן באַנק ביי דער טיר. נאָך מעריב האָט ער געפרעגט ביי דעם שמש צי ער וועט אים לאָזן איבערנעכטיקן אויפן באַנק.

דער שמש האָט אַ זיפץ געטון: „אָרימקייט ציט צו אָרימקייט, גייט נישט אין בית המדרש צו די רייכע באַלעבאַטים, נאָר קומט אַהער"... און ער האָט אַ קוק געטון אויפן אורח, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס דערקענען אין אים, נאָר דאָס פּנים מיט דער לאַנגער קודלעוואַטער באָרד

איז אים אויסגעקומען ווייט און פרעמד, האָט ער בלויז פאַרלוירן נאָך אַ וואָרט:

— ווער וועט אייך פאַרווערן? — און איז אַוועקגעגאַנגען צו די שטענדערס אויפלייגן די ספרים.

זונדל האָט איבערגענכטיקט אין בית־המדרש און איז געבליבן אין באַטאָכען. ער איז נישט געגאַנגען ווייטער איבער דער וועלט, איז געזעסן אין בית המדרש אויפן באַנק, זיך איינגעהערט ווי די ישיבה בחורים לערנען, און זיך געהיט אויסריידן אַ וואָרט. און אַז אים איז געוואָרן שווער פון שווייגן, האָט ער אָנגעהויבן זאָגן תהילים.

באַהאַלטענערהייט האָט ער זיך איינגעקוקט ווי אויבנאָן, אין מזרח, זיצן די ישיבה בחורים און לערנען, און זענען זיך מפלפל אין האַרבע סוגיות, פרעגן אָפּ אַ תוספות, ווילן פאַרענטפערן אַ מהרש״א. זונדל ווייס ווו זיי האַלטן, ער קען קלאָר אָנווייזן דעם דף און זאָגן זיי ווו זיי בלאָנדזשען; ער איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן פון זיין באַנק און זיך נישט אַריינגעמישט אין לערנען. פאַרקערט, ער האָט אָנגעהויבן זאָגן הויך אויפן קול תהילים, די תנועות פון זיין פנים זאָלן נישט אַרויסגעבן זיינע רעיונות, און מען זאָל נישט דערגיין אַז ער, דער פרעמדער אורח, קען אפשר בעסער לערנען פון די בחורים די לערנער.

די ישיבה־בחורים זענען געוואָרן אין כעס. זיי האָבן געקוקט ביי׳ז אויפן פרעמדן אורח דעם עם־הארץ וואָס קען קוים אָפּזאָגן אַ קאַפּיטל תהילים, און מיט זיין הויכן קול איז ער מבלבל זייערע רעיונות; דער בעסערער לערנער, דער בחור מיטן שאַרפן מוח האָט געוואָלט אים זאָגן, אַז אין באַטאָכען איז פאַראַן נאָך אַ בית המדרש. אַן אַנדערער בחור האָט געוואָלט פרעגן ביי דעם אורח פאַרוואָס זאָל אַזאַ געזונטער ייד נישט אַרויסגיין אויפן מאַרק און פאַרדינען זיין שטיקל ברויט?

נאָר דער אומעט פון די אַלטע ווענט אין בית המדרש איז געלעגן אַזוי שווער אויף דעם אורח, וואָס זיצט שטענדיק אויף דער הינטערשטער באַנק, אַז זייער פאַרדראָס איז איבערגעגאַנגען אין רחמנות, און די ישיבה־בחורים האָבן געפּרוווט מיט גוטן געבן צו פאַרשטיין דעם פרעמדן יידן, אַז מיט אַזאַ התמדה דאַרף ער נישט היטן אַ גאַנצן טאָג דעם תהילים; ווען ער זאָל אַביסל שאַרפן זיין מוח, וועט ער קענען אָפּלערנען אַ פרשה חומש מיט רש״י, אָפּזאָגן אַ פרק משניות.

דער אורח האָט אויסגעהערט די גוטע עצות, געקוקט טעמפּ מיט זיינע פאַרנעפּלטע אויגן אויף די ישיבה־בחורים, אָפּגעהיט יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אויף די ליפּן, און אַ קרעכץ געטון: „אַז מען איז ווערט ביי גאָט״...

און גראַדע דעמאָלט, ווען זונדלען האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט מישט ער אויס ש״ס ופוסקים און שווימט אַוועק ווייטער און טיפער, ווי די ישיבה־בחורים גראָבן און אַמפּערן זיך אין לערנען, איז ער צוגעגאַנגען צו זיי, אַרויסגעוויזן נידעריקער זיין הכנעה און געפרעגט אונטערטעניק, אפשר דאַרפן זיי, די לערנער, עפּעס האָבן, זאָלן זיי אים שיקן אַ גאַנג, וועט ער ברענגען אַ גלאָז וואַסער שטילן זייער דורשט, אָדער אַריינטראָגן פאַר אַ גראָשן אַן עפּל — דערקוויקן דעם גומען.

און די ישיבה־בחורים האָבן זיך גאַרנישט אַרומגעזען, ווי דער פרעמ־דער אורח איז זיי געוואָרן אייגן און נאָענט; זיי האָבן צוגענומען מיט ליבשאַפט זיין גוט־מאָרגן וואָס ער האָט דער ערשטער געטראָגן יעדערן אַנטקעגן; זיין ניגון פון תהילים־זאָגן איז אויסגעגאַנגען אין דעם געזאַנג פון זייער לערנען, ווי אַן אייגענער קול, און זיי האָבן אים געשיקט אַ גאַנג און געטיילט זיך מיט אים מיט זייער אָרעם עסן; און די פרומע ווייבער — די נשים צדקניות — וואָס האָבן געטראָגן טעפּלעך צו די ישיבה־בחורים אין בית המדרש, האָבן אויך אָפּגעשפּאָרט אַ לעפל גע־קעכץ, אַ הייסע לאַטקע פאַר דעם פרעמדן אורח, וואָס זיצט אויף דער באַנק און זאָגט תהילים; דער הויכער ייד מיט דער לאַנגער באָרד זאָל נישט בלייבן הונגעריק.

און דער שמש האָט זיך צוגעוווינט צו דעם פרעמדן יידן מיט דער לאַנגער באָרד און ער האָט גאָרנישט געטראַכט אַז ער איז געקומען פון ערגעץ אין דער פרעמד, נאָר אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ ייד פון באַטאָכען, וואָס איז געבליבן איינער אַליין, אַן עלנטער און די שטאָט האָט פאַרגעסן אין אים, האַלט ער זיך אויף אין בית המדרש. ער איז געווען צופרידן וואָס זונדל האָט אים געהאָלפן אַכטונג געבן אויף די בענק און שטענדערס פון מקום קדוש, האָט אָנגעטראָגן וואַסער אין כיור און צוגעגרייט די ליכט מיט לאָמפּן אויף שבת. און די שניידער, די שוסטער וואָס זענען געקומען דאַוונען, האָבן זיך נישט געשפּאַרט אויבנאָן צו די באַלעבאַטים — די יידן די לערנער — נייערט זיך אַוועקגעזעצט

נעבן זונדלען אויף דער באַנק און געזאָגט צוזאַמען מיט אים תהילים.

קיינער האָט נישט געפרעגט פון וואַנען דער ייד איז געקומען און קיינער האָט נישט געטראַכט, פאַרוואָס ער גייט נישט אַוועק; נאָר יאַנקל דער היטלמאַכער האָט דערהערט ווי דאָס קול פון זונדלס תהילים־זאָגן שיינט אַרויס און ציטערט איבערן בית המדרש העכער און טיפער ווי דאָס לערנען פון די ישיבה בחורים, און די ווערטער ציען זיך מיט אַזאַ ווייטיק און געבעט, אַז ער קען אַליין נישט נעמען קיין ספר אין האַנט און הערט זיך איין ווי דער פרעמדער ייד זאָגט תהילים.

ז

יאַנקל דער היטלמאַכער איז געווען אַן אַלטגעזעסענער תושב אין באַטאָכען, וואָס האָט זיך נישט געדאַרפט שעמען מיט זיין יחוס; און מיט זיין שכל האָט ער געקענט האַנדלען מיט וואָל און פלאַקס, אָט אַזוי ווי אַלע חשובע באַלעבאַטים פון שטאָט האָבן געפירט זייערע געשעפטן.

ער האָט זיך אָבער פון די יונגע יאָרן אָן נישט געוואָלט אָפּגעבן מיט מסחר און איז געוואָרן אַ היטלמאַכער. ער האָט אַ גאַנץ יאָר געמאַכט היטעלעך פאַר יידישע קינדער, די תורה זאָל זיך נישט אויסוועפּן פון זייערע קעפּ, און געניים יאַרמולקעס פאַר יידן, דער שטערן זאָל זיך טי־פּער קנייטשן ביים לערנען; און אויף ראש השנה מיט יום כיפור איז ער אַרויסגעפאָרן אויפן ישוב זיין דער שליח ציבור ביי די יידן פון דאָרף.

אויפן ישוב איז דער מנין געווען ביי דוד דעם קרעטשמער אין שטוב. דוד האָט געהאַט אויף דעם אַ חזקה פון זיין טאַטן ע״ה, און ער האָט אָפּגעהיט די מצוה אַזוי פרום ווי דער טאַטע האָט עס מקיים געווען. ערב שבת, צו די ערשטע סליחות, איז ער אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, כעלות השחר, איינגעשפּאַנט דאָס פערד און וואָגן, אָנגעלייגט פרישׁ היי אין פאַלוקאַשעק און אַוועקגעפאָרן אין באַטאָכען ער זאָל אָנציען צום דאַוונען נאָך דעם שליח ציבור. ער האָט געבראַכט צו זיך אַהיים אויף שבת דעם בעל תפילה און אָפּגעפירט אים צוריק אין שטאָט אַריין אויף סוכות.

און אַז דער שליח ציבור איז געקומען צופאָרן צו דוד דעם קרעטש־מער צו די ערשטע סליחות, האָבן זיך, שבת־צו־נאַכט, גלייך נאָך הבדלה, די יידן פון ישוב אָנגעהויבן צונויפקלויבן צו אים אין קרעטשמע. זיי האָבן נישט געקענט קומען שבת אינדערפרי דאַוונען מיט אַ מנין, ווייל זיי

האָבן געווײנט ווײט צעוואָרפן איבער די דערפער, ווײטער ווי אַ תחום שבת, און זײ האָבן נישט געקענט קומען זען דער בעל תפילה פריער ווי נאָך הבדלה.

די נענטערע שכנים זענען געקומען פריער און פון די ווײטערע דער־פער איז מען אַרײַנגעפאַלן שפּעטער, שפּעט אין אָוונט. אַז מען איז אָבער געקומען צו דודן אין קרעטשמע, זיך אויסגעזעצט בײם טיש, פאַר־רויכערט די לאַנגע ליולקע, פאַרצויגן די שטוב מיטן געדיכטן רויך און מיט די שטילע רײד, האָט מען נישט געוווסט, ווער זיצט דאָ פון פריער און ווער איז געקומען שפּעטער. אַלע האָבן גערעדט און געזיפצט אויף זײער שווער און אומעטיק לעבן, ווי אײן הויז־געזינד וואָס איז אויסגע־וואַקסן אין דער זעלבער שטוב.

מען האָט זיך אײַנגעהערט ווי דער בעל־תפילה רעדט איבער די גוטע רײד, וואָס פרומע ייִדן זאָגן, ווי ער דערצײלט מעשׂיות פון צדיקים וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויפן דאָרף; דער בעל שם טוב, דער גרויסער צדיק, איז געבוירן געוואָרן אויפן ישוב, געלעבט צווישן גױים להבדיל, אָט אַזוי ווי זײ, די ייִדן פון דאָרף, וואָס זיצן איצטער דאָ בײ דעם טיש, און האָט געפירט לײם מיט אַ וועגעלע אין שטאָט אַרײַן.

און דער בעל תפילה וואַרפט נישט אויף די ישובניקעס זײער פאַר־גראָבטקײט, נײַערט ער טרײסט זײ און רעדט זײ אײַן: „וואָס טוט אַ ייִד, נעבעך, אויפן דאָרף? ער מאַטערט זיך אויף זײַן שטיקל חיונה, היט אַלײן אָפּ ייִדישקײט און זעט אַז זײַנע קינדער זאָלן בלײַבן ייִדן. מײנט איר וואָס וויל נאָך דער רבונו של עולם?״, לאָזט אויס דער בעל תפילה שטיל זײַנע רײד.

די ייִדן פון דאָרף קוקן זיך אײַן ווי דער גרויסער גאַסט, בײ וועמען עס טריפן הײליקע רײד פון די ליפּן, זיצט בײ דעם טיש אין דעם טונ־קעלן שײַן פון לאָמפּ, און רעדט צו זײ, גלײַך ווי ער וואָלט אויסגע־וואַקסן צוזאַמען מיט זײ אויפן דאָרף. עפנט זיך אויף בײ זײ דאָס האַרץ און זײ שעמען זיך נישט צו רעדן פון זײער פרײד און לײד.

אײן ייִד דערצײלט, אַז ווען ער איז געפאָרן אַהער האָט זיך דאָס פערד ספּוזשעט, זיך אָפּגעשטעלט לעבן די מאַהילקעס און אָנגעשטעלט די אויערן. דער ייִד אָבער האָט געוווסט צו וועמען ער פאָרט, האָט ער זיך

נישט געשראָקן, אַפילו שבת־צו־נאַכט, אַ שמיץ געטון דאָס פערד און גע־פאָרן ווייטער...

אַן אַנדערער דערמאָנט די גערעטעניש, וואָס מען האָט אַריינגעגנו־מען אין שייער.

אַ טאַטע זיפצט, וואָס זיינע יינגלעך ווערן נעבעך פאַרגרעבט פון די שקצים און עס גייען אַזעלכע פאַרכטיקע טעג...

די רייד טונקען זיך אין אומעט און גייען אויף אין דער טרייסט וואָס שיינט אַראָפּ פון דער געלער באָרד ביי דעם בעל תפילה; עס פאַלט אַראָפּ דער שרעק פאַרן יום הדין וואָס מען דאַרף באַלד באַגעגענען, ווייל מען ווייס אַז גאָט איז אַ דערבאַרעמדיקער פאָטער, וואָס איז מוחל עוונות און איז מכפּר אויף די זינד, אויב מען טוט בעטן צו אים מיט אַ לויטער האַרץ און די מחשבות זענען ריין פון קנאה און שנאה.

און כדי איין ייד זאָל נישט מקנא זיין דעם אַנדערן און מען זאָל אויפן ישוב נישט רעדן, אַז דוד דער קרעטשמער האָט צוגענומען פאַר זיין שטוב דעם כבוד פון מנין און ער האַלט אויך ביי זיך דעם בעל־תפילה, האָט זיך יאַנקל דער היטלמאַכער געפּירט, אַז ער איז נישט איינגעשטאַ־נען די גאַנצע צייט ביי איין יידן אין קרעטשמע, נאָר איז אַרומגעגאַנ־גען איבערן ישוב און געגעכטיקט יעדע נאַכט אין אַן אַנדערער שטוב.

ער איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, אָפּגעדאַוונט און איז אַרויסגע־גאַנגען אין פעלד. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די וועגן, זיך איינגע־קוקט ווי די בלעטער פון די ביימער ווערן געל און פאַלן פון די צווייגן; ווי די גרינקייט קריכט אַראָפּ פון די גראָז און די גראָז לייגט זיך אויס ווייך אונטער די טריט אויף דער ערד; ווי די טשערעדעס בהמות שפּרייטן זיך אויס ווייט און שיטער איבער די נאַקעטע פעלדער, זוכן אַן איבער־געבליבענע זאַנג און לעקן אַ פאַרדאַרטן קאָרטש; און פון אומעטום קריכט דער אומעט פון אָסיען און וועקט די בענקעניש צו דער בורא עולם, וואָס האָט אויסגעפורעמט די וועלט פאַר דעם מענטשן.

און יאַנקל דער היטלמאַכער האָט זיך געלערנט פון די ביימער, וואָס טראָגן מיטן ווינט זייער לויב צו גאָט, פון די פייגל, וואָס וועקן אויף מיט זייער געזאַנג דעם פאַרטאָג, ווי אַזוי ער זאָל זיך מכין זיין צו זיין דער שליח ציבור פאַר די יידן פון ישוב.

מנחה האָט יאַנקל דער היטלמאַכער אָפּגעדאַוונט אין פעלד, און צו

מעריב איז ער געקומען נעכטיקן צו אַ יידן: ער איז אַריין אין שטוב אומ־געריכט, די באַלעבאָסטע זאָל זיך נישט דאַרפן גרייטן אויפנעמען דעם גאַסט, און מיט זיינע גוטע רייד האָט ער געלערנט דעם יידן, אַז אין די פּאָרכטיקע טעג דאַרף מען זיך היטן נישט אַרויסברענגען קיין קללה אויף די ליפּן און מען טאָר נישט זיין אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, ווייל גאָט וויל אַז מען זאָל זיך פרייען מיט די מצוות וואָס ער האָט געגעבן דעם מענטשן צו אָפּהיטן.

ערב יום כפור האָט זיך יאַנקל דער היטלמאַכער אויפגעפירט אויף זיין וועג, מיט זיין שטייגער, אַנדערש ווי די יידן פון ישוב. ער האָט פאַר־טריבן דעם שרעק פון זיך און איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב אַ שטי־לער, אַ רואיקער, זיך געהיט מיט אַן איבעריקן וואָרט, נישט געגעסן קיין סך און פאַרפאַסט בלויז מיט אַ טעלער יויך.

און אַז די יידן פון ישוב האָבן געזען ווי אַזוי זייער שליח ציבור גייט אַרום ערב יום כפור אַ שטילער, אַ רואיקער, היט נישט אָפּ די מצוה פון עסן צו זאַט, האָט זיך זיי געדוכט אַז ער פירט זיך אויף ווי אין אַ גע־וועגלעכן וואָכנדיקן טאָג און זייער שרעק פאַר די אייגענע זינד, פאַר דעם יום־הדין איז געוואָרן שווערער און גרעסער. זיי זענען געשטאַנען צו כל נדרי, גלייך ווי אימיצער וואָלט זיי פלוצלינג איבערגעלאָזן אין אַ גרויסער סכנה און נישט געוווסט ווי אַזוי זיי זאָלן עפענען דאָס מויל פאַר די הייליקע רייד וואָס וואַרטן אויף זיי אין דעם גרויסן שווערן מחזור.

אַז זיי האָבן אָבער אַ קוק געטון ווי דער בעל תפילה שטייט מיטן טלית איבערגעדעקט איבערן קאָפּ, און נישט געזען זיין פנים, בלויז דער שיין פון זיין געלער באָרד האָט אַרויסגעלויכטן פון ווייסן קיטל, אָט אַזוי ווי עס האָבן געציטערט די גרויסע יום כפור ליכט וואָס מען האָט אָנגע־צונדן לזכרון פון די הייליקע נשמות, האָט זיך דעם מנין יידן געדוכט אַז דער שליח צבור זאַמלט זיי צונויף אַרום זיך, אָט אַזוי ווי זיי שטייען אין די קיטלען און טליתים, פירט זיי צום כסא הכבוד און ער האָט זיך נישט מורא אויסטענהן מיט גאָט.

ער זאָגט נישט פון מחזור, נאָר מיט זיין קרעכץ און אָי, מיט זיין זיס קול און שטיל געוויין רעדט ער צו גאָט מיט זייערע פּראָסטע רייד, אָט אַזוי ווי זיי בעטן זיך:

„דערבאַרעם זיך אויף דיינע קינדער; מיר שטייען איצטער פאַר דיר

אין די ווייסע קיטלען, אין די הייליקע קליידער און מיר ווייסן נישט פון קנאה, שנאה, שטראָף אונדז נישט״...

ער שטעלט זיך איין פאַר זיי:

„קוק זיך איין אויף דער עדה יידן, זיי געדענקען אַ גאַנץ יאָר דיין נאָמען, פאַרוואָס ווילסטו פאַרגעסן אויף זיי היינט צו דעם יום־הדין און נישט אָננעמען זיך פאַר זיי?״

די יידן זאָגן נאָך מיט אַ טיפן זיפץ, מיט אַ ביטער געוויין און אונ־טער דעם איבערגעצויגענעם טלית און דעם ווייסן קיטל זעען זיי ווי דער בעל תפילה צערייסט דעם שווערן גזר דין וואָס דער קטגור האָט צוגע־גרייט.

און אויף מאָרגן אין אָוונט, נאָך מעריב, אַז די יידן זעגנען מחדש די לבנה, זיי קוקן אויף דער לבנה, ווי זי צירט זיך אין די דורכזיכטיקע וואָלקנדלעך און רופן זיך איבער: „שלום עליכם! עליכם שלום!״, דוכט זיך זיי אויס, אַז זיי זאָגן אָן איינע די אַנדערע פריילעכע בשורות. זיי שרייען אויס הויך אויפן קול: „סמן טוב ומזל טוב!״, און פאָרן אַוועק צו זיך אַהיים, באַגעגענען דעם נייעם יאָר פריילעכע, לויטערע, אָן זינד און אָן עבירות.

און אַז יאַנקל דער היטלמאַכער קומט אַהיים פון די ימים נוראים, איילט ער זיך נישט אַוועקזעצן צו זיין אַרבעט; ער גייט אַרום אין די יום־טובדיקע בגדים און ציט דעם ניגון, וואָס ער האָט איבערגענומען ביי די יידן אויפן דאָרף.

טראַכטן זיינע צוויי זין, וואָס שטייען מיט גרויסע קראָמען אויפן מאַרק, אַז איצטער וועט זיך דער טאַטע אפשר אָפּזאָגן פון זיין מלאכה, קומען זיי צו אים אין שטוב אַריין, איידער ער גייט אַוועק דאַווענען מנחה, און הויבן אָן רעדן שטיל, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרענטפערט:

„צו וואָס דאַרפסטו פאָרן דאַווענען אויפן ישוב, אַז דער גרויסער בית המדרש וועט דיך אויפנעמען פאַר אַ בעל תפילה?״

און זיי ווילן אים זאָגן, אַז ער דאַרף נישט גייען קיין היטעלעך — זיי וועלן אים מיט דער מאַמען אויסהאַלטן מיט כבוד און פרנסה און זיי וועט ח״ו גאָרנישט פעלן.

הערט אויס יאַנקל דער היטלמאַכער ווייך די רייד פון זיינע זין; ער וויל ביי זיי נישט צונעמען די מצוה פון מפרנס זיין טאַטע מאַמע;

ער וויל זיי אָבער עפּעס אויסלערנען וואָס איז אפשר גרעסער ווי אויס־האַלטן טאַטע מאַמע און ער טוט רעדן צו זיי אַזוי צו זאָגן:

— ווייסט קינדערלעך, אַז ביז וואַנען איך גיי נישט צו צום עמוד, גלויב איך נישט אַז איך בין דער שליח ציבור, וואָס דאַרף זיך אַוועק־שטעלן פאַרן רבונו של עולם, פאַר דעם כביכול. טאָ ווי אַזוי קען איך ווערן דער בעל תפילה פון דעם גרויסן בית המדרש; איך טו אַ מלאכה ווייל די תורה האַלט פון מלאכה מערער ווי פון זכות אבות, און איך וויל בעסער הייסן יאַנקל דער היטלמאַכער און נייען היטעלעך פאַר יידישע קינדער, איידער מען זאָל מיך רופן ר׳ יעקב דער בעל תפילה און דאַוונען פאַרן עמוד. און אויפן דאָרף? — טוט דער טאַטע אַ שמייכל, — איך פאָר אויפן ישוב, ווייל דאָרטן אויפן דאָרף, ביי די פּראָסטע יידן, לערן איך זיך ווי אַזוי צו דינען גאָט.

די זין האָבן פאַרנומען די רייד וואָס דער טאַטע האָט גערעדט, זיי האָבן אים גאָרנישט געענטפערט און זיך פאַרשעמט מיט זייערע קראָ־מען סחורה וואָס שטייען אויפן מאַרק. זיי האָבן איצטער נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון טאַטן און זענען אַוועקגעגאַנגען צוזאַמען מיט אים דאַוונען מנחה אין שניידערישן בית המדרש.

יאַנקל דער היטלמאַכער איז נישט צוגעגאַנגען צו זיין שטענדער, וואָס שטייט אויבנאָן אין בית המדרש, נאָר ער האָט זיך צוגערוקט צו דער באַנק פון די בעל־מלאכות, וואָס זאָגן צוזאַמען מיט זונדל דעם אורח תהי־לים. ער האָט אַליין אויך אָנגעהויבן זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים. ער זאָגט אָפּ אַ פסוק, ווערט אַנטשוויגן, און הייבט אָן ווידער זאָגן. זיין קול מישט זיך אויס אין בין השמשות מיטן ניגון פון די אַנדערע יידן; ער הערט אָבער ווי דעם פרעמדן יידנס קול שטייגט זיי אַלעמען אַריבער, ציט זיך אויס אין שווערן עלנט, אָט אַזוי ווי דאָס געבעט ביי די יידן וואָס דאַווע־נען מיט אים אויפן ישוב. קוקט זיך יאַנקל טיפער אַריין אין דעם פנים פון דעם אורח, פאָרשט זיינע בליקן און טראַכט:

„ער קוקט אויס אַזוי ווי די יידן פון דאָרף, נאָר זיין פנים לייכט מיט אַן אַנדער ליכט".

ער האָט אָבער מורא געהאַט צופיל זיך פונאַנדערפרעגן ביי דעם אורח, ער האָט זיך געהיט מיט אַן איבעריק וואָרט, נאָר באַהאַלטענער־הייט, זונדל זאָל עס נישט באַמערקן, האָט ער אים מקרב געווען, געזאָרגט,

אַז עס זאָל אים נישט פעלן קיין העמד אויף שבת און עס זאָל זיין צוגע־גרייט פאַר אים אַ מאָלצייט. און איינמאָל האָט ער אים פאַרבעטן צו זיך אויף וועטשערע.

דער אורח האָט אַ ציטער געטון, אַנגעשטרענגט זיין בליק ווי ער וואָלט זיך געקליבן ענטפערן אַ שאַרף וואָרט, נאָר ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, זיך איינגעבויגן נידעריקער ער זאָל מיט זיין וווקס נישט שטיין העכער פון יאַנקלען, און שטיל און ווייך געענטפערט:

— איך בין עס נישט ווערט, דער שבת איז נאָר ראוי צו אַזאַ כבוד...

יאַנקל האָט זיך נישט געאַמפּערט מיט זונדלען און געלאָזן געענט־פערט:

— וועט איר עסן ביי מיר שבת.

ער האָט זיך אָבער נישט געקענט איינהאַלטן און געזאָגט די ישיבה בחורים וואָס האָבן געלערנט אין בית המדרש:

— ווען איר לערנט אַפילו אַ בלאַט גמרא, הערט זיך איין ווי דער אורח זאָגט אַ קאַפּיטל תהילים...

זונדל האָט דערפילט די וואַרעמקייט, וואָס יאַנקל דער היטלמאַכער האָט אויסגעשפּרייט אַרום אים; און אַז יאַנקל איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט זונדל אָנגעהויבן ציטערן אַז אָט אָט פּלאַצט עס אַרויס: „איך בין זונדל דער פּאָסעסאָר, דער גרויסער גביר, מיינע זינד זענען אָבער נאָך גרעסער".

נאָר ער איז ביי געשטאַנען דעם נסיון, אַריינגענומען די שפּיץ באָרד אין מויל, געקייט די האָר און קיין וואָרט נישט אויסגערעדט; ער האָט אָבער נישט געקענט איינזיצן אויפן באַנק, אים איז שווער געוואָרן זאָגן תהילים און די רעיונות וועגן זיינע געשעפטן האָבן אויפגעוואַכט און נישט געלאָזן אים שלאָפן ביינאַכט. אים איז אַרויף אויפן זינען דעם גראַפס טאָכטער, און ווי אַ פרעמדער וואָלט געטראַכט פאַר אים, האָט ער אַליין איבערגעקלערט: „מסתמא שוין חתונה געהאַט".

דער שמש האָט אים דערציילט און די בחורים, וואָס זענען געווען אויף אַ משמר, האָבן געזאָגט, אַז זונדל שרייט ביינאַכט פון שלאָף און רייסט די באָרד. מען האָט אָנגעהויבן ציטערן איבערן אורח, פאַרוואָס איז אים באַפאַלן אַזאַ אומרו: „עסט נישט אַ גאַנצן טאָג און שלאָפט נישט ביינאַכט; אפשר איז דאָס אַ חלאת און מען דאַרף רופן אַ רופא"; זונדל האָט געשוויגן, גאָרנישט געזאָגט, נאָר ער האָט נישט געקענט באַהאַלטן

זיין פּנים פון חרפּה; פלעגט ער בייטאָג, ווען די ישיבה בחורים זיצן און לערנען, זיך אַרויסגנבענען פון בית־המדרש, ער פלעגט אַוועקגיין הינטערן שטאָט און קומען צוריק פאַרנאַכט, ווען מען האָט זיך שוין געשטעלט דאַווענען מנחה.

און איינמאָל ביינאַכט, ווען זונדל האָט זיך פון זיינע אייגענע געשרייען אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון באַנק, זיך אַוועקגעשטעלט אַ גלייכער, אַן אויסגעצויגענער און געקוקט אויף דעם בית המדרש; אַרום און אַרום איז געווען שטיל, אין אַ ווינקל האָט אימיצער געדרעמלט, לעבן ארון קודש האָט זיך געטונקט דער שיין פון די יאָרצייט־ליכט, און פון אומעטום איז געקראָכן שווער אַן אומעט מיט אַ שרעק און געיאָגט און געטריבן זונדלען, און נישט געלאָזט אים איינשטיין אויפן אָרט.

האָט זונדל אַ כאַפּ געטון זיין לאַנגן שטעקן און איז אַרויסגעלאָפן אין דער פינצטערער נאַכט פון בית־המדרש; זיינע געדאַנקען האָבן אים אַוועקגעטראָגן אויפן וועג, וואָס פירט צו אים אַהיים.

אַז זונדל איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, און עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט איבערגעלאָזן דעם טלית און תפילין אין בית המדרש; ער גייט בלויז מיט זיין שטעקן, אָן דעם טלית און תפילין.

אַ שרעק איז אים באַפאַלן; אַ שווייס האָט אַרויסגעשלאָגן אונטערן היטל און זונדלען האָט זיך געדוכט, אַז אים איז שווער צו טראָגן די אייגענע באָרד; די האָר קריכן אונטערן האַלדז, בייסן דאָס לייב און פּלאָנטערן זיך אין דעם לאַנגן קאַפּטן, וואָס ער האָט אָנגעטון אין באַטאָכעז.

האָט ער אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעך מיט געפּענטעטע טריט און געטראַכט, אַז ער דאַרף זיך אומקערן צוריק קיין באַטאָכען נאָכן טלית און תפילין.

נאָר דער שטן מקטרג האָט זיך אַריינגעמישט, אויסגעצויגן ווייט און לאַנג דעם זומערדיקן טאָג איבערן וועג, אַרויסגעפירט די זון הויך איבער די ביימער און איינגערעדט זונדלען ווייך און גוט: „דו וועסט קומען אין בית המדרש נאָך זמן קריאת שמע... מען וועט פרעגן ביי דיר ווו דו האָסט געדאַוונט?״

און אַז זונדל האָט זיך אָנגעהויבן ווערן מיט זיך אַליין, זיך קריגן מיט דעם מלאך רע: „דער מהלך איז אַזאַ ווייטער, ער דאַרף נאָך גיין אַ טאָג מיט אַ נאַכט, ווען וועט ער דאַווענען און ווו וועט ער צושפּאַרן דעם קאָפּ אָן אַ טלית און תפילין?״

האָט זיך דער בייזער שטן אַרויסגעגנבעט אַפריער פון זונדלען, זיך אויסגעצויגן אויפן וועג, פאַרשאַרט דעם טאָג מיט דער נאַכט און אַריינגענאַרט זונדלען מיט זיינע גרויסע געשעפטן, וואָס וואַרטן אויף אים אין דער היים, ביז ער איז געקומען צו דעם טייך, וואָס האָט דורכגעשניטן די פעלדער פון זיין הויף.

די וואָלקנס האָבן זיך געוויגט צווישן הימל און ערד; די כמאַרעס האָבן זיך געשפּאַרט נידעריקער פון דער זון און די בלויקייט פון די הימלען האָט זיך אויפגעעפנט אין די שפּאַלטן פון די געדיכטע וואָלקנס, ווי אין אַן אָפּגרונט. די פינצטערניש האָט זיך אָפּגעזעצט אין דער ליכטיקייט, און די ליכטיקייט האָט אַרויסגעשיינט פון דער פינצטערניש ווי אַ בליץ שניידט דורך דעם וואַלד.

זונדל האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון צי עס איז נאַכט אָדער טאָג; ער האָט זיך געיאָגט אַהיים אין זיין רייכער שטוב, און ער האָט זיך געאיילט צו זיין גרויסן פאַרמעגן, צו די גרויסע געשעפטן, וואָס וואַרטן אויף אים ביי גראַף פּאַסלאַווסקין אין הויף.

אַז ער האָט אָבער אַוועקגעשטעלט אַ פוס אויף דער בריק פון טייך, האָבן זיך די שטאַנגען אָנגעהויבן וויגן, די ברעטער ברעכן, און פאַר די אויגן האָט זיך געעפנט דער שוואַרצער אָפּגרונט פון טיפן וואַסער.

זונדל איז אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק, אַנטלאָפן פון דער גרויסער סכנה און געבליבן שטיין ביי דעם ברעג פון טייך. פאַר זיינע אויגן איז פון דער אַנדערער זייט טייך געלעגן אויסגעשפּרייט זיין גרויס עשירות און די בריק איז געשטאַנען פעסט און שטאַרק אויף די הויכע זיילן. האָט זונדל געפּרוווט נאָך אַמאָל אַרויפגיין אויף דער בריק, נאָר ווייַ און ווינד, דער ווינט וויגט די פאַרענצעס אַהין און צוריק, הוידעט די בריק אַרויף און אַראָפּ, און זונדל קען קיין טראָט נישט אַוועקשטעלן. זוכט ער אונטער דער לינקער האַנט, אונטער דער האַנט וואָס מען לייגט תפילין, דעם טלית און תפילין, נאָר דער בייזער שטן, וואָס האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן פאַרבאָרגן די קליפּה אין דעם אומעט פון זונדלס אויגן, רייצט

זיך איצטער מיט אים: „אַ ייד אָן טלית און תפילין איז הויל און נאַקעט און ער האָט זיך נישט מיט וואָס צו באַשיצן פון אַ סכנה״...

האָט זיך זונדל געטון ווענדן צו דעם אָזשערניצער בחור ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף אים. נאָר דער שטן מקטרג האָט פאַרהוילן פון אים דאָס פּנים פון צדיק און אַרויסגעפירט פאַר זונדלס אויגן די ישיבה בחורים פון דעם בית המדרש אין באַטאַכען. זיי, די בחורים — די לערנער, האָבן געמאָנט מיט דעם ניגון פון לך־לך, וואָס דער רבי האָט אַמאָל געשטראָפט אין זיין שטוב די רשעים: „פאַרוואָס האָסטו פאַרשלייערט דיין גאווה מיט עם־הארצעס און חוזק געמאַכט פון אונדז מיט דיין הכנעה?״

און זיי פרעגן האַרב און שאַרף: „אַזוי האָסטו מקיים געווען וואָס דער אָזשערניצער בחור האָט דיר געזאָגט? איז דיין האַרץ געווען מיט די רייד וואָס דו האָסט גערעדט צו אונדז?״

און דער בייזער שטן האָט זיך איצטער נישט פאַרשטעלט ווייך און שטיל ווי דער אומעט פון דעם גראָפס טאָכטער עלנדקייט, נייערט געקוקט ווי אַ קטרוג און דערמאָנט ר׳ זונדעלען אַז ווען יאַנקל דער היטלמאַכער האָט אויסגעשפּרייט אַרום אים זיין גוטסקייט, האָט ער זיך געוואָלט איבערנעמען מיט זיין גרויסן פאַרמעגן, ווייל ער האָט זיך פאַרלאָזן אויף דעם צדיק אַז זיין ברכה וועט אָפּהיטן זיין עשירות, ער האָט אָבער פאַרגעסן אויף די הייליקע רייד וואָס דער אָזשערניצער בחור האָט אים פאַרזאָגט ווי אַזוי ער זאָל תשובה טון.

האָט זונדל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, איינגעבויגן דעם רוקן אונטער זיינע שווערע זינד, און זיך אַליין געענטפערט: „דערפאַר איז דיין תשובה נישט אָנגענומען געוואָרן״. און ער האָט מער נישט געטראַכט פון זיין עשירות, ער האָט אָבער געוואָלט אַ קוק טון אויף זיין ווייב און קינדער, האָט ער אויסגעצויגן ווייט און לאַנג זיין בליק אויף דער אַנדערער זייט טייך.

נאָר דער מלאך רע, וואָס האָט אין די פינצטערע נעכט פון בית המדרש געוואַרעמט ביי זונדלען די בענקעניש נאָך דעם גראָפס טאָכטער, האָט איצטער מיט אירע גאָלדענע האָר, פאַרשטעלט פון אים דאָס פּנים פון זיין ווייב.

האָט זונדל פאַרמאַכט די אויגן, זיך אָנגעשפּאַרט שווער אויף זיין

שטעקן, ווי ער וואָלט זיך איינגעגראָבן אין זיינע טריט און אַרויסגע־ברומט:

— רבונו של עולם! גרויס זענען נאָך מיינע זינד!...

ער האָט אַרויסגעלאָזן אַ טיפן קרעכץ און זיך צוריק אַוועקגעצויגן איבער דער וועלט.

ז

זונדל איז געגאַנגען איבער ווייטע טראַקטן מיט אַ געבעט אויף די ליפּן, הקדוש ברוך הוא זאָל אים פירן אויף דעם רעכטפאַרטיקן וועג, און צושיקן די מעשים טובים, וואָס זאָלן אים אויסלייזן פון זיינע זינד.

איבער די שליאַכן האָבן זיך געצויגן פורן אויפן מאַרק, יידן זענען געפאָרן האַנדלען אויף די יאַרידים, גויים האָבן געפירט זייער תבואה פון די פעלדער, נאָר זונדל האָט זיך אויף קיינעם נישט אַרומגעקוקט, מורא געהאַט עפּעס פרעגן און געציטערט עפּעס ענטפערן.

איבער די פרעמדע וועגן איז געגאַנגען אַ הויכער ייד מיט אַ לאַנגן שטעקן, זיך געלאָזט פירן פון די אייגענע טריט און אים האָט זיך גע־דוכט אַז אַלע מיידן אים אויס, אַזוי ווי ער קוקט זיך אויף קיי־נעם נישט אַרום, נאָר אַ בהמה, אַ ווייסע בהמה מיט שוואַרצע פלעקן, האָט זיך אָפּגעריסן פון דער טשערעדע, זיך צוגעניוכעט צו אים און טרעט נישט אָפּ פון אים.

קוקט זיך איין זונדל ווי די בהמה מיידט אויס די פוסגייער, שפּאַרט זיך צווישן די פורן און ער זעט נישט קיין פּאַסטוך, וואָס זאָל אַכטונג געבן אויף דער באַשעפעניש. האָט אים אַרומגענומען אַ רחמנות אויף דער בהמה און ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך איר, גלייך ווי ער וואָלט זי אָפּגע־נומען פון פעלד און געטריבן אין שטאָל אַריין.

אַזוי איז זונדל נאָכגעגאַנגען נאָך דער בהמה, ביז ער איז געקומען צו דער קרעטשמע אין דעם דאָרף גייאָלאָוויטש.

די בהמה איז געבליבן שטיין אויפן הויף, אויסגעשטרעקט דעם האַלדז צום טיר פון שטוב און אָנגעהויבן מעקען לאַנג און אויסגעצויגן.

עס האָט זיך געעפנט די טיר פון שטוב און עס איז אַרויס אויפן שוועל אַ דערוואָקסן מיידל און זיך פונאַנדערגעוויינט:

— ווידער געקומען צוריק!

דאָס מיידל האָט געוויינט אויפן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן איר טאַטן מיט דער מאַמען.

אירע טאַטע־מאַמע, יודל מיט נעכען, האָבן געהאַלטן די קרעטשמע אין דעם דאָרף גייאולאָוויטש און געצויגן זייער חיונה פון דעם גוי, אַזוי ווי די אבות פון דעם אַזשערניצער בחור האָבן אַמאָל געפירט זייער לעבן אין דעם דאָרף נעכאַמע.

יודל האָט נישט פאַרמאַכט די טיר פון קרעטשמע פאַר דעם גוי, ער זאָל האָבן וווהין צו קומען אויסרעדן זיין שווער האַרץ פאַר אַ שכן, און וווּ צו פאַרטרינקען זיינע זאָרג מיט אַ גלאָז בראַנפן; און דער גוי האָט געהאַלטן אָפן זיין שטוב פאַר יודלס אַ קינד, אַ מיידל זאָל זיך קענען איינקוקן ווי די „קאָביטע" שפּינט די פלאַקס, און אַ ייִנגל זאָל זיך קענען אָפּלערנען ווי אַ מאַנסביל דרעשט דעם קאָרן.

דער גוי האָט נישט חושד געווען דעם ייִדן, אַז ער וועט גנבענען פון זיין האָב און גוטס, און דער ייִד האָט נישט מורא געהאַט אַז דער גוי וועט צונעמען זיין פרנסה.

נאָר איינמאָל, ווינטער האָבן די בייזע זאַווערוכעס אָנגעטראָגן אַן אומגליק אויפן דאָרף — גנבים האָבן אַרויסגעגנבעט די פערד פון די שטאַלן. דער גוי האָט געבראַכט דעם יונגן קאַשטאַן פון יאַריד, דורכגעפירט אים מיט שטאָלץ פאַר דער צוים איבערן דאָרף און זיך איבערגענומען מיטן שטעל פון זיינע פיס, אָבער אַן אומגליק: איידער דאָס פערד האָט אויפגעגעסן די טאָרבע האָבער, האָט מען עס שוין אַרויסגעפירט פון שטאַל.

האָבן די וואַרטעס נישט געזוכט ביינאַכט, געצויגן זייערע טריט אַרום דאָרף ווי אַ צוים, די גויים זענען נישט געשלאָפן אין שטוב, נאָר געגנעכטיקט אין שטאַל, אָבער, ווייִ און ווינד, מען כאַפּט זיך אויף פאַרטאָג, דער טויער פון שטאַל איז פאַרשלאָסן אויף די שווערע שלעסער, דאָס פערד איז אָבער נישטאָ אין שטאַל.

קלאָגט די גויע אויף איר פאַראַרימטן לעבן, קאָכט די יוכע ביי דעם גוי: „נישט אַנדערש די כיטרע ייִדעלעך פון שטאָט קומען אַהער; זיי קריכן אַריין דורך דער סטריכע און פירן אַרויס דאָס פערד אונטער דער פּאַדרובע". און ער זוכט צו וועלכן ייִדן פירן די טריט פון דעם פערד.

און די גוים האָבן דערזען — די טריט פון שוואַרצן זשערבעץ טוען פירן צו יודל דעם קרעטשמער אויפן הויף, און זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז ביינאַכט האָבן מענטשן געזען ווי די פרעמדע יידעלעך — די „קאָניעקראַדן" — אין די הויכע איינגעצויגענע שטיוועלעך מיט די שוואַרצע היטעלעך האָבן זיך באַהאַלטן ביי אים אין קרעטשמע ביז זיי וועלן קענען מיט זייער כישוף אויסשפרייטן דעם שלאָף איבערן דאָרף און פאַרטויבן די פערד.

האָבן זיך די גוים אַריינגעריסן פאַרטאָג, ווען יודל מיט זיין הויז־געזינד זענען נאָך געשלאָפן אין די וואַרימע בעטן, מיט געשרייען, מיט קלעפּ און געמאָנט מיט גבורה: „ווו האָסטו באַהאַלטן די גנבים?!"

און אין זייער גרימצאָרן האָבן זיי אים געוואָלט הרגענען. עס איז אָבער געקומען דער אוריאַדניק און אָנגעהויבן שרייען: „געזעץ, אַ גנב דאַרף מען ברענגען צו „נאַטשאַלסטוואָ".

האָט מען געבונדן יודלען אין שטריק און אַוועקגעפירט אים צוזאַמען מיט דעם ווייב אין שטאָט אַריין, אַריינגעזעצט אין אָסטראָג ביז מען וועט אים אַוועקשטעלן צום משפּט פאַר גנבענען פערד.

די גוים פון דאָרף האָבן אָבער נישט געקענט רוען, האָבן זיי גע־מאַכט אַ „סכאָד", טראַכטן וואָס זאָל מען טון מיט דעם יידן.

האָט די „הראָמאַדע" געשריגן, געריידט און דערטראַכט זיך, אַז יודלען וועלן זיי צוריק אין דאָרף נישט אַריינלאָזן, זיינע קינדער טאָר מען אָבער נישט טשעפּען — זאָלן זיי זיצן אין קרעטשמע; נאָר דעם יידנס בהמה קען זיך נישט פּאַשען צוזאַמען מיט דער טשערעדע פון דאָרף.

און אין ווענסנע, אַז מען האָט אָנגעהויבן טרייבן די בהמות אין פעלד, זענען די גוים, די בעל־גופים פון דאָרף, געקומען צו באַשען — יודלס עלטערע טאָכטער — זאָגן איר, אַז די „הראָמאַדע" האָט געלאָזט וויסן, אַז איר בהמה קען זיך נישט פיטערן צוזאַמען מיט דער טשערעדע פון דאָרף.

באַשע האָט געוויינט: „וועט די איין־איינציקע בהמהלע אָפּעסן אייערע פעלדער?!"

די בעל־גופים זענען געשטאַנען אין קרעטשמע רואיק, און געלאַסן איבערגערעדט: אַזוי זאָגט די „הראָמאַדע".

ווי קען מען אָבער האַלטן אַ בהמה אין די זומערדיקע היצן אין שטאַל. און ווי קען מען פאַרקויפן אויף שחיטה אַ בהמה — אייגענע האָדאָוולע? האָט באַשע אָפּגעגעבן די בהמה צו משהן אין פּאַקט, זי זאָל זיך פּיטערן צוזאַמען מיט זיינע בהמות ביז גאָט וועט געבן און מען וועט דעם טאַטן מיט דער מאַמען אַרויסלאָזן פון אָסטראָג.

דער בהמה האָט אָבער געצויגן צו איר שטאַל און צו יודלס קינדער, וואָס האָבן זי אויסגעהאָדעוועט מיט דעם ברויט, וואָס זיי האָבן זי געקאָרמעט פון די הענט. פלעגט זי אַנטלויפן פון דער סטאַדע און קומען צוריק אַהיים, צו דער קרעטשמע אין גייאָלאָוויטש. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר, געלעקט די קליאַמקע, געמעקעט און געררופן, גלייך ווי מען וואָלט ביי איר צוגענומען דאָס קאַלב, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון איר אינגעווייד.

ח

און אין דעם זומערדיקן פאַרנאַכט, ווען זונדל האָט אומגעבלאָנדזשעט איבערן וועג, איז די בהמה געגאַנגען צו זיך אין שטאַל און געבראַכט קיין גייאָלאָוויטש, צו דער קרעטשמע, דעם הויכן יידן מיט דער לאַנגער באָרד און גרויסן שטעקן.

באַשע איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר פון קרעטשמע, געקוקט אויף דעם הויכן יידן — דעם אָרימאַן — און געוויינט; און דער הויכער ייד איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט אויפן שטעקן, זיך געבויגן אונטער זיין מידקייט, נישט אַראָפּגענומען זיינע אָפענע אויגן פון מיידל, געציטערט עפּעס צו פרעגן און נישט געוווסט ווי אַזוי צו טרייסטן די יידישע טאָכטער.

עס איז אַרויס באַשעס ייִנגערע שוועסטער, לאה, אַ קוק געטון אויף דער בהמה און זיך אָנגערופן צו דער עלטערער שוועסטער:

— איך האָב דיר געזאָגט... און באַוויזן איר, אַז זי האָט געטראָפן — די בהמה איז געקומען אַהיים; זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיטן שטעל פון אַ דערוואַקסענער, ווי אַ גלייכע מיט דער עלטערער שוועסטער און מיט איר צוזאַמען געזאָרגט וואָס זאָל מען טון מיט דער בהמה.

עס איז אַרויסגעלאָפן דאָס קליינע ברודערל חיים; ער האָט זיך דערפרייט מיט דער בהמה, וואָס איז ווידער געקומען אַהיים, איז צוגע-

שפּרונגען צו איר און אָנגעהויבן גלעטן איר מאָרדע. די בהמה האָט גע־קוקט אויפן ייִנגל מיט אירע שטומע אויגן, געלעקט מיט דעם צונג זײַנע הענט און נישט אָפּגעטראָטן פון שטוב מיט די קינדער.

זונדל האָט זיך אײַנגעקוקט אויף דעם גרויסן הויף מיט דער צע־שפּרייטער קרעטשמע און געטראַכט, אַז די בהמה האָט אים געבראַכט צופירן צו אַ ייִדן אַ קרעטשמער, האָט ער שטיל געפרעגט:

— ווו איז דער טאַטע? איז די מאַמע אין דער היים?

— אַוועקגעגאַנגען... — האָט באַשע קוים געענטפערט און די טרערן האָבן זיך טיפער אַוועקגעשטעלט ביי איר אין האַלדז.

האָט שוין זונדל פאַרשטאַנען, אַז פון דער שטוב לויערט אַן אומ־גליק, האָט ער זיך געהיט מיט אַן איבעריקן וואָרט, בלויז אויסגערעדט:

— ווײַנט נישט קינדער, דער טאַטע וועט קומען אַהיים...

באַשע האָט אָבער איצטער נישט געהאַט קיין צייט צו דערציילן דעם ייִדן, אַז די רוצחים לאָזן נישט טאַטע־מאַמען קומען אַהיים, ווייל זי האָט זיך געאײַלט אויסמעלקן די בהמה, איידער עס וועט נאַכט ווערן.

זינט מען האָט דעם טאַטן מיט דער מאַמען אַרײַנגעזעצט אין אָסטראָג, האָבן די גויים נישט געלאָזט צורו יודלס קינדער — די ייִדישע טעכטער. זיי פלעגן זיך צונויפקלייבן אין אָוונט אין קרעטשמע, אויסלעשן דאָס פייער פון לאָמפּ, און קריכן מיט זייערע הענט אין דעם נאַקעטן לייב פון יודלס טעכטער.

האָבן די ייִדישע קינדער פאַרשפּאַרט די טיר פון שטוב פאַרנאַכט, איידער עס איז פינצטער געוואָרן, און קיינעם נישט אַרײַנגעלאָזט אין קרעטשמע.

אָבער הײַנט האָט זיך באַשע אײַנגעקוקט ווי עס ווערט טונקל און זי דאַרף נאָך צוגרייטן דעם ציבער פאַר דער בהמה, האָט זי געציטערט, אַז די גויים זאָלן זיך נישט אַרײַנרייסן אין קרעטשמע. האָט זי קיין סך נישט גערעדט מיט דעם פרעמדן ייִדן, זי האָט אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן, גוט און פרום אַ קוק געטון אויף דעם אָרימאַן און געבעטן אים אַרײַנגיין אין שטוב, וועט ער אָפּעסן וועטשערע און איבערנעכטיקן.

דער ייִד האָט זיך אַוועקגעזעצט אין הינטערשטן חדר, אין דעם טייל פון דער שטוב, וואָס איז אָפּגעצאַמט פון קרעטשמע און אײַנגעדרעמלט פון פאַרמאַטערטקייט.

אַז די גוים האָבן אָבער דערזען ווי די טיר פון קרעטשמע איז אָפן, האָבן זיי זיך איינציקווייז אַריינגעגנבעט אין שטוב, זיך אויסגעזעצט אויף די בענק, זיך אַוועקגעשטעלט לעבן וואַנט, געדרויכערט זייער מאַכאָרקע און גערעדט זנות רייד וועגן די יידישע טעכטער.

און שפּעטער, אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָבן די גוים אָנגעהויבן רואיק און געלאַסן איבערפרעגן:

— האָסט אַ קוואַרט בראַנפן?

— היינט איז מאַכאָרקע וועלוועלער...

זיי האָבן יעדעס וואָרט געזאָגט אַזוי, מען זאָל זען אַז זיי מיינען עפּעס אַנדערש, און באַגלייט די אייגענע רייד מיטן הירזשען פון געלעכ־טער — זייערע זנות־רייד זאָלן אָפענער אַרויסשפּאַרן איבערן שטוב.

באַשע האָט געטראַכט אַז זי דאַרף אַריינרופן דעם פרעמדן יידן, זאָלן די גוים זען אַז עס איז פאַראַן אַ מאַנסביל אין שטוב. דער אָרימאַן איז אָבער געשלאָפן מיט אַזאַ שווערן שלאָף, אַז זי האָט אים געזשאַלעוועט אויפוועקן.

איז זי געשטאַנען לעבן אַלמער, פאַרבאָרגן איר שרעק, און געהיט דעם לאָמפּ לעבן זיך, מען זאָל נישט אויסלעשן דאָס פייער, און שטיל געענטפערט:

— איר ווייסט דאָך אַז איך פאַרקויף איצטער נישט קיין בראַנפן, און אַז איר וועט געבן אַפריער דאָס געלט, וועל איך אַרויסנעמען דעם טיטון.

די גוים זענען געזעסן אין קרעטשמע, זיך געררייצט מיט די וואָר־טער וואָס זיי האָבן געפרעגט, און באַשע האָט זיי רואיק דערמאַנט:

— ווען וועט איר שוין גיין אַהיים, איר דאַרפט דאָך באַלד אַרויס־פירן די פערד אויף „נאָטשליעג", ווי נישט וועל איך באַלד אימיצן אַריינ־רופן און ער וועט אייך אַרויסטרייבן.

— אַ ראַבין, אַ טייוול! — האָבן די גוים אַרויסגעלאָזן אַ גרויסן געלעכטער און אָנגעהויבן רייסן דעם לאָמפּ ביי באַשען פון די הענט און געשריגן:

— „פּאָמאָצאָט"!...

מיכאַלקע, אַ הויכער שגץ, האָט אַרומגענומען באַשען און געקראָכן מיט זיינע הענט צו איר אין די בריסטן, און געררייצט זיך:

— „דאַוואַי“ — גיב.

באַשע האָט מיט איר גאַנצן כוח אָפּגעשטויסן אים פון זיך און אַ געשריי געטון:

— דו וועסט אַוועקגיין! איך וועל דיר די ציינער אויסזעצן!

מיכאַלקע איז אַ פאַל געטון פון דעם שטויס, און די גויים האָבן אָנגעהויבן לאַכן און גערייצט זיין תאווה מיט דעם געלעכטער:

— זי וועט זיך נישט לאָזן!

באַשע האָט זיך צוגערוקט צו דער יינגערער שוועסטער, אַרומגענומען זי מיטן האַנט און געקוקט שאַרף מיט שנאה און שרעק אויף די גויים.

מיכאַלקע האָט זיך פאַרשעמט פאַרן דאָרף, אים איז נישט אָנגעשטאַנען, וואָס אַ „זשידאָוואַטשקע“ איז אים בייגעקומען, און ער איז צוגעגאַנגען מיט רציחה צו באַשען, אַרומגענומען זי מיט זיינע שטייפע הענט פונאַנדערגעריסן איר בלוזקע און אויפגעהויבן זי אין דער הויך מיט איר נאַקעטן בוזעם.

באַשע האָט זיך געוואָרפן מיט די פיס, געביסן אים מיט די ציין, און זיך געריסן פון זיינע איינגעקלאַמערטע פינגער; די יינגערע שוועסטער האָט געשריגן מיט געוויין; די גויים האָבן ניט געקענט איינשטיין אויף די ערטער; געטופּעט מיט די פיס און געהילכט מיט אַ געלעכטער.

דער בייזער געשריי האָט אויפגעוועקט דעם אָרימאַן פון זיין שלאָף. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אויפגעעפנט די אויגן; אַרום אים איז פינצטער, און דאָרטן, ווייטער פון טיר, ציט זיך אַ ליכט, עס טראָגט זיך אַ געשריי מיט אַ געוויין.

זונדלס רעיונות זענען נאָך געווען פאַרשלאָפן פון פאַרמאַטערטקייט און ער האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען ווי לאַנג ער איז געשלאָפן. אין דער רגע האָט ער נישט געוווּסט ווהין ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן, נאָר פאַר זיינע אויגן האָט געשווינדלט דער אָזשערניצער בחור און אין קאָפּ האָבן זיך געטומלט די העק און די ווילעס פון די רוצחים — די גויים, וואָס האָבן אויסגעהרגעט אַ גאַנצע משפחה.

האָט ער אָנגענומען זיין לאַנגן שטעקן, זיך אַ ריס געטון נאָך דעם געשריי און זיך אַ שפּאַר געטון צו דעם ליכט, וואָס האָט זיך געצויגן פאַר זיינע אויגן.

ער איז אַריין אין דער גרויסער שטוב. ערשט ער זעט אַ גוי, אַ הוי־כער, אַזוי די הויך ווי ער, האַלט דאָס מיידל אויף די הענט און דאָס מיידל שרייט און ווערט זיך מיט די פיס.

ביי אים האָט קלאָר דורכגעבליצט, וווהין ער איז אָנגעקומען פאַר־נאַכט, און ער האָט איצטער דערהערט ווי די קינדער האָבן פריער גע־וויינט. האָט ער אָנגעכאַפּט דעם גוי פאַרן האַלדז, זיך איינגעקלאַמערט מיט די הענט אין זיין לייב, און זיין גבורה האָט אַרויסגעשפּאַרט:

— איך וועל דיך דערשטיקן!

מיכאַלקען איז שווער צו אָטעמען, ער קען זיך אָבער נישט אַרויס־רייסן פון דעם יידן, און ער שעמט זיך צו בעטן אַז דער ייד זאָל אים אָפּ־לאָזן. שטייט ער קאָפּ צו קאָפּ לעבן דעם יידן און ווערט זיך נישט.

אין שטוב איז פּלוצלינג שטיל געוואָרן, נאָר די שטילקייט האָט אָנ־געהאַלטן בלויז אַ רגע און ס׳איז באַלד אויסגעוואַקסן אין אַ געשריי:

— לאָמיר זען ווער וועט וועמען בייקומען!

באַשע האָט זיך דערשראָקן, די גויים זאָלן נישט אָנפאַלן אויף דעם יידן, האָט זי זיך געבעטן ביי דעם אָרימאַן:

— לאָזט אים אָפּ. עשוס יוכע. זיי וועלן אייך הרגענען.

קומט דעם יידן אַרויף אַ וואָרט אויפן זינען און ער זאָגט:

— איך האָב נישט מורא, איך האָב יעקבס שטעקן...

שטעלן זיך טרערן ביי באַשען אין די אויגן פון דער סכנה און פרייד, און זי בעט זיך:

— ר׳ יעקב, לאָזט אָפּ דעם גזלן, זיי וועלן נאָך אונדז אומברענ־גען...

זי נעמט אָן ווייך ר׳ יעקבס הענט, נעמט זיי צו פון מיכאַלקען, פירט דעם יידן אָפּ אָן אַ זייט, און שטעלט זיך אַוועק צווישן אים און די גויים, זיי זאָלן אים ח״ו קיין שלעכטס נישט טון.

מיכאַלקעס פּנים איז פאַרגאָסן מיט חרפּה — הייבט ער אויף זיין היטל פון דער פּאָדלאָגע, בייגט זיך איין נידעריק צו דער ערד און לויפט אַרויס פון שטוב. די גויים פּרוּוון עפּעס רעדן, הייבן אויף דאָס קול הויך, נאָר די ווערטער שטאַרבן אָפּ, און זיי רוקן זיך אויך אַרויס איינציקווייז פון קרעטשמע.

אין שטוב זעצט זיך אָפּ שווער די שטילקייט; דער רויך פון דער

גויישער מאַכאָרקע קריכט געדיכט אונטערן סטעליע, דאָס פּייער טונקט זיך טונקל אין לאָמפּ און באַשע טראַכט: „אפשר האָט די טונקלקייט פריער פאַרדעקט איר נאַקעט לייב פון דעם פרעמדן יידן". זי שעמט זיך קוקן דעם יידן אין פּנים אַריין און גייט אַוועק אין אַ באַזונדערן חדר. זי האָט אָבער נישט פאַרגעסן הייסן דער ייִנגערער שוועסטער אויסבעטן דאָס געלעגער פאַר ר' יעקבן אויף דער לאַנגער באַנק אין קרעטשמע און צו־גרייטן עסן פאַר אים.

אויף מאָרגן אינדערפרי, אַז זונדל איז אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך דערשראָקן פאַר דער גוטסקייט, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פון זיין ווייכן געלעגער און ער האָט געציטערט פאַר דער וואַרעמקייט פון שטוב, וואָס האָט זיך געטוליעט צו אים. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער דער לאַנ־גער שטוב פון קרעטשמע און געטראַכט, אפשר האָבן זיינע עוונות פאַר־פירט אים אַהער, כדי ער זאָל קיינמאָל נישט קענען אָפּקומען פאַר זיינע זינד, און ער דאַרף זיך אַוועקציען פון דער קרעטשמע.

ער האָט אָבער נישט געקענט פאַרגעסן, ווי אַזוי מיכאלקע האָט נעכטן געהאַלטן באַשען אין די הענט און די גויים האָבן געהירזשעט פון געלעכטער. ער האָט געזען, ווי באַשע שעמט זיך נאָך איצטער, ווייל דער גוי האָט אַנטבלויזט איר בוזעם פאַר אַלעמען אין די אויגן. זי רעדט צו אים איינציקע ווערטער, דערציילט אָפּגעריסענע רייד וועגן טאַטע־מאַמען, פּרוווט זאָגן צו אים „ר' יעקב", רעדט נישט אויס דעם נאָמען און פרעגט נישט ווי מען רופט אים, פון וואַנען ער קומט.

טאָ ווי אַזוי קען ער איבערלאָזן די עלנדע קינדער אַליין צווישן די גויים און ווי אַזוי קען ער זיך אַנשלאָגן אין אַ פרעמדער שטוב, אַז זיי זאָלן האַלטן אַ בעטלער וואָס שלעפּט זיך אַרום איבער דער וועלט? מאַ־טערן זונדלען די רעיונות און ער קען נישט געפינען קיין רו אין דער אי־בערגעגעבנקייט, וואָס די קינדער האָבן צוגעטראָגן צו אים.

באַשע האָט אויסגעמאָלקן די בהמה, אַריינגעטראָגן די דוויניצע מילך אין שטוב און געוואָלט צוגרייטן עסן פאַר דעם יידן.

די בהמה האָט אָבער דערהערט ווי מען טרייבט די טשערעדע פון דאָרף, האָט זי אָנגעהויבן מעקען, קלאַפּן מיט די הערנער אין טויער פון שטאַל און זיך געבעטן אַז מען זאָל זי אַרויסלאָזן אין דרויסן.

באַשען איז אַרויס פון זינען דאָס עסן, וואָס זי האָט געוואָלט צו־

גרייטן פאַר דעם יידן, ווייל זי האָט געזאָרגט, ווי אַזוי האַלט מען אין אַזאַ היץ אַ בהמה אין שטאַל, און זי האָט נישט געקענט באַהאַלטן איר צער פון דעם פרעמדן יידן. האָט זי אויסגערעדט איר האַרץ פאַר אים:

— ווען חיימל איז עלטער, וואָלט איך אים אַרויסגעשיקט מיט דער בהמה, ער זאָל זי אָנפיטערן ביים ברעג וועג; ווי אַזוי שיקט מען אָבער אַרויס אַזאַ קינד צווישן די רוצחים; וואָס זאָגט איר ר׳?... — און זי האָט נישט געוווסט ווי צו אויסרעדן זיין נאָמען.

— מען רופט מיך זונדל.

באַשען איז געוואָרן גוט, וואָס פאַר איר האָט זיך אַנטפּלעקט אָפן דעם יידנס נאָמען און זי האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, נאָענט און אײַ־בערגעבן, אָט אַזוי ווי אַ קינד רעדט צו אַ טאַטן:

— וואָס זאָגט איר ר׳ זונדל?

— איך וועל אָפּדאַווענען, וועל איך מיט דעם ייִנגל אַרויסטרייבן די בהמה, — האָט זונדל געטרייסט באַשען; אַליין האָט ער אָבער נישט געקענט פאַרבאָרגן זיין אומרו, וואָס ער האָט נישט קיין טלית און תפי־לין, און ער האָט שטיל געפרעגט: — ווי ווייט פון דאַנען וווינט אַ ייד, איך זאָל קענען ביי אים אָפּדאַווענען?

זונדל האָט אָבער נישט געדאַרפט זוכן קיין יידן, ביי וועמען ער זאָל נעמען אַ טלית און תפילין, ווייל ביי יודלען אין שטוב איז געלעגן דער נייער טלית, וואָס מען האָט געקויפט פאַר דעם זיידן ע״ה אויף די עלטערע יאָרן, צוזאַמען מיט די תפילין וואָס זענען איבערגעבליבן פון אים.

האָט זונדל אָפּגעדאַווענט, אָפּגעגעסן אָנבייסן און אַרויסגעטריבן צו־זאַמען מיט חיימען די בהמה אויף פּאַשע.

אויפן וויהאַן האָט זיך זונדל אויסגעצויגן אויפן גראָז און געוואָלט זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון פון די יאָרן, וואָס ער וואָגלט אַרום איבער דער וועלט און באַטראַכטן צי ער ווערט איצטער געפירט אויף דעם רעכטפערטיקן וועג. די רעיונות האָבן זיך אָבער געקנוילט אין זיין מוח, ווי די פליגעלעך האָבן געזשומעט אין געדיכטע קרייזן פאַר זיינע אויגן, און ער האָט זיך אויף קיין זאַך נישט געקענט דערמאָנען, האָט ער זיך איינגעקוקט ווי די בהמה האָט אויסגעצויגן די מאָרדע אין דעם גראָז, און זיך איינגעהערט ווי אירע ציינער שאַרפן דעם ביסן פון מויל.

חיימל האָט אָבער נישט גערוט. ער האָט גענומען ר׳ זונדלס שטעקן, אַרומגעשפּרונגען איבערן וויהאַן, צוגעלאָפן צו דער בהמה, אויסגעריסן אַ הויפן גראָז און געגעבן איר עסן פון דער האַנט, צוריק אַוועקגעלאָפן איבערן וויהאַן, און נישט מורא געהאַט צו גיין צו די פּאַסטוכער פון דאָרף.

די שקצים האָבן אָנגעהויבן שרייען:

— אַוועק זשיד!... מיר וועלן אַראָפּטרייבן דיין בהמה!

חיימל האָט אָבער געוווּסט, אַז ער איז נישט אַליין מיט דער בהמה, האָט ער זיך נישט געשראָקן פאַר די שקצים און איז נישט אַוועק פון די פּאַסטוכער. ער האָט אַרויסגעשטעלט די צונג און זיך גערייצט:

— אַהאַ! דער וויהאַן איז נישט אייערער, נאָר דעם פּריצס! — און איז אַנטלאָפן.

האָבן די פּאַסטוכער אָנגערייצט אויפן יידישן יינגל די הינט און אָנגעהויבן זיך נאָכיאָגן נאָך אים. חיימל האָט אָנגעהויבן שרייען:

— זיי ווילן מיך שלאָגן!

האָט זיך זונדל אויפגעכאַפּט פון זיין דרעמל, זיך אויפגעשטעלט און דערזען ווי דאָס יינגל לויפט און שרייט, און די שקצים מיט די הינט יאָגן זיך נאָך אים. האָט ער אַרויסגעריסן דעם שטעקן ביי חיימען פון די הענט און דערלאַנגט אַ זעץ דעם שוואַרצן הונט, וואָס איז געלאָפן אַפריער; דער הונט האָט אָנגעהויבן סקאַווּיען, זיך איבערגעדרייט אין גראָז און זיך אַוועקגעיאָגט צוריק צו דער סטאַדע.

די שקצים — די פּאַסטוכער — האָבן אַרומגערינגלט דעם יידן מיט די בייטשן, געקוקט אויף אים שאַרף מיט מורא און רוגזה; און חיימל האָט זיך איינגענורעט אין זונדלס פּיס און ביטער געוויינט פון שרעק. האָט זונדל אַ ברום געטון:

— אוביו — איך וועל דערהרגענען! גייט אַוועק פון דאַנען!

די שקצים האָבן מורא געהאַט זיך פאַרמעסטן מיט דעם יידן און זענען אַנטלאָפן צוריק צו זייער סטאַדע. זיי האָבן אָבער נישט געקענט רוען און נישט געקענט אַריבערטראָגן די חרפּה, וואָס דער ייד האָט זיך נישט געשראָקן פאַר זייערע הינט, האָט פאַרטריבן אַלע פּאַסטוכער פון זיך און פּיטערט אַליין די בהמה אויפן וויהאַן.

האָבן זיי אויפגעהערט פלעכטן זייערע קאָשעקעס, אַוועקגעלייגט די

פייפלעך, וואָס זיי האָבן אויסגעשניצט פון ווערבע און געטראַכט, און געטראַכט וואָס צו טון מיטן פרעמדן „זשיד“, ביז זיי האָבן זיך דער־טראַכט, אַז זיי זאָלן היינט נעמען די טשערעדע פריער אַהיים, און זיי ווילן דורכלאָזן די בהמות איבערן טייך, ווייטער פון בריק, דער ייד זאָל עס נישט זען; דערנאָך וועלן זיי עפענען די שליוזן און ווען דער ייד וועט טרייבן זיין בהמה אַהיים, וועט דאָס וואַסער אַוועקטראָגן די באַ־שעפעניש ווייט ווייט אין די זומפּן.

זונדל האָט נישט געוווסט פון זייערע בייזע מחשבות. אַז ער האָט דערזען ווי די פּאַסטוכער האָבן שוין צוגענומען זייער טשערעדע פון ווי־האַן און די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן אונטער די וואָלקנס, נידעריי־קער פון פאַרנאַכט, האָט ער אַריינגעטריבן די בהמה אין טייך און אַוועק מיט חיימלען איבער דער בריק.

זיי זעען אָבער, אַז די בהמה גייט נישט אין וואַסער, נאָר שטרעקט אויס דעם קאָפּ אינדערהויך און שווימט; דאָס וואַסער וואַקסט העכער, יאָגט די בהמה פון בריק און לאָזט איר נישט צוקומען צום ברעג; און אָט טונקט זיך איר קאָפּ אין שטראָם, וואָס ברויזט און שפּאַרט זיך הויך איבער די ברעגן און עס שטעקן בלויז אַרויס אירע הערנער.

האָט חיימל אָנגעהויבן שרייען: „די בהמה טרינקט זיך!“

די שקצים — די פּאַסטוכער — זענען געשטאַנען אויף דער אַנדע־רער זייט פון טייך, געקוקט אויף דעם יידן, געלאַכט און געשריגן:

— וועט זיך דערטרינקען! — און זיך געריצט: — ראַטעווע!

— איך וועל ראַטעווען! — האָט זונדל בייז אַ געשריי געטון און שטיל און ווייך געזאָגט צו חיימען: — שטיי דאָ אויף דער בריק, איך וועל אַרויסראַטעווען די בהמה, — און איז אַריינגעשפּרונגען אין טייך.

דאָס ייִנגל האָט זיך דערשראָקן, אָנגעהויבן וויינען און אַנטלאָפן צום ברעג.

זונדל איז צוגעשווומען צו דער בהמה, אָנגענומען זי פאַר די הער־נער, געלאָזט זיך טראָגן פון שטראָם און ווייט ווייט פון בריק אַרויס־געפירט זי אויפן ברעג.

נעבן טייך איז אַ טומל, אַ געשריי; דער געפילדער הענגט ווי אַ פינצטערע כמאַרע; עס רעשן די פּאַסטוכער; עס ליאַרמען די גויים וואָס גייען פון דער אַרבעט אין פעלד:

— וועט זיך דערטרינקען! וועט אומקומען!

זיי שרייען פון שרעק, יובלען פון פרייד. נאָר אַן עלטערער גוי האָט אַרומגענומען חיימלען און געטוליעט אים צו זיך.

— מיין קינד, מיין קינד, דיין ייד וועט זיך נישט דערטרינקען — און צוזאַמען מיט די עלטערע לייט פון דאָרף געשטראָפט די שקצים:

— גאָטס באַשעפעניש אומגעבראַכט!

די שקצים ווילן לויפן אין קרעטשמע אָנזאָגן, אַז די בהמה האָט זיך דערטרונקען. ערשט זיי זעען פון ווייטן ווי דער ייד מיט דער בהמה גייען ביים ברעג טייך. באַפאַלט די גויים אַ שרעק: „ניעטשיסטאַיאַ סי־לאַ" — אַ פינצטערער כוח.

זיי הייבן אָן ציטערן פאַר די אייגענע בהמות, וואָס בלוקענאַיען זיך אַרום נעבן טייך. די קולות זינקען איין אין זייער חרפה, און זיי איילן זיך אַריינטרייבן די טשערעדע אין שטאַל, דער ייד זאָל זיי נישט אָנטון קיין שאָדן.

אַז זונדל מיט חיימלען האָבן געבראַכט די בהמה אַהיים, האָט שוין באַשע געוווסט פון דעם אומגליק וואָס האָט געטראָפן ביי דעם טייך און אַ דערשראָקענע האָט זי זיך געיאָגט מיט דער ייִנגערער שוועסטער צום וואַסער.

דאָס ייִנגל האָט אָבער שוין פאַרגעסן פון זיין מורא און מיט שמחה דערציילט דער שוועסטער ווי אַזוי ר׳ זונדל איז געשווומען מיט דער בהמה און די גויים זענען אַנטלאָפן פאַר חרפה.

האָבן זיך באַשעס טרערן פאַרצויגן מיט אַ פרייד פון נקמה:

— אפשר וועט אויף זיי אויך קומען אַ סוף...

די שמחה איז אָבער ביי איר פאַרשטערט געוואָרן, ווייל זי האָט נישט געוווסט וואָס צו טון מיט ר׳ זונדלען. ער וויקט זיך נעבעך אין זיין נאַסן אָנטועכץ. האָט זי זיך דערמאַנט, אַז אין אַלמער הענגען נאָך די בגדים וואָס דער זיידע האָט געטראָגן; האָט זי אַרויסגענומען דעם זיידנס לאַנגן קאַפטן, מיט דעם שוואַרצן היטל און די קאָרטענע הויזן, אויסגעקליבן דעם טאַטנס אַ העמד, צוגעטראָגן צו ר׳ זונדלען און גע־הייסן חיימלען, ער זאָל ווייזן דעם טייערן גאַסט די קאַמער און בעטן אים זיך איבערטון.

די טרוקענע קליידער, וואָס זונדל האָט אָנגעטון, האָבן ווייך גע־

גלעט זיין לייב. זיי האָבן אָבער פּאַרצויגן אַן אומרואיקייט אויף זיין פּנים און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער גליטשט זיך אַרויס פון די בגדים. ער האָט זיך איינגעקוקט אויף זיך אַליין, און געטראַכט אַז נעבן אים שטייט אַ פרעמדער ווייטער מענטש, וואָס פרעגט ביי אים ווי אַזוי איז ער געקומען אַהער אין דעם דאָרף גייאַולאָוויטש.

זונדל האָט געוואָלט אויסרעכענען ווי ווייט ער איז אַוועקגעגאַנגען פון דער היים, ער האָט אָבער ניט געקענט מאַכן דעם חשבון, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געהערט פון אַזאַ דאָרף ווי גייאַולאָוויטש און דאָ אין קרעטשמע האָט קיינער נישט געוווסט פון אַזאַ הויף ווי שימכאַוויטש.

זיינע רעיונות האָבן זיך געטראָגן שנעל, אָט אַזוי ווי עס האָבן גע־שווינדלט פאַר זיינע אויגן די פּאַסירונגען, וואָס זענען פאָרלאָפן אין דעם מעת־לעת, און דער ניצחון איבער די גויים האָט זיך געוויגט ווי אַ גרויס וווּנדער פאַר זיינע אויגן; ער האָט זיך געראַנגלט מיט אַ גאַנץ דאָרף און בייגעקומען זיי.

באַשע האָט באַהאַלטענערהייט געהיט ווי דער פרעמדער ייד גייט אַרום איבער דער שטוב, און געטראַכט אַז איר געפעלט נישט ווי ער באַ־נעמט זיך. דאָס פּנים איז ביי אים נישט פון קיין אָרעמאַן און ער גייט אָנגעטון ווי אַ בעטלער; און איצטער, אַז ער האָט אָנגעטון דעם טרוקע־נעם קאַפּטן מיט דעם היטל, זעט ער אויס אַ הויכער, אַזוי הויך ווי דער זיידע ע״ה, און איר איז באַפאַלן אַן אומרו: „פון וואַנען קומט ער, וווהין גייט ער?״

זי האָט זיך אָבער פאַרשעמט: „פאַר אַ יידן זאָל זי זיך שרעקן?״ — איז זי צוגעגאַנגען צו זונדלען און ווייך געזאָגט:

— ר׳ זונדל, וואַשט זיך עסן; איך האָב צוגעגרייט וועטשערע...

זונדל האָט עפּעס שטיל געענטפערט, באַשע האָט נישט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט, נאָר איר האָט זיך געדאַכט אַז אַ פרעמד ווייט וואָרט האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון אירע אויערן. זי האָט נישט איבער־געפרעגט וואָס ער האָט געזאָגט, זי האָט אָבער נישט געקענט איינשטילן איר אומרו. איז זי אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, ווי זי וואָלט עפּעס געדאַרפט טון, און זיך איינגעקוקט ווי ר׳ זונדל עסט: בייסט קליינע ביסנס ווי אַ גרויסער סוחר און טראָגט צו דעם לעפל צום מויל איידל ווי אַ פּריץ.

איז זי פּלוצלינג צוגעגאַנגען צום טיש, זיך אַוועקגעזעצט נעבן ר׳ זונדלען, צוגערוקט נענטער צו אים דאָס ברויט, אויסגעצויגן דאָס טיש־טוכל וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויפן טיש און ווייך אויסגערעדט:

— ר׳ זונדל, איר גייט שוין לאַנג אַרום איבער דער וועלט — און זי האָט געוואָלט פרעגן צי ער האָט אַ ווייב, קינדער, נאָר ר׳ זונדל האָט קוים אויסגערעדט:

— לאַנג און שווער... — און זיינע אָפענע אויגן האָבן אויסגעצויגן אַזאַ קאַלטן טעמפּן בליק, אַז באַשע האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין פּנים. האָט זי מער נישט גערעדט צו ר׳ זונדלען און געטראַכט: „אַז גאָט האָט זיי ביז איצטער אויסגעהיט פון די רוצחים, וועט ער זיי נישט פאַרלאָזן אויף ווייטער, ביז טאַטע־מאַמע וועלן קומען אַהיים, און זי דאַרף נישט האָבן קיין פרעמדע מענטשן אין שטוב.״

אין דרויסן זענען אָבער די גויים נישט אָפּגעטראָטן פון דער קרעטש־מע. זיי זענען געשטאַנען אויפן הויף, זיך איינגעקוקט אין פענצטער און געוואָלט וויסן וואָס טוט אין שטוב דער הויכער ייד, דער טייוול מיטן לאַנגן שטעקן. זיי האָבן אַ קוק געטון אין פענצטער, אַנגעקלאַפּט אין אַ שויב, אַרויסגעלאָזן אַ גרויס געלעכטער און אַנטלאָפן אין הויף. זיי זע־נען צוגעקומען צו דער שטוב, געפּרוווט עפענען די טיר, איבערגעקרימט דאָס יידישע דאַווענען, אויסגעברומט רייד, וואָס זיי אַליין האָבן נישט פאַרשטאַנען, און נישט אַריין אינעווייניק.

באַשע האָט זיך נישט אָנגערופן אויף זייערע רייד; היינט האָט זי נישט מורא געהאַט פאַר די גויים. זי האָט אָבער געוווסט, אַז ווען ר׳ זונדל וועט אַוועקגיין, וועט זיך מיכאלקע אָפּרעכענען מיט איר. האָט זי זיך אַליין איינגערעדט, אַז ר׳ זונדל איז אַ ייד ווי אַלע יידן; אַ ייד איז נישט מיכאַלקע, נישט קיין גוי, דאַרף זי זיך פאַר אים נישט שרעקן. און זי האָט געוואָלט אַרויסווייזן איר גוטסקייט צו דעם פרעמדן יידן, איז זי צוגעגאַנגען צו ר׳ זונדלען און געזאָגט אים, אַז זי וועט אויסבעטן זיין געלעגער אין קאַמער און נישט דאָ אין שטוב אויף דער באַנק.

זונדל האָט זיך נישט איינגעשפּאַרט און נאָכגעגעבן, אַז ער וועט שלאָפן אין קאַמער, און נישט אין שטוב אויף דער באַנק. ער האָט זיך אָבער דערשראָקן: „ווי אַ יוסטער באַלעבאָס, אויף אַ ווייכן געלעגער, ווי

ביי זיך אין פּאַלאַץ״. האָט ער טיף געעפנט די אויגן: „וואָס טוט ער דאָ?״ און נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן זיך.

אַז ער האָט אָבער אַ קוק געטון ווי חיימל שלאָפט אויסגעצויגן אויף דער באַנק, לאה טוט אים אויס די זאַכן, באַשע טראָגט איבער דעם לאָמפּ פון טיש אויף דעם אַלמערל אין ווינקל, מען זאָל פון גאַס נישט זען וואָס עס טוט זיך אין שטוב; פון דרויסן ציען זיך אויס אין פענצטער שווער און שוואַרץ די שאָטנס פון די גויים, האָט ער שטיל און פרום אויסגערעדט ווי אַ ייד לייענט קריאת־שמע: „איך היט יעקבס הויז פון עשוס יוכע״ און ער האָט זיך דערמאנט׳, אַז ער האָט נאָך נישט געדאַוונט מעריב. האָט ער לאַנג אויסגעצויגן דעם והוא רחום און מיט זיין געבעט פאַרשפּרייט אַ רואיקייט איבער דער שטוב.

נאָר שפּעט אין אָוונט, אַז די גויים זענען שוין אַוועקגעגאַנגען פון הויף און באַשע איז שוין געלעגן אין בעט און אָנגעהויבן איינשלאָפן, איז איר פלוצלינג באַפאַלן אַן אומרו: אירע אויגן זענען געוואָרן וואַך; זי האָט זיך דערמאנט אויפן זיידן ע״ה, זי האָט ווידער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם יידן, וואָס איז פלוצלינג געקומען אין קרעטשמע. פון וואַנען האָט ער זיך גענומען? און זי האָט נישט געקענט פאַרגעסן, ווי ער האָט אַרומגעשפּאַנט איבער דער שטוב אין דעם זיידנס אָנטועכץ, אַ הויכער ווי דער זיידע ע״ה. האָט זי פאַרמאַכט די אויגן און געטרייסט זיך: „עס איז אַ גרויסע מצוה פאַרן זיידן, וואָס זי האָט אָפּגעגעבן זיינע בגדים אַן אָרימאַן״.

באַשע האָט אָבער נישט געקענט איינשלאָפן, האָט זי אָנגעהויבן וועקן די יינגערע שוועסטער:

— לאה, דו האָסט געלייענט קריאת־שמע?

לאה האָט נישט געענטפערט. זי האָט זיך נישט געוואָלט אויפכאַפּן. באַשע האָט זי אָבער געוועקט:

— מען טאָר נישט איינשלאָפן אָן קריאת שמע; ווען דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען נישטאָ אין דער היים.

טרייבט לאה פון זיך דעם שלאָף און זאָגט נאָך באַשען:

„געלויבט איז גאָט, אונדזער גאָט, דער מלך פון דער וועלט, וואָס ציט אויס דעם שלאָף אויף מיינע אויגן און מיינע ברעמען...״

און זי שלאָפט ווידער איין.

באַשע היט יעדעס וואָרט, אַט אַזוי ווי די מאַמע האָט געזאָגט איר תחינה און איר דאַכט זיך, אַז זי זעט מיט די אויגן, ווי זי פאַרטרייבט פון זיך די שלעכטע רעיונות, זיי זאָלן זי נישט שרעקן; מיט אירע פרומע רייד באַשיצט זי דאָס הויז, קיין שלעכטס זאָל זיי נישט טרעפן אונטער איר דאַך. זי שלאָפט איין אין אַ מידן שלאָף, מיט אַ זיסן חלום, אַז דער זיידע האָט זיך געמיט אויף יענער וועלט און צוגעשיקט אַ שליח, ער זאָל אויסהיטן די שטוב פון שלעכטס.

אויף מאָרגן אינדערפרי, אַז באַשע איז אויפגעשטאַנען, איז שוין ר׳ זונדל געווען לאַנג וואַך. ער האָט שוין אָפּגעדאַוונט און איז געזעסן ביי דעם טיש אין דעם אייגענעם אַלטן אָנטועכץ מיטן שטעקן אין האַנט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַוועקגיין.

באַשען האָט אַ שניט געטון אין די אויגן: „ער האָט נישט אָנגעטון דעם זיידנס קאַפּטן״ און זי האָט דערזען דעם צער אַזוי טיף אויף זיין אויסגעמאַטערט פּנים, אַז זי האָט זיך פאַרשעמט פאַר די רעיונות, וואָס זי האָט ביינאַכט געטראַכט וועגן דעם אָרעמאַן וואָס וואָגלט אַרום איבער דער וועלט אָן אַ ווייב און קינדער.

איז זי צוגעגאַנגען צו ר׳ זונדלען, אַ טאַפּ געטון זיין קאַפּטן און אַ זיפץ געטון:

— עס איז דאָך נאָך נאַס, פאַרוואָס האָט איר נישט אָנגעטון דעם זיידנס קאַפּטן?

— די זון וועט אויסטריקענען — האָט ער שטיל געענטפערט.

האָט זיך באַשע דערשראָקן: „וויל אַוועקגיין״...

און זי האָט אָנגעהויבן רעדן: — ר׳ זונדל גייט נישט אַוועק, בלייבט ביי אונדז...

חיימל האָט נישט געקענט פאַרגעסן ווי ר׳ זונדל איז אַריינגעשפּרונגען אין טייך, איז ער צוגעלאָפן צום טיש, גלייך ווי ער איז אויפגעשטאַנען, זיך אַוועקגעשטעלט נעבן ר׳ זונדלען, געטאַפּט זיין שטעקן און געפרייט זיך:

—אַי האָבן די הינט געסקאַוואַיעט.

און באַשע האָט ווייטער געזאָגט: — איר וועט לערנען מיט דעם יינגל; ער איז נעבעך אָן אַ מלמד.

און חיימל האָט זיך אַריינגעמישט: — אַזוי ווי דער זיידע האָט גע־לערנט מיט מיר.

ער איז אַריינגעלאָפן אין קאַמער, אַרויסגעטראָגן אַ סידור, אַוועק־געלייגט אויפן טיש און אָנגעהויבן זאָגן עברי.

ר׳ זונדל האָט פּאַמעלעך צוגענומען זיינע הענטלעך פון סידור און שטיל געלערנט אים: — אַז אַ יינגעלע שטייט אויף אינדערפרי דאַרף ער אָפּגיסן נעגל־וואַסער איידער ער נעמט אַ הייליקן ספר אין האַנט, קום וועל איך דיר ווייזן ווי מען טוט עס — און ער האָט צוגעפירט חיימלען צום עמער וואַסער.

באַשע האָט זיך איינגעקוקט אויף ר׳ זונדלען, ווי ער איז מדריך דאָס יינגל, און געטראַכט: „אַ ייד אַ למדן, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען וועלן זיך דערוויסן, אַז ער לערנט מיט חיימלען, וועט זיי זיין גרינגער צו זיצן אין געפענקעניש.

אַז חיימל האָט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, איז ער צוגעלאָפן צום טיש און אָנגעהויבן ווידער זאָגן.

— נישט אַזוי, נישט אַזוי, יאָג זיך נישט... — האָט ר׳ זונדל אונ־טערגעזאָגט אַ וואָרט, פאַרריכט אַ גרייז.

און חיימלען איז געווען גרינגער אויסרעדן „רבי״, ווי זאָגן „ר׳ זונדל״, האָט ער געפירט מיט זיין פינגערל איבער די שורות און געפרעגט און איבערגעחזרט:

— רבי, וואָס איז דאָס? רבי, ווי זאָגט מען? רבי, דאַרף איך אויך דאַווענען?...

— אַז גאָט וועט געבן, דו וועסט זיך אויסלערנען זאָגן עברי, וועסטו קענען דאַווענען, דערווייל, — ווייזט ער אָן אין סידור, — וועסטו זאָגן מודה אני, דאַנקען גאָט, וואָס מיר זענען אויפגעשטאַנען פון שלאָף, בענטשן ציצית; טראָגסט אָן ארבע כנפות? — און זונדל האָט אַ קוק געטון אויף חיימלען, אַ טאַפּ געטון זיין העמדל:

— דו גייסט דאָך אָן אַן ארבע כנפות.

באַשע האָט זיך פאַרשעמט וואָס זי גיט נישט אַכטונג אויפן ברו־דערל. זי האָט אַרויסגעטראָגן דעם ארבע כנפות פון קאַמער און אָנגעטון אים אויפן יינגל.

ר׳ זונדל האָט געהאָלפן חיימלען צונויפנעמען די ציצית אין די הענטעלעך און געלערנט אים:

— זאָג...

די בהמה האָט אָבער נישט גערוט אין שטאַל, זי האָט געקלאַפּט מיט די הערנער אין טויער און געמעקעט.

— און איצטער וועלן מיר אַרויספירן די בהמה אויף פּאַשע, — האָט זיך ר׳ זונדל אַליין אָנגעשלאָגן.

— און איר, רבי, וועט דאַרטן אויפן וויהאַן לערנען מיט מיר — האָט חיימל מיט פריידן גענומען דעם סידור מיט זיך.

אַזוי איז געגאַנגען טאָג נאָך טאָג; חיימל איז אויפגעשטאַנען פאַר־טאָג גלייך מיט ר׳ זונדלען. און ר׳ זונדל האָט אים געלערנט די מצוות, וואָס אַ יידיש קינד דאַרף אָפּהיטן אינדערפרי. ער האָט פריער אָפּגע־דאַוונט מיט אים פון פאַרנט, געהיט יעדעס וואָרט וואָס חיימל האָט גע־זאָגט, פאַרטייטשט אַ טייטש און געלערנט אים צו ליבן און האַלטן היי־ליק גאָטס נאָמען. דערנאָך האָט ער זיך אַליין געשטעלט דאַוונען.

באַשע האָט אויסגעמאָלקן די בהמה, צוגעגרייט אָנבייסן פאַר דער שטוב, און אַז זי האָט געזען ווי חיימל טוליעט זיך צו ר׳ זונדלען און ר׳ זונדל לייגט אַריין אַזעלכע גוטע רייד דעם ייִנגל אין מויל אַריין, האָט זי אַליין אויך אָנגעהויבן רופן דעם יידן „רבי״, און געבעטן אים:

— רבי, וואַשט זיך עסן...

דער רבי האָט אָפּגעגעסן, גענומען מיט זיך דעם סידור פאַר חיימ־לען, געפונען ביי יודלען אין קרעטשמע אַ ספר פאַר זיך אַליין, און אַרויס־געפירט צוזאַמען מיט דעם ייִנגל די בהמה אויף פּאַשע.

דער טאָג שטייט אַ וואַרעמער, די בלויקייט פון די הימלען ציטערט אין דער לויטערקייט פון דער זון און ציט זיך אויס ווייך איבער דעם שטילן וואַסער פון טייך. דאָס ייִנגל זאָגט אָפּ אַ שטיקל עברי און הייבט אָן ווידער פרעגן:

— רבי, פאַרוואָס?... רבי...

און ער וויל אַז דער רבי זאָל אים דערציילן אַ מעשה, אָט אַזוי ווי דער זיידע ע״ה האָט מיט אים גערעדט. דאָס ייִנגל קוקט מיט אָפענע אויגן אויף דעם רבין און דערמאָנט זיך:

— דער זיידע האָט מיר געזאָגט, איך וועל זיין ווי דוד — ער וויל נאָך עפּעס דערציילן, נאָר ער האָט פאַרגעסן; ווערט זיין פּנים אומעטיק און ער טוט אַ זיפץ.

— דער זיידע איז געשטאָרבן.

דערציילט דער רבי חיימלען די מעשה מיט גלית הפלישתי.

און חיימל חזרט איבער אויף זיין שטייגער:

„די פלישתים זענען געשטאַנען אָט אַזוי ווי די גויים קלייבן זיך צו־נויף זונטיק אַרום קלויסטער", און זיינע אייגעלעך פילן זיך אָן מיט פרייד:

— און מיט איין שטיינדעלע...

די רייד וועבן זיך איין אין דער שטילקייט וואָס רוט אַרום און אַרום אויף די פעלדער און וועלדער. דער רבי האָט אָפּגעלערנט מיט חיימלען און קוקט אַליין אַריין אין אַ ספר.

קיין סך ספרים האָט ער נישט געפונען ביי יודלען אין קרעטשמע, בלויז די הייליקע שריפטן וואָס אַ ייד דאַרף האָבן צו מקיים זיין די מצוות בכל יום ויום. עס איז אויך געווען אַן עין יעקב מיט עברי טייטש, מעשה־ביכלעך פון הייליקע צדיקים. זונדל האָט אָבער געזען ווי די בלעטער פון די ספרים זענען ווייך און צעקנייטשט מיט דעם געבעט פון תפילות און די הייליקע אותיות זענען אויסגעווייקט פון טרערן.

האָט ער זיך שטיל און פאַרכטיק אַריינגעטון אין תהלים, פאַרגעסן אין די אייגענע געשעפטן און געטראַכט פון יודלס פיין און אָנגעטון אויף זיך אַליין זיין אָרעם לעבן.

און דאָרטן, ווייטער אויף דעם וויהאַן האָבן די שקצים געפיטערט זייער טשערעדע. זיי האָבן זיך איינגעקוקט ווי דער ייד זיצט און „מאָ־ליעט" זיך מיטן יינגל, און זיי האָבן דערציילט מעשיות וועגן דעם „זשיד", אַז ביי אים אונטער דער באָרד זיצן טייוואָלים און די בייזע רוחות האָבן אים געהאָלפן איבערשווימען דעם טייך, אַנדערש וואָלט ער זיך דער־טרונקען.

און די מעשיות האָבן זיך געקייקלט איבערן דאָרף, די גויים האָבן גערעדט אין דער שטיל, אַז דער ייד שפרינגט ביינאַכט מיט זיין שטעקן איבער די דעכער, און מען טאָר אים נישט אַריינברענגען אין צאָרן, ווייל פון זיינעם אַ בייזן בליק פאַלן די פערד אויף די פיס און די הינער הערן אויף צו לייגן אייער.

האָבן זיי מורא געהאַט צו טשעפּען יודלס קינדער, דער ייד זאָל זיי נישט פאַרשילטן; זיי זענען געקומען אין קרעטשמע, געזעסן רואיק, זיך

נישט גערייצט מיט די מיידלעך, נישט איבערגעקרימט דעם יידן, און באַשע האָט נישט געציטערט פאַרקויפן זיי בראָנפן — זי האָט געוווסט, אַז זיי וועלן איר קיין שלעכטס נישט טאָן, ווען זיי וועלן זיך אָנשיכורן.

און אין שטוב איז דער פדיון געוואַקסן מיט מער הצלחה ווי פריער, ווייל די גויים האָבן באַצאָלט פאַר דעם בראָנפן איידער זיי האָבן אויס־געטרינקען און זיך נישט געכאַפּט שלאָגן, אַז זיי האָבן זיך אָנגעשיכורט.

באַשע האָט אָבער נישט געקענט רוען, וואָס טאַטע־מאַמע זיצן אין אָסטראָג. האָט זי גערעדט מיט די גויים, אַוועקגעשטעלט פאַר זיי בראָנפן, נישט געזשאַלעוועט קיין הערינג און געבעטן זיי, דאָס דאַרף זאָל מאַכן אַ „סכאָד” און שיקן אַ „פּראָשעניע” אַז מען זאָל דעם יידן לאָזן קומען אַהיים.

זי האָט זיי דערציילט פון די גוטע פרומע רייד, וואָס דער „ראַבין” בעט צו גאָט און זי האָט זיי צוגעזאָגט, אַז דער פרומער מאַן, וואָס „מאָ־ליעט” זיך שטענדיק, וועט זיי בענטשן, אַז זייערע קינדער זאָלן נישט וויסן פון קיין חולאת און אויסהיטן דעם שייער פון פייער. זי האָט זיי אָבער אויך געשראָקן מיט די קללות וואָס דער „ראַבין” פאַרשילט די ווי־דערשפּעניקע מענטשן פאַר דעם שלעכטס וואָס זיי טוען אָפּ אויף דער וועלט.

האָבן די גויים געטרונקען דעם בראָנפן, פאַסמאַקעוועט זיך מיט דעם הערינג, פאַר וועלכן זיי דאַרפן נישט באַצאָלן, אָפּגעווישט מיט דעם אַרבל דאָס מויל, און איבערגעחזרט:

— אליע פּראַוודאַ — אמת, אמת...

זיי זענען געפאָרן צו דעם אַסעסאָר, געשיקט פּראָשעניעס, אַז מען זאָל אַרויסלאָזן יודלען פון אָסטראָג, ווייל זיי דאַרפן האָבן ביי וועמען אויסצוטרינקען אַ גלאָז בראָנפן און ווו צו קויפן אַ טאָפּ זאַלץ.

דער סטאַרשינאַ האָט געזען וואָס אָפטער קומען אין קרעטשמע צו דערציילן ווי אַזוי דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז „נאַ־טשאַלסטוואָ” מוז זיי אָפּגעבן צוריק זייער ייד, און פאַרטרונקען די גוטע גייס מיט אַ גלאָז בראָנפן, פאַרביסן מיט אַ הערינג. ער האָט זיך נאָך אַמאָל געשוווירן, זיך געצלמט:

— אַזאַ רחמנות, „נאָש יודל” — אונדזער יודל, — איך וועל נישט רוען!...

באַשע האָט געהערט די גוטע רייד און געצישטערט קיין בייזער רעיון זאָל זיי נישט אַראָפּפירן פון גוטן וועג. האָט זי איבערגעפרעגט ביי ר׳ זונדלען:

— וואָס זאָגט איר, רבי? — און געזוכט ביי אים אַ טרייסט.

און דער רבי האָט געענטפערט שטיל און גאָטספאַרכטיק, ווי ער וואָלט זי געבענטשט:

— גאָט וועט געבן און זיי וועלן קומען אַהיים...

און די פרייד איז געוואַקסן איבער דער שטוב צוזאַמען מיט די גוטע בשורות וואָס זענען אָנגעקומען פון שטאָט; מען דאַרף נאָר אונטער־שרייבן נאָך אַ פּאַפּיר, עס דאַרף בלויז אָנקומען נאָך אַ באַפעל...

זונדל האָט זיך איינגעקוקט ווי די קינדער גאַרן צו זען זייערע טאַטע־מאַמע און נישט געקענט פאַרגעסן פון זיינע אייגענע קינדער, וואָס האָ־דעווען זיך אָן אַ טאַטן; זיי פרעגן ביי דער מאַמען, ווו איז דער טאַטע, און די מאַמע ווייסט, נעבעך, נישט וואָס צו ענטפערן.

ער האָט אָבער נישט געוואָלט פאַרשטערן די שמחה פון שטוב. האָט ער טיף פאַרבאָרגן זיין אומרו און שטיל געבעטן ביי גאָט, עס זאָל אָפּ־געטון ווערן פון אים זיין עשירות, וועט ער אויסגעלייטערט ווערן פון זיינע זינד און וועט זיך קענען אומקערן אַהיים אין אָרעמקייט, אָט אַזוי ווי יודל מיט נעכען וועלן אם ירצה השם קומען צו זיך אין שטוב אַריין.

די „נאַטשאַלסטוואָ“ האָט זיך אָבער נישט געאיילט, זיי האָבן נישט אַרויסגעלאָזט דעם טאַטן מיט דער מאַמען אויף יום־טוב, נאָר זיי זענען געקומען אַהיים ערשט נאָך סוכות.

די פרייד איז געווען אַזוי גרויס אַז דער כמורגנער אָסיענדיקער טאָג האָט געשיינט אין שטוב ווי די זון פון תמוז. די רייד האָבן געקוועלט פון יעדן ווינקעלע: „דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען געקומען!“ און דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן זיך נישט געקענט אָנזעטיקן מיט דעם אייגענעם קול: „קינדערלעך, קינדערלעך“...

אויפן טיש איז געשטאַנען אַן עמער בראָנפן, עס זענען געלעגן הע־רינג, בולקעס; די גויים פון דאָרף זענען געקומען אין קרעטשמע טרינקען בראָנפן, פאַרביסן מיט הערינג, געקלאָפּט יודלען איבער דער פּלייצע, גע־ווונטשן אים אַלדאָס גוטס און געפרייט זיך מיט דער פרייד פון שטוב.

נאָר יודל איז אַרומגעגאַנגען איבער דער קרעטשמע אַ הויכער מיט

ברייטע פלייצעס, געהונקען אויפן לינקן פוס, געציטערט איבער דער איי־גענער שמחה און נישט געקענט אַראָפּנעמען די אויגן פון ר׳ זונדלען.

ער האָט צו דעם פרעמדן יידן געוואָלט מערער רעדן ווי צו די אייגענע קינדער. ער האָט געוואָלט פרעגן ביי אים פון וואַנען איז אַ ייד, און אָנגעהויבן גאָר דערציילן וועגן זיך אַליין:

— אָט דעמאָלט אַ, נישט היינט געדאַכט, ווען זיי האָבן געמאַכט דעם בילבול, האָבן זיי מיך געבונדן אין שטריק און איך בין געלעגן דריי טעג אַ געבונדענער ביז מען מען האָט מיך געבראַכט אין אָסטראָג. פאַר דער צייט איז ביי מיר אָפּגעליימט געוואָרן דער לינקער פוס און איך בין געבליבן אַ הינקענדיקער אויף מיין גאַנצן לעבן; איר זעט ווי איך הינק, — טוט יודל אַ טיפּן קרעכץ. ער עפנט אויף ברייט די אויגן, נעמט אָן ר׳ זונדלען פאַרן אַרבל און פאַרענטפערט זיך: — מען טאָר נישט זינ־דיקן; האָט אייך גאָט צוגעשיקט אַהער; וואָס וואָלטן נעבעך די קינדער געטון אָן אייך?

זונדל קען אָבער נישט איבערטראָגן דעם לויב און דאַנק, וואָס מען טראָגט אים צו. וויל ער אויסמיידן יודלס רייד, ער וואָלט זיך געוואָלט אָפּרוקן אָן אַ זייט, זיך אַוועקזעצן אין אַ ווינקל, קיינער זאָל אים נישט זען. ענטפערט ער מיט געציילטע ווערטער:

— אַז מען פאַרדינט ביי דעם אויבערשטן, פירט ער אויפן ריכטיקן וועג.

יודלען דאַכט זיך, אַז ר׳ זונדל איז פאַראומערט, וואָס ער וועט איצ־טער דאַרפן ווידער אַוועקגיין איבער דער וועלט. וויל ער ביי אים צונע־מען די דאגות און ער לייגט אַרויס זיין גוטסקייט:

— ר׳ זונדל, בלייבט דאָ ביי אונדז. איר וועט זיין דעם ייִנגלס מלמד און דעם שכר־לימוד וועל איך אייך מיט כבוד צוטראָגן; פריער האָט מיט אים דער טאַטע ע״ה געלערנט; ווער וועט אים איצטער ווייזן אַ יידיש וואָרט? — פאַרציט זיך פלוצלינג יודלס פּנים מיט אַן אומעט. זונדל ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. ער קוקט אויף יודלען: „אַ לאַנגע גראָבע נאָז, גרויסע קיילעכדיקע אויגן״ און ער טראַכט, ווען דער אָזשער־ניצער בחור וואָלט געקענט אַרומגיין, וואָלט ער געוועזן אַזוי הויך, ווי יודל. פרעגט ער פלוצלינג:

— האָט איר געהערט פון דעם אָזשערניצער בחור?

— פון דעם אָזשערניצער בחור? — חזרט איבער יודל פּאַרכטיק דעם נאָמען פון דעם גרויסן צדיק. — ווער ווייסט דאָס נישט פון דעם גוטן יידן, אָבער ווי קען איך פאָרן צו אים? איין וועג דאַרף נעמען מיטן אָקס מער ווי דריי טעג. קען איך איבערלאָזן דאָס ווייב מיט די קינדער אַליין אין קרעטשמע און אַוועקפאָרן פון דער היים אויף איבער שבת? — און ער עפנט אויף טיף די אויגן מיט בענקעניש, ווי ער וואָלט עפּעס גע־זוכט אין דער ווייטער ווייטקייט.

— אַזוי ווייט איז פון דאַנען צו דעם אָזשערניצער בחור? — פרעגט שטיל זונדל און ער טוט זיך אָן אַ כוח, ער זאָל נישט פרעגן ביי יודלען צי ער האָט אַמאָל געהערט פון דעם הויף שימכאָוויטש.

— אין דעם דאַרף נעכאָמע? — פאַרטראַכט זיך יודל און ציט אויס דאָס קול מיט אַ ניגון — פון דאַנען קיין בוטען איז אַ וויאָרסט אַכציק — גוטע צוועלף מייל; פון בוטען קיין סלאָנים דאַרף מען פאָרן אַ גאַנצע נאַכט, און פון סלאָנים קיין נעכאָמע איז אויך אַ ווייטער מהלך... נאָר איצטער — ווערט יודל פריילעכער, — אַז גאָט וועט געבן און איר, ר׳ זונדל, וועט זיין אין שטוב, וועל איך זען מאַכן אַזאַ נסיעה. איך וויל אַ קוק טון אויף דעם צדיק, — גייען אויס שטיל יודלס רייד.

טראַכט זונדל: „אפשר האָבן די הייליקע רייד פון דעם אָזשערניצער בחור אים אַזוי לאַנג געפירט איבער דער וועלט, ביז זיין עשירות איז אָפּגעטון געוואָרן פון אים, און ער איז געקומען אין דעם דאָרף גייאָולאָ־וויטש צו יודלען אין קרעטשמע, ער זאָל דאָ אויסגעלייטערט ווערן פון זיינע זינד“.

די רעיונות לאָזן ניט רוען זונדלען, און ער קען זיך אַליין ניט באַ־שיידן צי עס איז שוין געקומען די צייט ער זאָל זיך אומקערן אַהיים צו זיין ווייב און קינדער אָט אַזוי ווי יודל איז געקומען צו זיינע קינדער, ווען ער האָט אויסגעהיט פון די רוצחים.

קוקט ער זיך איין אויף דער פרייד, וואָס גייט אויף דאָ אין שטוב און זעט דעם אומער, וואָס קריכט אונטערן דאַך פון זיין אייגן הויז. ער קען נישט געפינען פאַר זיך קיין אָרט, בייטאָג אין דער ברייטער אויסגע־שפּרייטער קרעטשמע, און קען ניט איינשלאָפן ביינאַכט אויפן ווייכן געלעגער.

און יודל האָט אויך נישט געקענט איינשלאָפן ביי זיך אין חדר. ער איז געלעגן אויפן געלעגער און געטראַכט, אַז ער איז היינט די ערשטע נאַכט ביי זיך אין שטוב מיט די אייגענע קינדער. און די פרייד איז אויס־געגאַנגען אין טיפער בענקעניש נאָכן דאַוונען. ער האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן ביז ער וועט קענען אָנטון ביי זיך אין הויז דעם טלית און תפי־לין, זאָגן אַ לויב צו גאָט ברוך הוא, און די גויים, די אַריסטאָקראַטן, וועלן נישט אָפּלאַכן פון די רציעות און נישט איבערקרימען דאָס דאַוונען.

עס איז אָבער געווען ערשט נאָך האַלבע נאַכט, צו פרי צו דאַוונען. איז יודל אַראָפּ פון בעט, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און זיך אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל ביי דעם טיש און אָנגעהויבן מעביר זיין די סדרה.

„לך־לך", האָט ער אָנגעהויבן מיט דעם ניגון פון טראָפּ, פאַרגאַנגען אין אַן אומעטיקן קול און געוואָלט אויסריידן זיין האַרץ:

„גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען, גיי אַרויס פון דיין הויז, גיי אַוועק אין די מרחקים, אין די ווייטע לענדער, זאָלן גוטע יידן אַרומגיין איבער דער וועלט און איינפלאַנצן תורה אין אַ יידישער שטוב און לערנען מיט די יידישע קינדער ווי צו אָפּהיטן דיינע מצוות", און ער וויינט זיך פונ־אַנדער: „רבונו של עולם, וואָס וואָלטן מיינע קינדער געטון אָן ר' זונדלען, דעם הייליקן יידן, וואָס דו האָסט צוגעשיקט צו מיר אין שטוב אַריין?"

זונדל האָט פאַרנומען זיין טיפן געבעט, אָט אַזוי ווי ער האָט זיך איינגעהערט צו די רייד, וואָס דער אָזשערניצער בחור האָט צו אים אַמאָל גערעדט, און אים האָט זיך געדוכט, אַז מיט זיין ווייכן ניגון און נאָך זיין פאַרשטאַנד פאַרטייטשט יודל די סדרה לך־לך אָט אַזוי ווי דער מלמד האָט אַמאָל געלערנט מיט זיינע קינדער, נאָר מיט זיין לויב צו גאָט מעקט ער אָפּ די קללות וואָס ער האָט דעמאָלט געהערט ביי זיך אין שטוב.

איז ער אַראָפּגעקראָכן פון זיין געלעגער, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, גענומען דעם שטעקן אין האַנט און זיך פאַרטראַכט וואָס זאָל ער טון מיט דעם טלית און תפילין; עס איז ניט זיינס, ווי קען ער אָבער אַרויסגיין אין וועג אָן טלית און תפילין?

פון קאַמער האָט זיך געצויגן יודלס ניגון פון דער פרשה חומש; אויפגעגאַנגען אין אומעט און זיך איבערגעגאָסן אין פרייד מיט דער שמחה, וואָס טאַטע־מאַמע באַגעגענען זייערע קינדער.

„אַזוי וועלן זיך פרייען מיינע קינדער", האָט זונדל טיף איינגע־

גראָבן זיין בליק אין דער פינצטערניש פון שטוב, ווי ער וואָלט אַרומגע־גומען אַ נאָענטע, ליבע זאַך. ער האָט פּאַמעלעך אָנגעטאָפּט דעם טלית און תפילין און ציטעריק מיט שרעק אַרויס פון שטוב.

די אָסיענדיקע נאַכט איז געווען אַ קילע, דער הימל האָט זיך אויפ־געהויבן הויך אַן אויסגעשטערנטער, אין דרויסן האָט זיך פאַרצויגן אַ פרעסטל, דער וועג איז געלעגן אַ לאַנגער, אַ גלאַטער, און די הויכע בערג האָבן אַראָפּגענידערט נידעריק אונטער זונדלס טריט. דער וואַלד איז גע־שטאַנען אַ שטילער, אַ רואיקער, דיביימער האָבן זיך געבויגן ווייך איבער זייערע צווייגן און די בייזע חיות זענען שטיל געלעגן אין זייערע נאָרעס און באַשיצט און באַוואַכט דעם וועג וואָס האָט געפירט זונדלען צו זיך אַהיים אין דעם הויף שימכאָוויטש.

און ביי זונדלען אין דער היים האָט גאָט נישט אָפּגעטון די הצלחה פון זיינע געשעפטן. דאָס עשירות איז געוואַקסן פון דער שפע אויף די פעלדער און דאָס רייכקייט האָט זיך אָנגעזאַמלט פון די גרויסע הכנסות.

אָבער ווי און ווינד צו דעם עשירות, וואָס גראָבט, טיפער פון דער רייכקייט, דעם אומעט אויפן פנים; האָט פייגע נישט געזען דעם ווילטאָג, וואָס האָט געטון קוועלן פון איר גרויסן פאַרמעגן און זי האָט זיך נישט איינגעקוקט אויף דעם כבוד, וואָס לייט האָבן איר געטראָגן אַנטקעגן. גייערט זי האָט געטון וויינען אויף איר בראָך ביינאַכט און זיך געטון טרייסטן מיט דעם בטחון בייטאָג, אַז זונדל וועט קומען, מיט דעם אוי־בערשטנס הילף, אַהיים.

זי האָט יעדן פרייטיק פאַרנאַכט געוואַרט מיטן אָנצינדן ליכט ביז דער לעצטער רגע פון ליכט בענטשן און אָוועקגעלייגט די צוויי חלות אויבנאָן אויפן טיש און אַוועקגעשטעלט דעם בעכער ווין פאַר דעם מאַן, ער זאָל מאַכן קידוש.

און אין דעם פרייטיק, ווען דער וועג האָט זיך געקייקלט אַנטקעגן זונדלען, און זונדל האָט זיך געאײַלט אַנטקעגן דעם וועג, האָט פייגע אויך אויסגעקוקט דורכן פענצטער אויף דעם מאַן, און זיך נישט געקענט דער־וואַרטן אויף אים. נאָר אַז זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן טיש איבער די לייכטער, צוגעדעקט מיט די הענט די אויגן און זי האָט געוואָלט אָנהייבן ליכט־בענטשן, האָט זי דערזען ווי זונדל איז אַריין אין שטוב.

באַשרייבן די פרייד פון שבת אין אַ יידישער שטוב, ווען דער מאַן איז געקומען אַהיים פון זיינע וואַגלענישן איבער דער וועלט, שילדערן די ליטעראַרקיים פון דעם ווייב, וואָס האָט צוגעדעקט מיט אירע הענט די אויגן ליכט צו בענטשן און האָט דערזען דעם מאַן, קען מען נישט מיט דער פעדער פון אַ בן־אדם, דאָס קען מען נאָר געפינען אין די הייליקע ספרים, וואָס דערציילן פון דער פרייד פון שבת; די שמחה ביי זונדלען אין הויז איז געווען אַזוי גרויס, ווי דער עונג שבת וואָס האָט געררוט ביי יודלען אין שטוב.

אַז יודל האָט אינדערפרי מעביר געווען די סדרה, אויפגעוועקט דאָס ווייב, זי זאָל פאַרקנעטן די חלה אויף שבת און אַליין אַרויס אין שטוב זיך שטעלן דאַוונען צוזאַמען מיט ר׳ זונדלען — האָט ער דערזען, אַז דער געלעגער איז אַ ליידיקער און ר׳ זונדל איז ניטאָ.

„אָט־אָ איז געווען דער ייד אין שטוב, געלערנט מיט חיימלען תורה, אויסגעהיט די קינדער פון די גויים, און אָט־אָ איז ער שוין ניטאָ״. איז באַפאַלן יודלען אַ שווערער אומעט.

יודל האָט געזוכט דעם ײדן אין דרויסן. געוואַרט אויף אים אין שטוב, און די פרייד, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן געבראַכט אַהיים, האָט נישט געקענט אָפּטון דעם אומער, וואָס ר׳ זונדל האָט איבערגעלאָזן אין שטוב.

נאָר פרייטיק צונאַכט, אַז יודל האָט דערזען ווי ליכטיק עס שיינען די ליכט, וואָס נעכע האָט אָנגעצונדן לכבוד שבת, האָט אין אים אָנגע־הויבן קוועלן אַ פרייד, אַז אליהו הנביא איז געווען ביי אים אין שטוב און אויסגעהיט די קינדער פון די הענט פון די רוצחים. ער האָט זיך אַוועק־געשטעלט מקבל שבת זיין מיט אַזאַ ניגון, אַז נעכע, זיין ווייב, האָט געזען ווי די מלאכים זינגען צוזאַמען מיט איר מאַן דעם „לכו נרננה״; האָט זי אַליין אויך אָנגעהויבן זאָגן מיט דער פרייד פון שבת אַ תחינה פון לויב צו גאָט ברוך הוא.

אין שרעק

מיין באָבע ע"ה פלעגט זאָגן: „די הייליקע תורה לערנט די קינדער, אַז זיי זאָלן אָפּגעבן כבוד דעם טאַטן מיט דער מאַמען, און טאַטע־מאַמע דאַרפן לערנען די קינדער, אַז אַ ווייב זאָל פאָלגן דעם מאַן און דער מאַן זאָל זיך צוהערן צו די רייד פון דעם ווייב".

א

מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען מיין זיידנס קראָם איז געשטאַנען ברייט און צעשפּרייט מיט איר האָב־און־גוטס אין דעם קליינעם ישוב זשירעווע, און זיינע טעכטער מיט די איידעמס און די אייניקלעך זענען געזעסן לעבן אים, און זיך געטוליעט צו זיין שטוב, גלייך ווי די פינגער וואַרעמען זיך אין דער אייגענער האַנט — אָט אין יענע צייטן פלעגט צו דער באַבען אין קראָם קומען אַ גוי פון דעם דאָרף זאַליעשע.

דעם גוי האָט מען גערופן מיקאַלאַיקאַ; ער איז געווען אין די על־טערע יאָרן, פון מיטעלן וווקס, מיט אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם פּנים און אַ קורץ שיטער בערדל. זיינע אויגן זענען געזעסן טיף איינגעגראָבן אונ־טערן שטערן און אַרויסגעקוקט פון אונטער די אויגן־דעקלעך ווי דורך אַ דינער שפּאַרונע.

מיקאַלאַיקאַ האָט אַלעמאָל געטראָגן אַ קורצן פּעלצל, וואָס איז שוואַרץ געוואָרן פון ווינט און רעגן, און ער איז געקומען צו דער באַבען אין קראָם בלויז ווינטער, אין די גרויסע שנייען און זאַווערוכעס, אָדער אין אָסיען, אין די שווערע רעגנס און בלאָטעס.

ער איז אַריינגעגאַנגען שטיל און דערשראָקן און זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דער טיר; זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין הויכן שטעקן, געקוקט אויף די פּאַליצעס מיט סחורה און געשוויגן.

אַז די באָבע האָט דערזען מיקאַלאַיקאַן, האָט זי אַ ציטער געטון, אָפּגעטראָטן אַ טראָט, גלייך ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פון עפּעס באַ־שיצן; נאָר זי האָט זיך געשטאַרקט און געבליבן שטיין אויפן זעלבן אָרט. זי האָט זיך אויסגעגלייכט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַראָפּגערוקט די פּאַ־טשיילקע איבערן שטערן, פאַרבונדן די שפּיצן אונטערן האַלדז, און שטיל

אויסגערעדט: „שוין געקומען...“, ווי זי וואָלט איבערגעחזרט אַ שווערע בשורה.

זי האָט אָבער לאַנג נישט געקענט בלייבן רואיק; האָט זי איבערגע־לאָזן די קונים ביי דעם וואַרשטאַט מיט די סחורה און הויך אויסגעשריגן צו מיקאַלאַיקאַן: „וואָס שטייסטו ביי דער טיר? דיר איז דאָך קאַלט! קום אַהער, וואַרעם זיך אָן!“

נאָר מיקאַלאַיקאַ איז נישט אָפּגעטראָטן פון אָרט, זיך אָנגעבויגן נידעריקער אויפן שטעקן און זיך געבעטן: „ניין, ניין, מערענקע, מיר איז נישט קאַלט...“

— דו ביסט דאָך אָבער הונגעריק? — האָט די באבע שאַרף גע־פרעגט.

מיקאַלאַיקא האָט פאַרקרימט דאָס פנים, אַרויסגעשטעלט זיינע גרוי־סע ציין, ווי ער וואָלט געוואָלט אָנהייבן לאַכן, און גאָרנישט געענטפערט.

דער באבען האָט אַרומגענומען אַ רחמנות אויפן גוי און זי האָט מיט גוטן איבערגעחזרט נאָך אַמאָל: „הונגעריק... ווילסט עסן?“

— אליע, אליע, יאָ, אמת... האָט מיקאַלאַיקא פאַרמאַכט די אויגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

האָט זיך די באבע אַרומגעקוקט ווו די קינדער זענען, אויסגעהיט אַז קיינער פון די שטוביקע זאָל נישט צוגיין צו דעם גוי, און אַליין אַריינגע־פירט אים אין קיך.

זי האָט אָפּגעטיילט פאַר מיקאַלאַיקאַן אַן אָרט ביי דעם ברעג פון טיש, געהייסן אים זיך אַוועקזעצן אויף אַ בענקל, אָנגעגאָסן אַ שיסל גע־קעכטס, אַוועקגעלייגט אַ לוסטע ברויט, און שאַרף געזאָגט, ווי זי וואָלט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: „עס, זאָלסט נישט בלייבן הונגעריק!“

אַליין איז זי נישט אָפּגעטראָטן פון טיש, געשטאַנען לעבן מיקאַ־לאַיקאַן, גלייך ווי זי וואָלט אים אַרומגעצוימט, זיין שליטה זאָל ווייטער פון אים נישט גיין, און געהיט אַז זיינע בליקן זאָלן נישט פאַלן אויף קיין זאַך פון שטוב.

אַז מיקאַלאַיקא האָט אָפּגעגעסן, האָט זיך די באַבע געפעדערט און זיך באַוואָרנט: „בעט נישט, איך וועל אַליין געבן!“

זי האָט אים דערלאַנגט אַ האַלבן לאַבן ברויט, אָנגעשאָטן אַ קעשענע מיט צוקער און אַרויסגעפירט אים דורך דער הינטערשטער טיר אין

דרויסן.

זי איז געבליבן שטיין לעבן שטוב ביז מיקאָלאיקאַ איז אַרויסגע־גאַנגען פון הויף און זיך איינגעקוקט ווי ער גייט שווער אין שניי, אָנ־געבויגן אויפן שטעקן. זי האָט געזיפצט: „אין אַזאַ קעלט" — און גע־ציטערט, ער זאָל זיך נישט אָפּקערן און אַ קוק טון אויף הינטן.

אַז מיקאָלאיקאַ איז אַרויסגעגאַנגען פון טויער, האָט די באָבע אָנ־געשאָטן קוילן אויף זיינע טריט, און אַריין אין קיך, צעבראָכן די שיסל, אין וועלכער מיקאָלאיקאַ האָט געגעסן, און לאַנג געוואַשן און געשייערט דאָס אָרט, וווּ ער איז געזעסן. דערנאָך איז זי אַוועקגעגאַנגען אין דער הינטערשטער קאַמער, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל אין מיטן חדר, זי זאָל זיך אָן קיין זאַך נישט אָנרירן, און געזאָגט אַ תחינה, און געבעטן ביי גאָט, אַז איר שטוב זאָל זיין אויסגעהיט און באַשיצט פון מיקאָלאי־קאַס כישוף.

ב

ווען מיין זיידע מיט דער באָבען זענען געווען יונגע מענטשן, האָבן נאָר וואָס אויסגעבויט די שטוב מיט דער קראָם אין זשירעווע און די קינ־דער זענען נאָך געווען קליינע (דאָס עלטערע ייִנגל האָט ערשט אָנגע־הויבן לערנען אַ בלאַט גמרא) — דעמאָלט איז מיקאָלאיקאַ, להבדיל, אויך געווען אַ יונגער גוי, זיינע קינדער האָבן זיך נאָך געוואַלגערט באָרוועסע אין דרויסן אויפן זאַמד, און ער האָט ערשט אָנגעהויבן לערנען דעם על־טערן שייגעצל ווי צו האַלטן אַ בייטש אין האַנט, ער זאָל קענען אַכטונג געבן אויף דער טשערעדע אין פעלד. אין יענער צייט האָט זיך קיינער נישט געשראָקן פאַר מיקאָלאיקאַן, אַז ער זאָל נישט אָנטון קיין כישוף.

מיקאָלאיקאַ האָט געוווינט אין דעם דאָרף זאַליעשע, און מיט זיין מי און שווייס באַאַרבעט זיין חלק ערד, וואָס „קאַזנאַ" האָט אויסגעקאַרבט פון דעם גראַפס רייכטימער. אַז ער האָט אָפּגעטון זיין אַרבעט אין פעלד, האָט ער זיך פאַרדונגען מיט זיין פערד און וואָגן צו דעם זיידן, כדי ער זאָל פאַרדינען אויף אַ טאָפּ זאַלץ און אַ קוואָרט גרויפּן.

דאָס דאָרף זאַליעשע איז געלעגן אין אַ טאָל הינטער אַ גרויסן גע־דיכטן וואַלד, און די זאַליעשער גויים האָבן געהאַט אַ נאָמען פאַר גרוי־

סע גנבים. אַז אַ זאַליעשער גוי איז אַריין אין אַ קראָם עפּעס קויפן — האָט דער קרעמער נישט געזאָגט אים דעם מקח, נאָר געפרעגט ביי אים: „פּאַרוואָס טראָגסטו אַזעלכע ברייטע אַרבל, און פּאַרוואָס דערלאַנגען די קעשענעס פון דיין סערמעגע ביז די פּיאַטעס?"

האָט זיך דער זאַליעשער גוי אָפּגערוקט ביזן טיר, אָנגעהויבן טרייס־לען מיט די ברייטע אַרבל, און זיך געשווירן: „ניין, ניין, איך האָב גאָר־ניט געגנבעט..."

— טאָ פּאַרוואָס האָסטו באַהאַלטן דיין שטוב אין טאָל, הינטערן וואַלד?

— ווייל מיין זיידע, דער עלטער־זיידע האָט פאַרבלאָנדזשעט אַהין — האָט זיך דער גוי פאַרענטפערט און איז אַרויס פון קראָם.

מיט יאָרן און יאָרן צוריק, ווען דער ערשטער זאַליעשער גוי איז אַרויסגעקראָכן פון די פינצטערע היילן אין וואַלד, איז ער אַרויפגעגאַנגען אויף אַ הויכן באַרג און געוואָלט אויפבויען דאָרט אַ כאַטע פאַר זיך אַליין און אַ שטאַל פאַר דעם פערד מיט די בהמות. אַז ער איז אָבער אויפגע־שטאַנען אינדערפרי און געוואָלט אַריינקלאַפּן דעם ערשטן טשוואָק אין ברעט, האָט ער דערזען ווי אויף דער זון שפּיגלט זיך דאָס יידישע האָב־און־גוטס, וואָס ליגט אויסגעלייגט אין סלאָנים אויפן מאַרק.

האָט ער איבערגעלאָזן דאָס ברעט מיטן טשוואָק אויפן שפּיץ באַרג און זיך אָוועקגעצויגן מיט דער האַק אין האַנט נאָכן יידישן פאַרמעגן, וואָס האָט אָנגעצונדן די קנאה אין זיינע אויגן.

אַז ער האָט אַראָפּגענידערט פון באַרג, האָבן די געדיכטע צווייגן פון דעם פינצטערן וואַלד פאַרשטעלט דעם שיין פון זיינע אויגן און באַ־האַלטן פון אים דאָס יידישע עשירות.

האָט דער גוי נישט געוווּסט וווהין צו גיין און איז געבליבן שטיין מיט דער האַק אין האַנט, אין דעם נידעריקן טאָל; און דאָ אין טאָל, הינ־טערן וואַלד, האָט ער אויסגעבויט אַ כאַטע פאַר זיך אַליין און אָוועקגע־שטעלט אַ שטאַל פאַר דעם פערד, פאַר די בהמות און חזירים.

די שפּיצן ביימער פון וואַלד האָבן פאַררוקט די זון אין די וואָלקנס, און די געדיכטע אויסגעשפּרייטע צווייגן האָבן צוגעדעקט דעם דאַך פון דער כאַטע וואָס דער גוי האָט אויסגעבויט, מען זאָל נישט זען די גזילה, וואָס ער האָט אָנגערויבט מיט דער האַק אויף דער וועלט.

און די גנבים, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די זעמליאַנקעס פון וואַלד און די גזלנים, וואָס לויערן אויף די פינצטערע וועגן פון די ווייטע טראַקטן, זענען אַרויסגעקראָכן פון זייערע באַהעלטענישן און זיך געצויגן צו דער כאַטע פון דעם זאַליעשער גוי. זיי האָבן אויפגעשטעלט דאָרטן, אין טאָל, זייערע שטיבער, מיט די שטאַלן און סקליעפּעס, און פאַרדאַרבן די ערד פון דעם טאָל מיט זייערע טריט, און אָנגעפילט די שטיבער פון דעם דאָרף זאַליעשע מיט דער גזילה, וואָס זיי האָבן אָנגערויבט אויף דער וועלט.

נאָר מיקאַלאַיקא, דער גוי פון זאַליעשע, איז נישט געגאַנגען אין זייערע זינדיקע וועגן; ער איז געווען אַן ערלעכער פּויער. דער זיידע האָט אים געטרויט געלט, און איז געפאָרן מיט אים קיין סלאָנים נאָך סחורה. אַז ער איז געזעסן ביי דעם זיידן אין שטוב, האָט מען אים נישט געהיט, נאָר פאַרקערט, מען האָט אים געהייסן אַכטונג געבן אויף דער קראָם, עמיצער אַנדערש זאָל עפּעס נישט צוגנבענען.

די קינדער האָבן זיך האָלט געהאַט צו שפּילן מיט מיקאָלאַיקאָן: זיי זענען געקראָכן מיט די הענט אין זיין שיטערער בערדל און האָבן געפרעגט מיט געלעכטער: „ווער האָט אויסגעביסן די האָר פון דיין באָרד?"

מיקאָלאַיקא פלעגט נישט ווערן אין כעס; ער האָט גענומען אַ קינד אויף די הענט, אויפגעהויבן אים העכער פון זיין קאָפּ און געשמייכלט: „און ביי דיר אויפן טאָכעס וואַקסן מער האָר?..."

דער באַבען האָט פאַרדראָסן, וואָס די קינדער טוליען זיך צו דעם גוי, שמעקן די „סאַלאָ" פון זיין מויל און הערן זיך איין צו זיינע פּראָסטע רייד, האָט זי זיך אָנגענומען פאַר מיקאָלאַיקאַן און אָנגעהויבן שרייען אויף די קינדער: „וואָס קריכט איר אים אויפן קאָפּ?!"

זי האָט צוגענומען די קינדער פון מיקאָלאַיקאַן, געגעבן אים אַ בולקע מיט עטלעכע שטיקלעך צוקער: „נאַ, וועסטו ברענגען אַהיים פאַר דיינע קינדער" און געהייסן אים קומען איבער־אַכט־טאָג מאָנטיק, ווען מען וועט דאַרפן פאָרן קיין פּינסק נאָך סחורה אויף חגא.

די באַבע האָט אים פאַרזאָגט און נאָך אַמאָל איבערגעחזרט „דו זאָלסט נישט פאַרגעסן לאָזן זיך אויסרוען דאָס פערד, גוט אָנקאָרמענען אים, און אָנלייגן אַ סך היי אין פאָלוקעשעק, ווייל קיין פּינסק איז אַ ווייטער מהלך".

מיקאָלאַיקא האָט אונטערטעניק געענטפערט: „יאָ, יאָ, גוט, גוט", געקראַצט דעם קאָפּ, געקוקט אויף דער בולקע, וואָס די באַבע האָט אים געגעבן, און געטראַכט, ווי אַזוי וועט ער דאָס אײַנטיילן צווישן זײַנע קינדער.

ער האָט אָבער מערער נישט געבעטן בײַ דער באַבען, בלויז אַ קרעכץ געטון, און איז פֿאַמעלעך אַרויס פֿון שטוב. ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין שליטן, אַ צי געטון פֿעסט מיט די לייצעס, אַ טרייב געטון דאָס פֿערד און אָנגעזאָגט מיט פֿרייד דער באַשעפֿעניש, אַז פֿון דער נסיעה קיין פּינסק וועט מסתּמא בלײַבן אויף האָבער אין טאָרבע און אויף גרויפּן אין טאָפּ.

ג

אַז מיקאָלאַיקא איז געקומען אין אַ וואָך אַרום צו דעם ייִדן מיט אַ פֿולן פֿאַלוקעשעק היי אין שליטן, און אַן אויסגעפּאַשעטן פֿערד, האָט מען די נסיעה קיין פּינסק געמוזט אָפּלייגן, ווײַל דער ייִדע איז, פֿאַר קיין ייִדן געדאַכט, קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערער פֿאַרקילונג.

לאַנג וואַרטן מיט דער נסיעה האָט מען אָבער נישט געקענט, ווײַל די צײַט איז געווען פֿאַר די חגאות; דער שניי האָט שוין ווייט און לאַנג אויסגעלייגט די וועגן און דער פֿראָסט האָט זיך געבערעקלט פֿון קעלט, און געביסן דעם ווינט אונטער די פֿענצטער.

די גלעקער האָבן געקלונגען אין קלויסטער, און די גויים מיט די גויעס האָבן זיך געבוקט פֿאַר די מאָנאַכן און געקניט פֿאַר די הייליקע „איקאָנעס"; די פּריצים מיט די דינסטן זענען אַרומגעגאַנגען איבער די קראָמען און זיך געגרייט צו דעם הייליקן יום־טובֿ, נאָר בײַ דעם ייִדן אין קראָם זענען די פּאָליצעס געווען ליידיק און קיין סחורה איז נישט געווען.

די קונים פֿרעגן און פֿרעגן, און וווּנדערן זיך: „גאָרנישט צוגעגרייט!"

און די באַבע ענטפֿערט שטיל: „עס וועט באַלד זײַן..."

זי האָט באַהאַלטן איר צער, דער ייִדע זאָל נישט זען דעם פֿאַרדרוס; פֿון זיך אַליין האָט זי אָבער נישט געקענט פֿאַרבאָרגן דעם אמת און געטראַכט: „ווי לאַנג וועלן זיי וואַרטן? מען קריגט נישט קיין סחורה אין די קראָמען?"

דער יום־טוב פון די חגאות שפרייט זיך אויס ווייט און ברייט פון די גרויסע ליכטער וואָס ברענען אין קלויסטער בייטאָג און ביינאַכט: די פרייד וואַקסט פון דעם גלאָקן־געקלאַנג, וואָס נידערט אַראָפּ פון די קור־פּאָלן, אין דער הויך, און קריכט פון דער נידער, פון דער ערד; דער פרי־מאָרגן גייט אויף מיטן געזאַנג פון די מאָנאַכן, און דער אָוונט צינדט זיך אָן מיט דער שיין פון קלויסטער. די גויים טראָגן די שרעק פאַר זייער גאָט אויפן פּנים, ברענגען די מורא צו דער באבען אין קראָם, און די באבע צי־טערט צוזאַמען מיט די גויים, וואָס זי האָט גאָרניט צוגעגרייט פאַר דעם גרויסן מאָלצייט פון דער הייליקער נאַכט, גלייך ווי זי אַליין וואָלט פאַר־שפּעטיקט צו דעם יום־טוב.

טראַכט די באבע, אַז זי אַליין וועט פאָרן קיין פינסק נאָך סחורה, און זי רעדט מיט דעם זיידן, אַז מיקאָלאַיקאַ איז אַן ערלעכער גוי, זי וועט אים געטרויען געלט נישט־געציילט, טאָ פאַרוואָס זאָל זי מורא האָבן צו פאָרן מיט אים?

דער זיידע ווייס אָבער, אַז זיין ווייב איז, געלויבט דעם אויבערשטן, שוין פאַרגאַנגען אין זעקסטן חודש. טאָ ווי לאָזט מען זי, אין אַזאַ צייט, פאָרן אַליין מיט אַן ערל אין שליטן? און ער רעכנט אויס, אַז ווי מען זאָל זיך נישט יאָגן און ווי מען זאָל זיך נישט איילן, דאַרף אַזאַ נסיעה נעמען אַ טאָג מיט אַ נאַכט און מען וועט דאַרפן דורכפאָרן לעבן דעם וויקניער וואַלד מיטן צלם.

לאָזט ער דער באבען נישט פאָרן; און אַז די באבע שטייט צו שטאַר־קער צו דעם זיידן, ווייזט אים, אַז דאָס לעצטע היטל צוקער האָט זי שוין אַרויסגענומען פון שפּייכלער, און מאַכט דעם רעכענונג וויפיל טעג עס זענען איבערגעבליבן פון „פּאָסט", ווערט דער זיידע אין כעס און ענט־פערט שאַרף און קלאָר:

— זאָלן זיי פירן די רעכענונג; זיי דאַרפן זייער גאָט אָפּטונקען אין „פּאָלאָנקע", אַרומוואַשן די געטשעס; איך האָב זיך נישט וואָס צו איילן; איך האָב צייט; דער אויבערשטער וועט העלפן, איך וועל ווערן געזונ־טער, וועל איך פאָרן נאָך סחורה.

דעם זיידן איז אָבער שווער אַרויסגיין אין קראָם; אַז ער שטעלט אָוועק אַ פּאָר טריט איבערן שטוב, ווערט ער פאַרמאַטערט און דאַרף זיך

זעצן, דער רופא זאָגט, אַז ער טאָר אין דרויסן נישט אַרויסגיין, ער זאָל ח״ו קיין לונגען־אַנצינדונג נישט קריגן.

דאָס גלאָקן־געקלאַנג פון חגא מיידט אָבער נישט אויס די שטוב, גלייך ווי עס וואָלט געקראָכן פון די ווענט, און די מאַנאַכן, מיט די גלחים און די גויים גייען נישט אַריין אין קראָם; גלייך ווי די טיר וואָלט איינ־געפרוירן געוואָרן.

הערט זיך שוין די באָבע ניט צו צו די רייד פון דעם זיידן; זי טענהט צו אים מיט בייזן און רעדט אים איין מיט גוטן, אַז זי וועט נעמען מיט זיך בערעלען — דאָס עלטערע ייִנגל — זי וועט אַליין נישט פאָרן...

***

און די באָבע האָט אויסגעפירט; זי האָט אָנגעפעלצט בערעלען אין דעם זיידנס פוטער, אַליין האָט זי אָנגעטון די וואַרעמע פראַנעלענע קליי־דער מיט דער גרויסער שובע, פאַרבאַהאַלטן דעם גרויסן טייסטער מיט די אַסיגנאַציעס אין בוזעם, און איז אַוועקגעפאָרן מיט מיקאָלאַיקאָן קיין פינסק.

אַז זי איז אָבער אָפּגעפאָרן עטלעכע וויאָרסט פון זשירעווע און דער־זען ווי דער שניי ליגט ווייט און ברייט צעשפּרייט, און דער וועג שניידט זיך איין אין דער ווייסקייט, אַ דינער, אַ שמאָלער, און ווערט פאַרלוירן אין דער ווייטקייט, און מען זעט נישט קיין שטוב פאַר די אויגן און מען באַגעגנט נישט קיין מענטשן אויפן וועג — האָבן שווערע רעיונות אָנגע־הויבן מאַטערן דער באָבען.

זי האָט געטראַכט, אפשר האָט זי געדאַרפט פאָלגן דעם מאַן און נישט פאָרן אין אַזאַ צייט קיין פינסק; זי האָט זיך געשטראָפט, פאַרוואָס זי האָט אים איבערגעלאָזן אַ קראַנקן, אַליין מיט קליינע קינדער, און יאָגט זיך מיט אַן ערל איינקויפן סחורה אויף חגא, כדי זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צו פראַווען דעם יום־טוב פון אים, וואָס האָט פאַרגאָסן אַזויפיל ייִדיש בלוט.

— אפשר זאָל איך זיך אומקערן אַהיים? — האָט זי ביי זיך אַליין געפרעגט, און זי האָט זיך אַרומגעקוקט ווי ווייט זי איז אָפּגעפאָרן פון דער היים.

זי האָט אָבער נישט געקענט דערקענען דעם וועג, ווייל נידעריק

אויפֿן שנײ האָט זיך שוין אויסגעצויגן דער שאָטן פֿון פֿאַרנאַכט און גע־זיפּט די טונקלקייט פֿון װאַלד איבער דער װײַסקייט פֿון װינטער.

האָט די באבע צוגעטוליעט צו זיך בערעלען, אַ קוק געטון װי ער שלאָפֿט רואיק, און אַליין איז זי אויך געװאָרן רואיקער, װײַל זי האָט זיך געטרייסט, אַז װען עס לויערט ח״ו אַ געפֿאַר, דערפֿילט אַ קינד די סכּנה שנעלער װי די מאַמע, זי האָט אָבער געװאַרט אַ װאַכע, אַן אָנגעשטרענג־טע, ביז מען װעט דורכפֿאָרן דעם צלם.

ד

דער צלם איז געשטאַנען לעבן דעם װיקניער װאַלד, אויף דעם אָרט װוּ די װעגן שניידן זיך איבער, און גייען זיך פֿונאַנדער אין אַלע זייטן פֿון דער װעלט.

מען האָט דערציילט אין זשירעװע, אַז אין דער צייט פֿון דעם פּױ־לישן „מיאַטעזש״ װען די קריגער פֿון דעם פּױלישן פֿאָלק האָבן געקריגט קעגן דעם רוסישן „מאָסקאַל״, האָבן די גראַפֿן און די דוכסן אויסגעטראָטן מיט זייערע פֿערד די װעגן און פֿונאַנדערגעצװייגט זיי אין אַלע זייטן, כּדי דער שונא זאָל נישט װיסן װוּהין זיי אַנטלויפֿן.

אין יענער צייט האָבן די גראַפֿן און פּריצים פֿאַרלאָזן זייערע רײַ־כע פּאַלאַצן מיט די גרויסע גיטער, פֿאַרגראָבן זייערע רײַכטימער אין דער ערד, און זיך באַהאַלטן אין דעם װיקניער װאַלד; זיי האָבן אויפֿגעשטעלט ביידלעך אונטער די געדיכטע צװײַגן, און פֿון די פֿינצטערע פֿאַרבאָרגע־נישן געפֿירט קריג מיט די רוסישע „מאָסקאַלן״.

די גראַפֿן און דוכסן האָבן געהאַט גענוג געװער. זיי האָט נישט גע־פֿעלט קיין ביקסן און קיין שװערדן — זיי האָבן אָבער נישט געהאַט װאָס צו עסן. האָבן זיי געשיקט שלוחים אין דאָרף און זיך געבעטן בײַ די פּױע־רים — בײַ זייערע אַמאָליקע קנעכט — אַז זיי זאָלן ברענגען שפּײַז צו זיי אין װאַלד. פֿאַר אַ קריגל מילך האָבן זיי אָנגעשאָטן אַ קריגל דוקאַטן, און פֿאַר אַ לאַבן ברויט האָבן זיי אַװעקגעגעבן אַ שטיק גאָלד.

האָבן די גוים מיט די גויעס געטראָגן עסן צו די קריגער אין װאַלד, זיך געבוקט פֿאַר די גראַפֿן און פּריצים, אַט אַזוי װי זיי האָבן געציטערט פֿאַר די האַרן אין צייט פֿון „פּאַנשטשיזנע״, און געזוכט אין דער ערד די אוצרות װאָס די גראַפֿן האָבן פֿאַרגראָבן.

די גויים האָבן אָנגעזאָגט אין וואַלד, ווען די רוסישע סאָלדאַטן מיט קאָזאַקן זענען אָנגעקומען, און די גראַפן און די דוכסן האָבן זיי באַצאָלט דערפאַר מיט גילדענע דוקאַטן.

אַן אַלטער גוי פון דאָרף האָט אָבער נישט געקענט צוזען, ווי זיינע ברידער ברענגען הילף צו דעם שונא פון טאַטן, פון דעם „צאַר באַטיוש־קאַ", איז ער אַוועקגעגאַנגען צו דעם גענעראַל, אַראָפּגענומען דאָס היטל פון קאָפּ, זיך אַוועקגעשטעלט אויף די קני און מיט טרערן אין די אויגן דערציילט דעם גרויסן שררה: „אָט דאָ אין דעם וויקניער וואַלד באַהאַלטן זיי זיך, די שונאים פון אונדזער קייסער..."

האָט דער גענעראַל אַרויסגעשיקט זיינע סאָלדאַטן און קאָזאַקן — פוסגייער און רייטער — מיט ביקסן און האַרמאַטן; דאָס חיל האָט אַרומ־געריגגלט דעם וואַלד און פאַרטיליקט די ווידערשפעניקער פון קייסער. די גראַפן, וואָס מען האָט גענומען געפאַנגען, האָט מען געשמידט אין קייטן און פאַרשיקט קיין סיביר, און די קריגער, וואָס זענען געפאַלן טויטע פון די קוילן, האָט מען באַגראָבן אין איין גרוב אין מיטן וואַלד, קיין גע־דעכעניש זאָל פון זיי נישט בלייבן.

די יונגע פריצים און גראַפן, וואָס זענען געקומען נאָך דעם „מיא־טעזש", האָבן אָבער נישט פאַרגעסן, ווי מען האָט געפייניקט זייערע על־טערן און אור־עלטערן אין וויקניער וואַלד און זיי האָבן נישט פאַרקויפט דעם וואַלד אויף געהילץ און נישט געלאָזט פאַלן קיין האַק אויפן שטאַם פון אַ בוים, כדי דער זכר פון זייערע עלטערן די קריגער זאָל נישט אָפּ־געמעקט ווערן, איז געוואָקסן דער וויקניער וואַלד געדיכט און פינצטער. בייזע חיות האָבן געפירט די סטיעזשקעס צווישן די גראָבע פונאַנדערגע־וואַקסענע שטאַמען און רויבער און גזלנים האָבן באַהאַלטן זייער רויב אונ־טער די געדיכטע צווייגן.

אַ גוי האָט מורא געהאַט אַריינגיין אין וואַלד גנבענען האָלץ, די בייזע גייסטער פון די טויטע גראַפן זאָלן נישט אַריין אין אים פאַר די זינד פון זיין עלטער־זיידן, וואָס האָט זיי געמסרט, און אַ ייד אַ בעל־עגלה, האָט אָנגעלייגט וועג ער זאָל נישט דאַרפן דורכפאָרן דעם וויקניער וואַלד.

נאָר איינמאָל האָט אַ דורכגייער פאַרבלאָנדזשעט אין דעם וויקניער וואַלד. אַז די גזלנים האָבן דערזען ווי ער גייט איינגעבויגן מיט זיין זעקל אויפן פלייצע, האָבן זיי געמיינט, אַז ער האָט געפונען אַן אוצר, וואָס די

גראַפּן האָבן אַמאָל פאַרגראָבן אין דער ערד, האָבן זיי אים געהרגעט און געוואָלט צונעמען ביי אים דאָס פאַרמעגן.

די רויבער האָבן אָבער מער ווי אַ קופּערנעם זעקסער נישט געפונען ביי דעם אָרימען וואַנדערער. האָט זיך איין גזלן פונאַנדערגעווייגט: „צו־ליב זעקס גראָשן געהרגעט אַ מענטשן" און ער האָט נישט געוואָלט, אַז זיין זינד זאָל פאַרבאָרגן ווערן אין דער פינצטערניש פון וואַלד. האָט ער אַרויסגעטראָגן דעם מת אויפן פעלד, אויסגעגראָבן אַ קבר אויף דעם אָרט, ווו די וועגן שניידן זיך איבער און באַגראָבן דאָרטן דעם עלנדן וואַנדע־רער.

אויפן קבר האָט דער גזלן אַוועקגעשטעלט אַ צלם! צו דעם צלם האָט ער צוגעקלאַפּט אַ ברעטל, און אויף דעם ברעטל האָט ער אָנגעשריבן: „פאַר זעקס גראָשן האָט מען געהרגעט אַ מענטשן".

און נאָך האַלבער נאַכט, ווען דער ווינט שטילט זיך איין, הערט מען ווי דער אָרימער וואַנדערער קלאָגט צוזאַמען מיט דעם גזלן אויף דער רציחה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן דאָ־אָ אויף אָט דער ערד.

יאָרן זענען אַוועקגעגאַנגען: די גויים האָבן פאַראַקערט אין פעלד די פאָרכטיקע געשיכטעס פון וואַלד, דער שניי מיטן רעגן האָבן אָפּגעריבן דעם צייכן פון דעם ברעטל און דער ווינט האָט איינגעבויגן דעם צלם, דער פּחד פון גזלן לאָזט אָבער נישט רוען.

אַז אַ ייד פאָרט דורך פאַרביי דעם צלם, דערמאָנט ער זיך אויף די מעשיות, וואָס פאַרלויפן מיט אַ מענטשן אין וועג, ער כאַפּט זיך צו די ציצית און היט דעם „שמע ישראל" אויף די ליפּן. און אַ גוי נעמט אַראָפּ דאָס היטל פון קאָפּ און הייבט זיך אָן צלמן...

*
**

און פאַרנאַכט, אַז דער שליטן האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו דעם צלם, האָט זיך די באָבע מיט שרעק איינגעקוקט אויף מיקאָלאַיקאָן און געהיט צי דער גוי וועט זיך איבערצלמען.

ערשט זי זעט, אַז דער גוי האָט אַ שמיץ געטון דאָס פערד, זיך איינ־געגנורעט אין קאָזשוך, און האָט זיך נישט איבערגעצלמט, איז איר פּחד געוואָרן גרעסער און זי האָט אָנגעהויבן שרייען: מיקאָלאַיקאַ! מיקאָלאַי־קאַ!

נאָר דער גוי האָט זיך נישט אָפּגערופן; ער איז געזעסן אַן איינגע־בויגענער, ווי דער קאָפּ וואָלט איינגעזונקען אין זיין גוף, און זיך נישט אָפּגעקערט.

האָט די באבע אָנגעהויבן רעדן מיט גוטן: „מיקאָלאיקא, מיר בלאָנ־דזשען, לאָמיר זיך אומקערן אַהיים. איך האָב איבערגעלאָזט אַ קראַנקן מאַן אין שטוב...״

מיקאָלאיקא האָט אָבער געיאָגט דאָס פערד און זיך נישט צוגעהערט ווי די באבע האָט זיך בײַ אים געבעטן: „איך וועל דיר אָפּגעבן דאָס גאַנ־צע געלט; קער זיך אום אַהיים״.

האָט די באבע געזען, אַז די סכנה איז גרויס. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מיקאָלאיקא איז אַראָפּ פון וועג, ווייל די רציחה טרייבט אים אין פינצ־טערן וואַלד, און פאַר אירע אויגן האָט אָנגעהויבן שווינדלען די האַק, וואָס דער גוי האָט באַהאַלטן אין שליטן, און זי האָט געטראַכט, אַז ער וועט קיין רחמנות נישט האָבן אויף איר, און נישט אויף איר קינד.

נאָר אין דער רגע איז איר שכל, דאַנקען גאָט, נישט צעטומלט גע־וואָרן. האָט זי אַרומגענומען בערעלען און זיך אַרויסגעקייקלט מיט אים פון שליטן — זי וועט בעסער ליגן אין אָפענעם פעלד צווישן ביזע חיות איי־דער אומקומען אין פינצטערן וואַלד פון אַ גויס האַק.

מיקאָלאיקא האָט זיך אַוועקגעיאָגט מיט דעם פערד אין ווייקניער וואַלד, און די באבע איז געבליבן ליגן אויפן שניי אין אָפענעם פעלד.

בערעלע איז געשלאָפן אויפן שניי אַזוי וואַרעם, ווי ער איז געלעגן אין שליטן, און די באבע איז געזעסן לעבן אים, אַ וואַכע, און געבעטן גאָט, ער זאָל זי נישט שטראָפן פאַר אירע זינד; עס זאָלן פאַרבלענדעט ווערן מיקאָלאיקאָס אויגן און ער זאָל זי נישט דערזען, און די שאיקעס בייזע וועלף זאָלן אָפּגעקערט ווערן פון דעם וועג און נישט צוקומען צו איר.

ה

און אין דעם זעלבן טאָג, ווען דער זיידע האָט זיך אין זשירעווע גע־אַמפּערט מיט דער באבען, אַז זי זאָל נישט פאָרן מיט קיין ערל אין אַזאַ ווייטן וועג קיין פינסק נאָך סחורה, האָט זיך אין בוטען ברוך דער דילי־זשאַנס געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל מאַכן די יאַזדע פון בוטען קיין

סלאָנים מיט די צוויי וואַלד־סוחרים, וואָס האָבן זיך געאײַלט צו די טאָר־געס פון וואַלד.

ברוך דער דיליזשאַנס האָט געהאָט יאָרצײַט נאָך זײַן טאַטן און ער האָט נישט געוואָלט אַרויספאָרן פון דער היים פאַר מעריב, ווײַל ער האָט מורא געהאָט, אַז ער וועט אויפן וועג נישט האָבן קיין מנין צו זאָגן קדיש.

איז ער געשטאַנען אויפן מאַרק מיט זײַן פערד און שליטן און גע־קליבן פאַרשוינען וואָס זאָלן אַרויספאָרן מיט אים קיין סלאָנים נאָך מע־ריב.

— נאָך מעריב? — האָט זיך אַ יידענע געוווּנדערט — אין אַזאַ פראָסט זײַן אַ גאַנצע נאַכט אין וועג — און זי איז אַוועקגעגאַנגען זוכן אַן אַנדער בעל־עגלה.

אַ קרעמער האָט זיך אײַנגעגנורעט פון קעלט אין זײַן לאַנגן פלאַשטש און נאָך אַמאָל איבערגערעדט:

— אַזוי שפּעט, וועט דאָך דער מאָרגנדיקער טאָג אַוועקגיין אין גיוועץ.

האָט זיך ברוך שוין נישט געקענט אײַנהאַלטן און געפרעגט מיט כעס:

— סטײַטש! יאָרצײַט?

איז דער קרעמער ווײַכער געוואָרן, אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פון פלאַשטש און געגעבן געזעכט ברוכן: „אָבער מעל אויף שבת! ווען וועלן די ווײַבער באַקן חלה, אַז מען וועט זיי ברענגען די הייוון אַ מינוט פאַר ליכט־בענטשן?״

טראַכט ברוך דער דיליזשאַנס, אַז זײַן טאַטע ע״ה האָט בײַ אים פאַר־זינגט, ער זאָל צוליב זײַן יאָרצײַט דורכלאָזן אַ יאָזדע קיין סלאָנים. האָט ער אַרײַנגעלייגט די בייטש אין שליטן און געוואָלט אַרײַנפירן דאָס פערד אין שטאָל — זאָל די באַשעפעניש אָפּרוען אַ טאָג. און ער אַליין וועט אַרײַנגיין אין בית־המדרש און אָפּזאָגן אַ קאַפּיטל תהילים פון טאַטנס וועגן.

ערשט עס באַווײַזן זיך אויפן מאַרק צוויי וואַלד־סוחרים, — יונגע־לײַטלעך, אין קורצע פוטערלעך מיט הויכע באַראַשקענע היטלעך, אין לאַנגע לאַקירטע שטיוועלעך.

זיי גייען צו צו ברוך דעם דיליזשאַנס און פרעגן בײַ אים:

— וועט איר פֿאָרן מיט אונדז קיין סלאָנים?

ווערט ברוך אין כעס: „וואָס רייצט מען זיך מיט אים?" און וויל נישט ענטפֿערן די יונגעלייטלעך.

שטייען צו צו אים די וואַלד־סוחרים: „פֿאַרוואָס ווילט איר נישט פֿאָרן?"

שטעלט אָפּ ברוך דאָס פֿערד, קראַצט מיט דער בייטש דעם קאָפּ אונטערן היטל, און ענטפֿערט פֿאַרשלאָפֿן: „אַז איך וועל קריגן נאָך עטלעכע פֿאַרשוינען, וועל איך אַרויספֿאָרן נאָך מעריב".

— צו וואָס דאַרפֿט איר די פֿאַרשוינען? — פֿרעגט מיט גאווה איין סוחר און דער אַנדערער רוקט די האַנט אין קעשענע: „מיר וועלן באַצאָלן פֿאַר דער גאַנצער יאַזדע, נאָך מיט אַ הכרעה" — און ער באַווייזט אים פֿאַרריסן די נייע קנאַקעדיקע אַסיגנאַציעס פֿון דעם גרויסן טייסטער.

ווערט שוין ברוך דער דיליזשאַנס ווייכער, הכנעהדיקער:

— איך וועל פֿאָרן, אָבער נאָך מעריב.

— ניין, נאָך מעריב וועט זיין שפּעט — יאָגן זיך די וואַלד־הענדלער — מיר דאַרפֿן קומען קיין סלאָנים אינדערפֿרי, כעלות השחר, מיר זאָלן נישט פֿאַרשפּעטיקן צו די טאָרגעס פֿון וואַלד.

קוקט זיך איין ברוך דער דיליזשאַנס אויף די צוויי יונגע וואַלד־סוחרים, וואָס שפּרינגען פֿון איין טראָט אויף דעם אַנדערן ווי די פּאַצעטלעך, די יונגע גראַפֿן, נאָר זיי רעדן יידיש, ווי יידן, און ער חידושט זיך פֿון וואַנען האָבן זיך גענומען די פֿאַרשוינען דאָ אויפֿן מאַרק. ענטפֿערט ער שאַרף: „ניין איך וועל נישט פֿאָרן. פֿאָרט מיט דעם זעלבן שליטן וואָס איר זענט געקומען צופֿאָרן אַהער קיין בוטען".

לאָזן אַראָפּ די וואַלד־סוחרים פֿון זייער שטאָלץ, רעדן שטילער, און איינער דערציילט: „מיר האָקן דעם וואַלד אין דאמאַנאַווע — אַהער זענען מיר געקומען צו רייטן אויף פֿערד". און דער אַנדערער רעדט איין דעם דיליזשאַנס: „וויפֿיל מאַכט איר פֿון אַ יאַזדע קיין סלאָנים? מיר וועלן אייך באַצאָלן מיט פֿינף רובל מערער, אויב איר וועט אונדז ברענגען אין צייט צו די טאָרגעס".

קען נישט צונעמען ברוך דער דיליזשאַנס די אויגן פֿון די קנאַקעדיקע פֿינפֿערלעך, וואָס זיי באַווייזן אים, זיין בליק וואַכט מיט אומרואיקייט איבערן געלט און ער בעט זיך ביי די וואַלד־סוחרים: „איך האָב

הײנט יאָרצײַט נאָך מײַן טאַטן. אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, קען איך ניט אָװעקפאָרן פֿון דער הײם, איך מוז האָבן אַ מנין צו מעריבֿ״.

גיבן אים נאָך די יונגעלײַטלעך, זײ רעדן אים אָבער אײַן מיט זײַערע קלוגע רײד: „מיר װעלן זיך אָפּשטעלן אין מערעמין, דאָרטן, אין קרעטשמע, װעלן מיר באַגעגענען די סלאָנימער דיליזשאַנסן און מיר װעלן דאַװנען מעריבֿ מיט אַ מנין״.

אמת, ברוך דער דיליזשאַנס װײס, אַז דינסטיק פֿאָרן די סלאָנימער דיליזשאַנסן קײן בוטען, ער האָט אָבער מורא אײַנצושטעלן. אין אַזאַ װעג טאָר מען נישט ריזיקירן. נעמט ער שטײפּער די בײַטש אין האַנט און חזרט איבער: „איך האָב הײַנט יאָרצײַט...״

די װאַלד־סוחרים טרעטן אָבער נישט אָפּ פֿון שליטן, זײ קריכן אין בױד אַרײַן און יאָגן ברוך דעם דיליזשאַנס: „פֿאָרט שנעלער מיר זאָלן נישט פֿאַרשפּעטיקן די סלאָנימער דיליזשאַנסן װאָס שטעלן זיך אָפּ אין דער מערעמינער קרעטשמע...״

איז ברוך דער דיליזשאַנס צעטומלט געװאָרן, ער װײס נישט װאָס צו ענטפֿערן די יונגעלײַטלעך — די װאַלד־סוחרים אין די הױכע באַראַשקענע היטלען מיט די לאַקירטע שטיװעלעך, װאָס װאַרפֿן זיך מיט די אַסיגנאַציעס, — און ער װוּנדערט זיך: „דאָס פֿערד ציט נישט אין דעם װאַרעמען שטאַל, נאָר ער פֿאַרנעמט זיך אױפֿן װעג, װאָס פֿירט קײן סלאָנים״.

האָט ער אָפּגעלאָזן די לײצעס, און געלאָזט גײן דאָס פֿערד מיט זײַן װעג.

אַז ברוך איז אָבער געקומען קײן מערעמין, זענען די דיליזשאַנסן פֿון סלאָנים נאָך נישט אָנגעפֿאָרן; בײַ דעם לאַנגן טיש אין קרעטשמע זענען געזעסן עטלעכע גױים זיך געװיגט לעבן זײערע שאָטנס אױפֿן װאַנט און האָבן אומעטיק איבערגעחזרט די אײגענע אָפּגעריסענע רײד.

יאַנקל דער קרעטשמער איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב אַ פֿאַרטראַכטער און איבערגערעדט: „אַז עס קומען אָן די שנײען זעט מען נישט קײן אורח פֿאַר אַ מײל״.

װוּנדערט זיך ברוך דער דיליזשאַנס:

— װוּ זענען די סלאָנימער בעל־עגלות?

װישט יאַנקל דער קרעטשמער דעם טױ, װאָס די װאַרעמקײט פֿון

שטוב האָט פאַרצויגן אויף דעם פראָסט פון פענצטער, ער קוקט זיך איין אין דרויסן און חזרט שטיל איבער:

— נישט מען זעט און נישט מען הערט...

דער אָוונט קריכט שווער פון דער געדיכטער נאַכט, און די טיר פון קרעטשמע, נישט זי עפנט זיך און נישט זי פאַרמאַכט זיך — קיינער פאָרט נישט צו צו דער סטאַדאָלע, און קיינער פאָרט נישט אָוועק פון טויער.

און די יונגעלייטלעך — די צוויי וואַלד־סוחרים — קענען נישט איינרוען אויף איין אָרט; זיי ציילן די מינוטן, רעכענען די שעהען און רופן אויס: „שוין אַכטע שעה!" און שרייען: „די ווייזערס רוקן זיך! די צייט שטייט נישט!.." זיי מאַכן דעם חשבון, אַז אויב מען וועט זיצן נאָך אַ ווײַלע, וועלן זיי פאַרשפעטיקן די טאָרגעס, ווען דאָס פערד זאָל אפילו אַרויסשפרינגען פון די אָגלאָבליעס.

און ברוך דער דיליזשאַנס וויל אָפילו נישט קוקן אין זייער זייט; דער כעס שפּאַרט זיך פון זיינע שפּיץ־פינגער און ער בורטשעט: „יידן זע־נען דאָס — דער שטן האָט זיי געבראַכט קיין בוטען אויפן מאַרק".

ער רעדט נישט צו די פאַרשוינען, נאָר ער קוקט זיך איין אויף יאַנק־לען דעם קרעטשמער ווי ער וואָלט עפּעס געבעטן ביי אים: „וואָס זאָגט איר, זיי וועלן קומען, די סלאָבּנימער?", און ער רעדט אויס פאַר אים דאָס האַרץ, אָט אַזוי ווי אַ ייד רעדט צו אַ יידן, ווען זיי פאַלן אַריין צווישן גוּיים: „איך בין שוין נישט קיין יינגעלע, דער טאַטע איז געשטאָרבן, ווען איך בין נאָך געווען אַ יונגערמאַן; מיין איטשע, זאָל געזונט זיין, איז אַ נאָמען נאָך אים, און ער איז שוין אויך אַ טאַטע, און איך האָב נאָך קיין מאָל נישט דורכגעלאָזן קיין יאָרצייט, נאָר היינט"... און זיינע רייד גייען אויס שטיל אין דעם שווערן אומעט פון שטוב.

טראַכט יאַנקל דער קרעטשמער: „אויב מען איז ווערט ביי דעם אויי־בערשטן, קומט אליהו הנביא אין אַזאַ נאַכט און מאַכט אַ מנין, אָבער די סלאָבּנימער דיליזשאַנסן וועלן שוין אין אַזאַ נאַכט נישט קומען, אויב זיי זענען ביז איצטער נישט אָנגעפאָרן", און ער ווייס נישט וואָס צו ענט־פערן ברוכן, ער קען אים נישט טרייסטן און וויל אים נישט אָנטון קיין צער.

און די גויים זיצן ביי דעם טיש און פוילן זיך גיין אַהיים אין די קורנע כאַטעס; זיי באַטראַכטן די וואַלד־סוחרים, רעכענען אויס זייערע

געשעפטן, און רעדן איבער, אַז ביי אַזעלכע „קופּצעס" קען מען פאַרדינען אויף אַ קוואָרט בראָנפן און אויף אַ טאָפּ זאַלץ, זיי זשאַלעווען אָבער, וואָס די „קופּצעס" האָקן דאָ נישט קיין וואַלד און זיפצן, אַז אָן געלט וועט יאַנקל נישט געבן קיין טראָפּן צו באַנעצן די ליפּן.

און ברוך דער דיליזשאַנס קלערט, אַז ער וועט איבערלאָזן דעם פאַרדינסט מיט די קנאַקעדיקע פינפערלעך און וועט זיך גלייך אומקערן אַהיים קיין בוטען, וועט ער אפשר נאָך כאַפּן די שמייסערס, די בעל־עגלות וואָס זיצן ביי די טישן אין די שענקען, וואָס וואַרטן אויף די מוידן אין די הינטערשטע געסלעך, און ער וועט מאַכן מיט זיי אַ מנין צו מע־ריב.

האָט ער זיך אָנגערופן צו די וואַלד־סוחרים: „דינגט די מערעמינער גויים, זאָלן זיי אייך פירן קיין סלאָנים צו די טאַרגעס; איך וויל מיט אייך נישט פאָרן; איך וועל זיך אומקערן אַהיים קיין בוטען".

נאָר די פאַרריסענע פאַצעטלעך — די רייכע וואַלד־סוחרים, אין די קורצע פוטערלעך, — האָבן זיך איינגעשפּאַרט, אַז ברוך דער דיליזשאַנס זאָל זיי פירן קיין סלאָנים; זיי האָבן געשטופּט אים אין פּנים אַריין די גרויסע אַסיגנאַציעס, וואָס זיי האָבן אַרויסגענומען פון די טייסטערס, און געוואָלט אַריינגאַרן אים מיט זייער גוטסקייט; זיי האָבן זיך געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל כאָטש נעמען ביי זיי דעם שכר וואָס עס קומט אים פאַר דער יאַזדע ביז מערעמין.

נאָר ברוך דער דיליזשאַנס האָט זיך נישט אָפּגעקערט אין זייער זייט, ער האָט זיך נישט געוואָלט צורירן צו זייערע פאַרדינסטן און נישט נהנה זיין פון זייערע הענט, האָט ער געשריגן: „נעמט די מערעמינער גויים!"

פרייען זיך די מערעמינער גויים מיטן גרויסן פאַרדינסט, וואָס דער ייד האָט זיי געבראַכט; זיי האָבן געהייסן יאַנקלען אָנגיסן גרויסע גלעזער בראָנפן און זיי גרייטן זיך צו דער רייזע קיין סלאָנים, די גרויסע סוחרים זאָלן קומען אין צייט צו די טאַרגעס פון וואַלד.

און ברוך דער דיליזשאַנס פּעלצט זיך אָן מיט דעם גרויסן פּעלץ; ער האָט געכאַפּט די בייטש אין האַנט און זיך אַוועקגעיאָגט מיט זיין פערד און שליטן אַהיים, קיין בוטען, ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן די בעל־עגלות און שמייסערס, וואָס זיצן ביי די גרויסע טישן אין די שענקען, און וואַרטן אויף די מוידן אין די הינטערשטע געסלעך, ער זאָל מיט זיי מאַכן אַ מנין צו מעריב.

ז

ברוך איז געזעסן אין שליטן, נישט אַרויסגעלאָזן די בייטש פון האַנט, פאַרטריבן דעם שלאָף פון די אויגן און נישט געלאָזן צושטיין דאָס פערד. ער האָט אַ שמיץ געטון דאָס פערד און זיך אויסגעטענהט מיט דער שטו־מער באַשעפעניש:

— קום, קום, נאָך אַ טראָט, אָטאָ איז שוין טורעץ; קיין האָבער אין שטאַל וועט דיר נישט פעלן!

און דאָס פערד איז נישט צוגעשטאַנען, געהויבן פלינק די פיס, נישט געוואָרט אויף דער בייטש, געשפּרונגען אין שנײ, ווי ער וואָלט זיך גע־יאָגט אַראָפּ־באַרג. נאָר דאָס דאָרף טורעץ מיט דער הויכער וויגנט־מיל זעט מען נאָך אַלץ נישט.

איז ברוך געוואָרן אומרואיק; ער הערט ווי דאָס פערד סאָפּעט שווער אין פראָסט, בייגט זיך אין שפּאַן און זיין שווייס איז שוין פאַרפרוירן געוואָרן אויפן גריווע. נאָר ער איז נאָך אַפילו נישט דורכגעפאָרן דעם גרויסן דעמב, וואָס שטייט לעבן טייך.

האָט ער אָפּגעשטעלט דאָס פערד, אַרויסגעקראָכן פון שליטן און קוקט זיך אַרום, ווהין ער איז פאַרפאָרן: דער שנײ ציט זיך ווייט און ברייט, בייגט זיך אין זיין ליכטיקייט ווי אין אַ וואַסער; עס שפּריצן די פונקען פון פראָסט און שווינדלען אין די אויגן, נאָר קיין שטוב זעט מען נישט און פון קיין לעבעדיקן נפש הערט מען נישט.

איז באַפאַלן ברוכן אַ פּחד: „פאַרבלאָנדזשעט — דאָס פערד איז אַראָפּ פון וועג". פּרובט ער דעם שנײ מיטן בייטש; דאָס שטעקל קריכט טיף, טיף; און דער שנײ ברעקלט זיך אונטער די הענט, ווי טרוקענער זאַמד. פאַרשטייט שוין ברוך, אַז דאָ איז נאָך קיינער נישט געפאָרן, און ער ווייס נישט צי דאָס פערד האָט אים פאַרפירט אויף אַ פעלד, אָדער ער איז אַרויפגעפאָרן אויף אַ טייך; אפשר האָט אים דאָס באַשעפעניש גאָר געבראַכט צו דער סטשאַרע און עס וועט נאָך אַריינקריכן אין אַ פּאָלאָנקע.

טראַכט ברוך: ער פאָרט אַזוי פיל יאָר פון בוטען קיין סלאָנים און שטעלט זיך אָפּ אין דער מערעמינער קרעטשמע; ער האָט אויסגעמאָסטן יעדן שפּאַן ערד און קען דערקענען יעדעס גרעזעלע פון וועג, און דאָ שטייט ער לעבן פערד און ווייס נישט ווו צו אָוועקשטעלן אַ פוס. גאָט

ווייס ווער עס זענען געווען די פּאַצעטלעך, וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר וואַלד־סוחרים.

גייט ער אָפּ אַ פּאָר טריט, אפשר וועט ער דערזען דעם וועג; אים דוכט זיך אָבער, אַז דער שליטן גייט איין אין דער ווייסקייט פון שניי און ווערט פאַרלוירן פון זיינע אויגן. קערט ער זיך אום צוריק און טאַפּט אַרום דאָס פערד צי קיינער זיצט נישט אויף אים.

דאָס פערד שטייט אַן איינגעמאַטערטער, האַלט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און ברוך שטייט לעבן דער שטומער באַשעפעניש, קוקט זיך איין אויף גאָטס וועלט און ווייס נישט וואָס צו טראַכטן און וואָס צו טון.

אַרום און אַרום איז שטיל; אַזוי שטיל, אַז ער פילט ווי די שטיל־קייט ליגט אויף זיינע פּלייצעס און ער אַליין קען אויך נישט אויסרעדן קיין וואָרט. דער הימל איז הויך אויסגעצויגן און האָט זיך אויפגעהויבן העכער פון די שטערן; און די שטערן שפּארן זיך פון די הימלען, גרויסע, קיילעכדיקע, און זיי זינקען אַראָפּ נידעריק, פאַלן איינע אויף די אַנדערע און צעשיטן זיך איבערן שניי; און דער שניי פינקלט מיט דער לויטער־קייט פון די שטערן און דערטרינקט אין זיין ליכט דעם שיין פון דער לבנה.

פאַרמאַכט ברוך די אויגן — ער וויל נישט קוקן אין דער ליכטיקייט פון דער נאַכט, ער ווייס, וואָס אַלטע געניטע פאָרער זאָגן וועגן דער ווייסקייט פון שניי; עס איז אַ גרעסערע סכנה ווי די פינצטערניש פון דער נאַכט, און גאָט ווייס וווהין דאָס קען פאַרפירן.

די לבנה קריכט אָבער אין די אויגן, ציט זיך אויס ברייטער און ווייי־טער פון דעם שניי; ער זעט ווי עס בייגט זיך אויס אַ טאָל, עס הייבט זיך אויף אַ באַרג, עס טונקלט זיך אַ שאָטן פון אַ בוים און עס ציטערט אַ פייער פון אַ שטוב.

טוט ברוך אַ שמייכל: „ער שטייט לעבן טורעץ און מיינט, אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט". זעצט ער זיך אַריין אין שליטן, טוט אַ טרייב דאָס פערד, עס זאָל שנעלער אַרויספאָרן אויפן וועג.

מען זעט אָבער נישט קיין וועג; די בערג נידערן אַראָפּ נידעריקער און די טאָלן הייבן זיך אויף העכער; דאָס פייערל פון שטוב גייט איין אין פראָסט, און די פונקען פון פראָסט ציטערן איבערן שניי; און דער שניי ציט זיך אויס לאַנג און ווייט, און לייגט זיך אויס גלאַט און ווייך.

דאָס פערד שטייט שוין צו, גייט מיט שווערע טריט און ברוך דער דיליזשאַנס איז אויסגעמאַטערט; ער קען זיך אַפילו נישט שטראָפן, אַז ער האָט נישט געטאָרט אויסבייטן דעם טאַטנס יאַרצייט אויף די קנאַקעדיקע פּינפּערלעך; אים גייען אָבער נישט אַרויס פון זינען די ווייסע פּאַניען־קעס, וואָס זענען ווייסער פון שניי; זיי זעצן זיך אַוועק ביי דעם פערד אויפן גריווע און מאַטערן אים אויס ביז דעם לעצטן טראָפּן שוויס, און מען דערזעט זיי ערשט דעמאָלט, ווען זיי טוען אַ פּאַטש מיט די פליגלען און פליען אַוועק. ער דערמאָנט זיך פון די יידן, וואָס האָבן פאַרבלאָנ־דזשעט אין וועג און נישט געקענט קומען אַהיים אויף שבת; ער טראַכט פון די בעל־עגלות, וואָס די פערד האָבן פאַרפירט אין אַ פאַלאַנקע פון טייך.

פאַרשטייט ער, אַז די סכנה איז זייער גרויס, ער ווייס אָבער נישט ווי זיך צו ראַטעווען, בעט ער מחילה ביי זיין טאַטן ע״ה, ער זאָל זיין פאַר אים אַ גוטער בעטער, ער נעמט אָן די ציצית פון טלית קטן, לאָזט איין די לייצעס און לאָזט דאָס פערד גיין אויף זיין באַראַט.

ערשט דאָס פערד האָט זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט, בלאָזט מיט די נאָזלעכער און וויל נישט גיין ווייטער.

זיצט ברוך אין שליטן, שטייפט איין די שרעק אין די הויפנס, גיט אַ שמיץ דאָס פערד און טרייבט אים ווייטער גיין, נאָר דאָס פערד רירט זיך נישט פון אָרט און גראָבט מיט די קאָפּיטעס אין דעם שניי.

זעט שוין ברוך, אַז ער וועט זיך נישט אויסבאַהאַלטן פון דער סכנה, נעמט ער אין איין האַנט די בייטש, מיט דער אַנדערער האַנט האַלט ער די ציצית און קריכט אַרויס פון שליטן.

אַן אימה, אַ פּחד; אויפן ווייסן שניי ליגט אַ שוואַרצער פּאַק; שפּרינגט אָפּ ברוך פון פערד און טוט אַ געשריי: „שמע ישראל!״

אַז די באבע האָט דערהערט אַ יידיש קול, האָט זי מיט די לעצטע כוחות אויסגערופן:

— שרעקט זיך נישט, עס איז אַ יידישע טאָכטער, אַ מאַמע מיט אַ קינד!

די באבע איז אָבער געווען אַזוי אויסגעמאַטערט פון שרעק און קעלט, אַז זי האָט מער נישט געקענט רעדן. עס איז געוואָרן שטיל, און די שטיל־קייט האָט זיך אויסגעלייגט ווי די שווערע פינצטערע שאָטנס, וואָס זע־נען געקראָכן פון וואַלד.

האָט זיך ברוך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז ער שטייט לעבן אַ וואַלד; פון אונטן קריכט די פינצטערניש פון די שטאַמען, און אין דער הויך הענגט אַראָפּ דער שניי מיטן פראָסט פון די צווייגן. די פינצטערניש פון דער ערד הייבט זיך אויף הויך, העכער; און די ווייסקייט פון די צווייגן שפּרייט זיך אויס נידעריק, נידעריק, גלייך ווי ווייסע פייגל וואָלטן געפּאַכעט מיט זייערע שוואַרצע פליגלען איבער זיין קאָפּ.

האָט שוין ברוך פאַרשטאַנען אַז זיי האָבן זיך איצטער פאַרשטעלט פאַר אַ יידענע און זיך אַוועקגעלייגט אין מיטן פעלד, און ער האָט מורא געהאַט צוצוגיין צו דער באַבען.

בערעלע האָט זיך אָבער פון די רייד אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אָנגעהויבן וויינען: „מאַמע, מאַמע...‟

האָט זיך ביי דער באָבען געשטאַרקט דער כוח און זי האָט אָנגעהויבן איינשטילן דאָס ייִנגל: „בערעלע, בערעלע, שרעק זיך נישט, גאָט האָט צוגעשיקט אַ יידן, וואָס וועט אונדז ראַטעווען...‟

אַז ברוך האָט דערהערט ווי אַ קינד וויינט, האָט ער געטראַכט אַז פאַר קיין קינדער פאַרשטעלן זיי זיך נישט, און ער האָט זיך מיט ציטעריקע טריט אָנגעהויבן דערנענטערן צו דער יידענע, געטאַפּט מיט דער בייטש דעם שניי און קוים אויסגערעדט איינציקע רייד: „שמע ישראל, ווער איז דאָס?‟

האָט די באָבע געענטפערט: „שרעקט זיך נישט, איך בין אברהם זשירעוורס ווייב...‟

— פון דער גרויסער קראַם... איז ברוך געוואָרן רואיקער. ער האָט אַריינגעלייגט דאָס ייִנגל אין בויד און געהאָלפן דער באָבען אַריינקריכן אין שליטן.

די באָבע האָט דערציילט ברוכן ווי אַזוי זי האָט זיך אַרויסגעוואָרפן פון מיקאָלאַיקאָס שליטן און זי האָט נישט געוווסט ווי אַזוי צו לויבן גאָט און דאַנקען דעם יידן וואָס ער האָט דאָ אויפן מיטן פעלד אַרויסגעראַטעוועט זי מיטן קינד פון גויישע הענט. ברוך דער דיליזשאַנס האָט געשוויגן און זיך נישט געקענט אָפּחידושן: „ווהין אַ פערד קען עס פאַרפירן אַ מענטשן...‟

האָט זיך די באָבע אָנגערופן: „אָט דאָ ליגט דער וועג‟.

— דעם וועג זע איך שוין — האָט ברוך געשמייכלט — איך וויל

אָבער וויסן צי מען וועט קריגן אין זשירעווע אַ מנין צו דאַווענען, ווייל איך האָב יאָרצייט נאָך מיין טאַטן.

— דער מנין איז ביי אונדז אין שטוב — האָט די באָבע געזאָגט מיט פרייד — מיר וועלן צונויפרופן אַלע יידן פון זשירעווע און עס וועט זיין אַ מנין.

ז

אַז די באָבע איז, מיט דעם אויבערשטנס הילף, געקומען אַהיים און אַנגעקלאַפּט אין פענצטער, האָט זי געשריגן העכער ווי זי האָט געקלאַפּט אין שויב:

— שרעק זיך נישט, אברהמע, איך בין דאַנקען גאָט געקומען מיטן יינגל...

זי האָט נישט לאַנג געדאַרפט וואַרטן אין דרויסן ביז מען וועט עפע־נען די טיר, ווייל דער זיידע איז געלעגן אַ גאַנצע נאַכט, אַ וואַכער, אויף זיין געלעגער און נישט געקענט איינשלאָפן. ביי אים איז פון זינען נישט אַרויס: „זי איז איצטער אַליין מיט אַ גוי אין וועג", און ער האָט זיך אַליין געשטראָפט, פאַרוואָס ער האָט זיך נישט איינגעשפאַרט, אָט אַזוי ווי אַ ייד דאַרף טון, ווען ער שטייט ביי דעם נסיון פון געלט, און געלאָזט זי פאָרן קיין פינסק.

אַז ער האָט דערהערט דעם ערשטן קלאַפּ אין שויב, האָט ער זיך גלייך אָנגערופן מיט פרייד און ציטער: „איך עפן! איך עפן!"

ביי דער טיר איז געשטאַנען די באָבע און פון הינטן איז געגאַנגען ברוך דער דיליזשאַנס מיט בערעלען.

דער זיידע האָט אַ קוק געטון אויף דער באָבען און נישט געזען דאָס יינגל, האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדן, און אים האָט זיך געדוכט, אַז אין דער רגע, ביז וואַנען ער האָט דערזען ווי אַ ייד פירט בערעלען פאַרן האַנט, איז ער איבערגעקומען אַלע פורעניותן, וואָס קענען טרעפן אַ יידן, ווען ער איז מיט אַ גוי אין וועג.

דער זיידע האָט נישט געהאַט קיין טענות צו דער באָבען, נישט אויסגערעדט איר קיין וואָרט, פאַרוואָס זי האָט אים נישט געפאָלגט און איז געפאָרן קיין פינסק. ער איז געשטאַנען לעבן ווייב מיטן קינד, נישט

אַראָפּגענומען די אויגן פון זיי ביידן, ווי ער וואָלט זיי שוין לאַנג נישט געזען; געפרעגט און געזאָגט עפּעס, איבערגעזאָגט נאָך אַמאָל די זעלבע רייד און נישט געדענקט וואָס ער האָט געפרעגט און וואָס מען האָט אים געענטפערט; ער האָט נאָר געהערט די לויב צום בורא עולם, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט איבערן שטוב:

— דאַנקען גאָט, געלויבט דער אויבערשטער...

ער האָט געקוקט מיט יראת־הכבוד אויף דעם יידן, וואָס האָט זוכה געווען צו אַזאַ גרויסע מצוה אַרויסצוראַטעווען זיין ווייב און קינד פון אַזאַ סכנה, און דער באבען האָט ער נישט געלאָזט גאָרנישט טון.

די באבע איז בלויז אַריין אין קאַמער, אַ קוק געטון ווי די קינדער שלאָפן, דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט ביי דעם טיש און געשוויגן ווי אַ ווייטער פרעמדער גאַסט.

דער זיידע האָט אָנגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר און נישט געלאָזן דער דינסט צו קיין זאַך זיך צורירן, נאָר ער אַליין האָט צוגעטראָגן די ערשטע גלאָז טיי צו דעם יידן און געזאָגט שטיל:

— טרינקט, ר׳ ברוך...

און אַז ברוך דער דיליזשאַנס האָט געזען, ווי די פייערן ברענען אין אַלע חדרים ביי דעם זיידן אין שטוב, די פרייד קוועלט פון יעדן ווינקעלע און די חדוה לייכט ביי מאַן און ווייב אין די אויגן ליכטיקער ווי די פייערן אין די בליך־לאָמפּן, האָט ער זיך נישט צוגערירט צו דער גלאָז טיי, וואָס דער זיידע האָט צוגעטראָגן צו אים, נאָר ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון אָרט, און שווער, מיט געציילטע איינציקע ווערטער אויסגערעדט:

— טאַטע, איך זאָג פאַר עדות אין די אויגן, אַז איך גיב אַוועק דיר די מצוה פון ראַטעווען אַ יידישן נפש פון גוייִשע הענט. זאָל די מצוה באַשטיין דערפאַר, וואָס איך האָב נעכטן נישט אָפּגעהיט דעם קדיש צו מעריב.

דערנאָך האָט ער זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביים טיש, גענומען אַ שטיקל צוקער, געמאַכט מיט כוונה אַ שהכל, אַ זופּ געטון טיי, און פאַמעלעך אָפּגערוקט פון זיך די גלאָז.

דער זיידע האָט זיך איינגעקוקט אויף ר׳ ברוכן און קיין וואָרט נישט אויסגערעדט; ביי אים האָבן זיך טרערן געשטעלט אין די אויגן, און אים

האָט זיך געדוכט, אַז אין זיין גרויסער שמחה ווערט עפּעס געמינערט פון אים; אָט — דאָ, ווי ער זיצט לעבן דעם פרעמדן יידן, גייט ער איין אין זיין קליינקייט. האָט זיך אים געוואָלט עפּעס מתקן זיין, האָט ער אויפ־געהויבן זיינע אויגן צום ווייב, אַ קוק געטון ווייך אויף איר פּנים און גע־געבן איר צו פאַרשטיין נאָך אַמאָל, זי זאָל נישט מיינען, אַז ער האָט אויף איר ח"ו תרעומות. דערנאָך האָט ער געזאָגט שטיל, אָט אַזוי ווי דער פרעמדער ייד האָט גערעדט צו זיין טאַטן ע"ה, אַלעמען צו לאַנגע יאָר:

— מערע, דו דאַרפסט גומל בענטשן, וואָס דו ביסט געראַטעוועט געוואָרן פון דער גרויסער סכנה און דער זכות פון ר' ברוכס מצווה זאָל ביישטיין אונדז אַלעמען.

די באבע איז געזעסן ביים טיש, זיך איינגעקוקט אויפן מאַן, געהערט וואָס ער האָט גערעדט צו איר, און איר איז געווען גוט, וואָס זי קען אים ענטפערן, און זאָגן, אַז זי וועט אים פאָלגן. נאָר די ווערטער האָבן זיך אַרויסגעגליטשט פון איר מויל; זי אַליין האָט זיי נישט געהערט און אי־מיצער אַנדערש האָט זיי נישט פאַרנומען, און איר האָט זיך געדוכט, אַז די שטילקייט פאַרציט זיך איבערן שטוב אַזוי שווער, ווי דער פּחד האָט גע־לויערט אויף איר אין פעלד. האָט זיך ביי איר אויפגעוועקט אַ טיפער באַגער דערהערן ווי אימיצער רעדט און זי האָט זיך אָנגערופן: „ר' ברוך!"

ברוך דער דיליזשאַנס האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש, אַ קוק געטון אין פענצטער און אויסגערעדט: „עס שאַריעט שוין אויף טאָג"... און ער האָט נישט געקענט באַהאַלטן זיין אומרו, טאָמער וועט נישט זיין קיין מנין צו דאַוונען. האָט ער זיך אָפּגעקערט צום זיידן:

— עס איז דאָך אַ קליינער ישוב יידן...

דער זיידע האָט נישט געוואַרט ביז עס איז טאָג געוואָרן, נאָר ער איז גלייך אַרויס פון שטוב און אויפגעוועקט די יידן פון זשירעווע, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען טונקל.

ער האָט אָנגעזאָגט: שרעקט זיך נישט... און גערופן מיט אַן אויס־געצויגענעם קול: „קומט דאַוונען, עס איז פאַראַן אַ יאָרצייט, אַ געהויבע־נער יאָרצייט"...

אַז די יידן פון זשירעווע האָבן זיך צונויפגעקליבן צו דעם זיידן אין שטוב און דערהערט וואָס עס איז פאַרלאָפן מיט דער באבען אין וועג, האָבן זיי אָנגעהויבן פרעגן און איבערפרעגן:

— טאַקע אין וויקניער וואַלד פאַרפירט?

— געהאַט אַ האַק אין שליטן?

און זיי האָבן געזיפצט:

— דער בעסטער גוי איז אַ גזלן...

זיי האָבן געקוקט אויף ר׳ ברוכן און זיך געחידושט, ווי אַזוי האָט ער געוווסט צו טרעפן אין וויקניער וואַלד.

ברוך דער דיליזשאַנס האָט זיך אָפּגערוקט אַן אַ זייט; אים איז שווער געווען צו פאַרנעמען דעם כבוד, וואָס מען האָט אים צוגעטראָגן און ער האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן אויף די פראַגן.

די יידן פון זשירעווע האָבן זיך אָבער נישט געאײַלט צו שטעלן זיך דאַוונען און זענען צוגעשטאַנען צו ר׳ ברוכן:

ר׳ ברוך, איר זענט פון בוטען? איר פאָרט קיין סלאָנים? טאָ ווי אַזוי קומט איר צו דעם וויקניער וואַלד?

אַן אומרו האָט אַרומגענומען ברוך דעם דיליזשאַנס: פאַר זיינע אויגן זענען אויפגעשוווּמען אַלע פּאַסירונגען, וואָס זענען פאַרלאָפן מיט אים ביז וואַנען ער האָט געפונען אברהמע דעם קרעמערס ווייב, און ער האָט אַליין נישט געקענט באַנעמען, וואָס עס איז מיט אים פאָרגעקומען. האָט ער מיט שרעק געענטפערט: „פון וואַנען זאָל איך וויסן? דאָס פערד האָט מיך געפירט: די שטומע חיה האָט מיך געבראַכט אַהין...“

האָבן די יידן פון זשירעווע אויפגעהערט שטעלן די פראַגן און אַליין נישט געוווסט צי עפּעס איז זיי קלאָרער געוואָרן, אָדער דער סוד האָט זיך איינגעגראָבן טיפער אין דער געהיימניש.

נאָר חיים וועלוול דער שניידער, וואָס היט אָפּ זיין בהמהלע ווי די אייגענע קינדער, און קוקט אויף אירע גרויסע פאַרחלומטע אויגן, ווי ער וואָלט דאָרטן געזוכט זיין אייגענעם סוד, האָט געפונען אַ וואָרט, און געזאָגט שטיל:

— גאָט ווייס, וואָס פאַר אַ גלגול ס׳זיצט אין דעם פערד...

האָט אַן אַנדער ייד אַ זיפץ געטון: „און מען שמייסט עס מיט אַ בייטש“.

און ברוך דער דיליזשאַנס האָט געטראַכט: „און ער נעמט צו דעם כבוד ביי דעם פערד און לייגט אַרויף אויף אים די משא“. ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן וואָס מען גיט אים אָפּ אַזויפיל כבוד דאָ אין שטוב

און האָט זיך אָנגעהויבן בעטן, אַז מען זאָל זיך שטעלן דאַוונען, ווייל ער דאַרף נאָך פאָרן קיין בוטען, עס איז אַ ווייטער מהלך, און ער וויל קומען פאַר ליכטיקן אַהיים.

זאָגן די יידן פון זשירעווע, אַז ר׳ ברוך זאָל זיין דער שליח ציבור, ווייל ער איז דאָך דער בעל היאָרצייט און ווייל ער איז אַזאַ גרויסער אָנ־געלייגטער אורח.

ברוך דער דיליזשאַנס האָט אָבער נאָך קיינמאָל נישט געדאַוונט פאַרן עמוד; אַז ער האָט יאָרצייט, שטייט ער אין בית המדרש אויף זיין אָרט לעבן טיר און ציילט יעדעס וואָרט, וואָס דער חזן זאָגט אַרויס, און היט אָפּ, ער זאָל נישט אויסלאָזן קיין וואָרט פון קדיש. נאָכן דאַוונען איילט ער זיך נישט גיין אַהיים צו דעם פערד מיט דער בויד, נאָר ער בלייבט אין בית המדרש, שטעלט זיך אַוועק אין אַ ווינקל לעבן אַ שטענ־דער און זאָגט אַ קאַפּיטל תהילים. ער בעט ביי דעם רבונו של עולם, אַז זיין טאַטע זאָל נישט פאַרשעמט ווערן אויף יענער וועלט, וואָס אים, זיין זון, לאָזט מען נישט צו צום עמוד, אַפילו אין דעם טאָג פון זיין יאָרצייט.

רעדט ער איצטער צו די יידן פון זשירעווע אַזוי צו זאָגן: „איך בין אין דער פרעמד; און דאָ ביי אייך, אויפן ישוב, זענען פאַראַן שענערע יידן פון מיר; איך בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, געווען אין אַזאַ כחד, האָב איך מורא, אַז איך וועל צעטומלט ווערן און איך וועל נאָך ח״ו פאַרשעמען מיין טאַטן אויף יענער וועלט מיט מיין דאַווענען״.

די יידן פון זשירעווע טרעטן אָבער נישט אָפּ פון ר׳ ברוכן, פירן אים צו צום ארון קודש, דערלאַנגען אים דעם טלית און תפילין; און ברוך דעם דעליזשאַנס דוכט זיך, אַז זיי לייגן אים אַריין די ווערטער אין מויל, איי־גענע, נאָענטע, אָט אַזוי ווי ער טענהט זיך אויס מיט זיך ווען ער פאָרט ביינאַכט איינער אַליין אין בויד און פירט אַ וואָגן משא.

האָט ער אָנגעהויבן זאָגן „ברוך שאמר״ מיט אַ ניגון, ווי ער זיפצט אַרויס: „טאַטע, טאַטע״ ווען ער דערמאָנט זיך, אַז דער טאַטע איז אפשר יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט צוליב אים, ווייל ער האָט אים נישט געפאָלגט און נישט געוואָלט לערנען, און ער לאָזט אַרויס אין אַ גרויס געבעט: „ברוך מרחם על הבריות״... ער פאַרענטפערט זיך פאַרוואָס ער הייבט אויף די בייטש אויפן פערד, לייגט אַרויף נאָך אַ זעקל מעל אויפן וואָגן, נעמט אַרויף אַן איבעריקן פאַרשוין אין בויד און מאַכט שווערער די משא.

און איצטער ביים דאַווגען האָט ער דערזען דעם אויסגעשטערנטן הימל וואָס איז געהאַנגען איבער אים, ווען ער איז געשטאַנען ביינאַכט אין פעלד, און ער האָט דערפילט דעם פּחד, וואָס איז געקראָכן פון דער ווייסקייט פון שניי, חזרט ער איבער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל „ברוך פודה ומציל“ און לויבט דעם אויבערשטן, וואָס ער דערבאַרעמט זיך אויף דעם מענטשן און האָט רחמנות אויף דער שטומער חיה.

הערן די זשירעווער יידן ווי ר׳ ברוך דאַווגט און זעען, אַז ער איז אַראָפּ פון נוסח, הייבן זיי אָן זאָגן העכער און ווילן אים אַרויספירן אויפן וועג פון וואָכעדיקן דאַווגען, נאָר זייערע ווערטער דאַרן איין אין אייגענעם קול און פאַלן אַראָפּ ווי פאַרוויאַנעטע בלעטער; און ר׳ ברוכס ניגון: „האל האב הרחמן“ בעט זיך, טאַקע אַזוי ווי אַ קינד רעדט צו אַ טאַטן. די ווער־טער פליען זיך פונאַנדער אין באַזונדערע אותיות, הייבן זיך אויף אין דער הויך, שוועבן אין דער לופטן, און טראָגן זיך אַוועק נאָך העכער.

— „אַזש ביזן כסא הכבוד“, ווילט זיך אַ יידן מפסיק זיין.

און אַן אַנדערער ייד קען ביים דאַווגען נישט פאַרטרייבן פון זיך דעם רעיון: „אַזאַ דאַווגען שיינט אַזוי ליכטיק פאַר דעם טאַטן דעם צדיק אויף יענער וועלט, אַז ער קען מיט דער לויטערקייט אויך אויסלייזן די רשעים פון גיהנום“.

און דער גאַנצער מנין יידן איילט זיך ניט מיטן דאַווענען, זאָגט נאָך ר׳ ברוכן מיט זיין ניגון, מיט זיין נוסח און ווען זיי זינגען אַרויס: „משבח ומפאר בלשון חסידיו ועבדיו“, דוכט זיך אַלעמען אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך צונויפגעזאַמלט דאָ, ביי דעם זיידן אין שטוב, די יידן, און להבדיל די גויים פון זשירעווע, און לויבן מיט איין לשון דעם אויבערשטן, דעם בורא עולם.

די באָבע איז געשטאַנען אין אַנדער חדר, געהיט דורך דער אָפענער טיר, ווי ר׳ ברוך דאַווגט פאַרן עמוד און נאָכגעזאָגט אויף עברי טייטש, זי זאָל יעדעס וואָרט פאַרשטיין. אַז זי איז אָבער געקומען צו: „געלויבט איז דער וואָס טוט אויסלייזן און איז מציל“, האָט זי זיך אַזוי פונאַנדער־געוויינט, אַז זי האָט ווייטער נישט געקענט דאַווענען.

איז זי געשטאַנען פון ווייטן און זיך איינגעקוקט אויף ר׳ ברוכן, ווי ער דאַווגט, און געפּאָרשט און געזוכט יעדן ריר און קער זיינעם און געטראַכט: אַ בעל־עגלה פון בוטען און זי האָט אים קיינמאָל נישט געזען דורכפאָרן מיט דער בויד...

ח

און אין דער נאַכט, ווען די באָבע איז געלעגן אין פּחד אויפן מיטן פעלד, איז מיקאָלאַיקאַ — דער גוי, להבדיל, אויך נישט געווען רואיק.

אַז ער איז אַריינגעפאָרן אין וואַלד, האָט ער אַ טאַפּ געטון די היי, צי די האַק ליגט אין שליטן, און זיך אָפּגעקערט אויף הינטן אַ קוק טון אויף דער באָבען .

אַז ער האָט דערזען, ווי דער שליטן איז אַ ליידיקער און די באָבע איז נישטאָ, איז אים באַפאַלן אַ שרעק: „טייוואָלים האָבן זי אַרויסגע־שלעפּט פאַר די האָר און אַוועקגעוואָרפן אונטער די קוסטעס...״

האָט ער איבערגעלאָזן דאָס פערד מיטן שליטן צווישן דיביימער און איז אַוועקגעגאַנגען זוכן די באָבע מיטן יינגל. דער שוואַרצער שאָטן פון וואַלד האָט אָבער פאַרשטעלט דאָס ליכט פון זיינע אויגן און ער האָט נישט געקענט דערזען די באָבע; און די בייזע רעיונות האָבן צעטומלט זיין שכל און ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי צו קומען צוריק צום פערד.

דאָס פערד איז געשטאַנען און געשטאַנען אונטערן בוים און גע־וואַרט אויף זיין באַלעבאָס, נאָר אַז דער פראָסט האָט אים אָנגעהויבן בייסן אונטערן בויך, און די לייצעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן פרייע אויפן שניי, האָט זיך דאָס פערד אַ ריס געטון פון אָרט, צעריסן דעם שפּאַן אין די צווייגן, איבערגעלאָזן דעם שליטן אין וואַלד, און זיך אַוועקגעיאָגט קיין זאַליעשע צו זיך אין שטאַל אַריין.

מיקאָלאַיקאַ האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן וואַלד און געזוכט די באָבע מיטן יינגל; ער האָט געטאַפּט זיין שאָטן, וואָס האָט זיך אויסגע־צויגן לענגער פון אים און איז אַנטלאָפן ווייטער פון אים. ער איז גע־קראָכן אונטער די קוסטעס, וואָס האָבן פינצטערער, ווי די שוואַרצע נאַכט צוגעדעקט דעם שניי, נאָר ער האָט די באָבע מיטן יינגל נישט געפונען.

האָט מיקאַלאַיקאַ געטראַכט, און האָט זיך אַליין געענטפערט. אַז די טייוואָלים טראָגן אַוועק אימיצן פאַר די האָר, קען אים קיינער נישט געפינען; בלויז אַ בושעל וועט אים דערזען, ווען ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ זומפּ, און ער איז אַוועקגעגאַנגען צו זיין פערד און שליטן.

ער גייט און גייט איבערן וואַלד, ער זעט דעם וועג, וואָס דער שליטן

האָט אויסגעשניטן אין שניי, עס שטייען פאַר זיינע אויגן די טריט, וואָס די קאָפּיטעס פון פערד האָבן איבערגעלאָזן, נאָר דאָס פערד זעט מען נישט.

אָטאָ איז געווען זיין פערד, אויסגעצויגן די האַלדז פון כאָמוט, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געלעקט מיטן צונג דעם שניי, און שוין איצ־טער זעט ער אפילו נישט זיין עק, גלייך ווי אַ פינצטערע כמאַרע וואָלט אים איינגעשלונגען ביזן שפּיץ פון די אויערן.

האָט מיקאָלאַיקאַ אָנגעהויבן רופן זיין פערד, מיט גוטע רייד, מיט געבעט, אָט אַזוי ווי ער פירט אים אַרויס פאַרטאָג פון שטאַל זיך אָנ־טרינקען:

— ווו איז מיין פערד? פערד מיין טייערער, ווו ביסטו?

זיין גערוף האָט זיך אָבער פּלוצלינג אָפּגעריסן פון זיין קול און איז אַראָפּגעפאַלן לעבן אים שווער, ווי עס וואָלט איינגעזונקען אין אַ ברונעם, און דאָס ווידערקול האָט זיך אומגעקערט צוריק און אָפּגעקלונגען מיט פּחד, ווי דער גאַנצער וואַלד וואָלט געשריגן און גערעוועט.

און אין דעם געשריי פון וואַלד האָט מיקאָלאַיקאַ דערהערט ווי זיין פערד הירזשעט ברייט און אָפן, אָט אַזוי ווי ער פרייט זיך, ווען ער דערהערט די טריט פון זיין באַלעבאָס.

האָט זיך מיקאָלאַיקאַ אַוועקגעלאָזן נאָכן הירזשען פון פערד, גערופן אים מיט זיסע נעמען און געהערט ווי דאָס פערד ענטפערט אים, און אים האָט זיך געדוכט אַז אָט אָט זעט ער זיין קאָפּ, הערט ווי די הינטערשטע פיס שפּרינגען אונטערן קוסט און ער כאַפּט אים שוין אָן פאַרן עק, נאָר פּלוצלינג האָבן די געדיכטע צווייגן צוגעדעקט די שיין פון דער לבנה און דער שוואַרצער שאָטן האָט מיט זיין כישוף פאַרשאַרט דאָס פערד אונ־טער דיביימער.

האָט מיקאָלאַיקאַ אָנגעהויבן וואָיען ווי אַ הונט:

— „טייוואָלים האָבן צוגענומען דאָס פערד און אַוועקגעפירט אים צו דער קרעמערקע!" און ער האָט אָנגעהויבן אויסלייגן זיין אומגליק:

— געוואָלט הרגענען אַ מענטשן. ווי וועל איך איצטער קומען צו אַבראַמען אין קראָם! און ווי וועל איך זיך באַווייזן פאַר די מענטשן אין דאָרף מיטן בייטש אָן אַ פערד!

און דער וואַלד האָט גערעוועט און געוויינט מיט מיקאָלאַיקאָס גע־וויין און געשריי, און מיקאָלאַיקאָ האָט געזען ווי די טייוואָלים יאָגן אַרום

דאָס פערד איבערן וואַלד, הענגען אים אויף פאַרן עק אויף אַ צווייג, זעצן זיך אַוועק אויף זיין קאָפּ און פאָרן אויף אים רייטנדיק; דאָס פערד איז נאָס פון שווייס, פאַלט אויף די הינטערשטע פיס, און זיי, די בייזע גייס־טער, האָבן אויף אים קיין רחמנות נישט. און דאָס ווייב זיצט אין דער היים לעבן אויוון אויפן טאַפּטשאַן און קלאָגט און וויינט: „אַרויסגענומען דאָס פערד פון שטאַל און געבראַכט אַהיים די בייטש...״ און ער ווייס נישט וואָס צו ענטפערן איר.

האָט מיקאַלאַיקאַ נישט געקענט איינרוען, ער איז געשפרונגען אי־בער די קוסטעס, געקראָכן אונטער די צווייגן און זיך געיאָגט נאָך זיין פערד, וואָס האָט אין דער פיצנטערניש געשמיסן אים אין פּנים אַריין מיטן שוואַרצן עק, נאָר ער האָט אים נישט געקענט כאַפּן.

אַזוי איז ער אַרומגעקראָכן איבערן וואַלד אַ נאַכט מיט אַ טאָג. גע־בלאָנדזשעט אַ טאָג מיט אַ נאַכט ביז ער איז צוגעקומען צו אַ דאָרף און געבעטן מען זאָל אים געבן אַ שטיקל ברויט אָפּצועסן.

קיין ברויט האָט אים אַ גוי נישט געזשאַלעוועט, ער האָט אָבער גע־פרעגט:

— צו וואָס טראָגסטו אַ בייטש? ווו איז דיין פערד?

האָט מיקאַלאַיקאַ אָנגעהויבן וואַיען ווי אַ הונט און צוריק אַנטלאָפן אין וואַלד זוכן זיין פערד.

אַזוי האָט מיקאַלאַיקאַ אַרומגעוואַנדערט אַ גאַנצן ווינטער ביז דער שניי איז צעגאַנגען. אַז ער האָט דערזען ווי די ערד טריקנט זיך אויס פון דער נאַסקייט, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מען דאַרף פאַרזייען די פעלדער, און ער האָט זיך אַוועקגעצויגן צו זיך אַהיים אין דעם דאָרף זאַליעשע.

ט

אַז מיקאַלאַיקאַס ווייב האָט דערזען ווי איר מאַן איז אַריין אין שטוב אין אַ צעריסענעם „קאָזשוך״ מיט אַ בייטש אין האַנט, איז איר באַפאַלן אַ גרויסער פּחד און זי האָט אָנגעהויבן שרייען: טייוואָלים האָבן אים גע־בראַכט!

דאָס גאַנצע דאָרף האָט שוין געוווּסט פון פריער, אַז די בייזע גייס־טער האָבן די „זשידיכע״ אַרויסגעוואָרפן פון שליטן און מיקאַלאַיקאַן

אַוועקגעטראָגן אין אַ פּאַלאַנקע פון טייך; בלויז דאָס פערד האָט זיך גע־ראַטעוועט, ווייל וואָס קענען זיי טון מיט אַ פערד; זיי רייטן, רייטן אויף אים ביז זיי פאַרמאַטערן אים און דערנאָך לאָזן זיי אָפּ דאָס באַשעפע־ניש.

האָבן זיך די גויים פון דאָרף צונויפגעקליבן צו מיקאַלאַיקאָן אויפן הויף, געקוקט אויף אים, זיך געוווּנדערט, ווי אַזוי ער האָט זיך אַרויסגע־ראַטעוועט פון זייערע הענט, געשאָקלט מיט די קעפּ און איבערגערעדט מיט שרעק און רחמנות: „געקומען נאָך די קינדער...״ און אַ קלוגער פויער האָט געגעבן צו פאַרשטיין: „אַליין קענען זיי די קינדער נישט צו־נעמען, שיקן זיי אַזאַ מענטשן, ער זאָל מיט זיין כּישוף ברענגען צו זיי די קליינע נפשלעך...״

און מיקאַלאַיקאָס ווייב האָט מורא געהאַט אַריינלאָזן איר מאַן אין הויז אַריין; זי איז געזעסן ביי דער טיר, געוויינט און געיאָמערט, און אויסגעלייגט פאַר אַלעמען איר אומגליק: „עס איז אַ רחמנות אויף דעם אייגענעם „טשעלאָוועק״. ווער וועט איצטער צעאַקערן דאָס פעלד, און ווער וועט פאַרזייען די זריעה?!״

נאָר מיקאַלאַיקאָ איז געשטאַנען אויפן הויף, נישט געפּרוּווט אַריינ־גיין צו זיך אין שטוב, זיך איינגעקוקט אויף די שכנים, און געשוויגן; נאָר שפּעטער, אַז די גויים פון דאָרף זענען זיך צעגאַנגען, איז ער אויך אַוועק־געגאַנגען.

ער פלעגט פאַרפאַלן ווערן אויף טעג, און קומען צוריק אַהיים, ער פלעגט אָבער אין הויז נישט אַריינגיין, נאָר זיך אַוועקשטעלן אויפן הויף, קוקן אין פענצטער פון דער אייגענער שטוב און ווידער אַוועקגיין.

אין דאָרף האָט מען דערציילט, אַז מיקאַלאַיקאָ בלאָנדזשעט אַרום איבערן וואַלד, גייט אַרום איבערן וויהאָן און עסט גראָז און אַז ער דער־זעט ווי די פייגל פליען אין דער הויך, הייבט ער אָן פאַטשן מיט די הענט און הירזשען ווי אַ פערד.

און די אַלטע גויעס האָבן זיך געשוווירן, אַז זיי האָבן אַליין געזען, ווי מיקאַלאַיקאָ קריכט אַרויס ביינאַכט פון די קוימענס, און טראָגט זיך אַרום איבער די סטריכעס פון די שטיבער ווי אַ פינצטערער רויך. האָט מען אין דאָרף נישט אַרויסגעלאָזן מיקאַלאַיקאָן אויף אַ פרעמדן הויף, ווייל מען האָט זיך געשראָקן אַז פון זיין בליק וועלן די הינער אויפהערן

לייגן אייער, און פון זיין כישוף וועלן די קינדער אַוועקפאַלן.

מיקאָלאיקאָ איז אָבער נישט געקראָכן אויף קיין פרעמדע הייפן און ער איז נישט געגאַנגען אין קיין פרעמדע הייזער. ער איז געשלאָפן אין וואַלד אונטער אַ בוים און זיך באַהאַלטן אין אייגענעם שטאַל לעבן פערד.

⁂

נאָר ווינטער, אין די גרויסע זאַווערוכעס, און אין אָסיען, אין די שווערע רעגנס, האָט אים אָנגעהויבן ציען צו דער באָבען אין קראָם; פלעגט ער קומען קיין זשיר־עווע, אַריינגיין צו דער באָבען אין קראָם, זיך אַוועקשטעלן ביי דער טיר, זיך איינקוקן אויף די פּאָליצעס מיט סחורה און שווייגן.

און אַז די באָבע האָט דערזען מיקאָלאַיקאָן, האָט זיך ביי איר אָפּ־געטון די רו; זי האָט נישט געקענט רעדן מיט די קונים, וואָס זענען גע־שטאַנען אין קראָם, און איר האָט זיך געדוכט, אַז זי קען נישט איבער־ציילן די רעשטע, וואָס זי דאַרף אַרויסגעבן.

זי האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי זי האָט אויף אַ האָר געראַטעוועט איר קינד פון טויט און איר האָט זיך געדוכט, אַז זי הערט נאָך איצטער, ווי זי בעט זיך ביי מיקאָלאַיקאָן ער זאָל זיך אומקערן אַהיים.

זי איז אָבער נישט געווען בייז, און האָט זיך נישט געוואָלט אָפּרע־כענען מיטן גוי, נאָר פאַרקערט, אַ טיפער רחמנות האָט זיך אויפגעוועקט ביי איר צו מיקאָלאַיקאָן וואָס איז אַזוי געשטראָפט געוואָרן פון גאָט. אַז די רשעות, וואָס ער האָט געוואָלט אָנטון איר, איז אַריין אין אים.

האָט זי איבערגעלאָזן די קונים, און צוגערופן צו זיך מיקאָלאַיקאָן און געזאָגט צו אים: „דו ביסט הונגעריק...“

זי האָט זיך איינגעקוקט ווי ער האַלט פאַרמאַכט די אויגן, רעדט ניט אויס קיין וואָרט, און זי האָט אַ טיפן זיפץ געטון: „וואָס פון אים איז געוואָרן — גאָט ווייס, וואָס פאַר אַ גילגול איז דעמאָלט אַריין אין אים און פאַר וועמענס זינד ער קומט איצטער אָפּ...“

דער יחוס פון אָרעמע לייט

מיין באָבע, ע"ה, פלעגט זאָגן, אַז אַן אָרעמאַן דאַרף מען געבן די נדבה בסבר פנים יפות, ווייל די אָרעמע לייט גייען אַרום איבער די הייזער און טראָגן די וואָרהאַפטיקייט אויף זייערע לעפצן, כדי אמת זאָל זיך באַהעפטן מיט דעם חסד, וואָס מען טוט מיט זיי.

א

פאַרצייטנס איז אין דעם קליינעם ישוב זשירעווע געווען איינגעפירט, אַז פריער האָט מען געגעבן אַ נדבה דעם אָרימאַן און דערנאָך האָט מען אים געבעטן זיך וואַשן צום טיש, כדי אים זאָל איינגיין דאָס עסן און ער זאָל נישט מיינען, אַז מען וויל בלויז אָפּקומען מיט אַ מאָלצייט און איינשפּאָרן די נדבה.

אין זשירעווע האָט מען אָפּגעהיט די בעטלער, אביונים, קבצנים וואָס גייען אַרום מיט אַ טאָרבע איבער די הייזער, וואָס פאָרן אַרום אין אַ בויד איבער דער וועלט, בעוויל מען האָט געזאָגט, אַז זיי, די אָרימע לייט קומען אַרויס פון גרויסן יחוס: זיי שטאַמען אָפּ פון יאַנקל זיס־יאָר און גנענדל גוט־שבת.

**
*

אַמאָל, אַמאָל מיט יאָרן צוריק, ווען מען איז נישט געפאָרן מיט קיין באַנען, נייערט זיך געצויגן מיטן אַקס איבער די וועגן, און די בעל־עגלות האָבן איינגעוויגט די וועלדער מיט זייערע מעשיות און געשיכטעס, אין יענער צייט האָט יאַנקל זיס־יאָר מיט זיין ווייב גנענדל גוט־שבת געוווינט אין דעם דאָרף ניסטערעוויטש.

דאָס דאָרף ניסטערעוויטש איז געשטאַנען ווייט פון די גרויסע טראַקטן, אָפּגעזונדערט פון די יידישע קרעטשמעס און האָט זיך אויסגעצויגן לעבן אַ הויכן באַרג, נישט ווייט פון אַ געדיכטן וואַלד.

יאַנקל זיס־יאָר איז געזעסן מיט זיין ווייב גנענדל גוט־שבת אין אַ קליינער הייזעלע, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן דאָרף צווישן מיט די גוישע כאַטעס.

דאָס הייזעלע איז געווען צוגעדעקט מיט אַ דאַך פון שטרוי ווי די גוישע כאַטעס און די סטריכע האָט זיך אַראָפּגערוקט נידעריק אויף די קליינע פענצטער, כדי ווינטער זאָל זי פאַרשטעלן די שטוב פון קעלט און זומער זאָל איר שאָטן באַשיצן פון היץ.

די גויישע הייזער זענען געווען קורצע, צוגעדעקט מיט אַ פלאַטשיקן פאַרשלאָסענעם דאַך, אָן אַ קוימען; דער רויך פון אויוון איז געקראָכן ביי זיי אין שטוב אונטער דער סטעליע און זיך געשפּאַרט דורך דער אָפענער טיר אין דרויסן; ביי יאַנקל זיס־יאָר האָט זיך פון דעם שטרויענעם דאַך אויפגעהויבן אַ ווייסער קוימען און דער רויך פון אויוון האָט זיך געצויגן פון קוימען הויך, הויך אין די וואָלקנס אַריין.

די חיונה האָט דער ייד, ווי, להבדיל, דער גוי געצויגן פון דער ערד: דער גוי האָט פאַרזייט די פעלדער און געפיטערט די פי און דער ייד האָט אַרויסגענומען דעם האָניק פון בינשטאָק און געזייט ליאָן.

יאַנקל זיס־יאָר האָט זיין שטיקל פעלד, וואָס איז געלעגן הינטערן הויף נישט ווייט פון זיין שטוב, איינגעטיילט אין צוויי חלקים: אויף איין חלק זענען געשטאַנען די בינשטאָקן און אויפן צווייטן טייל איז געוואַקסן ליאָן.

לעבן די בינשטאָקן האָט יאַנקל זיס־יאָר געפלאַנצט אַ סאָד פון עפּל און באַרן און געלאָזט וואַקסן קוסטעס בלומען, כדי די בינען זאָלן קענען אויסזויגן דעם זאַפט פון דעם בליעכץ פון די פירות און אַרויסציען דעם ריח פון די בלומען פאַר דעם האָניק, וואָס זיי זאַמלען אָן אין בינשטאָק.

יאַנקל האָט אַ גאַנצן זומער געקליבן דעם האָניק פון די בינשטאָקן און געבראַכט אים קיין סלאָנים אויף ראש־השנה, יידן זאָלן האָבן אַ זיס יאָר, דערפאַר האָט מען אים גערופן יאַנקל זיס־יאָר; גנענדל, זיין ווייב, האָט געזייט דעם ליאָן אויפן פעלד, כדי מען זאָל פון דעם לייוונט אויפ־נייען פאַר אַ יידן אַ העמד אויף שבת און פאַרשפּרייטן אַ טישטוך אויפן טיש צו ליכט בענטשן — דעריבער האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן גנענדל גוט־שבת.

ביי די גויים זענען געווען פערד, בהמות, שעפּסן און חזירים און ביי דעם יידן איז געשטאַנען אַ בהמה אין שטאַל און אַ באָק איז אַרומגעגאַנ־גען איבערן הויף.

און אַז יאַנקל זיס־יאָר האָט אַ קוק געטון ווי די חזירים קריכן אַרום

ביי די גוים אויף די הייפן און שפּארן זיך אין די בלאָטעס, און ביי אים אויפן הויף שפּאַצירט אַרום דער באָק מיט זיין פאַרריסענער בערדל און קוקט זיך איין אין פענצטער פון שטוב, האָט זיך אים געדוכט, אַז ער פאַרשטייט פאַרוואָס די תורה האָט פאַרזאָגט, מען זאָל נישט עסן קיין חזיר.

און אַז אַ גוי האָט אַ פרעג געטון ביי דעם יידן:

— יאַנקל, צו וואָס האַלטסטו דעם באָק, אַ דאַרמאַיעדניק, אַז דו האָסט נישט קיין ציגן?

האָט יאַנקל אַ שמייכל געטון און אַ קוק געטון אויפן גוי:

— „און צו וואָס טראָגסטו אַ צלם אויפן האַלדז, אַז ער וואַרעמט דיך נישט פון קעלט?" און בעת מעשה געטראַכט: „זאָלן זיי זען, אַז אַ יידישע שטוב קוקט אויס אַנדערש ווי זייערע כאַטעס..."

יאַנקל זיס־יאָר האָט נישט געקויפט דעם באָק און נישט אויסגעהאָדעוועט אים; ער האָט זיך אָבער אַזוי צוגעוווינט צו דער באַשעפעניש, ווי ער וואָלט עס אויסגעהאָדעוועט ביי זיך אין שטאַל אויף זיין ברויט און קאַרם. אַז יאַנקל זיס־יאָר האָט זיך אָבער דערמאָנט פון וואַנען עס האָט זיך גענומען צו אים דער באָק — האָט ער זיך דערשראָקן פאַר די רעיונות און האָט זיך אַליין איינגערעדט, אַז אַ מענטש דאַרף נישט טראַכטן פון אַזעלכע זאַכן, ווייל ער קען עס מיט זיין שכל נישט באַנעמען.

דער באָק האָט זיך צוגענאַשעט צו אים מוצאי יום־כיפור, ווען ער איז צוזאַמען מיט זיין ווייב און זייער קליין מיידעלע דוואָשע געפאָרן פון סלאָנים אַהיים פון די ימים־נוראים.

דאָס ווייב מיטן קינד האָבן געדרעמלט הינטן אין פאַלוקעשעק און יאַנקל זיס־יאָר איז געזעסן פון פאָרנט אין וואָגן. ער האָט אונטערגעברומט אַ ניגון, וואָס אים האָט נאָך געקלונגען אין די אויערן פון די יום־כיפורדיקע תפילות, און האָט איינגעאָטעמט די קילע לופט וואָס האָט געציטערט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

די לבנה איז אַרומגעשווומען אויפן הימל אַ ווייסע, אַ קלאָרע; איר שיין האָט זיך געטונקט אין דעם ביינאַכטיקן טוי, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אויפן וועג, העכער פון דעם פערד.

יאַנקל זיס־יאָר האָט זיך איינגענורעט אין זיין פלאַשטש, אָפּגעלאָזן די לייצעס, געלאָזט גיין דאָס פערד אַליין און איינגעדרעמלט מיט

אַ דרעמל, וואָס האָט זיך געוויגט אין דער נאַכט צווישן ליכט און שאָטן ווי אין אַ חלום.

נאָר פלוצלינג איז אים באַפאַלן אַ פחד: ער האָט דערהערט ווי אימי־צער שאַרט זיך לעבן וואָגן. האָט ער אָנגענומען שטייפער די לייצעס, אָפּגעשטעלט דאָס פערד און אַ קוק געטון צום ווייב מיטן קינד אין פאלוקעשאָק. גנענדל מיט דוואשען זענען רואיק געשלאָפן אין דעם פרישן היי און לעבן וואָגן איז געוואָרן שטיל.

יאַנקל זיס־יאָר האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און ער האָט קיין זאַך נישט געזען, האָט ער אַ טרייב געטון דאָס פערד און איז אַוועק־געפאָרן ווייטער. ערשט ער הערט לעבן וואָגן איז ווידער נישט רואיק; אימיצער טרעט נישט אָפּ פון פאלוקעשאָק און שפּאַרט זיך אין די רעדער — איז זיין שרעק געוואָרן גרעסער און ער האָט זיך אָנגערופן צום ווייב:

— גנענדל, דו שלאָפסט?

גנענדל ענטפערט עפּעס, נאָר זי דערשלינגט די ווערטער אין איר טיפן געגעץ און דרעמלט צוריק איין.

פרעגט יאַנקל ווידער: — דאָס קינד איז לעבן דיר?

דערשרעקט זיך גנענדל: — האַ! וואָס זאָגסטו! — און כאַפּט אַרום דוואשען מיטביידע הענט.

יאַנקל ענטפערט איר גאָרנישט און פרוווט פאָרן ווייטער, נאָר גנענדל זיצט שוין אַ וואַכע און שעפּטשעט שטיל:

— „יאַנקל, מיר דוכט זיך אַז אימיצער קריכט אונטערן וואָגן".

האָט שוין יאַנקל מער נישט געקענט באַהאַלטן זיין שרעק, ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צו דער ווייב מיטן קינד און אויסגערעדט שטיל: „יאָ, עפּעס האָט זיך צוגעטשעפּעט אין וועג"... ער האָט זיך אָבער נישט געקענט געבן קיין עצה וואָס צו טון.

ער האָט געוואָלט אַראָפּגיין פון וואָגן און אָננעמען דאָס פערד פאַר דער צוים, ווייל ער האָט געוווסט, אַז טאָמער, ח"ו די שעה זאָל נישט זיין, זעצן זיי זיך אַוועק ביי דעם פערד אויף דער גריווע, יאָגן זיי אים אַרום אַזוי לאַנג ביז זיי פאַרמוטשען אים. נאָר ער האָט געציטערט איבער־צולאָזן דאָס ווייב מיטן קינד, האָט ער גענומען שטייפער די לייצעס אין האַנט און אַ טרייב געטון שנעלער דאָס פערד. דער שאָרך שפּרייט זיך

אָבער אויס ברייטער און געדיכטער איבערן וועג, ווי אַ ווינט וואָלט זיך געשפּאַרט פון די רעדער און אָט אָט ווערט דער וואָגן ערגעץ פאַרטראָגן.

האָט גנענדל שטייפער צוגעטוליעט צו זיך דאָס קינד, אָנגעהויבן זאָגן אַ תחינה און זיך געבעטן ביי דעם מאַן:

— אַנטלויף נישט, מען טאָר זיי נישט דערצאָרענען, זיי וועלן אָנ־יאָגן...

האָט שוין יאַנקל פאַרשטאַנען, אַז איצטער מוצאי יום־כיפור ביי־נאַכט, האָט דער שטן אָפּגעבונדן זייערע שטריק און זיי זענען שוין אַרויסגעקראָכן פון די באַהעלטענישן, האָט ער אָנגענומען די ציצית און אַרויסגעלאָזן אַ געשריי: „שמע ישראל!"

— „מע־מעו!"... האָט ער פּלוצלינג דערהערט, ווי זיין אייגענער ווי־דערקול וואָלט אים אָפּגעענטפערט. ער טוט אַ קוק — וויי און ווינד; לעבן די אגלאבליעס שטייט אַ באָק און קוקט מיט זיין פאַרריסענער בערדל אויף דעם פערד.

דאָס ליכט פון דער לבנה פאַלט אויפן באָק און גייט איין אין זיין שאָטן, נאָר יאַנקל זיס־יאָר זעט קלאָר: „די פעל איז ביי דעם באָק אַ גרויע, דורכגעשפּרינקלט מיט שוואַרצע פלעקן און די הערנער זענען פאַר־דרייטע".

טראַכט ער, אפשר דוכט זיך דאָס אים, פרעגט ער ביי גנענדלען: „דו זעסט?"

גנענדל זעט אויך, אַז לעבן פערד שטייט אַ באָק און זי ווייס קלאָר אַז איצטער פּאַשען זיך נישט אויף די פעלדער, נישט קיין בעק און נישט קיין ציגן, זאָגט זי גאָרנישט וועגן באָק, זי פרעגט נאָר ביי יאַנקלען: „ווו איז דער טלית און תפילין?"

יאַנקל האָט זיך פאַרחידושט פאַרוואָס ער האָט זיך אַליין פאַרגעסן אויפן טלית און תפילין און האָט אַוועקגעלייגט די האַנט אויף דער היי־ליקייט. ער האָט אַ קוק געטון אויפן ווייב: „זאָל זי געזונט זיין, זי האָט נישט פאַרגעסן"... און ביי אים האָבן זיך אָנגעהויבן אויסלייטערן די רע־יונות:

„דאָרטן, ווו עס ליגט דער טלית און תפילין, האָבן זיי נישט קיין שליטה". ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט געקויפט נייע מזוזות פאַר דער שטוב און האָט אַ קוק געטון צי די מזוזות ליגן אין קעשענע. ער איז

געוואָרן זיכערער: „ניין, ער האָט זיי נישט אָנגעווירן", און האָט זיך אָנ־גערופן צו גנענדלען: „מיר וועלן איבערפּאָרן די מאגילקעס, וועט ער פאַרשווינדן"...

— „וועט זיך אָפּטשעפּען", האָט גנענדל געוואָלט עפּעס פאַרריכטן און נישט אַרויסגעלאָזן דאָס קינד פון די הענט.

זיי זענען איבערגעפאָרן די מאגילקעס, זיי האָבן זיך פאַרקירעוועט אויף דעם וועג וואָס פירט צו זיי אַהיים, נאָר דער באָק איז נישט פאַר־שווונדן, ער האָט זיך נישט אָפּגעטשעפּעט פון וואָגן און איז נאָכגעגאַנגען נאָכן פערד, ווי ער וואָלט געווען איינגעשפּאַנט צוזאַמען מיט אים אין איין שפּאַן.

יאַנקל האָט זיך איינגעקוקט ווי דער באָק טרעט נישט אָפּ פון די אגלאָבליעס; ער גייט לעבן פערד, קערט אָפּ דעם קאָפּ, ציט אַרויס אַ היי פון וואָגן און גייט ווייטער. האָט ער זיך אָנגערופן צו גנענדלען: „טאַקע אַ באָק..."

— „האָט זיך צוגעטוליעט צו דעם פערד", האָט גנענדל איינגערעדט זיך אַליין און געוואָלט באַרואיקן דעם מאַן. זיי ביידן האָט אַרומגענומען אַ רחמנות אויף דער באַשעפעניש וואָס האָט שווער געסאָפּעט פון פאַר־מאַטערטקייט, און יאַנקל האָט אויפגעהערט טרייבן דאָס פערד, דער באָק זאָל נישט דאַרפן נאָכלויפן נאָך דעם וואָגן.

און דער באָק איז געקומען צוזאַמען מיט יאַנקל זיס־יאָר און גנענדל גוט־שבת אין דעם דאָרף ניסטערעוויטש, אַרויף צוזאַמען מיטן פערד אויפן הויף, זיך אָוועקגעשטעלט לעבן וואָגן און געצויגן די היי פון פאלו־קעשאָק. יאַנקל אָבער האָט נישט געוואָלט אַריינפירן דעם באָק צו דער בהמה אין שטאַל, האָט ער זיך אָנגערופן צום ווייב:

— מיר וועלן אים לאָזן שטיין אין דרויסן, אפשר וועט ער אָוועקגיין אַהין פון וואַנען ער איז געקומען, ווי ניט וועט ער בלייבן שטיין דאָ לעבן שטוב.

— עס איז אָבער אַ צער בעלי חיים, ער איז נעבעך הונגעריק, — האָט זיך גנענדל באַרואיקט און געגעבן גערעכט דעם מאַן, זי האָט אַרויס־געטראָגן אַ שטיק ברויט פון שטוב, צוגעוואָרפן דעם באָק און פאַרנומען זיך צוריק אין הויז אַריין.

אַז זי האָט אָבער דערזען ווי דער שאָטן פון באָק קריכט ווייט אַרויס

פון אירע טריט, איז דער פּחד, וואָס האָט זי געשראָקן אויפן וועג, ווי־דער אַרויסגעקראָכן פון דער בײנאַכטיקער שטילקייט. גנענדל האָט נישט געקענט פאַרשטיין פון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען דער באָק: „זאָל עס זיין אַ גוטער סימן אויפן נייעם יאָר, אָדער ח״ו...״ האָבן זי געמאַטערט די רעיונות און זי האָט זיך נישט געקענט לייגן שלאָפן.

האָט זי אָנגעצונדן אַ ליכט, באַקוקט דעם שפּייכלער, באַטראַכט דאָס פּירהויז, געוואָלט זאָגן דעם מאַן, ער זאָל נאָך אַמאָל אַ קוק טון צו דער בהמה, נאָר געצײַטערט אַרויסשיקן אים אין דרויסן און זי האָט אָנגעהויבן זיך אַליין טרייסטן, אַז דער באָק וועט אַוועקגיין אַט אַזוי ווי ער איז גע־קומען צו גיין.

זי האָט נאָך אַמאָל באַקוקט ווי דוואשע שלאָפט אין איר בעטל, צו־געדעקט בעסער דאָס קינד, אָפּגעטראָטן אַ טראָט, זיך אומגעקערט צוריק, אַרויסגענומען דאָס מיידל פון בעטל און האָט זיך אַוועקגעלייגט צוזאַמען מיט איר שלאָפן ביי זיך אין בעט.

ב

דער באָק איז נישט אַוועקגעגאַנגען פון יאַנקל זיס־יאָר שטוב; ער איז אַרומגעגאַנגען לעבן הויז, האָט אַראָפּגעטריבן מיט זיינע הערנער די חזי־רים פון הויף; און אינדערפרי אַז יאַנקל האָט זיך געשטעלט אין טלית און תפילין דאַוונען אין שטוב, איז ער צוגעגאַנגען צום הויז און אַריינ־געקוקט דעם קאָפּ אין פענצטער.

יאַנקל האָט געזען ווי דער באָק לאָזט איבער דאָס ביסל היי אויפן הויף און קומט צו צו איינהערן זיך ווי ער דאַוונט — האָט ער געטראַכט: „גאָט ווייס וואָס פאַר אַ גילגול ס׳זיצט אין אים״... און ער האָט אָפּגע־היט דעם באָק, אָט אַזוי ווי ער האָט אַכטונג געגעבן אויף זיין גאַנצער באַלעבאַטישקייט. ער האָט אָפּגעטיילט פאַר אים אַן אָרט ביי דער בהמה אין שטאַל און געזען, אַז אים זאָל נישט פעלן קיין קאָרם און אים זאָל נישט זיין קאַלט ווינטער אין די פרעסט, אַט אַזוי ווי ער האָט געזאָרגט וועגן די בינען אין בינשטאָק.

אויף ווינטער האָט ער צוגעדעקט די בינשטאָקן מיט פלאַכטעס און אַלטע קאָלדרעס, די בינען זאָלן נישט דערפרוירן ווערן און האָט אַוועקגע־

שטעלט פאַר זיי זיסקייטן אין בלעכענע קענדעלעך, זיי זאָלן זיך האָבן מיט וואָס צו נערן ווען זיי גיבן נישט אַרויס קיין האָניק. פאַר דעם באַק האָט ער געטראָגן אין שטאַל פון דעם עסן, וואָס דאָס ווייב האָט געקאָכט פאַר זיך אַליין, און אַריינגענומען אים אויף ביינאַכט אין פאָרהויז, ווען עס האָבן זיך אָוועקגעשטעלט די גרויסע פרעסט, אים זאָל זיין וואַרעמער.

ווינטער האָט יאַנקל זיס־יאַר, אָט אַזוי ווי, להבדיל, דער גוי נישט געהאַט קיין סך אַרבעט אין זיין באַלעבאַטישקייט. דער גוי האָט אָפּגעגעבן עסן זיינע פי און זיך אַוועקגעלייגט אויפן אויוון וואַרעמען פון קעלט, אָדער זיך אַוועקגעזעצט פלעכטן לאַפּטשעס, צי פאַרריכטן דעם געשפאַן פון פערד.

יאַנקל האָט אָנגעקאָרמעט און אָנגעטרונקען דעם באַק מיט דער בהמה, האָט זיך דורכגעשפּאַצירט אַרום די בינשטאָקן, באַקוקט צי זיי זענען צוגעדעקט מיט די פלאַכטעס, צי ס׳פעלט נישט קיין זיסקייט אין די קענדלעך, באַטראַכט דעם שניי צי מען זעט נישט קיין פרעמדע טריט, צי ס׳האָבן זיך נישט באַוויזן קיין וועלף אָדער האָזן, דערנאָך איז ער אַריין אין שטוב און גענומען אַ ספר אין האַנט.

בייטאָג האָט ער אַריינגעקוקט אין דעם קליינעם ספרל, ווו ס׳זענען געווען פאַרשריבן אויף עברי טייטש סגולות און רפואות פאַר אַלערליי חלאתן.

דאָס ספרל איז איבערגעגאַנגען צו יאַנקלען פון זיין זיידן און ער האָט געהיילט דאָס דאָרף מיט די סגולות און רפואות פונעם ספרל, אָט אַזוי ווי זיין זיידע און טאַטע האָבן זיך געטון פירן מיט די גויים און גויעס.

ער האָט מיט גרויס ישוב־הדעת צוזאַמענגעשטעלט די רפואות און סגולות פון די קרייטיכער און גראָזן, וואָס ער האָט אָנגעקליבן זומער אין פעלד, אָט אַזוי ווי ס׳איז פאָרגעשריבן אין דעם הייליקן ספרל, און האָט צוגעגרייט די היילונגען פאַר די חלאתן, וואָס באַפאַלן ווינטער דאָס דאָרף.

די גויים פון דאָרף ניסטערעוויטש האָבן גערופן יאַנקל זיס־יאַר „נאַש זשיד" — אונדזער ייד און געהאַלטן אים פאַר אַן ערלעכן גאָטספאָרכ־טיקן מענטשן; זיי האָבן געוווסט, אַז ער וועט זיין בהמה נישט לאָזן גיין אין פרעמדן שאָדן, ער וועט אויסהיטן אַז זיין באַשעפעניש זאָל נישט אַרויסציען קיין שטרוי פון יענעמס סטריכע און ער מיט זיך ביי זיך אין

גאָרטן אַרום זיינע בינשטאָקן, אָט אַזוי ווי דער „טשעלאָוועק״ — דער מענטש אַרבעט ביי זיך אין פעלד אויף זיין זריעה.

זענען זיי געגאַנגען צו דעם יידן מיט זייערע קריוודעס, ווען איין גוי האָט זיך אַריינגעשניטן מיט זיין אַקער אין דעם אַנדערנס פעלד, ווען ברידער האָבן זיך נישט געקענט פונאַנדערטיילן מיט דער ערד, וואָס דער פריץ האָט געלאָזט באַאַרבעטן זייער טאַטן, דעם „גיעבאַסטשיק״ — וואָס איז געשטאָרבן — און זיי האָבן געזיפּצט פאַר אים, ווען דער יאָך פון „פאַנשטשיזנע״ איז געפאַלן צו שווער אויפן רוקן פון די יונגע קינדער.

די ווייבער זענען געקומען צו אים קלאָגן, ווען די מאַנסביל האָבן פארשיכורט די לעצטע הון, וואָס אַ גויע האָט איבערגעלאָזן אויף וועסנע, זי זאָל אַרויספירן הינדעלעך אויפן הויף און זיי האָבן געבראַכט צו אים די חלאים, דער ייד זאָל זיי אויסהיילן פון זייערע חלאתן.

יאַנקל זיס־יאַר האָט געטרייסט דעם גוי, אַז דער יאָך פון „פאַנשטשיזנע״ וועט זיך ענדיקן, ווייל גאָט קען נישט צוזען ווי איין מענטש פייניקט דעם אַנדערן, ער האָט זייערע מחלוקות אויסגעגליכן מיט שכל און פאַר־שטענדעניש און געהיילט די חלאים מיט די רפואות און סגולות, וואָס ער האָט געלערנט אין זיין קליין ספרל אויף עברי־טייטש. און אַז אַ גוי איז געקומען אין אַ ווינטערדיקן טאָג צו יאַנקלען, געקראַצט די פּאַטיליצע און נישט געוווסט צי ער זאָל אַראָפּנעמען אָדער נישט אַראָפּנעמען דאָס היטל פון קאָפּ:

— יאַנקל העלף מיר מיין „קאָבעטא — די גויע — קען שוין אַפילו נישט אַראָפּגיין פון פאַסטשעלע אָפּשיילן אַ קאַרטאָפל״...

און אַז אַ גויע איז אַריין מיט געוויין:

— מיין כלאָפּעץ — שייגעץ — נעמט שוין דריי טעג נישט קיין קאָפּ וואַסער אין מויל; ער ליגט אויפן טאַפּטשאַן ווי אַ טויטער; ער וועט שטאַרבן...

האָט יאַנקל זיס־יאַר געגעבן דער גויע די סגולות און רפואות און אַוועקגעשיקט זי אַהיים.

מיט אַ גוי האָט ער זיך אָבער פונאַנדערגערעדט וועגן דעם חולה, ווייל ער האָט געוואָלט מיט זיינע גוטע רייד אָפּטון פון אים עשוס רשעות, ער זאָל נישט טון קיין שלעכטס דעם יידן, אָט אַזוי ווי ער האָט געהיילט מיט די סגולות און רפואות דעם חולה פון זיין חלאת. ער האָט

אים געלערנט ווי אַזוי ער זאָל אָפּהיטן דעם חולה און דערציילט אַז גאָט, און נישט דער מענטש, איז דער רופא וואָס קען געזונט מאַכן דעם קראַנקן:

— דעריבער דאַרף אַ מענטש מורא האָבן פאַר דעם וואָס לעבט אייביק, נישט טון קיין שלעכטס, כדי דער אויבערשטער זאָל זיך צוהערן צו זיינע בקשות און נישט שטראָפן אים מיט קיין קראַנקהייטן.

דער גוי האָט נישט געוווּסט ווי צו באַדאַנקען יאַנקלען פאַר זיינע גוטע רייד און די רפואות, האָט ער אָנגעהויבן ציטערן פאַר גאָטס נאָמען, וואָס דער ייד האָט דערמאָנט און איבערגעחזרט:

— „אליע, אליע — יאָ, יאָ, אַ מענטש דאַרף מורא האָבן פאַר גאָט, מיר דינען אַלע צו איין גאָט". און ער האָט געוואָלט באַווייזן יאַנקלען, אַז דער גאָט פון די יידן איז אויך זיין גאָט.

און אין אָוונט, אַז די גויים זענען אַוועק צו זיך אַהיים אין די קורנע כאַטעס און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קלעצל, אויף אַן איבערגעקערטער באַנק, נידעריקער צו דער ערד, כדי דער רויך, וואָס איז געקראָכן פון אויוון און צוגעדעקט די געטשעס און צלמים פון וואַנט מיט זיין פינצטערניש, זאָל זיי נישט עסן אין די אויגן — האָט זיך יאַנקל זיס־יאָר אַוועקגעזעצט ביים טיש עפּעס לערנען.

דער אָוונט האָט זיך טיפער אָפּגעזעצט אין דער ווינטערדיקער נאַכט, פון אויוון האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווייכע וואַרעמקייט און אַרומגעגאַרטלט דאָס הויז פון דער ווינטערדיקער קעלט, ווי ס'וואָלט אָפּגעשיידט די שטוב פון דער ווייטער וועלט. דוואָשע איז שוין געשלאָפן און גנענדל איז געזעסן נעבן אויוון און געשפּונען די פלאַקס, פון דעם ליאָן וואָס איז געוואַקסן ביי איר אויפן פעלד.

זי האָט געטראַכט, אַז איר וואָלט געוועןן אַ סך פריילעכער, ווען מען וואָלט אין שטוב נישט געקענט אָנטאַפּן מיט דער האַנט די שטילקייט און הערן ווי דער באָק סאָפּעט אין פאַרהויז, נאָר פאַרקערט, קינדערלעך וואָלטן געטומלט, געשריגן, געקראָכן מיט די הענטלעך אין פלאַקס און זי וואָלט זיך אַזוי פרי נישט אָפּגעטון מיט דער אַרבעט.

זי איז אָבער געשטראָפט געוואָרן; מער ווי איין קינד האָט זי נישט געהאַט און איר טראַכט איז פאַרשלאָסן געוואָרן; האָט זיך ביי גנענדלען נישט געעפנט דאָס מויל, ביי איר האָט זיך נישט אויפגעהויבן קיין גע־

זאַנג און איר האָט זיך געדוכט אַז זי דרעמלט איין אַט אַזוי ווי שטילע רואיקייט בעט זיך אויס איבערן שטוב.

יאַנקל איז געזעסן ביים טיש איבערן חובת הלבבות און געזוכט עפּעס צו דערגיין נישט אין עברי טייטש, נייערט אין די לשון קודש ווערטער.

ער איז נישט געווען קיין למדן, האָט קוים אָפּגעזאָגט אַ פּרשה חומש, אים איז שווער געווען צו פאַרשטיין דעם פּירוש המלות פון דאַווענען; אַז ער האָט זיך אָבער אָוועקגעזעצט לערנען, אָדער געוואָלט אָפּזאָגן אַ קאַפּיטל תהלים, האָט ער געגאַרט נאָך די ווערטער אַט אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט צו די יידן, ער האָט זיי געזאָגט אַט אַזוי ווי זיי שטייען פאַרשריבן אין דער הייליקער תורה און נישט געוווסט אַז ער פאַרשטייט נישט זייער טייטש.

אים האָט זיך געדוכט אַז די אותיות שפּרינגען אַרויס פון יעדן פּסוק וואָס ער זאָגט אָפּ, רינגלען אים אַרום, פריילעכע, ליכטיקע, און ענטפערן אים מיט די רייד וואָס ער רעדט צו זיי.

האָט ער אָנגעהויבן זאָגן מיט אַ העכערן קול מיט אַ טיפערן ניגון און דאָס געזאַנג האָט אָפּגעקלונגען איבערן שטוב מיטן אומער וואָס דער אויבערשטער קאַרגט אים קינדער, מיט דער בענקעניש נאָך די זומערדיקע טעג וואָס ציען זיך אויס אין גאָרטן לעבן די בינשטאָקן און מיט דער פרייד, וואָס ער קען זיצן אין דער וואַרעמער שטוב און לויבן גאָט פאַר אַלדאָס גוטס, וואָס ער טוט מיט אים, מיט זיין ווייב און מיט זיין קינד.

גנענדל האָט זיך אויפגעהערט צוהערן ווי דער באָק טאַפּטשעט זיך אַרום אויף דעם אויסגעשפּרייטן שטרוי אין פאַרהויז, האָט פאַרטריבן איר'ע רעיונות מיט אַ טרייסט: „דרייט זיך אַרום ביז ער וועט זיך אַוועקלייגן אויפן שטרוי" און געוואָלט זאָגן צו יאַנקלען: „אפשר האָט ער געבראַכט מזל ברכה אין שטוב"...

זי האָט אַ קוק געטון אויפן פּאָדים וואָס וואַקסט העכער אויפן שפּינדל און זי האָט געזען ווי דער ווינט וויגט דעם ליאָן, וואָס זי פאַרזייט ביי זיך אויפן פעלד, ווי מען נייט העמדער פון דעם לייוונט פאַר די ישיבה בחורים אויף שבת, און פאַר איר האָבן אָנגעהויבן שיינען די ווייסע טישטוכער, וואָס מען פאַרשפּרייט אויפן טיש צו ליכט בענטשן.

האָט זי אויפגעהויבן איר קול און אַריינגעפלאָכטן זיך מיט איר געזאַנג אין יאַנקלס ניגון פון לערנען. זי האָט געטון רעדן מיטן געבעט פון אַ תחינה, וואָס זי זאָגט לכבוד שבת:

„האַר פון דער וועלט! דו האָסט מיט גרויס פאַרשטאַנד באַשאַפן אין זעקס טעג דיין ווערק, גאָט פון דער גאַנצער וועלט, דו ביסט הייליק און דו האָסט געהייליקט דיין פאָלק ישראל, זיי זאָלן הייליק האַלטן דיין שבת..." און האָט אויסגעצויגן אירע אייגענע רייד, מיט דעם ניגון וואָס איר טאַטע ע״ה האָט פאַרוויגט אַ קינד אין וויגעלע: „דערבאַרעם זיך, טייערער גאָט, אויף דיין דינסט מיט איר מאַן, דיין קנעכט, און אין זכות פון דעם הייליקן שבת, וואָס דיין פאָלק ישראל היט אָפּ איבער דער גאַנצער וועלט, זע אַז מיין הויז זאָל נישט זיין קיין פאַרדאַרטער בוים, נייערט זאָל בליען ווי דער ליאָן אין פעלד, וואָס באַשיינט דעם טיש און דעם מענטשן לכבוד שבת און ביי מיין טיש זאָלן זיצן אונדזערע קינדערלעך און לויבן צוזאַמען מיט אונדז דיין הייליקן נאָמען"...

יאַנקל האָט אויפגעהויבן די אויגן אַ קוק געטון אויף גנענדלען ווי זי זיצט מיטן שפינדל אין האַנט לעבן די פלאַקס, די פאַטשיילקע, וואָס איז אַרומגעבונדן אַרום איר קאָפּ, שטייט אָפּ העכער פון אירע ווייכע שוואַרצע האָר און אירע רויטע פאַרבן שלאָגן זיך אָפּ ביים ווייב אויפן פנים. האָט אים אַרומגענומען אַ פרייד פון דעם געזאַנג וואָס טראָגט זיך איבער דער שטוב און אים האָט זיך געדוכט, אַז זיי ביידע זאָגן צוזאַמען פון איין ספר. ער זעט ווי ס׳וואַקסן אַרויס קינדער פון אים, עס קומען צו נפשות אין הויז, זיי טומלען ביים טיש און לאָזן אים נישט נעמען קיין ספר אין האַנט.

האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט, אַוועקגעשטעלט אַ פּאָר טריט איבער דער שטוב און האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן ווייב. ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט ביי איר אויפן אַקסל און אַזוי נאָענט אַ קוק געטון איר אין פנים אַריין, אַז זיין געלע באָרד האָט זיך אָנגערירט אָן אירע ליפּן.

— „דו האָסט שוין גענוג אָנגעשפּונען", האָט ער שטיל אויסגערעדט.

גנענדל האָט אַ קוק געטון אויף יאַנקלען, באַוויזן אים מיטן פינגער אויפן פאָדים און אַ שמייכל געטון:

— זע...

— עס וועט אויך זיין אויף העמדעלעך פאַר אונדזערע קינדערלעך, — האָט יאַנקל שטיל געזאָגט.

— „פאַר אונדזערע קינדערלעך"... האָט גנענדל אויסגעאָטעמט מיט

געבעט ווי זי „נעמט חלה" און אויפגעהערט שפינען די פלאַקס, נאָר איר איז געווען שווער אויפצוהייבן זיך פון בענקל, האָט זי אויסגעשעפּטשעט:

— „דער לאָמפּ גייט שוין אויס אויפן טיש".

— „די נאַפט האָט שוין אויסגעברענט", האָט יאַנקל שטיל געענט־פערט און ד'ערמאָנט גנענד'לען אַז די נאַכט איז שוין ווייט אַוועק.

— „מער קיין נאַפט וועט מען שוין היינט נישט אָנגיסן", האָט זי אַ קוק געטון אויפן מאַן, ווי זי וואָלט אים פאַרטרויט אַ סוד.

— „ביז מיר וועלן זיך לייגן שלאָפן וועט נאָך ברענען דאָס פייער" האָט יאַנקל אָנגענומען גנענד'לען פאַרן אָרעם און געהאָלפן איר אויפהייבן זיך פון בענקל.

ג

דער ווינטער ציט זיך אָבער לאַנג און שווער, און גראָבט זיך איין אין זיין קעלט, אַט אַזוי ווי די נאַכט קריכט אין איר פינצטערניש.

דער שניי האָט זיך אויסגעמישט מיט די וואָלקנס, אַראָפּגענידערט נידעריקער די הימלען, אַרומגענומען ענגער די וועלט און האָט איינגע־שלונגען דעם טאָג.

ציילט יאַנקל די וואָכן פון שבת ביז שבת און גאַרט אויפן פרילינג, ער זאָל קענען קוקן אויף גאָטס וועלט, ווייט און ברייט און זען ווי די תבואה גייט אויף אויף די פעלדער און ווי די ביימער בליען אין זיין סאָד.

אין פרילינג, אַז די שפּראָצונגען האָבן אָנגעהויבן שפּראָצן פון דער ערד און די צווייגן האָבן געעפנט זייערע קנאָספּן אויף די ביימער, האָט יאַנקל אָנגעהויבן פאַרברענגען זיינע טעג אין סאָד, לעבן די בינשטאָקן. ער האָט געוווסט, אַז ער האָט נאָך נישט וואָס צו טון אַרום די בינשטאָקן; ס'דאַרף נאָך נעמען עטלעכע וואָכן ביז ס'וועלן אַרויסקומען בינען פון די אייערלעך, וואָס די מלכה לייגט איצטער, און ס'דאַרף געדויערן נאָך לענ־גער, ביז ער וועט זיך דערוויסן אין וועלכן בינשטאָק ס'איז אַרויס אַ נייע מלכה, ער האָט אָבער נישט געקענט איינרוען אין שטוב, ווען די בי־נען האָבן שוין נישט געערוט אין בינשטאָק.

אינדערפרי אַז ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און איז אַרויס אין סאָד. ער האָט איינגעאָטעמט די קאַלטע לופט פון פאַרטאָג, און האָט זיך איינגעקוקט אויף די זון־שטראַלן וואָס האָבן געקוועלט ווייך און דיך מיט דער בלויקייט פון די הימלען און געעפנט

ברייט פאַר די אויגן דעם טאָג. די בינען האָבן געזשומעט, געפלויגן און געציטערט אין די עפענונגען פון די בליעכצן און דאָס געזאַנג פון די פייגל האָט געקלונגען אין דער לופטן ווי אַ ווינט וואָלט געוויגט אין די בלעטער זייערע קלאַנגען.

יאַנקל זיס־יאָר האָט פאַרנומען ווי די גאַנצע וועלט האָט זיך אויפ־געוועקט מיט אַ לויב צו זייער שעפער, האָט ער אויך געבראַכט זיין שבח צו דעם בורא עולם מיט געזאַנג און פרייד:

„ברכי נפשי את ד׳״ און האָט זיך נישט געקענט אָפּחידושן פון דעם סדר וואָס דער אויבערשטער האָט איינגעשטעלט אין זיין ווערק: ווינטער פאַרשפּרייט ער אַ שניי איבער די פעלדער, עס זאָל נישט פאַרפרוירן ווערן די זריעה וואָס מען לייגט אַריין, אסיען, אין דער ערד; זומער גרייט ער צו אין די בליעכץ דעם זאַפט פאַר דער בין, זי זאָל אַרויסגעבן איר האָניק. די מלכה לייגט די אייערלעך אין די טויזנטער, אין די צענדליקער טויזנטער, נאָר זכרים — די ליידיקגייער — קומען אַרויס ווינציק, בלויז אַזויפיל ווי־פיל עס זענען נויטיק אין בינשטאָק, די בינען אָבער וואָס אַרבעטן, די וואָס מיען זיך, זיי מערן זיך און פרוכפּערן זיך, כדי זיי זאָלן טראָגן צו דער מלכה, דער האַרין פון בינשטאָק, דעם זאַפט פון בליעכץ.

יאַנקל זיס־יאָר האָט אויך געטון זיין אַרבעט אין סאָד מיט אַ סדר: גלייך ווי דער שניי איז צעגאַנגען, האָט ער פאַרריכט דעם פּלויט פון סאָד, פאַרקלאַפּט די לעכער, דערנאָך האָט ער אויסגעריסן די ווילד־גראָז אַרום די קוסטעס, די בלומען זאָלן העכער וואַקסן, שענער בליען און מערער צוציען די בינען. ער האָט געהאָלפן גנענדלען פאַרזייען דעם ליאָן און אַרום שבו־עות האָט ער אָנגעהויבן אַרויסנעמען דעם ערשטן האָניג פון די בינשטאָקן.

דאָס איז געווען דער פּרימא האָניק, וואָס די בינען האָבן אָנגעזאַמלט פון דעם פריילינג־בליעכץ, פון דעם ערשטן זאַפט, וואָס זיי האָבן אויס־געזויגן פון די בלומען. אָט־דעם האָניק האָט יאַנקל אַריינגעלייגט אין באַ־זונדערע קריגעלעך, פאַר דעם רב פון סלאָנים, פאַר די דיינים פון שטאָט, פאַר די מלמדים פון דער ישיבה און צו זיי געבראַכט דעם ערשטן אָפּ־קלייב, אַ מתנה אויף ראש השנה. דעם צווייטן מאָל האָט יאַנקל אַרויסגע־נומען דעם האָניק פון בינשטאָק סוף זומער; דעם האָניק האָט ער פאַר־קויפט צו די באַלעבאַטים פון סלאָנים און פון דעם האָט ער געצויגן זיין היונה.

אַז ער האָט אַרויסגענומען דעם ערשטן האָניק האָט ער אָנגעהויבן וואַכן איבער די בינשטאָקן; ער זאָל דערהיטן ווען אַ מחנה בינען הייבט אָן פאַרלאָזן די צעלן פון די קעמערלעך און מיט זיין געניטן אויג האָט ער שטענדיק דערזען ווען עס ווערט אומרואיק אין אַ בינשטאָק און אַלע מאָל דערקענט, ווען פון די אייערלעך איז אַרויס אַ נייע מלכה — אַ יונגע האַרין. ער האָט געוווסט אַז צוויי מלכהס קענען ניט הערשן אין איין בינשטאָק. דעריבער האָט ער געהאַלטן צוגעגרייט אַ ליידיקן בינשטאָק אין סאָד. אַז ער האָט דערזען ווי אין אַ בינשטאָק ווערט אומרואיק, איז ער שוין ניט אָפּגעטראָטן אויף אַ טראָט פון סאָד; ער האָט אַרויסגעשיקט דוואַשען מיט דעם ווייב פון גאָרטן און אַרויסגעטריבן דעם באָק, זיי זאָלן נישט צעשרעקן די בינען, וואָס פאַרלאָזן דעם בינשטאָק.

אַליין האָט ער אָנגעטאָן לאַנגע אַרבל אויף די הענט, צוגעגרייט אַ רעשעטע מיט אַ גרויסן זאַק און זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אַ בוים און געוואַרט ביז די אַלטע מלכה, צוזאַמען מיט דער מחנה בינען וועלן אַרויספליען פון בינשטאָק.

— „אַזוי פירט זיך די וועלט“ — האָט יאַנקל געטראַכט — אַז איין הערשער קומט אויף מוז דער אַנדערער אונטערגיין, דעריבער שטייט געשריבן: „עולים ויורדים“ און ער האָט עס פאַרטייטשט אויף זיין אייגענעם אופן: „זה עולה וזה יורד“ — דער גייט אויף און דער גייט אונטער, איינער ווערט געבוירן, דער אַנדערער שטאַרבט און בעת מעשה איז אים אומעטיק געוואָרן פון די געדאַנקען, גלייך ווי ער וואָלט געזען ווי ס׳ציטערט פאַר אים דער אָנהייב און סוף פון זיין אייגענעם לעבן.

נאָר אַז יאַנקל האָט דערזען ווי ער האָט געטראָפן אויף וועלכן צווייג די מחנה בינען וועט זיך אָפּשטעלן — האָט זיך די פרייד פון דער צעשטראַלטער באָרד צעגאָסן איבער זיין פנים, און ער האָט זיך שטיל מיט אַן אויסרעכענונג אָנגעהויבן צוצוגנבענען צו יענעם בוים. ער האָט מיטן שטעקן פאָרזיכטיק צונויפגעקליבן די בינען אין רעשעטע, צוגעדעקט די רעשעטע מיטן זאַק און אַוועקגעטראָגן די מחנה אין דעם ליידיקן בינשטאָק, וואָס איז געווען פון פריער צוגעגרייט.

***

אַז עס קומט דער פרילינג, זיצט גנענדל אויך נישט אין שטוב; פריער זעט זי, אַז מען זאָל פאַרזייען דאָס שטיקל פעלד מיטן ליאָן, דערנאָך הייבט זי אָן ווייקן און טריקענען די לייוונט וואָס זי האָט אויסגעוועבט ווינ־טער.

זי טראָגט אַוועק די לייוונט צום טײַך, פאַרקאַטשעט דאָס קלייד ביז די קני אין וואַסער, ווייקט דעם געוועב אין די קאַלטע שטראָמען פון טײַך און קלאַפּט אים מיט אַ פּראַלניק אויף אַ שטיין כדי די לייוונט זאָל ווערן ווייכער. דערנאָך ברענגט זי מיט יאַנקלען די נאַסע לייוונט אין סאָד און שפּרייט עס אויס אויפן גראָז, כדי עס זאָל זיך טריקענען און זיך ווייסן אונטער די זון־שטראַלן.

גנענדל האָט אויסגעלייגט די לייוונט אין לאַנגע וועגן אונטער די ביימער און דער באָק האָט אָפּגעהיט דעם ווייסן געוועב. ער איז פאַרזיכ־טיק אַרומגעגאַנגען צווישן די וועגן פון דעם לייוונט, געשאָקלט מיט דער באָרד, אַראָפּגעטריבן די פליגן און נישט צוגעלאָזן קיין הון אָדער אַ הונט צו דער אויסגעצויגענער ווייסקייט, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן די שטראַלן פון דער זון אים אין די אויגן אַריין. אַליין האָט זיך גנענדל אַוועקגעזעצט אונטער אַ בוים נייען די העמדער, וואָס זי ברענגט אַ מתנה פון איר איי־געגעם לייוונט די אָרימע ישיבה בחורים אויף ראש־השנה.

און אַז יאַנקל טוט אַ קוק ווי די בינען פליען און זשומען אין סאָד, דעו האָניק קלייבט זיך אין די בינשטאָקן און די זון־שטראַלן שלאָגן זיך אָפּ אויף דער ווייסער העמד, וואָס גנענדל נייט, דוכט זיך אים אַז אַזוי לייכטן אויך אין זיינע הענט די מעשים טובים, וואָס ער גרייט צו צוזאַמען מיט דעם ווייב אויף ימים נוראים צום יום הדין.

גנענדל, זאָל געזונט זיין, האָט אים אַריינגעגעבן דעם רעיון, אַז ער זאָל פאַר זיך איבערלאָזן די עטלעכע בינשטאָקן, אויף וועלכע דער טאַטע ע״ה האָט זיך גאָרנישט אומגעקוקט, און אָפּגעבן די ברידער די קרעטש־מע, וואָס שטייט לעבן דעם גראַפס הויף; זאָלן זיי פאַרקויפן די בראַנפן און זאָלן זיי זיך דינגען מיטן פויער איבערן צענטל תבואה פון דער זריעה, וואָס ער פאַרזייט מיט זיין מי און שווייס אויף דעם פריצס פעלד.

און איצטער דרייצן יאָר נאָך דער חתונה איז יאַנקלען נאָך אַלץ שווער צו פאַרשטיין פון וואַנען ס'האָט זיך גענומען צו גנענדלען אַזאַ קלאָרער שכל אַז ער זאָל צושטעלן נאָך בינשטאָקן און קלייבן דעם האָניק פאַר די יידן

פון סלאָנים אויף ראש השנה און אויפן קליינעם חלק פעלד, וואָס איז איי־
בערגעבליבן פאַר זיי פון דער ירושה, זאָל מען פאַרזייען ליאָן און פאַר־
קויפן דעם לייוונט אויף אַ העמד אָדער אַ טישטוך לכבוד שבת, טוט ער אַ
שאָקל מיטן קאָפּ:

„אַז מען האָדוועט זיך ביי ר׳ יאָסלען דעם למדן איז אַנדערש ווי מען
וואַקסט ביי הירשלען מיט די גויים״.

יאַנקל ווייס, אַז גנענדל איז נישט פון זיין שטאַנד און נישט נאָך זיין
יחוס, און ער וויל זיך נישט אָפּנאַרן, אַז זי וואָלט צו אים נישט אָנגעקו־
מען, ווען זי וואָלט נעבעך נישט געווען קיין יתומה און זייער קרעטשמע
וואָלט נישט פאַרשאָלטן געוואָרן מיט דעם פינצטערן אומגליק.

ער זעט אָבער, אַז ער זאָל ווערט זיין ווייב. ער היט אָפּ יידיש־
קייט ווי אַ פרומער גאָטספאָרכטיקער ייד און מיט אַ גוי פירט ער זיך איצ־
טער אויף אַנדערש ווי אין די אַמאָליקע צייטן, ווען ער איז געווען אַ בחור.
ער וויל פאַרגעסן ווי אַזוי ער האָט זיך אַמאָל באַרוקעט מיט די שקצים און
זיך געיאָגט מיט זיי אויף די פערד. ער האָט זיך דערווייטערט פון זיינע
ברידער ווי פון ווילד פרעמדע מענטשן, ער זאָל זיך נישט דערמאָנען. אַז
זיין האַנט קען זיך אַוועקלייגן אַזוי שווער ביי יענעם אויפן באַק, ווי זיי קע־
נען אַראָפּלאָזן אַ קלאַפּ און ער קען אַרויסלאָזן אַ געשריי, אָט אַזוי ווי זיי
שילטן די ווייבער און סטראַשען די קינדער.

אַז ער טוט אָבער אַמאָל אַ קוק ווי דיביימער טראָגן אויף זיך שווער
די גערעטעניש פון די פירות — גייט אים אַרויף אויפן זינען, אַז ביי זיינע
ברידער איז די קרעטשמע פול מיט קינדער, די בנים שפּאַרן זיך איינע ביי
די אַנדערע אונטער די אַקסלען, ווי דער שטאַם פון בוים וואַקסט אונטער
זיינע צווייגן; זייערע ווייבער גייען אַרום מיט אָפענע בוזעמס, ווי די גויעס
פון דאָרף און שעמען זיך נישט פאַר זייערע מאַנען: — דעמאָלט שיילט זיך
אויס פון זיין גאָטספאָרכטיקייט זיין כוח, אַ נאַקעטער, אָנגעגאָסן מיט
גבורה און באַגער און ער וויל צוגיין צו גנענדלען אַרויפלייגן זיינע הענט
שווער און פעסט ביי איר אויף די אַקסלען און צוטוליען זיך צו איר, אָט
אַזוי ווי אַ מאַן נעמט אַרום אַ ווייב.

גנענדל זיצט אָבער אונטערן בוים און נייט אַ העמד לכבוד שבת,
דער שאָטן פון די צווייגן פאַלט אויף איר פּנים און איר געזיכט טונקט
זיך ווייך אין דעם אומעט פון אירע אויגן, גלייך ווי ס׳וואָלט געציטערט אין
אַ שטילער תפילה. טוט ער אַ קוק אויף זיין ווייב און פאַרשעמט זיך פאַר

זיינע רעיונות. ס׳לאָזן זיך אַראָפּ ביי אים די הענט איבעריקע, ער שטעלט אַוועק אַ טראַט און קערט זיך אום צוריק.

ער וויל זיך אויסבאַהאַלטן פון גנענדלען, נאָר ער שטאַרקט זיך און גייט צו צו איר מיט שווערע מידע טריט; ער ווייס אָבער נישט וואָס צו זאָגן, רעדט ער פּלוצלינג אויס שטיל און אויסגעצויגן, ווי ער וואָלט זיך איבערגעבעטן:

— ס׳איז צייט צוצושטעלן וועטשערע...

די זון שטייט נאָך הויך, גנענדל זעט אָבער אַז יאַנקל איז פאַרמאַר־טערט, לאָזט זי איבער דאָס העמד און הייבט זיך אויף צו גיין אין שטוב צושטעלן עסן.

דוואשע האָט זיך געשפּילט אין סאָד מיט די בלימעלעך, וואָס האָבן געשווינדלט מיט זייערע פאַרבן אין דער גרינקייט פון די גראָזן. זי האָט געריסן די בלימעלעך, געפּרווט צונויפלייגן אַ בוקעט, און אויספלעכטן אַ קראַנץ. אַז זי האָט דערזען ווי די מאַמע הייבט זיך אויף פון בענקל, האָט זי אָנגעהויבן רופן מיט אַן אָנשטעל פון געוויין:

— „מאַ־מע, מאַ־מע״... די מאַמע האָט אויפגעהויבן דוואשען פון דער ערד, אויסגעקליבן די בלימעלעך פון די אויסגעריסענע גראָז, אָפּגעגעבן עס איר אין האַנט אַריין, ווי זי וואָלט איר דערלאַנגט אַ שפּילצייג און איינ־גערעדט:

— „נאַ, נעם מיין טאָכטער, שפּיל זיך מיט דעם, זע ווי דער באָק גייט אַרום לעבן די לייוונט״...

דוואשע האָט צוגענומען ביי דער מאַמען די בלומען און איז צוגעגאַנ־גען צו דעם באָק; זי האָט געפּרווט אָנגעמען אים פאַר די הערנער, נאָר ער האָט אַרויסגעדרייט דעם קאָפּ פון אירע הענט, האָט זי אָנגענומען זיין עק און נאָכגעגאַנגען נאָך אים צווישן די וועגן פון לייוונט גלייך ווי זי וואָלט געטריבן אַ קליין זשערעבטשיקל.

— „ווידער מיטן באָק״, האָט גנענדל אַ ציטער געטון און חרטה גע־האַט, וואָס זי אַליין האָט איר אָנגעוויזן אויפן גילגול. זי האָט אָבער גע־ווּסט, אַז זי קען דאָס מיידל נישט אָפּגעווינען פון באָק און דעם באָק וועט זי נישט אַרויסטרייבן פון שטוב, האָט זי אַ זיפץ געטון: „אַז קיין ברודערל מיט וועמען צו שפּילן זיך האָט זי נישט״ און זי איז אַוועקגעגאַנגען אין שטוב שווער און פאַמעלעך, ווי זי וואָלט זיך איינגעבויגן אונטער דער שטראָף פון אירע זינד.

ה

פאַר דער בהמה האָט גנענדל צוגעגרייט דעם צעבער אין שטאַל, נאָר דעם באָק האָט זי געגעבן עסן פון דעם זעלבן טאָפּ, וואָס זי האָט געקאָכט פאַר דער שטוב, און ער האָט געגעסן מיט אַ מאָס; אַז ער איז זאַט געוואָרן, האָט ער איבערגעלאָזן דאָס עסן אין שיסל און איז אַוועקגעגאַנגען שפּאַצירן איבערן הויף.

— „גאָרנישט ווי קיין חיה, האָט זיך אָפּגעווינט פון עסן גראָז אָדער היי", האָט גנענדל געטראַכט וועגן באָק, ווען זי איז געשטאַנען ביים אויוון און זיך איינגעקוקט ווי ליכטיק דער פלאַם ציט אויס זיינע צונגען אין קוימען אַריין.

הינטער איר האָט זיך דער שיין פון פייער אָפּגעשלאָגן אויפן ווייסן קאַלך פון וואַנט און האָט זיך איינגעשניטן אין דער טונקלקייט וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט פון דער אַראָפּגעבויגענער סטריכע.

אַז גנענדל האָט זיך אָפּגעקערט פון אויוון, האָט זי דערזען ווי איר שאָטן ציט זיך אויס און גייט איין אין דעם אָפּשייז אויפן וואַנט, גלייך ווי אַ צווייג פון אַ בוים וואָלט זיך געוויגט אויפן ווייסן קאַלך. איר האָט זיך געדוכט אַז זי האָט פּלוצלינג דערזען אַ פרעמדן מענטשן אין שטוב — האָט זי זיך פאַרחידושט און אַ ציטער געטון, נאָר זי האָט אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס זי האָט זיך דערשראָקן. איר איז אָבער אַריין אין זינען, אַז דאָס האָלץ איז שוין אויסגעטריקנט ווי אַ ביין און טאָמער ח"ו פאַלט איצטער ערגעץ אַ פונק אַריין קען דאָס גאַנצע דאָרף אַוועקגיין מיטן פייער. האָט זי פונאַנדערגעשאַרט מיט דער ווילקע דאָס האָלץ, אַריינגערוקט די טעפּ טיפער אין אויוון און געמאַכט קלענער דאָס פייער. אין אויוון איז געוואָרן טונקעלער און אין דער טונקלקייט האָבן זיך די קוילן געזשאַרעט ווי גרויסע פייערדיקע אויגן, וואָס האָבן אויפגעלויכטן און איינגעגאַנגען אין זייער שוואַרצקייט.

„אַטאָ זענען נישט לאַנג געלעגן גרויסע פאַליענעס האָלץ — האָט זי אַ זיפץ געטון — און וואָס איז פון זיי געבליבן?"

איר האָט זיך געדוכט, אַז זי זשאַלעוועט עפּעס, האָט זי געפּרווט צוגויפשאַרן מיט דער ווילקע דאָס האָלץ, דאָס פייער זאָל ווערן גרעסער אין אויוון. ערשט זי זעט ווי דער באָק איז אַריין אין שטוב; ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט די פאָדערשטע פיס אויף דער באַנק, געזוכט עפּעס מיט זיין

בערדל אויפן טיש, און זיין שאָטן האָט זיך געפּלאָכטן מיט איר שאָטן אויף דער וואַנט.

גנענדל איז אָפּגעטראָטן אַ טראָט, איר שאָטן זאָל זיך אָפּשיידן פון דעם באָקס און זי האָט זיך פאַרוואונדערט פאַרוואָס ער איז אַזוי פרי אַוועק פון סאָד. האָט זי אַרויסגעלאָזן די ווילקע פון האַנט און זיך אָנגערופן צום באָק:

— „דו ביסט שוין הונגעריק, וואַרט, וואַרט איך וועל באַלד געבן עסן", און געטראַכט, אַז ס'איז גוט וואָס יאַנקל האָט איר געהייסן צושטעלן פריער וועטשערע.

דער באָק איז אַראָפּ פון באַנק, אַ שאָקל געטון מיטן באָרד און איז אַרויס אין דרויסן. גנענדל האָט אַ ציטער געטון: „ווי אַ לעבעדיקער מענטש, גאָט ווייס ווער ס'קוקט זיך איין מיט זיינע אויגן" און פאַר איר האָט זיך פּלוצלינג אַוועקגעשטעלט איר טאַטע ע"ה אַ הויכער, אַ בלאַסער, מיט אַ קיילעכדיקער שוואַרצער בערדל, אָט אַזוי ווי ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַר־טראַכטער אַרום די פּעסער בראָנפן.

***

ר' יאָסל, גנענדלס טאַטע, איז געווען אַ גרויסער למדן און מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט צו זעכצן יאָר געקענט קריגן סמיכה, נאָר ער האָט זיך נישט געאיילט צו ווערן אַ מורה הוראה און איז אָנגעקומען פאַר אַ מלמד אויפן ישוב. דאָ האָט מען אים גערעדט אַ שידוך און ער האָט חתונה געהאַט אויפן דאָרף. ער איז אָנגעקומען פאַר אַן איידעם צו יודל דעם קרעטשמער, דערנאָך איז צו אים איבערגעגאַנגען די חזקה, און ער איז אַליין אויך געבליבן אַ קרעטשמער.

גנענדלס פעטערס, דער מאַמעס ברידער, האָבן געקריגט קעגן איר טאַטן פאַרוואָס ער האָט צוגענומען ביי זיי די אַרענדע, ס'איז אָבער קיינער נישט געווען, וואָס זאָל זיך איינשטעלן פאַר זיי.

דער זיידע האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז די אַרענדע דאַרף איבערגיין צו דעם איידעם דעם למדן און נישט צו זיינע בנים די גראָבע יונגען, וואָס האָבן נישט געוואָלט נעמען קיין יידיש וואָרט אין מויל, נאָר געקראָכן מיט די שקצים אין די הויף פון די שייערן.

און אַז די באָבע האָט זיך אָנגענומען פאַר אירע דריי זין און גערעדט מיט גוטן, מיט שכל צו דעם זיידן:

— יודל, גאָט האָט טאַקע געטון אַ חסד מיט אונדז און אָנגעטון אויף אונדזער הויז אַ קרוין — די קרוין פון תורה — ער האָט אונדז צוגעשיקט אַן איידעם אַ למדן, מען טרייבט אָבער נישט אַרויס קיין קינדער פון שטוב, — האָט זי אים געשטראָפט און אויסגעלאָזן מיט אַ געבעט: „דער אויבער־שטער וועט העלפן און ער וועט צושיקן חיונה פאַר זיי אַלעמען; וועט דער גוי אויסטרינקען נאָך אַ טאָפּ בראָנפן”...

איז דער זיידע אין כעס געוואָרן און אָנגעוויזן מיט זיין בייזן בליק אויף זיינע זין, וואָס טוען אים אָן חרפות און בזיונות, ווען ער ברענגט זיי אויף ימים נוראים אין שטאָט אַריין:

— „דו זעסט ווי זיי ברענגען זיינע טריט, קוקן נישט אין זיין זייט; נאָך מיין טויט אַז איך וועל פאַרמאַכן די אויגן, וועלן זיי אים אַרויסטרייבן פון שטוב און ער וועט בלייבן מיט דער וויבל אָן אַ שטיקל ברויט” און ער האָט אָנגעהויבן געבן צו פאַרשטיין דער באָבען, ווי ער וואָלט איר איינגע־רעדט און געטרייסט: „זיי האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט מיט דעם גוי, גע־פאַשעט צוזאַמען מיט אים די פערד, וועלן זיי אומעטום פאַרדינען ביי דעם גוי אויפן שטיקל ברויט, אָבער ער, יוסף”... האָט ער אויסגעצויגן דעם איי־דעמס נאָמען און זיך פאַרטראַכט, גלייך ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר אימיצן: „יעקב אבינו האָט געמעגט ליב האָבן יוספן מערער ווי די איבעריקע זין, מעג ער, יודל, האַלטן טייערער די תורה פון זיינע זין”...

האָבן זיך דעם זיידנס זין — גנענדלס פעטערס — צעשפרייט איבער די דערפער; זיי האָבן געדונגען אַרענדעס, האָבן זיך אַריינגעזעצט אין קרעטשמעס און האָבן אויסגעמעקט פון זייער געדעכעניש זייער שוואָגער דעם למדן און פאַרגעסן אויף דער מעזינקע, זייער שוועסטער די בת יחידה, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט דעם מאַן, דעם תלמיד חכם.

ר׳ יאָסל, גנענדלס טאַטע, איז געבליבן ביי דער קרעטשמע, ער האָט אָבער לאַנג נישט געלעבט נאָך דעם שווערס טויט. ער איז געשטאָרבן אַ יונגערמאַן; אַ קויף בראנפן איז אַראָפּגעפאַלן אויף אים און צעבראָכן ביי אים לענד און רוקן. ער איז אויסגעגאַנגען אין דער זעלבער קרעטשמע, פון וואַנען ער האָט געדאַרפט ציען זיין חיונה און האָט איבערגעלאָזן אַ יונגע אלמנה מיט דריי קליינע קינדער — דריי מיידלעך.

די אַלמנה האָט אויך לאַנג נישט געלעבט נאָך דעם מאַנס טויט און פון די דריי טעכטער — די יתומות — איז אויסגעוואקסן בלויז איינע

— די עלטסטע — גנענדל. די יידן פון דאָרף האָבן אויסגעהאָדעוועט די יתומה און חתונה געמאַכט זי פאַר יאַנקלען, זיי האָבן אָבער נישט געקענט פאַרגעסן, אַז איר טאַטע, ר׳ יאָסל, איז געשטראָפט געוואָרן, ווייל ער האָט פאַרביטן די תורה אויף אַ טאָפּ לינדזן, אויף אַ קוואָרט בראָנפן און געלאָזט דעם שווער איינטיילן זיין באַלעבאַטישקייט אָן יושר.

און אַז די ישובניקעס האָבן זיך אַמאָל צונויפגעקליבן אויף אַ ברית, אָדער געקומען דאַווענען מיט אַ מנין צו אַ יאָרצייט און האָבן זיך דערמאָנט אויף אַמאָליקע צייטן, האָבן זיי דערציילט, אַז זי, דוואָשע — גנענדלס מאַמע — איז טאַקע געווען אַ גרויסע פאַרשוין, אַ יפת תואר; גראַפן און פריצים האָבן זיך נישט געקענט אָנקוקן אויף איר און ער, יאָסל, האָט זי האָלד געהאַט. דעריבער איז ער געבליבן אויפן ישוב צווישן די גויים און נישט געוואָלט זיין קיין רב ביי יידן, אָט אַזוי ווי יעקב האָט געדינט ביי לבן „יעקב איז אָבער געווען אַ גרויסער צדיק, ער איז געזעסן ביינאַכט אין געצעלט און געלערנט תורה, און ער, זאָל אים נישט זיין צו שווער די רייד״, האָט איין ישובניק געוואָלט געבן צו פאַרשטיין דעם אַנדערן די ווענן פון רבונו של עולם — „האָט זיך געהאָליובעט מיט איר און נישט גענומען קיין ספר אין האַנט״ און דער שמועס האָט זיך אויסגעלאָזן מיט אַ זיפץ: „דעריבער איז די קרעטשמע פאַרשאָלטן געוואָרן מיט די קללות, וואָס יודלס זין האָבן געשאָלטן, זי איז געבליבן פוסטעווען און קיינער וועט זי ביז היינטיקן טאָג נישט נעמען אין אַרענדע״...

גנענדל האָט אָבער געוווּסט, אַז איר טאַטע — אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן — האָט זיך געבעטן ביי דעם זיידן, אַז ער וויל נישט בלייבן ביי דער קרעטשמע, ער וויל בעסער אַוועקגיין איבער דער וועלט זוכן זיין שטיקל ברויט; נאָר דער זיידע האָט זיך איינגעשפּאַרט... און די מאַמע האָט איר דערציילט, אַז דער טאַטע האָט געלאָזט די ברידער צונעמען פון קרעטשמע אַלץ, וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט; ער האָט אַליין אַרויסגעטראָגן פון שטוב דעם גרויסן קופערנעם קעסל און אַרויסגעפירט די פּאָר פערד פון שטאַל, ווען זיי האָבן זיך אַרויסגעקליבן.

אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן, איז גנענדל שוין אַלט געווען צען יאָר און זי געדענקט ווי אַזוי ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן קרעטשמע צווישן די קויפן און געגשערס בראָנפן; איר דוכט זיך איצטער אַז זיינע טריט זענען געווען געפּענטעט, גלייך ווי ער וואָלט זיך פאַרדונגען צו אימיצן און

האָט זיך שטענדיק געבעטן אַז מען זאָל ביי אים צונעמען די ברייטע צע־שפּרייטע קרעטשמע און לאָזן אים זיצן אין אַ קליין חדרל, ער זאָל קענען דערציילן זיינע קינדער וואָס ס׳שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים.

קיין זין האָט ר׳ יאָסל נישט געהאַט, האָט ער געלערנט מיט זיינע טעכטער פון סידור און אַפילו אַ פּרשה חומש ווי מיט אַ ייִנגל. נאָר גנענדל געדענקט טיפער דאָס געזאַנג, ווי אַזוי דער טאַטע פלעגט פאַרוויגן אַ קינד אין וויגעלע, איידער זיינע רייד פון לערנען.

אַז דאָס ייִנגערע שוועסטערל האָט אָנגעהויבן וויינען, האָט זיך דער טאַטע געאיילט אין קאַמער פריער פון דער מאַמען צו איינשטילן דאָס קינד. ער האָט געוויגט דאָס וויגעלע פאַר די שטריקלעך, געקוקט דעם קינד אין די אויגן און געזונגען אַ ניגון אָן ווערטער.

גנענדל האָט האָלד געהאַט צו איינהערן זיך ווי דער טאַטע פאַרוויגט דאָס קינד. זי איז געשטאַנען פון ווייטן, האָט זיך איינגעקוקט אויף דעם טאַטן און געוואָלט אַז באַשע זאָל נישט איינשלאָפן, כדי דער טאַטע זאָל נישט אויפהערן זינגען.

ס׳זענען שוין פאַרגאַנגען אַ סך יאָרצייטן נאָך דעם טאַטנס טויט; נאָר ביי גנענדלען קלינגט נאָך אַלץ אין די אויערן דאָס געזאַנג פון דעם טאַטנס ניגון, ווי אַ לאַנגע אומעטיקע געשיכטע, וואָס ער האָט דערציילט די קינדער, און זי ציט דעם ניגון מיט דעם זעלבן טרויער ווי ער האָט פאַר־וויגט אַ קינד. בעת־מעשה פאַרטראַכט זי זיך: „אפשר הענגט טאַקע אַ שטראָף איבער איר הויז; איר מאַמע ע״ה האָט נישט געהאַט קיין זין״ און זי האָט זיך מורא צו דערמאָנען אויף דעם ביטערן סוף, זי זעט אָבער אַז ביי איר איז אויך בלויז איין טאָכטער געבוירן געוואָרן און זי טוט אַ זיפץ: „ווער ווייסט מיט וואָס אַ מענטש קען זיך פאַרזינדיקן ביי דעם רבונו של עולם״...

און פאַרנאַכט, אַז גנענדל איז געשטאַנען ביים אויוון און דערזען ווי דער באָק איז פּלוצלינג אַריין אין הויז; האָט זיך דורכגעשפּאַצירט איבער דער שטוב און איז אַרויס אין דרויסן — האָט זיך איר געדוכט אַז זי זעט אין זיין פּנים די תנועות פון אַ מענטשן. זי האָט זיך דערמאָנט ווי דער באָק גייט אַרום אין סאָד לעבן די לייוונט און היט, אָפּ די שטוב ווי אַ בר־דעת און איר איז אַרויף אויפן זינען: „ווער קען דאָס וויסן מיט וואָס פאַר אַ שטראָף מען באַשטראָפט דעם מענטשן אויף יענער וועלט״... זי האָט אַ

ציטער געטון: „אַמאָל איז די זינד אַזוי גרויס אַז מען שיקט אַראָפּ די נשמה צוריק אויף דער וועלט און גאָט ווייסט אין וואָס ס'ווערט מגולגל...״

זי האָט אָבער געוואָלט פאַרבאָרגן איר שרעק פון יאַנקלען. האָט זי אים נישט דערציילט פון אירע רעיונות, נאָר אין אָוונט, אַז מען איז געזעסן ביים טיש און געגעסן וועטשערע, האָט זי אָנגעגאָסן פאַרן באָק אַ גרעסע־רע שיסל מיט געקעכץ און געפרעגט גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— יאַנקל, וויפיל יאָר איז שוין ביי אונדז דער באָק?

זי האָט נישט געוואַרט ביז וואַנען יאַנקל וועט אויסרעכענען די יאָרן, נאָר געמאַכט איר אייגענעם חשבון: „דוואשען איז שוין דאַנקען גאָט אַכט יאָר״ — און זי האָט נישט פאַרגעסן, אַז זי האָט געדאַרפט וואַרטן פינף יאָר ביז דאָס מיידל איז געבוירן געוואָרן; האָט זי זיך דערשראָקן: „ווי לאַנג קען ביי איר אָנהאַלטן דער שטייגער פון ווייבער, אַז זי האָט נישט קיין קינדער״... נאָר זי האָט זיך געשעמט צו רעדן וועגן דעם מיט יאַנקלען, האָט זי זיך בלויז אָנגערופן:

— דו ווייסט מיין מאַן, דוואָשען גייט שוין דאַנקען גאָט דאָס ניינטע יאָר אויף לאַנגע יאָר״, און האָט זיך אָפּגעקערט פון טיש, יאַנקל זאָל נישט זען איר צער.

— „יאָ, איך געדענק דעם חשבון״ האָט יאַנקל געטראַכט, נאָר ער האָט נישט געפונען קיין רייד צו ענטפערן דעם ווייב. האָט ער צונויפגע־נומען די באָרד אין די הענט, אַריינגענומען דעם שפּיץ אין מויל, געביסן די האָר און אָנגעהויבן בענטשן.

די ווערטער האָבן זיך אַראָפּגעבערעקלט פון זיין קול ווי זיי וואָלטן זיך צעפאַלן איבערן טיש און ביי אים איז נישט אַרויס פון זינען פאַרוואָס האָט זיך דער באָק צוגעשלאָגן גראָדע צו זיין שטוב און ער האָט נישט גע־קענט באַנעמען פאַרוואָס האָט ער געדאַרפט אַזוי לאַנג וואַרטן ביז וואַנען דוואשע איז געבוירן געוואָרן און פאַרוואָס האָט גנענדל מער קיין קינדער נישט.

ער האָט זיך דערמאָנט אויף זיין טאַטן מיטן זיידן: פּראָסטע מענטשן זענען זיי געווען, שטענדיק געווען פאַרנומען מיטן גוי און דעם פערד. זיי זענען אַליין נישט „געזעסן און געלערנט און האָבן נישט געשיקט זייערע קינדער אין די ישיבות לערנען. מאַלע מיט וואָס מען קען זיך פאַרזינדיקן ביי גאָט״, האָט ער אָנגעהויבן אויסלייגן די שטרויכלונגען פון אַ מענטשן:

„אפשר האָבן זיי אַן איבעריקן שמיץ געגעבן דאָס פערד, ווען עס האָט גע־הויערט אונטער זיין שווערער משא, אָדער געלאָזן אים שטיין אין שפּאַן אָן אַ טרונק" און ער איז אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, אַז ער אַליין איז אויך נישט ווערט ביי דעם רבונו של עולם, ער זאָל אויפגעריכט ווערן פון דעם אומעט, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיין שטוב, ווי אַ כמאַרע פון הימל, ווען ער דערזעט דעם צער ביי גנענדלען אויפן פנים.

***

אַז יאַנקל טוט אָבער אַ קוק ווי גנענדל גרייט זיך צום הייליקן שבת, דוכט זיך אים אַז ס'איז פאַראַן אימיצער וואָס שטעלט זיך איין פאַר אים, און אים גלויבט זיך נישט אַז דער אויבערשטער וועט זיך נישט דערבאַ־רעמען אויף זיין הויז.

גנענדל טראַכט אַז קיינמאָל קען אַ פרוי נישט מקיים זיין אַזוי פיל מיצוות אין איין טאָג ווי ערב שבת: זי נעמט חלה, גרייט צו די מאכלים אויף שבת און בענטשט ליכט. אין אסיען איז אָבער ביי איר פאַרשטערט די פרייד פון ערב שבת; דער הימל איז פאַרכמורעט און דער טאָג ווייקט זיך אַ גאַנצן טאָג אין פאַרנאַכט; זי קען נישט זען ווי דער שבת לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער וועלט און זי האָט אַלע מאָל מורא צי זי בענטשט ליכט אין צייט. דעריבער וואַרט זי מיט גרויס גאַרונג אויפן זומער — אויף די לויטערע טעג און לאַנגע פרייטיקס.

זומער פאַררוקט זי דעם טשאָלנט אין אויוון, ווען די זון שטייט נאָך הויך אין הימל און זי האָט גענוג צייט צו באַגעגענען בהרחבה, אין רואי־קייט, דעם שבת. ביי איר אין שטוב איז שוין אויפגעראַמט, אויפן טיש ליגט פאַרשפּרייט אַ ווייסער טישטוך און די ליכט זענען אַריינגעשטעלט אין די לייכטער. גנענדל טוט אָן דאָס נייע קלייד, פאַרפלעכט ביי דוואָשען די צעפּעלעך מיט רויטע סטענגעס און גייט אַרויס מיטן קינד אין דרויסן.

זי זעצט זיך אַוועק לעבן שטוב און דערציילט איר טאָכטער אַ מעשה וועגן שבת, וואָס דער טאַטע האָט איר דערציילט, וואָס זי האָט געלייענט אין די תחינות און אין טייטש־חומש.

אין דרויסן פאַרציט זיך אַ ווייכע שטילקייט איבער די גראָזן, די פונאַנדערגעלאָזענע צווייגן פון די ביימער בייגן זיך אַראָפּ נידעריקער און די ליכטיקייט פון דער זון גייט איין אין דער בלויקייט פון די הימלען.

גנענדלען דוכט זיך, אַז זי זעט ווי די לויטערקייט פון שבת שטראַלט אַרויס פון די הימלען, קוקט זי זיך איין ווי די וועלט בייגט זיך איבער פון דער וואָך אין שבת אַריין און קוקט אויס אויף דער האַלבער שעה פאַר זון־אונטערגאַנג, וואָס דאַרף באַלד קומען.

און אַז יאַנקל טוט אַ קוק ווי גנענדל האָט שוין אויפגענומען דעם שבת, פאַרשעמט ער זיך, וואָס ער טראָגט נאָך אויף זיך די וואָך. לאָזט ער איבער די אַרבעט אין סאָד, גייט אַריין אין שטוב און הייבט זיך אָן אַליין גרייטן באַגעגענען דעם שבת. ער טוט אָן די ווייסע העמד, וואָס גנענדל האָט אָוועקגעלייגט פאַר אים אויפן בעט, נעמט אַרויס דעם שבתדיקן קאַפטן פון אַלמער, קעמט פונאַנדער די באָרד און גייט אַרויס אין דרויסן צום ווייב; ער וויל אָפּגעבן כבוד דעם שבת, וואָס איז געגליכן צו דער פרוי — צו אַ מלכה.

און אַז יאַנקל טוט אַ קוק פרייטיק־צו־נאַכט ווי גנענדל זיצט ביים טיש אין איר שבתדיקן קלייד, דוכט זיך אים, אַז זי איז אַזוי שיין, אַז איר פנים שיינט ווי די ליכט וואָס זי האָט אָנגעצונדן אויפן טיש, און ער הייבט אָן זאָגן מיט אַ העכערן ניגון לכו נרננה.

ער גייט אַרום איבערן שטוב, הייבט אויף די באָרד צו די אויגן, באַ־קוקט די געלע האָר, וואָס שלאָגן אָפּ מיט אַ רויטקייט, ער שטעלט זיך אָפּ לעבן טיש, ציט אויס זיין בליק אויף גנענדלען, פאַרציט טיפער דעם ני־גון, זאָגט פון סידור, רעדט פון אויסנווייניק, גלייך ווי ער וואָלט דער־ציילט גנענדלען פון זיין ליבשאַפט.

גנענדל ענטפערט אים מיט די רייד פון טייטש־חומש; איר בליק באַגעגנט זיך מיט יאַנקלס באָרד און לאָזט זיך אַראָפּ טיפער אויף די הייליקע אותיות. זי הייבט אויף העכער דאָס קול מיט דעם ניגון וואָס איז איבערגעגאַנגען צו איר פון טאַטן מיטן געבעט פון אַ תחינה און ביי יאַנקלען הייבט זיך אָן לייטערן זיין בטחון אַז דאָ אין שטוב, ביי זיין טיש, וועט ער זיצן מיטן ווייב, צוזאַמען מיט זין און טעכטער און זיי אַלע וועלן זיך פרייען מיטן שבת.

ה

און מיט דער זעלבער האָפענונג און מיט דעם זעלבן בטחון איז יאַנקל זיס־יאָר געקומען קיין סלאָנים צו די ערשטע סליחות אויף ימים נוראים.

ער האָט צוזאַמען מיט זיין ווייב געבראַכט מיט זיך די קריגעלעך האָניק מיטן ווייסן לייוונט, וואָס זיי האָבן געגרייט אַ גאַנץ יאָר. נאָכן דאַווענען איז יאַנקל זיס־יאָר אַרויס איבערן שטאָט, אַריין אין די יידישע שטיבער און שטיל געזאָגט: „איך האָב געבראַכט האָניק אויף ראש השנה, איר זאָלט האָבן אַ זיס יאָר"... און צוגענומען גאָטפּאָרכטיק די מטבעות צו־זאַמען מיט די ברכות, וואָס מען האָט אים געבענטשט צו דעם נייעם יאָר.

גנענדל גוט־שבת האָט פאַרקויפט די לייוונט צו די ווייבער, וואָס נייען העמדער פאַר יידן און באַצירן טישטוכער אויף שבת און זיי האָבן געבענטשט איינע די אַנדערע מיט ברכות און ישועות ונחמות. און אַז מען האָט זיך פונאַנדערגעשיידט מיט אַ טרער אין די אויגן, מיט אַ ציטער אויפן פּנים און מיט די פרומע רייד: „מען זאָל דערלעבן איבעראַיאָר", האָט זיך געדוכט אַז מיט דעם געבעט האָט מען ווייכער געמאַכט דעם פּסק וואָס הענגט איבער דער וועלט אין די פאַרכטיקע טעג.

אַז יאַנקל זיס־יאָר מיט גנענדל גוט־שבת האָבן צעטיילט דעם האָ־ניק, אָפּגעגעבן די לייוונט און עס זענען נאָך געבליבן עטלעכע טעג ביז ראש השנה, איז זיי באַפאַלן אַן אומעט פון זייער עלנדקייט, זיי האָבן דערפילט אַז זייערע מצוות און מעשים טובים בלאָזן זיך אויס, און זיי בלייבן איבער אַליין ליידיקע, פוסטע; זיי האָבן נישט וואָס צו טון און האָבן זיך נישט אויף וועמען צו אָנשפּאַרן אין יום־הדין. זיי האָבן געזען, ווי די שטאָט גרייט זיך אויף יום־טוב: טאַטעס קויפן היטעלעך אין די קראָמען פאַר די יינגלעך, מאַמעס פּוצן אויס די קינדער אין נייע גאַרני־טורלעך, יידן זיצן אין די בתי־מדרשים און לערנען, די שיינע באַלע־באַטים קלייבן זיך מיט זייערע זין און איידעמס אין שול אַריין דאַווענען און יאַנקל מיט גנענדלען האָבן נישט קיין יינגלעך וועמען צו אָנטון נייע גאַרניטורלעך, פאַר וועמען צו קויפן נייע היטעלעך און ער אַליין קען קיין ספר אין האַנט נישט נעמען.

קיין צדקה קען ער נישט געבן, אָט אַזוי ווי עס טוען די גרויסע סוח־רים, די רייכע אַרענדאַטאָרס; ער פאַרדינט זיין שטיקל ברויט מיטן שווייס פון זיין פּראַצע און ער קען קוים אָפּשפּאָרן די קופּערנע מטבעות, וואָס ער וואַרפט אַריין ערב יום כיפור אין קערה, באַהאַלטענערהייט, קיינער זאָל נישט זען זיין אָרימקייט. קיין למדן איז ער נישט, קוים וואָס ער לערנט

אָפּ אַ פּרשה חומש; און אַז ער איז מעביר די סדרה, באַהאַלט ער מיטן ניגון פון זיין געזאַנג די ווערטער וואָס ער פאַרשטייט נישט זייער טייטש, זיי זאָלן אים נישט פאַרשעמען פאַר לייטן, איז אים שווער צו בלייבן אין דער פרי נאָכן דאַווענען אין בית־המדרש און עפּענען דאָס מויל צו אָפּ־זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים צווישן פרעמדע מענטשן.

און גנענדל גוט־שבת האָט אויך נישט וואָס צו טון אין די פּאַרכטיקע טעג, ווען אַ מענטש טאָר נישט רוען; דאָס עסן אויף יום־טוב האָט זי שוין צוגעגרייט; דוואָשען האָט זי שוין אָנגעטון און אויסגעפּוצט און פאַר זיך אַליין מיטן מאַן האָט זי שוין אויך אויפגעגנייט, וואָס זי האָט געדאַרפט האָבן אויף יום־טוב.

אַז זי רעדט אויס אַ וואָרט מיט אַ יידענע פון סלאָנים, פרעגט יענע באַלד: וויפיל קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין, האָט איר?

און גנענדלען דוכט זיך אַז איידער זי לאָזט אַראָפּ די אויגן און באַ־ווייזט עפּעס צו ענטפערן, טוט שוין די יידענע פרום און שטיל אַ זיפץ: „נעבעך"... גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט צודעקן איר חרפּה.

מיידן אויס יאַנקל זיס־יאַר מיט גנענדל גוט־שבת די יידן פון שטאָט, זיי טוליען זיך צו די ישובניקעס, צו די דאָרפס־יידן, וואָס זענען אַזוי עלנד און פאַרלאָזן ווי זיי אין דער פרעמדער שטאָט.

די ישובניקעס, די דאָרפס־יידן קומען צו פאָרן קיין סלאָנים אויף ימים־נוראים מיט גרויסע געזינדן, קיין עין־הרע ניט, מיט זין און טעכ־טער; זיי שטעלן זיך אָפּ ביי די סעדעכעס, ביי די פּרעקופּניקעס, אין די אָרימע שטיבער אויף די זייטיקע גאַסן, אָדער זיי פאַרפאָרן אין די געמיינע אכסניאָס, וואָס שטייען ביי דעם אַריינפאָר פון שטאָט. די יינגלעך טרעטן נישט אָפּ פון די טאַטעס, און די מיידלעך טוליען זיך צו די מאַמעס. זיי ציטערן פאַר די יינגלעך פון שטאָט, וואָס קוקן אויף זיי בייזער ווי די שקצים פון דאָרף און אַליין האַלטן זיי אין איין איבערחזרן און זיך חידושן:

— טאַטע, דו זעסט? אָט איז נאָך אַ ייד!

און טאָמער וויל אַ ייד פון שטאָט עפּעס פרעגן ביי אַ ישובניקס אַ קינד:

— „יינגעלע"...

אַנטלויפן די יינגלעך צום פערד, און די מיידלעך שפּאַרן זיך צו דער מאַמען הינטערן קלייד. שעמען זיך די דאָרפס־יידן צו באַווייזן מיט די

יינגלעך אויפן שול־הויף און גייען אַריין באַהאַלטענערהייט אין בית־המדרש ווי זיי וואָלטן געטראָטן אין די תבואה פון אַ פרעמדן פעלד.

מען דאַרף אָבער אַרומשערן אַ יינגל לכבוד יום־טוב, קויפן אַ נייע היטעלע, איינמאַכן ציצית אין ארבע כנפות, נאָר דאָס מויל עפנט זיך ניִשט צו פרעגן: „ווו וווינט אַ שערער און ביי וועלכן קירזשנער קען מען קויפן אַ כשר יידיש היטעלע?" ווייל דעם טאַטן דוכט זיך, אַז ער הערט שוין, ווי מען וואַרפט אים אויף: „יורקע, ערגער ווי דער פויער"...

זיצן די ישובניקעס, די דאָרף־יידן אין די געמיינע אכסניאָס ביים אַריינפאָר אין שטאָט, זיי האַלטן זיך אויף אין די אָרימע שטיבער ביי די טעדעכעס, ביי די פּעדעקופּניקעס און זיי דוכט זיך אַז די גאַנצע שטאָט מיט די יידן טראָגן זיך אויף זיי ווי כוואַליעס וואַסער, וואָס שפּאַרן זיי ערגעץ אַוועק און קיינער קוקט זיך אויף זיי ניִשט אום.

יאַנקל זיס־יאָר פילט אַליין ווי האַרט און פרעמד עס ליגט אונטער זיינע טריט דער ברוק פון די סלאָנימער גאַסן, דערזעט ער גיכער ווי אַ ייד פון שטאָט די שרעק פון די דאָרפס־יידן; קומט ער צו זיי אין די אָרימע שטיבער, ער שפּאַרט אָן אין די געמיינע אכסניאָס, און מיט זיין געניִטקייט אין די גאַסן פון סלאָנים, מיט דער באַהאַוונטקייט אין די קראָמען, פירט ער אַרום די ישובניקעס מיט די קינדער איבערן שטאָט און העלפט זיי זיך צוגרייטן צום יום־טוב. ער היט זיי אויס פון אַ בייז אויג, ענטפערט פאַר זיי אַ וואָרט און צום דאַווענען שטעלט ער זיך אַוועק אין שול צוזאַמען מיט זיי אויף איין אָרט, אָט אַזוי ווי ס'קומען די גרויסע באַלעבאַטים מיט זייערע זין און איידעמס אין שול אַריין.

און גנענדל גוט־שבת גיט אַכטונג אויף די ווייבער פון די ישובניקעס. זי לערנט די ווייבער ווי אַזוי זיי זאָלן זיך אויפפירן אין דער פרעמד צווישן יידן אין די פּאַרכטיקע טעג, און העלפט זיי אַרומוואַשן און אויסבאָדן די קינדער, אויסקאַמען און אָנטון די מיידלעך.

זי האַלט די קעפּעלעך פון די יינגלעך אַביסל לענגער אין אירע הענט, פּאַרקעמט ציטערדיק די צעפּעלעך ביי די מיידלעך, זי זאָל ניִשט רייסן זייערע האָר; די קינדער טוליען זיך צו איר ווי אין אַ מידן דרעמל און זי פילט אין אירע פינגער די וואָרעמקייט פון זייער לייב אַזוי ווי דעם ציטער פון אירע אָדערן. בעט זי זיך ביי גאָט, אַז עס זאָל זיך אָפּטון פון איר די קנאה, זי זאָל ניִשט מקנא זיין די מאַמעס זייערע קינדער.

נאָר איין מאָל איז גנענדל גוט־שבת געשטרויכלט געוואָרן; זי האָט נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון, זי האָט מקנא געווען אַ מאַמע אירע קינדער מיט דער שאַרפער קנאה פון אַ נישט־פאַרגינערן.

דאָס איז געווען ערב ראש־השנה פאַר מנחה. גנענדל האָט שוין אויסגעפוצט די קינדער פון די ישובניקעס אויף יום־טוב און זי איז געגאַנגען אין אכסניא צום מאַן, זיי זאָלן גיין צוזאַמען אין שול אַריין. ערשט זי הערט אויפן שול־הויף איז אַ טומל, אַ געשריי, אַ געלעכטער. זי קערט זיך אום און טוט אַ קוק: לעבן בית־המדרש שטייט אַ גרויסער וואָגן, פון וואָגן קריכן אַראָפּ קינדער גרעסערע, קלענערע; יינגלעך און מיידלעך. לעבן וואָגן שטייט אַ ישובניק מיט דער בייטש אין האַנט און בעט זיך עפּעס ביי די שטאָטישע יינגלעך, וואָס שפּאַרן זיך צום פערד. די מאַמע שרייט אויף אירע קינדער, טרייבט זיי פון וואָגן, זיי זאָלן לאָזן זיך אויסקערעווען און אַריינפירן דאָס פערד אין אַ שטאַל — נאָר די קינדער ווייגען און קריכן אונטער די רעדער.

עס איז שוין שפּעט נאָך האַלבן טאָג, די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעזעצט פון די געביידעס, אויף די פענצטער פון די קראָמען לאָזט מען אַראָפּ די שווערע לאָדן און אויף די טירן הילכן אָפּ די שלעסער. פון מאַרק אַנטרינען די מענטשן, יידן יאָגן זיך פון מרחץ אַהיים, שטעלן זיך אָפּ אין איילעניש אויפן שול־הויף און חידושן זיך: „פון וואַנען קומט אַזוי שפּעט אַ ייִד?״

קוקט זיך איין דער ישובניק ווי דער יום־טוב האָט שוין אויסגעליידיקט די וואָך פון די גאַסן, און זיפצט, אַז ער איז אַרויסגעפאָרן היינטיקס יאָר פריער ווי אַלע מאָל, ער זאָל קומען אין צייט אויף יום־טוב. האָט זיך אָבער דער שטן אַריינגעמישט, עס איז צעבראָכן געוואָרן די אָקס אין מיטן וועג און עס האָט געדויערט אַ טאָג מיט אַ נאַכט ביז מען האָט פאַרריכט דעם וואָגן און ער האָט קוים, קוים אָנגעשפּאַרט פאַר ליכטיק אין שטאָט אַריין.

ער שרעקט זיך צי דאָס זאָל ח״ו נישט זיין קיין שלעכטער סימן אויף דעם נייעם יאָר און ער ווייזט אָן אויף זיינע קינדער:

— וווּ וועט ער איצטער קויפן אַ היטעלע פאַר זיי, ביי וועמען וועט ער זיי אָפּשערן?

און אַרום דעם ישובניק מיט די יידן פון שטאָט האָבן זיך צונויפ־

געקליבן די שטאָטישע ייִנגלעך. זיי זענען געשטאַנען אויסגעפּוצטע, איינ־געוואַשענע אין די נײַע גאַרניטורלעך און געטײַטלט מיט די פינגער אויף די קינדער פון דאָרף:

— זע, זע!

— די האָר קריכן אַרויס פון היטל!

— אָט אַזוי וועט איר אַרײַנגיין אין שול!

דעם ישובניקס ייִנגלעך שטייען דערשראָקענע, דעקן צו מיט די הענט די פּנימער, האַלטן צו די היטעלעך, מען זאָל זיי נישט אַראָפּרײַסן פון קאָפּ און טוליען זיך צום וואָגן.

און די ייִדן פון סלאָנים, די שיינע באַלעבאַטים וואָס אײַלן זיך אַליין פון מרחק אַהיים, האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן וואָגן און זאָרגן ווו זאָל מען געפינען אַן אָרט פאַר דעם ישובניק אויף יום־טוב, ווו וועט מען אַוועק־שטעלן דאָס פערד, נאָר זיי זעען נישט ווי מען שפּאָט אָפּ לעבן זיי פון ייִדישע קינדער.

גנענדל גוט־שבת האָט עס אָבער פון ווײַטן דערזען — האָט זי זיך אַ שפּאַר געטון, גלײַך ווי זי וואָלט מיט איין טראָט צוגעפאַלן צו די אומ־גליקלעכע קינדער און אָפּגעטריבן פון זיי די שטאָטישע ייִנגלעך. זי האָט אַרומגענומען מיט ביידע הענט די צוויי ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך געטור־ליעט איינע צו די אַנדערע, האָט אַ קוק געטון אין זייערע שוואַרצע איי־געלעך — מסתמא אַ צווילינג — און אָפּגעווישט מיט אירע וואַרעמע ווייכע הענט די טרערן בײַ זיי פון פּנים און אײַנגעשטילט זיי:

— „ווייַנט נישט קינדערלעך".

די ייִנגעלעך האָבן זיך צוגעטוליעט צו דער פרעמדער ייִדענע ווי צו דער אייגענער מאַמע, אויפגעהערט ווייַנען, נאָר געכליפּעט פאַרשטיק־טערהייט אין זיך אַליין, ווי זיי וואָלטן געציטערט פון קעלט.

גנענדל האָט דערפילט אויף איר לײַב דעם ציטער פון זייערע גוף־פים, גלײַך ווי זיי וואָלטן אַרויסגעוואַקסן פון איר אינגעווייד. און מיט דער בענקעניש וואָס גנענדל האָט געגאַרט נאָך די ווייען פון אַ געווינערן און מיט דער ליבשאַפט, וואָס זי האָט ערב יום־טוב געוואַשן און געצוואָגן די פרעמדע קינדער פון די דאָרף־ייִדן, האָט זי איצטער אַרומגענומען די צוויי ייִנגעלעך און נישט אָפּגעלאָזן זיי פון זיך.

זי האָט זיך אײַנגעקוקט ווי אַרום וואָגן שפּאַרן זיך דעם ישובניקס

קינדער, גרעסערע און קלענערע און עס האָט זיך אויפגעוועקט ביי איר אַ טיפע קנאה צו דער מאַמען. זי האָט געמאַנט פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער אַזוי איינגעטיילט די וועלט: „ביי איינער... און ביי דער אַנדערער זאָלן די צווייגן פאַרדאַרט ווערן...״ זי האָט זיך פאַרגעסן אַז ס׳איז ערב ראש השנה און מען דאַרף באַלד גיין אין שול אַריין; זי איז געשטאַנען ווי אַן איינגעבויגענער בוים וואָס איז איינגעוואַקסן צוזאַמען מיט די צוויי יינגעלעך אין זיינע וואָרצלען, און געלאָזט טריפן אירע טרערן ביי די קינדער אויף די קעפּעלעך.

דעם ישובניקס ווייב האָט זיך געכאַפּט אַז איר פעלט דער צווילינג, האָט זי אָנגעהויבן שרייען: „ווו איז יאָסעלע, ווו איז בערעלע?!״

גנענדל האָט זיך דערשראָקן: „זי האָט צוגענומען פרעמדע קינדער״... זענען אירע הענט אַראָפּגעפאַלן פון די יינגעלעך און זי האָט מיט שווערע טריט אָנגעהויבן אָפּטרעטן פון די קינדער. זי האָט זיך אָבער אָפּגעקערט, נאָך אַמאָל אַ קוק געטון אויפן צווילינג, ערשט דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעאיילט פון שולהויף.

דער בזיון האָט זיך אָבער נישט אָפּגעטון פון גנענדל גוט־שבת: איר האָט זיך געדוכט, אַז אַלע יידן פון שול־הויף האָבן געזען, ווי זי האָט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן די צוויי יינגעלעך פון אירע הענט און זי האָט נישט געקענט פאַרגעסן אויף דער עבירה, וואָס זי איז באַגאַנגען ערב ראש־השנה, אַ מינוט פאַר ליכט בענטשן.

זי האָט זיך געיאָגט פון שול־הויף צו זיך אויף דער אכסניא און אַרום איר האָבן זיך געקנוילט די שאָטנס פון די יידן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון די גאַסן און געסלעך אין די שולן און בתי־מדרשים, נאָר שאַרפער פון אַלעמען האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט פאַר אירע אויגן דער שאָטן פון איר טאַטן ע״ה.

ער האָט איר דערמאָנט מיט גוטן און גערעדט צו איר מיט בייזן: „דו ווייסט דאָך אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט און איך האָב נישט געהאַט קיין זין, נישט איבערגעלאָזן קיין קדיש, איך האָב אָבער דיך מדריך געווען אין די וועגן פון תורה ווי מען לערנט מיט אַ יינגל, אַז מען טאָר נישט גלוסטן קיין זאַך פון אַן אַנדער מענטשן...״ און זי האָט אַליין אויסגעטייטשט זיינע רייד: „נישט דעם אייזל און נישט קיין בענקל, דעריבער שרייבן די הייליקע חכמים, אַז די זינד פון קנאה איז אַזוי שווער ווי פון

רציחה״. זי האָט אָבער אַזוי ביטער נישט פאַרגונען אַ מאַמען אירע קינ־דער, אַז דער אָטעם פון די יינגלעך האָט נאָך איצטער געציטערט אין אי־רע הענט און זי האָט געזשאַלעוועט די וואַרעמקייט וואָס קילט זיך אָפּ אין אירע פינגער — איז איר באַפאַלן אַ פּחד פאַר די בייזע רוחות, וואָס זי האָט מיט אירע זינד אַרויסגערופן ערב ראש השנה פאַרן יום הדין.

זי האָט נישט געוואָלט מצער זיין איר מאַן מיט אירע עוונות, האָט זי אים נישט דערציילט פון די צוויי יינגעלעך — דעם צווילינג — וואָס גייען איר נישט אַרויס פון זינען און זיי טרעטן נישט אָפּ פון אירע אויגן, אָט אַזוי ווי ס׳ציט זיך נאָך איר נאָך דער שאָטן פון איר טאַטן ע״ה. זי האָט אָבער אויך נישט געקענט רעדן צו אים ווי עס איז דער שטייגער פון אַ גאָטספאָרכטיקער ווייב צו רעדן ערב ראש השנה צו דעם מאַן. זי האָט זיך נישט צוגעהערט צו זיינע רייד, זי האָט אָפּגעקערט פון אים איר פּנים און אַז זי איז צוגעקומען צו דער שול, האָט זי זיך פאַרגעסן ווינטשן, אַז מען זאָל אויסבעטן אַ גוט יאָר ביי גאָט, נייערט זי האָט זיך אַוועקגעקערט מיט שנעלע טריט אין דער ווייבערשער שול, דער מאַן זאָל נישט זען דעם פּחד, וואָס ליגט ביי איר אויפן געזיכט.

און אַז גנענדל גוט־שבת איז אַריין אין שול, האָט זי געטראַכט אַז זי טאָר נישט שטיין לעבן די דאָרף־ווייבער, זי איז נישט ווערט צו ווייזן זיי די תחינות, ווי זי פלעגט זיך פירן צו טון אַלע יאָר ראש־השנה און יום־כיפּור, כדי דער שטן, וואָס האָט זי פאַרפירט צו זינדיקן זאָל ח״ו נישט האָבן קיין שליטה אויף זיי. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל לעבן טיר, אַראָפּגערוקט דאָס טיכל פון קאָפּ נידעריקער איבערן שטערן, מען זאָל איר אין פּנים נישט קענען קוקן און זי האָט גערעדט אין איר האַרצן; בלויז אירע ליפּן האָבן זיך געשאָקלט, נאָר איר קול האָט זיך נישט געהערט און זי האָט אויסגעגאָסן איר זעל פאַר גאָט.

זי האָט זיך געבעטן אַז דער האַר פון אַלע וועלטן, דער אַלמעכטיקער גאָט וואָס טוט זיצן אויפן שטול פון רחמים, זאָל רחמנות האָבן אויף איר מיט איר מאַן און קינד און זען ווי זי שטייט איצטער פאַר אים מיט אַ באַ־גריבט האַרץ, און האָט נישט קיין קראַפט און קיין מאַכט צו עפענען דאָס מויל תפילה צו טון און לויבן זיין הייליקן נאָמען.

און אַז מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען אין שול, האָט גנענדל אַריינגעשפּאַרט אירע אויגן אין מחזור, זי האָט געזען די הייליקע ווער־

טער, זי האָט אָבער נישט געקענט נאָכזאָגן נאָכן חזן די תפילות. ביי איר פון האַרצן האָט זיך געריסן איר ווײ־געשריי און זי האָט געטון בעטן צו גאָט מיט אירע אייגענע תחינות: „האַר פון דער וועלט; גוטער גאָט און באַגיטיקער, פאַר דיר זענען דאָך נישט פאַרבאָרגן די מחשבות פון דעם זינדיקן מענטשן און איך קען פון דיר נישט באַהאַלטן אַז איך האָב גע־קוקט אויף די פרעמדע קינדער גלייך ווי איך וואָלט זיי מיט מיינע ציין אָפּגעביסן ביי דער מאַמען פון נאָפּל, דעריבער שטיי איך איצטער פאַר דיר פול מיט בושה און חרפה. דו ווייסט דאָך אָבער דעם צער פון דער פרוי ביי וועמען די זאַמען פון מאַן ווערן פאַרטריקנט אין איר אינגעווייד און זי קען נישט זויגן איר קינד פון איר ברוסט. דערבאַרים זיך אויף דיין דינסט וואָס איז פול מיט זינד און די משא פון אירע עוונות איז אַזוי שווער, אַז זי קען נישט שטיין פאַר דיר און מתודה זיין זיך אויף אירע חטאים. טו מיך לייטזעליקן אין זכות פון אונדזער מוטער רחל, וואָס האָט רחמנות געהאַט אויף איר שוועסטער לאה זי זאָל נישט פאַרשעמט ווערן פאַר איר מאַן יעקב און פאַרשעם מיך נישט פאַר די בינען; טו אָפּ פון מיר מיין חרפה, איך זאָל טראָגן מיין פרוכט ווי די בינען, זויגן אויס דעם זאַפט פון די בלומען און ברענגען זייער האָניק.

און דאָס געבעט פון גנענדל גוט־שבת האָט געשוועבט איבערן שול צוזאַמען מיט די תפילות וואָס דער חזן האָט געטראָגן צוזאַמען מיט דער עדה יידן צו דעם גאָט פון אברהם, גאָט פון יצחק און גאָט פון יעקב.

און די גוטע מלאכים, וואָס פליען אַרום איבער דער וועלט אין דער נאַכט פון ראש השנה און קלייבן די תפילות, וואָס דאָס פאָלק ישראל טוט בעטן צו גאָט און זיי זוכן די מעשים טובים וואָס די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב טוען אַ גאַנץ יאָר, און טוען טראָגן די מצוות צום כסא הכבוד, כדי זיי זאָלן קענען ממליץ זיין צום גוטן פאַר דעם האַר פון דער וועלט אין דעם יום הדין; אַז זיי האָבן דערזען ווי גנענדלס פּיין און צער שיינט אַרויס אין שול ליכטיקער ווי די תפילות פון דער עדה יידן, האָבן זיי צונויפגעזאַמלט די טרערן וואָס האָבן אַראָפּגעטריפט פון איר צער און בזיון ביי איר אויפן פנים און געבראַכט זיי צום בית דין של מעלה.

און די מוטער רבקה, וואָס איז געזעסן צוזאַמען מיט די הייליקע אמהות לעבן כסא הכבוד און זיך געטון באַמיען אַז דער בעל־רחמים זאָל משפטן זייערע קינדער מיט רחמים, האָט דערקענט אין גנענדלס געוויין

די טרערן פון אַן עקרה. האָט זי צוגענומען ביי דעם גוטן מלאך די טרערן פון גנענדל גוט־שבת און זי האָט צוזאַמען מיט חנהן, וואָס האָט נישט פאַרגעסן אויף איר חרפּה, וואָס עלי האָט זי געררעכנט פאַר אַ שיכורער, צוגעטראָגן צום בית דין של מעלה דאָס געבעט פון גנענדל גוט־שבת, כדי זייער צער, פון נישט האָבן קיין קינדער, זאָל ביישטיין דער אָרימער פרוי און איר טראַכט זאָל אויפגעעפנט ווערן.

ו

און גנענדל גוט־שבת, דאָס ווייב פון יאַנקל זיס־יאָר איז געוואָרן טראָגעדיק און זי האָט געבוירן אַ צווילינג — צוויי יינגלעך. די יינגלעך האָט מען אַ נאָמען געגעבן נאָך די זיידעס — נאָך יאַנקלס און גנענדלס טאַטן: הירשל און יאָסל.

די יינגלעך האָבן זיך געהאָדעוועט ווי געזונטע קינדער דאַרפן וואַקסן: צו דער ריכטיקער צייט האָבן זיי זיך אָוועקגעשטעלט אויף די פיסלעך און אָנגעהויבן גיין, און אין דער ריכטיקער צייט האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן און געזאָגט: „מאַמע, טאַטע"... זיי זענען געזעסן אויפן הויף האָבן זיך געשפּילט מיטן באָק און דער באָק האָט זיי אָפּגעהיט, ווי ער איז נישט אָפּגעטראָטן פון דוואָשען.

די יאָרן זענען געגאַנגען, דער צווילינג איז גרעסער געוואָרן: די יינגלעך האָבן שוין דערלאַנגט מיט די קעפּלעך ביזן טיש און אָנגעפּילט מיט פרייד די שטוב, זיי זענען געקראָכן מיט די הענטעלעך אין די טעפּ און געמאַכט געשמאַקער דאָס עסן. דוואשע איז אויך עלטער געוואָרן — פון אַ קליין מיידל איז זי געוואָרן אַ בגרות. זי האָט זיך אָנגעהויבן פּוצן, זי זאָל אויסקוקן שענער; זונטיק, אַז די שיקסעס מיט די שקאָצים זענען געגאַנגען אין קלויסטער, האָט זי אָנגעטון אירע פאַטשערקעס אויפן האַלדז, זיך אַוועקגעשטעלט אויפן הויף און האָט זיך איינגעהערט ווי מען זינגט אין תיפלה; און בייטאָג אַז קיינער האָט נישט געזען, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל פון שטוב, האָט געקוקט אין דעם קליינעם שפּיגעלע און מיטן שפּיעכץ גענעצט די האָר, כדי די צעפּ זאָלן גלאַנצן אויפן קאָפּ ווי ביי די שיקסעס אין דאָרף.

און זומער פאַרנאַכט, אַז די שקצים מיט די שיקסעס זענען געגאַ־

גען מיט די סערפּן און ווילעס פון פעלד און געזונגען זייערע געזאַנגען. האָט זיך דוואשע אַרויסגעגנבעט פון הויז און האָט זיי באַגעגנט ביים אַריינגאַנג אין דאָרף. זי איז אַריין אין דער הראָמאדע און האָט געזונגען צוזאַמען מיט זיי די לידער. זי האָט זיך אָבער נישט געקענט אויסבאַהאַלטן פון דעם באָק; דער באָק איז נאָכגעלאָפן נאָך דוואשען אומעטום ווו זי איז געגאַנגען און איז צוזאַמען מיט איר אַריין אין דער הראמאדע גויים. די גויים האָבן געלאַכט פון דוואשען: „דאָס איז דיין כלאָפּעץ — בחור״, די שיקסעס האָבן זיך געררייצט: „מיט אַ באָרד ווי אַן אַלטער זשיד״. דוואשע האָט זיך געשעמט פאַר די גויים און האָט געטריבן פון זיך דעם באָק, נאָר דער באָק איז פון איר נישט אָפּגעטראָטן, איז זי אַרויס פון דער הראמאדע און איז אַוועק צוזאַמען מיט אים אַהיים. זי האָט אים אָנגעדרייט פאַר דער באָרד און צוגעטריבן ביז דער שטאַל. אַליין האָט זי זיך אַוועקגעזעצט לעבן שטוב, שטילערהייט געצויגן די ניגונים, וואָס האָבן אויפגעוועקט דאָס דאָרף מיט פרייד און בענקעניש פון דער ביטאָגיקער פאַרגליווערטקייט און גע־וואַרט ביז ס׳וועט ווערן פינצטער.

אַז דער אָוונט האָט זיך אַראָפּגעזעצט נידעריקער אויף די נעפּלען פון די פעלדער און די מאַמע האָט אָנגעהויבן איינלייגן שלאָפן די ברידערלעך, האָט דוואשע געטראַכט אַז דער טאַטע וועט איצטער פאַרשפּאַרן דעם באָק אין שטאַל, און זי איז אַוועקגעגאַנגען הינטער די שייערן.

זי האָט זיך נישט געשראָקן, אַז אַ שייגעץ האָט זי אַרויפגעוויגט אויף דער הוידע העכער פון דער סטריכע פון שייער און זי האָט זיך נישט גע־שעמט אַז דער ווינט האָט פאַרריסן איר קלייד העכער פון די קני. זי האָט געקוויטשעט צוזאַמען מיט די שיקסעס, געשריגן אויף די שקצים, אַזוי ווי די שיקסעס, פאַרוואָס זיי קריכן מיט די הענט צו איר אין בוזעם און גע־וואַרט מיט ציטער ביז אַנטאָן וועט זי אַרומנעמען.

און אַז זי האָט דערפילט ווי ער האָט זיך צוגעגנבעט פון הינטן, אָנ־גענומען מיט זיינע שטאַרקע הענט אירע פיס און אָפּגעשטעלט די הוידע, איז זיין פּנים אויפגעגאַנגען פאַר אירע אויגן איידער זי האָט אים דער־זען; זי האָט זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט מיט גלוסטונג, איז אַראָפּגעשפּרונ־גען פון הוידע און האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, גלייך ווי זי וואָלט אַראָפּ־געפאַלן אויף אים.

אַנטאָן האָט געגלעט דוואשען איבער די האָר, גערעדט איינציקע ווער־

טער: „טייבעלע, דו ביסט אַ שיינינקע״ און איבערגעחזרט נאָך אַמאָל די זעלבע רייד. די ווערטער האָבן זיך פאַרצויגן ווי אַ נעפּל, און דוואשען האָט זיך געדוכט, אַז זיי קוועלן אַראָפּ צוזאַמען מיט זיינע הענט ווייך און וואַרעם אויף איר לייב.

ערשט זי הערט די שיקסעס לאָזן אַרויס אַ גרויסן הילכיקן געלעכטער; זי הייבט אויף דעם קאָפּ, עפנט אויף די אויגן, ווי זי וואָלט זיך אַרויסגעגליטשט פון אַ דרעמל, און זעט אַז דער באָק שטייט לעבן איר און לעקט איר קלייד.

האָט זיך דוואשע פאַרשעמט, זיך אַרויסגעריסן פון אַנטאָנען, אַנטלאָפן אַהיים און האָט אָנגעהויבן מאָנען ביי דער מאַמען:

— „צו וואָס האַלטן מיר דעם באָק; אין דאַרף לאָכן אַלע פון מיר״...

האָט די מאַמע איינגעשטילט דוואשען: „אַ ייד דאַרף האַלטן אַ באָק, זיין שטוב זאָל זיין אַנדערש ווי די גויישע כאַטעס: ביי זיי קריכן אַרום חזירים און ביי אונדז שפּאַצירט אַרום אַ באָק, זאָג אַליין, מיין טאָכטער, וואָס איז שענער?״ — זי האָט אַרויפגעלייגט די האַנט ביי דוואשען אויפן קאָפּ, צונויפגעלייגט די האָר ווי זי וואָלט זיך געקליבן פאַרפלעכטן צעפּ און שטיל געזאָגט: „מען דאַרף שוין אויסוואַשן דיין קאָפּ...״

דוואָשען האָט זיך געדוכט, אַז די מאַמע רעדט איר איין ווי אַ קליין קינד, האָט זי איר געוואָלט עפּעס ענטפערן, מיט כעס, נאָר זי האָט נישט געוווסט ווי אַזוי זיך אויסטענהן מיט דער מאַמען, האָט זי זיך אָנגערופן שאַרף:

— „איך וועל מער נישט אַרויסטראָגן שבת די בולקעלעך פאַר די גויים, וואָס דו באַקסט פאַר זיי, איך בין שוין אַ גרויסע!״ — און ביי איר האָבן זיך טרערן אַוועקגעשטעלט אין די אויגן, האָט זי האַסטיק אָפּגעטראָטן פון דער מאַמען, זיך אַוועקגעלייגט הינטערן אויוון, און האָט זיך באַהאַלטן אין דער פינצטערניש, קיינער זאָל נישט זען ווי זי וויינט.

פאַר אירע אויגן האָט געשווינדלט אַנטאָן אין זיין רויט העמדל, וואָס ער טראָגט אַריבערגעצויגן איבער די הויזן, זי האָט געזען ווי זיינע אויגן קוקן שאַרף אויף איר און איר האָט זיך געדוכט אַז אָט בעטן זיי זיך ביי איר: „טאַקע אַ זשידאָוועטשקא אָבער איך האָב דיך האָלד...״ און אָט רייצן זיי זיך מיט איר: „האָסט מורא פאַר דיין טאַטן, וועסטו נישט קומען... וואַרט אויף מיר נאסטיע, און צו דיר וועט זיך שדכענען דער באָק מיט דער באָרד״.

האָט דוואָשע שטיל מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן און צוגע־זאָגט:

— „ניין, ניין, איך וועל קומען" — זי האָט נישט געטראַכט, אַז אַנטאָן איז אַ גוי, זי האָט אָבער נישט געקענט פאַרגעסן אַז נאַסטיע האָט איינ־גענייט די רויטע קנעפּלעך ביי אַנטאָנען אין העמדל און היינט אין אָוונט האָט זי געכאַכאָטשעט העכער פון אַלעמען, ווען זיי האָבן דערזען ווי דער־באָק לעקט איר קלייד.

די חרפּה, וואָס דער באָק האָט איר אָנגעטון, האָט אָנגעהויבן בייסן דוואָשעס לייב, ווי די בליקן פון גאַנצן דאָרף וואָלטן געטייטלט איר אין פּנים אַריין. האָט זי פאַרסטשימעט די קולאַקעס מיט שנאה מיט כעס, אַז זי וועט דערווערגן דעם באָק, זי וועט דערלאַנגען מיט אַ פאַלענע האָלץ אי־בער זיין קאָפּ און מיט דעם געפיל, אַז זי וועט זיך אָפּרעכענען מיטן באָק און פּטור ווערן פון אים, האָט זי זיך באַרואיקט און זיך איינגעוויגט אין אַ מידן שלאָף.

די מאַמע האָט דערקענט, אַז דוואָשע איז שוין נישט רואיק, און אין די יאָרן איז אַ סכנה צו לאָזן אַליין אַ מיידל צווישן אַזוי פיל שקצים, האָט זי שטיל געזאָגט צו יאַנקלען ווי זי וואָלט אים אַ סוד דערציילט:

— „דו ווייסט, אַז דוואָשע ווערט שוין מיט מזל פופצן יאָר".

— „איך זע"... האָט זיך יאַנקל פאַרטראַכט און געזאָגט דעם ווייב, אַז ער ווייסט נאָך עפּעס; אַז עס קומט דער פאַרנאַכט, זעט ער ווי דוואָשע קען זיך נישט דערוואַרטן ביז ער וועט אַריינטרייבן דעם באָק אין שטאַל. ער קוקט זיך אַרום צי די קינדער שלאָפן שוין און לאָזט אַראָפּ נידעריקער דאָס קול: „איך טרייב אָבער און טרייב דעם באָק אין שטאַל, גאָר איך לאָז אָפן די טיר, גייט ער דערנאָך אַרויס פון שטאַל און געפינט זי".

— דאַנקען גאָט פאַר דעם באָק — זאָגט גנענדל און טראַכט: „ווער ווייסט פון וואַנען דער אויבערשטער שיקט צו די שמירה פאַר אַ יידיש הויז"...

די מאַמע קען אָבער נישט פאַרגעסן, אַז ווען אַנטאָן פאָרט אויף גאַטשליעג פאַרהאַלט ער דאָס פערד נעבן שטוב, גיט אַ לאַנגן פייף אין יאָגט זיך אַוועק גאַלאָפּ. איר דוכט זיך, אַז די אָנגעשמידטע פאָדקאָוועס פון דעם פערד הילכן אָפּ אין שטוב, ווי ס'קייקלט זיך אַראָפּ די שרעק פון די ווענט, ווען פרעמדע הענט קלאַפּן אָן ביינאַכט אין טיר און פענצ־

טער. קוקט זי זיך איין ווי דוואשע גנבעט זיך צו צום פענצטער און טראַכט, אַז דוואשע איז טאַקע איר טאָכטער, איר בלוט און פלייש, זי וועט אָבער מיט אַ שיקסע בעסער רעדן ווי מיט דער מאַמען און זי וועט איר מערער דערציילן פון שטוב, איידער זי וועט עפּעס זאָגן אין דער היים פון דאָרף. אין שטוב גייט זי אַרום אַ געפּענטעטע, גלייך ווי מען וואָלט זי פאַרשפּאַרט אין אַ פרעמד הויז און זי היט זיך אויס פון די אויגן וואָס וואַכן איבער איר.

גייט נישט איין גנענדלען דאָס פאַרגעניגן פון זייען דעם ליאָן און וועבן דאָס לייוונט אויף די העמדער לכבוד שבת, פון דעם האָניק וואָס מען קלייבט אויף ראש השנה, ביי איר איז פאַרשטערט די פרייד פון דעם צוויי־לינג — די צוויי יינגעלעך וואָס ווערן דאַנקען גאָט שענער און גרעסער מיט יעדן טאָג — ווייל גרויס איז דער צער ביי אַ מאַמען, ווען זי זעט ווי ס׳בליט און וואַקסט איר טאָכטער, קיין עין הרע ניט, און זי דאַרף צי־טערן פאַר דער שרעק וואָס קריכט ביי איר אונטער די טריט. זי וויל עס נישט זאָגן יאַנקלען; זי זעט ווי אין זיין גרויע האָר און זי ווייסט אַז דאָס איז נישט פון אַלטקייט, נייערט פון דאַ־גות, ווייל זי אים מער נישט מצער זיין און פאַרבאָרגט טיפער אין זיך אי־רע רעיונות.

נאָר יאַנקל וואַרט נישט ביז וואַנען גנענדל וועט אים עפּעס דערציילן, ער זעט עס אַליין. אַז ער דערהערט ווי דאָס דאָרף וואַכט אויף פאַרנאַכט מיט טומל און געזאַנג, גייט אים נישט איין זיין אַרבעט אַרום די בינ־שטאָקן און אים איז שווער צו אָפּהיטן דעם אָפּקלייב פון האָניק; אים באַפאַלט אַן אומרו און ער גייט אַרויס פון סאָד אַ קוק טון צי דער באָק שפּאַצירט אַרום איבערן הויף. ער טראַכט נישט אַז דער צווילינג וואַקסט שוין אונטער און מען וועט באַלד דאַרפן זוכן אַ מלמד פאַר זיי, נייערט ער יאָרגט וועגן דוואשען, פון וואַנען וועט קומען איר זיווג.

באַהאַלטן מאַן און ווייב איינע פון די אַנדערע זייער צער, נאָר די רייד זיפּן זיך אויס, ווי ס׳פאַלן אַראָפּ טראָפּנס פון דיביימער נאָך רעגן, און זיי דערמאָנען זיך, ווען זיי לייגן זיך שלאָפן:

— וואָס וועט זיין מיטן מיידל?

זיי פרעגן איבער שטיל:

— זי איז שוין אין שטוב?

— דו האָסט שוין פאַרשפּאַרט דעם באָק אין שטאַל?

און זיי ענטפערן זיך אַליין מיט אַ זיפץ, מיט אַ בליק פון בטחון:

— „אַז זי איז אין שטוב, וועט דער באָק נישט אַוועקגיין פון הויף", און ס׳דוכט זיך אַז בעת מעשה פאַרדריסט פאַרוואָס מען פאַרטרייבט דעם באָק אין שטאַל און מען האַלט אים נישט אין שטוב צוזאַמען מיט דעם הויז־געזינד.

דער באָק היט טאַקע דוואַשען דאָרטן ווו דער מאַמעס אויגן קענען נישט אויסהיטן, ס׳לאָזט אָבער נישט אָפּ דער אומרו, ווען מען דערמאָנט זיך אויף די קרומע וועגן, וואָס גנבענען זיך פון דער פּינצטער אין די שייערן, וואָס ציען זיך פון די סטייגעס היי און ווערן פאַרפאַלן אַרום די גאַרבן וואָס מען שטעלט אויף אויף די פעלדער... קען גנענדל נישט פאַר־געסן:

— ס׳איז שווער צו טון אַ שידוך מיט אַ מיידל אויפן ישוב, אַז מען זיצט אין אַזאַ העק...

יאַנקל ענטפערט איר ווי ער וואָלט נאָכגערעדט דעם ווייבס רייד:

— אַז קיין יידן זעט מען נישט פאַר אַ מייל; קיין אָרימאַן קומט נישט זומער און קיין אורח באַווייזט זיך נישט ווינטער, טאָ פון וואַנען וועט קומען איר זיווג? און ער באַהאַלט זיינע רעיונות פון ווייב: „ווען מען וואָלט אָבער געזעסן אין אַ קרעטשמע, וואָלט זיך אָפּגעשטעלט אַ בעל־עגלה, פאַרפאָרן אַן אורח און מען וואָלט געזען אַ מענטשן פאַר די אויגן..."

ער וועט עס אָבער נישט אויסרעדן פאַר גנענדלען און ער ווערט אין כעס אויף זיך אַליין פאַרוואָס ס׳גייט אים אַרויף אַזאַ זאַך אויפן זינען, פרעגט ער בלויז ביים ווייב און פאַרענטפערט זיך פאַר זיך אַליין: „און צו וועמען זאָל איך גיין אין סלאָנים?"

גנענדל ווייס, אַז זי קען נישט הייסן יאַנקלען גיין צום רב; ער דאַרף דאָך נישט פרעגן קיין שאלה פון כשר און טריף; ער קען אויך נישט קומען צו די שיינע באַלעבאַטים, וואָס זיצן און לערנען תורה, זיי וועלן זיך נישט אַרומקוקן אויף אַ יידן פון דאָרף וואָס איז פאַרגרעבט געוואָרן צווישן די גויים, אָט אַזוי ווי זיי דערווייטערן זיך פון די ישובניקעס, וואָס קומען אויף ימים נוראים אין שטאָט אַריין.

און אַז זי טוט אַ טראַכט וועגן אַ שידוך פון שטאָט, גיט זי אַ ציטער זאָגן זי דערמאָנט זיך אויף דעם אומגליק פון קרעטשמע, זי רעדט עס אָבער

נישט איבער; זי זאָגט בלויז צו יאַנקלען שטיל און באַדאַכט: „מיט דוואַ־שען דאַרף מען טון אַ שידוך פון דאָרף, פון ישוב און נישט פון שטאָט"...

זי גיט אים צו פאַרשטיין:

— „אַ בחור פון שטאָט וועט אַהער נישט וועלן אָנקומען; עס איז נישט נאָך אונדזער שטאַנד און נישט נאָך דעם יחוס; און טאָמער יאָ, וועט זיין קאָפּ פאַרטשאַדעט ווערן פון דעם ריח אין דאָרף און ער קען נאָך ברענגען ח"ו אַן אומגליק אויף דעם מיידל".

יאַנקל גיט געדעכט דעם ווייב; ער טראַכט, אַז די יידן פון דאָרף זע־נען גאָר אַנדערע יידן ווי די באַלעבאַטים פון שטאָט און ער טוט אַ זיפץ: „מסתמא איז מען אַנדערש נישט ווערט ביי גאָט", ער פרעגט אָבער ביי גנענדלען:

— מיט וועמען קען מען איר דאָ רעדן, אַז פון דאַנען ביז נאָך אַ יידן איז מער ווי אַ מייל און ביי דודן האָבן שוין די זין חתונה געהאַט.

האָט זיך גנענדל דערמאָנט וואָס זי האָט אַליין איבערגעטראַכט ביי־נאַכט, ווען איר האָט נישט גענומען קיין שלאָף אין בעט, וואָס איר איז אַרויף אויפן זינען, ווען זי האָט געגעבן עסן די קינדער און האָט זיך אָנגע־רופן צו יאַנקלען: „און ווי ווייט איז פון דאַנען צו צאַליע דעם ציגעלניק? אַז דו וועסט אַרויספאָרן פאַרטאָג, וועסטו אָפּדאַווענען אין וועג און קומען צוריק אַהיים פאַר ליכטיקן".

— „ער איז טאַקע אַ גרויסער צדיק, נאָר ער ענטפערט נישט", האָט זיך יאַנקל פאַרחידושט, וואָס גנענדל האָט דערמאָנט זיין נאָמען.

— אָטאָ האָט ער דער אָרימער אלמנה יאָ געענטפערט — איז גנענדלס בטחון געוואָרן שטאַרקער — ער זיצט אַליין אויפן ישוב, וועט ער זיך גישט אָפּקערן פון אַ יידן, וואָס וווינט אויפן דאָרף צווישן גויים.

גנענדל האָט געוווּסט אַז צאַליע דער ציגעלניק האָט נישט קיין זין וואָס דאַרפן חתונה האָבן, ער גיט נישט קיין עצות און ער בענטשט נישט מיט קיין ברכות; זי האָט אָבער איינגערעדט איר מאַן:

„דו דאַרפסט ניט גיין צו אים און בעטן אים אַז ער זאָל אונדז בענטשן — צו אים קומען אָבער פּרעקופּניקעס, קאַראַבעלניקעס נאָך די ציגל, ביי אים שטעלן זיך אָפּ מענטשן פון דער גאַנצער וועלט. בעט אים, ער זאָל רעדן מיט זיי, אפשר ווייסן זיי פון אַ שידוך פאַר דוואַשען" — און זי האָט אַרויסגעשיקט יאַנקלען אין אַ גוטער שעה צו צאַליע דעם ציגעלניק, אפשר

איז באַשערט, אַז דורך אים זאָל דער אויבערשטער צושיקן אַ זיווג פֿאַר זייער טאָכטער.

ז

צאַליע דער ציגעלניק האָט געהאַלטן זיין ציגעלניע אַכצן וויאָרסט פון דעם דאָרף ניסטעראָוויטש. די ציגעלניע איז געשטאַנען לעבן אַ הויכן באַרג פון ליים, אָפּגערוקט פון וועג, עטלעכע וויאָרסט פון אַ ישוב, און צאַליע האָט געוווינט מיט זיין איין־און־איינציקן זון אין אַ קליין שטיבע־לע לעבן דער ציגעלניע. זיין ווייב איז פאַר קיין יידן געדאַכט געשטאָרבן אין קינפּעט, ווען עס איז געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע קינד — אַ זון, און צאַליע איז געבליבן אַן אַלמן. אויפן ברית האָט מען דעם יינגל אַ נאָמען געגעבן נאָך דער מאַמען; די מאַמע האָט געהייסן באַשע און דעם זון האָט מען גערופן ברוך.

ברוך איז געוואַקסן הויך, געזונט און שיין, נאָר ער איז, נעבעך, גע־שטראָפט געוואָרן: האָט נישט אָנגעהויבן רעדן און איז געבליבן אַ שטו־מער. אַז מענטשן האָבן אָבער אַ קוק געטון אויף ברוכס קלוגע אויגן און געזען ווי ער הערט זיך איין צו יעדן וואָרט, וואָס מען זאָגט און ווי ער היט יעדן ריר און קער וואָס מען מאַכט — האָבן זיי געטראַכט אַז אין דער אמתן קען ער יאָ רעדן, נאָר ער פאַרשטעלט זיך פאַר אַ שטומען, כדי ער זאָל נישט דערציילן די סודות, וואָס די נאַכט פאַרהילט ביי דעם טאַטן אין שטוב.

צאַליע האָט געצויגן זיין חיונה פון דער ציגעלניע; ער האָט מיט זיין זון אַ גאַנצע נאַכט געברענט די ציגל אין דעם גרויסן אויוון פון ציגעלניע און פאַרטאָג, איידער דער מאָרגנשטערן האָט זיך באַוויזן, זענען געקומען צופאָרן פון דער גאַנצער וועלט קאַראַבעלניקעס, פּערקופּניקעס מיט פורן, זיי האָבן אָפּגעקויפט די ציגל און זענען אַוועקגעפאָרן איידער די זון איז אויפגעגאַנגען. אַז עס איז געוואָרן טאָג, האָט צאַליע אויסגעלאָשן דאָס פייער אין אויוון און איז אַריין מיטן זון אין שטוב און זיי האָבן זיך גע־לייגט שלאָפן.

נאָר די אָרימעלייט, וואָס גייען אַרום איבער דער וועלט און דערקע־נען אין וועלכער שטוב זיי דאַרפן נעמען אַ נדבה און וווּ זיי קענען בעטן אָפּצועסן, האָבן דערציילט, אַז צאַליע שלאָפט נישט בייטאָג, ווייל ער איז

אַלע מאָל וואָך, ווען ער דאַרף געבן אַ נדבה אַן אָרימאַן אָדער ווייזן דעם וועג אַ פּוסגייער; זיי האָבן געזאָגט, אַז ער זיצט ביי זיך אין שטיבעלע און האַלט צו מיט זיינע הענט די זיילן פון דער וועלט, זיי זאָלן נישט איינזינקען אין די זינד פון די מענטשן.

און די בעטלער, די קבצנים: פּיעשע — פוס־אָרימעלייט, קאָניצע — בויד־אָרימעלייט האָבן אָנגעלייגט וועג; זיי האָבן זיך פאַרנומען אויף זייטיקע וועגן און שטעגן און האָבן זיך געצויגן צו צאַליעס ציגעלניע. זיי האָבן נישט געוואַרט אויף זיין נדבה, זיי האָבן נישט געוואָלט צונעמען ביי אים זיין מטבע, זיי האָבן בלויז געוואָלט אַ קוק טון דורכן פענצטער אויף דעם צדיק, — און אַוועקגיין ווייטער. נאָר איידער דער אָרימאַן איז אָפּגעטראָטן אַ טראָט פון שטוב איז שוין צאַליע דער ציגעלניק אַרויס פון הויז, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר, האָט איינגעבויגן זיין קאָפּ אין דעם הויכן קאָלנער פון זיין פּלאַסטש, געגלעט זיין קורץ שוואַרץ בערדל, וואָס איז אויף די עלטערע יאָרן נישט גרוי געוואָרן, און האָט זיך געבעטן:

— איר וועט דאָך נישט פאַרשעמען קיין יידן און נישט נעמען ביי אים אַ נדבה...

די אָרימעלייט האָט זיך געדוכט אַז זיין בליק ציט זיך אַוועק אַ סך ווייטער ווי זיי זעען און ער באַוואַכט זיי און באַשיצט זיי, ווען זיי שלעפּן זיך אַרום איבער די וועגן און שליאַכן, און ער נעמט זיך אָן פאַר זיי, ווען די קהלס־לייט ווילן זיי באַווייזן זייער תקיפות. זענען די בעטלער, די קבצנים, די שלעפּער נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, ווען זיי זענען געקומען קיין קאָבּצאַנסק, גלופּסק, אָדער טוניעיאַדאָווקע, צי אין אַן אַנדער קהילה קדושה; זיי האָבן נישט מורא געהאַט צו אַנטקעגנשטעלן זיך, ווען אַ קמצן האָט דערלאַנגט אַ קליינע נדבה, צי אַ באַלעבאָס האָט געזשאַלעוועט אַ מאָלצייט, אָדער דער שמש האָט געטריבן פון הקדש; זיי האָבן נישט געשריגן, נישט געשאָלטן, נאָר זיי האָבן געסטראַשעט: „צאַליע דער ציגעלניק וועט אָפּלאָזן די הענט...“ און זיי האָבן געטראָגן איבער דער וועלט די ניסים און די וואונדער, וואָס זיי האָבן געזען פון דעם גרויסן צדיק צאַליע דעם ציגעלניק, וועלכער זיצט ביי זיך אין שטיבעלע און האַלט איין די וועלט זי זאָל נישט דערטרונקען ווערן אין די רשעות פון די מענטשן.

די קאָניצע האָבן דערציילט, אַז ווען זיי פאָרן פאַרנאַכט לעבן דער ציגעלניע, זעען זיי ווי די טייבעלעך, וואָס האָבן געטראָגן וואַסער אין די

שנעבעלעך און געלאָשן דעם בית־המקדש, ווען דער שונא האָט אים אונ־טערגעצונדן, ברענגען איצטער פייער אין זייערע מײַלעכלעך און הייצן אײַן אין אויוון פון ציגעלניע די ציגל זאָלן ליכטיקער ברענען.

און די פּיעשע — די פּוסגייער — האָבן איבערגערעדט די גרויסע וווּנדער:

„צאַליע נעמט און נעמט דעם ליים פון באַרג; זינט מיר גייען אַרום איבער דער וועלט ברענט ער ציגל, און דער באַרג שטייט אַלץ אַ הויכער, אַ גאַנצער, פאַרוואַקסן מיט גראָז, גלייך ווי מען וואָלט אין אים קיינמאָל קיין רידל נישט אײַנגעגראָבן", און זיי האָבן אויסגעלאָזן שטיל: „צאַליע פאַרקויפט נישט די ציגל, ער ברענט זיי אויס אויף לעתיד לבוא, אַז גאָט וועט געבן און מיר וועלן דערלעבן, משיח זאָל קומען, וועט מען מיט די ציגל בויען דעם בית המקדש..."

האָט מען איבער דער וועלט געהערט די מעשיות, וואָס מען דערציילט וועגן צאַליע דעם ציגעלניק, און יידן, און להבדיל, גויים האָבן געוואָלט קויפן בײַ צאַליע דעם ציגעלניק די ציגל. זיי האָבן זיך געפּעדערט און זע־נען אַרויסגעפאָרן פון דער היים אײדער די זון גייט־אונטער, כדי מען זאָל אָנקומען צו דער ציגעלניע פריער פאַר די קאַראַבעלניקעס און די פערע־קופּניקעס. אַז עס איז געוואָרן נאַכט און צאַליע האָט אײַנגעהייצט דעם אויוון, האָט דער פלאַם פון פייער אָנגעהויבן לייכטן מיט אַזאַ ליכטיקייט אַז מען האָט פון ווייטן געזען ווי די ציגעלניע שטייט פאַר די אויגן. אַז מען איז אָבער אַראָפּ פון וואָגן און געוואָלט אָנקלאַפּן אין טויער, איז גע־וואָרן טונקל אין די אויגן, די האַנט איז געבליבן הענגען אין דער לופטן אַ ליידיקע און די ציגעלניע האָט זיך אַוועקגערוקט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

אַזוי איז מען געפאָרן און געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט, און אַ גאַנצע נאַכט האָט די ציגעלניע געלויכטן ליכטיקער ווי די שטערן פון הימל און האָט זיך דערנענטערט נענטער צו דעם וואָגן. נאָר אַז מען האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד און געוואָלט אָנטאַפּן מיטן האַנט דעם אושאַק פון טויער, איז די האַנט געבליבן הענגען אין דעם שאָטן פון ציגעלניע און די פינגער האָבן זיך געטונקט אין דער פייכטקייט פון טוי.

און אַז מען איז שוין צוגעקומען צו דער ציגעלניע און אָנגענומען מיט ביידע הענט דעם טויער — האָט מען פּלוצלינג דערזען אַז אין דרויסן

שטייט שוין העלער טאָג און דאָס פייער אין ציגעלניע האָט זיך שוין אויס־געלאָשן.

צאַליע איז געשטאַנען לעבן שטוב צוזאַמען מיט זיין זון, און דער זון האָט זיך איינגעקוקט מיט זיינע אָפענע אויגן ווי דער טאַטע האָט זיך פאַר־ענטפערט: „פאַרשפעטיקט, צו שפעט געקומען, גאָט זאָל אייך העלפן איר זאָלט ערגעץ אַנדערש נישט פאַרשפעטיקן...״ האָט זיך דער ייד אָנגעהויבן בעטן: „כאָטש עטלעכע ציגל פאַר אַן אויוון צו באַקן חלה אויף שבת...״ און דער גוי, האָט געזיפצט: „אַ פאָר ציגל, אַ קינד זאָל קענען אַוועקלייגן דעם קאָפּ אויפן פעקעליק״.

האָט צאַליע געטאַפּט זיין קורצע בערדל, איינגעבויגן נידעריקער דעם קאָפּ און האָט זיך אָנגענומען פאַר די קאַראבעלניקעס, פאַר די פערעקופ־ניקעס, מען זאָל זיי נישט מקנא זיין; ער האָט גערעדט שטיל מיט געצייל־טע ווערטער, ווי דער שלאָף וואָלט גערוט אויף זיינע רייד: „זיי קומען פון די מרחקים, זיי שלעפן זיך נעבעך מיטן אָקס אַ טאָג מיט אַ נאַכט נאָך די ציגל, כדי זיי זאָלן ברענגען די סחורה אין צייט אויפן מאַרק און פאַרדי־נען זייער אָרימע חיונה פאַרן ווייב מיט די קינדער, טאָ ווי אַזוי קען איך פאַרקויפן עמעצן אַנדערש זייערע ציגל?״

דער ייד און, להבדיל, דער גוי האָבן געזען ווי די פאַרמאַטערטקייט בייגט איין דעם רוקן ביי צאַליע דעם ציגעלניק, זיי האָבן רחמנות געהאַט אויף דעם שטומען זון, וואָס האָט געקוקט מיט זיינע אָפענע אויגן אויפן טאַטן ווי ער וואָלט עפּעס געבעטן ביי אים, האָבן זיי זיך נישט געאַמפּערט מיט צאַליען, נאָר זיי האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און געגעבן אים געערעכט.

און צאַליע דער ציגעלניק האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין:

— אַ גאַנצע נאַכט געהאָרעוועט אויף דער אויסקומעניש, איצטער דאַרף מען זיך שטעלן דאַווענען און ביז וואַנען איך וועל אָפּדאַווענען מיט מיין זון, וואָס איז נעבעך געשטראָפט פון גאָט, וועט ווערן האַלבער טאָג און איך קען נאָך עובר זיין זמן קריאת שמע.

האָט דער ייד געטראַכט: „געפאָרן אַזאַ מהלך, ביז וואַנען ער וועט קומען אַהיים; און ער איז אויסגעפאָרן אָן טלית און תפילין״... האָט ער געזאָגט: „אַ גוטן טאָג״ און האָט זיך אַוועקגעאיילט פון דער ציגעלניע.

און דער גוי האָט אַ קוק געטון ווי הויך די זון שטייט שוין אין הימל,

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מען טרייבט שוין די טשערעדע אין פעלד — האָט ער פאַרגעסן אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַר דעם הייליקן יידן און האָט זיך אַוועקגעיאָגט אין דאָרף צו די בהמות מיט די חזירים.

נאָר פלאי פלאים — ווונדער איבער ווונדער; דעם וועג וואָס האָט זיך געצויגן אַ גאַנצע נאַכט ביז מ׳איז צוגעפאָרן צו דער ציגעלניע איז מען איצטער דורכגעפאָרן איידער דאָס פערד האָט זיך איינגעמאַטערט און אַז דער גוי איז אַריינגעפאָרן אין דאָרף האָט נאָך די בייטש געדרעמלט ביי דעם פאַסטוך אין האַנט. און אַז דער ייד איז געקומען אַהיים האָט מען זיך אין בית המדרש נאָך נישט געשטעלט דאַווענען צום ערשטן מנין.

איז ביים דאַווענען די נסיעה נישט אַרויס פון זינען, מען האָט גע־טראַכט ווי אַ גאַנצע נאַכט האָט דאָס פייער פון ציגעלניע געבלענדט אין די אויגן, מען האָט דערציילט ווי אַזוי צאַליע דער ציגעלניק איז געשטאַנען מיט זיין שטומען זון לעבן דער ציגעלניע און מען האָט איבערגערעדט זיינע רייד. האָבן די עלטערע יידן געשאָקלט מיט די קעפּ: „אַ שטומער וועט זיך אַזוי נישט איינהערן מיט אָפענע אויגן ווי יענער רעדט, נאָר ער וועט האַלטן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און קוקן אויף דער ערד“, און זיי האָבן געגעבן צו פאַרשטיין די אַטוואַזשניקעס, די יעניקע וואָס האָבן נישט מורא צו איינ־שטעלן דאָס לעבן און ווילן אַלץ דערגיין, אַז אַהין, וווּ מען קען נישט צו־קומען, טאָר מען נישט פאָרן, ווייל מען קען נאָך ח״ו געניזוקט ווערן.

און צווישן זיך האָבן די זקנים איבערגערעדט:

— ווי אַלט איז שוין צאַליע דער ציגעלניק?

— און אין זיין שוואַרצער בערדל איז קיין איין גרויע האָר נישטאָ...

— ער האָט אָנגעהויבן ברענען די ציגל, ווען זיין ווייב ע״ה האָט נאָך געלעבט, איך בין ערשט אַראָפּ פון קעסט, נאָך נישט אויסגעבויט די קראָם; ער מוז שוין זיין אוודאי אין די גוטע שבעים...

— און ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז ציגל זאָלן זיך אויסברענען אין איין נאַכט... מישן זיך אַריין די ייִנגערע מענטשן, די אַטוואַזשניקעס, די וואָס האָבן נישט מורא צו איינשטעלן זייער לעבן און זיי חידושן זיך:

— „און ווי קען דאָס געמאָלט זיין אַז די קאַראַבעלניקעס, די פּערע־קופּניקעס זאָלן שטענדיק קומען אין צייט, און די אַנדערע יידן זאָלן אַלע מאָל פאַרשפּעטיקן?“

האָט מען שוין פאַרשטאַנען אין די בתי מדרשים און אין די שולן, אַז

צאַליע דער ציגעלניק עלטערט זיך נישט ווי אַלע יידן, דעריבער ווערט זיין באָרד נישט גרוי און ער ברענט נישט קיין ציגל, נאָר ער שטייט אַ גאַנצע נאַכט מיט זיין שטומען זון לעבן אויוון און זאָגט תהילים און טוט תפילה צו גאָט. זיי זענען מתקן אין פלאַם פון פייער די נשמות פון די קליינע קינדער, וואָס קענען אויף יענער וועלט נישט קומען אין דער מחיצה פון הקדוש ברוך הוא צוליב די זינד פון זייערע עלטערן; און פאַרטאָג אַז דער מאָרגנ־שטערן גייט אויף, פארשטעלן זיך די מלאכים פאַר קאראבעלניקעס און פערקופניקעס, זיי קומען צו פאָרן אויף פורן און קלייבן צונויף די ריינע אויסגעלייטערטע נשמות און פליען מיט זיי אַוועק צום כסא הכבוד כדי די קליינע קינדער זאָלן צוזאַמען מיט זיי זינגען פאַרן בורא עולם שירת השחר.

האָט זיך שוין קיינער נישט געקליגט און נישט געפרווט איבעריאָגן די קאראבעלניקעס און פערקופניקעס, וואָס האָבן צוגענומען די ציגל ביי צאליע דעם ציגעלניק, נאָר מען איז געקומען צו דעם צדיק בעטן אויף פרנסה, זוכן אַ רפואה פאַר אַ חולה און וואַרטן אויף אַ ברכה.

צאליע דער ציגעלניק האָט זיך אָבער נישט אויסגעשיילט פון זיין פאַרבאָרגעניש און ער האָט קיינעם נישט געגעבן קיין עצות, ער האָט נישט געהיילט קיין חולאים און נישט געבענטשט מיט קיין ברכות, נאָר געדרעמלט אַ גאַנצן טאָג ביי זיך אין שטיבעלע.

נאָר איין מאָל איז געקומען צו צאליע דעם ציגעלניק אַן אַלמנה פון קאבצאנסק מיט איר איין־און־איינציקן זון און איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים. צאַליע האָט צו איר גערעדט מיט גוטע רייד, געפרווט איינגעמען זי מיט קלוגע עצות זי זאָל אַוועקגיין אַהיים איידער ער הייצט איין אין אויוון, ווייל ביינאַכט איז אַ סכנה פאַר אַן אשה אַליין צו גיין אין וועג. די אלמנה האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט און געטענהט, אַז ווי באַלד איר מאַן האָט זיך אויף יענער וועלט נישט געקענט איינשטעלן פאַר זיין איינציק קינד וואָס ער האָט איר איבערגעלאָזן, דאַרף זי זיך אויף דער וועלט נישט שרעקן פאַר קיין סכנות און געפאַרן, און זי איז נישט אַוועקגעגאַנגען פון ציגעלניע. זי האָט נישט געבעטן קיין פרנסה, ווייל זי האָט געזאָגט, אַז זי איז זיך איצטער מפרנס פון די עפּל וואָס זי פאַרקויפט פון די קאָשעקעס אויפן מאַרק, אָט אַזוי ווי זי האָט געצויגן איר אָרימע חיונה, ווען איר קראַנקער מאַן ע״ה האָט געלעבט; זי האָט נישט געזוכט קיין רפואות פאַר איר זון, ווייל ער איז נישט קראַנק, פאַרקערט, זינט דער אומגליק האָט מיט

אים געטראָפן, ווערט ער געזינטער און שטאַרקער; זי האָט נישט געוואָלט, אַז ער זאָל בענטשן איר קינד, ווייל איר זון ווייסט נעבעך נישט דעם אונ־טערשייד פון ברכות און קללות. זי האָט נאָר געבעטן, אַז צאַליע דער צי־געלניק זאָל רעדן צו איר קינד, אָט אַזוי ווי ער רעדט צו איר, אפשר וועט זיך דער אויבערשטער מרחם זיין אויף אַן אָרימער עלנטער אַלמנה און דער צדיק וועט מיט זיינע פרומע און קלוגע רייד אַראָפּנעמען דעם שרעק און דעם אומער פון איר זון און וועט מאַכן קלאָר זיין רעיון.

***

פישל, דער אלמנהס זון איז נאָך געווען אַ יונג בחורל, ערשט בר־מצווה געוואָרן, ווען אים איז פאַר קיין יידן געדאַכט, באַפאַלן די מחלה. איידער ער איז קראַנק געוואָרן איז ער געזעסן אין בית־המדרש און געלערנט מיט די ישיבה בחורים און געשמט איבער גאַנץ קאַבצאַנסק פאַר אַן עלוי און אַ מתמיד. מאַמעס האָבן זיך געבענטשט מיט פישלען, שיינע באַלע־באַטים האָבן געשיקט אָנקוקן דאָס בחורל און געהייסן רעדן מיט דער מאַ־מען דער אַלמנה. זיי האָט נישט געאַרט פישלס יחוס, זיי האָבן פאַרקוקט דעם אייגענעם כבוד, נאָר זיי האָבן אָפּגעגעבן כבוד דער תורה, וואָס פישל האָט געלערנט און זיי האָבן אים געוואָלט נעמען פאַר אַן איידעם און צוגע־זאָגט אייביקע קעסט.

די מאַמע, די אַלמנה, וואָס איז געזעסן אויפן שול־הויף מיט די קאַ־שיקעס עפּל, האָט זיך איינגעהערט ווי איר פישל לערנט און איר האָט זיך געדוכט אַז קיינעמס קול קלינגט נישט אַזוי זיס ווי דער ניגון פון איר זון. און אַז אַ באַלעבאָסטע האָט געפרעגט פאַרוואָס זי רעכנט צו טייער פאַר זיי עפּל, האָט די אַלמנה נישט גערעדט וועגן דעם מקח, נאָר מיט אויגן פון גאווה אַ קוק געטון אויפן בית־המדרש און האָט געפרעגט ביי דער באַלע־באָסטע: „ווו לערנט אייער זון?“

און אַז אַ שדכן איז געקומען צו דער אַלמנה רעדן, האָט זי זיך אי־בערגענומען מיט איר פישלען, האָט דערציילט זיינע מעלות און אויסגע־רעכנט די חסרונות פון די יידישע טעכטער אין קאַבצאַנסק און האָט גע־דרייט מיטן קאָפּ: „ניין, ניין, זי איז נישט ווערט, אַז נאָך הונדערט און צוואנציק יאָר זאָל זי זיצן אין גן־עדן אויף אַ בענקעלע לעבן מיין זון, דעם עלוי און מתמיד“...

איז פישל געזעסן אין בית־המדרש און געלערנט און די מאַמע האָט פאַרקויפט די עפּל פון קאָשעק אויפן שול־הויף און האָט נישט געקענט צו־קלײַבן קיין שידוך פאַר איר זון.

**
*

אויפן שול־הויף נישט ווײַט פון בית־המדרש האָט געוווינט ברוך לייב דער שוסטער. ער איז געזעסן בײַ זיך אין שטוב אויף אַ נידעריקן בענקעלע לעבן וואַרשטאַט און געקלאַפּט די שטיפטן אין די פּאַדעשוועס. בײַ דער אַרבעט האָט ער זיך אײַנגעהערט ווי די ישיבה בחורים לערנען אין בית־המדרש און האָט נאָכגעצויגן שטילערהייט זייער ניגון פון לערנען. און פאַר דעם נחת רוח, וואָס די ישיבה בחורים טוען אים אָן מיט זייער לערנען האָט ער זיך אײַנגעבעטן בײַ זיי, אַז זיי זאָלן אים לאָזן פאַרריכטן זייערע שיך אָן געלט.

זענען די לערנער געקומען צו ברוך לייב דעם שוסטער און האָבן זיך אַוועקגעזעצט לעבן זײַן וואַרשטאַט, זיי האָבן אויסגעטון די צעריסענע קאַ־מאשן און האָבן אַראָפּגענומען די דורכגעלעכערטע שטיוול פון די פיס. ברוך לייב האָט פאַרריכט זייערע נעלים און די ישיבה בחורים האָבן דער־ווייל גערעדט צווישן זיך אין לערנען ביים וואַרשטאַט.

ברוך־לייב דער שוסטער איז געווען אַן אַלמן; פון ווײַב איז אים געבליבן איין איינציקע טאָכטער. די טאָכטער האָט מען גערופן דוואָשע, און דער טאַטע האָט זייער ליב געהאַט זײַן טאָכטער. אַז מענטשן זענען געקומען צו אים רעדן: „ברוך לייב, די צײַט שטייט נישט אויף איין אָרט, נאָכן יידישן דין מעג מען; פאַרקערט, עס איז אַ מוז“... האָט זיך ברוך־לייב נישט אַרײַנגעלאָזן אין קיין לאַנגע דיבורים, ער האָט בלויז אַ קוק געטון אויף דוואָשען: „איך וויל נישט, אַז מיין קינד זאָל זיך האָדעווען בײַ אַ שטיף־מאַמען“ און האָט זיך אָפּגעקערט פון שדכן.

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביים וואַרשטאַט, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און געצויגן די דראַטוועס, גלײַך ווי ער וואָלט זיך געאײַלט צו פאַר־ענדיקן אַ שטיקל אַרבעט.

און דוואָשע האָט אויך ליב געהאַט דעם טאַטן מיט דער ליבשאַפט וואָס אַ קינד האָט צו אַ מאַמען און אַ טאַטן. זי האָט זיך אײַנגעהערט אַזוי ווי דער טאַטע צו דעם געזאַנג פון לערנען, וואָס האָט זיך געטראָגן פון בית

המדרש און זי האָט אָפּגעהיט די צייט, ווען די ישיבה בחורים קומען פאַר־ריכטן די שיך, און איז דעמאָלט נישט אַוועקגעגאַנגען פון שטוב.

זי איז געזעסן פון ווייטן ביים טיש, האָט זיך איינגעקוקט ווי די ישיבה בחורים טוען אויס די שיך און געטראַכט אַז זי וואָלט געדאַרפט פאַרצירעווען זייערע שקאַרפּעטקעס, אַזוי ווי דער טאַטע פאַרריכט די שיך — וואָלטן זיי נישט אַרומגעגאַנגען מיט קיין באָרוועסע פיס און זי וואָלט פאַרדינט אַ מצווה, נאָר זי האָט זיך געשעמט צו גיין צום וואַרשטאַט און אויסרעדן אַ וואָרט צו די ישיבה בחורים.

דעם טאַטן איז געווען גוט צו הערן ווי די ישיבה בחורים רעדן אין לערנען, האָט ער אויסגעצויגן לענגער די אַרבעט, האָט זיך געסטאַרעט בעסער פאַרריכטן די שיך, כדי ער זאָל קענען מערער שעפּן פון זייער תורה. און דוואָשען האָט זיך געוואָלט, אַז אַ בחור זאָל אָפּקערן זיין בליק אין איר זייט, זי האָט באַגערט אַ קוק טון אויף פישל דעם עלוי, האָט זי אויסגע־גלעט דאָס טישטוך, וואָס זי האָט פאַרשפּרייט פון די ישיבה בחורימס כבוד וועגן אויפן טיש און האָט אָנגעהויבן אויסגלייכן דעם מזרח, וואָס איז גע־האָנגען אויפן וואַנט.

נאָר אַז קיינער האָט זיך נישט אַרומגעקוקט אויף איר, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל פון שטוב און האָט זיך איינגעקוקט אין אַ קליין שפּיגעלע. זי האָט געגלעט מיט די הענט אירע רויטע באַקן, זיי זאָלן ווערן בלאַסער און פונאַנדערגעלאָזן די לאַנגע צעפּ פון אירע שוואַרצע האָר, גלייך ווי זי וואָלט גאָר פאַרגעסן, אַז פרעמדע מענטשן זענען פאַראַן אין שטוב.

נאָר די ישיבה בחורים האָבן זיך פּלוצלינג געכאַפּט אַז ביי ברוך־לייבן נעמט צו לאַנג צו פאַרריכטן די שיך, דערווייל גייט ביי זיי דאָס לערנען פון זינען אַרויס, און אנשטאָט צו זיין אין בית־המדרש, זיצן זיי גאָר ביי דעם שוסטער אין שטיבעלע. און דאָס שטיבעלע איז קליין און ענג: אָט איז דער וואַרשטאַט, און דאָ איז דער טיש, און אָטאָ שטייט די טאָכטער מיט די פונאַנדערגעלאָזענע שוואַרצע האָר; ביטול תורה, אויב נישט נאָך ערגער... האָבן זיי זיך דערשראָקן: גאָט ווייס ווהין עס קען זיי פאַרפירן דער שטן מיט די האָר פון לילית און מיט די אויגן פון זינד, און זיי האָבן אויפגעהערט קומען צו ברוך לייבן דעם שוסטער פאַרריכטן זייערע שיך.

האָט זיך ביי ברוך־לייבן פון שטוב אָפּגעטון די פרייד, ווייל ברוך־

לייב האָט זיך געשעמט, וואָס די ישיבה בחורים, די לערנער מיידן אויס זיין הויז. ער האָט אָבער פאַרגראָבן זיין חרפה אין זיך, ווייל ער האָט געטראַכט: „ווי קען אַ שוסטער וואָס זיצט אַ גאַנצן טאָג ביים וואַרשטאַט און האַלט די נעלים אין די הענט, אָפּפרעגן תלמידי חכמים, וואָס זיצן און לערנען טאָג און נאַכט אין בית־המדרש?"

ביי דוואָשען האָט זיך אויך פאַרצויגן אַן אומעט אין די אויגן, ווייל זי האָט מער נישט געקענט קוקן אויף די ישיבה בחורים און האָט נישט געקענט זען פישל דעם עלוי. האָט זי אויפגעהערט פאַרשפרייטן אויפן טיש דאָס נייע טישטוך מיט די קווייטן און איז אַרויסגעגאַנגען אויפן שול־הויף, כדי זי זאָל דורך די אָפענע פענצטער פון בית־המדרש קענען זען ווי די ישיבה בחורים זיצן און לערנען.

ווי קען זיך אָבער אַ יידיש מיידל אַרומדרייען אין קאַבצאַנסק גלאַט אין דער וועלט אַריין, אין מיטן העלן טאָג, אויפן שול־הויף לעבן בית־המדרש? אַ יידיש מיידל קען ברענגען אין בית המדרש אַ טעפעלע געקעכץ, וואָס די מאַמע שיקט פאַר אַן אָרימען ישיבה בחור, זי דאַרף דעמאָלט אַראָפּלאָזן די אויגן, זיך פאַרשעמען, איבערגעבן שטיל די פאַר ווערטער, וואָס די מאַמע האָט אויסגעלערנט צו זאָגן און אַוועקגיין אַהיים; אַ יידישע טאָכטער מעג אַרויסגיין אויפן שול־הויף, זיך אַוועקשטעלן צוזאַמען מיט דער מאַמען לעבן די קאָשעקעס און זיך איינקוקן ווי די עפּל, די באַרן, די פּאָסליעדקעס און די בייגל וואַרטן אויף די קונים. אַז אַ יידיש מיידל — נאָך אַ יתומה, אויף וועמען יעדע גאָטספאַרכטיקע מאַמע דאַרף אַכטונג געבן, — זאָל אָבער שטיין לעבן די אָפענע פענצטער פון בית־המדרש און זיך איינהערן ווי די ישיבה בחורים לערנען, וועלן לייטישע ציינגער אָנהייבן באַרעדן זי; און די אַלמנה, וואָס זיצט אויפן שול־הויף לעבן אירע קאָשיקעס און היט אָפּ איר זון — דעם עלוי — פון אַ פרעמד אויג, וועט אויסלייגן אירע רייד, אַז פון אַזעלכע זאַכן קומען, פאַרן מויל נישט צו דערמאָנען, מגיפות אויף דער וועלט; קינדער שטאַרבן חס ושלום אין די וויגן און זי וועט בעת־מעשה אַרויסגעבן איר פסק, אַז אַזאַ חצופה דאַרף מען האַלטן פאַרשפאַרט ביז מ'וועט דאַרפן האָבן אַ כלה פאַר אַ מגיפה און דעמאָלט מאַכן זי חתונה מיט אַ קאַליקע — מיט אַ בלינדן, אַ שטומען — זאָל זי זיך אַרומשלעפּן מיט אים איבער די הייזער.

האָט זיך דוואָשע געהיט, אַז זי זאָל נישט אַריינפאַלן אין בייזע איי־

גער, די אלמנה, פישלס מאַמע — זאָל וועגן איר קיין שלעכטס נישט טראַכטן און זי איז נישט געגאַנגען אומזיסט אויפן שול־הויף. זי האָט אָנגעהויבן טראָגן עסן דעם באָק פון שטאָט, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען לעבן בית־המדרש און קיינער האָט זיך אויף אים נישט אַרומגעקוקט אַ גאַנצן טאָג, ווען די ייִנגלעך זענען געווען אין חדר.

אינדערפרי האָט זי אים געבראַכט אַביסל קרופּניק וואָס איז געבליבן פון עסן און בייטאָג האָט זי אים געגעבן אַ בינטל היי, וואָס זי האָט אויפגעקליבן אויפן מאַרק פון די גויאישע פורן. דער באָק האָט זיך צוגעשפּאַרט צום וואַנט פון בית־המדרש און האָט געקייט די היי. דוואָשע האָט זיך איינגעקוקט מיט רחמנות אויף זיינע פאַרטרויערטע אויגן און האָט זיך איינגעהערט ווי די ישיבה בחורים לערנען. זי האָט דערקענט דאָס קול פון פישל דער אלמנהס זון און איר האָט זיך געדוכט, אַז זיין ניגון הערט זיך שענער פון אַלע ניגונים. אַז זי האָט איינמאָל דערזען ווי ער גייט אַרום אין צעריסענע שטיוול, האָט זי אָנגעהויבן לאַכן: „ביי דיר וועט שוין באַלד אָנוואַקסן אַ באָרד ווי ביי דעם באָק און דו גייסט נאָך אַלץ אַרום מיט באָרוועסע פיס". זי האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג און אָנגעהויבן בעטן אים: „קום אַריין אין שטוב וועט דער טאַטע פאַרריכטן דיינע שטיוול". פישל האָט בייז אַ קוק געטון אויף דוואָשען: „טרעט נישט אָפּ פון בית המדרש" און אַ געשריי געטון: „חצופה, אַוועק פון דאַנען, דו ווילסט מיט דיינע לאַנגע צעפּ דערשטיקן דאָס קול פון גאָטס תורה..."

דוואָשע האָט זיך פונאַנדערגעוויינט פון חרפּה און איז אַנטלאָפן אַהיים. זי האָט זיך פאַרשפּאַרט אין דעם קליינעם פינצטערן חדרל, און אָפּגעשווירן אירע לאַנגע האָר — פישל זאָל נישט זאָגן אַז זי וויל מיט אירע שוואַרצע צעפּ דערשטיקן זיין קול פון תורה.

דוואָשע האָט זיך געשעמט אַרויסגיין אויפן שול־הויף מיט די אָפּגעשוירענע האָר און האָט אויפגעהערט ברענגען דעם באָק עסן. זי איז געזעסן ביי זיך אין חדר און האָט געטרויערט פאַרוואָס פישל וויל נישט, זי זאָל זיך איינהערן ווי ער לערנט תורה.

דער טאַטע האָט פאַרנומען איר צער, האָט ער זיך נישט פאַרגונען די פרייד, וואָס דאָס לערנען פון בית־המדרש ברענגט אים; ער האָט פאַרמאַכט די פענצטער פון שטוב ער זאָל נישט הערן דאָס קול פון די ישיבה בחורים,

און האָט געבעיט ביים וואַרשטאַט די שטיוול און באָטעס פאַר די גויים מיט די גויעס פון דאָרף.

פישל איז געזעסן אין בית־המדרש און געלערנט. נאָר דוואָשעס געשטאַלט איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים; ער האָט געזען ווי זי זיצט ביי ד'עם טאַטן אין שטוב מיט די פונאַנדערגעלאָזענע האָר און ער האָט נישט געקענט פאַרגעסן ווי אַזוי זי איז געשטאַנען ביים פענצטער פון בית המדרש און געגעבן עסן דעם באָק. און וואָס שאַרפער ער האָט זיך פאַרטון אין לערנען, אַלץ טיפער האָבן געגראָבן אירע אויגן אין דער סוגיא און אים האָט זיך געדוכט, אַז זיי בעטן זיך ביי אים די גאַנצע צייט ער זאָל אַריינגיין צו איר טאַטן אין שטוב פאַרריכטן זיינע צעריסענע שטיוול.

פישל האָט אָנגעהויבן לערנען שטילערהייט, באַהאַלטן די ווערטער אין זיך, כדי ער זאָל מיט זיין געזאַנג נישט אַרויסרופן דעם שטן. נאָר אַז ער האָט דערזען דוואָשעס געשטאַלט טוט זיך נישט אָפּ פון אים, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און אַ קוק געטון דורכן פענצטער אין דרויסן, אפשר האָט זי געבראַכט עסן דעם באָק. דער באָק איז אָבער געשטאַנען ביי די זיילן פון דעם אַריינגאַנג אין בית־המדרש אַ הונגעריקער, אַ פאַרלאָזענער, האָט געשאָקלט מיטן בערדל און דוואָשען האָט מען נישט געזען.

נאָר איין מאָל אַז פישל איז געזעסן אַליין אויף אַ משמר אין בית־המדרש און געלערנט, האָט ער פלוצלינג דערהערט טריט. „זי קומט", האָט ער אַ ציטער געטון און פאַרמאַכט שטייפער די אויגן. „ניין", האָט ער זיך איינגערעדט, „ער וועט עפענען די אויגן, אָט איצטער, ווען ער זיצט איינער אַליין אין אַ ווינקל, בלויז איין קוק טון אויף איר, ער וועט הייסן איר אַוועקגיין און וועט זיך אַריינטון צוריק אין לערנען".

ערשט אַ פחד, אַ שרעק: דער באָק שטייט מיט זיין בערדל אַרויסגעשפאַרט אויף דער גמרא — האָט פישל אַרויסגעלאָזן אַזאַ געשריי, אַז די ספרים האָבן אָנגעהויבן ציטערן אין בית־המדרש. דער באָק איז ווילד געוואָרן פון מורא, אָנגעהויבן שפרינגען איבער די טישן, די שטענדערס און אַרויסגעלאָפן פון בית־המדרש. די ישיבה בחורים וואָס האָבן געדרעמלט אַביסל ווייטער פון אים אין בית־המדרש האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון שלאָף; זיי זענען צוגעלאָפן צו פישלען, האָבן געטרייסלט אים פאַרן קאָפּ — ווי זיי וואָלטן אים אָפּגעמינטערט פון חלשות, האָבן געפרעגט, האָבן

גערעדט און באַרויאיקט — נאָר פישל האָט זיי גאָרנישט געענטפערט, בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט געמעקעט ווי אַ באָק.

און אַז מען האָט ביי אים אַרויסגעקראָגן אַ וואָרט, האָט ער שטיל געזאָגט: „איך האָב צוגענומען די באָרד ביי דעם באָק". די מאַמע האָט גע־וויינט: „מיין קינד, די באָרד איז דאָך ביי דעם באָק און ביי דיר איז, דאַנקען גאָט, דאָס פּנים פון אַ מענטשן".

עלטערע מענטשן האָבן אים איינגערעדט: „ווי קומט צו דיר אַ באָרד, אַז דו ביסט ערשט בר־מצווה געוואָרן; דו האָסט נאָך אַפילו נישט קיין חתימת זקן" — און יעדערער פון זיי האָט געוויזן אויף זיך מיטן האַנט: „אָטאָ איז ביי מיר אַ באָרד"...

פישל האָט אויך צוגעטראָגן זיין האַנט צו דער מאָרדע, האָט אויסגע־צויגן די פינגער: „און אָטאָ וואַקסט ביי מיר אויך אַ באָרד, נאָר דאָס איז נישט מיין באָרד, איך האָב עס צוגענומען ביי דעם באָק" און ער האָט אָנ־געהויבן מעקען ווי אַ באָק.

מען האָט אָנגעהויבן זוכן איבערן שטאָט דעם באָק, כדי צו באַווייזן פישלען, אַז דעם באָקס באָרד זיצט ביי דעם באָק אויפן מאָרדע, נאָר מען האָט אין גאַנץ קאַבצאַנסק נישט געקענט געפינען דעם באָק; ער איז פאַר־פאַלן געוואָרן פון שטאָט.

די מאַמע איז אַוועקגעפאָרן מיט איר איין־און־איינציקן זון — דעם עלוי — צו גרויסע דאָקטוירים, זי איז געווען ביי גוטע יידן, און איז גע־גאַנגען להבדיל צו זנאַכערס.

די זנאַכערס האָבן געגעבן סגולות, זיי האָבן געפּרעפּלט און האָבן גע־טון אָפּטון דעם כישוף; די דאָקטוירים האָבן געהיילט מיט זייערע רפואות און פאַרשריבן רעצעפּטן; און די גוטע יידן האָבן מיט גוטן און מיט שלעכטן געטריבן דעם דיבוק און האָבן געבענטשט מיט ברכות, און פישל האָט גע־פאָלגט, וואָס מען האָט אים געהייסן רעדן, נאָר דערנאָך האָט ער צוגעטראָגן די האַנט צו דער מאָרדע און שטיל אויסגערעדט, אָט אַזוי ווי ער האָט אי־בערגערעדט די רייד, וואָס מען האָט אים געהייסן זאָגן: „אָטאָ וואַקסט ביי מיר אַ באָרד, די באָרד וואָס איך האָב צוגענומען ביי דעם באָק"... און ער האָט אָנגעהויבן מעקען ווי אַ באָק.

די זנאַכערס האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק מיט זייערעווילדע אויגן און געמורמלט:

— ניין, ניין, נישט קיין כישוף, נאָר אַ בייזער גייסט.

די דאָקטוירים האָבן נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן, זיי האָבן בלויז אויסגערעדט:

— „ניין, נישט קיין חולאת", און האָבן געטרייסט: „עס וועט איבער־גיין"...

און, די גוטע יידן האָבן געזיפצט: „עס איז גרויס די זינד און האַרב די שטראָף, מען דאַרף האָבן רחמים, זאָל זיך דער טאַטע מיען פאַר אים אויף יענער וועלט".

***

איז די מאַמע אַוועקגעגאַנגען מיט איר איין־און־איינציק קינד צו צאַ־ליע דעם ציגעלניק. זי האָט געוווּסט אַז צאַליע דער ציגעלניק גיט נישט קיין סגולות און בענטשט נישט מיט קיין ברכות, זי איז אָבער נישט אָפּ־געטראָטן פון דעם צדיק און האָט זיך געבעטן ביי אים אַזוי צו זאָגן:

— „ר' צאַליע, איר ווייסט דאָך ווי ביטער עס איז דער צער, אַז אַ קינד ווערט געשטראָפט פון גאָט, האָט רחמנות אויף דער מאַמען און רעדט מיט מיין זון — אפשר וועט איר אים איבעררעדן, דעריבער וועט זיך דער אויבערשטער מרחם זיין אויף אייך און וועט אַראָפּנעמען אויך פון אייער זון די האַרבע שטראָף; עס וועט געעפנט ווערן זיין מויל און ער וועט אָנ־הייבן רעדן".

צאַליע האָט זיך נישט געקענט אָפּקערן פון דעם געבעט פון דער מאַ־מען און האָט שטיל אויסגערעדט: „זאָל ער בלייבן דאָ נעכטיקן און זיך איינקוקן ווי איך ברען די ציגל אין אויוון, אפשר וועט דער אויבערשטער העלפן און דאָס פייער וועט אויסלייטערן זיינע רעיונות".

פישל איז געבליבן נעכטיקן ביי צאַליע דעם ציגעלניק, און אויף מאָרגן אינדערפרי, אַז די זון איז אויפגעגאַנגען האָט ער פאַרגעסן, וואָס עס איז מיט אים פאַרלאָפן ביינאַכט אין דער ציגעלניע אַזוי ווי ער האָט נישט גע־דענקט, אַז ער האָט אַמאָל געטראָגן אויף זיך די באָרד פון אַ באָק, ביי אים איז אָבער אויך אַרויס פון קאָפּ די תורה, וואָס ער האָט פריער געלערנט. און אַז ער האָט דערזען ווי צאַליע שטעלט זיך דאַווענען, האָט ער זיך פאַר־נאַנדערגעווייַנט:

— „איך ווייס נישט ווי צו דאַווענען".

— „ווייַן נישט, מיין זון — האָט צאַליע דער ציגעלניק אויס...

גלייכט דאָס היטל ביי פישלען אויפן קאָפּ — דו וועסט אָנטון מיין ברוכס תפילין און איך וועל מיט דיר אָפּדאַווענען״.

פישל האָט געדאַוונט צוזאַמען מיט צאַליע דעם ציגעלניק; ער האָט נאָכגעזאָגט וואָרט נאָך וואָרט און יעדעס וואָרט האָט זיך אָפּגעזעצט ביי אים אויף די ליפּן, ווי ער וואָלט געפּילט זיין טעם אויפן גומען. דאָס דאַווענען האָט זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון און די אותיות האָבן געציטערט פאַר זיינע אויגן, ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעטון אין די פונקען, וואָס שפּארן זיך פון אַ פלאַם־פייער. אַז מען האָט אָפּגעדאַוונט, האָט צאַליע געזאָגט צו פישלען: „איצטער גיי מיין זון אַהיים״.

פישל האָט זיך אָבער נישט געאיילט אַוועקצוגיין, ער האָט נישט געוואָלט אָפּטון פון זיך די ליכטיקייט, וואָס עס האָט געשיינט פאַר זיינע אויגן אין שטוב. האָט צאַליע נאָך אַמאָל געזאָגט צו אים:

— „מיין זון איז, נישט פאַר דיר געדאַכט, מיט אַ מום, וועט ער נישט קענען דאַווענען פאַר אַ פרעמדן מענטשן אין די אויגן״...

האָט פישל געזאָגט „אַ גוטן טאָג״, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט אָנגענומען די קליאַמקע — ער האָט אָבער דערזען ווי צאַליע עפנט אויף אַ ספר פאַר זיין זון, האָט ער זיך אָנגעהויבן בעטן ביי צאַליען דעם ציגעלניק:

— „ווי אַזוי קען איך אַרויסגיין אין דרויסן, אַז איך בין הויל און נאַקעט — פון מיר האָט זיך אָפּגעטון גאָטס תורה, איך האָב פאַרגעסן וואָס איך האָב געלערנט״.

צאַליע האָט אַ זיפץ געטון: „אַזויפיל תורה ווי דו האָסט געלערנט קען איך אַליין נישט לערנען. איך וועל דיר אָבער העלפן זיך דערמאָנען די תורה, וואָס אַלע יידן, איך און דו, אונדזערע טאַטעס און זיידעס און אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער וואָס וועלן אם ירצה השם געבוירן ווערן, האָבן געהערט אונטערן באַרג סיני. איך וועל איבערזאָגן מיט דיר די עשרת הדיברות״.

און נאָך דעם ווי צאַליע דער ציגעלניק האָט דערציילט פישלען ווי אַזוי ער האָט צוזאַמען מיט אַלע יידן מקבל געווען די תורה אונטערן באַרג סיני, האָט ער ווידער געזאָגט צו אים: „איצטער גיי מיין זון אַהיים. דיין מאַמע וואַרט אויף דיר״ און האָט אים געבענטשט: „גאָט זאָל דיר העלפן, דו זאָלסט זיין אַ גוטער ייד״.

אַז צאַליע דער ציגעלניק האָט גערעדט צו פישלען, האָט זיך פישלען געדוכט, אַז דאָס לערנען, וואָס ער האָט געלערנט חזרט זיך איבער אין זיין זכרון און ער האָט צאַליען נישט געבעטן ער זאָל מיט אים נאָך לערנען, נאָר ער האָט זיך אַוועקגעאיילט מיט גרויס פרייד צו דער מאַמען.

אַז פישל איז אָבער געקומען אַהיים און איז אַריין אין בית־המדרש, און האָט זיך אַוועקגעזעצט צוזאַמען מיט די איבעריקע ישיבה בחורים ביי דער גמרא, האָט ער דערזען אַז זיין קאָפּ באַנעמט נישט, וואָס מען רעדט צו אים אין לערנען און ער אַליין ווייס נישט וואָס צו פרעגן וועגן לערנען. ער האָט פאַרגעסן וואָס ער האָט פריער געלערנט, ער האָט בלויז געדענקט די עשרת הדיברות, אָט אַזוי ווי צאַליע דער ציגעלניק האָט מיט אים איינגעטייטשט און ער האָט קוים געקענט אָפּזאָגן אַ פרשה חומש.

פישל האָט נישט געקענט איינזיצן אין בית־המדרש, ווייל ער האָט מקנא געווען זיינע חברים, וואָס זענען געזעסן און געלערנט. ער איז אויך נישט אָנגעקומען צו קיין מלמד, ווייל ער האָט זיך געשעמט אַוועקזעצן מיט קליינע יינגלעך ביים טיש און אָנהייבן לערנען צוזאַמען מיט זיי אַ פרשה חומש מיט רש״י.

פישל האָט פאַרגעסן זיין לערנען, נאָר פון אים האָט זיך נישט אָפּגעטון דער ניגון פון לערנען, האָט ער מיט דעם ניגון איבערגעזאָגט די עשרת הדיברות, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט ביי צאַליע דעם ציגעלניק. ער האָט זיך דערווייטערט פון בית־המדרש, איז נישט געקומען אויפן שול־הויף, און האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די הינטערשטע געסלעך פון קאַבצאַנסק; ער איז אַרויס אין פעלד און איז אַרומגעגאַנגען איבער די וועגן און האָט איבערגערעדט ווי אַזוי די יידן האָבן מקבל געווען די תורה, כדי ער זאָל נישט פאַרגעסן, אַז ער איז צוזאַמען מיט זיי געשטאַנען אונטערן באַרג סיני.

און די קבצנים און בעטלער — די פיעשע און קאַניצע — וואָס האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער די וועגן און שטעגן פון קאַבצאַנסק און גלופּסק, האָבן זיך נאָכגעצויגן נאָך די הייליקע רייד, וואָס פישל האָט דערציילט פון מתן תורה. און פישל האָט זיך געטוליעט צו די אָרימעלייט, וואָס זענען געווען עלטער אין יאָרן פון אים, נאָר לערנען האָבן זיי געקענט ווינציקער פון אים. ער האָט זיי גאָרנישט מקנא געווען און ער האָט זיך נישט געשעמט פאַר זיי מיט זיין תורה, וואָס איז נישט דערוואָקסן

צו זיין ווקס און יאָרן און ער איז אַוועקגעגאַנגען צוזאַמען מיט די בעט־לער און אָרימעלייט איבער דער וועלט.

***

און אַז יאַנקל זיס־יאַר איז געקומען צו צאַליע דעם ציגעלניק און גערעדט צו אים, אַט אַזוי ווי דאָס ווייב האָט אים געהייסן זאָגן, האָט צאַ־ליע אָנגעהויבן זיפצן:

— „די קאַראַבעלניקעס, די פּערעקופּניקעס זענען נעבעך פאַרמאַ־טערטע מענטשן; אַ גאַנצע נאַכט שלעפּן זיי זיך מיטן אָקס, און בייטאָג פאָרן זיי אַרום איבער די מאַרקן פאַרקויפן די ציגל, קוים וואָס זיי כאַפּן אַריין אָפּצודאַווענען — טאָ, ווען האָבן זיי צייט צו זען אַ שידוך?"

יאַנקל זיס־יאַר האָט זיך דערמאָנט, וואָס די וועלט דערציילט וועגן דעם בחורל פון קאַבצאַנסק, ווי אַזוי צאַליע האָט געראַטעוועט אַ יידישע נשמה און ער האָט זיך אָנגעהויבן בעטן:

— „איך וויל גאָר פאַר מיין מויל נישט אַרויסברענגען, מיין טאָכ־טער קען נאָך ח"ו פאַרגעסן דעם אונטערשיד פון ייד און גוי און אַראָפּ־גיין פון גלייכן וועג, אַט אַזוי ווי דער שטן האָט געוואָלט פאַרפירן דער אַלמנהס זון.

צאַליע דער ציגעלניק האָט זיך נישט געקענט אָפּקערן פון דעם גע־בעט פון דעם טאַטן, וואָס וויל אויסהיטן זיין טאָכטער פון דעם שטן, זי זאָל ח"ו נישט פאַרפירט ווערן פון איר תאווה ווי דער אַלמנהס זון איז געשטרויכלט געוואָרן, און ער האָט געפרעגט ביי יאַנקל זיס־יאַר:

— „און וואָס טוט דער צווילינג?"

— „שוין דאַנקען גאָט גרויסע יינגלעך".

— „לערנען זיי ביי אַ מלמד?"

יאַנקל זיס־יאַר האָט זיך פאַרשעמט, וואָס ער האָט נאָך נישט גע־טראַכט וועגן קיין מלמד פאַר זיינע יינגלעך און ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן:

— „איך ווייז זיי אַליין אַן אות אין סידור, אַז איך דערזע אָבער ווי די שקצים מיט די שיקסעס הייבן אָן טאַנצן און זינגען אין דאָרף — דערמאָן איך זיך אויף מיין דוואָשע ווי זי צעקאַמט די האָר אין שפּיגעלע, פּוצט דאָס פּנים און איך הייב אָן טראַכטן ווי לאַנג קען דער באָק אויס־

היטן זי פון גויישע הענט. עס פאַלט אויף מיר דעמאָלט אָן אַזאַ פחד, אַז איך קען קיין וואָרט נישט אויסרעדן און איך קען אַפילו נישט זאָגן מיט די קינדער קיין מודה אני"...

האָט צאַליע דער ציגעלניק אָנגעהויבן רעדן מיט גוטע רייד צו יאַנקל זיס־יאַר און האָט אים געגעבן אַן עצה, אַז ער זאָל זיך ארויסלאָזן איבער דער וועלט זוכן אַ מלמד פאַר די יינגלעך — וועט אים גאָט העלפן און ער וועט אויך געפינען אַ בחור פון אָרימען שטאַנד, וואָס זאָל וועלן אָנקומען פאַר אַן איידעם צו אים אין דאָרף.

ח

אַז יאַנקל איז געקומען אַהיים און דערציילט גנענדלען פון די רייד, וואָס צאַליע דער ציגעלניק האָט גערעדט צו אים, זענען די ווערטער וויל געפעלן געוואָרן זיין ווייב און זי האָט איינגערעדט איר מאַן: „יידן סוחרים, די גרויסע באַלעבאַטים קומען אויף די יאַרידן שליסן שידוכים, אָנקוקן חתנים; מיר האָבן נישט מיט וואָס צו האַנדלען, פאָרן מיר נישט אויף קיין יאַריד; אַז דו וועסט אָבער אַרויסגיין אויף דער וועלט, דו וועסט זיך אָפּשטעלן אין אַ קרעטשמע, וועסט זיך זען מיט מענטשן, דו וועסט באַגעגענען די אָרימע יידן וואָס גייען צופוס אויף די מאַרקן, וואָס שלעפּן זיך אין די בוידן איבער די ישובים, וועט דער אויבערשטער צושיקן דעם זיווג, וואָס איז באַשערט פאַר דוואָשען, אָט אַזוי ווי צאַליע דער ציגעלניק, דער גרויסער צדיק, האָט דיר געזאָגט".

האָט יאַנקל זיס־יאַר צוגעדעקט דעם בינשטאָק מיט קאָלדרעס און פּלאַכטעס — די בינען זאָלן נישט פאַרפרוירן ווערן אין די פרעסט און האָט אָנגעגרייט קאָרם פאַר דער בהמה אין שטאַל; ער האָט געבראַכט מעל און גרויפּן פאַר דעם ווייב מיט די קינדער און דעם באָק, זיי זאָלן האָבן וואָס צו עסן אין דער היים און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן איבער דער וועלט זוכן אַ מלמד פון אָרימען שטאַנד פאַר זיין צווילינג, כדי אין דעם זכות זאָל ער אויך געפינען דעם זיווג פון זיין טאָכטער.

אין יענעם יאָר האָט זיך דער ווינטער שפּעט אַוועקגעשטעלט; די וואַרימע טעג האָבן אָנגעהאַלטן נאָך די יום־טובים, אָט אַזוי ווי זיי זענען געשטאַנען ליכטיקע און טרוקענע פאַר ראש השנה און יאַנקל זיס־יאַר

האָט אין וועג נישט געדאַרפט זאָרגן, ווער וועט אָנטראָגן אין דער היים האַלץ אין אויוון און ווער וועט אָנשעפּן, אין די גרויסע פרעסט, וואַסער אין ברונעם.

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער דער וועלט און געזוכט די מחנות פון אָרימען שטאַנד, וואָס שלעפּן זיך אויף די יאַרידן און מאַרקן, וואָס ציען זיך איבער די וועגן און שטעגן, אפשר וועט ער געפינען אַ מלמד פאַר זיינע יינגלעך און באַגעגענען דעם זיווג פון זיין טאָכטער.

איבער די טראַקטן און די שליאַכן האָבן זיך אָבער נישט געשלעפּט קיין בוידן מיט אָרימעלייט און בעטלער, נייערט עס האָבן זיך געיאָגט די פּאָשטטאָווע פערד מיט זייערע קוריערס, עס האָבן זיך געצויגן דיליזשאַנסן אָנגעלאָדן מיט האָב און גוטס און עס זענען געפאָרן רייכע סוחרים, וואָס האָבן געדעכנט די רעכענונגען פון זייערע גרויסע געשעפטן.

און אין די קרעטשמעס זענען נישט געזעסן קיין מידע פוסגייער, וואָס וואַנדערן אַרום איבער דער וועלט און אין די הארבעריקן האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט קיין משולחים פון די ווייטע ישיבות, וואָס דערמאָנען גאָטס נאָמען, נייערט דאָרטן זענען פאַרפאָרן רייכע וואַלד־סוחרים מיט זייערע שאפּארעס און בראקערס און האָבן אויסגערעכנט די רעכענונגען פון די גרויסע וועלדער וואָס זיי האָבן אָנגענומען ביי די פּריצים און גראַפן. זיי האָבן געזאָרגט, וואָס דער ווינטער האָט זיך נאָך נישט אָוועקגעשטעלט און איבערגערעדט אַז אַזאַ ווינטער איז נאָך קיינמאָל נישט געוועזן. זיי האָבן געדאגהט: „אויב עס זאָל אַזוי אָנהאַלטן וועט מען נישט קענען אַרויספירן קיין שפּענדל פון וואַלד און די קאָנטראַקטן, וואָס די פּריצים און גראַפן האָבן אונטערגעשריבן וועלן בטל ווערן“. זיי האָבן געטרונקען שטאַרקן בראָנפן און אַלטן וויין, זיי האָבן געגעסן פעטע קאַטשקעס מיט אָנגעשטאָפּטע גענדז, כדי זיי זאָלן פאַרגעסן אויף זייער זאָרג און נישט געדענקען זייערע דאגות.

זיצט יאַנקל זיס־יאָר אין אַ גרויסער קרעטשמע ביי דער טיר, הערט זיך איין ווי די געשרייען שפּארן זיך העכער פון די קעפּ און זיפצט: „ער גייט אַרום איבער די וועגן און טראַקטן און ער איז שוין פאַרמאַטערט פון אַרומגיין איבער דער וועלט. די וועלט, וואָס גאָט האָט באַשאַפן איז ווייט און ברייט אויסגעשפּרייט און נעמט זיך נישט אויס אונטער זיינע טריט, די זון וואָס דער בורא עולם האָט אַריינגעזעצט אין הימל, זי זאָל

שיינען פאַר דעם מענטשן, פאַרגעסט נישט אויפגיין אין צייט יעדן טאָג נאָך דעם ווי די נאַכט גייט אַוועק, נייערט די מענטשן האָבן פאַרגעסן אַז די וועלט איז דאָס ווערק פון כביכול, פון דעם אַלמעכטיקן גאָט; זיי זיצן און פרעסן און זויפן און דערמאָנען נישט זיין הייליקן נאָמען". האָט זיך יאַנקל זיס־יאָר פונאַנדערגעווייִנט פון גרויס צער, וואָס ער קען נישט געפינען קיין מלמד פאַר זיינע ייִנגלעך און ער האָט זיך געוואָלט אומקערן צו צאַליע דעם ציגעלניק און דערציילן אים, אַז ער האָט שוין אויסגעטראָטן די וועגן און שטעגן פון אַלע שליאַכן און טראַקטן און ער האָט אין ערגעץ נישט געטראָפן די מחנות פון אָרימען שטאַנד, נייערט אומעטום זענען אים געקומען אַנטקעגן די גרויסע גבירים און רייכע סוחרים.

ערשט ער זעט, ווי אַ לאַמער שטייט לעבן עמער און נעמט אָן אַ קענדל וואַסער; ער גיסט אויס דאָס וואַסער, נעמט דעם עמער און היגקט אַוועק צום ברונעם אָנשעפּן וואַסער. פרעגט יאַנקל זיס־יאָר ביי דעם לאָמען פאַרוואָס גייט ער מיט זיין הינקענדיקן פוס אָנשעפּן אין ברונעם וואַסער; ער זעט דאָך ווי שווער עס איז אים אַ טראָט אַוועקצושטעלן.

ענטפערט אים דער לאָמער, אַז ער גייט צום ברונעם אָנשעפּן אין עמער וואַסער, כדי די מענטשן זאָלן דאָ אין קרעטשמע זיך קענען וואַשן מיט אַ פולער קענדל און מקיים זיין די מצווה, אָט אַזוי ווי ס'שטייט געשריבן נאָכן דין נאָך.

דערפרייט זיך יאַנקל זיס־יאָר, וואָס ער האָט דערזען אַ ייִדן וועלכער האָט אין זינען ווי אַזוי מען דאַרף אָפּהיטן אַ דין. טראַכט ער, אַז ער וועט אים נעמען פאַר אַ מלמד און אין דעם זכות וועט דער אויבערשטער צושיקן דעם זיווג פאַר זיין טאָכטער. פרעגט ער ביי דעם יונגן בחור:

— אפשר ווילט איר ווערן אַ מלמד ביי מיר אין שטוב? איך וועל אָנטראָגן וואַסער אין הויז איר זאָלט זיך קענען וואַשן צום עסן נאָכן דין נאָך, און מיין ווייב, זאָל געזונט זיין ,וועט צוטראָגן דאָס עסן פאַר אייך צום טיש, איר זאָלט נישט דאַרפן אַרומגיין איבער דער וועלט זוכן אייער שטיקל ברויט".

הערט אויס דער לאָמער גוט און פרום די רייד און גיט צו פאַרשטיין דעם פרעמדן ייִדן:

— ווי אַזוי קען איך ווערן ביי אייך אַ מלמד, אַז איך בין הינקענדיק און לאָם; אייערע קינדער וועלן זען ווי איך בין געשטראָפט געוואָרן

פון דעם רבונו של עולם און מיר איז שווער צו אַרומגיין, וועלן זיי נישט וועלן נאָכלויפן נאָך קיין מצוות״.

און ער האָט אים דערציילט:

— אַביסל ווייטער פון דאַנען, אַז מען גייט אַראָפּ פון באַרג, שטייט אַ קרעטשמע. דאָרטן זיצט אַ יונג בחורל; זומער גייט ער אַרום מיט אונדז איבער דער וועלט און ווינטער לערנט ער מיט קינדער; גייט צו אין יענער קרעטשמע, אפשר וועט דאָס בחורל וועלן אָנקומען צו אייך פאַר אַ מלמד.

איז יאַנקל זיס־יאַר אַוועקגעגאַנגען איבער די וועגן און שליאַכן זוכן די קרעטשמע, וואָס מען דערזעט פון דעם הויכן באַרג, אפשר וועט ער דאָרטן געפינען דאָס אָרימע בחורל, וואָס גייט אַרום זומער איבער דער וועלט און ווינטער לערנט ער תורה מיט יידישע קינדער.

עס האָט זיך שוין אַוועקגעשטעלט דער ווינטער און עס איז אַרויסגעפאַלן אַ שניי: עס האָט גענומען אַ פראָסט, און דער פאַרטאָג האָט זיך טיפער איינגעביסן אין דער נאַכט און לענגער אויסגעצויגן דעם טאָג; יאַנקל זיס־יאַר האָט שוין אויפגעהערט ציילן די צאָל קרעטשמעס, ווו ער האָט אינדערפרי אָפּגעדאַוונט און ביינאַכט צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף אַ טאַפּטשאַן לעבן אויוון; מען האָט אָבער אין ערגעץ נישט געוווּסט ווו ס׳שטייט די קרעטשמע וואָס מען דערזעט פון אַ באַרג, און קיינער האָט נישט געהערט פון אַ בחורל וואָס זומער גייט ער אַרום ווי אַן אָרימאַן און ווינטער איז ער אַ מלמד — לערנט מיט קינדער. אומעטום זענען די קרעטשמעס געווען פאַרצויגן מיטן רויך פון די ליולקעס און פאַפּיראָסן וואָס גויים האָבן גערויכערט און דער שיין פון די לאָמפּן האָט זיך געטונקט איבער די קעפּ ווי אין אַ נעפּל; אומעטום האָט זיך געקנוילט דער געשריי פון די גויים מיט די טענות פון די בראַקערס, מיט די חשבונות פון די וואַלד סוחרים, און קיינער האָט זיך נישט אַרומגעקוקט ווי יאַנקל זיס־יאַר איז אַריין אין קרעטשמע און ווי אַזוי ער איז אַוועקגעגאַנגען.

האָט ער אָנגעהויבן זיפצן מסתמא איז ער נישט ווערט ביי דעם אויבערשטן, אַז דורך אים זאָל ער צושיקן דעם זיווג פאַר זיין טאָכטער; ער האָט זיך מער נישט אָפּגעשטעלט אין די פאַררויכערטע פינצטערע קרעטשמעס און האָט זיך אַוועקגעצויגן אַהיים צו זיין ווייב מיט די קינדער, זאָל אים גנענדל מיט איר קלוגן שכל באַשיידן די רייד, וואָס צאַליע דער ציגעלניק האָט גערעדט צו אים.

ערשט ער' זעט אויפן מיטן וועג שטייט אַ גרויסע שטוב און עס איז ליכטיק אין אַלע פענצטער. די געביידע זעט אויס ווי אַ קרעטשמע, דאָס פייער שיינט אָבער אַרויס פון אַלע פענצטער ווי אין אַ פּאַלאַץ.

חידושט זיך יאַנקל זיס־יאַר: „אַ קרעטשמע מיט גויים זאָל לייכטן אַזוי ליכטיק אין די פענצטער" און ער מאַכט אָפּ ביי זיך, אַז מסתמא זע־נען אַהער פאַרפאָרן געהויבענע אורחים, האָבן זיי זיך אָוועקגעשטעלט דאָ־ווענען מעריב מיט אַ מנין; אפשר לערנט דאָ אויך דאָס בחורל מיט די ייִנגלעך תורה, און ער איז אַריין אין דער ליכטיקער באַלויכטענער קרעטשמע. אָבער ווי און ווינד; אויפן לאַנגן טיש שטייען אויסגעשטעלט פּאַלומיסעקס מיט גריבענעס און געבראָטענע פליישן און רויטער ווײַן איז אָנגעגאָסן אין גרויסע גלעזער. די שאַפּארעס, די בראַקערס טראָגן צו קווערט מיט בראָנפן צו די גויים, וואָס שטייען פון ווייטן פון טיש און אַליין עסן זיי די גריבענעס מיט די פליישן און טרינקען דעם ווייַן, וואָס שטייט אויפן טיש. אַלע פרייען זיך, וואָס דער באַלעבאָס, דער גרויסער וואַלד־הענדלער איז אַליין געקומען פון דער גרויסער שטאָט צו דאַנקען זיינע מענטשן וואָס האָבן אַרויסגעפירט דאָס געהילץ אין צייט פון וואַלד, כאָטש דער ווינטער האָט זיך שפּעט אָוועקגעשטעלט, און ער האָט געמאַכט פאַר זיי אַ גרויסע סעודה. יאַנקל זיס־יאַר איז צעטומלט געוואָרן, גלייך ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ חלום און פלוצלינג דערזען אַז די פינקלדיקע בויליאַנטן וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט זענען גאָר שוואַרצע קוילן וואָס שדים האָבן אים אונטערגעוואָרפן און ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון דער קרעטשמע.

די גרויסע ליכטיקייט פון די לאָמפּן האָט אָבער פאַרבלענדט זיינע אויגן, ביי אים האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ פון די ריחות פון די פליישן און בראָנפן און ער האָט נישט געוווסט ווי צו אַרויסגיין אין דרויסן. האָט ער זיך אָנגעהויבן שאַרן לעבן די ווענט און זוכן די טיר. ערשט ער זעט אין אַ ווינקל, וווּ דער שיין פון די ליכטיקע לאָמפּן דערלאַנגט נישט, זיצט אין טונקעלן שאָטן אויף אַ קלעצל אַ האַרבאַטער בעטלער; ער האַלט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און קוקט זיך איין אויף זיינע צעריסענע שטיוול.

טראַכט יאַנקל זיס־יאַר, אַז ווייבאַלד דער אָרימאַן פרייט זיך נישט מיט זייערע שמחות, פאַרזוכט נישט פון זייערע עסנס, דאַרף ער וויסן, ווו ס'שטייט די קרעטשמע, וואָס מען זעט פון הויכן באַרג. נאָר אים

האָט אַרומגענומען אַ רחמנות אויף דעם מענטשן, וואָס וואַלגערט זיך אַרום אין דער פרעמד און האָט נישט קיין גאַנצן שוך אויף זיינע פיס, האָט ער נישט געפרעגט ביי אים אויפן בחורל וואָס גייט אַרום זומער איבער דער וועלט און ווינטער לערנט ער מיט קינדער גאָטס תורה. בייערט ער האָט געטון רעדן צו אים אַזוי צו זאָגן:

— צו וואָס דאַרפט איר זיצן דאָ אין קרעטשמע אויף אַ נידעריק קלעצל און קוקן אויף דער ערד, ווערט ביי מיר אַ מלמד און איר וועט לערנען מיט מיינע קינדער. איך וועל אייך אַוועקזעצן אויף אַ הויכן בענקל, איבערן טיש און איר וועט קענען קוקן העכער פון די שפיץ ביימער, וואָס בליען ביי מיר אין סאָד.

קוקט זיך איין דער בעטלער מיט זיינע אויגן נידעריקער פון דעם פרעמדן יידנס באָרד און זיפצט:

— איר זעט דאָך אַז ביי מיר איז נישט פאַר אייך געדאַכט, אַ הויקער; מיין האָרב איז אויסגעוואָקסן איבער מיין קאָפּ, העכער פון אייער באָרד. אַז אייערע קינדער וועלן אַ קוק טון אויף מיר און זען ווי מיין רוקן איז איינגעבויגן — וועלן זיי מיינען אַז די משא פון דער תורה איז שווערער פון דער פלייצע און זיי וועלן מורא האָבן צו נעמען צו נעמען אויף זיך דעם יאָך פון די מצוות; טאָ ווי אַזוי קען איך ווערן אַ מלמד ביי אייך אין שטוב? ער האָט אים אָבער נישט אַוועקגעשיקט אָן אַ גוט וואָרט און האָט אים דערציילט: „אַביסל ווייטער פון דאַנען, נאָר איר זענט שוין ווייט אָפּגעגאַנגען פון דאָרטן, שטייט אַ קרעטשמע, אין דער נידער פון אַ באַרג, מען קען זי אָבער פון ווייטן דערזען פון באַרג. אין דער קרעטשמע, זאָגט מען, זיצט אַ יונג בחורל און לערנט מיט יינגלעך חומש. זומער ציט אים אין די פעלדער און וואַלד, ער גייט אַרום איבער די וועגן, נאָר ווינטער ווערט ער׳ אַ מלמד און לערנט מיט קינדער״.

האָט יאַנקל זיס־יאָר איינגעבויגן דעם קאָפּ נידעריקער פון דעם אָרימאַנס האָרב און געזאָגט מיט גרויס אומער:

— „איך גיי און זוך דאָס יונגע בחורל; איך האָב שוין אויסגעטראָטן מיט די וועגן און שטעגן מיינע שטיוול, מיין צונג טריקנט שוין איין פון די רייד וואָס איך פרעג. נאָר קיינער ווייס נישט פון דער קרעטשמע און איך האָב אין ערגעץ נישט געהערט זיין קול פון לערנען״.

האָט דער אָרימאַן אָנגעהויבן טרייסטן דעם יידן:

— אַ ייד טאָר נישט פאַרלירן דעם בטחון, מען טאָר נישט לאָזן איינגיין די האָפענונג נידעריקער פון דער באָרד; אַז איר וועט אַרויסגיין אויף דער וועלט און נישט מיד ווערן גיין און איר וועט נישט אויפהערן פרעגן, וועט אייך גאָט העלפן און איר וועט טרעפן אימיצן וואָס ווייס פון דער קרעטשמע און ער וועט אייך ווייזן דעם וועג. יאַנקל זיס־יאָר איז אָבער שווער געווען צו איבערלאָזן דעם אָרימאַן אין דער ליכטיקער קרעטשמע, וואָס זיצט אין אַ ווינקל נידעריקער פון זיין הויכן האָרב, און ער האָט ביי אים געפרעגט מיט צער:

— און וואָס וועט איר טון?

„מיר איז שווער אַרומצוגיין, זיץ איך דאָ אין קרעטשמע אויף אַ קלעצל און קוק אויף די ברעקלעך וואָס פאַלן אַראָפּ אויף דער ערד, אפשר וועלן די מענטשן אויך אַ קוק טון אויף מיר און וועלן דערזען וואָס עס ווערט פון זייער גאווה, מיט וועלכער זיי באַרימען זיך אויף די רייכע זאַטע טישן" און ער האָט אַרויסגעשיקט דעם יידן מיט אַ ברכה: „גייט געזונטערהייט"...

איז יאַנקל זיס־יאָר אַוועק איבער דער וועלט אָנגעגורט מיט כוח ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַרויס פון דער היים; ער האָט אויפגעהערט זאָרגן ווער וועט העלפן דעם וויב געבן עסן דער בהמה מיטן באָק. ווער וועט אַרויסציען אין פראָסט די קליוטשקע מיט עמער וואַסער פון ברונעם און ווער וועט אָנטראָגן האָלץ אין שטוב; ער איז נישט מיד געוואָרן גיין און איז נישט פאַרמאַטערט געוואָרן פרעגן, ער האָט אָבער אומעטום געהערט בלויז איין ענטפער:

— אַן אָרימאַן, אַ פוסגייער, ווער קען דאָס דערקענען די בעטלער, וואָס גייען אַרום איבער דער וועלט.

נאָר איין מאָל האָט ער דערזען ווי אויפן מיטן וועג שטייט אַ הויכער ייד מיט אַ קליינער שוואַרצער בערדל און טאַפּט מיט די הענט די לופט. האָט יאַנקל זיס־יאָר פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט נעבעך אַ בלינדער פאַרבלאָנדזשעט, האָט ער ביי אים נישט געפרעגט אויף דער קרעטשמע מיטן בחורל, ער זאָל נישט פאַרשעמען קיין סגי נהור, ער האָט זיך אָבער אָפּגעשטעלט, אָנגענומען דעם יידן פאַר דער האַנט און האָט געפרעגט ביי אים:

— ר' ייד, וווהין דאַרפט איר גיין, וועל איך אייך צופירן?

— איך גיי אַרום איבער דער וועלט — האָט דער בלינדער אַ זיפץ געטון; בין איך אַרויס פון קרעטשמע אין דרויסן און קען צוריק דעם וועג נישט טרעפן, אָט דאָ דאַרף זיין די קרעטשמע, — האָט ער אויסגעצויגן די האַנט.

האָט יאַנקל זיס־יאָר אַריינגעפירט דעם בלינדן אין קרעטשמע און האָט אַליין געוואָלט אַוועקגיין.

— ניין — האָט דער בלינדער אויסגעשטרעקט די האַנט — איצ־טער וועט איר מיך אַוועקשטעלן צו מזרח; איך דאַרף דאַווענען מנחה, וויל איך וויסן וווּ צו שטיין שמונה עשרה.

אין קרעטשמע זענען געזעסן די וואַלד־סוחרים מיט זייערע מענטשן, זיי האָבן געמאַכט זייערע חשבונות און אויסגערעכנט זייערע פאַרדינסטן און זיי האָבן זיך נישט אומגעקוקט ווי דער בלינדער ייד האָט געדאַוונט מנחה. נאָר דאָס דאַווענען איז געוואַקסן איבערן קרעטשמע ווי אַ מנין יידן וואָלט געדאַוונט, און האָט דערטרונקען אין זיך דאָס געשריי פון די סוחרים. יאַנקל זיס־יאָר האָט פאַרנומען יעדעס וואָרט פון דעם בלינדנס מנחה און האָט געטראַכט אַז אַזאַ ייד דאַרף וויסן פון דער קרעטשמע מיטן יונגן בחורל. האָט ער זיך שוין נישט געאיילט אַוועקגיין און זיך אַוועק־געשטעלט צוזאַמען מיט דעם בלינדן יידן דאַווענען מנחה. נאָכן דאַווענען האָט זיך יאַנקל זיס־יאָר פונאַנדערגערעדט מיט דעם בלינדן יידן, גע־פרעגט ביי אים ווי לאַנג גייט ער אַרום איבער דער וועלט, וווּ זיצט ער ווינטער אין די קעלטן און ווער פירט אים זומער איבער די וועגן.

— זומער גיי איך אַרום איבער דער וועלט מיט די אָרימע לייט, מיט די וואָס האָבן, דאַנקען גאָט, אויגן, זיי פעלט אָבער, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַן אַנדער אבר, ווייזן זיי מיר דעם וועג.

האָט יאַנקל זיס־יאָר אַ טיפן זיפץ געטון אויף דעם מענטשנס אומ־גליק. נאָר דער בלינדער איז נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך און ער האָט געוואָלט אָפּטון די זאָרג פון דעם יידן, האָט ער אים אָנגעהויבן געבן צו פאַרשטיין:

— „מיר איז פינצטער די וועלט, אָבער גאָטס תורה לייכט מיר אין די אויגן, זיץ איך ווינטער דאָ אין קרעטשמע און דאַוון דריי מאָל אַ טאָג, זאָג אָפּ דעם יום תהילים, זאָלן די מענטשן זען ווי גאָטס וואָרט לייכט ליכ־טיק אין די אויגן, וועלן זיי אפשר פאַרשטיין ווי פינצטער עס איז זייער וועלט".

— אפשר ווייסט איר אויך פון דער קרעטשמע? האָט יאַנקל זיס־יאָר אָנגעהויבן פרעגן.

— דאָס בחורל — האָט זיך פאַרצויגן מיט פרייד דאָס פּנים ביי דעם בלינדן — ער וועקט אויף זומער מיט זיין געזאַנג די פייגל אין וואַלד און ווינטער פלאַנצט ער איין מיט זיינע רייד גאָטס תורה ביי די קינ־דער אין האַרצן.

— יאָ, יאָ, — האָט יאַנקל זיס־יאָר שטיל און ציטעריק איבערגע־חזרט.

— ער זיצט נישט ווייט פון דאַנען; אַז איך גיי אַרויס אַמאָל ביי־נאַכט אין דרויסן, און אין גאַס איז שטיל, די שיכרות פון דער קרעטשמע האָט זיך שוין אויסגעוועפּט, און מיר דוכט זיך אַז איך הער ווי די שטערן ברעקלען זיך פון זייער ליכטיקייט, הער איך אויך די קלאַנגען פון זיין לערנען.

— איך קען אים אָבער נישט געפינען... — איז יאַנקל זיס־יאָר פאַר־אומערט געוואָרן.

— איך וועל אויסמאָלן פאַר אייך דעם וועג, וועט איר אים געפי־נען. — און דער בלינדער האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען:

— אַז איר וועט אַרויסגיין פון דער קרעטשמע, זאָלט איר אַראָפּ־גיין פון טראַקט און זיך נעמען אויף רעכטס, וועט איר דערזען אַ הויכן בוים מיט פונאַנדערגעלאָזענע צווייגן, הינטער דעם בוים הייבט זיך אויף אַ באַרג. אַז איר וועט צוקומען צום באַרג, זאָלט איר זיך גוט אַרומקוקן אין אַלע זייטן, וועט איר דערזען אַ שמאָלע וועגעלע און דאָס סטעזשקעלע וועט אייך אַרויספירן אויפן באַרג. פון שפּיץ באַרג נעמען זיך אַ סך וועגן אין טאָל, איר זאָלט אָבער גיין אויף לינקס — צו דער לינקער האַנט. אויף דעם וועג שטייט אַ גרויסע קרעטשמע מיט אַ סך סטאַדאָלעס, דאָרטן זיצט אָבער נישט דאָס בחורל. טאָמער וועט איר זען לעבן דער קרעטשמע מענטשן, זאָלט איר ביי זיי נישט פרעגן דעם וועג, ווייערט זאָגן זיי „גאָט העלף" און אַוועקגיין ווייטער. דערנאָך וועט איר דערזען אַ ברייטע קרעטשמע מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם דאַך, אָן סטאַדאָלעס, וואָס שטייט אָפּגערוקט פון וועג אין דער נידער; דאָרטן זיצט דאָס אָרימע בחורל און לערנט מיט די קינדער".

יאַנקל זיס־יאָר איז געגאַנגען מיטן וועג וואָס דער בלינדער אָרימאַן

האָט אויסגעמאָלן פאַר אים, ער האָט געפונען אַלע סימנים, וואָס ער האָט אויסגערעכנט, גלייך ווי זיי וואָלטן געשטאַנען און געוואַרט אויף אים. נאָר אַז ער איז געקומען צו דער גרויסער קרעטשמע, האָט ער פּלוצלינג דערזען פאַר די אויגן אַ שוואַרצן פינצטערן וואַלד.

האָט ער זיך דערשראָקן: „מסתמא האָט ער פאַרבלאָנדזשעט"... קוקט ער זיך אַרום אין אַלע זייטן: „הינטער אים זעט זיך דער הויכער באַרג — אויפן וועג שטייט די גרויסע קרעטשמע, לעבן דער קרעטשמע שטייען בעל־עגלות, דיליזשאַנסן, סוחרים, זיי טוען אָנלאָדן סחורה אויף די וועגענער און קוקן זיך איין אויף אים ווי זיי וואָלטן זיך געחידושט פון וואַנען קומט אַהער אַ פרעמדער ייד.

וויל שוין יאַנקל זיס־יאָר פרעגן ביי זיי דעם וועג, ער האָט זיך אָבער דערמאָנט וואָס דער בלינדער אָרימאַן האָט אים פאַרזאָגט, האָט ער איינגעביסן זיין באָרד אין די ציין און האָט בלויז אויסגערעדט: „גאָט העלף" און איז אַוועקגעגאַנגען ווייטער.

ערשט ער זעט אַז דער וואַלד איז נישט קיין געדיכטער, די צווייגן לאָזן זיך אַראָפּ שיטערע, און איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט, איז ער דורכגעגאַנגען דעם וואַלד; און אָט־אָ שטייט די ברייטע קרעטשמע מיט דעם אַראָפּגעלאָזענעם דאַך אין דער נידער פון באַרג, אָפּגערוקט פון וועג, אַ קרעטשמע אָן סטאַדאָלעס...

אַז יאַנקל זיס־יאָר איז אָבער אַריין אינעווייניק אין שטוב, האָט ער נישט דערזען דאָס יונגע בחורל, וואָס לערנט מיט קינדער, נאָר ביי דעם לאַנגן טיש זענען געזעסן אין דעם טונקעלן פאַרנאַכט גויים אין גרויסע קאָזשוכעס און האָבן געטרונקען בראָנפן, געוויכערט די ליולקעס און געשריגן זייערע רייד. איז אים באַפאַלן אַ שרעק, אַ פחד, גאָט ווייס וועמען ער האָט געטראָפן אויף די וועגן וואָס ער האָט געוואַנדערט; זיי, די נישט־גוטע, האָבן זיך פאַרשטעלט אין אַלערליי געשטאַלטן ביז זיי האָבן אים פאַרפירט אַהער אין כף הקלע צו דער קרעטשמע. האָט ער אָנגענומען שטייפער זיין טלית און תפילין, האָט זיך געכאַפּט פאַר די ציצית און האָט געוואָלט אַרויסלויפן אין דרויסן, נאָר פּלוצלינג האָט ער דערהערט ווי דאָס קול פון גאָטס תורה קלינגט אין די ווענט פון דער קרעטשמע. איז ער נאָכגעגאַנגען אין קרעטשמע נאָכן קול און האָט דערזען אַביסל ווייטער, אין עק פון שטוב, הינטער דעם רויך פון די גויים, זיצט אַ יונג

בחורל אין אַ ווינקל און לערנט ביי אַ טיש מיט דריי ייִנגלעך חומש.

יאַנקל זיס־יאַר האָט נישט געוואָלט איבערשלאָגן דאָס לערנען, האָט ער זיך אָפּגערוקט פון די גויים זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קלעצל און האָט זיך איינגעהערט ווי דער רבי האָט גערעדט צו די ייִנגלעך אַזוי צו זאָגן:

— געדענקסטו טעוועלע ווי דו ביסט געשטאַנען אונטערן באַרג סיני?

טעוועלע האָט זיך פאַרחידושט: „איך”? ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, אַ קוק געטון אויפן רבין און האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך פאַר אימיצן פאַרשעמט.

— דו געדענקסט נישט? — האָט דער רבי נאָך אַמאָל איבערגע־פרעגט און אָנגעהויבן דערציילן מיט אַ ניגון וואָס האָט זיך איבערגעגאָסן פון טרויער אין פרייד:

— דאָס איז געווען ביום השלישי, אויפן דריטן טאָג, אָט אַזוי ווי היינט; טאָ זאָגט קינדערלעך וואָס איז היינט?

דערפרייען זיך די ייִנגלעך וואָס זיי קענען ענטפערן דעם רבין אויף דער קשיא און זאָגן אין איין קול: „דינסטיק, היינט איז דינסטיק!”

— טאָ הערט זיך איין קינדערלעך, ווי אין דער תורה שטייט גע־שריבן, און ווי מיין רבי האָט מיט מיר געלערנט:

— און דינסטיק, בהיות הבקר, אַז עס איז געוואָרן פרי, ווי עס איז געוואָרן טאָג און די זון איז אויפגעגאַנגען; און דאָס איז אויך געווען בחדש השלישי, אין דעם דריטן טאָג פון וואָך פון דעם דריטן חודש; איר ווייסט פאַרוואָס? — לאָזט אַראָפּ דער רבי דאָס קול ווי ער וואָלט גע־דאַרפט אַנטפּלעקן אַ סוד. די ייִנגלעך קוקן אויף אים, ווי ער בייגט איין זיין קאָפּ, און שווייגן. „בעוויל — ציט אויס דער רבי דאָס וואָרט — ביי הקדוש ברוך הוא איז אַלע מאָל געליבט דער דריטער: פון אונדזערע דריי אָבות אברהם, יצחק ויעקב, איז יעקב דער געליבסטער; פון עמרמ׳ס קינדער: מרים, אהרן, משה, איז משה געווען דער באַליבטער, טאָ זעט איר קינדער, אַז פון אייך דרייען, זאָל יעדערער ווערט זיין צו זיין דער דריטער, כדי ער זאָל זיין דער געליבטער ביי דעם אויבערשטן” — האָט דער רבי אויסגעצויגן זיין בליק אויף די תלמידים און ווייטער דערציילט: „דעריבער האָט הקדוש ברוך הוא געוואָרט צו געבן די תורה ביז עס איז געקומען בחדש השלישי — דער דריטער חודש, ביום השלישי — דער

דריטער טאָג דינסטיק און גאָט ברוך הוא האָט געבאָטן די יידן זיי זאָלן זיך הייליקן דריי טעג; איר זעט, קינדערלעך, אַלץ דריי; און אויף דעם דריטן טאָג דינסטיק האָט גאָט געגעבן די תורה צו די יידן" — אָטעמט איין דער רבי די לעצטע ווערטער און ווערט אַנטשוויגן.

נאָך פלוצלינג הייבט ער זיך אויף פון בענקל, שטעלט זיך אַוועק, גלייכט זיך אויס און שאלט אַרויס: „ויתיצבו!“

די יינגלעך האָבן אַ ציטער געטון ווי אימיצער וואָלט אַ שאָקל געטון זייער באַנק, זיי האָבן זיך אויך אַוועקגעשטעלט; זיי שטייען צוזאַמען מיטן רבין, קוקן זיך איין אים און הערן זיך איין ווי זיין קול קלינגט איבער זיי גלייך ווי די ווערטער וואָלטן זיך אַראָפּגעקייקלט פון דעם באַרג, וואָס איז געגעבן געוואָרן די תורה.

— און די יידן האָבן זיך געשטעלט בתחתית ההר אונטערן באַרג סיני; דער בורא עולם האָט אויסגעריסן דעם באַרג פון זיין אָרט, אונטער אים זאָלן זיך קענען אַוועקשטעלן אַלע יידן וואָס זענען אַרויס פון מצרים און אַלע נשמות וואָס זענען געבוירן געוואָרן און וועלן געבוירן ווערן.

דער באַרג סיני איז געווען איינגעוויקלט אין אַ שווערן וואָלקן און זיין רויך איז אויפגעגאַנגען אַזוי ווי דער רויך פון קאַלך־אויוון, און דער באַרג האָט זיך געשאָקלט און די ערד האָט געציטערט אונטער די טריט פון ישראל; און אונטערן באַרג זענען געווען פאַרזאַמלט אַלע יידן פון דער וועלט; די וואָס זענען געווען און די וואָס וועלן קומען, אונדזערע טאַטעס און זיידעס, איך און איר קינדערלעך און אונדזערע קינדער און קינדס קינדער; און שישים רבוא מלאכים — זעכציק מאָל צען טויזנט פון די מלאכי השרת זענען אַראָפּגעגאַנגען פון הימל און אָנגעטון אויף אונדז אַלעמען צוויי קרוינען איינע פאַר „נעשה“ און איינע פאַר „נשמע“, בעווייל מיר אַלע, איך און איר קינדערלעך האָבן געענטפערט נעשה ונשמע, ווען גאָט האָט אַראָפּגענידערט אויפן באַרג סיני; און פון שפּיץ באַרג האָט ער גערעדט צו זיין פאָלק ישראל“.

און דער רבי האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט ביי טעוועלען אויפן אַקסל, פאַרריכט זיין היטעלע וואָס האָט זיך אַראָפּגערוקט אויפן שטערן, אַ גלעט געטון אים איבערן בעקל און נאָך אַמאָל ווייך איבערגעפרעגט:

— טעוועלע, דו האָסט פאַרגעסן ווי גאָט האָט געזאָגט „אנכי“; דו

געדענקסט נישט ווי דער בורא עולם האָט געבאָטן די אַלע מצוות פון דער תורה, וואָס אַ ייד דאַרף אָפּהיטן?

— נייך, איך האָב נישט פאַרגעסן; איך געדענק, איך געדענק — ענטפערט טעוועלע ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ דרעמל.

— טאָ זאָג איבער נאָך אַמאָל, דו זאָלסט ווידער נישט פאַרגעסן: „אנכי ה׳ אלוהיך!״ ער טוט אַ קוק אויף דעם אַנדערן יינגל און פרעגט ביי אים?

— זאָג הירשעלע, האָסטו געזען ווי די אדלערס זענען געפלויגן אונ־טער די וואָלקנס, ווייל זיי פליען העכער פון אַלע פייגל און הקדוש ברוך הוא האָט געטראָגן די קינדער פון ישראל אויף זייערע פליגלען?

— איך האָב געזען — שרייט אויס הירשעלע — איך האָב געזען ווי די אָדלערס פליען העכער פון אַלע פייגל.

— טאָ לאָמיר איבערחזרן נאָך אַמאָל וואָס מיר האָבן געהערט אונ־טערן באַרג סיני, וואָס הייסט אויך מדבר קודש, ווייל אונטער דעם באַרג זענען מיר אַלע, אַלע יידן פון דער וועלט געהייליקט געוואָרן פאַר אַ היי־ליק פאָלק, פאַר אַ קעניגרייך פון האַרן, און לאָמיר זאָגן ווייטער: לא תעשה לך פסל...

— און דו בערעלע — רופט זיך אָן דער רבי צו דעם קלענסטן ייג־געלע — האָסט געהערט ווי דאָס קול פון שופר האָט געבלאָזן שטאַרק?

און בערעלע, וואָס האָט די גאַנצע צייט געקוקט מיט אָן אָפענעם מויל אויפן רבין, און געציטערט, אַז ער זאָל אויף אים נישט פאַרגעסן, האָט זיך קוים דערוואַרט אַז דער מלמד זאָל ביי אים אויך פרעגן די זעל־בע פראַגע, האָט אויסגערעדט מיט טרערן אין די אויגן:

— „איך געדענק רבי ווי איך בין געשטאַנען מיטן טאַטן אונטערן באַרג סיני״.

האָט זיך דער רבי צוריק אָוועקגעזעצט אויפן בענקל און שטיל גע־זאָגט: „איצטער קינדערלעך, אַז איר האָט זיך דערמאָנט ווי מיר זענען אַלע געשטאַנען אונטערן באַרג סיני, וועל איך ביי אייך פרעגן: ווייסט איר קינדערלעך ווו מען האָט גענומען דעם שופר?״ און דער רבי האָט נישט געוואַרט ביז די קינדער וועלן ענטפערן און האָט אַליין דערציילט:

— דעם שופר האָט מען געמאַכט פון דעם האָרן פון דעם איל, פון דעם באַראַן, וואָס איז געשטאַנען אויפן הר המוריה, איינגעדרייט מיט

זיינע הערנער אין די דערנער און געוואַרט אברהם זאָל אים ברענגען פאַר אַ קרבן אויפן אָרט פון זיין זון יצחק און אָט פון דעם שופר האָט מען געבלאָזן — האָט דער רבי אויפגעהויבן זיין קול — ווען מיר אַלע זענען געשטאַנען אונטערן הר סיני, דער באַרג וואָס הייסט אויך מדבר קדמות, בעוויייל אויף דעם באַרג איז געגעבן געוואָרן די תורה, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פאַר בריאת העולם — פאַרן וועלט באַשאַף, טאָ לאָמיר קינדערלעך אַלע צוזאַמען לערנען וואָס עס שטייט געשריבן אין דער תורה:

„זכור את יום השבת לקדשו
כבד את אביך ואת אמך".

יאַנקל זיס־יאָר האָט זיך געשטאַרקט און איז נישט צוגעגאַנגען צו דעם רביס טיש, כדי ער זאָל אים נישט איבערשלאָגן אין לערנען; ער איז געזעסן אָן אַ זייט, פון דער אַנדערער זייט פון די גויים און האָט געלאָזט דער רויך פון זייערע ליולקעס זאָל צודעקן זיין געלע באָרד, כדי דער רבי זאָל אים נישט דערזען.

ער האָט זיך איינגעהערט ווי דער רבי האָט זיך געטון דערמאָנען צוזאַמען מיט די ייִנגלעך ווי אַזוי זייערע נשמות האָבן געפלאַטערט אונטערן באַרג סיני, און ער האָט געציטערט מיט זייער פרייד, גלייך ווי ער וואָלט געשמעקט מיט זיינע נאָזלעכער דעם זיסן ריח פון בשמים, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער דער גאַנצער וועלט, ווען אַלע יידן — די וואָס זענען געווען און די וואָס דאַרפן קומען — האָבן געשווירן צו אָפּהיטן אַלע געבאָטן פון די עשרת הדיברות. ער האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דעם מלמד און האָט זיך נישט געקענט אָפּחידושן: „נאָך גאָר אַ יונג בחורל, עס האָט זיך ערשט באַוויזן ביי אים חתימת זקן און טוט אַזוי טיף אַנטפּלעקן פאַר די קינדער די פאַרבאָרגענישן פון תורה, און ווו לערנט ער די תורה", האָט ער געטראַכט מיט ערפורכט, ווי ער וואָלט שטילערהייט געזאָגט אַ לויב צו גאָט ברוך הוא, „אין אַן אַלטער קרעטשמע אויפן מיטן פעלד, צווישן גויים וואָס זיצן אַרום אים און רעדן זייערע פּראָסטע רייד, און שיכורן און פרעסן".

און אַז ער האָט אַ קוק געטון ווי די פויערים האָבן זיך אויסגעשפרייט אַרום טיש און זענען איינגעוויקלט אין דעם געדיכטן רויך פון מאַכאָרקע אין באַקון, וואָס ציט זיך פון זייערע ליולקעס, און דאָס קול פון לערנען הערן זיי נישט און דאָס פּנים פון דעם מלמד זעען זיי נישט

— איז אים אַרויף אויפן זינען אַז דער אויבערשטער האָט איינגעוויקלט דעם באַרג סיני אין רויך כדי זיי, די אומות העולם, זאָלן זיך נישט קע־נען איינקוקן ווי ער גיט די תורה צו די יידן.

ער האָט זיך געפרייט וואָס די יידן האָבן געענטפערט „נעשה ונשמע״ און די תורה איז געבליבן ביי דעם פאָלק ישראל און נישט ביי די גויים; ער האָט אָבער נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס איז דער רבי אַזוי אומע־טיק געוואָרן נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעלערנט מיט די יינגלעך — איז ער צוגעגאַנגען צו דעם מלמד, האָט אים געגעבן שלום און האָט געפרעגט ביי אים:

— „רבי, פאַרוואָס זייט איר אַזוי פאַראומערט? די תורה איז דאָך דאַנקען גאָט ביי אונדז״, און ער האָט אַ קוק געטון מיט ביטול אויף די פויערים וואָס זענען געזעסן ביי דעם לאַנגן טיש: „זיי האָבן דאָך נישט געוואָלט...״

דער רבי האָט אָפּגעגעבן שלום דעם יידן, אַ קוק געטון אויף דעם אורח און האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. דערנאָך האָט ער שטיל געפרעגט:

— פון וואַנען איז אַ ייד, ווי רופט מען אייך?

— איך בין פון דאָרף ניסטעראָוויטש און מיין נאָמען איז יאַנקל. און פון וואַנען זענט איר רבי? איר קנעלט שוין דאָ לאַנג אין קרעטש־מע? — האָט יאַנקל זיס־יאַר געוואָלט אַריינציען דעם מלמד אין אַ שמועס.

נאָר דאָס יונג בחורל האָט קיין סך נישט גערעדט. ער האָט בלויז געענטפערט:

— איך גיי אַרום איבער דער וועלט און מען רופט מיך פישל.

— „איר גייט אַרום איבער דער וועלט״, האָט יאַנקל זיס־יאַר גע־זאָגט ווי ער וואָלט נאָכגערעדט דעם רבים רייד, „איר לערנט מיט קינ־דער און איר טראָגט די פרייד פון גאָטס תורה״... און ער האָט נישט גע־קענט באַהאַלטן זיין חידוש: „טאָ פאַרוואָס איז ביי אייך דאָס פנים פאַר־צויגן מיט אַזאַ אומעט?״

און פישל דער מלמד האָט געקוקט אויפן אורח און האָט זיך אויך געחידושט; ער האָט געטראַכט: „ער לערנט שוין דאָ אין קרעטשמע מער ווי אַ האַלבן ווינטער און יעדעס מאָל, ווען ער פאַרמאַכט דעם חומש, פאַלט אויף אים אָן די זעלבע בענקעניש נאָך דעם ליכט, וואָס איז פאַר־

באָרגן אין די זומערדיקע סדרות פון דער תורה, נאָר קיינער האָט עס נישט דערזען, און דאָ איז געקומען אַ פרעמדער ייד און האָט גלייך דער־קענט זיינע רעיונות. האָט ער געעפנט זיין האַרץ פאַר יאַנקל זיס־יאָר און האָט אים דערציילט אַזוי צו זאָגן:

— איך האָב ווינציק געלערנט און דאָס וואָס איך האָב געלערנט האָב איך פאַרגעסן, מסתמא בין איך נישט ווערט ביי דעם רבונו של עולם אַז איך זאָל טראָגן זיין תורה. איך געדענק בלויז די עשרת הדיברות, נאָר די אותיות שיינען מיר, דאַנקען גאָט, מיט אַזאַ ליכטיקייט אַז זיי אַנט־פּלעקן פאַר מיר נאָך אַ וואָרט, נאָך אַ פּסוק פון חומש און איך האָב אויך דערזען דעם טייטש פון בראשית און שמות. איך האָב זיך אויסגעלערנט די ווינטערדיקע סדרות וואָס מען לערנט ווינטער מיט די קינדער; לערן איך ווינטער חומש מיט די קינדער און זומער גיי איך אַרום איבער דער וועלט — אָט אַזוי ווי די אָרימעלייט די בעטלער ציען זיך פון אָרט צו אָרט. און פישל האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ: „טאָ ווי אַזוי קען איך זיין פריילעך, ווען איך טו זיך דערמאָנען אַז באַלד וועט איבערגיין דער ווינ־טער און איך וועל מער נישט קענען לערנען קיין חומש מיט די קינדער, בעוויל איך וויים נישט דעם טייטש פון די זומערדיקע סדרות, און איך וועל ווידער דאַרפן אַוועקגיין איבער דער וועלט״.

יאַנקל זיס־יאָר האָט פאַרנומען דעם אומעט וואָס האָט זיך געצויגן פון פישלס רייד און ער האָט זיך געשעמט מיט דער פרייד וואָס האָט גע־קוועלט פון אים. ער האָט אָבער נישט געקענט באַהאַלטן זיין שמחה, וואָס עס איז מקוים געוואָרן צאַליע דעם ציגעלניקס ברכה; גאָט האָט אים צו־געשיקט אַ מלמד פאַר זיינע קינדער און ער דאַרף דעם מלמד נישט צו־נעמען ביי קיין אַנדערע יידישע קינדער. האָט ער זיך אָנגערופן צו פיש־לען:

— צו וואָס דאַרפט איר אַרומגיין זומער איבער דער וועלט, אַז איר קענט ווערן ביי מיר אַ מלמד אין דעם דאָרף ניסטעראָוויטש; מיינע צוויי יינגלעך, דאַנקען גאָט אַ צווילינג, דאַרף מען ערשט ווייזן דעם א״ב און ביז וואַנען זיי וועלן אָנהייבן לערנען חומש, וועט דער אויבערשטער אייך העלפן און איר וועט אויך דערזען דעם טייטש פון די זומערדיקע סדרות.

ט

פישל האָט אָפּגעלערנט דעם ווינטער מיט די דריי ייִנגלעך אין דער קרעטשמע, וואָס איז געשטאַנען אין דער נידער פון דעם באַרג, און אויף זומער איז ער אָנגעקומען פאַר אַ מלמד צו יאַנקל זיס־יאָר אין דעם דאָרף ניסטעראָוויטש. די ערשטע פּאָר טעג האָט ער זיך נישט אויפגעפירט ווי קיין רבי, וואָס איז געקומען לערנען מיט די קינדער, נייערט ווי אַ פּוס־גייער, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען פון אַ ווייטן מהלך און וויל פרעגן דעם וועג ווייטער. ער האָט נישט געוויזן די ייִנגלעך קיין אות אין סידור, ער האָט בלויז אַ קוק געטון אויף זיי פון ווייטן, האָט געהאַלפן זיי ווען זיי האָבן עפּעס געדאַרפט דערלאַנגען פון טיש, אָדער אַראָפּנעמען פון אַ פּאָליצע, און אַז זיי האָבן גענומען אַ שטיקל ברויט אין האַנט האָט ער שטיל געפרעגט: „און אַ המוציא האָסטו געמאַכט?"

האָט הערשעלע באַוויזן אַז ער קען מאַכן אַ המוציא און יאָסעלע האָט זיך איבערגענומען אַז ער קען אָפּזאָגן שנעלער די עטלעכע ווערטער, האָט פישל אַ גלעט געטון ביידע קינדער פאַר די בעקעלעך, פאַרריכט די היטע־לעך אויף זייערע קעפּ און איינגערעדט זיי: „קינדערלעך, מען דאַרף זיך נישט יאָגן ווען מען מאַכט אַ המוציא; אַז איר וועט זיך נישט איילן וועלן די הייליקע ווערטער נישט אַנטלויפן פון מויל און זיי וועלן בלייבן ליגן אויפן צינגעלע ווי זיסער צוקער".

ער האָט אַ קוק געטון די קינדער אין די אויגן, זיך אַוועקגעשטעלט נענטער לעבן זיי און געפרעגט, ווי ער וואָלט זיך געשפּילט מיט זיי אין אַ שפּיל:

— אמת, די ווערטער זענען זיס אין מויל?

ביידע ייִנגלעך האָבן אַרויסגעשטעלט די צינגעלעך און געלאַכט: „זיס, זיס!" זיי האָבן אויסגעצויגן די הענט, געעפנט און פאַרמאַכט די פינגער און באַוויזן דעם רבין: „אָט אָ זענען זיי, די המוציא!"...

האָט דער רבי ווייטער געלערנט די קינדער:

— מען דאַרף אויך מאַכן אַ ברכה ווען מען נעמט אַ טרונק וואַסער.

די קינדער האָבן מער נישט געוואָלט פאַרנעמען דעם רביס רייד און האָבן געשלעפּט אים פאַר די פּאָלעס, פאַר די הענט אין דרויסן ווייזן אים דעם ברונעם, ווו מען שעפּט אָן וואַסער.

פישל איז אַרויס מיט די צוויי ייִנגעלעך אין גאַס און האָט שפּאַצירט

מיט זיי פאַמעלעך איבערן הויף. אַז דער באָק האָט דערזען אַ פרעמדן מענטשן צוזאַמען מיט די קינדער, האָט ער אַ דריי געטון מיטן בערדל, אָנגעשטעלט די הערנער און געוואָלט אָפּטרייבן דעם פרעמדן מענטשן פון די יינגלעך. הערשעלע מיט יאָסעלען האָבן אָנגעכאַפּט דעם באָק פאַר די הערנער, פאַר דער מאָרדע, געצויגן אים פאַרן בערדל און זיך איבערגע־גומען פאַר דעם רבין:

— „דאָס איז אונדזער באָק, ביי די גויים איז נישטאָ אַזאַ באָק. זיי האָבן חזירים!"

— ווו האָט איר גענומען אַזאַ גרויסן באָק? האָט זיך דער רבי פאַר־חידושט.

— ווו? האָבן די יינגלעך אויסגעשריגן, און נאָך אַמאָל איבערגע־חזרט: „דאָס איז אונזער באָק! די מאַמע גיט אים עסן פון אַ שיסל... זיי האָבן אָנגעכאַפּט דעם באָק פאַרן בערדל און אַ קוק געטון אויפן רבין: „ער האָט אַ באָרד ווי ביי אַ מענטשן"...

— זעט טאַקע אויס ווי אַ בן אדם, — האָט פישל אויסגערעדט און ער האָט אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס ער האָט אַ ציטער געטון. ער האָט זיך אָבער אָנגעשטרענגט, אַ גלעט געטון דעם באָק איבערן קאָפּ און אַרויסגעזיפצט: „קען נעבעך נישט רעדן"...

— „ער מעקעט", האָבן די קינדער געגעבן צו פאַרשטיין דעם רבין און צוגעפירט נענטער צו אים דעם באָק.

דער באָק האָט אַרומגעשמעקט דעם נייעם מענטשן און איז נישט אָפּגעטראָטן פון פישלען מיט די קינדער; ער איז אַרויס אַפריער, זיך אָפּ־געשטעלט פון הינטן און זיך אויסגעגלייכט מיט זיי. פישל האָט זיך איינ־געקוקט ווי דער באָק גייט שווער און סאָפּעט און געטראַכט: „אַן אַלטער באָק, מסתמא זענען דאָ ציגן אויך געווען". האָט ער געפרעגט ביי די קינ־דער: „און אַ ציגעלע האָט איר אַמאָל געזען?"

— א ציגעלע?! — האָבן די יינגלעך אויסגעשריגן און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, האָבן זיי אָנגעכאַפּט דעם באָק פאַר די הערנער, גע־צויגן אים פאַר דעם בערדל און געוואָלט זיך מיט עפּעס אויספּיינען אין זייער שפּיל.

— „דאָ זענען קיין ציגעלעך נישט געווען", האָט פישל אָפּגעמאַכט ביי זיך און זיין חידוש איז געוואָרן גרעסער: „טאָ פון וואַנען קומט אַהער אַ באָק?"

אַז ער האָט אָבער געזען ווי יאַנקל זיס־יאָר היט אָפּ די בינשטאָקן אין גאָרטן און גנענדל גוט־שבת, קאָרמעט דעם באָק פון דעם זעלבן עסן וואָס דאָס הויז־געזינד עסט, האָט ער זיך נישט געוווּנדערט פאַרוואָס דער באָק גיט אַכטונג אויף די קינדער און אים איז נישט קשה געווען פאַרוואָס מען האַלט דאָ דעם באָק אין שטוב.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אָנגעקומען אין אַן ערלעכער, גאָטס־פאָרכטיקער יידישער שטוב, וואָס וויל מקיים זיין די מצווה און אָפּהיטן אַן עלנטע באַשעפעניש, אַפילו דעמאָלט, ווען זיי האָבן נישט קיין נוצן פון דעם, אָט אַזוי ווי זיי האַלטן טייער דעם כבוד פון אַ מענטשן, איז ער געבליבן אַ מלמד ביי יאַנקל זיס־יאָר און אָנגעהויבן לערנען מיט זיינע יינגלעך.

**
*

דוואָשען איז אָבער פישל נישט געפעלן געוואָרן; זי איז געווען נישט צופרידן, וואָס אין שטוב איז אָנגעקומען אַ פרעמדער מענטש. און איר האָט זיך געדוכט אַז דאָס הויז איז פּלוצלינג ענגער געוואָרן. זי האָט זיך געשראָקן, אַז דער מלמד, וואָס גייט אַרום מיט די ברידערלעך איבערן הויף, וועט זי היטן אָט אַזוי ווי דער באָק שלעפּט זיך נאָך איר נאָך, און זי וועט נישט קענען אַוועקשטעלן קיין טראָט אין גאָס. אַז זי האָט אַ קוק געטון אויף פישלען, האָט זי פאַרקרימט דאָס פּנים: „ביי אים קרייזלט זיך די באָרד ווי פוך קריכט אַרויס פון אַ קישן און ער גייט אַזוי שטיל, אַז ער גייט אויס אין זיינע טריט" און זי האָט זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט, זי זאָל אים נישט זען. איר האָט זיך אָבער געדוכט, אַז ווו זי טוט זיך נישט אַ קער, קומט איר אַנטקעגן פישל, שטעלט אַן ברייט און אָפּן זיינע אויגן און פרעגט עפּעס ביי איר. האָט זי אָנגעהויבן נאָגן דער מאַמען:

— „מאַמע, איך שעם זיך פאַר אים"...

די מאַמע האָט איינגערעדט דוואָשען:

— „אַ יידישע טאָכטער דאַרף זיך שעמען; אַז גאָט וועט געבן"... האָט זי אַ קוק געטון אויף דעם מיידל, ווי זי וואָלט איר אַ גלעט געטון איבער די האָר, און אויפגעהויבן העכער איר ווירדע:

— „וואָס, אַזוי ווי די שיקסעס פון דאָרף?!"

דוואָשען האָט אָבער געצויגן צו די שיקסעס אין דאָרף און אַ געפיל

פון שנאה האָט זי אָפּגעשטויסן פון דעם בחור, וואָס דרייט זיך אַרום אויפן הויף ווי דער באָק. האָט זי אָפּגעהיט, ווען דער רבי איז אַוועק צו־זאַמען מיט די ברידערלעך און דעם באָק אין סאָד צו די בינשטאָקן, און איז אַנטלאָפן אין איילעניש מיט שרעק, ווי זי וואָלט זיך איבערגעגנבעט איבער אַ פרעמדן פּלויט, צו די שקצים און שיקסעס הינטער די שייערן.

אַז דוואָשע האָט דערזען, אַז דער באָק באַווייזט זיך נישט, ער גייט נאָך דעם רבין און נישט נאָך איר, איז זי געוואָרן רואיקער און אַרויסגע־לאָזן פריי און אָפן אַ גרויס געלעכטער, אַט אַזוי ווי די שיקסעס האָבן געקוויטשעט און געשריגן. זי האָט אָנגענומען אַ שיקסע פאַר די אַקסלען און געוואָלט אַראָפּנעמען ביי איר די פּאַטשערקעס פון האַלדז. די שיקסע איז געוואָרן אין כעס, פאַרוואָס זי וויל אַראָפּנעמען פון איר דעם חן און אָפּטון איר מזל, האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך דוואָשען און אָנגעהויבן לאַכן:

— זע, צו וועמען זי קריכט! ווו איז דיין כלאָפּעץ — דער בחור מיט דער באָרד, — דער באָק?

די איבעריקע פון דער הראַמאַדע האָבן זיך אָנגענומען פאַר דוואשען, האָבן געלאַכט:

— „נאַשאַ זשידאָוואַטשקאַ — אונדזער יידישקע! — פּאַמאַצאַי — נעם זי אַרום!‟ און אַריינגעשטופּט זי צו אַנטאָנען אין די הענט.

דוואָשע האָט נישט געזען ווער עס האָט זי אַ שטויס געטון, נאָר זי האָט קלאָר געהערט ווי נאַסטיע, די בייזע צויג, שרייט העכער פון אַלע־מען:

— נעם זי אַריין אין שייער. אין די היי!

אַנטאָן האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט. ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך, אַ קוש געטון איר אין פּנים און אַרויפגעלייגט די הענט אויף איר נאַ־קעטן לייב. דוואָשע האָט דערפילט אויף די באַקן די נאַסקייט פון זיינע ליפּן און איר האָט אַרומגענומען אַ שרעק פון דער וואַרימקייט וואָס האָט געקוועלט פון זיינע פינגער אויף איר לייב.

אַרום איז געוואָרן שטילער, די שיקסעס מיט די שקצים האָבן זיך דערווייטערט פון איר מיט אַנטאָנען און דוואָשען האָט זיך געדוכט, אַז זיי רוקן זיך בכיוון אָפּ ווייטער און ווייטער און וויבקן צו אַנטאָנען: „נעם זי אין שייער‟... זי איז איינע אַליין, קיינער היט זי נישט, אַנטאָנס הענט

ליגן טיף אויף איר לייב, זיי צאַפּלען זיך שווערע, גרויסע פונאַנדערגע־וואַקסענע איבער אירע בריסטן, זי גייט איין אין פחד, ווערט קלענער, גרינגער און אַט וועט ער זי באַלד אויפהייבן און אַרויפוואַרפן אויפן שפּיץ סטייג היי.

האָט זי זיך אָנגעהויבן בעטן: „אַנטאָן, לאָז מיך אָפּ, אַנטאָן, אַנטאָן, דער טאַטע גייט!...״

האָט אַנטאָן צוגענומען די הענט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און צע־ברעקלט בייז זיין געלעכטער צווישן די ציין. ער האָט געוואָלט פאַרשע־מען דוואָשען: „אַהאַ דו האָסט מורא פאַר דעם טאַטן״ און נאָכגעקרימט דער מאַמעס קול: „דוואָשע קום אַהער, ווו ביסטו?״ כדי צו דערוועקן ביי איר דעם שטאָלץ פון דערוואקסנקייט.

דוואָשען האָט זיך אָבער געדוכט, אַז ער רייצט זיך מיט איר און מאַכט חוזק פון איר טאַטע־מאַמע, האָט זי אים געוואָלט זאָגן אַ שאַרף וואָרט און אויסגעשריגן:

— „איך וועל מער נישט קומען!״ און איז אַנטלאָפן אַהיים.

דוואָשען האָט אָבער געצויגן ווייטער צו גיין אין דאָרף צו די שקצים מיט די שיקסעס, ביי איר איז אָפּגעגאַנגען דער כעס אויף אַנטאָ־נען, איר האָט זיך געוואָלט שטיין לעבן אים און זאָל נאָסטיע בייסן דעם ווינט מיט אירע בייזע ציין. נאָר זי האָט מורא געהאַט איינע אַליין קומען הינטער די שייערן. איז זי אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט פון שטוב און גע־וואָלט אַוועקגיין אין דאָרף, נאָר אַז זי האָט זיך דערמאָנט ווי די שיק־סעס קנוילן זיך צוזאַמען אין איין קנויל און זי בלייבט שטיין אַליין, האָט זי זיך אומגעקערט צוריק, געשטאַנען אַ ווײַלע, געפּרוווט ווייטער גיין, ווידער זיך אומגעקערט און געטראַכט, אַז ביי זיי איז אַן אַנדער גאָט; דער יידישער גאָט איז אָבער אַ בעסערער, און אַ יידיש קינד דאַרף מורא האָבן פאַר גאָט און נישט גיין צו די גויים.

איז זי אַריין אין שטוב, זיך אַוועקגעזעצט לעבן אויוון און האָט זיך איינגעהערט פון ווייטן ווי דער רבי לערנט מיט די קינדער.

פישל האָט אָנגעהויבן לערנען מיט די יינגלעך דעם א״ב, אָט אַזוי ווי ער האָט דערציילט די מעשיות, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט אין די זומערדיקע טעג, ווען ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די וועגן און האָט זיך איינגעקוקט ווי די תבואה גייט אויף אויף די פעלדער, און זיך איינגע־

הערט ווי דער וואַלד בייגט זיך אונטער דעם ווינט.

ער האָט זיך אָוועקגעזעצט ביי דעם טיש מיט די צוויי קליינע תלמי־דים, האָט אָוועקגעלייגט זיינע ביידע הענט אויפן א״ב און האָט צוגע־זעקט דאָס הייליקע פּאַפּיר. דערנאָך האָט ער שטיל געפרעגט:

— קינדערלעך, איר האָט געזען ווי פייגעלעך פליען? אַ סך, אַ סך פייגעלעך?

— מיר האָבן געזען, געזען! — האָבן ביידע ברידערלעך געוואָלט אי־בערשרייען איינע די אַנדערע און האָבן זיך געכאַפּט אַרויסלויפן אין דרויסן צו באַווייזן דעם רבי ווי פייגל פליען.

— „זיצט קינדערלעך״, האָט דער רבי איינגעשטילט די יינגלעך — איצטער אז איר ווייסט שוין ווי פייגעלעך פליען וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה פון אותיות וואָס זענען געפלויגן ווי פייגעלעך:

— אַז די אותיות האָבן זיך דערוווסט, אַז גאָט וויל באַשאַפן דעם א״ב — איז דער רבי ווידער אַנטשוויגן געוואָרן אַ ווײלע און האָט דער־נאָך געפרעגט: „ווייסט איר קינדערלעך וואָס איז אַן אות?״

ער האָט פונאַנדערגערוקט די פינגער אויפן א״ב און האָט באַוויזן אויפן הייליקן פּאַפּיר: „איר זעט ווי זיי זענען אָנגעוואָרפן איינע אויף די אַנדערע ווי שנעבעלעך פון פייגעלעך; אָט דאָס זענען אותיות, קוקט זיך איין״ — און דער רבי האָט ווייטער דערציילט: „אַז די מלאכים האָבן אָנ־געזאָגט אויף דער וועלט, אַז גאָט וויל באַשאַפן דעם א״ב, איז געוואָרן אַ טומל, אַ געזויש צווישן די אותיות און זיי האָבן אָנגעהויבן פליען פון אַלע הימלען ווי די פייגעלעך יאָגן זיך פאַרטאָג פון די נעסטן, און זיי האָבן זיך געבעטן ביי דעם רבונו של עולם, ער זאָל זיי אַריינגעמען אין א״ב. האָט גאָט געזאָגט צו די אותיות: „איך וועל קיינעם נישט אויסלאָזן, איך וועל אייך אַלעמען אַריינגעמען אין א״ב, אויב איר וועט מיר צוזאָגן אַז איר וועט העלפן די יידישע קינדער לערנען מיין תורה״.

האָבן זיך די אותיות צונויפגעשפּאַרט צוזאַמען, זיי זאָלן אַלע אַריינ־גיין אין א״ב, קיין איינער זאָל נישט אויסן בלייבן, און האָבן זיך דער־פרייט מיט אַ גרויסער פרייד. זיי האָבן אָנגעהויבן זינגען, ווי פייגעלעך זינגען פאַרטאָג אויף די צווייגן פון די ביימער און זיי האָבן צוגעזאָגט: „מיר וועלן העלפן די יידישע קינדער לערנען דיין תורה״... דעריבער דאַרף מען לערנען דעם א״ב מיט פרייד און שמחה, אָט אַזוי ווי די אותיות האָבן

געזונגגען און האָבן זיך געפרייט, ווען זיי האָבן זיך דערוווסט, אַז הקדוש ברוך הוא וועט זיי אַריינשטעלן אין דער הייליקער תורה.

— טאָ זאָגט קינדערלעך הויך אויפן קול, מיט געזאַנג „א״, דאָס איז אַן „א״. „ב״, דאָס איז אַ „ב״; דער „ב״ שפּאַרט זיך אָן אויפן „א״ און קוקט אויפן „ג״. געדענקט קינדערלעך אַז גאָטס תורה איז גרינג צו לערנען, בעוויל די אותיות האָבן צוגעזאָגט דעם רבונו של עולם, אַז זיי וועלן העלפן די יידישע קינדער צו פאַרשטיין זיין תורה...

דוואָשע האָט זיך איינגעקוקט אויף דעם רבין און איר האָט זיך געדוכט, אַז די האָר וואָס שפּראָצן אַרויס פון זיין באָרד האָבן זיך אויסגעגלעט ווייך און דין אויף זיינע באַקן און פאַרצויגן זיך ווי אַ טוי אויף זיין פּנים.

„ס׳איז גאָרנישט קאָנטיק אַז ס׳וואַקסט אַ באָרד״, האָט זי געפּרוווט אָפּשאַצן ווי שיין איז דער רבי — און זיינע אויגן קוקן איצטער גאָר אַנדערש; ער שטעלט זיי נישט אָן ווי דער באָק שפּאַרט אַרויס דאָס בערדל. האָט זי געפרעגט ביי זיך: „פאַרוואָס זאָל זי אים פיינט האָבן; פאַר אים דאַרף זי נישט מורא האָבן אַזוי ווי פאַר אַנטאָנען; ער איז דאָך אַ ייד״ און זי האָט זיך אַריינגעטון אין די מעשיות וואָס דער רבי האָט דערציילט די קינדער.

די ערשטע ווערטער האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט לעבן איר פרעמדע, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעבערעקלט פון אַ שמועס, וואָס מען פירט ערגעץ ווייט, ווייט פון דאַנען. אַז דער רבי האָט אָבער אויפגעהויבן דאָס קול מיט געזאַנג, האָט זיך דער ניגון צוגענומען צו איר. שענער ווי די שקצים זינגען, און האָט אויסגעלייגט פאַר איר די מעשיות וועגן די פייגעלעך וואָס פליען פון די נעסטן און די אותיות וואָס בעטן זיך ביי גאָט. אַזוי קלאָר, אַז פאַר אירע אויגן האָט אָנגעהויבן ציטערן דער א״ב, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויפן טיש.

האָט דוואָשע האַלד געהאַט צו הערן די מעשיות, וואָס דער רבי האָט דערציילט די קינדער און איר האָט אויפגעהערט ציען אין דאַרף צו די שקצים מיט די שיקסעס. אַז פישל האָט זיך אַוועקגעזעצט לערנען מיט די ברידערלעך, איז דוואָשע אַריין אין שטוב, זיך אָנגעשפּאַרט אָן אויוון, ווי זי וואָלט דאָרטן עפּעס געזוכט, און האָט זיך איינגעקוקט אויף דעם רבין. מיט יעדן בליק אירן האָט זיך דער רבי אויסגעשיילט פון דער שנאה,

וואָס זי האָט געטראָגן אויף אים און זי האָט דערזען, אַז ער איז העכער ווי איר האָט זיך פריער געדוכט, זיין פּנים איז נישט פאַרצויגן מיט קיין רויך, נאָר די באַקן זייגע זענען קלאָרע, ווייסע און ס׳ווילט זיך צולייגן צו זיי די האַנט און אַ גלעט טון דאָס פּנים.

דער רבי האָט זיך אָבער נישט אומגעקוקט אויף דוואָשען, האָט זי אַראָפּגענומען דאָס שפּיגעלע פון וואַנט און אַ קוק געטון אויף זיך אַליין. זי האָט אַ קרים געטון מיט די ליפּן: „אַ יידיש מיידל דאַרף אַזוי נישט אויסזען; זי איז נישט קיין שיקסע״ און אָנגעהויבן פירן מיט די פינגער איבער די באַקן זיי זאָלן ווערן בלאַסער, די רויטקייט זאָל נישט שפּארן אין די אויגן. זי האָט פונאַנדערגעקאַמט די האָר, די צעפּ זאָלן ביי איר נישט זיין פאַרפלאָכטן ווי ביי די גויעס און זי האָט אָנגעהויבן שטילער־הייט נאָכציען דעם ניגון, וואָס דער רבי האָט געזונגען ביים לערנען.

פישל האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ, אַ קוק געטון אויף דוואָשען און אויפגעהערט לערנען אַ ווייל. דוואָשע האָט אַ ציטער געטון, ווי זי וואָלט פּלוצלינג דערהערט אַ וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט צו איר, איז זי אָפּ־געטראָטן פון אויוון און זיך אָנגעהויבן פּאַמעלעך דערנענטערן צום טיש מיט די פונאַנדערגעלאָזענע האָר; זי האָט אַרויסגעשוועבט פון דער טונקל־קייט לעבן אויוון, ווי פון אַ באַהעלטעניש.

— אַזעלכע שוואַרצע האָר — האָט דוואָשעס געשטאַלט אַ שניט געטון פּישלען אין די אויגן און זיי האָבן אַזוי טיף און שאַרף אויפגע־עפנט זיין בליק אַז אים האָט זיך געדוכט, אַז ערשט איצטער האָט ער דער־זען דוואָשען פון שפּיץ קאָפּ ביז די באָרוועסע פיס, וואָס האָבן הויך אַרויס־געקוקט אונטער איר קורץ קליידל — און אים האָט אַ בליץ געטון אין רעיון: „אַ בגרת, אַ דערוואַקסן מיידל״... האָט ער זיך אַריינגעטון מערער אין לערנען, אויסגעצויגן טיפער זיין געזאַנג, ווי ער וואָלט זיך פאַרגאַנ־גען אין אַ געבעט און האָט נאָך אַמאָל אָנגעהויבן איבערדערציילן זיינע מעשיות וועגן די אותיות וואָס זענען אַרומגעפלויגן איבער די הימלען ביז הקדוש ברוך הוא האָט זיך דערבאַרעמט אויף זיי און אַריינגעשטעלט זיי אין א״ב.

דוואָשע איז צום טיש נישט צוגעגאַנגען, איר איז אָבער אויך שווער געווען זיך אומקערן צום אויוון, איז זי געבליבן שטיין אין מיטן שטוב, געזוכט אַ וואָרט פאַר דעם רבין און נישט געפונען וואָס צו זאָגן; זי האָט

געוואָרט דער רבי זאָל זיך אָפּקערן צו איר און נישט געקענט איבערטראָגן וואָס ער האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין א״ב און טוט אפילו נישט קיין פּינטל מיט קיין אויג אויף איר זייט. זי האָט נישט געוווסט וואָס צו טון, האָט זי געכאַפּט די שיסל קרופּניק וואָס איז איבערגעבליבן פון וואַרמעס און אַרויסגעטראָגן אין דרויסן פאַר דעם באַק. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אָפענעם פענצטער, זיך איינגעקוקט ווי דער באַק עסט און געוואַרט, אפשר וועט דער רבי פרעגן ביי איר פאַרוואָס זי קאָרמעט אים פון שיסל.

נאָר דער רבי האָט זיך נישט איינגעקוקט אין דרויסן, נייערט ער האָט דערציילט די קינדער פון דער „מ״ וואָס האָט זיך פאַרשלאָסן פון אַלע זייטן מיט די פיר ווענטלעך ווי אין אַ חדר, כדי יידן, וואָס זיצן און לערנען תורה זאָלן זיין באַשיצט און אויסגעהיט פון שטן, וואָס פאַר־שטעלט זיך אין אַלערליי געשטאַלטן און ברענגט אויף דעם מענטשן אַל־דאָס בייז און שלעכטס, און זיין קול האָט זיך געקייקלט איבער די ווענט ווי ער וואָלט אָנגעפילט די גאַנצע שטוב מיט געזאַנג.

איז דוואָשע געוואָרן אין כעס: „האָט זיך פאַרשלאָסן מיט פיר ווענט״ און זי האָט געוואָלט עפּעס אָפּטון דעם רבין אויף צו להכעיס, האָט זי אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין פענצטער און אויסגעשריגן:

— „רבי, לערנט אויך מיט מיר!״

פישל האָט זיך פאַרחידושט פון דוואָשעס קול, וואָס ער האָט פּלוצ־לינג דערהערט פון דרויסן. ער האָט אַ קוק געטון ווי זי שטייט נאָענט לעבן אים, אין פענצטער און דער חן פון איר פּנים שיינט מיט די שטראַלן פון דער זון אויפן אויסגעשפּרייטן א״ב, האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַר־ענטפערן שטילערהייט:

— „ווי אַזוי קען איך וויסן וואָס מען דאַרף לערנען מיט אַזאַ דער־וואַקסן מיידל ווי איר זענט?״

האָט זיך דוואָשע פונאַנדערגעלאַכט:

— „וועט איר וויסן וואָס צו לערנען מיטן באַק!״ און איז אַוועקגע־שפּרונגען פון פענצטער.

איר קול האָט זיך איינגעשניטן אין דער שטילקייט פון שטוב, ווי עס וואָלט איינגעזונקען אין אַ קללה. האָט פישל אַ ציטער געטון און גע־פּרווט עפּעס פאַרריכטן; ער האָט געוואָלט זאָגן דוואָשען, אַז עס איז נישט דער שטייגער, אַ בחור זאָל לערנען מיט אַ דערוואַקסן מיידל, נאָר

זי האָט זיך שוין דערווייטערט ווייט פון פענצטער און אים האָט געדוכט, אַז ער זעט בלויז אירע ווייסע ציין, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשפּאַרט פון איר הילכיק געלעכטער. האָט ער אַ קוק געטון אויף זיינע תלמידים, וואָס האָבן געקוקט אַזוי שטיל אויפן רבין ווי ער איז געזעסן פאַרטראַכט ביים טיש, און געוואָלט ווייטער לערנען מיט זיי, נאָר דאָס לערנען איז ביי אים אַרויס פון זינען און דער ניגון איז אויסגעגאַנגען אין זיינע רעיונות. ער האָט נישט געקענט אויפהייבן דאָס קול, האָט ער זיך אָנגערופן צו די יינגלעך: „קינדערלעך... די יינגלעך האָבן אָבער נישט געוואַרט ביז דער רבי וועט זיי הייסן אַוועקגיין, נאָר זיי אַליין האָבן אָנגעהויבן שרייען:

— „רבי, רבי זעט ווי דער באָק טרייבט אַרויס אַ חזיר פון הויף!" און זיי זענען אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

פישל האָט אַ קוק געטון דורכן פענצטער ווי דער באָק האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און שפּאַרט זיך מיט זיינע הערנער צום חזיר, האָט ער אַ זאָג געטון צו זיך אַליין: „האָט פיינט אַ חזיר ווי אַ ייד" און אים האָט פאַרדראָסן פאַרוואָס האָט די וועלט אויסגעטראַכט אַז אַ באָק איז אַ נאַר. ער האָט זיך אָנגענומען פאַרן באָק. גלייך ווי ער וואָלט זיך אויסגעטענהט מיט אימיצן: „גייט אַרום איבערן הויף ווי אַ באַלעבאָס, גיט אַכטונג אויף די קינדער און טרעט נישט אָפּ פון פענצטער ווען איך לערן מיט די קינדער"...

דוואָשע איז אויך נישט אַרויס פון שטוב, ווען דער רבי איז געזעסן מיט די תלמידים ביים טיש. זי האָט געפאָלגט דער מאַמען, האָט אָנגעטון די שיך און איז נישט אַרומגעגאַנגען קיין באָרוועסע. זי האָט פאַרפלאָכטן די האָר אין צעפּ מיט אַ סטענגע און נישט אַרומגעבונדן זיי אַרום קאָפּ אָט אַזוי ווי די שיקסעס פאַרקאַמען זיך. זי האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך אַליין אַז זי וועט זיצן שטיל לעבן אויוון, זיך איינהערן ווי דער רבי לערנט און וועט שווייגן. אַז דער רבי האָט זיך אָבער פונאַנדערגעזונגען מיט די ברידערלעך, האָט דוואָשע נישט באַמערקט ווי אַזוי זי האָט אויך אָנגעהויבן נאָכציען דעם ניגון. אַז זי האָט אָבער דערהערט איר אייגן קול, האָט זי פאַרביסן די ליפּן און אַנטשוויגן געוואָרן, נאָר זי האָט נישט געקענט בלייבן זיצן רואיק. איז זי אַרויסגעלאָפן אין דרויסן אָנגעשעפּט אין ברונעם אַ פרישן עמער וואַסער, דערלאַנגט צום טיש אַ פולע קענדל און האָט זיך אַריינגעמישט אין מיטן לערנען: „רבי, טרינקט, ס'איז קאַלטע וואַסער".

פישל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק געטון אויף דוואָשען ווי זי טרעט אָפּ פון טיש, נאָר איר פּנים זעצט זיך אָפּ אין זיין בליק, גלייך ווי איר שאָטן וואָלט אויפגעגאַנגען אין קענדל וואַסער, האָט ער פאַרהיט די יינגלעך פון אַן עבירה: „מאַכט אַ ברכה״... און אָנגעהויבן ווייטער לערנען מיט אַ ניגון, נאָר דאָס קול האָט זיך איבערגעריסן און פישל איז אַנטשוויגן געוואָרן. אים האָבן אָנגעהויבן עגבערן די רעיונות, וואָס ער האָט געטראַכט וועגן דוואשען, זינט זי איז צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל מיט איר אויך לערנען.

ביי אים איז נישט אַרויס פון זינען, אַז ער איז אין איין הויז מיט אַ דערוואַקסענער מיידל, קיין וואַנט טיילט זיי אַפילו נישט פונאַנדער, בלויז די אַלמערס פאַרשטעלן איר קאַמער און ער שלאָפט אין שטוב אויף דער שלאָף־באַנק. זי היט אים, אָט אַזוי ווי זיין שאָטן טרעט נישט אָפּ פון אים און פאַר זיינע אויגן בליט איר געשטאַלט, ווי זי וואָלט זיך פאַר־באַנגדערגעוואקסן אין זיינע הענט.

האָט זיך פישל דערשראָקן פאַר די זינד וואָס לויערן אונטער זיינע טריט, און ער האָט נישט געקענט פאַרגעסן אויף די שטרויכלונגען וואָס דער שטן לייגט אויס דאָ אין שטוב פאַר זיינע אויגן. ער האָט געטראַכט, אַז די תאווה, וואָס איז מבלבל זיינע רעיונות ביים לערנען, ווען דוואָשע גייט צו צום טיש, וואַרצלט אין אים אַ סך טיפער ווי ער קען באַנעמען מיט זיין שכל, דעריבער איז ער פאַרשאָלטן געוואָרן אַז ער זאָל נישט געדענקען וואָס ער האָט געלערנט און ער קען נאָך ח״ו דאָ אין שטוב פאַרגעסן די רייד פון די עשרת הדיברות, וואָס ער האָט געהערט. האָט פישל אַ טיפן זיפץ געטון: „מסתמא איז אַזוי אָנגעחתמעט געוואָרן אַז ער זאָל נישט האָבן קיין רו און זאָל אַרומגיין צוזאַמען מיט די אָרימעלייט איבער די וועגן און שטעגן און זיין נע־ונד״. האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך אַז ער דאַרף אַרויסגיין פון יאַנקלס שטוב און אַוועקגיין איבער דער וועלט.

ער האָט אָבער געוואָלט זאָגן דוואשען פאַרוואָס ער קען מיט איר נישט לערנען, כדי אַ יידישע טאָכטער זאָל נישט פאַרשעמט ווערן און ער איז אַרויס אין דרויסן.

דער פאַרנאַכט האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזן איבער די פעלדער און אויפן הויף האָט זיך שווער אָפּגעזעצט די שטילקייט פון דער ערד. די רו־איקייט האָט געשוועבט פאַר די אויגן ווי ווייכע וואָלקנס וואָלטן זיך אויפ־

געהויבן און איינגעשטילט פישלס אומרו. „שטיל און רואיק״ — האָט ער איבערגעחזרט און אים האָט זיך געדוכט אַז אימיצער רעדט אים איין: „רו אָפּ נאָך אַ טאָג, ווידערשפּעניק נישט קעגן דעם אויבערשטן, וואָס האָט דיך געבראַכט אין אַזאַ ערלעכער, גאָטספאַרכטיקער שטוב״, האָט ער זיך געלאָזט איינוויגן פון די רייד און אַרומגעשפּאַצירט אַרום סאָד.

ערשט ער זעט דער באָק איז לעבן אים; ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעשטעלט זיין בערדל און געקוקט אויף פישלען.

„טרעט נישט אָפּ פון מיר ווי אַ מענטש״, איז פישל צעטראָגן גע־וואָרן און פאַרגעסן אויף די רייד, וואָס ער האָט געוואָלט רעדן צו דוואַ־שען, ביי אים האָבן זיך אָבער אַרויסגעשפּארט די ווערטער וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר יאַנקל זיס־יאַר, איז ער אַריין אין סאָד, צוגעגאַנגען צו יאַנקלען און געזאָגט צו אים אַזוי צו זאָגן:

— ר׳ יעקב, זומער קען איך נישט זיצן און לערנען מיט די קינדער; זומער ווילט זיך מיר אַרומגיין איבער דער וועלט, דעריבער גיי איך אַוועק פון אייער שטוב.

יאַנקל האָט זיך דערשראָקן, ער האָט נישט געוווסט וואָס צו ענט־פערן דעם רבין, האָט זיך איינגעקוקט אויף אים און האָט געשוויגן.

האָט זיך פישל אָנגעהויבן פאַרענטפערן, ווי ער וואָלט באַקלאָגט זיין אייגענעם גורל:

— מסתמא איז אַזוי באַשערט, אַז איך זאָל נאָר ווינטער לערנען מיט די קינדער און זומער זאָל איך אַרומגיין איבער דער וועלט, דעריבער בין איך נישט ווערט ביי דעם אויבערשטן אַז איך זאָל אויך קענען די סדרות פון זומער.

— אפשר האָט מען פאַרבאָרגן פון אייך די תורה פון די זומערדיקע סדרות, כדי איר זאָלט אַרומגיין זומער איבער דער וועלט און זוכן דעם זיווג, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן פאַר דער נשמה איידער זי איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער ערד — האָט יאַנקל זיס־יאַר פּלוצלינג אויסגערעדט, נאָר אַז ער האָט דערהערט די אייגענע רייד, האָט ער זיך פאַרחידושט פון וואַנען זענען געקומען צו אים די ווערטער. ער האָט אַ קוק געטון מיט געבעט אויף פישלען און האָט אַרויסגעזיפצט: „אויפן ישוב איז אַזוי שווער צו טון אַ שידוך מיט אַ מיידל... און די פרייד צו פירן אַ טאָכטער צו דער חופּה איז אַזוי גרויס...״

די ווערטער האָבן זיך שטיל געוויגט אונטער די צווייגן פון די ביי־מער און פישלען האָט זיך געדוכט אַז זיי גייען אויף ווי אַ טוי אין די סודות פון פאַרנאַכט, האָט ער שטיל געזאָגט, ווי ער וואָלט נאָכגערעדט יאַנקלס רייד: „אויב עס איז אַ באַשערטער זיווג, טאָר זיך דער מענטש נישט אַנטקעגנשטעלן דעם רצון פון דעם רבונו של עולם״.

י

און אַז יאַנקל זיס־יאָר האָט אַרויסגענומען דעם ערשטן אָפּקלייב האָניק פון בינשטאָק פאַר די חשובע באַלעבאַטים פון סלאָנים, האָט ער ביי זיך אין שטוב געפּראַוועט די חתונה פון זיין טאָכטער דוואשע מיטן מלמד פישל. די גויים וואָס יאַנקל זיס־יאָר האָט געהיילט מיט זיינע סגו־לות פון די חולאתן און רשעות האָבן צונויפגעקליבן פון דאָרף די באַנ־דורעס מיט די פּייקלעך און זיי זענען געווען די קלעזמאָרים אויף דער חתונה; און די גויעס מיט די שיקסעס האָבן אָנגעטון רויטע קליידער, האָבן זיך אַרומגעהאַנגען מיט גרויסע פּאַטשערקעס אויף די העלדזער און האָבן געטראָגן פאַר חתן־כלה חתונה מתנות. זיי האָבן געבראַכט אויסגע־וועבטע האַנטוכער, אויסגעוואַשענע ווייסע וואָל און האָבן געטאַנצט אין זייערע הויכע שיך די טענץ אַרום דער חופּה.

און אַז די אָרימעלייט — די פּיעשע, וואָס גייען אַרום צופוס אי־בער די וועגן און די קאָניצע, וואָס פאָרן אין די בוידן איבער דער וועלט — האָבן זיך דערוווסט אַז פישל האָט חתונה מיט דוואשען, די טאָכטער פון יאַנקל זיס־יאָר פון דעם דאָרף ניסטעראָוויטש, האָבן זיי זיך זייער דערפרייט, וואָס ער האָט געפונען זיין זיווג און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן ציען פון אַלע וועגן און שטעגן אויף דער חתונה אין דעם דאָרף ניסטע־ראָוויטש.

זיי זענען געקומען מיט זייערע ווייבער און קינדער אין די בוידן און מיט די טאָרבעס אויף די פּלייצעס און האָבן אָנגעפילט דאָס דאָרף מיט גרויסע פרייד און שמחה.

„מיר האָבן נישט געבראַכט קיין דרשה־געשאַנק״ — האָבן זיי גע־רעדט צו יאַנקל זיס־יאָר און צו גנענדל גוט־שבת, — „מיר זענען אָבער געקומען צו ווינטשן די מחותנים מזל־טוב און משמח זיין חתן כלה״.

און אַז מען האָט געטון באַזעצן די כלה אין שטוב אויבן־אָן לעבן פענצטער, האָבן די ווייבער פון די בעטלער נישט צוגעלאָזן די גויעס פון דאַרף צו דער כלה, נייערט זיי אַליין האָבן געטאַנצט אַרום איר און האָבן זיך אַרומגעדרייט אין אַ ראָד אַרום דער כלה. זיי האָבן געפּאַטשט מיט די הענט, געטאַפּט די נייע פּאַטשיילקעס וואָס זיי האָבן אָנגעטון אויף די קעפּ און האָבן געזונגען די ניגונים, און זיך געפרייט מיט די געזאַנגען, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון די פעלדער און וועגן.

און די בעטלער — די מאַנסביל — האָבן אַריינגעפירט דעם חתן פון הויף צו באַדעקנס; זיי זענען געגאַנגען אַפריער און האָבן אָפּגעהיט אים פון הינטן. זיי האָבן אויסגעצויגן לאַנג און ווייט זייערע געזאַנגען, כדי די גויאישע קלעזמאָרים זאָלן שפּילן אויף זייערע באַנדורעס, פייקלעך און פייפלעך, אָט אַזוי ווי זיי די יידן, זינגען די יידישע ניגונים.

און גנענדל גוט־שבת האָט אויסגעשפּרייט איבער די טישן דעם לייוונט, פון וועלכן זי נייט די העמדער פאַר די אָרימע ישיבה בחורים אויף שבת און יאַנקל זיס־יאָר האָט אַוועקגעשטעלט אויף די טישן דעם האָניק, וואָס ער נעמט אַרויס פון בינשטאָק פאַר די יידן אויף ראש־השנה.

און זיי האָבן אָנגעטון גרויס כבוד די אָרימעלייט: דעם הינקענדיקן און דעם הארבאטן בעטלער האָבן זיי מכבד געווען צו זיין די אונטערפירער פון חתן כדי די קינדער זאָלן וויסן, אַז ווי שווער עס זאָל נישט זיין אַ יידן צו גיין — לויפט ער נאָך נאָך אַ מצווה; דעם בלינדן האָבן זיי געמאַכט פאַר מסדר קדושין, כדי חתן כלה זאָלן זען אַז גאָטס תורה לייכט ביי אַלעמען אין די אויגן. און דער טויבער איז געווען דער בדחן, כדי אַ מענטש זאָל געדענקען אַז מען דאַרף רעדן גוטע רייד און מען טאָר זיך נישט צוהערן צו קיין שלעכטע ווערטער.

און אין דער נאַכט פון דער חתונה האָט דער באָק אַרומגעשפּאַצירט איבערן הויף ווי אַ פאַרבעטענער גאַסט; ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער כלה ווען מען האָט זי געפירט צו דער חופּה און האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום דער חופּה ווען די כלה האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום דעם חתן.

נאָר אַז מען האָט געפירט חתן־כלה פון דער חופּה אין שטוב אַריין צו דער גילדערנער יויך, האָט דער באָק אָנגעהויבן שווער סאָפּען און האָט זיך אַוועקגעשאַרט אין שטאַל. אין גרויס פרייד האָט קיינער נישט געזען

ווי דער באָק האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון די חתונה־געסט און קיינער האָט נישט באַמערקט, אַז ער האָט נישט געגעסן פון דער שיסל יויך, וואָס מען האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אים.

נאָר פאַרטאָג, אַז די מחותנים זענען אַוועקגעפאָרן, האָט יאַנקל זיס־יאָר דערהערט ווי די בהמה רעוועט אין שטאַל, מיט אַ ווילדן רעווען, ווי עס ברומען די בייזע חיות אין וואַלד. האָט ער זיך אַוועקגעאיילט צו דער בהמה אין שטאַל — ערשט אַ פּחד, אַ שרעק: ער זעט ווי די בהמה שטייט אין מיטן שטאַל און רעוועט, און לעבן איר ליגט דער באָק אַ טויטער.

האָט ער זיך פונאַנדערגעוויינט: „נעבעך אויסגעגאַנגען"...

ער האָט אַרויסגעטריבן די בהמה פון שטאַל און צוגעדעקט דעם באָק מיט אַ קאָלדרע, אָט אַזוי ווי מען פאַרהוילט אַ מת און מיט ציטערדיקע טריט האָט ער געבראַכט די שווערע בשורה צום ווייב.

גנענדל גוט־שבת האָט געזיפצט אויף דעם אומגליק, וואָס האָט גע־טראָפן און האָט זיך געשראָקן: „גאָט ווייס וואָס דאָס איז פאַר אַ סימן"...

דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן באַהאַלטן דעם צער פון דעם יונ־גן פאָר פאָלק און האָבן איבערגערעדט צווישן זיך: „ווי אַזוי קען מען דעם באָק באַגראָבן ווי אַ חיה, אַז מען האָט זיך צוגעוווינט צו אים ווי צו אַ מענטשן"...

איז יאַנקל זיס־יאָר אַוועקגעפאָרן צו צאַליע דעם ציגעלניק פרעגן וואָס ער זאָל טון מיטן טויטן באָק. ער האָט אים געדאַנקט פאַר די ברכות, וואָס ער האָט אים געבענטשט, נאָר ער האָט נישט געקענט פאַרגעסן דעם צער: „ניין יאָר איז ער געווען אין שטוב און האָט אָפּגעהיט דאָס הויז ווי אַ געטרייער שומר, גאָט ווייס וואָס דאָס איז פאַר אַ סימן".

האָט צאַליע דער ציגעלניק גערעדט צו אים מיט גוטע רייד:

— „אין דער וואָך פון דער חתונה טאָר מען נישט אומערן", און ער האָט אים געזאָגט:

— „מען קען דעם באָק נישט מקבר זיין ווי קיין מענטשן, ווייל ער איז דאָך נישט קיין בן אדם. מען טאָר אים אָבער נישט אַרויסוואַרפן ווי אַ חיה, נייערט איר זאָלט אויסגראָבן אַ גרוב אויף אַן אָפּגעזונדערטן אָרט און אַז איר וועט אים פירן צו דער קבורה, זאָל אים דאָס גאַנצע הויז־געזינד באַגלייטן צו זיין רו, ווי מען גיט אָפּ כבוד אַ מת, דערפאַר וועט

גאָט געבן וועלן זיך אייערע קינדער פּרוכפּערן און מערן און אָנפילן די ערד״.

און צאַליע דעם ציגעלניקס ברכה איז מקוים געוואָרן; פישלס און דוואשעס קינדער האָבן זיך געפּרוכפּערט און געמערט און האָבן אָנגעפילט די ערד.

פאַר זיי איז קליין געוואָרן דער סאָד מיט די בינשטאָקן און עס איז ענג געוואָרן די שטוב מיטן הויף — האָבן זיי זיך אַוועקגעצויגן מיט טאָרבעס און אין בוידן איבער דער וועלט, אָט אַזוי ווי זייער טאַטע פישל האָט אַמאָל אַרומגעוואַנדערט איבער די שטעגן און וועגן.

זיי זענען אַרומגעגאַנגען איבער דער וועלט אין מחנות, אַרומגעפאָרן אין בוידן און זיי זענען געקומען קיין זשירעווע, קיין בוטען, קיין כלאָנים און האָבן אָנגעשפּאַרט קיין קאַבצאַנסק, גלופּסק און טוניעיאַדאווקע. מען האָט זיי דערקענט נאָכן זיידנס געזאַנג און דער באָבעס פרומקייט וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך, און מען האָט איבערגערעדט:

— „אהא, יאַנקעלעס אייניקלעך — אַ גרויסער יחוס״...

און די אייניקלעך פון דעם זיידן יאַנקל זיס־יאָר און דער באָבען גנענדל גוט־שבת זענען נישט פאַרלוירן געגאַנגען אויף די ווייטע טראַקטן און זיי האָבן נישט פאַרבלאָנדזשעט אויף די לאַנגע וועגן; אומעטום האָבן זיי געטראָפן בעטלער, אָרימעלייט, קבצנים, דלפנים, וואָס שטאַמען אָפּ פון איין יחוס, וואָס קומען אַרויס פון דעם זעלבן זיידן און באָבען, און זיי האָבן זיך געצויגן איבער דער וועלט כדי דער עני ואביון זאָל זיך נישט אויסלאָזן פון דער ערד.

— י״א —

ר׳ מענדעלע מוכר ספרים באַגעגנט זיך מיט די אָרימע־לייט — די איינקלעך פון יאַנקל זיס־יאָר און גנענדל גוט־שבת

דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידענע אָפּשניטן פון מענדעלע מוכר ספרימס ווערק. דער מחבר האָט בלויז צוגעשריבן דאָ און דאָרטן אַ וואָרט, אַ שורה, כדי צו פאַרבינדן די באַזונדערע אָפּשניטן און זאַצן פון מענדעלעס שריפטן.

נאָר איין מאָל — דאָס איז געווען אין יאָר תרט״ו, ראש חודש אלול, אַ יאָר וואָס מען האָט געמעגט פאַרשרייבן אין די קראָניקעס פאַר אַ וווּנדער מיט זיין טרוקענעם זייער שיינעם האַרבסט. אין דרויסן איז געווען גאָר זומער, וואַרעם, לויטער. בהמות האָבן זיך געפיטערט אויף די פעלדער, פון וועלכע עס האָט געדיכט אַרויסגעשפּראָצט יונגע גרינע תבואה.

אין יענעם יאָר איז אַ כאָליאַסטרע אָרימעלייט, בעטלער, קבצנים, שלעפּער געגאַנגען קיין קאַבצאַנסק אויף ימים נוראים. און אַז זיי זענען צוגעקומען צו דער שטאָט האָבן זיי דערזען אויפן וועג אַ גרויסן חידוש: עס שטייט אַ פערדל זייער רואיק, קראַצט דעם האַלדז אין דער האַלאַבליע און איז אַפּנים שטאַרק צופרידן פון שטיין. אויפן קעלניע פון דערביידל זיצט אַ ייד אָנגעטון אין טלית און תפילין מיט דער בייטש אין האַנט און דאַוונט גאַנץ יידישלעך.

די כאָליאַסטרע האָט זיך פאַרוווּנדערט: „זאָל דאָס זיין אַ סוחר — קוקט אויס דאָס ביידל אָרים און דאָס פערדל איז אויסגעדאַרט פאַר אַ גביר; קיין בעטלער פון די קאַניצע קען עס אויך נישט זיין, בעוויל ביי די איייניקלעך פון יאַנקל זיס־יאָר איז געווען איינגעפירט אַז יום־טוב האָבן זיי זיך נישט געוואַלגערט אויפן ישוב, נייערט זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אין אַ קהילה קדושה, אין קאַבצאַנסק, אין גלופּסק אָדער טעטעריוווקע; און דאָ שטייט גאָר דאָס וועגעלע מיט דער בויד צו קאַבצאַנסק און מיט אגלאַבליעס צו דער וועלט. זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט איבערשלאָגן דעם יידן אין דאַווענען, האָבן זיי זיך שטילערהייט דערנענטערט צו דעם ביידל, האָבן געקוקט אין אַלע זייטן, געשמעקט געלעקט די לופט און האָבן גע־

וואָלט דערגיין ווער לאָזט זיך דאָס אַוועק פון קאַבצאַנסק אויף אַ נסיעה אין די פּאָרכטיקע טעג.

ביי דעם יידן זענען געווען די אויגן צוגעמאַכט בכדי נישט אָנצוקוקן ביים דאַווענען די ליכטיקע וועלט. מעשה שטן אָבער איז זי, די נאַטור, ווי הייסט מען עס, געווען וווּנדער שיין, גאָר אַ בילד. און עס האָט דעם יידן געצויגן, עפּעס ווי אַ כישוף, אַ קוק צו טון. ער האָט אַ היבשע צייט זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין. דער יצר טוב זאָגט: „פוי!... מען טאָר נישט!...“ דער יצר־הרע אַקעגן טאָרעט: „נישקשה, האָב הנאה נאַרעלע!“ און עפּנט אים דערביי אַן אויג. עס טוט אים אַ שיין, נאָר ווי אויף צו להכעיס עפּעס אַ בילד שיינע פּאַנאָראַמע... נאָר היינטיקס מאָל האָט עס ווייניק געווירקט. דעם יידן האָט שטאַרק געקרענקט פּאַרוואָס גראַד היינט זאָל אים גאָר איינפאַלן אַזעלכע געדאַנקען, היינט, ווען וויינען און קלאָגן באַדאַרף מען אויף דעם גרויסן חורבן אויף די גרויסע צרות וואָס די קינ־דער ישראל האָט געטראָפן און ער האָט אָנגעהויבן זאָגן די סליחות צום היינטיקן שווערן טאָג אויף אַ וויינענדיק קול, וואָס איז געגאַנגען אַלץ העכער, טרויעריקער אין דעם פּזמון. און דער ייד וואָס איז געזעסן אויפן קעלניע פון זיין ביידל האָט נישט געזען ווי די כאַליאַסטרע דערנענטערט זיך צו אים.

די אָרימעלייט האָבן אָבער נישט געקענט שווייגן; דער אומעטיקער ניגון פון דעם יידנס זאָגן האָט זיי דערמאָנט אויף די פּאָרכטיקע טעג וואָס קומען אויף דער וועלט, און זיי האָבן אָנגעהויבן נאָכזאָגן ווי מען זאָגט מיט אַ חזן — מיט אַ בעל־תפילה אַ בעל בכי.

— „פון וואַנען קומט דאָס קול?“ — האָט זיך דער ייד פאַרחידושט און אַ שמייכל געטון:

— אַזוי שפּעט זאָלן נאָך זינגען די מלאכים שירה צו דעם רבונו של עולם...

ער האָט אַראָפּגערוקט דעם טלית פון קאָפּ און דערזען אַז לעבן זיין ביידל שטייט די פּיעשע — די פוסגייער, די קבצנים, שלעפּער, בעטלער מיט שטעקענעס אין די הענט, מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס און לאָזן אים הערן זייער אייגענעם פּזמון.

זיצט דער ייד אויפן קעלניע, פאַרריכט די גרויסע שפּאָקולן אויפן נאָז, טאַפּט די קורצע גרויע בערדל און קוקט זיך איין אויף די בעטלער,

קבצנים, שלעפּער און טראַכט: „זיי קענען זיך נישט דערוואַרטן ביז ער וועט קומען קיין גלופּסק, זענען זיי אַרויס באַגעגענען אים אויפן וועג".

די אָרימעלייט האָבן זיך אָבער געכאַפּט אַז דער ייד האָט אויפגעהערט זאָגן — זענען זיי אויך אַנטשוויגן געוואָרן און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן פונאַנדערפרעגן ביי אים:

— „פון וואַנען פאַרט אַ ייד"? זיי ווילן טרעפן: צי ער איז אַ סוחר, אָדער אַ בעטלער און צי ער קומט אַרויס פון די קינדער פון יאַנקעלע זיס־יאָר.

קוקט דער ייד: ווי זיין פערדל האָט שוין פאַרדרייט די לייצעס אין די רעדער און עסט די גראָז ביים ברעג וועג, און שמייכלט: „גייען אַרום מיט פּישקעס דעם קרומען איבער דער וועלט, זיי פאַרפאַרן אין קאַבצאַנסק ווי געוועגלעך אויף זייער אכסניא, גלייך אין הקדש אַריין און דערקענען דעם הקדש, זיי ווייסן אָבער נישט ווער מענדל מוכר ספרים איז".

נאָר ער וווּנדערט זיך נישט פון דעם, ווייל ער ווייסט אַז אמת גוט איז ביי יידן נאָר אַזוינס, וואָס ברעכט דעם מוח און אוממעגלעך צו פאַרשטיין. אַז מען פאַרשטייט עס נישט, מסתמא מוז דאָך דרינען עפּעס שטעקן... אָבער שרייבן ביי יידן געוועגלעך גלאַט, אַזוי פּראָסט ווי עס געהערט צו זיין, מען זאָל עס קענען פאַרט ווי עס איז איינבייסן, טרעפן וואָס עס מיינט, וואָס איז דאָס אַזאַ חשיבות — דאָס קען דאָך אַפילו אַ גראָבער יונג אויך אָנטאַפּן. לאָזט ער זיך נישט אַריין אין קיין לאַנגע מחזקות מיט פּישקע דעם קרומענס מחנות, זיי זאָלן נישט אָנהייבן שרייען, זידלען און שילטן אים, און ער ענטפערט זיי קורץ, זיי זאָלן פאַרשטיין, אַז ער קען מיט זיי קיין סך צייט נישט פּטרן:

— איך הייס מענדעלע, איך בין נישט קיין סוחר, נישט קיין בעטלער נאָר אַ מוכר ספרים. איך גיי נישט אַרום איבער די הייזער נאָר פאָר באַשטענדיק אַרום צו פאַרזאָרגן יידישע קינדער אין אַלע שטעטלעך מיט קינות, סליחות, ווייבערשע תחינות, סידורים, מענה לשונס, מחזורים, קמיעלעך; ווער קען עס אַלץ אויסרעכענען וואָס אַ ייד דאַרף האָבן צו ווייגען, קלאָגן און זיך פרייען? איצטער לאָז איך מיין פערדל פירן מיך קיין גלופּסק, אויף ימים נוראים דאַרפן דאָך די יידן דאַרטן אויך האָבן אַ תפלה זכה, יאַרמורקעלעך, ציצית, אַ סטאַטשיק אַ טלית קטן וכדומה. און ר' מענדעלע האָט אויסגעלאָזן זיינע רייד מיט אומעט, גלייך ווי ער וואָלט

גישט אויסגעשטעלט פאַר לייטן זיין סחורה, נאָר אויסגערעכנט פאַר זיך אַליין זיין דלות. ער האָט געגומען די בייטש אין האַנט, נאָך אַמאָל אַ קוק געטון אויף דער כאַליאַסטרע, און אַ זיפץ געטון:

— „איצטער דאַרף איך פאָרן, אַזאַ מהלך קיין גלופסק און איך וויל נאָך אַהין אָנציען ביז מעריב״. און ער האָט זיך צוריק געוואָלט אַוועקזעצן אויף דער קעלניע פון דעםביידל.

די אָרימעלייט זענען אָבער נישט אָפּגעטראָטן פון ביידל און אָנגעהויבן בעטן, אָט אַזוי ווי זיי רעדן צו דעם שמש פון שול ער זאָל נעמען ביי זיי די עטלעכע גראָשן און געבן דערפאַר פלעטען אויף שבת, און זיי האָבן געוויינט נאָך די דינים פון אַרומגיין איבער די הייזער, האָבן געקרעכצט קלאָמפּערשט מיט אַ רחמנות־פּנים, האָבן זיך געבעטן, זיך געדונגען און זיך צוגעטשעפּעט ווי אַ זלידנע, אָט אַזוי ווי זיי טוען אַריינקומען אין אַ שטוב נאָך אַ נדבה און האָבן געמאָנט:

— ר׳ מענדעלע, וואָס האָט איר פאַר אונדז?

— פאַר אייך? האָט זיך ר׳ מענדעלע פאַרטראַכט — וואָס קען ער זיי געבן, סיידן אַ טאָרבע אין די הייזער אַרומצוגיין. ער האָט בייז אַ קוק געטון אויף די פעלד־אָרימעלייט וואָס וואַנדערן פון איין עק וועלט צום אַנדערן, אָט אַזוי ווי זייערע עלטערנס עלטערן האָבן פון אייביק אָן זיך אַרומגעשלעפּט. זיי ווערן געבוירן און אויפגעוואַקסן, האָבן חתונה, פּרוכפּערן זיך און שטאַרבן אַלץ אונטער וועגנס און טוען נישט קיין האַנט אין קאַלטע וואַסער אַריין; אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אינגאַנצן דעם יאָך, ווילן נישט וויסן פון קיין אַרבעט, פון דאגת הפרנסה און זיך אויף אַנדערע אָנגעוואָרפן און נאָגן און זויגן יידיש בלוט און זענען נאָך זיי דם שונאים. און ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן דער מחנה, וואָס האָט זיך געצויגן קיין קאַבצאַנסק אויף ימים נוראים.

ער האָט זיך אָבער פלוצלינג דערמאָנט, אַז פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער פאָרט אַרום מיט זיין ביידל איבער דער וועלט און שטעכעוועט אויף פאַרלעגערטע מינים, און גיט אָפּ אין חלוף הגדות, תקון שבועות־לעך, היינטיקע נייע מעשיות, שמאַכטעס וכדומה, און הערט זיך איין צו די טענות און תביעות פון אַ מוכר ספרים, האָט ער נישט צוגעגרייט קיין מין וואָס זאָל דערפרייען די כאַליאַסטרע, אויף זייער אכסניא אין הקדש, ווו זיי ווערן באַפאַלן פון גאַנצע חילות פרייסן, וואנצן, פליי ווי די בערן,

וועלכע ווילן זיי אויפעסן לעבעדיקערהייט. און ער האָט זיך נישט צוגע־הערט צו דעם קרעכץ, וואָס איז פאַרבאָרגן אין דעם עולם קטן — אין דעם קליינעם וועלטעלע ביי דעם קליינעם מענטשעלע — אין בוזעם אונטער דער טאָרבע.

האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זיין בייזקייט וואָס האָט זיך פאַרצויגן אויף זיין פּנים און האָט זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין; אַז דאָס איז נישט קיין שלעכטקייט, נישט קיין רשעות, נאָר אַן אָנשטעל וואָס טוט פאַרדעקן זיין פּיין און צער פאַר די יידעלעך פון קאַבצאַנסק, וואָס זענען פאַר קיינעם נישט געדאַכט גרויסע אביונים און האָבן נישט קיין צעבראָכענעם גראָשן ביי דער נשמה. און ער האָט אַרויסגעלאָזן אַ טיפן זיפץ אויף זיין גורל, וואָס אים איז באַשערט געוועז זיך אַראָפּצולאָזן אויפן נידעריקן טרעפּל פון יידישן לעבן אונטן אין די קעלערס און שמאָ־טעס, אין פוילע סחורה און האָבן צו טון שטענדיק מיט אביונים, קבצנים, אומגליקלעכע נעבעך, מיט מענטשעלעך דראַבעס, פּאַסקודניאַקעס וכדומה — אַזעלכע מיני נפשות, קליינטשיקע, נידעריקע פאַרשוינען...

די אָרימעלייט האָבן אָבער נישט געלאָזן ר׳ מענדעלען צו לאַנג זיך פאַרטראַכטן; זיי זענען נישט אָפּגעטראָטן פון ביידל און האָבן גערעדט צו אים מיטן מויל פון דער קליאַטשע:

— ר׳ מענדעלע, איר האָט פאַר אונדז גאָרנישט צוגעגרייט, ווייל מען זאָגט אויף אונדז אַז מיר מאַכן אַ שאָדן אויף דער וועלט. אַז מען רעדט פון אונדזער שאָדן, מוז מען אַנטקעגנשטעלן אויך דעם נוצן, וועלכן מיר ברענגען. וואָרים מען קען אַנדערש נישט אַרויסגעבן אַ פּסק־דין צום גוטן, אָדער צום שלעכטן, סיידן אַרויפלייגנדיק די ביידע זאַכן אויף די וואָגשאָלן, איינע אַנטקעגן די אַנדערע, צו זען וועלכע פון זיי וועט איבער־וועגן. אונדזער מזל איז אָבער אַזאַ שווערער און ביטערער אַז קיינער וויל זיך צו אונדז נישט צוהערן. אַז אימיצער גיט אונדז אַ נדבה, ווערט ער באַ־זונגען, באַוואונדערט אין אַלע גאַזעטן און צעלייגט אויף טויזנט טעלערלעך — לאָזט דער עולם וויסן, אַז ס׳איז דאָ אַ באַרימהאַרציקער, אַ גוטער, אַ פרומער, אַ דימענטענער מענטש — קיינער זעט אָבער נישט ווי די צבוע־קעס, קהלס־לייט, גבאים, נאמנים, בעלי־טובות, פיינע בריות, שיינע מענטשן, גאָטס סטראַפּטשעס, טעלער־לעקער און קאָכלעפל לאָזן אונדז זיך וואַלגערן אין הקדש אויף די צעריבענע פאַרפוילטע שטרוי און ווייקן

אויס דאָס שטיקל ברויט, וואָס זיי גיבן אונדז, אין אונדזער בלוט און טרערן.

ר׳ מענדעלע האָט זיך דערמאָנט ווי עס זעט אויס דער הקדש אין קאַבצאַנסק, וואָס שטייט ווי אַ שטאַרק אַלטע קרעטשמע, אַ חורבה מיט אויסגעקרימטע, נישט קיין גלייכע ווענט, מיט עפּעס אַ דעכל, מישטיינס־געזאָגט, ווי אַ צעקנייטשט קאַפּעליושל, פאַרריסן פון פאָרנט און נידעריק אַנגעבויגן פון הינטן, כמעט ביז דער ערד. און ער האָט פּלוצלינג דערזען ליידן, מידקייט אינאיינעם מיט אַ געבעט און גוטסקייט אָן אַן עק אין די אויגן פון די אָרימעלייט, וואָס וואַנדערווען פון איין עק וועלט צום אַנדערן. עפּעס טאָקע נאָר אויגן פון אַ שלאָפן, אומגליקלעכן, אומזיסט באַליידיקטן, געקרענקטן מענטשן, וואָס קוקט אויף איטלעכן שווייגנדיק שטיל, און איטלעכער קוק זיינער דערציילט זיינע אינעווייניקסטע ווייטיקן; איטלע־כער בליק רעדט, שרייט געוואַלד, בעט רחמים און רייסט אויס אַ שטיק האַרץ — ווי אַ מאַמע באַוויינט איר קינד...

און ר׳ מענדעלע האָט געוואָלט טרייסטן און דערפרייען די אומזיסט באַליידיקטע און געקרענקטע מענטשן — האָט ער אַ שמייכל געטון: „די קהילה קדושה פון קאַבצאַנסק האָט אויף אייך יידעלעך אויך נישט פאַרגעסן; זי האָט אויפגעקליבן די שיימעס, מעשה־ביכלעך, תחינות וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפן שול־הויף און האָט אַרויסגעשיקט עס מיט מיר אויף דער וועלט איך זאָל עס צעטיילן צווישן אייך״ און ר׳ מענדע־לע האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען:

— איך האָב פאַר אייך תחינות שרה בת טובים, תחינות צו ליכט בענטשן, צו ראש חודש בענטשן, תחינה אמהות שרה רבקה רחל ולאה, מופתים און וווּנדער פון יענער וועלט, וואָס אין גיהנם און גן־עדן טוט זיך; מעשיות פון גלגולים פון מתים פון מלאכים און אליהו הנביא, וואָס וואַנ־דערווען אוי ווו די וועלט האָט אַן עק.

די בעטלער האָבן נישט געוואַרט ביז ר׳ מענדעלע וועט אָפּלאָזן דעם שפּאַן פון זיין פערדל, עס זאָל זיך קענען בעסער פיטערן ביים ברעג וועג, און האָבן זיך אַליין אַרויפגעוואָרפן אויפןביידל. זיי האָבן גענומען וואָס עס איז זיי אונטערן האַנט געקומען און האָבן טאָקע גלייך אָנגעהויבן זאָגן די תחינות און בעטן גאָט, אָט אַזוי ווי מען גיסט אויס דאָס ביטער האַרץ אין די פאַרכטיקע טעג, אין קאַבצאַנסק, גלופּסק, טוניעיאַדעווקע און טעטירעווקע.

איינער האָט געטון בעטן:

„אַלמעכטיקער גאָט, עפן דיינע אויגן און טו לוגען פון דיין האַר־בעריק, דאָס איז דער הימל, ווי דיינע פאַרכטצומע יידעלעך זענען צו שפּאָט און צו שאַנד, נייערט וועגן דעם כבוד פון דיין ליבן נאָמענס וועגן, ווייל זיי פאָרכטן דיין פאָרכט, זיי אכפּערן דיינע געבאָט האָ־פּערדיק מיט וואָרהאפטיקייט. דאָרום וועלגער אויף אונדז דיין באַ־רימהאַרציקייט און לאָמיר טון געפינען לייטזעליקייט און חן אין דיינע אויגן און אין די אויגן פון אַלע מענטשן. באַשירעם דיינע האָ־פּערדיקע געליבטע שאָף, דיין רחמנות זאָל טון ברומען אויף דיינע פאַרשענדיקע פאַרכטער".

און אַן אַנדערער האָט זיך געטרייסט:

„לעתיד לבוא — אַזוי שטייט געשריבן אין אונדזערע הייליקע ספרים נאָך דעם אַז מען וועט אויפשטיין תחית המתים און גאָט וועט משפּטן די וועלט, דענסטמאָל וועלן אַלע מענטשן זיין אויס־געשטעלט אויף אַ גרויסן פּלאַץ, איינגעטיילט אין צוויי טיילן: אויף איין זייט רשעים, אויף דער אַנדערער זייט צדיקים, צווישן זיי אין דער מיט דער יצר הרע. יענע, די רשעים, וועט דער יצר הרע זיך אויסדאַכטן גאַנץ דין ווי אַ האָר. די אַנדערע אַנטקעגן גרויס ווי אַ באַרג און אַלע מענטשן פון ביידע זייטן וועלן, קוקנדיק אויף אים שרעקלעך, וויינען. די רשעים יאָמערן, שרייען: „געוואַלד אַזאַ דינע האָר אויפן גלייכן וועג איז אונדז שווער געווען איבערצוגיין און מיר זענען פאַרקראָכן מיט קרומע געגנג צו אַלדי שוואַרץ יאָר!"

אַנטקעגן זשע די צדיקים קלאָגן, גיסן טרערן:

„רבונו של עולם, מיר פאַרשטייען נישט, ווי האָט עס זיך צו אונדז גענומען אַן אייזערגער כוח אַזאַ שרעקלעכן הויכן באַרג אי־בערצוגיין אַזוי פיל פּיין, יסורים און אונדזער לעבן אויסצושטיין".

און די הארבאטע האָט אויסגעגאָסן איר שווער ביטער האַרץ, וואָס מען האָט זי אָפּגעריסן פון פישקען און זי וואַלגערט זיך איצטער אַרום איינע אַליין איבער דער וועלט. זי האָט געזאָגט מיט אַ ניגון ווי זי פלעגט זינגען צוזאַמען מיט פישקען דאָס טרויעריק לידל:

„דער טאַטע האָט מיך געקוילעט
די מאַמע האָט מיך געגעסן"...

און זי האָט אין די פּאַרכטיקע טעג געטון בעטן ביי גאָט:

„רבונו של עולם, דערבאַרעמדיקער גאָט! די ליכט וואָס מיר וועלן מאַכן אין שול אַריין פאַר דיין הייליקן נאָמען וועגן און פאַר די הייליקע ריינע נשמות, זאָלן דערוועקן די הייליקע אבות ואמהות, זיי זאָלן אויס זייערע קברים פאַר אונדז בעטן, אַז קיין בייז, קיין צרות, קיין לייד זאָלן אויף אונדז נישט קומען, און אונדזער ליכט און אונדזערע מענערס און קינדערס ליכט זאָלן נישט אויסגעלאָשן ווערן פאַר דער צייט חס ושלום"..

און דאָס געבעט פון די אָרימעלייט טראָגט זיך מיטן ניגון, וואָס יאַנקל זיס־יאָר האָט געזונגען פרייטיק צו נאַכט ביים טיש; מיטן געזאַנג, וואָס גנענדל גוט־שבת האָט פּאַרוויגט די קינדער, מיטן קול וואָס פישל האָט געלערנט די סדרות פון ווינטער מיט די קינדער און האָט זיך פאַר־צויגן איבער די פעלדער, איבער דיביימער. דער הימל איז בלוי, אָן אַ פּיצל וואָלקן, די ביימער שאָקלען זיך, אויף די צווייגן וויגן זיך די פייגל און פון דערווייטנס זעען זיי אויס ווי אָנגעטון אין אַ ווייסן טליתל מיט פּאַסן תכלת, און עס דוכט זיך אַז די שלאָפנדיקע פעלדער האָבן זיך אויפגעוועקט, אַז גאָטס באַשעפענישן רירן זיך אומעטום און זינגען און טוען בעטן צו גאָט צוזאַמען מיט דער כאַליאַסטרע אָרימעלייט.

דאָס פערדל האָט שוין אַרומגענומען די גראָז אַרום זיך, זיך געריסן פון אָרט און געוואָלט פאַרן קיין גלופּסק. האָט ר' מענדעלע אָנגענומען די לייצעס, האָט אויסגעגלייכט די דוהע, וואָס האָט זיך אַראָפּגעבויגן אויפן כאמוט, האָט אונטערגעשאָטן דעם פערדל סעטשקע אין טאָרבע און האָט אַריינגעזאָגט אים, ווי ער שרייט אָן אויף די יינגלעך — די קונ־דסים וואָס רייסן ביי דער קליאַטשע די סטרונעס פון עק:

— וואָס יאָגסטו זיך נאָר אין גלופּסק? דו לויפּסט נאָך די גרוי־סע געשעפטן וואָס וואַרטן דאָרטן אויף דיר; ווייסטו אַז איך האָב דאָ אויפן וועג איינגעלייזט אפשר מערער ווי איך קען פאַרדינען אין גלופּסק צוזאַמען מיט טוניעיאַדעווקע?

ר' מענדעלען האָט זיך נישט געוואָלט אַוועקפאָרן פון די אביונים די בעטלער — די אייניקלעך פון יאַנקל זיס־יאָר; ער איז געשטאַנען לעבן זיין ביידל, געצויגן זיין קורץ בערדל און האָט געטראַכט, ווי ער וואָלט זיך אויסגעטענהט מיט אימיצן:

„רבונו של עולם, וואָס ליגט אַזוינס אין דעם גלות אין דעם נע־

וגד זיין אין דער פרעמד, וואָס דיינע קינדער ישראל, וועלכע עס האָבן אַזעלכעס פון דיר אַ מתנה, זענען דורך דעם אין דער וועלט עפּעס גאָר אַנדערע מיני מענטשן, האָבן עפּעס גאָר אַן אַנדער פּנים, אַן אַנדער שטייגער לעבן, אַן אַנדער מזל אַלץ מיט איין אַנאַנדער עפּעס נישט לייכן גלייך?״

די תחינות זענען ווילגעפעלן געוואָרן די אייניקלעך פון יאַנקל זיס יאָר און זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן אין בײַדל, וואָס נאָך קענען זיי מיטנעמען אויף ימים נוראים קיין קאָבצאַנסק. ר׳ מענדעלע האָט אַ ציטער געטון: „זיי קענען נאָך נעמען עפּעס וואָס עס טויג נישט פאַר זיי״ האָט ער איבערגעלאָזן דאָס פערדל, האָט זיך אַ שפּאַר געטון צו זיין בײַדל, און האָט אָפּגערוקט די „היינטיקע נייע מעשיות״. ער האָט באַהאַלטן טיף אין בײַדל די „טאַקסע״ דאָס „קליינע מענטשעלע״, „פישקע דער קרומער״ וכדומה און נאָך אַ סך שטיקלעך פון יידישע חיבורים, און האָט בלויז איבערגעלאָזן „שלמה ר׳ חיימס״ בלעטלעך פון אַנדערע כתבים, תפילות, זמירות און האָט געקוקט אויף זיין בײַדל, גלייך ווי ער וואָלט אונטערגעפירט אַ חשבון פון דער סחורה, וואָס איז אים איבערגעבליבן אויף די עלטערע יאָרן.

ער האָט נישט געזשאַלעוועט זיין פאַרמעגן; ער האָט אַרויסגענומען מיט די אייגענע הענט די שיימעס און האָט אָפּגעגעבן די אָרימעלייט און איבערגעחזרט:

— „זאָגט, זאָגט קינדערלעך, איך האָב היינט געמאַכט אַ גוטן הילוך; איך האָב דאָ פאַרדינט מערער ווי פון מיינע געשעפטן אין גלופּסק״.

און די אָרימעלייט האָבן אויסגעקליבן פון די חיבורים פון די כתבים שטיקלעך ברעקלעך און האָבן געזאָגט מיט אַ געבעט און געזאַנג:

„מיר זאָלן אין דעם יום הדין האָבן אַ גוטן משפּט מיט אונדזערע מענער און קינדער, מיר זאָלן חלילה נישט זיין קיין אַלמנות און אונדזערע קינדער קיין יתומים... בזכות שלמה וואָס האָט געבויט דאָס בית המקדש און תפילה געטון, ווען אפילו נישט קיין ייד, אַ פרעמדער גאָר פון איין אַנדער אומה, אַז ער וועט קומען אין בית־המקדש אַריין און דיך בעטן, זאָל זיין געבעט אויך אָנגענומען ווערן — אין דעם זכות, רבונו של עולם זאָל נישט פאַרשלאָסן ווערן דער טויער פון הימל פאַר מיין געבעט און לאָמיר גע־

דאַכט ווערן מיט מיין מאַן און מיט מיינע קינדער און מיט אַלע לייט צום גוטן אין דעם נייעם יאָר, אמן!״.

און ביי ר׳ מענדעלען האָט זיך פאַרצויגן אַ שמייכל אויפן פּנים:

„לאָז זיך איינהערן ווער עס וויל און לאָז נאָך דעם לאַכן ווער עס קען, לאָז ער זאָגן אויב עס לייגט זיך אים דאָס מויל, אַז דאָס איז נאַרישע זאַכן — אַהער ליכט, אַהער אַ סך אַזעלכע ריינע, נשמות־ליכט!״.

און אָט דאָ אָ, ווען ר׳ מענדעלע איז געשטאַנען מיט זייןביידל אויפן מיטן וועג, וואָס האָט געפירט פון קאַבצאַנסק קיין גלופּסק, אַרומגערינגלט מיט די בעטלער, דלפנים, אביונים, מיט די שטאָט־אָרימעלייט און פעלד־אָרימעלייט, האָט זיך אים געוואָלט אַז מנשה מרגלית, דער ליבער און טייערער פריינט פון מענדעלע מוכר ספרים, וואָס איז ארויף דאָרטן אויבן אין די הויכע פענצטער און האַנדלט דאָרט מיט בריליאַנטן און דימענטן פון דער יידישער היסטאָריע און שטעלט אַרויס די שענסטע צירונג פון אונדזער פאָלק פאַרצייטנס, דאָס בעסטע דאָס טייערסטע אין זיין לעבן — זאָל איצטער אָנפאָרן אין זיין רייכן קאָטש, די פערד איינגעשפּאַנט נאָשפּיץ און אַ קוק טון אויף זיין ביידל און זען די ברענענדיקע געפילן, ריינע הערצלעכע ווערטער, הייסע טרערן, געבעט און ליבשאַפט צו תורה און חכמה; ליבשאַפט צו מענטשן צו אַ גאַנצער וועלט! און דאָס אַלצדינג ביי וועמען איז עס? ביי יידענעס, ביי פּראָסטע יידענעס וואָס אָנקוקן זיי פון דרויסן דאַכט זיך, זיי זענען גאָרנישט; וואָס אָנקוקנדיק זיי פון מאַרק דאַכט זיך, זיי זענען משונה פאַרגרעבט... הלוואי אַ סך אַזעלכע ווייבער מיט אַזעלכע געפילן און אַזעלכע ווערטער.

און ר׳ מענדעלע האָט אויסגעשריגן מיט ווייטיק:

— דאָס מעגן הערן יענע, יענע... און וויסן וואָס אַזוינס אַ יידיש האַרץ באַדייט, מעגן הערן הערן און — שטומען.

און ער האָט זיך דערמאָנט אויפן מאמר: הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה.

„יעזורעיסקאָיע טשודאָ" –
דער יידישער נס

ז' תמוז, תש"א — דעם 5טן יולי, 1941 האָבן די דייטשן — די אומה פון אַלדאָס בייז — אומגעבראַכט די זעכציק יידישע נפשות, וואָס האָבן געוווינט אין דעם קליינעם שטעטעלע זשירעווע.

פאַרטאָג האָבן די רוצחים פון דעם צורר היטלער ימח שמו וזכרו אַריינגעשפאַרט די מאַנסביל און די ווייבער און די קליינע קינדער אין גרויסע וועגענער און זיי אַוועקגעפירט אין דעם הויף באַשין. אַ פאָר וויאָרסט פון זשירעווע, און דאָרטן, אין וואַלד, האָבן זיי אויסגעהרגעט אַלע זשירעווער יידן.

איך ווייס נישט צי אין דעם הויף באַשין איז געבליבן אַ סימן פון די קדושים און צי עמעצער האָט אַוועקגעשטעלט אַ מצבה אויף זייער קבר; אוודאי האָבן די גויים פאַראַקערט זייערע פעלדער מיטן יידישן בלוט, אַט אַזוי ווי זיי האָבן זיך צעטיילט מיטן יידישן האָב־און־גוטס, און קיי־נער דערמאָנט נישט אַז אין זשירעווע — דאָס שטעטעלע וואָס איז גע־לעגן צווישן בוטען און סלאָנים — זענען אַמאָל געווען יידן.

די זשירעווער יידן ווילן אָבער נישט פאַרגעסן ווערן און זיי קומען אומעטום, ווו עס געפינט זיך אַ ייד פון זשירעווע; זיי באַווייזן זיך צו מיר אין די געשטאַלטן פון די יידן וואָס איך זע בייטאָג אויף די ניו־יאָרקער גאַסן, און זיי שאַריען פאַר מיינע אויגן מיט פחד אין דעם פאַר־טאָג פון הריגה, ווען איך ליג בייננאַכט אויף מיין געלעגער.

איך זע פאַר זיך קליינע יינגלעך, וואָס האָבן צוזאַמען מיט מיר גע־וואַלט איבעריאָגן די פאַטשטאָווע פערד אַראָפּ־באַרג; איך קוק זיך איין אויף יונגע מיידלעך מיט לאַנגע צעפּ, ווענען איך בין מקנא געווען די נייע געקעסטלטע קליידלעך, וואָס מען האָט אויפגענייט פאַר זיי אויף יום־טוב. נאָר צו מיר קערן זיך אָפּ אַלטע לייט: יידן — זקנים, יידענעס — זקנות און זיי דערמאָנען מיר:

— משה יודל, דו ביסט שוין אויך אַלט געוואָרן, ווען דו גאָלסט נישט דיין באָרד וואָלסטו איצטער אויסגעזען ווי דיין זיידע ע"ה.

איך וויל זיי דערמאָנען פון די אַמאָליקע צייטן, ווען מיין זיידע ע"ה

איז געזעסן אויפן גאַנעק פון קראָם און געדרויכערט די ליולקע, ווען אין זשירעווע האָבן זיך אָפּגעשטעלט די דיליזשאַנסן פון בוטען אַנצוקאָרמע־נען די פערד און לאָזן די פאַרשוינגען אויסגלייכן זייערע ביינער פון וועג; איך וויל פרעגן ביי זיי צי עס איז נאָך פאַראַן אַ מנין שבת, נאָר זיי, די יידן פון זשירעווע, ציען זיך אויס ווי די לאַנגע שאָטנס, וואָס שפּרייטן זיך ביינאַכט אונטער די אָנגעצונדענע פּאָנאַרן, אויף די ניו־יאָרקער גאַסן; זיי וואַרפן פון זיך אַראָפּ דעם טלית און תפילין אין אַ גרוב אַריין, און גאַקעטע, הוילע מאָנען זיי ביי מיר, וואָרענען מיך, און זאָל זיי נישט זיין שווער מיינע רייד, זיי זענען מיך מקנא, וואָס איך בין מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

די נאַכט לייגט זיך אָפּ שווער און פינצטער איבערן שטוב און די יידן פון זשירעווע באַווייזן זיך צו מיר אין הויז און שאַרן זיך אַוועק; זיי קומען צוגיין און גייען אַוועק, נאָר איין ייד — זיסל דער מלמד — ער טרעט נישט אָפּ פון מיר. ער שטייט לעבן מיין בעט מיט זיין שטעקן אין האַנט, מיט דער לאַנגער ליולקע אין מויל, און די גרויע שפּיציקע באָרד דערלאַנגט אים ביז זיין גאַרטל, אָט אַזוי ווי איך האָב אים אַמאָל געזען אין זשירעווע, אין מיינע יינגלשע יאָרן.

**
*

ווען איך בין געווען אַ קליין יינגל איז שוין זיסל דער מלמד געווען אַ ייד אַ זקן. ער האָט שוין נישט געהאַלטן קיין חדר ביי זיך אין שטוב און ער איז שוין אויך נישט געפאָרן קנעלן אויפן דאָרף, נאָר אין זשירעווע האָבן אַלע — קליין און גרויס — גערופן אים רבי, און זיסל דער מלמד האָט צו אַלעמען — צו יונג און אַלט — גערעדט רואיק און געלאַסן מיט אַ שמייכל, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט דערמאָנען זיינעם אַ תלמיד עפּעס, וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט ביי אים אין חדר.

מען האָט אין זשירעווע דערציילט, אַז אין די יונגע יאָרן איז זיסל דער מלמד געווען אַ גובריך, אַ ריזיקאַנט. ער האָט אָבער פאַרבאָרגן דעם כוח אין זיך, און זיין גבורה האָט ער אַרויסגעוויזן בלויז דעמאָלט, ווען אַ גוי האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט אַ יידן.

עס האָט געמעגט זיין אַ חגא־טאָג, ווען די גאַס איז געווען פול מיט די גויים וואָס זענען געקומען אין קלויסטער, אָדער אַ יאַריד־טאָג, ווען די

פויערים האָבן פאַרשיכורט זייער ביסל האָב און גוטס, וואָס זיי האָבן פאַרקויפט אויפן מאַרק, האָט זיסל דער מלמד נישט מורא געהאַט אָוועקשטעלן זיך אַנטקעגן אַ גאַנצן דאָרף, אויב עמיצער האָט אויפגעהויבן אַ האַנט אויף אַ יידן.

אויף אַ תלמיד האָט ער אָבער נישט אַרויפגעלייגט קיין פינגער און מען האָט אים נישט געקענט אַריינברענגען אין כעס. אַז אַ תלמיד האָט נישט געוווסט דעם שיעור, אָדער פאַרגעסן דעם טייטש פון אַ וואָרט, האָט דער רבי אַ שמייכל געטון: „און אַז דו ווערסט נישט קענען, וועט דיר שוין זיין בעסער, טאָ זאָג איבער נאָך אַמאָל, אָבער מיט קאָפּ, דערנאָך וועסטו אַליין איבערחזרן".

ווען איך האָב געקענט זיסל דעם מלמד האָט שוין די אַלטקייט אויסגעטריקנט דעם כוח פון זיינע הענט, זיינע תלמידים זענען שוין אַליין געווען טאַטעס פון תלמידים, נאָר מיר יינגלעך, האָבן האָלט געהאַט צו דערציילן די מעשות וועגן דעם רבינס גבורות און חכמות.

אַז מיר האָבן זיך באַהאַלטן שבת בייטאָג אין די „בערגלעך" הינטער די קוסטעס און געבענקט נאָכן כוח פון שמשון הגיבור, מיר זאָלן זיך קענען אָפּרעכענען מיט די שקצים, וואָס וואַרפן שטיינער אויף אונדז, האָבן מיר זיך אין דער סודותדיקער שטילקייט פון טאָל אָנגעגורט מיט דעם רביס גבורות; מיר האָבן אויפן ווייכן גראָז דערציילט מעשיות ווי אַזוי דער רבי האָט מיט אַן אָגלאָבליע אויסגעלייגט אַ גאַנצן יאַריד מיט גויים, ווי אַזוי ער איז אַמאָל אַנטלאָפן פון קרעטשמע מיט אַ פעסל בראָנפן און געטראָגן עס זיבן וויאָרסט אויף דער פלייצע, דער אַקציזניק זאָל נישט קענען מאַכן קיין אַקט ביי דעם קרעטשמער און מיר זענען אויך מקנא געווען זיינע זין, וואָס זענען אַזעלכע גיבורים ווי דער טאַטע איז אַמאָל געווען.

די זין זענען שוין אָבער דעמאָלט נישט געווען אין דער היים; זיי האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער וועלט — אין אַמעריקע, אין אַרגענטינע — און זיסל דער מלמד האָט אַליין געוווינט מיט זיין צווייט ווייב אין אַ קליין שטיבעלע אין עק שטעטל.

זיין צווייט ווייב האָט געהייסן שיינע; זי איז געווען אַ נידעריקע מיט אַן איינגעבויגענער פלייצע, אַ קיילעכדיק פּנים און מילדע בלויע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף אַלעמען מיט אַ דינעם ציטער פון געבעט. אַז זי

איז געגאַנגען מיט זיסלען איבערן גאַס, האָט זיך געדוכט אַז ער באַהאַלט זי אונטער זיין לאַנגער באָרד און זי פירט אים פאַר דער האַנט.

זיסל דער מלמד האָט נישט געהאַט קיין קינדער מיט זיין צווייט ווייב, זי האָט אים אָבער אַזוי אָפּגעהיט, גלייך ווי זי וואָלט געבוירן און אויסגעהאָדעוועט די זין און טעכטער, וואָס זענען צעשפּרייט איבער דער וועלט און האָט אויסגעקוקט צוזאַמען מיט אים אויף אַ בריוו פון זיי.

די חיונה האָט זיסל דער מלמד געצויגן פון דעם גאָרטן, וואָס שיינע האָט פאַרזייט לעבן שטוב, און פון די עטלעכע רובל, וואָס די קינדער האָבן אים צוגעשיקט אויף יום־טוב.

שיינע האָט איר מאַן גאָרנישט געלאָזט טון אין גאָרטן. זי האָט אַליין געזאָרגט, אַז אַ גוי זאָל אין וועסנע צעגראָבן די ערד און זי האָט אַליין פאַרזייט די זריעה, אַרומגעיעט די בייטן און דערנאָך פאַרקויפט די גרינס צו די פריצים. זי האָט אויך אַכטונג געגעבן, אַז אין שטוב זאָל גאָרנישט פעלן זיסלען. זי האָט אָפּגעהיט, אַז אַ ריינער האַנטוך זאָל שטענדיק הענ־גען לעבן עמער וואַסער, דאָס קענדל זאָל שטיין אויפן אָרט און אַ ווייַ־סער טישטעך זאָל זיין פאַרשפּרייט אויפן טיש, ווען ער זעצט זיך עסן.

זיסל דער מלמד האָט זיך אויף די עלטערע יאָרן נישט געמישט אין שטוב, געלאָזט דאָס ווייב זיך פאַרנעמען מיט אירע עסקים און האָט זיך אַליין געפירט נאָך זיין אייגענעם דרך, אין גאַנצן אַנדערש, ווי עס האָבן געלעבט די יידן אין זשירעוווע.

ווינטער איז ער געזעסן אין שטוב ביי דער הרובע און געלערנט, און זומער איז ער געווען אַ גאַנצן טאָג אין דרויסן און האָט אַרומגעשפּאַ־צירט מיט זיין שטעקן איבער דער גאַס.

אַז ער האָט אָפּגעדאַוונט אינדערפרי, האָט ער אַ קליינעם ביס גע־טון, גענומען דעם שטעקן אין האַנט, פאַררויכערט די ליולקע און איז אַרויס אין דרויסן. ער איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אויפן הויף לעבן שטוב, האָט לאַנגזאַם אַרויסגעלאָזן דעם רויך פון מויל, זיך איינגעקוקט אין דער ווייטקייט אַריין און האָט באַטראַכט די באַלעבאַטישקייט, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויף דער איינציקער גאַס פון זשירעוווע.

ער האָט באַקוקט פון וואַנען עס קומט אָן אַ פור, ווער עס שטייט לעבן אַ שטוב און ווער עס גייט אויפן וועג. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן לאַנגזאַם שפּאַצירן איבער דער גאַס, וואָס איז געווען האַלב אויסגעברוי־

קירט און האַלב אין זאַמד. די ליכטיקייט פון דער זון האָט געקוועלט אַ ווייכע, אַ דוּרכזיכטיקע פון די פונאַנדערגעלאָזענע צווייגן, זיך פאַרצויגן אויף די ווענט פון די הייזער און געציטערט אין די עפענונגען פון די שפּראָצונגען. אַ מילד ווינטל האָט זיך געגנבעט ביי זיסל דעם מלמד אונטער דער באָרד און ווייך געגלעט זיין לייב. ער איז געגאַנגען פּאַמע־לעך, אַ הויכער, אַן אויסגעצויגענער מיטן שטעקן אין האַנט, געראַכערט זיין ליולקע, ברייט און ווייט געקוקט אויף דער וועלט, און פון זיין בליק האָט אַרויסגעשיינט די לויטערקייט פון פרימאָרגן.

פון די אויפגעמאַכטע פענצטער אין די הייזער, פון די אָפענע טויערן אין די הייפן, האָבן יידן און, להבדיל, גויים געטראָגן דעם רבין אַנטקעגן דעם גוט־מאָרגן, געפרעגט צי שיינע יעט נאָך אַלץ די בייטן אין גאָרטן, געוואָלט וויסן וואָס שרייבן די קינדער פון די מרחקים און געוואָרט, אַז זיסל דער מלמד זאָל עפּעס דערציילן פון דער וועלט.

און זיסל דער מלמד האָט געהאַט פאַר יעדערן וואָס צו ענטפערן; ער האָט דורכגעמישט זיינע רייד מיט אַ ווערטל, מיט אַ משל און אַ שטיקל תורה. ער האָט געשמייכלט:

— קינדער, דאַנקען גאָט ווי אַלע קינדער...

— מיין שיינע, זאָל געזונט זיין, זי דעקט צו מיט אירע הענט די אוגערקעס, דער פרימאָראָזעק זאָל נישט אָפּבייסן זייערע נעזלעך; אָהאָ, זי וועט נישט אויסבייטן דעם גאָרטן אויף איר אַלטן מאַן. און ער האָט שטיל געפרעגט: — צו וואָס איז מען געגליכן אויף דער עלטער?

און אָט האָט ער אָפּגעשטעלט זיינעם אַן אַמאָליקן תלמיד: „פּיניע, וואָס לויפסטו, דיין חיימקע איז דאָך שוין געוואָרן בר־מצווה, און דו מיינסט, אַז דו ביסט נאָך אַלץ אַ יינגל; זאָג, דו קוקסט נאָך אַמאָל אַריין אין אַ ספר, ווייסט קענען אָפּלערנען אַ בלאַט גמרא?"

פּיניע איז פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן, ער דאַרף דינגען אַ פור צו פאָרן קיין סלאָנים נאָך סחורה, און ער ווייס נישט וואָס צו ענטפערן דעם רבין. ער גייט אָבער נישט אַוועק; ער שטייט אַ ווײַלע און שווייגט, דערנאָך רופט ער זיך אָן:

— אפשר וועט דער רבי מיך פאַרהערן?

זיסל דער מלמד ווישט אָפּ דעם שווייס פון שטערן, רוקט אַרויף הע־כער דאָס היטל אויפן קאָפּ:

— איצטער ווערסטו שוין דאַרפן מיך פאַרהערן — ווייזט ער מיטן פינגער — זע אָבער, אַז דיין רבי זאָל נישט פאַרשעמט ווערן, מאַך נישט צו האַרב; און ער שיקט אים אַוועק מיט אַ שמייכל: — גיי, גיי, דיינע עסקים וואַרטן אויף דיר...

אַזוי גייט אַרום אַ גאַנצן זומער זיסל דער מלמד איבער דער לאַנגער גאַס; ער פרייט זיך מיט אַלעמענס שמחות און אומערט צוזאַמען מיט אַלעמען, ווען עס טרעפט ח״ו אַן אומגליק. ער גיט אַן עצה אַ יידן אין מסחר, ער לערנט ווי אַזוי מען זאָל זיך אויסהיטן פון „נאַוואַסיעליעניע" און ווי אַזוי מען זאָל זיך אויסקויפן פון אַ גזירה, וואָס דער אוריאַדניק אָדער אַסעסאָר גיט אַרויס. און צום רבינס אַ וואָרט הערט מען זיך צו אין זשירעוווע: ביי דעם רבין וועט מען פרעגן אַ דעה וועגן אַ שידוך, און מיט אים וועט מען זיך מיישב זיין צי מען זאָל אַוועקשיקן אַ קינד קיין אַמעריקע.

זיסל דער מלמד דערמאָנט זיך אויף זיינע קינדער, וואָס זענען אָפּגעריסן געוואָרן פון אים, נאָר ער פאַרבייסט זיין צער און ענטפערט זיך אַליין און גיט צו פאַרשטיין דעם יידן:

— וואָס וועלן אונדזערע קינדער דאָ טון: דער גוי מיינט, אַז ער איז קליגער געוואָרן, און דער פריץ טראַכט אַז זיין האַנאָר איז גרעסער געוואָרן, קען מען צו ביידן נישט צוקומען און דער ייד בלייבט אַן חיונה, זאָלן זיי פאָרן. און ער ברענגט אַ משל, אַ מעשה:

— מיר יידן זענען געגליכן צו אַ קוואַל; עס ציט זיך אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן ביז עס טרינקט זיך אַן אַ טייך. פאָרט אין ערגעץ אַוועק אַ ייד, ציט זיך נאָך אים נאָך אַ ייד, און עס ווערט אַ קהילה קדושה מיט שולן, בתי מדרשים, רבנים. זאָלן אונדזערע קינדער פאָרן, מיר וועלן זיך נאָכציען נאָך זיי און מיר וועלן אויך קומען אַהין.

און זיסל דער מלמד היט אָפּ אַרויסצובאַגלייטן יעדן יידן, וואָס פאָרט אַוועק פון זשירעווע, קיין אַמעריקע, קיין אַפריקע, קיין אַרגענטינע, ווי ער וואָלט אַרויסגעשיקט זיינס אַן אייגן קינד אין דער וועלט אַריין. ער טרייסט דעם, וואָס פאָרט אַוועק: — אומעטום זענען, דאַנקען גאָט, פאַראַן יידן, און צווישן יידן ווערט מען נישט פאַרפאַלן... און ער בענטשט אים:

— זיי אַ ייד, פאַרגעס נישט אַז דו ביסט אַ ייד...

דערנאָך הייבט ער אָן אויסרעכענען זיינע קינדער, די נעמען פון די זין און טעכטער:

— אַז דו ווײסט זען... — נאָר עס שטעלן זיך טרערן ביי זיסל דעם מלמד אין די אויגן, קערט ער זיך אָפּ אָן אַ זייט; ער וויל נישט, מען זאָל דערציילן די קינדער ווי דער טאַטע האָט געוויינט.

דער וואָגן רירט זיך פון אָרט, דער סוויסטש פון דער בייטש זעצט זיך אָפּ אין דער לופטן ווי אַ טיפער שניט, די רעדער קייקלען זיך אַוועק און הילכן אָפּ מיט אַן איבערגעהאַקטן קלאַפּן ווי זיי וואָלטן עפּעס איי־בערגעבראָכן, און פון דער ווייטער ווייטקייט שפּאַרט זיך אַנטקעגן אַ פּוסטע ליידיקייט. זיפצט זיסל דער מלמד: — עס וועט שוין באַלד נישט זיין קיין מנין אויף שבת...

נאָר אַז אַ ייד פון זשירעווע זעט ווי דער רבי גייט, דאַנקען גאָט, אַרום איבער דער גאַס מיטן שטעקן אין האַנט און טראָגט, אַ הויכער, אַ גלייכער, די יאָרן פון זיין טיפן עלטער, דוכט זיך אים, אַז קיינער איז נישט געמינערט געוואָרן פון דעם מנין משפחות און מען הערט זיך צו צו זיינע רייד:

— מיט גאָטס הילף.

— אם ירצה השם.

— אַז דער אויבערשטער וועט העלפן.

— בעזרת השם.

ווי צו טרייסט־ווערטער, ווי צו ברכות, וואָס וועלן באַשיצן און אויס־היטן אַלעמען פון בייז און שלעכטס.

נאָר איין מאָל האָט זיך זיסל דער מלמד נישט באַוויזן אין גאַס. עס איז געווען אַ שיינער זומערדיקער טאָג, דער רבי איז אָבער נישט אַרויס אין דרויסן. ער האָט זיך ביינאַכט אַזוי שטאַרק פונאַנדערגעהוסט, אַז אינ־דערפרי איז אים שווער געווען אַראָפּגיין פון געלעגער. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט, גענומען דעם שטעקן אין האַנט און איז נאָכן דאַווענען אַרויס אין דרויסן.

אַז ער איז אָבער אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָט אים ווידער אָנ־געכאַפּט דער הוסט און ער האָט ווייטער נישט געקענט גיין. האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן און אַ קוק געטון אין דער ווייטקייט אַריין. דער פרימאָרגן איז געווען אַ לויטערער, אַ זומערדיקער, נאָר זיסל דער מלמד

האָט ווייטער פון זיינע טריט נישט געזען. די גאַס האָט אָנגעהויבן איינ־זינקען לעבן אים ווי אַן אָפּגרונט, און פון דער טיפעניש האָט זיך גע־שפּאַרט אַ פאַרנעפּלטע טונקלקייט. האָט ער אַ שמייכל געטון: „דעם סוף דערזעט מען אויך אין דער פינצטערניש"; און מיט דעם שמייכל אויף דער באָרד האָט ער געוואָלט אָנזאָגן שיינען אַז ער קערט זיך אום אין שטוב, נאָר אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעקרימט אַ טיפער קרעכץ, האָט ער זיך שטילערהייט אַריינגעגנבעט אין הויז, דאָס ווייב זאָל נישט זען זיין שלאָפקייט, און ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט.

שיינע איז געזעסן אין גאָרטן און האָט איבערגעזעצט די ציבעלע אויף די בייטן. זי האָט אָבער דערהערט, אַז אין הויז רודערט זיך עפּעס, האָט זי פאַרשטאַנען אַז זיסל האָט זיך אומגעקערט צוריק, און זי איז אַריין אין שטוב.

אַז זי האָט דערזען ווי ער ליגט איינגעהויקערט אין בעט, און די ליולקע וואַלגערט זיך אַ צענומענע אויף דער ערד, האָט זי פאַרשטאַנען אַז ער איז טאַקע קראַנק, און זי האָט אויסגעשריגן מיט שרעק: „און וואָס וועט איצטער זיין?!"

זיסל האָט זיך געשטאַרקט און האָט אַ שמייכל געטון:

— אַי, עס טויג נישט, מיין ווייב, דו ווילסט זיך צופיל דערוויסן ביי דעם רבונו של עולם; מיר איז דאַנקען גאָט גרינגער געוואָרן — און ער האָט אַראָפּגעלאָזן די האַנט נאָך דער ליולקע.

שיינע האָט אָבער געזען, אַז איר מאַן איז, פאַר קיין יידן גערעכט, אַ חולה; אמת, ער שטאַרקט זיך און גייט אַרויס אין גאַס, נאָר ער גייט נישט צו ווייטער ווי ביז דער פּאַטשעט. און אַז עס כאַפּט אים אָן ביי־נאַכט דער הוסט, לאָזט ער אים נישט אָפּ ביז עס ווערט נישט העלער טאָג. איז זי צוגעשטאַנען צו זיסלען, ער זאָל אַריינגיין צו דר. סיראָטסקי.

זיסל דער מלמד איז אָבער זיין גאַנץ לעבן נישט געווען ביי קיין רופא און האָט קיינמאָל נישט גענומען קיין רפואות, איז ווי אַזוי וועט ער איצטער, אויף די עלטערע יאָרן, אַוועקגיין צו אַ דאָקטאָר — יענער זאָל איבערציילן זיינע ביינער און אויסטאַפּן די אברים.

שיינע האָט אָבער נישט גערוט און די יידן פון זשירעווע האָבן אויך נישט געשוויגן. דאָס ווייב האָט געטענהט: „אַ וועלט איז דאָך נישט משו־גע; אַז אַ רופא וואָלט נישט געהאָלפן, וואָלט מען נישט געגאַנגען צו קיין דאָקטאָר"...

און די יידן פון זשירעווע האָבן גערעדט: „רבי, ער איז דאָך גאָר־נישט ווי קיין גוי, גייט נישט אין קלויסטער". און האָבן אויסגעלאָזן שטיל, ווי זיי וואָלטן אַנטפּלעקט אַ סוד: „איצטער קען מען אוודאי גלויבן אַז ער איז אַ ייד, אפשר קומט ער טאַקע אַרויס פון די קאַנטאָניסטן"...

***

דר. סיראָטסקי איז מיט יאָרן צוריק אָנגעקומען קיין זשירעווע פאַר אַ דאָקטאָר. ער האָט אָפּגעדונגען אַ גרויס הויז מיט אַ סך צימערן און חדרים און אין דער שטוב האָט ער אַליין געוווינט און דאָרטן האָט ער אויך אויפגענומען די חולאים.

דר. סיראָטסקי איז געווען אַ בחור, אָן אַ ווייב און אָן קינדער; און צו וואָס דאַרף האָבן איין מענטש אַליין אַזאַ גרויס הויז — אַ שטוב אַ פעלד — האָט מען אין זשירעווע נישט פאַרשטאַנען, אָט אַזוי ווי מען האָט נישט געוווּסט צי ער איז אַ ייד אָדער אַ גוי און נישט געקענט דער־גיין פון וואַנען ער איז געקומען.

אין קלויסטער איז ער נישט געגאַנגען, צו די פּריצים אויף די באַלן איז ער נישט געקומען און פון די יידן האָט ער זיך אויך דערווייטערט.

ביי אַ חולה — ביי אַ רייכן צי אַן אָרימאַן — האָט ער נישט גע־נומען מער ווי אַ פערטעלע, און מען האָט געזאָגט, אַז ער איז אַזאַ גרוי־סער דאָקטאָר, אַז ער דאַרף נישט אונטערזוכן דעם חולה, בלויז מיט זיין בליק דערקענט ער די חולאת.

זענען צו דר. סיראָטסקי געקומען חולאים — פויערים און פּריצים; גלחים און לערער; זיי האָבן געצאָלט אַ פערטעלע פאַרן וויזיט און צוגע־נומען מיט הכנעה די רעצעפּטן, וואָס האָבן נישט געקאָסט מער ווי אַ האַלבן רובל.

און טאָמער איז אַ פּריץ אָדער אַ לערער נישט אָנגעשטאַנען, וואָס דער דאָקטאָר רעכנט אים אַ פערטעלע, נישט מער ווי דער אָרימער פויער באַצאָלט, און ער האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ גרעסערע מטבע — איז דר. סיראָטסקי געוואָרן אין כעס, האָט צעריסן דעם רעצעפּט, געעפנט די טיר פון זיין קאַבינעט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר, קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, האָט בלויז געגלעט די האָר פון קאָפּ און גע־וואַרט ביז דער גרויסער שרה וועט אַרויסגיין פון צימער.

דר. סיראָטסקי איז געווען אַ הויכער מיט אַ לאַנג אויסגעצויגענעם פּנים, מיט טיפע שוואַרצע אויגן און דינע איינגעצויגענע ליפּן. ער האָט פאַרקאַמט די האָר מיט אַ שרונט און די האָר האָבן זיך אָפּגעלייגט אויפן קאָפּ ווייך און גלאַט ביז דער פּאַטיליצע. ער האָט געגאָלט די וואָנסעס צוזאַמען מיט דער באָרד און דאָס פּנים האָט שטענדיק געגלאַנצט ביי אים, גלייך ווי די פּאַרע פון אַ באָד וואָלט אים אויסגעגלעט.

האָט מען אין זשירעווע גערעדט אַז דר. סיראָטסקי גאָלט די וואָנסעס, ווייל אין ענגלאַנד טראָגט מען נישט קיין וואָנסעס און מען איז נאָך עפּעס דערגאַנגען; מען האָט דערציילט, אַז ער שטאַמט פון אַ גרויסן גראַף, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די רייכע הויפן, ווייל ער איז פון די, וואָס ווילן אויסגלייכן די וועלט, עס זאָלן נישט זיין קיין גבירים און קיין אָרימעלייט. ער איז געפאָרן קיין לאָנדאָן שטודירן אויף דאָקטאָר און נישט קיין פּעטערבורג, ווייל ער קען נישט שענקען דעם קייסער, פאַרוואָס מען האָט אויסגעהרגעט די פּוילישע קריגער פון מיאַטעזש, און די יידן האָבן זיך געשושקעט שטילערהייט, אַז ער איז געקומען קיין זשירעווע ווייל ער באַהאַלט זיך אויס פון די זשאַנדאַרן.

עס האָט זיך אָבער פאָרט נישט געלייגט אויפן שכל: אַ פּאָליאַק און גייט קיינמאָל נישט צום קסיאָנדז...

האָבן די יידן פון זשירעווע נישט אויפגעהערט פאָרשן די פאַרבאָרגענישן פון דעם דאָקטאָרס לעבן. אַז מען איז אַרויס שפּאַצירן אין גאַס האָט מען זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם דאָקטאָרס הויז און זיך איינגעקוקט אין זיינע פענצטערס. אַז מען האָט אים דערזען אין דרויסן, האָט מען אים געהיט ביז ער איז אַריין אין אַ הויז, אָדער האָט זיך אומגעקערט צו זיך אַהיים. דערנאָך האָט מען איבערגערעדט וואָס די אויגן האָבן געזען, וואָס די אויערן האָבן געהערט, גלייך ווי מען וואָלט דערציילט אַ וויכטיקע געשעעניש אָדער געבראַכט אַ גרויסע נייעס.

האָבן זיך די מיידלעך געשושקעט:

— אַז איך בין צוגעקומען צו דעם דאָקטאָרס הויז איז אינעווייניק געווען פינצטער אין אַלע חדרים, נאָר אין איין צימער האָט געברענט אַ קליין פייערל און ער איז געזעסן אין אַ ווינקל און האָט געדרויכערט אַ פּאַפּיראָס, מסתמא האָט ער געבענקט נאָך זיין געליבטער...

און די יידן, וואָס זענען געקומען צופאָרן ביינאַכט פון סלאָנים,

האָבן דערציילט אַז זיי האָבן אים געטראָפן אויפן מיטן וועג גיין אַליין מיטן שטעקעלע אין האַנט און אַז זיי האָבן אים געבעטן זיך זעצן אויפן וואָגן, האָט ער אַ שמייכל געטון, באַדאַנקט, און איז געגאַנגען ווייטער.

און די מעשה האָט זיך אויסגעלאָזן, אַט אַזוי ווי עס האָבן זיך געענדיקט אַלע געשיכטעס וועגן דר. סיראַטסקי:

— אפשר טאַקע אַ ייד?

און בעת מעשה האָט זיך געדוכט, אַז מען איז שוין דערגאַנגען דעם סוד: „אַ גוי וועט אַליין נישט זיצן אין שטוב, און אַז ער וועט וועלן אַרויסגיין שפּאַצירן וועט ער געפינען מיט וועמען צו גיין; ער דאַרף זיך אַליין נישט אַרומשלעפּן ביינאַכט איבער די וועגן“...

עס האָט זיך אָבער פּאָרט נישט געגלויבט: „אַ ייד זאָל זיך אַפילו יום כּיפּור נישט דערמאָנען, אַז עס איז פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט“... און מען האָט זיך ווייטער געשלאָגן מיט דער דעה צי ער איז אַ ייד אָדער אַ גוי, ביז איין מאָל איז דער ענין קלאָר געוואָרן.

דאָס איז געווען זומער, שבת פאַרנאַכט, נאָך שלוש סעודות. די יידישע מיידלעך זענען אַרויס שפּאַצירן אין גאַס און ווי אַלע מאָל זענען זיי דורכגעגאַנגען אַ פּאָר מאָל פאַרביי דר. סיראַטסקיס הויז.

אין דרויסן איז געווען שטיל און רואיק און ביי דעם דר. אין הויז איז אויך געווען שטיל און רואיק. נאָר פּלוצלינג האָבן זיי דערהערט ווי ביי אים אין שטוב זינגט אַ חזן. זענען זיי געבליבן שטיין לעבן זיינע אָפענע פענצטער, און האָבן מיט חידוש און שרעק איבערגעפרעגט איינע ביי די אַנדערע:

— דו הערסט? — און זיי האָבן די אייגענע אויערן נישט געגלויבט:

— אַ חזן!

— יאָ, אַ חזן!

— ער זינגט ווי אַ ייד ביים עמוד.

אין זשירעווע האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז עס זענען פאַראַן אויף דער וועלט גראַמאַפאָנען מיט פּלאַטן. האָט מען געפרעגט און איבערגעפרעגט די מיידלעך צי עס איז טאַקע אמת, צי זיי האָט זיך נישט געדוכט, צי זיי האָבן נישט אויסגעטראַכט. און מען איז געקומען צו דער מסקנא, אַז ער איז אַ ייד, נאָר אַ באַהאַלטענער ייד, וואָס שטאַמט מסתמא פון די קאַנטאָניסטן, דערפאַר האָט ער נישט חתונה געהאַט מיט

קיין גויע און איז געבליבן אַ בחור. און מען האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז איצטער אין די דריי וואָכן האָט ער זיך דערמאָנט אויפן חורבן, האָט זיך אין אים אויפגעוועקט דער יידישער טרויער און ער האָט אָנגעהויבן זינגען ווי אַ חזן.

און אַ קליגערער ייד האָט נאָך טיפער מסביר געווען דעם ענין:

— דאָס געזאַנג פון די לויים איז קיינמאָל נישט אַנטשוויגן געוואָרן, דעריבער קען זיך אַ ניגון פון עלטער־עלטער זיידן אָפּרופן אַפילו דעמאָלט, ווען מען פאַרגעסט שוין אַז מען איז אַליין אַ ייד...

זיסל דעם מלמד איז אָבער דער ענין געווען קשה; אים האָט זיך נישט געלייגט אויפן שכל, אַז אַ ייד זאָל זיך נישט לאָזן דערקענען צו יידן. ער האָט געטראַכט: „זאָל זיין פון די קאָנטאָניסטן, קען שוין נישט אַרויסרעדן קיין יידיש וואָרט, האָט שוין אַפילו פאַרגעסן דעם שמע ישׂראל, דער צלם אלוקים ווערט דאָך אָבער נישט אָפּגעמעקט, קען מען דאָס דערקענען פון אַ ווונק, פון אַ תנועה, און דאָ איז זיין פּנים שטענדיק קאַלט און פאַרשלאָסן ווי ער וואָלט זיך פאַרצויגן מיט אַ פראָסט".

„די מיידלעך האָבן אָבער פאָרט געהערט" — האָט זיסל דער מלמד גישט געקענט פאַרגעסן; האָט ער אַרויסגעלאָזן דעם רויך פון דער ליולקע, זיך איינגעקוקט אויף דער פאַרנעפּלדיקייט וואָס האָט זיך געצויגן פאַר זיינע אויגן און האָט געפרעגט ביי זיך אַליין: „אפשר?..."

און אַז שיינע איז צוגעשטאַנען צו אים ער זאָל אַריינגיין צום דאָקטאָר, האָט ער איר נאָכגעגעבן נישט אַזוי צוליב זיין געזונט, נייערט ער האָט געוואָלט אַריינגיין צו דעם דאָקטאָר אין שטוב, רעדן צו אים פּנים אל פּנים, אפשר וועט ער דערקענען ביי אים אַ סימן פון יידישקייט.

זיסל דעם מלמד האָט נישט געאַרט וואָס דער דאָקטאָר טאַפּט זיינע ביינער, קריכט מיט די הענט איבער זיין לייב און זוכט און פאָרשט, ווייל ער אַליין האָט אויך עפּעס געזוכט און געפאָרשט. ער האָט באַטראַכט זיין פּנים, האָט געקוקט אין די פאַרבאָרגענישן פון די חדרים, גלייך ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן מיטן דאָקטאָר ווער וועט פריער עפּעס אויסגעפינען.

נאָר אַז דער דאָקטאָר האָט פּלוצלינג אַ פרעג געטון:

— זיידענקע, ווי אַלט זענט איר?

איז זיסל דער מלמד אין כעס געוואָרן.

— ער וועט ציילן מיינע יאָרן! און האָט גאָרנישט געענטפערט דעם דאָקטאָר. ער האָט געכאַפּט דעם שטעקן און האָט אָנגעהויבן שרייען אויף שיינען:

— ווו איז מיין ליולקע?!

— זיידעניו — האָט דער דאָקטאָר אַ קוק געטון אויף דעם אַלטן יידן, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר אים — די ליולקע וועט איר דאַרפן אַוועקוואַרפן, און זיין קול איז פּלוצלינג געוואָרן שטרענגער: „איר מוזט אויפהערן רויכערן, דער רויך איז סם פאַר אייערע לונגען“.

„וואָס זאָגט ער?“ — האָט זיך זיסל דער מלמד נישט אָפּגעקערט צום דאָקטאָר, בלויז אַ קוק געטון אויפן ווייב: „ער וועט שוין באַלד הייסן מיר גאָט ווייס וואָס צו טון; איך וויל גאָר פאַר מיין מויל נישט אַרויסברענגען“. ער האָט אויסגעצויגן לענגער די באָרד, האָט איינגע־ביסן דעם ציבעק אין מויל, געכאַפּט דעם שטעקן אין האַנט און האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט אין דרויסן.

„נאָך גוט וואָס ער איז נישט אַרויסגעלאָפן קיין נאַקעטער אין גאַס“, האָט שיינע פאַרבאָרגן איר פאַרדראָס אויפן מאַן און האָט זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן פאַר דעם דאָקטאָר:

— ער וועט מיר קיינמאָל נישט זאָגן קיין שלעכט וואָרט, נאָר איצטער איז ער נעבעך קראַנק, ווערט ער אין כעס פאַר יעדער קליי־ניקייט.

— יאָ, זייער אַ קראַנקער מענטש — האָט דער דאָקטאָר שטיל גע־זאָגט.

— וואָס איז אים? האָט שיינע אויסגעזיפצט.

— וואָס איז אים? — האָט דער דאָקטאָר איבערגעחזרט שיינעס רייד, און נישט געוווסט צי ער זאָל איר זאָגן דעם אמת, אָדער באַהאַלטן די סכנה — האָט ער זיך אָנגערופן:

— ווי אַלט איז ער, אייער מאַן?

— ווי אַלט איז ער — האָט שיינע אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זי האָט זיך פּלוצלינג געכאַפּט, אַז זי ווייס נישט זיסלס יאָרן, האָט זי זיך פאַרשעמט און איבערגעחזרט נאָך אַמאָל:

— ווי אַלט איז ער, ווייס איך נישט, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, איך בין ביי אים דאָס צווייטע ווייב, און ווען איך בין אָנגעקומען צו

אים זענען די זין און טעכטער פון דעם ערשטן ווייב שוין געווען גרויסע דערוואַקסענע קינדער און איך בין ביי אים, דאַנקען גאָט, באַלד פערציק יאָר, האָט זי שטיל אויסגעלאָזן.

— אוודאי אַכציק יאָר — האָט דער דאָקטאָר אויסגערעכנט — און זי איז אַ סך יינגער פון אים, קען זיך אָננעמען פון אים, און ער האָט אָנגעהויבן צו געבן שיינען צו פאַרשטיין:

— זייער אַ קראַנקער מענטש. ביי אים זענען קראַנקע לונגען, דעריבער הוסט ער און אַמאָל מיט בלוט. איר פאַרשטייט — דערשלינגט ער די ווערטער — איין לונג איז אין גאַנצן נישטאָ, צעפוילט געוואָרן און די אַנדערע הענגט אויף אַ האָר, — ציט ער אויס די האַנט און ווייזט אַן אויפן שפיץ פינגער:

— אָט אַזוי־אָ... — און ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן: „איך וואָלט עס אייך נישט דערציילט, איך מוז דאָס אָבער אייך זאָגן, דאָס איז דער חוב פון אַ דאָקטאָר, כדי איר זאָלט פאַרהיטן אייער געזונט, פון אַזאַ קראַנקייט קען מען זיך אָננעמען; איר מוזט זיין זייער אָפּגעהיט".

שיינע האָט נישט באַנומען, וואָס דער דאָקטאָר האָט גערעדט צו איר וועגן איר אַליין, זי האָט אָבער קלאָר פאַרשטאַנען, אַז איר זיסל איז, פאַר קיין יידן געדאַכט, אַ גרויסער חולה, זייער אַ קראַנקער מענטש, און זי האָט אויסגעשריגן:

— דאָקטאָר, וואָס זאָל איך טון?

— וואָס קען זי טון? — האָט דער דאָקטאָר געטראַכט — אַז איר מאַן קען קריגן אַ בלוט־שטורץ איידער זי וועט קומען אַהיים און די מעדיצין האָט נאָך נישט געפונען קיין מיטל קעגן שווינדזוכט ווען ס'חולאַת איז שוין ווייט אַוועק, און זיינע וואָכן זענען געציילטע. וואָכן? — האָט ער זיך איינגעקוקט אויף די אינסטרומענטן, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש און האָט זיך אַליין געענטפערט, ווי ער וואָלט נאָך אַמאָל איבערגעטראַכט דעם פּאַציענטס קראַנקייט — טעג, און אַמאָל קענען דאָס זיין שעהען, מינוטן...

— וואָס זאָל איך טון? — האָט שיינע איבערגעחזרט און איז נישט אָפּגעטראָטן פון טיש און געמאָנט ביים דאָקטאָר: „איז גאָר קיין רפואה נישטאָ?"

— איר זענט דאך א קלוגע פרוי, מומענקע — האט דער דאקטאר אנגעהויבן אריינרעדן שיינען — פארשטייט איר דאך אז מיר אלע וועלן שטארבן... וויפל קען א מענטש לעבן? און אייער מאן איז א זקן, אן אלטער מאן, אוודאי איבער אכציק, און איר זענט א סך יינגער פון אים, דארפט איר אפהיטן אייער געזונט, איר זאלט זיך נישט אננעמען פון זיין קראנקייט; איר דארפט... — האט דער דאקטאר געוואלט געבן איר צו פארשטיין ווי אזוי זי זאל זיך אויפפירן.

— ער איז אבער מיין מאן — האט זיך שיינע פונאנדערגעוויינט און נישט געלאזן דעם דאקטאר ווייטער רעדן — בעסער זאל איך שטארבן, איידער ח״ו די שעה זאל נישט זיין, עס זאל עפעס געשען מיט אים; ער איז ביי מיר — האט זי אויסגעצויגן איר האנט — ווי מיינע פינגער, ביין, ווי איך אליין!... און — האט זי ווייטער נישט געקאנט רעדן און געקוקט אויף דער אייגענער האנט, און דער בליק איז פאר־שטיינערט געווארן אויף איר האנט ווי א פארגליווערטע טרער. האט זיך דער דאקטאר פארשעמט פאר זיינע פינגער, וואס האבן פריער אנ־געוויזן איר אויפן פיצעלע לונג, וואס איז איבערגעבליבן ביי איר מאן, און זייגע הענט האבן זיך אראפגערוקט פון טיש ווי פרעמדע, איבע־ריקע. ער האט פארגעסן, אז ער האט זיבן יאר געשטודירט מעדיצין, כדי ער זאל קענען איבערציילן די ביינער פון מענטשלעכן קערפער, און ער האט אנגעהויבן איינרעדן שיינען, ווי מען שטילט איין א קינד:

— ער דארף טרינקען א סך מילך, ווארעמע מילך, מיט האניק, מיט פוטער, טרינקען א סך אייער, סמיאטקע אייער, גיט אים אן איי, א גלאז מילך אינדערפרי איידער ער גייט אראפ פון געלעגער און אט האט איר דעם רעצעפט.

— וועט עס העלפן? — האט זיך שיינע אנגעכאפט אן דעם דאק־טארס רייד און נאך אמאל איבערגעחזרט די עצות וואס דער דאקטאר האט איר געגעבן און האט ווידער געפרעגט:

— וועט עס העלפן?

— יא, עס וועט העלפן... — האט דער דאקטאר צוגעזאגט שיינען און האט אליין נישט געקענט פארשטיין פארוואס ער גיט זיך אפ מיט דעם פאציענט מערער ווי מיט די איבעריקע חולאים.

— זאל עס זיין דערפאר וואס ער זעט יעדן טאג דעם אלטן יידן

אַרומגיין מיטן שטעקן איבער דער גאַס און טראַכט אַז אַזוי האָבן מסתמא אַמאָל אַרומגעשפּאַנט די נביאים פון דער ביבל איבער דער וועלט. און ער האָט אַ שמייכל געטון:

— מומענקע, גייט אַהיים, אייער מאַן דאַרף דאָך שוין באַלד אַרויסגיין שפּאַצירן איבער דער גאַס...

אַז שיינע איז געקומען אַהיים האָט זי פאַרטריבן פון זיך די שרעק פאַר דער סכנה, וואָס לויערט איבער איר שטוב, און זי האָט בלויז געטראַכט וועגן די גוטע טרייסט־רייד, וואָס דער דאָקטאָר האָט צו איר גערעדט.

זי האָט אָפּגעהיט דעם דאָקטאָרס עצות, און האָט דערלאַנגט זיס־לען אין צייט די מילך מיט די אייער און די רפואות. ער האָט זי געפאָלגט אין אַלץ וואָס זי האָט אים געזאָגט און איר האָט זיך געדוכט, אַז איצטער אויף די עלטערע יאָרן קען זי ביי אים אויספירן וואָס זי האָט אַמאָל אויפן זינען נישט געוואָלט אַרויפלאָזן — האָט זי זיך אָנגעהויבן בעטן ביי איר מאַן:

— הער אויף רויכערן, ער זאָגט אַז די ליולקע איז סם פאַר דיינע לונגען.

דאָס האָט שוין זיסל נישט געקענט אַריבערטראָגן און האָט אָנגעהויבן שרייען:

— ער זאָגט, ער הייסט! און פון כעס האָט ער אויפגעהערט טרינקען מילך און האָט נישט געוואָלט אויסזופן קיין איי.

איז שיינען באַפאַלן דער פּחד פון דר. סיראַטסקיס רייד און זי האָט נישט געקענט פאַרבאַרגן די שרעק פון מאַן, האָט זי זיך אָנגערופן:

— דו ווייסט וואָס ער האָט געזאָגט, איך וויל גאָר פאַר מיין מויל נישט אַרויסברענגען, ער האָט אויסגערעכנט און זי האָט זיך פונאַנדערגעוויינט: — אויף וועמען וועסטו מיך איבערלאָזן!

— ער האָט אויסגערעכנט! — האָט זיסל אַרומגעדרייט די באָרד אַרום זיינע פינגער און געביסן די האָר — אַ נייער שותף צו דעם רבונו של עולם; ער וויל מיר אויסטיילן די יאָרן וואָס דער אויבערשטער האָט אָנגעחתמעט פאַר מיר!

און אין זיין צאָרן האָט זיסל נישט געזען, ווי זיין ווייב שטייט לעבן אים מיט דער גלאָז מילך אין האַנט און וויינט, נאָר ער האָט געטראַכט

וועגן דעם דאָקטאָר, וואָס האָט אַראָפּגענומען פון זיין פּנים דעם חתימת זקן, עס זאָל נישט בלייבן קיין סימן פון זיין יידישקייט, פאַרקאָמט די האָר מיט אַ שׂרונט ווי אַ גלח, און מיינט אַז מיט זיין חכמה האָט ער אַנטפּלעקט די סודות פון דער וועלט און קען אַרויסגעבן דעם פּסק ווען עס וועט קומען דער סוף פון אַ מענטשן.

ער האָט געכאַפּט דעם שטעקן אין האַנט און האָט אַרויסגעשפּאַנט אין גאַס. ער איז אַוועקגעגאַנגען צו דעם דאָקטאָרס הויז, זיך אַוועקגע־שטעלט לעבן שטוב, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן און פאַררויכערט די ליולקע. ער האָט לאַנגזאַם און פאַמעלעך אַרויסגעלאָזן דעם רויך און האָט זיך איינגעקוקט ווי דער ווינט שלענגלט אים אַריין אין דעם דאָק־טאָרס אָפענעם פענצטער.

און אַז ער האָט אויסגערויכערט די ליולקע און האָט קיין איין מאָל קיין הוסט נישט געטון, האָט ער זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער הויך. איז אַוועק אַהיים אַ רואיקער און געטראַכט, אַז איצטער מעג ער אויך נאָכגעבן דעם ווייב און אויסטרינקען אַ גלאָז מילך.

שיינע האָט אים צוגעטראָגן די גלאָז מילך און איבערגעחזרט:

— שוין קאַלט געוואָרן — און האָט ציטערדיק אויסגערעדט: — ער האָט געזאָגט... — האָט זיסל אָנגעהויבן שמייכלען:

— זעסט דאָך ס׳אַראַ גרויסער דאָקטאָר ער איז; ווי איך גיי נאָר צו צו זיין הויז הער איך אויף הוסטן...

און יעדן טאָג, אַז זיסל דער מלמד איז אַרויס אין דרויסן נאָכן דאַווענען, האָט ער זיך פריער אָפּגעשטעלט לעבן דר. סיראָטסקיס הויז, אויסגערויכערט די ליולקע און האָט געזוכט דעם דאָקטאָר ער זאָל אים קענען זאָגן גוט־מאָרגן. דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען איבער דער לאַנ־גער גאַס פון זשירעוווע, אָט אַזוי ווי ער איז איינגעוווינט געווען צו טון יעדן טאָג זומער.

דר. סיראָטסקי האָט זיך אָבער נישט באַוויזן אין פענצטער, ווען זיסל דער מלמד איז צוגעקומען צו זיין הויז, גלייך ווי מען וויל אויסמיידן עמעצן, וואָס קומט זיך רייצן מיט עפּעס אָדער אָפּלאַכן פאַר עפּעס. און ער האָט געטראַכט, אַז אים וואָלט געווען אַ סך באַקוועמער, ווען דער אַלטער שווינדזיכטיקער ייד זאָל זיך נישט אַרומדרייען לעבן זיין הויז מיט דער ליולקע אין מויל.

אַז עס איז אָבער געקומען דער אָסיען און זיסל דער מלמד האָט זיך אָוועקגעזעצט לערנען אין שטוב לעבן דער הרובע און האָט זיך נישט באַוויזן אין דרויסן און איז נישט געקומען צו דעם דאָקטאָרס שטוב, האָט דר. סיראַטסקי אָנגעהויבן אויסקוקן דורכן פענצטער אויף דעם אַלטן יידן מיטן הויכן שטעקן.

אים איז געווען גרינגער וואָס זיסל דער מלמד שטעלט זיך נישט אַוועק אינדערפרי לעבן זיין שטוב, און אים האָט זיך געדוכט, אַז דעריבער קען ער רואיקער און זיכערער באַטראַכטן די פּאַציענטן. דער ייד מיט דער לאַנגער באָרד האָט אים אָבער געפעלט און ער איז אים פון זינען נישט אַרויס.

אַז דר. סיראַטסקי איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי, איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַ קוק געטון צי מען זעט נישט דעם הויכן שטעקן מיט דער לאַנגער ליולקע אין מויל, און האָט אַ זיפץ געטון: „קען שוין נעבעך נישט אַרומגיין"...

דר. סיראַטסקי האָט געוווסט, אַז די נאַסע ווערטערן פאַרענדיקן שנעל דעם סוף פון אַזעלכע חולאים און אים האָט זיך געוואָלט פאַרלייכטערן זיסל דעם מלמדס שמערצן אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן. מען האָט אים אָבער נישט גערופן צו דעם חולה און קיינער אין זשירעווע האָט נישט דערמאָנט וועגן זיין געזונט. האָט ער געטראַכט, אַז יידן האָבן מורא צו רעדן וועגן טויט פון קראַנקן, אַפילו דעמאָלט, ווען דער חולה גוססט שוין. און ער האָט זיך אַליין געענטפערט מיט אַ ביטערן שמייכל: „ער וועט זיך שוין דערוויסן, ווען עס וועט זיין אַ יידישע לוויה אין זשירעווע".

**
*

עס האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער ווינטער מיט די פרעסט און דר. סיראַטסקי איז ווי אַלע יאָר אַוועקגעפאָרן אויף די ווינטער־חדשים פון דער היים.

אין זשירעווע האָט מען דערציילט פאַרשידענע מעשיות וועגן זיין אַוועקפאָרן: די עלטערע מענטשן האָבן געזאָגט, אַז דר. סיראַטסקי פאָרט אַוועק ווינטער, ווייל ער האַלט נישט פון „פאָסט" און וועט נישט גיין אין קלויסטער צו „קרעסטשעניע", וויל ער נישט, אַז מען זאָל דערקענען

אַז ער איז אַ ייד; די מיידלעך האָבן זיך געסודעט, אַז ער פֿאָרט אַוועק צו זיין געליבטער, וואָס ליגט אין אויסלאַנד אין אַ סאַנאַטאָריע. אין דער אמתן האָט מען מסתמא נישט געוווסט פֿאַרוואָס דער דאָקטאָר פֿאָרט אַוועק יעדעס יאָר, ווען עס שטעלן זיך אַוועק די פֿרעסט און קומט ערשט צוריק נאָך פּסח אין פֿרילינג.

אַז דר. סיראַטסקי איז געקומען אַהיים פֿון זיין רייזע און געעפֿנט ברייט די פֿענצטער פֿון זיין שטוב, האָט ער דערזען ווי אין דרויסן שטייט זיסל דער מלמד אָנגעשפּאַרט אויפֿן שטעקן און רויכערט די ליולקע.

— ער לעבט נאָך? — האָט ער זיך פֿאַרחידושט — האָט איבער־געלעבט דעם ווינטער? און ער האָט נאָך אַמאָל אַ קוק געטון אויף דעם יידן. ער האָט זיך פֿאַרלוירן, גלייך ווי עמעצער וואָלט פּלוצלינג צוגענו־מען פֿון אים דעם אָנלען אויף וואָס ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט זיין גאַנץ לעבן, און אים באַוויזן, אַז פֿון זיין גאַנצער בילדונג איז געבליבן איין גרויסער טעות. ער האָט נישט געקענט פֿאַרשטיין ווי אַזוי קען אַ מענטש איבערלעבן אַ ווינטער אָן לונגען, אַרומגיין אויף די פֿיס און רויכערן די ליולקע.

אים האָט זיך געוואָלט נאָך אַמאָל באַקוקן דעם חולה, אפֿשר וועט ער דערגיין דעם סוד, נאָר ער האָט זיך געשעמט עפּעס זאָגן דעם אַלטן יידן, האָט ער זיך אָנגעהויבן אָפּרוקן פֿון פֿענצטער.

זיסל דער מלמד האָט דערזען ווי דער דאָקטאָר שטייט אין פֿענצ־טער. אים האָט זיך געדוכט, אַז פֿון זיין פּנים האָט זיך אָפּגעטון דער אַמאָ־ליקער אויסגעפּוצטער גלאַנץ, און דאָס געזיכט קנייטשט זיך איצטער אַ טרויעריקס, אַן אומעטיקס. האָט אים אַרומגענומען אַ רחמנות אויף דעם מענטשן, וואָס וואַלגערט זיך אַרום איינער אַליין אין די ליידיקע חדרים פֿון אַזאַ גרויסער שטוב און ער האָט אים געוואָלט זאָגן אַ גוט וואָרט.

האָט ער אַ שמייכל געטון: — „גוט מאָרגן דאָקטאָר, שוין געקומען פֿון די ווייטע מקומות? אַבי איך האָב מורא געהאַט, אַז עס וועט נישט זיין ווער עס זאָל אָפּשליסן דעם שלאָס, וואָס איז געהאָנגען אַ גאַנצן ווינטער אויף דער טיר פֿון דער ליידיקער שטוב".

זיסל דעם מלמד האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט שאַרף אַריינגעזאָגט דעם דאָקטאָר — האָט ער עס געוואָלט פֿאַרריכטן און האָט זיך אָנגע־רופֿן:

— טאַ דערציילט, דאָקטאָר, וואָס הערט זיך אויף דער גרויסער וועלט?

— אויף דער גרויסער וועלט איז אַזוי ווי אין אונדזער קליינער וועלט, — האָט דר. סיראָטסקי שנעל געענטפערט און געטראַכט אפשר האָט ער אַ טעות געמאַכט און געזוכט פאַרפירן אַ שמועס וועגן זיין געזונט מיט דעם יידן — וואָס שטייט פאַר אים ווי אַ גרויסער ווונדער פון דער מעדיצין.

— יאָ, יאָ, אונדזער תורה זאָגט טאַקע, אַז יעדער מענטש איז אַ קליין וועלטעלע — האָט זיסל דער מלמד געפרווווט אַריינמישן אין שמועס עפּעס פון יידישקייט, אפשר וועט זיך דער דאָקטאָר דערמאָנען אַז ער איז אויך אַ ייד.

— טאַ זאָגט מיר זיידע, וואָס הערט זיך אין דעם קליינעם וועלטעלע, וואָס הייסט מענטש; וואָס מאַכט דער מענטש? ווי איז אייער געזונט?

„עולם קטן״ האָט אַ שניט געטון דאָס וואָרט אין זיסל דעם מלמדס רעיון — „ער רעדט ווי אַ ייד״ און ער האָט געוואָלט מיט זיינע רייד אומקערן דעם דאָקטאָר נענטער צו דעם יידישן גאָט:

— דאָס געזונט איז נישט מיינס און איך האָב בטחון אין דעם, וואָס האָט מיר געשענקט היינטיקס יאָר דאָס לעבן און מיר געגעבן געזונט. אַז ער וועט זיך דערבאַרעמען אויף מיר און וועט מיר שענקען נאָך אַ יאָר לעבן...

— ווי איז אָבער אייער הוסט? — איז דער דאָקטאָר געווען צופרידן וואָס ער קען זיך פונאַנדערפרעגן ביי אים וועגן זיין געזונט.

— מיין הוסט? איר ווילט דאָקטאָר אַז איך זאָל אויפהערן הוסטן און אויף די עלטערע יאָרן זיך אָפּגעווויינען טון דאָס וואָס איך האָב אַלעמאָל געטון, וועל איך זיך ח״ו נאָך אָפּגעווויינען פון די מצוות, וואָס איך האָב פריער מקיים געווען; איך הוסט?... אוודאי הוסט איך.

— עס באַווייזט זיך אויך בלוט?

— שפּיי איך אויס דאָס בלוט צוזאַמען מיטן הוסט און איך האָף אַז די יאָרן — ווייזט ער אָן מיטן שטעקן אויפן הימל — וואָס זענען דאָרטן אָנגעחתמעט געוואָרן וועט קיין בן־אָדם, ווי קלוג ער זאָל נישט זיין, נישט קענען אויסמעקן...

— אָבער צוזאַמען מיט דער האָפענונג — ציט אויס דער דאָקטאָר

די רייד און ווייס נישט ווי אַזוי ער זאָל אים פאַרבעטן צו זיך אין קאַבינעט, כדי ער זאָל אים קענען אונטערזוכן — אמת, איר הוסט אַז איר שטייט אויף אינדערפרי; יאָ, דעמאָלט: עס קען נאָך... ווייזט ער אָן מיט דער האַנט ביי זיך אויפן האַרצן — און מיט דער האָפענונג אַליין; אויף דער האָפענונג קען מען זיך נישט אַלע מאָל פאַרלאָזן, און...

— איר ווייסט דאָקטאָר פאַרוואָס מיר יידן דאַווענען יעדן טאָג? האָט זיסל דער מלמד איבערגעשלאָגן זיינע רייד.

— פאַרוואָס? האָט דער דאָקטאָר שטיל איבערגעחזרט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיסל דער מלמד האָט געזען ווי דער דאָקטאָר קוקט אויף אים ווייך און גוט, גלייך ווי ער וואָלט געוואַרט מען זאָל אים עפּעס דערמאָנען, וואָס ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן — האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן און אָנגעהויבן רעדן העכער:

— מיר יידן דאַווענען יעדן טאָג אינדערפרי, ווייל דאָס איז אַ תפילה פון לויב צו גאָט און בטחון פאַר דעם מענטשן; און מיט דעם בטחון היילן מיר אַלע אונדזערע קראַנקייטן און אַז איך האָב בטחון האָב איך נישט מורא פאַר מיין הוסט אינדערפרי.

דר. סיראָטסקי האָט זיך נענטער צוגעקוקט צו דעם אַלטן יידן, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן, און דערזען, אַז ער האָט זיך אַ סך געעלטערט פון פאַראַיאָרן, די באַקן־ביינער פינקלען ביי אים מיט די לעצטע טראָפּנס בלוט און ער האָט קיין טעות נישט געמאַכט; פון דער צווייטער לונג איז שוין מסתמא ביי אים אויך גאָרנישט געבליבן — האָט ער שוין נישט געוואָלט אונטערזוכן דעם חולה, נאָר ער האָט פּלוצלינג אויסגערופן:

— יעווריסקאַיע טשודאָ!

— יאָ, דער יידישער נס — האָט זיסל דער מלמד איבערגעחזרט — מיר זעען יעדן טאָג ווי דער אויבערשטער טוט מיט אונדז ניסים. — און ער האָט אים געוואָלט דערמאָנען אַז עס איז אַ נס וואָס דאָס הייפעלע יידן פון זשירעווע ווערט נישט פאַרצוקט פון די גויים וואָס רינגלען זיי אַרום מיט דער שנאה פון קלויסטער. ער האָט עס אָבער מורא געהאַט צו זאָגן. „אפשר איז ער טאַקע נישט קיין ייד?" האָט ער אַ טראַכט געטון און ער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין אויף אַן אַנדער אופן דעם יידישן נס:

— מיר יידן גייען אַרום איבער דער וועלט ווי אַ שעפּסעלע צווישן וועלף, און איר ווייסט פאַרוואָס מיר האָבן כוח צו וואַנדערן צוויי טויזנט יאָר אין גלות, ווייל מיר האָבן נישט פאַרלוירן דעם בטחון אין גאָט, אַז ער וועט אונדז ברענגען צוריק אין אונדזער לאַנד, וואָס ער האָט צוגע־זאָגט אונדזערע אבות.

— איר מיינט אייער גלויבן אין משיחן? — האָט דער דאָקטאָר גע־האָלפן דעם יידן אַרויסברענגען דעם געדאַנק.

— יאָ, מיר יידן גלויבן אין משיחן, — איז זיסל דער מלמד גע־וואָרן זיכערער אַז ער רעדט צו אַ יידן.

— איך זאָג אַלע טאָג אין דאַווענען, אַז אויב ער וועט זיך פאַרזאַ־מען, האָף איך יעדן טאָג אַז ער וועט קומען; — און ער האָט פּלוצלינג געפרעגט — דאָקטאָר, האָט איר אַמאָל געדאַוונט? — ער האָט זיך אָבער דערשראָקן פאַר זיין אייגענעם קול, האָט ער איבערגעפרעגט שטיל: — האָט איר תפילה געטון צו אייער גאָט?

ביי דעם דאָקטאָר האָט זיך פאַרצויגן דאָס פּנים מיט אַ פרעמדקייט. גלייך ווי עס וואָלט זיך אָנגעטון מיט אַן אַנדער הויט און זיסל דעם מלמד האָט פאַרדראָסן פאַר די רייד וואָס ער האָט גערעדט צו דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס איז פּלוצלינג אויסגעוואָקסן לעבן אים אַ פרעמדער, אַ ווייַ־טער. ער האָט אָבער נישט געוואָלט אַרויסווייזן זיין אומרו, האָט ער זיך אָנגעשטרענגט און געזאָגט רואיק:

— איך דאַרף שוין גיין אַהיים, דאָס ווייב וואַרט מיט דער מילך...

ער האָט אַ קוק געטון אויפן דאָקטאָר און אַ שמייכל געטון:

— דער דאָקטאָר האָט דאָך געהייסן טרינקען מילך.

— אייער בטחון איז אַ בעסערער געטראַנק... — האָט דער דאָק־טאָר געוואָלט באַווייזן, אַז ער האָט עפּעס נאָכגעגעבן דעם יידן און האָט זיך איינגעקוקט ווי ער דערווייטערט זיך פון אים אַ הויכער, אַ גלייכער מיטן שטעקן אין האַנט און הינטער אים שלענגלט זיך דער רויך פון זיין ליולקע.

דר. סיראָטסקין איז געווען שווער אַריינצוגיין אין זיין גרויס הויז מיט די ליידיקע צימערן, איז ער געשטאַנען לעבן דעם פּאַרקאַן פון זיין גאָרטן און האָט באַגלייט מיט אַ בליק פון קנאה דעם יידן מיטן שטעקן, וואָס האָט זיך דערווייטערט פון אים לעבן די קלויסטערס. ער האָט גע־

היט ווי זיין שאָטן וואַקסט אויף די ווייסע אָפּגעקאַלכטע ווענט פון די טורעמס העכער און לענגער, און אים האָט זיך געדוכט, אַז דער אויסגע־דאַרטער ייד מיט דער לאַנגער גרויער באָרד ציט זיך אויס מעכטיקער און שטאַרקער פון די גרויסע קלויסטערס, וואָס באַוואַכן ווי שווערע פעסטונגען די גלחים. האָט ער איבערגעחזרט:

— יעווריסקאַיע טשודאָ — אַ מענטש אָן לונגען און גייט אַרום איבער דער וועלט; אַ פאָלק אָן אַ לאַנד און ווערט נישט אָפּגעמעקט פון דעם פנים פון דער ערד — און ער האָט זיך געוואָלט פאַרענטפערן די גרויסע רעטעניש.

— מסתמא דערפאַר ווייל אין די קלויסטערס ליגט אַ טויטער דער משיח, וואָס איז שוין געקומען און ביי דעם קראַנקן יידן לעבט דער בטחון, אַז ער וועט נאָך קומען...

***

און אַז מען האָט אין זשירעווע איבערדערציילט די רייד וואָס זיסל דער מלמד האָט גערעדט מיט דר. סיראַטסקי, איז קלאָר געוואָרן אַז די מיידלעך האָבן נישט געמאַכט קיין טעות שבת פאַרנאַכט: דער דאָקטאָר האָט אַליין געזונגען ווי אַ חזן און מען האָט אָנגעהויבן רעדן צו ד״ר סי־ראַטסקי ווי צו אַ יידן און מען האָט נישט באַהאַלטן פון אים דעם יידישן קרעכץ, וואָס האָט אויסגעזיפּצט די יידישע נויט.

און דר. סיראַטסקי האָט האַלט געהאַט צו איבערחזרן מיט אַ שמייכל: „אָט זעט איר דאָך; זיסל דער מלמד; אמת, יעווריסקאַיע טשודאָ — אָט דאָס איז דער יידישער גאָט..."

***

און יאָר נאָך יאָר האָט מען זיך אין זשירעווע איינגעקוקט פון די שטיבער, פון די הייפן ווי דער „יידישער נס" זיסל דער מלמד גייט זומער אַרום איבערן גאַס מיטן שטעקן אין האַנט און דער ליולקע אין מויל. ער באַגעגנט אַלעמען מיט אַ גוט וואָרט און פאַרגעסט נישט אַרויסבאַגלייטן יעדערן, וואָס פאָרט אַוועק אין דער ווייטער וועלט מיט די טרייסט־רייד: „פאָר געזונטערהייט — אומעטום זענען — דאַנקען גאָט — פאַראַן יידן"...

און אַז ער האָט זיך אָנהויב זומער באַוויזן לעבן דר. סיראַטסקיס

שטוב, האָט דער דאָקטאָר באַגענט אים מיט פרייד, ווי אַן אַלטן פריינט און געשמייכלט.

— „יעוורעיסקאַיע טשודאָ", פאַרוואָס ביסטו אַזוי שפּעט אַרויס אין גאַס? דער בושל איז דאָך שוין לאַנג געקומען צופליען. דו זעסט ווי ער קלאַפּט שוין אויס זיין נעסט אויפן הויכן טאָפּאָל?

— דער בושל קלאַפּט אויס זיין נעסט אויפן טאָפּאָל און איך גרייט צו מיין נעסט ביי מיר אין שטוב הינטער דער הרובע, דערפאַר פאַרשפּעטיק איך — האָט זיסל דער מלמד אַ שמייכל געטון און טיף אַריינגעקוקט דורך די אָפענע פענצטער צו דעם דאָקטאָר אין הויז, ווי ער וואָלט אים אָנגעוויזן אויף עפּעס, וואָס ס'פעלט דאָרטן.

*

און אין יאָרן אַרום, אַז איך בין שוין געווען אין אַמעריקע, איז געקומען צופאָרן קיין ניו־יאָרק מיינער אַ לאַנדסמאַן. האָב איך ביי אים געפרעגט: „וואָס מאַכט זיסל דער מלמד?"

— זיסל דער מלמד — האָט ער מיר געענטפערט — מען האָט אים שוין אויפגעהערט רופן „רבי", נאָר מיטן דאָקטאָרס נאָמען: „דער יידישער נס", זייער אַלט געוואָרן, ער גייט שוין אַרום איינגעבויגן, ער האָט מיך אָבער אַרויסבאַגלייט ביזן דעמב און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט מיט טרערן אין די אויגן:

— זיי אַ ייד — אומעטום זענען דאַנקען גאָט פאַראַן יידן...

***

איך ווייס נישט צי זיסל דער מלמד — דער יידישער נס — האָט געלעבט ביז דער צייט, ווען מען האָט די יידן פון זשירעוווע אַריינגעשפּאַרט אין די גרויסע וועגענער און אַוועקגעפירט זיי אין וואַלד פון הויף באַשין; ער איז מסתמא פריער נפטר געוואָרן און איז געקומען צו קבר ישראל ווי אַלע גאָטספאַרכטיקע יידן. איך זע אים אָבער אַלע מאָל פאַר מיינע אויגן, און מיר דוכט זיך אַז אומעטום וווּ עס טרעט נאָר אַ יידישער פוס, שפּאַנט אַרום זיסל דער מלמד מיט זיין שטעקן אין האַנט און טרייסט אונדז אַלעמען:

„אומעטום זענען, דאַנקען גאָט, פאַראַן יידן"...

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג-לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (לידער) (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב־פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פאַליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע

32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט

33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות

34) **יחיאל לערער** — מיין היים (**פאָעמע**)

35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פרצן...

36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן

37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פאַוויאַק

38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פערזענלעכקייטן

39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (**לידער**)

40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן

41) **מנשה אונגער** — פשיסכע און קאָצק (**אויספאַרקויפט**)

42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פלוינע

43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (**אויספאַרקויפט**)

44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב

45) **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...

46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו

47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (**לידער**)

48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (**ראָמאַן**) (**אויספאַרקויפט**)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגעניש ן (**זכרונות**)

51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (**טאָג־בוך**)

52) **י. י. טרונק** — די יידישע פראָזע אין פוילן

53) **יאַנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן

54) **יצחק פערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (**ראָמאַן**)

55) **פנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן

56) **שלום אַש** — פעטערבורג (**ראָמאַן**)

57) **שלום אַש** — וואַרשע (**ראָמאַן**)

58) **שלום אַש** — מאָסקווע (**ראָמאַן**)

59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים

60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13

61) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (**ראָמאַן**) **ערשטער באַנד**

62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (**ראָמאַן**) **צווייטער באַנד**

63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך

64—65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע"
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)

66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן

67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער

68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (**זכרונות**)

69) **אליהו טראָצקי** — גלות דייטשלאַנד

70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (**אויספאַרקויפט**)

71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן...
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע **(אויספאַרקויפט)**
73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן און ליטעראַטור־־פרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכר־בוך** — בעלכאַטאָוו **(אויספאַרקויפט)**
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

מנשה אונגער — חסידות אין פוילן און גאַליציע
יצחק פערלאָוו — דער צוריקגעקומענער **(ראָמאַן)**
מרדכי שטריגלער — גורלות

עס גרייט זיך צום דרוק:

מיכאל מ. באָרוויטש — אַרישע פאַפּירן
ב. מיכאַלעוויטש — זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט
ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע דערציילונגען
ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים
רחל אויערבאַך — פון רינגעלבלומס אַרכיוו
יוסף רייך — זכרונות פון אַ פּאַרטיזאַן
ד״ר יעקב וויגאָדסקי — זכרונות פון אָקופּאַציע־יאָרן
ד״ר גרשון לעווין — דאָס בוך פון מיין לעבן
ז. סעגאַלאָוויטש — פופציק בריוו
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — אַמאָל איז געווען
הערשעלע — שבת אויפן טראַקט
אברהם לעוו — אַ ליד נאָך אייך
גרשם באַדער — קראָקע
משה זאַנשיין — „יידיש וואַרשע״
ד״ר א. מוקדוני — וואַרשע—לאָדזש **(זכרונות)**
י. הירשהויט — נאַפט־מאַגנאַטן

Este libro se terminó de imprimir el día 4 del mes de diciembre del año 1951, en los Tall. Gráficos Julio Kaufman, Corrientes 1976, Buenos Aires, Rep. Argentina.

7074

ביבליאטעק אשכנזישע קהילה „נדחי-ישראל" מאנטעווידעא
ספרית הקהילה האשכנזית במונטבידאו